STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10448

# GEVEN IZ ES NEKHTN

B. Shlevin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. שלעווין / געוועז איז עס נעכטן

ב. שלעווין

# געווען איז עס נעכטן

ראמאַן

און „ייד. פאָלקס-ביבליאָטעק" ביים פאַריין פון פוילישע יידן

פּאַריז 1951

B. SCHLEVIN : C'est arrivé hier (roman)

מיין אויסגעקוילעטער משפּחה,
מיינע לערערינס: רבקה נאַראָ־
דאָווסקי און פייגל פּ אַ ו י ן,
מיין חבר מאָטל פינקלשטיין —
קדושים פון געטאָ בריסק־דליטא
— דאָס בוך געהייליקט.

## קאַפּיטל איינס

# אין אַ גרינער אויסגעשטערנטער נאַכט

געווען איז עס נאָך דעמאָלט, ווען אינדערמיט פון די ווייס־רוסישע וועלדער, ביז אַרויף צו דער דווינע, איז געלאָפן דער פּויליש־סאָוויעטישער גרענעץ־פּאַס, ווי אַ שוואַרץ קריידל אויף ווייסן געוואַנט, און אָוועקגעשטעלט זיך צווישן די געדיכט־צע־זייעטע יידישע שטעטלעך אויף דער שטרעקע ווילנע־מינסק. צווישן טראַקטן און אומעטיקע בעריאָזעס האָט געסקריפּעט דאָס פויערישע וועגעלע צום זאַמדיקן שטיקל ערד, וווּ דאָס אָרעמע ברויט איז אויפגעגאַנגען שפּעט אין זומער אַריין. די מאַיאָנטקעס פון פּריצים און פּוילישע „אָסאַדניקעס" האָבן געבליט דורך האַלב־אומזיסטער פויערישער פּראַצע. פאַרשטומט זענען געווען די פריילעכע און פאַרבענקטע ווייסרוסישע לידער פון אַמאָל. נישט קיין האַרמאָניקע און נישט קיין ציטער פון אַ מאַנ־דאָלינע אין זומערדיקן אָוונט־בלוי, הינטער אויפגעשפּאַרטע פענצטערלעך, צעזעצט אויף די נידעריקע בענק, צווישן בליענ־דיקן יאַשמין, אין די שטומע, אויסגעלאָשענע דערפער. פאַר־שטאַרקטע מיליטערישע גאַרניזאָנען און פּאָליציי־פּאָסטערונקעס — צעשטעלט אויף אַלע קרייץ־וועגן.

ווינטער, אין די גרינע, אויסגעשטערנטע נעכט, ווען וועלף קומען אַרויס און פאַרטייען זיך שטיל צו אַ ישוב, האָבן צווישן אוראַלטע וועלדער און אויף די שאָסייען געראַשט אין רייסיקן ווינט די טעלעגראַפישע סלופּעס. אין גרויע יידישע שטעטלעך און אין די פאַרזונקענע דערפער האָט מען זיך שוין דעמאָלט גע־

ריכט אויף נאַכט־אַבלאַוועס — שיין־וואַרפערס אונטער די נידע־ריקע באַלקנס, אַרונטערגעלאָזענע פּאַסקעס אונטער פּיר־קאַנ־טיקע געמבעס און פּאָליציייאישע קנעפּ. אין פרימאָרגן־גרוי האָט מען די צעכראַסטעטע, שטאַרק־באַוואַכטע ייִנגעלייט, געשלאָסן אין קייטעלעך, אָפּגעפירט אין פורלעך צו די שטאָטישע תּפיסות.

אין אַזאַ ווינטערדיקן אָוונט האָט זיך אַ פויעריש שליטל אַרויס־געפּלאָנטערט פון די פאַרשנייטע וועלדער, ערגעץ אַרום ראַדאָש־קאָוויטש און סמאַרגאָן, און איז פאַר האַלבער נאַכט, מיט הינטער־וועגן, פאַרפאָרן ביז צו דער הילצערנער פאָרשטאָט סובאָטש, אין ווילנע. דער שניי האָט פאַר האַלבער נאַכט אויפגעהערט צו שיטן, נאָר דער ווינט האָט אומברחמנותדיק געריסן צווישן די דאָרע טאָפּאָליעס ביים וועג. ס'איז געווען אַ קליין שליטל מיט אַ שטור־מער, פויערישער פליייצע אין אַ שאָפן־פעלץ, אומגעדרייט צום איינציקן פּאַסאַזשיר, וואָס איז געווען האַלב־פאַרשטעקט אינעם שטרוי. הינטער די איינגעזונקענע ווענט פון מאָנאַסטיר איז דער פאַרשווין אַרונטערגעשפּרונגען, צעטרייסלט אַביסל די פאַרשלאָ־פענע גלידער, אָפּגעשטעקט אַ פעסטע האַנט דאָס פאַרשלאָפענע פויערל און האָט זיך פאַרזיכטיק געלאָזן גיין אין דער אויסגע־טרעטענער סטעזשקע מיטן געסל, באַרג־אַראָפּ. דאָ באַלד, הינטערן פאַרווייעטן פלויט, האָט ער גלייך דערקענט די ביידע פינף־שטאָקיקע, אויסגעלאָשענע קאַזאַרמע־געביידעס, וואָס געהערן צו דער יידישער קהילה, און ער האָט זיך אונטערגעאיילט צו פאַר־מאַכן הינטער זיך דאָס טירל אָן איבעריקן גערויש. די געביידעס זענען געשטאַנען שטומע און אויסגעלאָשענע; נאָר איין האַלב־פאַרהאָנגען פענצטער, אויפן פערטן שטאָק, האָט קוים דורכגעזופּט אַביסל ליכט. אַהין האָט ער זיך געאיילט. ער האָט פאַרקירצט דעם וועג צו דער פינצטערער פאָדער־הויז און גענומען אויפהויבן זיך מיט דער טרעפּ. ער האָט געציילט די שטאָקן, נישט טועה צו זיין זיך, און פעסט אָנגעהאַלטן זיך ביי דער אויסגעבראָכענער פאַרענטשע.

די בלאָנדזשענדיקע טריט אין לאַנגן, פינצטערן קאָרידאָר האָט מען, זעט אויס, באַלד דערהערט; אַ שליסל האָט דאָ ערגעץ אַ גרילץ געגעבן און אַ פּאַס ליכטיקייט איז אַ פאַל־געטאָן אינדער־

קרום. דער פרעמדער, אין פויערישן פעלץ, איז נאָך געשטאַנען אַ רגע פאַרבלענדט אַקעגן אַ דאַר בחורל אין ברילן.

— קומט אַריין... שנעלער... לאָמיר פאַריגלען...

— דאָס זענט איר אַוודאי, חבר יאַלאָם? — האָט דער פרעמדער נאָך אַלץ געשטאַמלט אויף דער שוועל.

— דאָס בין איך טאַקע. איר האָט גוט געטראָפן. וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם פעלץ און זעצט אייך צו טרינקען אַ גלעזל וואַרעמס. דער טשייניק זידט נאָך.

דער פרעמדער איז שטיינגעבליבן אין אַ צעקנאָדערטן אַנצוג פון האַרטלעכן געוואַנט, אין טונקעלע קראַטקעלעך, שלעכט אויפֿגענייט לויט זיין ברייטן געשטעל, אַזויווי אויסגעוואַקסן, און פון עפעס אַ פרעמדער מאָדע. דער קראַוואַט איז אויך געווען עפעס אַ מאָדנער. מ׳האָט דאָ אַזעלכע גאַרנישט געטראָגן אין פוילן. דערפאַר איז דער יידיש אין זיין מויל געווען אַ היימישער, אַ וואַרשעווער, דאַכט זיך. ערשט איצט האָט ער פעסט געדריקט די האַנט פון די צוויי צעשויבערטע יינגעלייט, וואָס זענען געלעגן אויף אייזערנע בעטלעך, פאַרטאָן אין ביכער.

ס׳איז געווען אַן אָרעמער, נאַקעטער צימער אין שילער־אינטערנאַט פון יידישן לערער־סעמינאַר אין ווילנע. די יינגעלייט און די מיידלעך, וואָס האָבן דאָ אָנגעפילט די גרויסע, קאַלטע צימערן אויףביידע שטאָקן, האָבן געזוברעוועט אין די ביכער, געלעבט אָרעמלעך, כמעט בלויז אויף ברויט און טיי, אַפילו געשמאַק אונטערגעהונגערט. זיי זענען געקומען אַנצופאָרן אַהער פון אַלע ווייטע פראָווינצן אין ווייסרוסלאַנד, פאָלעסיע און וואָלין. פאַרבענקט נאָך פולקאָמער יידישקייט, האָט די דאָזיקע יוגנט, ווי אַמאָל אין די ישיבות אַריין, געצויגן קיין ווילנע, צום ירושלים פון דער ליטע. דאָ זענען געווען אויפגעשלאָגן די געצעלטן פון תורה און פון וויסנשאַפט, פון קוואַליפיצירטער מלאכה און וועלטלעכער בילדונג. ס׳איז געווען, קען מען זאָגן, אַן ענלעכער שטראָם ווי אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד — אַנצושעפּן זיך מיט וויסן און גיין דערנאָך טראָגן עס אין פאָלק אַריין.

צווישן די אַלטע מויערן פון אָט דער שטאָט האָט גענעסטיקט אַזויפיל שיינע יידישע טראַדיציע; דאָ האָט אַ יידישער מאַרטירער

שטאָלץ אויסגעשטרעקט זיין האַלדז די צאַרישע הענקער. דער הימל, וואָס איז דאָ פון אַ קילער, שיטערער בלויקייט, איז געווען דורכגעשטאָכן פון גאָטישע קלויסטערס. די געדיכטע יידישע קוואַרטאַלן זענען געלעגן ערגעץ סאַמע אונטן, צווישן די בריקן און וואַסערלעך, וואָס וואַרפן זיך אין דער ווילי־אַריין. וועגן דער שטאָט האָט אַ יידישער דיכטער דעמאָלט אַזוי געזונגען אין מאַסיווע, עפּישע פערזן:

> אויף דיינע מויערן גייט ווער אַרומעט אין אַ טלית,
> ביי נאַכט איבערן שטאָט איז ער אַליין אַ טרויעריקער אויף.

דער פּרעמדער איז געווען אָנגעשפּאַרט ביים פּראָסטן, היל־צערנעם טיש, האָט הויך געזופּט פונעם געבלימלטן טעפּעלע, וואָס איז פעסט געזעסן צווישן זיינעביידע דלאָניעס, און האָט יעדעס מאָל קוים אַ שמעק געטאָן צום שטיקל צוקער לעבן אים. די פּאַרע האָט פאַרדעקט זיין נידעריק־געשוירענעם קאָפּ, דעם אָפּגלאַנץ פון די גרויע, קרומלעכע אויגן, די טיפע קאַרבן אַרום די נאָז־פליגלען. אויף זיינע באַקן איז געזעסן דער בלוילעכער זשאַווער פון ברייענדיקן פּראָסט און — נאָך אַ מעת־לעת־ צוויי אַוודאי נישט אַרומגאָלן זיך. די ברייטע, אָדערדיקע הענט האָבן פון צייט צו צייט אונטערגעציטערט. ער איז שוין איצט געזעסן אַ היימישער, אין אַ צעשפּיליעט העמד, און אַלע האָבן שוין דערקענט זיין שפּיציקן יידיש פון מוראַנאָוו, אין וואַרשע. ער האָט שוין דאָ פּאַר קיינעם נישט געהאַט וואָס אייגנטלעך אויסצובאַהאַלטן. נאָר פונדעסטוועגן האָבן זיינע פאַרנעפּלטע אויגן־שפּעלטלעך אַלעמאָל זייטיק געכאַפּט אַ קוק צו דער טיר, ווו דאָס שוואַרצע בחורל האָט זיך שטיל און פלינק אַרויסגעגליטשט.

קיין סך רייד האָט ער נישט געלאָזן פאַלן, דער פּרעמדער, נאָר אינגאַנצן שווייגן האָט ער אויך נישט געקענט. ער האָט געפּרעגט מער, ווי דערציילט, און אין זיין נאָכפרעגן זיך איז, אַזוי אומגערן, געווען דער פאַרוואונדערטער טאָן פון דערוויסן זיך צופעליק וועגן אַזוינס, וואָס ער האָט פריער גאָרנישט אָנגעהויבן צו וויסן.

— ביי אייך — האָט ער פאַרצויגן אַ מאַכאָרקע־פּאַפּיראָסל אין אַ שטיק צייטונג, לאָזנדיק געדיכט דעם רויך דורך די נאָזלעכער —

דערפילט מען אָבער גלייך דעם פּוילישן אומרו. שאַ, און ווי האַלט עס עפּעס מיט די שטרייקן אין דער לאָדזשער אומגעגנט?

— די רייטער־פּאָליציי האָט אייערנעכטן אַרומגערינגלט דעם גאַנצן פאַבריק־ראַיאָן, צעטריבן אַ מיטינג אונטערן פרייען הימל. צוויי טויטע, גרויסע אַרעסטן.

— און אין זאַגלעמביע?

— זיי דראָען אָפּצושטעלן די קוילן־ליפערונגען.

— און די טראַמוואַיאַזשעס אין וואַרשע?

— דער פאַריין האָט געגעבן אַ טערמין, אַז אויב ביזן 15־טן יאַנואַר וועט נישט אונטערגעשריבן ווערן די געפאָדערטע לוין־העכערונג, שטעלן זיי אָפּ דעם פאַרקער.

— און דאָ, ביי אייך, שלאָגט מען?... מען שלאָגט, אַ?... די דער־פער פלאַמען?...

— מיר האָבן דאָ איצט אַ פּראָצעס, בראש מיט אַ ווייסרוסישן פּראָוואָקאַטאָר. ער שיט.

— געהערט. נו, און די סטודענטלעך?

— זיי האָבן ביי די נאָוועמבער־מאַניפעסטאַציעס געכאַפּט דעם אמתן פּסק. אויף מיצקעוויטש־גאַס האָבן זיי זיך געוואָרפן מיט שטעקנס, נאָך איידער פּאָליציי איז אָנגעפלויגן. איינער פון זיי איז דערנאָך געשטאָרבן אין שפּיטאָל. צווישן די פאַרהאַלטענע זענען אויך געווען עטלעכע סעמינאַריסטן. איצט פירן זיי אַ שטרענגע אויספאָרשונג. זיי זענען שוין דאָ עטלעכע מאָל געקומען נישטערן ביינאַכט. מען ריכט זיך כסדר... ווער ווייס, זיי קענען אַמאָל אַריינפאַלן אויך. דער דירעקטאָר דראָט מיט אויסשליסן. צוויי זענען שוין אַרויסגעשיקט געוואָרן.

דאָ האָט ער זיך אַ רגע פאַרטראַכט, דער פרעמדער. ער האָט זיך פּלוצים אויפגעשטעלט און גענומען שפּאַנען פון טיר צום פענצטער. דערנאָך האָט ער זיך געכאַפּט, אַז די אונטערגעקאָוועטע שיך זיינע מאַכן אַן צופיל גערויש אין האַלבער נאַכט. ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויפן שפּיץ בעט, בעסער פאַרצויגן די קאָלדרע איבערן פענצטער און אַרויפגעוואָרפן עפּעס אַ שמאַטע אויפן לעמפּל, אונטערן סופיט. שטיל האָט ער זיך איינגעהערט צו דער טיר. ער האָט שוין מער נישט אויסגעפרעגט, נאָר געוואַרט, אַז

דאָס שוואַרצע בחורל זאָל זיך צוריק אַריינשטעלן. עפּעס האָט ער זיך מיטאַמאָל איבגאַנצן געענדערט. זיינע אויגן־שפּעלטלעך זענען נאָכמער פאַרשוואָמען געוואָרן און אַלץ אין אים איז, דאַכט זיך, געוואָרן געהער. צום פאַרשטעלטן לעמפּל אונטערן סופיט איז לאַנג־זאַם אַוועקגעשוואומען דער רויך פון אָפּגעברענטן פּאַפּיראָסן־עקל. ער האָט מער נישט געפילט ווי ס'בריט אים זיינע דינע ליפּן.

אין אָט די עטלעכע מינוט איז פאַר אים אַדורכגעלאָפן אַ גאַנצע אייביקייט. ער האָט גוט געדענקט דעם האַרבן טעם פון די פּוי־לישע תפיסות. אָהאָ, ווי ער האָט זיי געדענקט! זיי זענען אים אַריין אין די ביינער. זיי זענען אָבער אויך געווען פאַר אים די ערשטע שול, וווּ ער האָט געטרונקען פונעם קוואַל פון וויסן. אַזויפיל ליבע, באַקאַנטע פּנימער זענען פאַר דער צייט פאַרבלייכט און אָפּגעמעקט געוואָרן, דורך די יאָרן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דער פרעמד. אָבער דער טומלדיקער גאַסן־פּלאָנטער אַרום מוראַנאָוו — דאָרט איז ער דאָך אויפגעוואַקסן, צווישן יענע קליינע, צערודערטע וואַרשטאַטלעך פון די שטעפּער און שעפּטל־מאַכערס, ווען ער איז נאָך געווען אויף דער לער, צווישן די געזעלן, קרייזלעך און אַרבעטער־בירזשעס, אין יענע יאָרן. דאָרטן איז אַמאָל געווען אַ קליינע, בלייכע וועש־נייטערין. ער האָט זי איינמאָל געהאָט באַ־גלייט ביז צו אַ נידעריק טויערל, אַרויפצו, אויף דער מילע גאַס ערגעץ; ער האָט לאַנג געהאַלטן איר שמאָל, וואַרעם, מיידלש הענטל אין זיין האַנט; מען האָט אַרומגעפּלאָפּלט און פאַרן אָפּגעזעגענען זיך, האָט זי אים נאָך דאָרט עפּעס אַ זאָג געטאָן: „ס'איז שיין — האָט זי אים דאָרט אַ זאָג־געטאָן — צו שטאַרבן פאַר אַ גרויסער אידייע"... ביידע צוזאַמען האָבן נאָך דעמאָלט אַוודאי קיין גאַנצע פערציק יאָר נישט געהאַט. „פאַרוואָס עפּעס שטאַרבן... די נאַרישע! — איז אים, געדענקט זיך, דערנאָך זייער באַנג געווען און ס'האָט אים אַ לאַנגע צייט געמאַטערט — לעבן דאַרף מען... און קעמפן פאַרן לעבן"...

ס'איז געווען נישט מער ווי אַ רעפלעקס, שווער צו באַפרייען זיך. און ווען דאָס שוואַרצע בחורל האָט זיך באַלד דערנאָך באַ־וויזן אויף דער שוועל, האָט ער זיך צוריקגעצויגן מיט אַ ציטער. יאָ, דאָס בחורל האָט, דאַכט זיך, אויסגעזען צו זיין פונקט אין

זיינע יאָרן דעמאָלט. אין דער האַלב־אויפגעשפּאַרטער טיר האָט זיך מיטאַמאָל אַריינגעשטעלט נאָך עמיצער — אַ ייִנגלעריש־אונטערגעשוירן מיידל פון אַ יאָר אַכצן־נײַנצן, נישט מער. זי האָט געהאַט אַביסל אַ שיקלדיק אויג, וואָס האָט איר געמאַכט חנוודיק, און אַ פּאַרשפּיצט גאָמבקעלע.

— חבר — האָט זי געזאָגט מעלאָדיש־שטיל — איר וועט שוין דאָ צוואַרטן ביז פאַרטאָג, דערנאָך וועל איך אייך שוין פירן. די וועגן זענען נישט גאַנץ זיכער...

— וועז, אַן ערך, קען איך זיין אין וואַרשע? — האָט ער באַלד אויפן אָרט געוואָלט וויסן.

— ס'ווענדט זיך לויט די עטאַפּן. די באַנען ווערן געפּערלעך באַוואַכט.

מער האָט ער נישט איבערגעפרעגט, אַוועקגעוואָרפן זיך אין די זאַכן אויף אַן אייזערן בעטל, די פיס געלאָזן ערגעץ נאָכהענגען, אָבער געשלאָפן איז ער נישט. די שווערע שיך, וואָס ער האָט זינט עטלעכע טעג נישט געהאַט אויסגעטאָן פון די פיס, האָבן אַראָפּגעשווערט, געבריט, פאַרהאַלטן דעם בלוט־לויף. דער קאָפּ איז נאָך פול געווען מיט קאָשמאַרן. אין קורצן, האַסטיקן דרעמל, וואָס איז אים פּלוצים באַפאַלן, האָט ער נאָכאַמאָל צוריקגעזען דעם מוראַנאָוו פון יענע יאָרן; ווייל באַלד דערנאָך האָט ער זיך ראַפּטום געטאָן אַ זעץ אויף, אַרונטערגעלאָזן די פיס און איינגעהערט זיך שאַרף, ווי אַ חיה, צו די ווייטע, טויבע קלעפּ, וואָס האָבן דאָרט ערגעץ געהילכט אין געוועלבטן פּאָדערהויז. ער האָט דייטלעך געהערט — מען איז געגאַנגען איבער די שטיגן, מען איז געגאַנגען שווער. ער האָט זיך געכאַפּט אָנצוצינדן דעם לאָמפּ און באַלד אויפן אָרט צוריקגעהאַלטן זיך.

דאָס פלינקע מיידל איז שוין דאָ סײַ־ווי ערגעץ געווען. זי האָט עס אים שוין דערנאָך געפירט איבער קאָרידאָרן, טרעפּ־אַרויף און טרעפּ־אַראָפּ. ס'איז געווען נישט מער ווי אַ דינער סילועט, אַ פלעק, שווער צו דערכאַפּן מיטן בליק. „ס'איז שיין צו שטאַרבן פאַר אַ גרויסער אידייע“... — האָבן זיך אים אַלץ אָפּגעריסן גע־פלאָנטערט די רייד פון יענער קליינער, בלייכער וועש־נייטערין אין וואַרשע. לאַנג זענען זיי אין דער פינצטער ביידע געווען

צונויפגעשפּאַרט אונטער אַ בעליק, אויף אַ בוידעמל, ווו דער ווינט האָט געריסן אַ לויזע שויב. דאָס מיידל איז געווען אַ דינע, אַ יינגלערישע, אַ פלינקע. פון ווייטע הייף ערגעץ האָט אַ הונט טויב געוואָיעט און דאָ אונטן האָט זיך נאָך אַ היפשע ווײלע עפּעס גע־טומלט, טירן האָבן געקלאַפּט.

— אוי, דעם פּעלץ... — האָט ער זיך ערשט דערנאָך געכאַפּט.

— מען וועט לאַכן פון אייך און — ס׳טויג נישט... — האָט זי זיך נאָענט אָנגעבויגן צו זיין אויער און ס׳איז געווען מעטאַלערנס אין איר שטים — קומט, נאַר פאַרזיכטיק.

ביזן פאַרנאַכט האָט זי אים געלאָזן אין אַ שטיל, אָפּגעלעגן הויז, מיט בלינדע ווענט פאַרן פענצטער, ערגעץ אויף זאַרעטשע. זי האָט אים געבראַכט אַ מאַנטל, אַ הוט און ער איז איר נאָכגעגאַנגען דורך אויסגעשטאָרבענע הינטערגעסלעך. עטלעכע מאָל איז ער איינגעשטיגן אין אַ שליטל, וואָס איז געלאָפן דורך נאַקעט־פאַר־ווייעטע פעלדער, צו קליינע פּראָווינצער וואָקזאַלן. מען איז איינ־געשטיגן, אויסגעשטיגן.

קיין וואַרשע זענען זיי אַריינגעפאָרן מיטן טראַמוויי נומער 4, דורך דער פּראַגער בריק. אַ דינער שניי האָט געקרייצט די אוונטיק־באַלויכטענע גאַסן. ס׳איז געווען ערב ניי־יאָר. די טראָטואַרן זענען געדיכט באַקלעפּט געווען מיט מענטשן. דאָס שיקלדיקע מיידל האָט ער דאָרט אומגעריכט געהאַט פאַרלוירן דערנאָך ביי אַ טומלדיקן אָפּשטעל. ער האָט זיך שפּעטער ערשט געכאַפּט, אַז ער האָט זיך אַפילו נישט נאָכגעפרעגט ביי איר ווי אַזוי זי רופט זיך.

## קאַפּיטל צוויי

# אין יענעם ווינטער

ראַג קאַרמעליצקע און ראַג נאַוואַליפּיע האָט זיך דער פאַר־פלייץ פון גרויען, וואָכעדיקן עולם, אומגעריכט און ווי אַ ווינט, געטאָן אַ צעשיט אין די בלינדע זייטן־געסלעך. דאָס טויבע געזאַנג, וואָס האָט זיך דאָ מיט אַ ווײלע פריער געהאַט שווער אויפגעהויבן

אויפן מיטן ברוק, צווישן די ענגע מויערן, אין קילן, פאַרנאַכטיקן זון־בלענד פון שפעטן דעצעמבער, אין געדראַנג פון קלינגענדיקע טראַמווייען, אָפּגעשוונדענע דראָשקעס און צעיושעטע פערד, איז נאָך, דאַכט זיך, אַלץ העגגען־געבליבן אויפן אָפּגעליידיקטן גאַסן־קרייץ. אויף די שפּיציקע שטיינער האָט הויל אָפּגעהילכט דער געלאָף פון פערדישע קאָפּיטעס. פון דער דזשעלנע, ווו דער פּאַוויאַק איז געדיכט באַשטעלט געווען די גאַנצע וואָך זינט דער שטרייקן־כוואַליע, האָט זיך די רייטער־פּאָליציי אַריינגעריסן מיט אַ שניידנדיק געפייף און ווילד געוואָרפן זיך אין דער מאַסע אַריין.

דאָס מילנע געסל, וואָס פירט אַרויס צום פּשעיאַזד, צום גאַסן־קנופּ, צו די אַרומגעבראָכענע סקווערלעך פאַר דער תפיסה, איז שוין געווען אָפּגעשלאָסן פון ביידע זייטן, די טויערן — פאַרהאַקט. מען האָט נאָר געקענט פאַרשטעקן זיך אין די נישעס, ווו עס זענען געווען צעשטעלט די גרינלעכע לאַמטערן.

הירש מאַליווער, דאָס בלייכע, צעטראָגענע יינגל פון קאַרגע צוואַנציק יאָר, שטענדיק מיט אַ צעקנייטשטן העפט אין די קעשענעס פון דער אויסגעוואַקסענער מאַרינאַרקע — אַ פרייער צוהערער אויף דער וואַרשעווער „וושעכניצע״ — האָט זיך אין דער ערשטער מינוט נישט געכאַפּט וואָס, אייגנטלעך, דאָ קומט פאָר אַרום אים, ווען דאָס פּאָליציי־קעטשל איז אומגעריכט געהאַט פאַרפאָרן האַרט הינטער זיין רוקן, ביים טראָטואַר. ער איז דאָ נאָר־וואָס געהאַט אַראָפּגעקומען פון די צוויי קאַלישער מיידלעך, די סטודענטקעס, וואָס האָבן געוווינט אויפן צווייטן הויף, אין אַ לעצט צימער, ביי אַ באַלעבאַטישער, אָפּגעקומענער משפחה. צוויי פאַר אַרעמס האָבן אים כמעט אַ הויב געטאָן אינדערלופטן און — גלייך צום אָפענעם טירל פון אויטאָ־קעטשל.

ער איז שוין נישט געווען דער ערשטער אינעם פאַרשטיקטן רוים מיט די פאַרקראַטעוועטע שייבלעך. ס'האָט זיך שוין דאָרט געררודערט אין דער טונקל. ביי דער שיין פון גאַז־לאַמטער, האָט מען גלייך נאָך אים אַריינגעשטופּט עפּעס אַן איבערגעשראָקן מיידל מיט אַ פאַרשפּיצט פּיסקל, אַ שיקלדיקע. זי האָט פונדעסטוועגן דין געשמייכלט. אַ רויט פּרצוף מיט אָנגעזעצטע בלעטערלעך, מיט אַ מויל גאָלדענע ציין, האָט דאָרט אַריינגעשריגן מיט אַ רוי, גע־

שפּאָלטן קול צו דיביידע מונדירטע היטער פונפּאַרנט, מיט די פּאַרשטייפטע וואָנצן און מיט די גזלנישע פּאַלקעס:

— שטופּ זיי דאָרט צונויף, די זשידאָ־קאָמונע... עס דאַרפן נאָך אַריין אַ שטיק צען!... שציערוועס...

אין דער ענגער טונקלעניש האָט מיט איין מאָל אַלץ גענומען זיך טרייסלען. אויף יענער זייט וועגטל האָבן זיך אָפּגעריסן צישענ־דיקע קולות, אַמפּערייען און די ביידע מונדירטע לייט האָבן אַפילו נישט געהערט, וואָס דאָס צעשויבערטע בחורל טענהט דאָרט איין און זיי. בלינד האָבן זיי אים אַ שטויס־געטאָן פון זיך, ווייל באַלד האָט מען אַריינגעשליידערט נאָך עפּעס אַ דאַרן בחור אין אַ קאָס־קעט איבער די אויגן, אַ מיידל מיט קורץ־אונטערגעשניטענע האָר, און אַ מיטל־יאָריקן, איינגעשמירטן מענטש, אַ קוילן־טרעגער, זעט אויס. דאָס טירל האָט זיך אויפסניי געטאָן אַ פּאַרקלאַפּ און מען האָט געפילט מיטאַמאָל, ווי מען רייסט זיך אָפּ פון אָרט. עס האָבן זיך פּאַרטויבט דורכגעטראָגן שטיקער געשריי, ליכט־פּאַסן. ביים פּאַרדריי צום טעאַטער־פּלאַץ האָט זיך דאָס קעטשל אַ רגע האַס־טיק פּאַרהאַלטן, געלאָזן דורכגיין אַ קייט טראַמווייען, וואָס האָבן זיך אין צוגעפּאַלענעם פּאַרנאַכט געטראָגן אַנטקעגן פון דער ביע־לאַנסקע מיט אַ קלינגעריי. נאָך איידער מ׳איז פּאַרפּאָרן אין הויפּט־קאָמיסאַריאַט, אויף דאַנילאָוויטשאָווסקע, האָט מען דאָ אין אַנגעפּאַקטן קעטשל, געהאַלטן אין איין רייסן פּאַפּירלעך און וואַרפן זיי דורכן קראַטן־פענצטערל.

— ווער ס׳האָט ביי זיך עפּעס אַ שטיקל טריפהנע שימה, זאָל עס באַצייטנס אָפּשטעקן... — האָט אַ צוגעדושעט קול געהאַלטן אין איין וואָרענען פונדערמיטן.

— שפּילט זיך... זיי קענען צוטשעפּען אַ גאַנצע „ספּראַווע“ און — ביסט געהאַנדלט...

צווישן דעם קאַסטן מויערן, ווו מען איז אָפּגעשטיגן, איז שוין די נאַכט געווען צוגעפּאַלן. דאָס טויערל צו דער גאַס איז נאָכן אַריינגעפּאָרענעם קעטשל צוריק פּאַרהאַקט געוואָרן. מען האָט זיך אַרויסגעשאָטן פּאַר דער טיר מיט די בלענדיקע לעמפּ אונטער אַ דראָטן־נעץ. אַ טרוקן שנייעלע האָט געווינטלט איבער זיי. אין געוועלבטן קאָרידאָר, אַרונטערצוגיין אַ צענדליק שטיגן, איז מען

שוין געשטאַנען קאָפּ־אויף־קאָפּ. ערגעץ פון דער טיף האָט זיך גע־הערט אַ מישמאַש פון קולות, פיל־גאַרנדיקע זידלערייען, אַ גריל־צעריי פון שליסלען און שלעסער.

הירש האָט זיך דערזען צוגעשפּאַרט צו אַ וואַנט, אַן אָפּגע־גאָסענער אין אַנגסטן. אין שאַרפן, האַלבן טונקל, האָט נאָך דאָ ער־געץ אַ שווינדל געטאַן פאַר זיין אויג דער פּראָפיל פונעם שיקלדיקן מיידל מיטן פאַרשפּיצטן פּיסקל און ס'איז אים דורכגעפלויגן — אירענקע, די קלענערע, איינע פון די סימפּאַטישע קאַלישער מייד־לעך. אַ נאָגעניש איז אים פּלוצים פאַרגאַנגען. ער האָט איר נאָך געזאָלט טרעפן היינט, אַזייגער ניין אינאָוונט, אין טומלדיקן אַקאַ־דעמישן הויז, אויף פּראַגע, דורכצובלעטערן ביי אַ קאַלעגע עטלע־כע יאָרגענג פון אַ זשורנאַל מיט דאָקומענטאַציעס וועגן וויס־פּיאַנסקין און וועגן דער פּלעיאַדע „מלאָדאַ פּאָלסקאַ“, פון דער קראָקעווער עפּאָכע. זיי האָבן זיך היפּש געמאַטערט, די מיידלעך, ביי די פאַרגעבענע אַרבעטן איבער דער אַלט־פּוילישער און מאָ־דערנער ליטעראַטור, און ער האָט עס זיי אַ סך אַרויסגעהאָלפן.

— אונדזער העניעק איז אַן אמתער פּאָעט! — זענען אים די צוויי מיידלעך אַלעמאָל באַפאַלן, געריסן אים די ברוינלעכע שוי־בערן, ווען דאָס צעטומלטע בחורל האָט שעמעוודיק אָנגעקלאַפּט ביי זיי, פאַרבלאָנדזשענדיק אַמאָל צווישן טאָג און נאַכט.

נישט אַזוי די היפּש־צעוואָקסענע יאַדזשע, מיטן בלאָנדן צאָפּ און מיט די שיינע, געפּלעגטע הענט, ווי די קליינע פּלאַפּלערקע אירענקע, האָט עס אים געמאַכט אַזוי נישט דרייסט. ער האָט קיינ־מאָל נישט געוווּסט וווּ אַהינצוטאָן די הענט און אין זיין שטים האָט זיך געבראָכן אַ נערוועז, יינגלש ביי־קולכל.

זיי האָבן אפילו געלעבט אָרעמלעך, די מיידלעך, אין דער גרוי־סער, פרעמדער שטאָט, אינעם צוגעפּוצטן צימערל מיטן דיסקרעטן אָוונט־ליכט, ווו אַלץ איז געווען ראָמאַנטיש. ער האָט אַלעמאָל געפּלעגט צו פאַרזוכן ביי זיי די היימישע קוילעטשן און אייער־קיכלעך, וואָס מען האָט זיי יעדע וואָך צוגעשיקט פון דער היים מיט אַ געלעגנהייט. ס'איז פונדעסטוועגן פאַרבליבן ביי אים אַן איינדרוק, אַז די קליינע אירענקע איז דאַסמאָל געווען צו אים קאַלט, קילער ווי מיט עטלעכע אָוונטן פריער. זי האָט אים העפלעך

געבעטן צוריקגיין אין קאָרידאָרל און אָפּווישן די פּיס. מער ווי אַלעמאָל, איז ער פון דאָרט אַרונטער אַ צעטומלטער. זי האָט אים אויך עפּעס מיט אַ האַלב מויל צוגעזאָגט צו קומען. ס'האָט אים געפלאַמט אַן אויער און ער האָט אַלץ נישט געקענט פאַרגעסן, ווי די בלאָנדע יאַדזשע, וואָס האָט געבלאָזן אין סופּיט אַריין דעם רויך פון אַ פּאַפּיראָסל צווישן אירע צוויי פאַרשפּיצטע פינגער, האָט אים דאָרט כמעט באַפּוילן ער זאָל זיך אומדרייען, זי וויל אַרויפוואַרפן אויף זיך אַ שטוב־קליידל. ער איז געשטאַנען נאָנט ביי אירעקנען. זי האָט זיך געוויקלט אין אַ טערקישער שאַל מיט צי־גיינערישע קווייטן, דאָס שיינע פּיסל ווילעריש אויפן בענקל, און האָט מיט איין פינגער אויסגעקלאַפּט אויף דער קליינער וואַנט־פּיאַנע דעם נאָגנדיקן טאַנגאָ, וואָס איז געווען ביי אַלעמען אויף די ליפּן, „דער לעצטער זונטיק". אַמאָל פלעגט ער דאָרט צופעליק אויך באַגעגענען עטלעכע אַרטיק־צוגעפּוצטע יינגעלייט, מיט דינע, אויסגעשיטע וואָנסעלעך. זיי האָבן גערעדט עפּעס אַ טומלדיק־פאַרפומירטן פּויליש, געטשעפּעט מיט די מיידלעך פאַר אים אין די אויגן, און ס'איז אים מיטאַמאָל נישט אָנגענעם געווען, מ'האָט אים דאָ מער אַזוי ווי איגנאָרירט נישט באַמערקט. די קליינע איז געהאַט אַנטלאָפן פונעם טאַטנס הויז, פון אַ שטיפמאַמע, פון קריגערייען, צו שטודירן אין וואַרשע. דער טאַטע, האָט ער געוווסט, וויל געבן אַ פאַרמעגן, וויל זי רייך חתונה מאַכן, אָבער זי וויל נישט הערן דערפון. פאַר הירשן האָט זי אַלעמאָל געבלעטערט אַ קליינעם, ראָזן אַלבום, פונוואַנען זי האָט מיט אַ טראַגיש קול רעציטירט אירע עלעגישע געדיכטן, אַ־לאַ קאָכאַנאָווסקי. אַלץ איז אים געפעלן גע־וואָרן ביי איר. דער אומעט פון אַ גימנאַזיסטקע אין אירע אומבאַ־האָלפענע פּערזן, איז געווען זיין אייגענער, און בכלל... און אפשר דערפאַר טאַקע איז אים פאַרגאַנגען אַזאַ נאָגעניש.

די נאַרעס אין דער צעלע זענען שוין פון פריער געווען פאַר־כאַפּט דורך עטלעכע חברה־לייט פון דער „טאַשעמקאַ"־באַנדע, וואָס האָט כסדר טעראָריזירט די יידישע געשעטלן אויף די פאַרשטעט פון וואָליע און פּאָוואָנזעק — יינגען מיט אויסטאַטואירטע ברוסטן, מיט שניטן אין די פּנימער און מיט הייסע, גרויע, אומלויפנדיקע אויגן אונטער די נידעריקע שטערנס. זיי זענען מער דאָ געזעסן

צוליב זייערע שלעגערייען, ווי אַרומגעגאַנגען אויף דער פריי. זיי זענען דאָ געווען ברייט צעלייגט אויף די נאַרעס און געשנאָרכט אויף אַלע ביי־קולכלעך, ווען מ׳האָט פאַרנאַכט־צייט אָנגעהויבן אַריינצופאַקן די לייט, אַראָפּגענומענע פון די גאַסן. זיי און די שיכורע גאַסן־מיידלעך הינטערן ווענטל, האָבן אויפגעהויבן אַ ליאַרעם און נישט געלאָזט זיך צורירן צו די פּריטשעס, כאָטש ס׳איז נאָך געווען גענוג אָרט.

— פּשיאָ איך מאַטש!... — האָבן זיי געזידלט, די יינגען פון די אָפּגעלעגענע פאָרשטעט — אַ פּוילישער מענטש איז שוין אַפילו אין „קאָזע" אויף דער נאַרע אויך נישט ביי זיך...

קיינעם האָט זיך דאָרט נישט געגלוסט אַריינצולאָזן זיך מיט זיי אין טענות; מען איז געלעגן צוזאַמענגעקוועטשט אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע און געוואַרט אויפן שפּראָץ פון טאָג מיט אַן אומבאַשטימטן ציטער. מען האָט געוואַרט אויף דער שעה, ווען מען וועט דאָ אָנהייבן רופן צו דער אויספאָרשונג.

ביז טאָג־גרויען האָט הירש קיין אויג נישט צוגעטאָן. ס׳איז אים שוין מער נישט געגאַנגען אינעם טרעפן זיך מיט אירענקען, צוצו־פירן איר שפּעט איבער דער פּראַגער בריק; מיטן אויסגעגלאַנצטן און צעקנייטשטן אָנצוג — האָט ער געטראַכט ביז ווייטיק — איז ער סיי־ווי אַ פאַרלוירענער. ווי אַזוי וועט ער זיך דען אַצינד קענען ווייזן פאַר אַ מענטש? פון וואָסער געלט וועט ער זיך קענען מאַכן אַ ניי שטיקל הולך? פון די בידנע פּאָר לעקציעס? צי אפשר פון דער האַלבער שטוב אויף דער קראָכמאַלנע, ווו דער פעטער לאָזער מיט זיין הויזגעזינד האָט זיך אַריינגעריסן באַלד נאָכדעם, ווי די גאַנצע משפּחה זיינע — דער טאַטע, די מאַמע, דער ברודער זיינוול און דאָס יינגערע שוועסטערל בראָנטשע — האָבן זיך אין איין שיינעם פרימאָרגן געהאַט אַריבערגעפעקלט קיין פּאַריז. ער האָט אים דעמאָלט צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן, דער פעטער לאָזער, ער וועט אים אָפּגילטן, האָט ער אים צוגעזאָגט. ס׳איז געווען קאַלט און אומעטיק איינער אַליין אין דער גרויסער שטוב מיט די אַרומ־געשיילטע ווענט, וואָס האָט עס אים געקענט אַרן?

ווען דער רייכער פעטער שמיל־יוסף פון פּאַריז, דער מאַמעס עלטערער ברודער, האָט זיך צוריק מיט אַ יאָר פיר געהאַט אַרי־

בערגעכאַפּט קיין וואַרשע, אַזויווי ער שטייט און גייט, אין די שטעק־לאַטשן, מיט אַן אויפגעשטעלט קעלנערל, און אין איינע עטלעכע טעג אויסגעסטאַרעט זיך ביי די קאָנסולאַטן אַריבערצו־פּעקלען די גאַנצע משפּחה אַהין, האָט דאָס ייִנגל נישט געוואָלט הערן און געדענקען וועגן מיטפאָרן. ער איז דאָ שוין פון לאַנג אַן פאַרטאָן געווען אין די ביכלעך און האָט זיך געריסן צו לערנען, צו שטודירן. צו פערצן יאָר האָט אים די מאַמע געוואָלט אָפּ־געבן פאַר אַ געזעל צו יונה בעקער, אַז ער זאָל, פונקט ווי זיינוול, דער עלטערער ברודער, וואָס איז שוין געווען אויף דער לער ביי אַ שטריקער, האָט שוין פאַרדינט און יעדן פרייטיק אַהיימגעבראַכט דער מאַמען אין האַנט אַריין די פּאָר גילדן, אַז אויך ער זאָל אַהיים־ברענגען עפּעס צושטייער דער ביטערער אויסקומעניש אין שטוב אַריין. וואָרעם דער אַלטער האָט אַלע זיינע יאָרן שווער אָפּגעהאָרע־וועט ביי פּייפערן אויף דער אָקאָפּאָווע און ער האָט שוין מער נישט געקענט. דערנאָך איז שוין די מאַמע אויך צופרידן געווען וואָס דאָס ייִנגל איז פאַרטאָן אין די ביכלעך, גיט לעקציעס און האָט נישט קיין צייט, ווי זיינוועלע, זיך צו מישן מיט די אַלע, וואָס גייען „אַראָפּוואַרפן דעם קייסער". דעם אַלטן איז דווקא ווילגעפעלן, וואָס דאָס ייִנגל רייסט זיך צו בילדונג, צו וויסן. ער אַליין האָט זיך אַמאָל אויך געריסן דערצו. ער האָט ליב געהאַט ווי ס'חיות אָוונט־צייט, אָדער סתם אין אַ פרייען יום־טוב־טאָג, אַריינצוקוקן מיט אַ בריל אין אַ ספרל, אין אַ ביכל, אין אַ בלאַט, וויסן וואָס ס'טוט זיך אויף דער וועלט; און אין יענע יאָרן, ווען ס'האָט זיך געטומלט, אין 5־טן יאָר, איז ער אַפילו פאַרמישט געווען אין די שטרייקן...

ס'איז אים שטיינגעבליבן אין די אויערן אַ האַרבע, זינגענדיקע שנאָרכעריי, פון זויערלעכן געשטאַנק האָבן אים די שלייפן גע־האַמערט. איינגעשלעפערט דירעשט האָט אים די שושקעריי ערגעץ נאָענט ביי זיין אַקסל. אָבער נאָך האַלבער נאַכט האָט מען ווידער אַריינגעלאָזן פרישע „געסט" און דאָסמאָל איז ער שוין וואַך געווען ביז אינדערפרי. איינער דעם אַנדערן האָט דאָ נישט דערקענט, מ'האָט זיך אָנגעקוקט ווילד־פרעמד, ווייל קיינער האָט נישט געוווסט וויפל „אויגן" און „אויערן" מען האָט דאָ אומישנע אַריינגעזעצט צווישן זיי. פונדעסטוועגן האָט ער נאָכאַנאַנד פאַר־

נומען אַ פֿאַרשטיקטע שושקעריי אַרום זיך. געשראָקן האָבן זיך דאָ אַלע דער עיקר פֿאַרן הויפּט־אינספּעקטאָר דוטקעוויטש, וואָס איז אַליין אַרומגעלאָפֿן איבער אַלע אומלעגאַלע בערזעס פֿון „מור־דזשעל" (מוראַנאָווער ראַיאָן). דער פֿויגל מיטן קאַנטיקן, אויס־געגאָלטן שאַרבן — אַ הויכער געשטעל, ברייט — האָט געהאַט אַ זעלטענעם קוק. איינמאָל אָפּגעמאָסטן אַ מענטש, האָט ער אים שוין אָפּילו אין פֿייער דערקענט. אַריינצופֿאַלן צו אים אויף אַן אויס־פֿאָרשונג האָט דעריבער ביי יעדן איינעם אַביסעלע געקלאַפּט דאָס האַרץ.

אין דעם דאָזיקן ווינטער זענען פֿיל פֿאַבריקן אין שטאָט גע־שלאָסן געוואָרן, די גרויסע מעטאַל־ און לאָקאָמאָטיוון־פֿאַבריקן „לילפּאָפּ" און „פֿאַראָוויז" האָבן אויסגעשפּיגן הינטער די פֿאַר־העמערטע טויערן טויזנטער רעדוצירטע אַרבעטער. דער שטרייק פֿון די טראַמוויי־אַזשעס איז געהאָנגען אין דער לופֿט. פֿון די קוילן־מינען אין זאַגלעמביע האָט זיך די שטרייקן־כוואַליע אַריבערגע־וואָרפֿן צו די טעקסטיל־פֿאַבריקן אין לאָדזש, פּאַביאַניץ, זגערזש, טאָמאַשאָוו און אין גאַנצן אינדוסטריעלן ראַיאָן. פֿון די ווייטעלעכע קרעסן, פֿון מערב־אוקראַינע און מערב־ווייסרוסלאַנד, האָבן זיך דערטראָגן אומקלאָרע ידיעות, פֿאַרשטיקטע און נישט־דעררעדטע. די צייטונגען, וואָס האָבן געוואָגט צו ברענגען וועלכע ס'איז איינצל־הייטן, זענען דערשינען מיט ווייסע בלויזן. מיט עטלעכע טעג שפּע־טער איז אויסגעבראָכן דער טראַמוויי־שטרייק. די ווינטערדיקע גאַסן האָבן באַוואַכט פֿאַרשטאַרקטע פּאָליציייִשע פּאַטרולן, דער „פּאַוויאַק" אין דער יידישער געגנט איז געדיכט אַרומגעשטעלט געווען. די הילכיקע ברוקן און פֿלעצער האָבן אויפֿגעציטערט פֿון ווייט־פֿאַנאַנדערגעוואָרפֿענע דעמאָנסטראַציעס, וואָס זענען אויס־געוואָקסן פּלוצים, אומגעריכט, מיט שווערן, פֿאַרשטיקטן געזאַנג. די טראַמוויי־רעמיזעס זענען געווען באַוואַכט פֿון שטרייק־פּיקעטן. אויף מאַרשאַלקאָווסקע, אויפֿן טעאַטער־פּלאַץ, האָט מען די טראַמ־ווייען געפֿירט דורך שטרייק־ברעכער, אָפּגעשטעלט, אויסגעזעצט די שויבן, איבערגעקערט זיי. אַ שניי האָט געווינטלט אינדערקרום אויף איינגעבויגענע פּלייצעס און אַרונטערגערוקטע קאַסקעטן, ווען פֿון הינטער די ראָגן האָט זיך אַריינגעריסן פּאָליציי אויף צעפֿאַרע־

טע פערד, אויף פלינקע מאָטאָציקלען, אויף לייכטע אויטאָ־קעטש־לעך, געשלאָגן, געמזיקט און אַלעמען פאַרנומען. די פאַרדעכטיקע זענען פאַרהאַלטן געוואָרן אויף אַ לענגערער אויספאָרשונג אין צענטראַל־אַרעסט. צווישן די פאַרהאַלטענע זענען אויך געווען פיל צופעליקע פאַרבייגייער, ווי ער, הירש.

דעם איבערגעשראָקענעם יינגל איז עפּעס מיטאַמאָל איינגע־פאַלן, אַז ער וועט שוין אַזוי גיך פון דאַנען נישט אַרויס, אַז מען וועט אים אַריינפּאַקן אויף שיינע עטלעכע יאָר תפיסה. וואָלט ער כאָטש פאַרמישט געווען אין עפּעס. דער יונגערמאַן מיט די טיפע שטערן־ווינקלען, פון רעכטס, פונוואַנען די שושקעריי איז געקומען, האָט זיך זייער פלוצים אָנגעבויגן צו אים, אַריינגעקוקט אים אין פינצטערן שויבערל:

— די פּערעלקאַ קענסטו?

— ניין, איך ווייס נישט! — האָט דאָס יינגל נישט באַלד פאַר־שטאַנען.

— וואָסזשע ביסטו... כ׳מיין, מ׳האָט דיר נישט אַראָפּגענומען פון גאַס, ראָג קאַרמעליצקע?

— יאָ, מיט אַלעמען דאָ... איך ווייס נישט וואָס זיי ווילן פון מיר!... — האָט זיך דאָס יינגל אַזויווי פאַרענטפערט — כ׳בין נישט געווען אויף דער דעמאָנסטראַציע, איך ווייס פון גאָרנישט...

אַ ווײַלע איז שטיל געווען. דערנאָך האָט זיך יענער ווידער אָנ־געבויגן צו אים, זייער נאָנט, נאָך נענטער ווי פריער:

— פאַר מיר דאַרפסטו זיך נישט פאַרענטפערן, אָבער כ׳זע שוין, בחור, אַז דיר וועט מען מסתמא מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן אַרויסלאָזן. וועסטו אויפזוכן ... וועסט זיך שוין נאָכפרעגן... — די סודותדיקע שטים, וואָס האָט געהאַט עפּעס מעטאַלערנס, האָט מער באַפוילן, ווי געבעטן — וועסט זיך דאָרט נאָכפרעגן אויף סטערקען. זיי וועלן דיר שוין ווייזן... אײן וואָרט בלויז איר זאָגן: שימעלע האָט באַפוילן זי זאָל אויפרוימען דאָס „פסחדיקע געפעס“... אַזוי זאָלסטו אים זאָגן, הערסטו?

— כ׳וועל זאָגן — האָט ער מערנישט איבערגעפרעגט און ס׳איז אים מיטאַמאָל לייכט געוואָרן.

אין דער נאַכט פון פיבער, האָט שוין דאָס ייִנגל מער קיין אויג נישט צוגעטאָן. אין פאַרשטיקטן געדודער, וואָס האָט זיך דערנאָך, מיט טאָג־ווערן, אויפגעכאַפּט, האָט ער דעם אומבאַקאַנטן מערנישט געפונען לעבן זיך. ער האָט אים דאָ אַרומגעגנישטערט צווישן די אַלע, ווייל באַלד וועט ער אויך געדופן ווערן אַהין. ס׳איז אים ווי־דער באַפאַלן אַן אומרואיקייט. דערפילט האָט ער מיטאַמאָל, אַז אויך ער טראָגט אַ טייל פון דעם סוד, וואָס שוועבט דאָ הינטער די וויעס ביי די אַלע צעכראַסטעטע און בלייכע מענטשן אַרום דער האַלב־אָפענער טיר, ווו מען רופט איינעם נאָכן אַנדערן. און ס׳האָט אים מער נישט געאַרט, וואָס ער האָט נעכטן אינאָוונט נישט צוגעפירט אירענקען, וואָס דער אויסגעריבענער אָנצוג פאַלט אַראָפּ פון אים, וואָס אויבן, ביי דער אויספאָרשונג, שלאָגט מען מיט אייזערנע פאַלקעס און מען גיסט וואַסער אין די נאָז־לעכער, מען זאָל אויסזאָגן. ער ווייס אויך אויך עפעס, נאָר ער וועט נישט אויסזאָגן, בשום־אופן נישט. ס׳איז אים איצט איינגעפאַלן צו באַטראַכטן דאָ די אַלע. זיי זענען אים פאָרגעקומען קענטלעך. עפעס קען ער זיי שוין פון לאַנג, דאַכט זיך, און — ער קען זיי נישט. ווער זענען זיי און וואָס ווילן זיי? פאַרוואָס האָט מען זיי דאָ אַלע געבערענגט צעשלעפּן אין די קעטשלעך? פאַרוואָס פייניקט מען זיי? ס׳איז עפּעס גאָר קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו טראַכטן דער־פון. דאָס, וואָס טוט זיך אין די ביכער, איז געווען איין זאַך און צו דעם, וואָס טוט זיך אַרום אים, איז ער אַלעמאָל געווען אַזויווי צע־טראָגן. און ס׳האָט דאָ, אין דער פינצטערער צעלע, אויפגעטויכט אין אים די טויבע, אויסגעשטאָרבענע, סיבירער לאַנדשאַפט אין „דזשיאַדי״ פון מיצקעוויטשן. וויפל מאָל ער האָט געחזרט די מיס־טישע פערזן:

שטיל אַרום איז, טויב אַרום איז, —
וואָס וועט זיין?... וואָס וועט זיין?...

און עפעס האָט ער דאָ פלוצים דאַכט זיך געפונען דעם אינער־לעכן שייכות צווישן „דזשיאַדי״ מיטן גרויען, געיאָגטן לעבן דאָ, מיט די אַלע, וואָס זענען פאַרשפאַרט אין די תפיסות, מיט זיין טאַטן אַפילו, דעם אויסגעהאָרעוועטן באַלמעלאָכע, וואָס איז אין

יענע יאָרן פאַרמישט געוועז אין די שטריקן; און ער איז זיך אַליין מיטאַמאָל פאַרגעקומען קליינלעך. איז דען באמת אַלץ דאָס רייסן זיך צו אַ שטיקל מאַטורע, אַ דיפלאָם, אָדער אַ דאָקטאָראַט? און אַז מען האָט עס שוין דערגרייכט, זענען ווידער אַלע טירן פאַרהאַקט. און דערפילט האָט ער מיטאַמאָל אין זיך אַ נייעם, פרעמדן כוח. ער וואָלט אַצינד, האָט ער דערפילט, זייער דרייסט געווען, אַרויפקומענדיק צו די קאַלישער מיידלעך. ס'איז אים גאָר איינגעפאַלן, אַז ער וועט זיך שוין מער נישט ווייזן ביי זיי דאָרט. זיי וועלן שוין אַוודאי געוווּיר ווערן וואָס מיט אים איז געשען, זיי וועלן מסתמא קלערן, אַז אָט דער שטילינקער העניעק האָט עפּעס אויסבאַהאַלטן פאַר זיי...

— היי דאָרט!... זיך פאַרגאַפּיעט?...

דאָס האָט אים אַ ברייטער פאָליציאַנט, ענג פאַרשפּיליעט ביז אַרויף, שטייף, מיט אַ קרום מויל צווישן צוויי ווילדע וואָנצן, מיט אַ געלן בליישטיפט אונטערן אויער, אַ רוף געגעבן אין דער טיר, אונטערן גלי־לעמפּל. ער האָט זיך נאָך באַוויזן אומצוקוקן אין האַלבן טונקל און דערזען, אַז ער איז דאָ פאַרבליבן פון די לעצטע. די אַלע, וואָס מ'האָט פריער געפירט צו דער אויספאָרשונג, זענען שוין מער נישט צוריקגעקומען. עס איז אים נאָך אַלץ געשטאַנען אַ זויערקייט אין מויל, ווען ער האָט זיך דורכגעשטופּט דאָס טירל.

ווען מ'האָט אים געפירט איבערן זייטיקן הויף, צו דער גלאָזטיר, האָט אים די ווינטערדיקע ליכטיקייט פון פרימאָרגן געשטאָכן אין די אויגן. אין אַלע אברים איז אים געשטאַנען אַ זלידנע ברעכעניש. ערגעץ הויך, איבער מויערן, האָבן דורך די קראָטן אַ שווינדל־געטאָן עטלעכע פנימער. ער האָט אָבער דערפילט אַ קליינעם שטורך און זיך צוגעאיילט אויפצוהויבן זיך די עטלעכע טרעפּלעך. ס'האָט אין אים פונדעסטוועגן אַ קליין ביסעלע געפלאַטערט. ער האָט נאָר מורא געהאַט זיי זאָלן דאָרט נישט אַראָפּלייענען פון זיין פאַרשלאָסן פנים דעם סוד, וועלכן ער טראָגט מים זיך.

אין אומהיימלעך־שטילן קאָרידאָר מיט די פאַרהאַקטע טירן, ביז טיף אַראָפּ, איז אים פאַרגאַנגען דער איבלדיקער ריח פון שימל, צי פון קאַרבאָל, וואָס מען פילט אין אַלטע מלוכה־ביוראָען, און

עפּעס אַן אויסגעדעמפּטער ריח פון ביליקן שמעק־פּאַפּיר. נאָנט לעבן אים איז געשטאַנען דער איינגעשמירטער מענטש, דער קוילן־טרעגער, וועלכן מ׳האָט צוזאַמען מיט אים אַראָפּגענומען פון דער גאַס. ער איז געשטאַנען ווי אויסגעגאָסן, קאַלט. ער איז געווען דער צווייטער לויט דער ריי אַריינגעשטופּט צו ווערן אין דער טיר.

אַזעלכע מילדע, שמייכלענדיקע אויגן האָט ער זיך גאַרנישט גע־ריכט אָנצובאַגעגענען. דער מענטש, וואָס איז געזעסן קעגנאיבער, אויף יענער זייט שווערן ביוראָ־טיש, האָט געקלעפּלט מיטן בליי־שטיפט אין אַ גלאָז, וווּ ס׳האָט געשטעקט אַ פרישע רויטע רויז, אַ פּיר געטאָן אַ בינטל פינגער איבערן נידעריק־געשוירענעם שאַרבן, אַ העל־בלאָנדן, אַ שטעכיקן, ווי אַ באַרשט. ער האָט באַ־טראַכט דאָס יינגל לאַנג, כמעט פריינטלעך, אָבער דורכדרינגלעך. לעבן אים זענען געשטאַנען נאָך עטלעכע, אָבער ער האָט נישט געקענט אויסדרייען דעם קאָפּ זיי צו זען. נאָנט צו דער וואַנט איז געווען דער קוילן־טרעגער, פאַרשטייפּט, ווי אויסגעגאָסן. דאָס לינקע אויג איז אים קלענער געוואָרן אונטער דער פאַרצויגענער ברעם. ווינטערדיקע זון איז געווען אויף דער פּאַדלאָגע און אים, הירשן, האָט אַלץ אַוועקגעשווינדלט פאַרן בליק. ער האָט געהערט רייד איבער זיך, די געלאַסענע, גוטמוטיקע רייד, ווי פון זייער ווייט, נאָר דאָס מויל האָט זיך נישט אויפגעמאַכט ביי אים. מען האָט דערנאָך געצישעט אים אין אויער אַריין, געטרייסלט אים. ער האָט געפילט ווי דער רוקן ברעכט, שאַרף, שניידיק. אין קאַלירן־שווינדל, האָט ער אַפילו נישט געדענקט ווען מ׳האָט אים אַרויסגעפירט.

דעם שווערן קאָפּ האָט ער אויפגעהויבן אין אַן אַנדער צעלע, מיט קראַטן, מיט אַ צעקעסטלט פּיצל הימל. פון איבער אָפּגעהאַקטע דעכער איז געקומען דער גערויש פון דער שטאָט. אַ טראַמוויי האָט ערגעץ לאַנג געגרילצט איבער די שינעס ביים פאַרדריי פון אַ ראָג.

— ווילסט אַ טרונק? — האָט עמיץ געפרעגט, ביי אים צוקאָפּנס.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, באַנעצט די ליפּן און גע־פילט ווי דאָס חיות קומט צו אים לאַנגזאַם צוריק. „איז עס שוין טאָקע נאָך אַלעמען?״ — האָט ער זיך אַליין נישט געוואָלט צוגלויבן.

## קאַפּיטל דריי

# די נייע געזעלשאַפט

אַזוי האָט הירש אָוועקגעוואָרפן די שול־ביכלעך, די „וושעכ־ניצע״, די אַנגעבלאָזענע סטודענטקעס, און איז געוואָרן אויס צע־פלויגענער אינטעליגענט.

ווען ער איז מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער געגאַנגען איבער די־זעלבע גאַסן, אַן אויסגעניכטערטער, מיט אַ קילן פּלאַטער אין רוקן, האָט אים שוין מער נישט געאַרט זיין אָפּגעטראָגענער אַנצוג און וואָס ער וועט זיך שוין מער נישט קענען ווייזן אין אַזאַ הילוך פאַר אירענקען.

די סטערקע, אויף וועלכער ער האָט זיך מיט איין אָוונט שפּע־טער נאָכגעפרעגט אינעם אַנגערויכערטן קאָוויאָרניעלע אויף דער דזשיקע, ביי דער פּערעלקאַ, איז אים באַלד פאַרגעקומען מאָדנע־קענטלעך. ער וואָלט געשווירן, אַז ער האָט שוין ערגעץ ווו געזען דאָס מיידל. אַ שמאָלע, זשוואַווע, האָט זי אים וויכטיק אַ באַקוק־געטאָן מיטן שיקלדיקן אויג, מיטן פאַרשפּיצטן גאָמבקעלע, וואָס איז אין זיינע אויגן פול געווען מיט אַרויסרופערישן בייגער. דער יינגלערישער טראָט, די ווייניק ווייבלעכקייט אירע, דאָס, וואָס זי איז אַזוי אַנדערש פון די אַלע סטודענטן־מיידלעך, האָט אים עפּעס גלייך געמאַכט היימישער מיט איר. מען איז דאָ גע־שווומען אין אַ וואַרעמען, רוישיקן נעפּל פון פּנימער און סילועטן. נאַקעטע טישלעך אַרום די ווענט, אַ פאַרשטעלט ליכט און שוואַרץ פון רוישיקע גרופּקעס. אינדערמיט פון אָט דעם נעפּל האָט ער מיטאַמאָל דערפילט איר קליין, וואַרעם הענטל אונטער זיין אָרעם. זי האָט אים שוין מער נישט איבערגעפרעגט, נאָר זייטיק, דורך אַ הינטער־טיר, אַרויסגעפירט אים פונדאַנען. אַ נאַסער שניי איז געפאַלן צווישן די קרומע מויערן, געקלעפּט אויף די וויעס, געפאַלן אין קאָלנער אַריין, און זי האָט אים קונציק, מיט די עלנבויגנס, גע־קירעוועט דורכן פאַרפאַקטן טראָטואַר.

— ווען האָסטו אים דען געזען דעם לעצטן מאָל, שימעלען? — האָט זי אים גלייך אויפן אָרט נישט געדוצט.

— מיט פיר טעג צוריק, אויף דאַנילאָוויטשאָווסקע. ס'איז געווען טונקל און איך האָב אַפילו רעכט נישט געקענט אָנקוקן אים.

— ביסטו דאָך, אויב אַזוי, געווען מיט מיר צוזאַמען. איך בין נאָך אייערנעכטן אַרויס מיט דער גאַנצער באַנדע. מיר האָבן דאָרט איבערגעקערט די צעלעס, געזונגען. זיי זענען קוים פּטור געוואָרן פון אונדז... פון וואַנען קענסטו שימעלען?

— איך קען אים נישט. ער האָט מיר אָנגעכאַפּט און געזאָגט, אַז זיי וועלן מיך אַרויסלאָזן. ער האָט מיר געבעטן דיר איבערגעבן...

— אַזוי? ער האָט געמיינט, דער חכם, אַז כ'וועל וואַרטן, ביז ער וועט מיר לאָזן באַפּוילן — האָט זי אים פאַרשנדיק אָנגעקוקט פון דער זייט — און דו אַליין, ביסט, נעבעך, גאָט די נשמה שולדיק, זע איך. אַבי כ'האָב געמיינט... ביסט אונדזערס אַ יאָט... זעסט מיר אויס צו זיין אַן אינטעליגענטל, עפּעס אַ ביכל־מענטש...

— איך בין אַ פרייער צוהערער אויף דער „וושעכניצע" — האָט ער זיך פאַרענטפערט.

פונדעסטוועגן איז איר עפּעס דאָס ייִנגל גלייך געפעלן געוואָרן.

— אַזעלכע ווי דו, באַדאַרפן מיר אויך צו האָבן — און זי האָט צוגעגעבן כמעט באַפעלעריש — גייסט היינט מיט מיר!

דערנאָך, ביים פאַרדריי צו דער געגנשע, האָט זי מיטאַמאָל גענומען רעדן אַזוי אומעטיקלעך וועגן שימעלען, וואָס איז אַריינגעפאַלן צו „זיי" אין די הענט אַריין, ווי אַזוי מען האָט אים שוין לאַנג אַרומגעזוכט און ווער ווייס ווען מען וועט אים צוריקזען... זי האָט אים דאָרט אָנדערציילט נאָך עפּעס. ער האָט עס אַלץ אויסגעהערט אין אַ ווייטער פאַרטראָגנקייט און האָט זיך בלינד געלאָזן פירן פונעם מיידל. אין נאָסן שניי, וואָס האָט געקרייצט די וויבטערדיקע שטאָט, האָט די ענגע, אָוונטיקע גאַס געליאַרעמט מיט פרישע בייגל, דריי פאַר צען גראָשן, מיט הייסע, פאַרעדיקע קישקעלעך. אינמיטן איז געוואָרן אַ געלויף אַרום די טויערן און אַרום די גאַז־לאַמטערן. אַ פּאָליציאַנט האָט נאָכגעיאָגט די ייִנגלעך מיט די ווילעריש־אַראָפּגערוקטע דאַשיקעס, די אָנגעפּעלצטע מיידלעך מיט די קאָפּ־טיכלעך, די יידן מיט די אָפּגעפליקטע שפּענצערס, פונוואַנען ס'האָט אַרויסגעזעצט אַ פּאַרע פון די הייסע קישקעלעך. קוישן מיט בייגל האָבן זיך צעשאָטן אויף די טראַמוויי־שינעס,

אינדערמיט ברוק, און אַ פּאַליציאַנט מיט אַ פּאַלקע, האָט געפירט אין צירקל אַריין אַ בלייך ייִנגל פון אַ יאָר צוועלף, מיט אַ בלעך איבערגעשטאַנענע צוקער־קיכלעך אויפן קאָפּ. פון הינטן איז זיי נאָכגעגאַנגען אַ גאַנצע לוויה. דאָס ייִנגל איז געטרעטן אין די צע־פּאָרענע שיך האַרט ביים פּאַליציאַנט און די בלעך אויף זיין קאָפּ האָט זיך אַלעמאָל מער אויסגעבויגן אַהינטער. די, וואָס זענען נאָכ־געגאַנגען פון הינטן, האָבן אויפגעקליבן די קיכלעך און געקייכט פון געלעכטער. לסוף האָט זיך דער פּאַליציאַנט געכאַפּט, אַז די בלעך איז אינגאַנצן ליידיק; האָט ער צוויי מאָל אַ זעץ געטאָן מיט דער גומענער פּאַלקע דאָס ייִנגל, וואָס האָט זיך זייטיק, ווי אַ קאַץ, באַלד געטאָן אַ טראָג־אָפּ, און מיט וויסטע קולות געגומען זיך פּאַנאַדערטרייבן דעם עולם.

געשיקט אויסגעמיטן די דזשיקע גאַס, ראָג געגשע, ווו עס האָבן זיך ביי דער תפיסה געדרייט פּאַרשטאַרקטע פּאַטרולן, האָט זי אים אָוועקגעפירט צו אַ קרום, פינצטער געסל, ערגעץ ביי דער סמאַ־טשע. צו די צוויי ענגע גאַרן־שטיבלעך, אויפן לעצטן הויף, האָט מען זיך אַרויפבאַקומען הינטער אַ באַריער פון אויפגעשטעלטע וועגענער. דעם פלינקן יאַט, וואָס האָט זיך דאָרט געדרייט אין טויער, האָט זי עפּעס אַ זאָג געטאָן און האָט געפירט נאָך זיך הירשן. אין קאָרידאָר אויבן האָט זיך די טיר צוויי מאָל אָפּגעריגלט און זיי זענען מיטאַמאָל אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַרשטיקטן, פריילעכן רעש. די פענצטער אונטערן נידעריקן באַלקן זענען געווען גערדיכט פאַר־האַנגען, קיין שום ליכט־שפּאַרע זאָל זיך נישט אַרויסקריגן צום דרויסן.

— קיינער האָט זיך אויף דיר הײַנט שוין נישט געריכט, סטער־קעלע! — איז מען איר באַפאַלן פון אַלע זייטן — די קעטשלעך פאָרן נאָך אַרום אויף דער דזשיקע? ס'גרייטן זיך, שמועסט מען, נייע אַרעסטן. האָסט עפּעס געהערט וועגן גענעראַל־שטרייק?

— אָט דער חבר האָט עס מיר געבראַכט אַ גרוס פון שימעלען — האָט זי געוויזן אויף אים, נישט געהערט וואָס זיי רעדן דאָרט אַלע אויף אַמאָל צו איר. זי האָט מיטאַמאָל אויסגעזען צו זיין זייער פאַרטראָגן און זייער אומעטיק. דאָס פאַרשפּיצטע גאָמבקעלע אויס־געשרויפט און אינעם שיקלדיקן אויג — אַ ווייטער בליאַסק. פונ־

דעסטוועגן האָט זי זיך באַלד, אַן אָנגעפּראָסטיקטע און אַ פרײלעכע, לײכט געלאָזן אַרײנציען אינעם טומל דאָ. ס'איז געווען ערב עפּעס אַן אַרבעטער־יום־טוב און, ווי בײ יעדער געלעגנהײט, האָט מען אײנגעאָרדנט אַ היימיש שמחהלע. די צוויי ענגע גאָרן־שטיבלעך האָבן געהערט צום חבר בינם און צו דער חברטע העלע, פון שטרי־קער־פאַך. זײ זענען דאָ נישט לאַנג געגאַנגען וווינען צוזאַמען, אָן אַ חתונה און אָן אַ חופה. די עלטערן און די משפחות האָבן געמאַכט געוואַלדן, אײנגעלײגט וועלטן, נאָר ווער האָט זײ דאָרט געהערט? מען האָט זיך דאָ אָפּט צונויפגעלייגט, אײנגעקויפט בראַנפן, קיכעלעך, אָפּגעבאַקן אַ היימישן קוכן און פאַרבעטן חברה. אָבער קײן סתם שמחהלעך זענען עס קײנמאָל נישט געווען. צוויי טישן זענען געווען צוזאַמענגערוקט. די חברטע העלע מיטן בלאָנדן שויבער, אַ שפּולערין בײ שטעקערן אין דער טריקאָטאַזש־פאַבריק אויפן מוראַנאָוו, האָט פון דער מאַמעס שטוב מיטגעבראַכט קלאָרע, אויסגעבײטע סערוויעטן און האָט זײ פאַרשפּרייט. די אויפ־געראַוימטע צימערלעך זענען געווען פול מיט פרידלעכן יום־טוב. עס זענען געווען אָנגעשטעלט קליאָשן, גלעזלעך און פלעשער.

אַזאַ וואַרעמקייט ווי דאָס ייִנגל האָט דאָ מיטאַמאָל דערפילט צווישן די פשוטע, אָפנהאַרציקע מענטשן, פון וועלכע ער איז אַלע־מאָל געווען אַזוי אינאַזייט. אַלע פּנימער, דאַכט זיך, זענען אים דאָ געווען באַקאַנט, ער וואָלט אַפילו געוווסט יעדערן אָנצורופן בײם נאָמען. פיל פון זײ האָט ער זיכער געקענט פון די אָרעמע הויפן אויף דער קראָכמאַלנע, וווּ ער איז אויסגעוואַקסן. מען האָט געוואָרפן אינעם געבלימלטן טעלער אויפן טיש דאָס לעצטע ביסל קלײנגעלט, אַרײנצושיקן פעקלעך די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין די תפיסות, און ער האָט צוזאַמען מיט אַלעמען צוגעלײגט זײנע פּאָר גראָשן. ער האָט אינגאַנצן געפּלאָנטעט, פאַרוואָס ער קען נישט אַרײנוואָרפן כאָטש מער, דאָס גאַנצע פאַרדינסט פון זײן אָרעמע פּאָר לעקציעס. דערנאָך האָט מען געזונגען שטיל און פײערלעך וועגן אַן אָנגעצונדענער יוגנט, וואָס איז אַוועק אין שלאַכט פאַר אַ נײער וועלט, וועגן געזונטע יידן, וואָס צעאַקערן די פעלדער בײ ווייטע, שטראָמיקע טײכן און עס גייען אויף שווערע ווײצן. אָבער פון אַלע שטימען האָט ער נאָר געהערט סטערקעס שטימעלע,

וואָס איז געווען זיס און פאַרבענקט און דין, ווי אַ גלעקעלע. ס'האָט לאַנג וויברירט אין זיינע אויערן און צוזאַמענגעמישט זיך מיטן ליד, דאָס היימישע און נאָנטע, וואָס איז דאָ רעציטירט געוואָרן דורך אַ חבֿרטע פון דראַמ.־קרייז:

מיידלעך, מיינע טייערע,
איך גיי מיט אייך!
ס'איז יונג און זינגענדיק דער גאַנג — — — —

און ער האָט דערזען מיטאַמאָל די אויפגעטרייסלטע ברוקן, די ווייט־פאַנאַנדערגעוואָרפענע דעמאָנסטראַציעס, דאָס טויבע געזאַנג צווישן די ענגע מויערן און די אויסגעשטאָרבענע סיבירער לאַנד־שאַפט אין מיצקעוויטשעס „דזשיאַדי".

עפּעס האָט עס אַזוי נאָכאַנאַנד געזונגען אין אים, עפּעס איז געווען אַזוי אויסגעקלאָרט אין אים, אומקערנדיק זיך באַגינען צו זיין אויסגעקילט בעטל אויף דער קראָכמאַלנע. ס'איז שוין באַלד געווען ביי אים אַליין זיכער, אַז ער וועט זיך מער נישט אומקערן אין דער „ווּשעכניצע", צו די צעפלויגענע סטודענטן, וואָס לעבן אין אַ פרעמדער, אָפּגעריסענער וועלט. די ווירקלעכקייט איז דאָס — האָט ער זיך דערמאָנט אין די עטלעכע איבערגעשווידערטע נעכט אין דער צעלע.

אַליין נישט וויסנדיק גאָר ווי אַזוי, האָט ער זיך דערזען אַריינ־געפּלאָנטערט אין אָט דעם ים נייע מענטשן, מיט די טאָג־טעגלעכע געשעענישן, מיט סטערקען. ס'איז גאָר קיינעם נישט איינגעפאַלן איינצוקוקן זיך ווי אַזוי ער גייט דאָרט אָנגעטאָן. פאַרקערט, מען האָט אים גלייך געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם.

די טומלדיקע דזשיקע גאַס, די איבערגעפּאַקטע טראָטואַרן צווישן די ענגע מויערן, אָפּגעאָסן אין פאַרנאַכטיקן זון־בלענד, האָט זיך נאָכאַנאַנד ערגעצוו געאיילט, געצויגן, געיאָגט, ווי נישט צו פאַרשפּעטיקן, און הירש — אינדערמיט. ס'איז געגאַנגען איבער אים דער פיבער פון אָט דער יידישער גאַס; און דערזען האָט ער מיטאַמאָל זיין קליינעם, אויסגעהאָרעוועטן טאַטן, דעם גאַרבער, פון פייפערס לעדער־פאַבריק אויף דער אָקאָפּאָווע, אויף דיזעלבע יידישע גאַסן, אין יענע יאָרן, ווען עס האָט זיך געטומלט מיט די

שטרייקן, מיט די אָנגעפלויגענע קאָזאַקן־אָפּטיילונגען און מיטן אָפּגעגאַרטן צאַרישן מאַניפעסט.

פונדעסטוועגן האָט ער נאָך אַלץ מיט אַ שטילן פּלאָטער אויסגעמיטן דאָס זייטיקע געסל, דאָס שטילע הויז מיט די אַרונטערגעלאָזענע גאַרדינען, די ראָמאַנטישע שאָטנס, דעם ריינלעך־אָפּגעשלאָסענעם הויף, וווּ עס הערן זיך פּיאַנע־טענער, ווּהין דער גאַסן־טומל פון דער געדיכטער יידישער געגנט אַרום דערגייט נישט.

גענעסטיקט האָט אַרום די וואַרשעווער יידישע אָרעמקייט אין די פּאַציאָטע־ און קעלער־שטיבלעך, אויף דער נאָוואָליפּיע, אויף קאַרמעליצקע, אויף סמאָטשע, און עס האָט עפּעס נישט אינגאַנצן געשטימט מיטן סאָלידן סטיל פון די פּיל־שטאָקיקע הייזער אין די זייטיקע, שטילערע גאַסן, וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך שפּורן פון אַמאָליקן ווילשטאַנד. קליינע, פאַרשטויבטע זיילן און הער־קולעסן האָבן דאָ אונטערגעהאַלטן די באַלקאָנען, די פאַסאַדן זענען געווען געשניצט, כאָטש אָפּגעבליאַקעוועט. געבויט האָבן די הייזער אודאי יענע ברייטע, אָנגעזעצענע וואַרשעווער יידן, די אַמאָליקע „פּאַדריאַטשיקעס", מיט די לאַנגע סקאָנסק־פּוטערס, מיט די טיפע יידישע היטלען אין די הויכע דענקעס, ערגעץ אין ווייטן, 19־טן יאָר־הונדערט. זיי האָבן געשיקט איבער דער ווייסל פּליטן מיט געהילץ, פלאַקס און תבואה קיין דאַנציק און נאָך דעם נאַפּאָלעאָנישן מאַרש איבער אייראָפּע, נאָך די דורכגעפאַלענע פּוילישע אויפשטאַנדן, גע־דרייט ריזיקע מסחרים מיט די צאַרישע סאַטראַפּן און גובערנאַ־טאָרן, געבויט שאָסייען, באַן־ליניעס, פאַבריקן און אַוועקגעפירט פעטע פּדיונות צום רבין אין קאָצק. די יורדישע זין און די אייניק־לעך האָבן זיך נאָך אַלץ געקלאַמערט אין די מאַסיווע קרעדענס, אָנגעשטעלט אין די טונקעלע, אומהיימלעך־גרויסע שטיבן, געבויט ווי פעסטונגען, אין די הענג־לאָמפּן, אין די שווערע, געשניצטע מעבלען. אויפן גענשער בית־עולם האָבן זיך נאָך ביז היינט אויפ־געהיט די שיינע מצבות מיט די טייבעלעך און הענגלעך וויינ־טרויבן, פון גאַנצע משפחה־דינאַסטיעס, פון אַמאָליקן וואַרשעווער יחוס, פאַרזען מיט געגראַמטע, מליצהדיקע אויפשריפטן אין העב־רעאיש און אין פּויליש.

דאָס פּוילן פון נאָך 1920 איז אָבער געווען אַ קליין, אָפּגעשלאָסן

לענדל פון פּריצים און פּולקאָווניקעס, האָט זיך געשטיקט, איז געלאָפן נאָך הלוואות צו די פּראָטעקטאָרן פון ווערסאַיל, אָנגעבאָטן קאָנצעסיעס און געשונדן די הויט פונעם בירגער מיטן ראַפינירטן שטייערן־סיסטעם. אויס גרויס אימה פאַרן באָלשעוויזם, האָט עס אַליין פאַרהאַקט די טירן פאַרן גרויס־רוסישן מאַרק. פריער ווי אומעטום, איז אין לאַנד געקומען דער קריזיס.

דער קריזיס האָט אין אַ סך פון די אײַנגעפונדעוועטע הייזער אַריינגעברענגט דעם שיין־פאַרפּוצטן דלות. אָבער אין די דאָזיקע שטיבן האָט מען פאַרזעצט דאָס אַלטע משפּחה־צירונג, דאָס מאַסיווע זילבער־געשיר, און פון לעצטן געשיקט די קינדער אין די אוניווערזיטעטן; און ווען די בענק אין די פּוילישע הויך־שולן זענען געוואָרן צו־געפּערלעך, האָט מען זיי געשיקט קיין אויסלאַנד, קיין פּאַריז, קיין גרענאָבל, קיין נאַנסי. צופיל אַרבעטלאָזע דאָקטוירים, אינזשעניערן און אַדוואָקאַטן, בעלנים אויף רייכע שידוכים, האָבן אָונט־צייט אָנגעפילט די גרויסע קאַפּייען אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע, אויף דער ניי־וועלט. אין דער „זשעמיאַנסקע״, אין דער עלעגאַנטער ליטעראַריש־קינסטלערישער קאַפּיי, האָט מען אַפילו די פּוילישע שוישפּילער און פּאָעטן פון יידישער אָפּשטאַמונג, באַטראַכט זייטיק, און אין די סאַטיריש־קריטישע זשורנאַלן האָט מען זיי אָפּט געגעבן אָנצוהערן מיט שטעך־ווערטלעך זייער נישט־ריינע פּוילישקייט. ס׳האָט זיי, די גייסטרייך־ראַפינירטע פּאָעטן, געקאָסט אַ סך וואָרט־מייסטערשאַפט, און נישט ווייניק געזונט מסתמא, צו פאַרטיידיקן די „ריינע קונסט״ , און אגב אורחא, אַביסל פאַרשעמט, — זייער אָפּשטאַמונג. ס׳האָבן אין יענע דרייסיקער יאָרן שוין געבלאָזן נייע ווינטן פון מערבדיקן שכן, וואָס האָט אויסגערעכנט און ראַפינירט, געגרייט דעם שפּרונג אויף אייראָפּע. אין די אינטעלעקטועלע קרייזן האָט מען עס אָבער באַצייטנס דערשפּירט.

אין יענע דרייסיקער יאָרן האָט אויפגערודערט אַ קליינער זאַמלהעפט פון אַ גרופּע פּוילישע אַרבעטער־דיכטער. זיי זענען אַרויס אין שטורעם מיטן באַרימטן קרעדאָ־מאַניפעסט „דריי זאַלפן״. „קוקט אין פענצטער — האָט איינער פון זיי געזונגען האַרט און מאָנענדיק — אָט לויערט ער, דער שפּיצעל״... אַזאַ גרויער, רעאַליס־

טישער טאָן אין דער פּאָעזיע איז, נאַטירלעך, געווען צו־גראָב און צו מגושמדיק פאַרן פיינפילנדיקן אויער פון דער פריצישער אַריס־טאָקראַטיע פון גייסט אין דעמאָלטיקן פּוילן; זי האָט נאָך געשטעקט אין עפּעס אַ מין קרענקלעכער נעאָ־ראָמאַנטיק, אין דער פּוסטער גאווה פון אַ פּוילן „פון ים ביז ים״...

אין די האַרבסטיק־אויסגעלייזדיקטע שטעטלעך פון דער יידישער פּראָווינץ האָט מען שוין דעמאָלט לאַנג אויפגעהערט צו באַקלאָגן דעם טרויעריקן זון־אונטערגאַנג. די אויסזיכטלאָזיקייט האָט אַ גע־זונטע יידישע יוגנט, וואָס האָט געשפּראָצט מיט ענערגיע און זי נישט געהאַט ווו אַהינצוטאָן, אַרויסגעטריבן אין דער גרויסער שטאָט אַריין. ווי די פרומע יידישע גריזן, וואָס האָבן דורך די פינצטערע יאָרהונדערטער אַלעמאָל געזען אויפלויכטן די „עיקבתא דמשיחא״, אַזוי האָט מען אין די איבערגעפּאַקטע קנייפּעס און אויף דער אָוונטיקער דזשיקע גאַס געפיבערט, אַז אָט־אָט, מאָרגן שוין, קומט זי, די סאָציאַלע רעוואָלוציע. מען איז געקומען אָנפילן די האַלב־לעגאַלע אַרבעטער־פּאַריינען, די שמאָלע, טומלדיקע גאַסן אויף די מאַסוווקעס, דעם זאַל פון ליטעראַטן־פּאַריין אויף טלאָ־מאַצקע, ווו עטלעכע שרייבער און אַרבעטער־טוער האָבן הייס דיס־קוטירט וועגן דער היינטצייטיקייט אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס זי דאַרף זיין און וווהין דאַרף זי פירן. עס איז איבערגעחזרט געוואָרן דאָס וואָרט פון גרויסן יידישן פּראָזע־מייסטער דוד בערגעל־סאָן, וועלכער האָט ביי אַ באַזוך זיינעם אין פּוילן, גראָד צו יענער צייט, אַ וואָרף געטאָן אין עקסטאַז: „די יידישע ליטעראַטור אין פּוילן — האָט ער געזאָגט — איז געגליכן צו אַ זייגער, אַ גאָר פיינער מעכאַניזם, ביי וועלכן עס פעלן אָבער לחלוטין די ווייזערס — מען ווייס נישט ווי שפּעט ס׳איז״.

פון דעמאָלט אָן האָט עס אין הירשן געגומען זינגען די דזשיקע גאַס, די אויסגעשטאָרבענע סיבירער לאַנדשאַפט אין „דזשיאַדי״, און — זיין טאַטע, דער אויסגעהאָרעוועטער גאַרבער, וואָס איז אין „יענע יאָרן״ אַמאָל פאַרמישט געווען אין די שטרייקן. ער האָט זיך אין די נעכט שפּעט אומגעקערט צום נידעריקן טויערל אויף דער קראָכמאַלנע. די גרינע שיין פון די גאַז־לאַמטערן האָט שוואַך אויסגעטיילט די סילועטן פון די אַלטע געביידן, ווו עס האָט גע־

נעסטיקט די יידישע אָרעמקייט. ביינאַכט האָט דאָ אַלץ אויסגעקוקט אַנדערש אין זיינע אויגן, כאָטש ער האָט דאָ יעדעס ווינקעלע געקענט פון קינדווייז אָן. ער האָט זיך אומגעקערט מיט אַ זיסן רויש אין אַלע זיינע גלידער. עפּעס אַ בייער כּוח האָט געטראָגן דאָס בלייכע ייִנגל איבער די שפּיציקע שטיינער, צווישן די אָפּגעשוונדענע הייזער און קרום־צעשטעלטע לאַמטערן פון זיין היימיש־איינגעבאָקענער גאַס, ווו יעדער שטיין און יעדע וואַנט טראָגט נאָך אויף זיך די שפּורן פון יענע העראָאישע יאָרן. ער האָט זיך דערמאָנט דאָס קעלערל פון פּאַרנט, די צוויי לוסטיקע, פאַרזעסענע מיידלעך, די זאָקן־מאַכערינס; ווי זיי האָבן ביי דער אַרבעט געפּלעגט צו זינגען אַ ליד וועגן די שטרייקערס אין 5־טן יאָר, וועגן ברוך שולמאַן מיט זיין כּלה, וועגן אַטענטאַט אויפן פּאָליצמייסטער; און ווי אַזוי מען איז איינמאָל ביינאַכט געקומען און מען האָט זיי אַרויסגענומען פון די בעטן. אינדערפרי איז געווען אַן אַנגעלויף און די מאַמע האָט זיך דאָרט אויסגעטענהט מיט די שכנות, וואָס האָבן אַלע פאַרצויגן מיט די שנעבעלך: „רעכט אויף זיי, אויף די מיידן... זאָלן זיי זיך נישט אַרומטרייבן מיט די ייִנגען גאַנצענע נעכט און נאָך גיין טיילן בלעטלעך לעבן „צאַרקל״... אין די לידער פון די מיידלעך — האָט ער איצט באַקלערט — האָט מען שוין יאָ געוווּסט „ווי שפּעט עס איז״. פאָלקלאָר, היימישער, סאָציאַלער פאָלקלאָר. אַבי ער איז געגאַנגען זוכן „די איינפלוסן פון מיצקעוויטשעס מעסיאַניזם ביי דער אַנטשטייאונג פון אומאָפּהענגיקן פּוילן״...

אָט דער האַלב־נאַכטיקער, זיסער רויש האָט דעם ייִנגל באַגלייט ביז צו דער היימיש־איינגעבאַקענער קראָכמאַלנע גאַס.

און אפשר איז עס אויך געווען דאָס פּלעמל, וואָס אָט די סטערקע האָט אומגעריכט געהאַט אָנגעצונדן אין אים?

## קאַפּיטל פיר

# סטערקע

מיט אַ יאָר דריי צוריק אַן ערך, האָט זיך די קליינע סטערקע אומגעריכט געהאַט אַראָפּגעיאָוועט פון פּילעוו אויף די אַנדערע טעג סוכּות צו דער עלטערע, אויסגעגעבענער שוועסטער, וואָס האָט געוווינט אויף אַ טומלדיקן דורכגאַנג־הויף צו די נאַלעווקעס.

אַזוי זיך, אין געסט איז זי אַביסל אַראָפּגעקומען, און האָט שוין פּאַר איינוועגס מיטגעבערענגט פונעם טאַטן, וואָס פּאַרקויפט דאָרט קאָזע־מילך צו די דאַטשניקעס, אַ שאָק אייער, אַ סמעטענע־קעזל און אַ בריוול מיט „קאַטשערעס און לאָפּעטעס"...

דאָס מיידל מיט די צעפלויגענע צעפּלעך האָט געטראָגן אונ־טערן געדיכטן רעגן אַ צעקנייטשט שטרויערן קיישל, געריסן די גלעקלעך ביי אַלע פאַרמאַכטע טירן פון הויף און נאָכגעפרעגט זיך ביי יעדערן ווו ס'וווינט דאָ ערגעץ חיים־הערש צוויק, אַ דאַמען־שניידער.

קיינער האָט אָבער נישט געוווסט ווו עס וווינט דאָ אַזאַ איינער; ביז די יידענע פון הערינג־געוועלבל פון פאָרנט האָט איר צוריק אַריינגעוויזן אין טויער, אויפן צווייטן הויף, ווו ס'איז געהאָנגען אַן אָפּגעריבן שילדל מיט אַן אויפגעמאָלטער שער. דאָס מיידל האָט אַ מאָל־צוויי אַ טויש־געטאָן דאָס קיישל פון איין פאַרמאַטערטער האַנט אין דער אַנדערער און האָט זיך שיער נישט אַראָפּגעגליטשט פון די צוויי־דריי טרעפּלעך.

דעם שוואָגער האָט זי דאָ צום סאַמע ערשטן מאָל אָנגעקוקט פאַר אירע אויגן.

מיט קנאַפּע דרייטהאַלבן יאָר צוריק האָט די שוועסטער פלוצים אַהיימגעשריבן, אַז די שפּאָגל־נייע זינגער־מאַשין איז שוין באַלד אינגאַנצן אויסגעצאָלט און אַז די אַנדערע וואָך גייט זי שטעלן אַ חופּה מיט אַ וווּיל ייִנגל, אַ פאַרדינער — זיי קענען זיך שוין שיינע יאָרן, חיים־הערש רופט מען אים, אַ דאַמען־שניידער. זי געדענקט אַפילו ווי דער טאַטע, דער קליינע, פאַרהויקערטער ייד, האָט זיך דעמאָלט לאַנג געקליבן אַריינצופאָרן קיין וואַרשע אויף דער חתונה פון דער מיטלסטער טאָכטער און — האָט זיך נאָך עד־היום נישט אויסגעקליבן אָנצוקוקן אַפילו דאָס אייניאָריקע אייניקל זיינס...

פון דער גאַליאָרקע, נידעריק איבערן קאָפּ, האָט עס טאַקע פונקט אַראָפּגעוויינט, דאָס אייניקל. פון דער מאַשין־אַוועק האָט זיך גע־האַט אויפגעהויבן אַ רירעוודיקער יונגערמאַן, אַ נישט־געגאָלטער, מיט אָפּגעדעקטע האָריקע הענט. ער האָט אויסגעשפּיגן אַ שטיקל גאָרן, וואָס ער האָט געקייט, און ער האָט נישט געוווסט ביי וואָס אָנצוהויבן אויפן פרעמדן מיידלס היימישן נאָכפרעגן זיך.

— ווו איז עפּעס דבורה, ווו? — האָט זי זייטיק אַ שיקל געגעבן צו דעם, וואָס האָט געזאָלט הייסן חיים־הערש און האָט געזאָלט זיין אירס אַ לייבלעכער שוואָגער. — זע נאָר ווי ער מאַכט זיך עס גאָרנישט וויסנדיק... דאָס קינד ווערט דאָרט אויבן שיער נישט צעריסן...

דאָס קיישל איז שוין געווען אָוועקגעשטעלט.

— חיים־הערש! — האָט זי אים אַ וועק געטאָן פון אומבאַהאָל־פענעם, פרעמדן שמייכל — דערלאַנג מיר נאָר אַרויף ס'פּלעשל, גיכער...

זי איז שוין געשטאַנען מיט איין פוס אויפן לייטערל, אַ היימי־שע, אָן אַלט־באַקאַנטע, נאָר ביים יונגערמאַן האָט זיך נאָך אַלץ געשאָטנט אַ פרעמדער שמייכל, ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט גע־קענט צוגלויבן:

— און איר, ס'הייסט... דו, ביסט אָוודאי סטערקע — האָט ער באַלד פאַרשטאַנען — וויפל דבורה האָט עס מיר נישט אָנדערציילט פונעם מזיק. דאָס האַרץ האָט מיר אָבער גלייך אַ „טשאַסקע"־געטאָן, כ'האָב אָבער באַלד געוואָלט זאָגן. אַקוראַט ווי אויף דער פאָטאָגראַפיע... נו, וואָסזשע מאַכט ער עפּעס, דער טאַטע?

זי איז געקראָכן אויפן נידעריקן לייטערל צו דער גאַליאָרקע, מיטן פלעשל אין דער האַנט, איינצושטילן ס'קינד, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו רייסן זיך אונטערן סופיט, און צו אים האָט דאָס שקאָצעוואַטע מיידל אַראָפּגערעדט מיט אַ לאַכעלע:

— דער אַלטער, פרעגסטו? ער פאַרקויפט קאָזע־מילך, פאַרקויפט ער. ער גרייט זיך איצט, אויף דער עלטער, נאָכאַמאָל חתונה צו האָבן . שפּילט זיך עפּעס וואָס „זיי" זענען...

די אמתע קושעניש האָט זיך אָנגעהויבן, ווען די שוועסטער, אַביסל אַ דיקלעכע, ווי אַלע ווייבלעך, אַ יאָר צוויי נאָך דער חתו־נה, איז, צוזאַמען מיטן רעגנדיקן פאַרנאַכט, אַריינגעפאַלן פון דער גאַס. זי איז נאָר אַזוי אַרויסגעלאָפן איינקויפן אויף יום־טוב און האָט זיך פאַרזאַמט מער ווי אַ האַלבן טאָג.

— ווייִ איז מיר! — איז זי אַריינגעפאַלן — דאָס קינד האָט זיך שוין אָוודאי, נעבעך, גוט אויסגעריסן ס'הערצל!

חיים־הערש האָט זיך פאַרטייעט אַ שאָר געגעבן צו דער טיר:

— קוק נאָר אָן ווי פאַריאַכמערט! מ'האָט עס שוין איינגעשטילט אָן דיר. זע נאָר בעסער, דבורה, וואָס פאַראַ גאַסט מיר האָבן ביי אונדז, מ'אַזוי ביידע לעבן...

זי האָט אַ בלאָנדזשע געגעבן אַרום די ווענט, ווו ס'זענען געהאָנגען עטלעכע אויסגעפּאַרטיקטע שטיקלעך אַרבעט און דריי בלעטלעך פון אַן אויסגעפליקטן מאָדע־זשורנאַל. זי האָט אָבער קיינעם נישט געזען. נאָר פון דער גאַליאַרקע איז שוין פון פריער געהאָט פאַרלאָפן אַ קוויטשיק געלעכטערל. דאָס מיידל איז פלינק, ווי אַ קאַץ, געקראָכן פון דער לייטער אַראָפּ. ביי דער שוועסטער דבורה האָט זיך אוסגעקרומט דאָס פּנים, אַקוראַט ווי מען וואָלט דער געשטאַרבענער מאַמען נאָכאַמאָל אַוועקגעלייגט מיט די פיס צום טיר.

— זע נאָר, די ווילדע קאַזע, סט'אַזוי לעבן... פונוואַנען האָסטו זיך פלוצים אַראָפּגעיאָוועט אויף דער גאַליאַרקע?

— כ'בין היינט אינדערפרי געקומען צופאָרן מיטן „סאַמאָכאָד". ס'האָט זיך מיר אַזוי פאַרגלוסט און — שוין...

— זע נאָר אָן ענטפערן, סט'אַזוי לעבן... און דער טאַטע וואָס מאַכט?

— גאָרנישט. ער פאַרקויפט קאַזע־מילך. כ'האָב מיטגעברענגט אַ קעזל מיט אַ שאָק אייער. אין פילעוו קאָסט עס אַ גאָרנישט מיט אַ נישט. שוין איינגעשטילט דעם תכשיט דיינעם. מאַמע פאַרדאָסטע, לויפט אַוועק און לאָזט עס, נעבעך, אָפּרייסן ס'הערצל...

די עלטערע שוועסטער האָט זי אַרומגעקוקט מיט אַ בייגעריקן בליק, זשמורענדיק אָן אויג, געגוג צופרידן:

— נו, נישקשה... מעגסט זיך דאָ אָפּשערן די צעפּלעך, ס'איז נישט „מודיש" אין וואַרשע. שלינגסט נאָך היינט אויך אַזוי די ביכלעך? פאַרקאָכט זיך... שאַ, וואַרט נאָר, און יינגעלעך האָסטו שוין עפּעס? — אַ מוידן! וויפל, דאַכט זיך, אַז אין ניינצנטן גייט דיר שוין?

אונטערן בייגעריקן בליק פון דער שוועסטער, האָט דאָס מיידל גלייכגילטיק געשיקלט מיטן אויג, געגראַבלט זיך אין קיישל אַרום די אייער, דאַכט זיך נישט געהערט דער שוועסטערס רייד, נאָר געענטפערט האָט זי דווקא זייער שפּיציק, ווי זי האָט עס ליב געהאַט:

— יינגעלעך, פרעגסטו? — אַזוי ווי די הינט... און וועגן די צעפּלעך איז — ווי מיר וועט זיך נאָך פאַרגלוסטן...

די צעפלויגענע צעפלעך זענען איר נאָך זייער אַ שאָד געווען. זי האָט זיי לאַנג געצוואָגן פאַרן שלאָפן גיין אין אַ שיסל וואַרעם וואַסער מיט נאַפט, פאַרפלאָכטן זיי אַקוראַטנע פאַרן אויסגעבויגענעם שפּיגל און האָט נישט אויפגעהערט אַנצודערציילן זיך, אין איין אָטעם, אַלע וויכטיקע פּאַסירענישן פון פּילעווו:

— צוויי נייע „מאַשינעס" גייען שוין היינט קיין וואַרשע. פּרעגן נישט, מיט די באַלעגאָלעס ממיתט מען זיך, שיער נישט צום טויט! משהלע קוזמירערס מויד, לאהטשע, האָט זיך שוין נאָכאַמאָל אָפּגעטריבן... „שפּרינצע" האָט שוין, מיט מזל, געבערענגט אַ נייעם דור קאָזעלעך אויף דער וועלט. דער טאַטע קוועלט גאָר אָן פון זיי. באַלד באַגינען פּאָרעט ער זיך אַרום זיי, לייגט זיי אונטער אַביסעלע היי. ד ע ר נחת איז אים, זעט אויס, ליבער פון דיינעם. כי־כי...

אינדרויסן האָבן געגאָסן רעגנס. אין די לעצטע טעג יום־טוב איז דאָס מיידל מיט די צעפלויגענע צעפלעך געשטאַנען פאַרן טויער און צוגעקוקט זיך צו דער שפּאַצירנדיקער גאַס. אונטער אויפגעשטעלטע פּאַראַסאָלן זענען דראָבנע מיידלשע פיס געשפּרונגען איבער די פאַרגאָסענע טראַמוויי־שינעס. אין פאַרכמאַרעטן טאָג, האָבן איבערן טעאַטער „סקאַלאַ", אין דער קווער־גאַס, אַראָפּגעלויכטן צוויי רונדע עלעקטרישע לעמפּ, שפּיגלענדיק זיך אין די וואַסערן אויפן ברוק. אַרבעטער, אין וואָכעדיקע קליידער, האָבן זיך געשטופּט אין דער קרומער טיר פון אַ קליין, פאַרויכערט קאַוויאַרניעלע קעגנאיבער.

פאַרנאַכט האָט זיך גענומען לייטערן. די ענג־צוזאַמענגעקוועטשטע מויערן, אַראָפּ־גאַס, זענען אינדערהעלפט געווען אָפּגעגאָסן מיט אַ בלייכן בראָנז. די שמאָלע גאַס איז ביז אַרויפצו געדיכט פאַרפאַקט געווען פונעם שפּאַצירנדיקן עולם. די צעצונדענע שטאָטישע ליכטער האָבן ראָז געמאַכט דעם הימל, וואָס איז געהאָנגען נידעריק איבער די אָפּגעהאַקטע דעכער.

ביינאַכט האָבן דעם מיידל, ווי גרינע האַרבסט־פליגעלעך, געביסן די אומרואיקע חלומות. זי האָט זיך געוואָרפן אויפן היציקן געלעגער אונטערן סופיט אויף דער גאַליאַרקע און שווער האָט זיך געקלעפּט צו איר דער נעפּלדיקער שלאָף.

איבערגעוועקט האָט איר אַלעמאָל דער אויסגעצויגענער קוויטש

איבער די טראַמוויי־שינעס. געוויינלעכע, וואָכעדיקע אינדערפריען. אונטער דער גאַליאַרקע רוישט הייזעריק די ניי־מאַשין, פרעמדע, גיכע רעדערייען. דער געזעל צעבלאָזט דעם פרעס־אייזן ביי דער אָפן־געלאָזענער טיר, אַ צוג־ווינט דרייט זיך אין דער ענגעניש. נאָך איידער די אויגן קלעפּן זיך אויף, קריכן נאָכאַמאָל אָן דער שוועס־טערס נעכטיקע און אייערנעכטיקע טענות אין קאָפּ אַריין.

— ביסט שוין יאָ דאָ — זאָגט זי — טאָ זע, העלף כאָטש עפּעס צו אין שטוב, לערן זיך כאָטש אויס ווי אַזוי צו האַלטן אַ נאָדל אין דער האַנט. וואָסי? ווערסט אפשר צוריק אַהיימפאָרן קיין פּילעווו, אַרומטרייבן זיך מיטן טאַטנס קאָזעס. ער וועט זיך דאָרט „באַדרייען" אָן דיר.

— פּליט! ווו פּליט מען עס אַרום גאַנצענע טעג און אָוונטן? אַבי זי האָט זיך סקאָמפּאַניעט מיט די מיידעלעך פון הויף און — שוין! זיי וועלן דיר אפשר געבן צו עסן אויך? דו ווייסט נישט, אַז דאָ טראַכט יעדערער נאָר פאַר זיך. אָודאי, אין „פּאַוויאַק" וועסטו שוין זיין פאַרזאָרגט מיט אַ דירה און מיט קעסט... מ׳איז אין שטוב, העלפט מען עפּעס צו. כ׳קען זיך נישט אַליין צערייסן, מיטן קינד אויף די הענט...

די לעצטע טענות האָט זי אויסגעהערט מיט אַ פּאָר אָוונטן פריי־ער, ווען זי איז אַביסל שפּעטלעך אַהיימגעקומען. זי האָט פאַרברוגזט אַוועקגעוואָרפן דעם בערעט, אויסגעשרויפט דאָס גאָמבקעלע:

— גיין, זאָגסטו? כ׳וועל גיין! וועסט מיר מער נישט אָפּ־סטראַשען. כ׳בין נישט געקומען אַהער ניאַנטשען זיך מיט דיינע קינדער. כ׳וועל שוין סיי־ווי גיין אַרבעטן... אין אַ פאַבריק.

און זי איז טאַקע געגאַנגען אויך.

אויפן הייסן געלעגער, אונטערן סופיט, האָבן איר די אומרואיקע, מיידלשע חלומות אויפגעהערט צו מאַטערן. ס׳האָט זיך נאָכאַמאָל אַ שטעל געטאָן פאַר איר דער בייטאָגיקער גערודער פון די טריי־קאָטאַזש־מאַשינען, אין ביידע פאַרוואָלקנטע פאַרבריק־שטיבן, אויף דער שוו. יערסקע, דאָס איבערשרייען זיך ביי דער אַרבעט פון די מיידלעך, די שפּולערינס, זייערע היימישע און פרעמדע לידער, וועלכע זי האָט דאָ צום ערשטן מאָל געהערט. אויף דער לעשנע, אָוונט־צייט, איז דער לעבעדיקסטער שפּאַציר־גאַנג — דער פאַר־

פאַקטער טראַטואַר, די אומלעגאַלע בערזע פון טעקסטיל־פאַריין, קיינער דערהערט נישט, אונטערן שטילן שנייעלע, וואָס שיט, ווי פאַרן שאַרף־באַלויכטענעם קינאָ באַקלאָגט עפּעס אַן אַקטריסע מיט לירישע קוויטשן, דעם ערשטן געליבטן אירן, וואָס איז שוין ווייט, זייער ווייט...

אינדערפרי גלוסט זיך זייער נישט אַראָצוקריכן פון דער גאַל־יאַרקע. מען איז קעציש־פויל און אַזאַ זיסע מידיקייט שלעפּט צוריק דעם קאָפּ אין דער אויסגעוואַרעמטער קישן. נאָר זי דערמאָנט זיך, קריכט פלינק אַרונטער, צו כאַפּן נאָך איין בליק אין שפּיגל, איינ־קוקן זיך ווי אַזוי ס׳קליידט איר עפּעס דאָס ייִנגלעריש־אונטערגע־שוירענע קעפּל. אַ שווערער לאָק פאַלט איר איבער די קרומלעכע ברעמען, איבערן אויסגעשרויפטן גאָמבקעלע, איבערן חנוודיקן אויג, וואָס שיקלט אַביסעלע. דאָס גאָמבקעלע שמייכלט זייער דין. אַזוי האָט עס אויך געשמייכלט, ווען שימעלע, דער גאַנצער מאַכער אין דער פאַבריק, האָט , אין געשטופּ, ביים אַרויסגאַנג, אַזוי אַ זאָג געטאָן צו איר מיט אַ לאַכעלע:

— חברטע, זי גייען אַמאָל נישט אַרויף מיט דער דזשיקעז כ׳גיי דעמזעלבן וועג, קען איך אין באַגלייטן אַ שטיקל...

און זי האָט נאָכדעם געהערט ווי די פאַבריק־מיידלעך האָבן אויף מאָרגן שטיל איבערגעוואָרפן זיך ביי דער אַרבעט:

— ר׳איז שוין איינמאָל „ריזעדיק", אָט דער שימעלע — אויס־געריסן־קלוגז... אונדזער פאַך־קאָמיסיאַנט, „פּשעציעזש"... אַ קאָפּ דאָס האָט...

זיין הילכיק, מעטאַלערן זינגען איז די מיידלעך זייער געפעלן.

— ער זינגט דאָך נישט — האָבן זיי געזאָגט — מיט קיין שיי־נער שטימע, אָבער דערפאַר — מיט אַזויפיל האַרץ...

— ס׳שאַדט נישט — האָט אַן אַנדערע אָוועקגעמאַכט — און דערצו איז ער נאָך יענער „קאָביעציאַזש" (פרויען־יעגער). דער קליינער רבקהלען האָט ער שוין אויך „אָוועקגעשטעלט"... היינט אַרבעט זי שוין ביי וואַוועלבערגן. דאָס מיידל איז אויסגעגאַנגען נאָך זיינע טריט...

מיט די מיידלעך פון דער פאַבריק האָט זיך סטערקע עפּעס נישט געקענט איינלעבן. זי האָט גאַנץ גוט צוגעזען ווי זיי פאַרדריסט זיי־

טיק, וואָס שימעלע ווילט דווקא איר אויסביים אַרויסגיין פון דער אַרבעט. זי איז דאָ אַריינגעוואַקסן אין זיך, געוואָרן שטילער, סטאַטעטשנער. זי האָט זיך קיינעם נישט געוואָלט וואַרפן אין די אויגן, געזעסן און אויפגעוויקלט די פאַרפּלאָנטערטע פּאַסמעס גאַרן אויף די קאָלבעס. אַרום איר איז געשטאַנען אַן אייביקער טומל, אַ געקלאַפּעריי פון טירן, אַ פאַרטויבנדיקע גערעדעריי. דורך פאַרשטויבטע שויבן האָט זיך דורכגעזיפּט דער ברודיקער ווינטער־טאָג. נאָכאַנאַנד האָט זי דאָ געפילט ערגעץ אַרום זיך שימעלעס שאָטן, זיינע ברייטע פּלייצעס, זיינע שאַרפע נאָז־פליגלען, זיין נידעריק־געשוירענעם קאָפּ, די ווייסע, קוים־אָנזיכטיקע ברעמען און די האַרטע, שטים, וואָס האָט געגוואַלדעוועט איבער די וואָלקנדיקע פאַבריקשטיבן צו אַלעמען, צום שעף אַליין אויך:

— פאַניע שטעקער, דער וואָל גייט אויס! ער איז, ווייסט איר, געמיין, רייסט זיך, ווי שפּינוועבעכץ.

אַ רירעוודיקער, אין אַ פאַרפּאַטשקעטער אַרבעטס־בלוזע, איז ער געוועזן אין אַלע טירן, צווישן די דורכגענג, ווו די מאַשינען זענען צעשטעלט, געפּרוווט מיטן בינט שליסלען די מוטערקעס און שרייפעלעך. הינטער די מילך־שויבן, אין דער טיף פון די וואָלקנדיקע שטובן, האָט אַ גאַנצן טאָג גע׳רעשט דאָס ענגע קאָנטאָרל. אַז די שויבן־טיר מאַכט זיך אויף, פאַרגראָבן זיך אַלע טיפער. צווישן די מיידלעך, די שפּולערינס, גייט איבער דאָס פאַרצויגענע ליד אין אַ מורמלעריי. איין שימעלע פאַלט נישט אַראָפּ פון טאָן. זיין שטים, דאַכט זיך, הילכט נאָך פעסטער, ווען דער באַלעבאָס שטעקער בלייבט שטיין אין דער אָפענער טיר. ער באַמערקט אים אינגאַנצן נישט.

דער שטעקער איז טאַקע אַ חסידישער ייד, כאַפּט זיך טאַקע אַמאָל אַראָפּ צום גערער רבין, אָבער אַ היינטוועלטיקער, געקליידט „דייטש". ער פאַלט אַריין ביים פאַרענדיקן דעם אַרבעט־טאָג און טוט אַ רוף אויס זייער היימיש:

— נו, קינדער, ס׳קען שוין געמאַכט ווערן שבת!

אַלץ בלייבט שטיין, אַלץ שפּאַרט זיך צו די טירן.

דאָס האָט ער צום אָנהייב פון ווינטער־סעזאָן געגעבן אָנצוהערן, אַז מיטן שטרייק, וואָס וועט זיך באַלד אַוודאי אַ שטעל־טאָן, וועט

עס דאָסמאָל נישט זיין אַזוי לייכט, מען וועט זיך, הייסט עס, געַ־נוג אַרומאַמפּערן.

— איך ווייס נישט וואָס איר קלאָגט אַזוי, פּאַניע שטעקער — איז אים שימעלע נישט שולדיק געבליבן — אויפן מאַרק איז וואָל געגנוג פּעסט. און קיין באַשטעלונגען, זע איך, פעלן אויך נישט. און אַז ברויט איז טייערער געוואָרן מיט 5 גראָשן, ווייסט איר אויך מסתמא. נאָר גאָרנישט, אַז אָפּשטעלן, וועט זיך שוין אַלץ פּאַראַמאָל...

אַזוי קען ער אַ זאָג געבן אין שפּאַס, שימעלע, און אַרויסשטעלן אַ ברייט געלעכטער. ער פּאַרוואָרפט ענערגיש אויף זיך דעם אָפּ־געבליאַקעוועטן רעגן־מאַנטל און שטופּט זיך מיט אַלעמען דורך דער טיר.

## קאַפּיטל פינף

## דער ערשטער פלאַטער

ווען מען שיט זיך אַרויס, ברענען שוין פאַר דער טיר די עלעק־טרישע לעמפּ. אַראָפּ גאַס צינדן זיך אָן געלע און רויטע פייערן. עס שיט נאָך אַלץ אַ גרינג שנייעלע. פאַרביי די ליכטיקע קעלער־שייבלעך, צום טראָטואַר־אַרויס, לאָזט זי זיך גיין אַביסל איילי־קער, סטערקע. איבער איר שוועבט נאָך דער לעצטער, גאָלדיקער פרײ־האָרבסט אין שטעטל ביי דער ווייסל. טיילמאָל דערלאַנגט עס איר נאָך אַזאַ דינעם צופּ, ס׳גייט אויף אַ פאַרגעסענע בענקשאַפט. די גרויסע, פרעמדע שטאָט דערדריקט. „ווי אַזוי קענען דאָ מענטשן לעבן?״. זי וואָלט שוין אפשר פונלאַנג פאַרפאַקט איר צעפּליקט, שטרויערן קיישל און, אָן אַ זיי־געזונט אַפילו, צוריק אַנטלאָפן צו יענעם גאָלדיקן פרי־האָרבסט ביי דער ווייסל, מיט איינעם פון די פאַרבלאָטיקטע „מאַשינעס״, וואָס פאָרן זיך יעדן פאַרטאָג אָן אויף פּלאַץ „בראָני״ — ווען נישט דער ווייטער שמייכל פונעם ענער־גישן בחור. זי פאַרלאַנגזאַמט איר צעפּלאָנטערטן טראָט, ווייל זי איז מאָדנע זיכער, אַז ער וועט זי באַלד, ווי יעדן אָוונט, אָניאָגן, זי וועט דערפילן זיין ווייכן באַריר אַרום די אַקסלען און דאָס לאַכנ־דיקע פּנים, צעווינטיקט, מיט אַנגעזעצטע שניי־טראָפּעלעך, וועט

זיך אין איר איינקוקן און דערקענען עפּעס אין איר אומרואיקן בליק, אין איר בלייכן שמייכל. און זיי? זי וועט נישט לייקענען אויך, זי וועט נישט פּרווון צו לייקענען, אַז זי איז אין אים אַ קליין־קליין ביסעלע פאַרליבט...

מיט יעדן באַריר אויפן ענג־פאַרפאַקטן טראַקטאָר ציטערט אין איר אויף. ער איז אַוועק, ער איז לעצטנס שטאַרק פאַרנומען. לאַנג איז זי אומגעשוומען איבער די טראַקטאָרן פון דער אומלעגאַלער בערזע און געזוכט צווישן די אַלע ווייטע פּנימער אַן אייגנס. זי האָט עס נישט געפונען. אַביסל צעבראָכן, האָט זי זיך אומגעקערט אַהיים. אין שטוב ביי דער שוועסטער האָט זי זיך איצט כמעט נישט אָנגעזען — אַוועק באַלד אינדערפרי און אומגעקערט זיך שפּעט ביינאַכט.

זי האָט עטלעכע מאָל געפּרוווט אַרויפקומען צו עדזשיען, וואָס שפּולט ביי שימעלעס מאַשין — אַ בלייך מיידל מיט אַ גלאַטן שרונט איבערן נידעריקן שטערן. אונטער אירע וויעס האָט זיך געלאָשן אַ הייסער אָפּגלאַנץ. די באַקן זענען געוועזן פאַרמעטן־ראָזלעך. ס'האָט געשלאָגן פון זיי אַ שטענדיקע הייסקייט. דריי יאָר איז זי אָפּגעזעסן אין דער תפיסה, אין וורואָנקי. אַרויס איז זי דעם לעצטן פרילינג. ביי דער אַרבעט האָט זי געשלונגען געלבלעכע פּילן, לאַנג זיך גע־קרעקט מיט זיי. יעדע וואָך כמעט האָט זי פאַרפעלט אַ טאָג, אָדער צוויי אין דער פאַבריק. אַז זי איז אַ טאָג נישט געקומען, האָט זיך שוין סטערקע אַרויפגעכאַפּט צו איר געוויר ווערן.

— קראַנק! — האָט זי גערעדט מיט אַ מיד קול — פאַרקילט זיך אַנומלטן און אַט הוסט מען צוביסלעך. דער שטויב, נאַרעלע, זויגט אויס דאָס חיות, ביסלעכווייז.

איבערן ציכטיקן בעט איז דאָס לעמפּל פאַרשטעלט געוועזן מיט אַ ראָז שטיקל פּאַפּיר. זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס צעשיטע ביכל און געקוקט מיט אָנגעבלעבדטע אויגן. איינע אַליין האָט זי דאָ געוווינט, ביי אַן אַלט פּאָר־פאָלק. דאָ האָט סטערקע אַלעמאָל געטראָפן זיצן דעם באַברילטן יונגערמאַן, וואָס אַרבעט צוזאַמען מיט זיי אין דער פאַבריק. דער פריילעכער גלאַנץ פון זיינע פענסנע־גלעזלעך איז אינמיטן בעסטן געלעכטער אומעטיק געוואָרן. כמעט יעדן אָוונט האָט ער געשפּרייזט אַהער מיט דער פינצטערער שטיג, אָנצוקוקן

די פֿאַרחלשטע ליפּן פֿונעם קראַנקן מיידל. די טיפֿע שטערן־ווינק־לען האָבן זיך ביי אים געזילבערט.

— איר דאַרפֿט נישט אַזויפֿיל אַרבעטן — האָט ער גערעדט צו איר איינגעהאַלטן — אַ צימער אין אַטוואַצק... פֿרישע לופֿט...

דאָס מיידל האָט געענטפֿערט מיט קאַרגע רייד. ער איז איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן. פֿון דער פֿאַבריק, פֿון די פֿאַך־פֿאַרזאַמ־לונגען האָט ער זי אַלעמאָל באַגלייט:

— אַ שטילע היים חלומט זיך מיר, ביכער... מען ווערט מיד...

אַראָפּקומענדיק פֿון דאָרט, האָט זיך סטערקע דערפֿילט שוואַך און צוגעדריקט. זי האָט חשק געהאַט צו נעמען און אַנטלויפֿן צוריק אין שטעטל אַריין, אַוועקלאָזן זיך מיט די פֿאַרשנייטע בערג. וואָס לאָזן זיך אַראָפּ צו דער ווייסל. אָבער צו וועמען? אַז אַלע זענען זיך פֿון דאָרט צעלאָפֿן אין דער ברייטער וועלט אַריין, צו ווייטע, לענדער און שטעט. בלאָנדזשענדיק, האָט זי זיך ווידער דערזען אויף דער בערזע. ס'איז געוועןליידיקלעך. אין באַר „מעטראָפּאָל“, קעגנאיבער, האָט זיך אין דער האַלבער נאַכט אַריין אויפֿגעכאַפּט אַ פֿרישער טאַנגאָ. עטלעכע אויסגעלאָשענע אויטאָס האָבן געוואַרט פֿאַרן ליכטיקן אַריינגאַנג. דאָ טרעפֿט מען אים אַלעמאָל, שימעלען. ער שווימט איבער די אָוונטיקע טראָטואַרן און דערליידיקט אַלע פֿאַריינס־ענינים. אַז סטערקע גייט פֿאַרביי, וואַרפֿט ער איר צו אַ פֿאַרטועגעם שמייכל, אַמאָל אַ וואָרט. ער פֿאַרשווינדט, באַווייזט זיך שפּעטלעך און טרעפֿט זי ווידער.

— ס'איז שוין נישט פֿרי — לאַכט ער הילכיק — און ער דער־פֿילט איר ציטערדיקן אָרעם אין זיינעם. איר קליין הענטל ליגט אין זיין ברייטער דלאָניע. זי שמייכלט אַרויף צו אים:

— ווען נאָר מען זעט דיר, ביסטו פֿאַרנומען.

— מען געהערט נישט צו זיך אַליין, חברטע — ענטפֿערט ער שטרענג, אָבער לאַכנדיק.

דעמאָלט גייט זי אַ שטיק וועגס פֿאַרטראַכט און שטום. זי זוכט אַלץ ווערטער און געפֿינט נישט. זי וואָלט אויך געוואָלט זיין „אַלע־מאָל פֿאַרנומען“, און „נישט געהערן צו זיך אַליין“. דאָס שטייפֿע פּרעסטל צערויטלט אירע באַקן. ס'איז איר אַלץ שווער צו געפֿינען רייד, זי שטיקט זיך מיט זיי:

— שוין לאַנג, נאָך זומער... כ'האָב געלייענט „זשאַן קריסטאָף״. איז דאָרט אויך אַזוי: די היים װערט צעפאַלן און קיין װעג זעט זיך נישט. אַ ביכל, װו ס'רעדט זיך װעגן מוזיק און — אומעטיק.

— דאָ װוינסטו? — דערלאַנגט ער איר זיין האַנט און פאַר־האַלט זיך נאָך אַ װיילע — כ'האָב געקענט אַזאַ װי דו. געװען אַ שפּולערין ביי מיין מאַשין. יאָ, די פּראָװינץ... װייסט װו איך װוין? פאַרבלאָנדזשע אַמאָל, װעלן מיר כאַפּן אַ שמועס. שבת בין איך געװיינלעך פריי.

און איין איינעם אַן אָװנט האָט זי פאַרבלאָנדזשעט צו אים. זי איז געשטאַנען אין דער מיט צימער, אַ צערויטלטע, קומענדיק פון פראָסטיקן דרויסן. אַביסל שעמעװדיק, האָט זי אים אונטערגע־טראָגן איר האַנט. ער האָט געלאַכט מעטאַלערן און געפּירט זיינע פינגער איבערן נידעריק־געשוירענעם קאָפּ. ער האָט אַראָפּגענומען פון איר דעם מאַנטל, געפונען צװישן די פאָרהאַנגען אַ קנעפּל און באַלד האָט זיך דאָס דאַך־צימער אָנגעגאָסן מיט אַ גרעלער ליכטי־קייט. ער האָט געברענגט טיי, ברויט מיט פּוטער און צוגערוקט זיין שטול נענטער צו איר.

— עס — האָט ער זי פאַרבעטן צום אָרעמען מאָלצייט — כ'האָב היינט אַ פרייען אָװנט. שאַ, און מוזיק האָסטו עפּעס ליב? מאָרגן, סטערקעלע, גייען מיר אין פילהאַרמאָניע אויפן פרימאָרגן־קאָנ־צערט. מען זיצט אויפן באַלקאָן, װייל קיין ביליקערע פּלעצער זענען נישטאָ... אין אויסגעלאָשענעם זאַל — איז ער געװאָרן טרוימעריש — צינדן זיך פּלוצים אָן אויף דער נידעריקער ראַמפּע רויטע פייער־לעך, גרינע פייערלעך, בלויע פייערלעך, ס'הערט זיך אַזאַ זיסע, שטילע ברומעריי. ערשט דערנאָך שטורעמט עס אויף. „פּער גינט״. אין שטעטל האָסטו עס אַװדאי קיינמאָל נישט געהערט, װאָס?

מיט איין זופּ האָט ער אויסגעטרונקען דעם אָפּגעקילטן טיי און זיך פאַרװיקלט אין רויך פון אַ פּאַפּיראָס.

— כ'װיל אויך פּרוּװן פאַרציען — האָט זי געבעטן.

זי האָט זיך אַ װאָרף געטאָן צוקאָפּנס דער סאָפע און געלאָזן דינע שנירעלעך רויך דורך דער נאָז.

— געװען ביי אונדז אין שטעטל — האָט זי דערציילט — איי־נער אַ סטודענט, אַ פּאַרטייעטער אַזאַ, און גאַנצע אָװנטן — רוי־

כערט ער. „ס׳באַרואיקט די נערוועז״, זאָגט ער. דערנאָך איז ער פּלוצים פאַרשוואונדן. פּאָליציי האָט אים אַרומגעזוכט.

— נו, ס׳וועלן איצט זיין גענוג פרייע טעג — האָט ער אויפגעהערט אַרומצושפּרייזן — כ׳וועל דיר מאָגטיק מיטנעמען אויפן פּלאַץ „באַנקאָווי״, וועסטו אָנקוקן אַ מאַסע — מעטאַל־אַרבעטער, טראַנספּאָרטלער, פּוילישע, יידישע. אָבער כ׳מוז נאָך — האָט ער זיך געכאַפּט — דאָ ערגעץ אַראָפּלויפן. אַ פּאָדפּונקט. נאָך גוט וואָס כ׳האָב זיך דערמאָנט. לייען עפּעס דערווייל.

ווען ער האָט זי איבערגעלאָזן אַליין, האָט זי זיך פאַרוקט אין אַ ווינקל סאָפע, האַלב־צוגעלענט די אויגן, לייכט באַרוישט. פון הינטער דער וואַנט האָבן זיך געהערט עמיצנס שלעפּנדיקע טריט. צום לאָמפּ אינמיטן צימער איז געשוועמען אַ קליין וואָלקנדל רויך. ס׳איז איר דאָ מיטאַמאָל אַלץ אויסגעקומען אַזוי היימיש: דאָס נאַקעטע טישל, די באַנאַלע טאַפּעטן, דער קליידער־הענגער און דער אָנגעוואָרפענער שטויס ביכער אויף דער נידעריקער עטאַזשערקע. זי איז אַראָפּ, אויסגעלאָשן די עלעקטרי און פאַרשאַרט דאָס פאַרהענגל. איבער דער אָונטיקער שטאָט האָבן זיך אומגעוויגט לעמפּ, אויסגעלאָשן און צוריק אָנגעצונדן. הינטער שויבן האָבן רואיק געדרעמלט מושלינענע פאַרהענגלעך. שאָטנס האָבן זיך אָנגעהאַנגען, צערונען געוואָרן, אויף דער סאָפע האָט זי פויל דערטראַכט, אַז די שוועסטער וואָלט זיך אַוודאי בייז פאַרקרומט, ווען זי דערזעט איר איצט דאָ אין צימער ביי אַ פרעמדן בחור. ס׳איז איר דורכגעלאָפן דער ציטער, ווי דעמאָלט, אין יענעם גאָלדיקן פריי־האַרבסט, ביי דער ווייסל, ווען דער פרעמדער סטודענט, וואָס איז אַראָפּגעקומען פון די גרויסע שטעט, האָט זי געפירט געאָרעמט און זיינע ליפּן האָבן אַ בלאָנדזשע געגעבן אַרום אירע.

ליכטיקע פלעקן האָבן זיך געוויגט פאַר אירע לייכט־צוגעקלעפּטע וויעס, די היימלעכע טונקלקייט האָט איינגעוויגט, אַנטשלייפט. ווען זי האָט פּלוצים אויפגעמאַכט די אויגן, האָט די עלעקטרי ווידער העל געברענט. די טיר איז געשטאַנען האַלב־אָפן און ס׳איז קיינעם נישט געווען צו זען. אין צימער איז געווען אָנגעטראָגן אַזאַ קילע פרישקייט פון דרויסן. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום האַנט־זייגערל. דער גרויסער ווייזער האָט פאַרדעקט ס׳קלענערע אַ שטיקל

איבערן צוויי. הינטער איר האָט זיך שימעלע שטיל און ווייך אַ צעלאַך געגעבן. זיין נידעריק־אַרומגעשוירענער קאָפּ איז געווען פאַרגראָבן אין דער קישן. אין דער שפּעטער נאַכט האָט ער שטיל און זיס אַרויסגעזונגען. מעטאַלערנס איז געווען אין זיין שטים. די צעשוווּמענע שטריכן אַרום זיינע נאָז־פליגלען זענען געווען שאַרף. אַ שיכורלעכער נעפּל האָט געשוועבט איבער אים. זי האָט שוין מער נישט געדענקט אין דער שוועסטער, אין דער צעשאָקלטער גאַליאָרקע. זי האָט זיך געבעטן:

— זינג נאָך, זינג.

— ס׳איז שפּעט, נאַרעלע — האָט ער זי לייכט אַרומגעדעקט.

צו דער שוועסטער איז זי שוין אויך צומאָרגנס נישט געקומען שלאָפן. אין אַ שפּעטן פאַרנאַכט האָט זי אָוועקגעטראָגן איר שטרויערן קיישל צו עדזשיען אין צימער. דאָס קראַנקע מיידל האָט דאָסמאָל לאַנג געקליבן זיך אַראָפּצוגיין. פון אירע צוגעפּודערטע באַקן האָט געשלאָגן אַ הייסקייט.

— וווּ וועסטו דען גיין אין אַזאַ זאַווערוכע? — האָט איר סטערקע געוואָלט פאַרהאַלטן — לייג זיך, מען וועט דיר שוין דאָסמאָל מוחל זיין...

— פאַראַנטוואָרטלעכקייט! — האָט זי נישט געוואָלט הערן — כ׳וועל צוריקומען שפּעטלעך. אַ׳דן דאָ איין. מ׳עט שוין ווי נישט איז שלאָפן אין צווייען.

און דאָס קראַנקע מיידל איז אַוועק, אַנהוסטנדיק לאַנג אין פאַרדער־הויז.

די אומעטיקע ווענט האָבן אויך סטרעקען אַרויסגעטריבן. די בערזע אויף דער לעשנע איז געווען ליידיקלעך. אומגעריכט האָט זי׳ זיך ווידער דערזען פאַרן זעלבן טויער, ווו שימעלע וווינט. זי האָט נישט געוואָלט אַרויפקוקן צום פאַרהאַנגענעם פענצטער און דאָך האָט זי געכאַפּט אַ בליק. סאַמע אונטערן דאַך איז עס געלעגן, אַ ליכטיקס, אַ פאַרצויגנס. אין שניי־געסקריפּ, האָט זיך נאָכאַמאָל אויפגעכאַפּט פאַר איר די פרימאָרגנדיקע גאַס, ווען זיי האָבן זיך ביידע אומגעקערט פון קאָנצערט. ס׳איז געווען זוניקער יום־טוב אויף די פאַרשנייטע פלאַנטן אין די שטאָטישע גערטלעך און — דאָס אומרואיקע קלאַפּן פון אַ האַנט־זייגערל אין אַ ביינאַכטיק, אויס־

געלאָשן צימער. זי געדענקט נישט דאָס מיטנגאַכטיקע קלינגען אין טויער און ווי דער נעפּלדיקער אָוונט איז אַריבער געדענקט זי אויך נישט.

דערנאָך, אין ליכטיקן פרימאָרגן, אויפן אַנדערן טאָג, איז פריי־דיק געווען צו גיין איבער די פּראָסטיקע גאַסן און וויסן, אַז אין די וואָלקנדיקע פאַבריקס־שטיבן איז שטיל, די פעדים וויקלען זיך נישט אין ברודיקן טאָג־שיין, וואָס פאַלט דורך די פענצטער. זי האָט אָנגעהויבן צו דערקענען די פאַרלאַנגזאַמטע טריט און די אומ־רואיקייט פון די שפּאַצירנדיקע. זיי זענען דאָרט אָנגעקומען פון אַלע זייטיקע גאַסן, צום אָפּגעשלאָסענעם רינג־פּלאַץ. אַ פּראָסטיקער טוי איז געהאָנגען אויף די אָפּגעוועלקטע קוסטן פון די גערטלעך. לייכטע אויטאָס האָבן איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ בלוי רויכל און צווישן אָט די רויכלעך, אויפן מיטן ברוק, האָבן זיך געפּלאָנטערט מענטשן, צו צוויי, צו דריי, אין אָפּגעטראָגענע קורטקעס, אין אַראָפּ־גערוקטע היטלען. אין איינעם אַזאַ אַראָפּגערוקטן דאַשיק האָט זי דערקענט שימעלען. ער איז גיך אַריבערגעגאַנגען די גאַס מיט נאָך איינעם, אַ העכערן פון אים. זיי זענען פאַרשוונדן הינטער דער שורה נאַקעטע קליאָנען. איז פאַרבייגעגאַנגען און זיך נישט־וויסנ־דיק געמאַכט. פונדעסטוועגן האָט עס איר אַ קליין ביסעלע געאַרט. מיט אַ רגע שפּעטער האָט זיך דאָ ערגעץ אינדערמיט אויפגעכאַפּט אַ קליינער טומל און אַ פאַרשטיקט געזאַנג האָט זיך אָפּגעריסן פון יענער זייט גערטל. די טראָטואַרן זענען געווען אָפּגעליידיקט. אַ צוזאַמענגעשטופּטע שוואַרצע מאַסע האָט זיך געשפּאַרט אינדערמיט פּלאַץ אַריין. זי איז געוואַקסן. אַ וואַרעמער רויט האָט אַ פלעטער געגעבן אינדערלופטן.

אומגעריכט האָט זיך סטערקע דערזען צווישן אַלעמען. אַ בלייכ־קייט האָט זי באַשלאָגן. געגאַנגען איז איר צו דערכאַפּן מיטן אויג דעם קענטלעכן קאַסקעט, וואָס איז, דאַכט זיך, געווען שימעלעס. די אויסרופן פון די פאָדערשטע רייען, וואָס האָבן ביז אַרויפצו, ביזן זאַקסישן גאָרטן, פאַרשפּאַרט די גאַס, האָט זי נישט באַלד דערהערט, נאָר העכער פון אַלץ האָט די פּראָסטיקע לופט אויפגעציטערט פון „זאָל לעבן" און „נידער". ביים פאַרדריי האָט זי מיטאַמאָל דער־זען עדזשיען. יאָ, דאָס איז זי געווען. איר בלאַסן פּראָפיל האָט אַרומ־

געזוימט אַ שוואַרצער לאַק. זי איז געווען פאַרוויקלט אין זעלבן בלויען, אָפגעטראָגענעם מאַנטל. אַביסל ווייטער האָט דאָ ערגעץ געפלאַטערט אַ האַנט, אַ פאָר ברילן זענען ביי עמיצן אין געדראַנג אַראָפגעפאַלן. צווישן אומגעדרייטע פלייצעס האָט זיך געפלאָנטערט אַ ברוינער הוט. פון סאַמע פאָרנט האָט מען זיך שוין געהאַט אַ וויג־געטאָן אויף צוריק. דער מיטן פון דער מאַסע איז פלוצים געוואָרן ליידיקלעך, צעשאָטן. אַרום די ווענט, אַרום די אָפגעשלאָסענע טוי־ערן, זענען פאַרבליבן אַזויווי צוגעקלעפט אויפגעהויבענע פיס און הענט. ווייס מיידלש אונטערוועש האָט, ווי אַ טויב, אַ פלאַטער גע־געבן . איינדערלופטן האָט אויך געפלאַטערט קאַלטער שטאָל. זי האָט מער נישט געוווסט צו וועמען די אויסגעשרייען געהערן. אַלע דורכגענג זענען שוין געווען פאַרשטעלט פון אָט דעם בלענדנדיקן בליאַסק. דורך אַלע צוימען האָט מען זיך געריסן פון דאַנען. פיס, הענט, שטעקנס און אומגעוואַלגערטע פערד האָבן זיך אַ מיש געטאָן.

דערנאָך האָט זי ווידער דערזען לעבן זיך עדזשיען. זי איז גע־שטאַנען, דעם קאָפ פאַרוואָרפן צו די גאָרטן־שטאַכעטן, אָן אַ טראָפן בלוט אין פנים. דער אַראָפגעפליקטער בערעט האָט זיך געוואַלגערט ביי אירע פיס. אַזוי קלאָר און באַנג איז עס אַלץ פאַרבליבן, ווען מ׳האָט זיי אַלעמען, שטאַרק באַוואַכט, אַראָפגעפירט צום טעאַטער־פלאַץ.

### קאַפיטל זעקס

## דאָס קעלערל אויף דער מוראַנאָווסקע

מיט אַ לייכטן קאָפ־שווינדל איז סטערקע פאַרנאַכט געגאַנגען איבער דיזעלבע טומלדיקע גאַסן. דינע שניי־טראָפעלעך האָבן גע־קלעפט צו אירע וויעס. עדזשיעס צימערל האָט זי אָנגעטראָפן ליי־דיק. די אומעטיקע ווענט האָבן איר צוריק אַראָפגעטריבן פון דאָרט. זי איז געשוואומען איבער די אָונטיקע גאַסן און ס׳האָט זיך איר אַלץ פאַרגעדענקט דער פראָפיל, איינגערעמט אין שוואַרצן לאַק. נאָך מיט אַ טאָג פריער, האָט זי געהערט, האָט מען אַ גאַנצע גרופע אָפגעפירט אין דער מאָקאָטאָווער תפיסה. אומקערן זיך צו דער

שוועסטער איז נישט געווען נאָכוואָס. יענער לעצטער אָוונט איז שוין איצט געווען אַזוי ווייט — דאָס שטילע צימערל אונטערן דאַך, די מוזיק, דער זוניקער יום־טוב אויף די ראָזע שנייען, אין די קליינע, שטאָטישע גערטלעך. זי האָט דערוואַרט, אַז שימעלע זאָל איר היינט־מאָרגן אָפּשטעלן אויף דער בערזע, אָדער ביים אַהיימגיין פון דער אַרבעט. ער וועט זי לייכט אַ נעם טאָן אונטערן אָרעם און שמייכלענדיק אַ פרעג געבן: „נו, ווי פילט מען זיך נאָכן ערשטן אַרעסט?". דערנאָך וועט ער זי צובאַגלייטן ביז צו אַ ראָג, אַ בליק־טאָן אופן האַנט־זייגערל און אַ געשעפטלעך־צעטראָגענער, אָפּגעזעגענען זיך.

אָפּגעשטעלט אויף דער בערזע האָט ער זי דעמזעלבן אָוונט. ביים זייגער אופן ראָג איז אויף זיין פנים דורכגעפלויגן אַ נערוועזער שמייכל:

— מ'האָט דערציילט, אַז האָסט זיך גוט געהאַלטן. כ'האָב געמיינט אַז וועסט שרייען „מאַמע". אַ שפּאַס אינאַזייט — כ'האָב דיר ער־געץ צוגעטיילט. — און ער האָט איר דורכדרינגלעך אָנגעקוקט.

זיין אייליק אָפּגעזעגענען זיך האָט איר שוין מער נישט געאַרט. זי האָט אַפילו באַשלאָסן אויסצומיידן אים. אין פאַרהויכטן גאַסן־שפּיגל האָט זי זיך דאָסמאָל אינגאַנצן נישט דערקענט. דאָס גאָמב־קעלע איז געווען נאָכמער אויסגעשפּיצט און אירע באַקן האָבן אָנ־געוווירן די פראָווינצער ראָזיקייט. זי איז געווען מיד. אָבער דאָס שיקלדיקע אויג האָט געקוקט דרייסט פון אונטערן פאַרשווירענעם לאָק. זי איז שוין מער נישט געווען קיין פאַרבלאָנדזשעטע אין דער גרויסער און פרעמדער שטאָט.

לאַנג האָט זי נאָכגעקלערט די פּשוטע און אָפנהאַרציקע רייד פונעם מיידל מיטן מענערישן טראָט, אין גרויען פּאַלטן פון זעלנע־רישן שניט, וואָס האָט פאַרוויקלט איר שמאָלע טאַליע. אַ העל־בלאָנדע, מיט אַ שרייענדיקן גאָלדענעם צאָן פון פאָרנט, איז זי גלייך איבערגעגאַנגען מיט איר אויף „דו". באַקענט געמאַכט האָבן זיי זיך טאָקע דורך שימעלען. זיי זענען צוריקגעגאַנגען פון אַ שטיל, פאַר־לוירן הויז, אין אַ טונקעלן קוואַרטאַל, פון אַ זיצונג.

— נאַרישע! — האָט זי גערעדט מיט שמייכל און, ווי סטערקען האָט זיך צוערשט געדאַכט, אָן איבערלעבונג — ס'געפעלט דיר אַ

יאַט, גייט מען צוזאַמען וווינען. נישטאָ דערווייל קיין צייט אויף ווייענישן און קרעכצענישן...

— און אַז מ'האָט טאַקע שטאַרק ליב?

— יאָ, פֿאַרשידן... נעם און לייען אַדורך, למשל, קאַלאַנטאַיאַן. ס'איז נאָך, דעם אמת געזאָגט, אַלץ אַ מעשה אָן אַן עק... אַפֿילו דאָרט...

זי איז אַוועק אַן אומעטיקע, מיט אַ שווער געמיט. מער האָט זי פֿאַר קיינעם נישט גערעדט און געוואָלט פֿאַרגעסן אין אַלעם. די פֿרייע אָוונטן אירע האָבן זיך איצט אויסגעוויכערט אין די ענגע קאַוויאַרניעלעך אויף דער דזשיקע. האַלבע נאַכט האָט זי זיך אומגעקערט פֿון די בערזעס, פֿון די פֿאַרקאָפּטשעטע פּאַריינס־לאָקאַלן, פֿון די פֿאַך־פֿאַרזאַמלונגען, פֿון די שפּעט־פֿאַרצויגענע זיצונגען. זי האָט אַנגעקלונגען אין אַ נידעריק טויערל אויף דער מילע, גרינג געטענצלט איבער דער שטיג און אַוועקגעוואָרפֿן זיך אויפֿן אויפֿשטעל־בעטל, וואָס זי האָט אָפּגעדונגען אין אַ קיך פֿאַר צען זלאָטעס אַ חודש. פֿונעם אַנגעפּאַרענעם טראַמוויי און פֿון די שווערע קוילן־פֿורגאָנעס, וואָס האָבן זיך געטרייסלט אויפֿן ברוק, האָבן די שויבן געציטערט. געלע און ראָזע פּאַסן האָבן זיך געקייקלט איבערן סופֿיט, איבער די ווענט. אין די ווייטערע שטובן, הינטער טירן, האָט מען זיך כסדר געוועקט. די פֿרומע באַלעבאָסטע מיטן ווייסן נאַכט־הייבל און מיטן פֿאַלשן שנעבעלע, האָט נאָך האַלבער נאַכט אויפֿגעשטעלט סקריפּענדיקע בעטלעך, צעלייגט שעניקעס איבער דער גאַנצער שטוב פֿאַר פּראָווינצער יידן, קליינשטעטלדיקע ווינקל־רבילעך און קאַליקעס, שנאָרער, וואָס האָבן זיך געברענגט אַנצושלעפּן פֿון די צוגן און פֿון די אויטאָבוסן. די אכסניה איז אייביק פֿול געוועזן. באַלד אינדערפֿרי האָבן זיך דאָ אויפֿגעכאַפּט קריגערייען, אַ מורמלעניש פֿון יידן, וואָס האָבן אויפֿדערגיך אַריינגעשלונגען דאָס דאַווענען „פֿון פּאַרנט". זי האָט לאַנג געמוזט אָפּוואַרטן איר ריי אין קיכל ביים קראַן. דערנאָך האָט איר צוריק איינגעשלונגען דער גאַסן־טומל, וואָס איז געגאַנגען אויף דער דזשיקע.

די יינגע, די אונטערגעוואַקסענע, וואָס קומען אין פֿאַריין, אין די בערזע־קנייפּעס, בחורימלעך, וואָס הויבן זיך ערשט אָן אַרומצו

גאָלן דעם פּוכיקן האָר־אויסשיט אויף דער גאָמבע, האָבן שעמעוו־דיק געפּלאָטערט אַרום איר, האָבן זייטיק נאָכגעקוקט איר ענער־גיש באַוועגן זיך און געצויגן האָט עפּעס דער חן פון איר שיקלדיק אויג. אַלע האָבן זי געשלונגען מיט די אויגן, ווען זי האָט זיך אויף אַ פּאַך־פאַרזאַמלונג דרייסט געמאָלדן צום וואָרט. זי האָט גוט גע־ווּסט, אַז זי נעמט שטאַרק אויס מיט איר פּיסקל. זי האָט פאַרמאָגט שווּנג, דאָס מיידל, און האָט זיך אומעטום געוואָלט אָנזען. מען האָט זי געקליבן אין קאָמיסיעס, אין פאַבריק־דעלעגאַציעס און אין קע־מערל, ווו שימעלע האָט איר אויף זיין אחריות צוגעטיילט, האָט זי זיך געכאַפּט צו אַזעלכע אַרבעטן, וועלכע ס'פירן געוויינלעך אויס יינגלעך, איינשטעלערס. אָפּזיצן עטלעכע טעג איז געווען אַ נאַריש־קייט, אַבי די דעפּענסיווע האָט נאָר נישט געפונען צו וואָס זיך צו־צוטשעפּען. זי איז אַרומגעשוומען איבער די לאָקאַלן, איבער די אָוונטיקע בערזעס און ווען ס'איז אויסגעבראָכן אַ קאָנפליקט אין אַ פאַבריק, האָבן זיך אַלע אונטערגעוואַקסענע בחורימלעך געריסן צו גיין דווקא מיט איר אויפן שטרייק־פּיקעט. זי האָט דין גע־שמייכלט און איז געגאַנגען, אָבער אומגעקוקט אויף זיי האָט זי זיך נישט. זיי האָבן איר געלאַנגעווייליקט מיט זייערע שעמעוודיק־פאַר־פּלאָנטערטע רייד, מיט זייערע אומגעלומפּערטע קאָמפּלימענטן, מיט זייער שוואַכן האַנט־דרוק. זי האָט זיך געפילט וויכטיקער פון זיי. זי האָט שוין געהאַט דורכגעלייענט אַ סך ביכלעך און מיידלעך פון איר עלטער זענען געוויינלעך פאַרליבט אין די שיינע העלדן פון די ראָמאַנען. דאָס שטעטל, וואָס לאָזט זיך שיף אַראָפּ צו דער ווייסל, האָט אַרויסגעזונגען צו איר אין דינעם, פּייערלעכן אומעט פון גריקס מוזיק אין „פּער־גינט", אין דער פאַרטראָגענער קירכן־מוזיק פון באַך. די זונטיקדיקע פרימאָרגן־קאָנצערטן אין דער פּיל־האַרמאָניע האָט זי איצט זעלטן דורכגעלאָזן. די צעשאָטענע דע־מאָנסטראַציעס אויף די הילכיקע ברוקן און פלעצער פון שטאָט און די פאַרשטיקטע בוידעם־שטיבלעך, ווו עס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן די זיצונגען, האָבן געפּלאָטערט מיט דער דאָזיקער מוזיק. זי איז אומגעשוומען אין הוילער פּאָעזיע.

אימפּאָנירט האָבן איר די עלטערע פון זיך. דרייסט האָט זי אַ כאַפּ געטאָן געאָרעמט, גרינג, ווי אַ ווינטל, אָנגעהאָנגען זיך אין

זייערע הויכע אַקסלען. אין אַ שטיל הויז, צווישן טאָג און נאַכט, האָט זי גיריק געשלונגען דעם בלווילעכן רויך פון אַ פּאַפּיראָס, ווילעריש געבלאָזן אים פון זיך. ביים אָנצינדן דאָס ליכט, איז זי פאַרבליבן אַ צעפלאַמטע, אַ שויבערדיקע. זי האָט זיך אומרואיק באַטראַכט אין שפּיגל, זייער פאַרטאָן זיך אָפּגעזעגנט און איז צוריק אַנטלאָפן אויף די בערזעס, אויף די פּאָדפונקטן, צו די טומלדיקע פאַריינס־לאָקאַלן.

אין דעם ווינטער פון דער גרויסער שטרייקן־כוואַליע, ווען די צעאָדערטע טראַמוויי־שינעס איבער דער שטאָט, פאַרווישט אין נעפּל, האָבן געזשאַוועט, איז זי געווען אַן אָפטע איינגייערין אין קעלערל אויף דער מוראַנאָווסקע. זי האָט זיך באַוויזן און איז פאַרשוונדן. דאָס קעלערל איז געלעגן פאַרשטעקט אין אַ טיפן הויף, אַרומגעשטעלט מיט מויערן. דער סטאָלערײ־וואַרשטאַט האָט אַ גאַנצן טאָג גערודערט. ס׳איז געגאַנגען אויפן נאָמען פון די צוויי משה׳ס. דעם לאַנגן, דעם רויט־אָנגעגאָסענעם, האָט מען גערופן מויש, און דעם נידעריקן, מיט די גאָלדיקע האָר אויף די בלייכע, אָפּגעדעקטע הענט — משהלע. דער קליינער משהלע האָט אָנגעוואַרעמט דעם לאַם, פאַרשמירט די שטאַנגען און געפּאָרעט זיך אַרום די טירלעך פון די נאַכט־שאַפקעס. דער לאַנגער מויש האָט שווער געסיקעט מיטן הובל. בייטאָג איז אונטערן נידעריקן געוועלב געווען האַלב־טונקל און ביינאַכט האָט מען זיך צוזאַמענגעלייגט און אָנגעצונדן אַ ליכטל. געקליבן האָט מען זיך דאָ דער עיקר, ווען מ׳האָט געשטרייקט אין די יידישע טעקסטיל־פאַבריקלעך אַרום מוראַנאָוו. מ׳האָט געטענהט, גערעדט, דיסקוטירט, אָפּגערעדט פון אַ וועלט, אַרומגעקריגט זיך, פאַרצויגן אַ לידל און זייערע געדעמפטע קולות האָבן זיך געריסן דורכן פאַרווייעטן קראַטן־פּענצטערל. יעדן ביי־צוגעקומענעם האָט מען דאָ באַגעגנט מיט אַ פרייַשער ביבקע, אַנדערש איז ער נישט אַדורך אין דער קאָמונע. פאַר דער אויסגעהונגערטער באַנדע, וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעוואַלגערט זומערן און ווינטערן, איז עס געווען אַ גוטע געלעגנהייט איינמאָל כאָטש אָנצועסן זיך צו דער זעט....

אין די וואַרשעווער ווינטערדיקע פאַרטאָגן קרייען נישט קיין הענער אין שטעלעכל הינטערן פענצטער. די שטאָט ליגט איינגע־

קאָוועט אין אַ בייסיקן פּראָסט. אַז מען שאַרט אָוועק דאָס ברודיקע פּאַרהענגל, דערזעט מען דורכן אָפּגעהויכטן לעכעלע, ווי איבער קרומע דעכער צעשווימט אויפן פּלאַץ מוראַנאָוו אַ שיטערער נעפּל. פון אַלע ראַגן פּאָרן אַן טראַמווייען מיט אָנגעצונדענע שויבן. קוילן־פורגאָנעס ברענגען זיך אָנצוטרייסלען מיט די בריקן פון פּראַגע. אין אַזאַ פּאַרטאָג גלוסט זיך זייער נישט אַראָפּצוקריכן פון אָפּגע־דונגענעם אויפשטעל־בעטל. מען פּאַרגראָבט זיך אונטער דער צע־אָדערטער קאָלדרע, אַריינצוכאַפּן נאָך אַ דרעמל. וואָס צו פּאַרשפּע־טיקן איז סיי־ווי נישטאָ. דערפילט מען אָבער אַ קליינעם שטויס:

— קוקט עס נאָר אָן — געוואַלדעוועט די יידענע — מען קאָן זיך שוין צום „זלעוו" נישט דערשפּאַרן...

כאַפּט מען שנעל עפּעס אויף זיך און מען לאָזט זיך אַראָפּ גלייך צום קעלערל אויף דער מוראַנאָווסקע.

פון די ערשטע פּאַלט אַראָפּ דער געלער לייבל, אַ פּאָליטישער עמיגראַנט פון די קרעסן ערגעץ. פּאַראַנען נאָך אים שטעק־בריוו, פּאָליציי זוכט אים. אַלע פּאָר טעג ציט ער זיך איבער אויף אַן אַנדער מלינה. ער גליטשט זיך אומבאַמערקט אַדורך די גאַסן, דעם קאָפּ פּאַרשטעקט אין הויכן קאָלנער. גיריק שלינגט ער איין אין זיינע לונגען דעם בלוילעכן פּאַפּיראָסן־רויך.

— יאַטן! — פּאַלט ער אַראָפּ — כ'בין טויט־הונגעריק! ווער גיט מיר אַ פּאָר ציין? כ'האָב נאָך היינט קיין פּאַפּיראָס אין מיין מויל נישט געהאַט...

— גיי, ברעך דעם קאַרק! — נעמט אים דער לאַנגער מויש אויף מיט אַ ברוך־הבא — רויכערן גאָר... ס'שטייט אָפּגעקאָכט אַ טאָפּ מיט רייז און קיין הונט ווייזט זיך נישט... נאָכאַמאָל וועט מען אייך איבערלאָזן אַ גוטע קרענק...

באַלד נאָכמיטאָג יאָווען זיך אַראָפּ ביידע גלאַט־פּאַרשרונדיקטע מיידלעך, גוטקע און פּאָליע. די שטובן ביי זיי זענען יידישעלעכע, סוחריש־אָפּגעקומענע. די עלטערע טעכטער אין שטוב זענען אוודאי אויסגעגעבן פּאַר ביוראַליסטן, פּאַרשטייער פון קליינע פירמעס און אייגנטימער פון קליינע פּאַבריקלעך. אין די שטובן ביי זיי — אין די אַלט־איינגעפּונדעוועטע יידישע שטובן — שטייען דעמבע־נע, שווער־געשניצטע שענק. אין די טונקעלע עס־צימערן וויגן זיך

מעשענע הענג־לאָמפּן אויף זשאַווערדיקע קייטן. אין טאַטעשיס און מאַמעשיס שלאָף־חדר זענען די בעטן הויך־אָנגעגאָרנט מיט קישנס און קישעלעך. וויפל מען זאָל דאָרט נישט אַרומרוימען, בלייבט נאָך אויף אַלעם, דאַכט זיך, ליגן אַזאַ דינער שיכט שטויב. אין די זייטיקע חדרים שמעקט עס שוין מיט איינפלוס פון ייִנגערן דור. אַן עלטע־רער ברודער, וואָס האָט ביי דרייצן־פערצן יאָר באַקומען אַ גע־טוישטע שטים און קליינע אויסשיטן אויף דער גאָמבע, האָט דאָ איבערגעלאָזן אַ פידל אויף דער וואַנט. דער ברודער איז שוין לאַנג צוריקגעקומען פון אַן אייראָפּעאישן אוניווערזיטעט; צוליבן קריזיס, האָט ער אויפגעהערט צו באַקומען דעם חודש־געהאַלט און געמוזט רעזיגנירן פון דער מעדיצין. אַ סטודענט, אַן אייראָפּייער, האָט אים זיכער אויפגעכאַפּט אַ לייטיש, אויפגעקומען הויז אויף דער גענשע. אָבער דאָס בילד פון ייִנגן בחורל אין די אויסגעוואַקסענע הויזלעך איז דאָ הענגען־געבליבן, די פאַרשטויבטע פידל — אויך. אין די אַלע שטובן איז מען אין יענע פאַרפונדעוועטע יאָרן מאָד־נע זיכער געווען, אַז אין זייערע קינדער ליגן באַהאַלטן ווער ווייס וואָס פאַראַ גרויסע טאַלאַנטן.

די אונטערגעוואַקסענע מיידלעך זענען אַוועק פאַר שניידערינס, עפּטערינס, אַפילו אין פאַבריקן , און האָבן שוין באַשטאַנען חתו־נה צו האָבן מיט אַ געוויינלעכן באַלמעלאָכע, אָבער אַ פאַרדינער. די קליינע גוטקע איז „אַרויסגעגאַנגען" מיטן לאַנגן מויש. פון דעם בחורס אָנגעצויגענע מוסקולן האָט געקוועלט מיט ענערגיע, מיט זיכערקייט. די מיידלעך זענען דעריבער געווען אָפּטע געסט אין קעלערל. פון דער קליינער גוטקען האָט געשפּריצט מיט הוילן געלעכטער, נאָר די פאַליע האָט אַלעמאָל געשוויגן. איר איז אַלע־מאָל געווען אַביסל אומעטיקלעך. מען איז שוין דאָ מיד געוואָרן צו רעדן וועגן בראַניעווסקין און טובימען, צו לייענען אויף אויסנווייי־ניק זייערע פערזן. וויפל מאָל די קעלער־ווענט האָבן שוין דאָ גע־הערט באַגייסטערט דעקלאַמירן טובימס „טאַנצנדיקער סאָקראַטעס", אָדער — וועגן די לעכצענישן פונעם פאָעט, אין טומל פון דער גרויס־שטאָט, נאָך אַ קליין, פאַרוואָרפן פויליש שטעטל, וואָס זאָל זיך רופן לענטשיצע, אָדער אַנדערש; אָדער — „די בענקשאַפט מיינע האָט זיך איינגעשפּאַרט"...

— אַ סענטימענטאַלע פריילן און פּטור! — טוט אויף פּאַליען אַ קוק פונדערזייט דער לאַנגער מויש און נעמט זיך ווידער צום הובל. ער דרייט מערנישט אויס דעם קאָפּ, זיי זאָלן נישט באַמערקן זיין שמייכל.

— רעד נישט אַזוי, מויש! — נעמט זיך גוטקע פּאַרטיידיקן — פּאַליע האָט שוין, ווייסטו, באַלד אינגאַנצן איבערגעריסן מיט איר קליינבירגערלעכער פּאַרגאַנגענהייט...

נאָר פּאַליע הערט סיי־ווי נישט. אין צופאַלנדיקן אָוונט ציט זי אין זיך אַריין אַזאַ אומעטיקן סטעפּ־ניגון. ווי פון דינעם רויך, הייבט זי דערנאָך אַרויס אירע לייכט־אונטערגעפּירטע ברעמען, אַנטבלויזט דעם שיינעם עלנבויגן, צו פאַריכטן אירע נעגעריש־געקרויזטע האָר און אירע ווייסע, געזונטע ציינער פאַרוואַרפן אַ בלאַסן שמייכל:

— כאַ... אַלע זענט איר דאָ צום טויט לאַנגווייליק...

איבערצופרעגן איז נישטאָ וואָס. ער טוט אַ קורץ הוסטל, מויש, און צעפּאַכעט זיך אויפסניי מיטן הובל. „מער ווי דעם אומעט — טראַכט ער — קענען דיר אַזעלכע מיידלעך נישט אָנטרייבן. נאָר ס'איז זיי קאַלט, נאָר זיי טוליען זיך... געשמאַק, צום טייוול, זענען זיי פונדעסטוועגן"...

ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער אַלגעמיינער שטרייק, איז די טיר דעם גאַנצן טאָג געשטאַנען אויפגעפּראַלט.

— מזל־טוב!... — האָט זיך מויש אַ שטעל־געטאָן אין דער גאַנצער ברייט — מיט איינמאָל אַזויפיל אָנגעלייגטע געסט?

ס'איז געווען אַ פינצטערער נאָכמיטאָג אין יאַנואַר. אינמיטן העלן טאָג האָבן זיך אָנגעצונדן די עלעקטרישע לעמפּ אויף די ראָגן. פון ווינט, וואָס זיי האָבן דאָ אָנגעטראָגן, האָט זיך געטאָן אַ לעש אויס דאָס אָנגעטריפטע שטיקל ליכט. מען איז אַ פאַל געגעבן איינער איבערן אַנדערן מיט געלעכטערן און מיט קולות. דאָס פענצטערל אונטערן געוועלב איז פאַרהאַנגען געוואָרן. לכבוד די געסט, האָט מען אָנגעצונדן דעם גאַז־לאָמפּ. דאָס פלעמל האָט רויטלעך פאַרטשאַדעט די ווענט. דער געלער לייבל איז שטיינגעבליבן, ווי אַ האָן אויף אַ סטויג היי, אויפן שטויס ברעטער. שימעלע איז באַלד אַרויס מיט זיין מעטאַלערן באַסל. ער האָט געצופּט קלמנען, וועלכער האָט געהאַלטן אין איין ווישן מיט אַ שפּיץ פון אַ ברודיק

טיכעלע זיינע אָנגעהויכטע גלעזלעך, ער זאָל אים אונטערהעלפן. סטערקע האָט אים אַ באַקוק געטאָן און ס׳האָט זיך ביי איר גלייך אָפּגעריסן דאָס גלעקלדיקע, שקאָצעוואַטע לאַכעלע. אין דער טונקל האָבן די גרינלעכע, אויסגעהונגערטע אויגן ביי שימעלען אויפגע־לויכטן פאָספאָריש. געלאַכט האָט זי שוין דערנאָך דעם גאַנצן אָונט, די סטערקע, און נאָכמער — ווען שימעלע האָט איר אַ כאַפּ־געטאָן ביים האָר־שויבער צו זיך אין שויס אַריין און זיך געבעטן:

— געדענקסט?... יענץ לידל...

און זי האָט געזונגען. איר שטים איז געוועזן ווייך און בענקענ־דיק. געזונגען האָט זי, ווען אַלע האָבן אויפגעהערט צו רייבן צווישן די ציין די דאַרע בייגל, און נאָכדעם ווי מען האָט אויפגעהערט אַרומדינגען זיך מיטן לאַנגן מויש, וואָס האָט זיי דאָ אַלעמען גע־מאַכט אַ סיורפּריז און פּלוצים אַרויסגעצויגן פון די טיפע הויזן־קעשענעס אַ פלאַש.

— דערלאַנג אַהער! — האָט שימעלע געדונערט — דעם גומען צו באַנעצן... מאָרגן גייט מען סיי־ווי נישט צו דער אַרבעט...

אין דעם אָונט, ווען אַלץ אין שטאָט האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז ער געווען באַזונדערס הייטער.

— נעם — האָט ער סטערקען געשטופּט דאָס פלעשל צו די ליפּן — נאָר פאַרקרעק זיך נישט!

זי האָט געטרונקען מיט גרויסע שלוקן, ווי אַ מאַנספּאַרשוין, נישט פאַרהוסטנדיק זיך אַפילו. איין קלמן האָט זיך אָפּגעזאָגט צו טרינקען:

— אַ דאַנק! — האָט ער זיך געהאַלטן אין איין ווישן די ברילן־גלעזלעך — כ׳טרינק נישט קיין אַלקאָהאָל. דער דאָקטער האָט עס מיר פאַרווערט.

דערנאָך האָט מען אויסגעהערט אַלע פריילעכע און קאָמישע מעשיות פון געלן לייבלען. ער האָט זיי געהאָט מיטגעברענגט פון תפיסה, ווו ער האָט „אָפּגעקוועטשט" פינף יערלעך. מ׳איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן אָנגעוואַלגערטן באַרג הובלנעס און אַרומגע־רעדט יענעם מאָמענט, ווען די גאַסן און געסלעך אַרום מוראַנאָוו וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין באַריקאַדן. די פּאַפּיראָסן־פייערלעך האָבן זיך העל צעפינקלט. לייבלס קראַנקע לונגען האָבן געאָטעמט

מיט רויך. אין דידאָזיקע אומרואיקע טעג, ווען אויף די גאַסן זע־נען כסדר אַרומגעפאָרן די קעטשלעך, האָט ער זיך נישט אַרויס־געריירט פון קעלערל. צווישן איין מאָל פאַרציען און דעם אַנדערן, האָט מען אויסגעהערט ווי אַזוי מ׳האָט זיך עס אַלץ פאַרגעשטעלט אין דער תפיסה, ווי אַזוי מען האָט שוין דאָרט אַפילו געננבי גאַהאַט אויסגערעכנט די סטראַטעגיע פון פאַרכאַפּן איין גאַס נאָך דער אַנדערער אין וואַרשע...

— ...וואָס האָבן מיר שוין דען נישט געהאַט באַקלערט? מיט דער דזשיקע, האָבן מיר באַקלערט, וועט מען, דורך די הייזער, פון ביידע זייטן, האַקן וועגט פון אינעווייניק, צום טעאַטער־פּלאַץ. פון דאַך־אַראָפּ פון דער גרויסער טעאַטער־געביידע, איז לייכט צו באַ־שיסן דעם צענטראַל־אַרעסט, דעם ציטאַדעל און די ווייסל־ברעגן. און אַז די ערשטע פלוטאָנען מיליטער וועלן זיך עס טאָן אַ וואַרף־אַריבער...

אָבער דערציילט האָט ער דער עיקר קאָמישע מעשיות פון תפיסה:

— ...אַ „טשודאַק״ אַ ייד געווען און גערעדט האָט ער פאַר פייער און פאַר וואַסער: געווען אין דער פוילישער אַרמיי, אין 1920, דע־זערטירט, אַריבער צו די באָלשעוויקעס, פאַרוואונדעט געוואָרן הינ־טער מינסק. אין תפיסה, אַז מען פאַקט אַריין אַזאַ איינעם, איז פרייד־לעך. נאָך בייטאָג דערציילט מען אים, אַז ס׳מאַכט זיך אַמאָל, דער אויספאָרשונג־ריכטער קומט פלוצים אַראָפּ אינמיטן דער נאַכט... נאָכן אויסלעשן ס׳ליכט, לייגט זיך איינער אַוועק אונטער אַ נאַרע און רעדט פון אַ שוך אַרויס מיט אַ פאַרדומפּן קול. מען מעלדעט כלומרשט דורך דער טיר, אַז דער אויספאָרשונג־ריכטער רופט דעם פריש־געבראַנגטן. דער „אויספאָרשונג־ריכטער״, פאַרשטעקט אונ־טער דער נאַרע, פרעגט אַלץ אויס, שטרענג, גענוי, ערנסט און זאַכלעך: ווי דער זיידע הייסט, ווי די באָבע, מיט וואָס מען פאַר־נעמט זיך. יענער ענטפערט זייער צעמישט און ביי דער פראַגע, פאַרוואָס ער זיצט, רייסט ער זיך גאָר אויף: „אומשולדיק, פּאַניע „סענדזשיע״, אינגאַנצן אומשולדיק!״... רוקט אים דער ריכטער באַלד אונטער אַ גאַנץ אומבאַדייטנדיקע פראַגע: „צי קען מיר נישט דער באַשולדיקטער דערציילן ווי אַזוי ס׳האָט זיך אים עפּעס געלעבט אין

דער רויטער אַרמיי?״... דאָ פאַרשטייט ער שוין מער גאָרנישט און פּישטשעט אַרויס אומגליקלעך: „חברה — אַ פּראָוואָקאַציע!״...

הינטער אַלעמענס פּלייצעס האָט שוין דאָ דער לאַנגער מויש ער־געץ געשנאָרכט. שוין געווען גוט שפּעט און קיינער האָט זיך נאָך נישט גערירט פון אָרט; נאָר פונדערמיט האָט זיך ווידער אויפגע־כאַפּט דער געלער לייבל:

— ווער גיט מיר 5 גראָשן פאַרן טויער? כ'האָב שוין נישט קיין כוח צו קושן מיין אַלטער סטרוזשקע אין דער האַנט אַריין....

עמיץ האָט אָפּן־געלאָזן די טיר און אַ דינע קעלט האָט געצויגן. דאָס ווירבלדיקע שנייעלע אינדרויסן האָט שוין געהאָט אויפגע־הערט. פון איבער אַרומגעשטעלטע, פינצטערע מויערן האָט אַראָפּ־געקוקט אַ קליין פּאַסיקל אויסגעשטערנטער הימל. סטערקע איז געזעסן, דעם קאָפּ אַריינגענומען איןביידע אונטערגעשפּאַרטע דלאָ־ניעס. זי איז מיד געווען. אין די טעג איז זי פול געווען מיט פיבער. איבער די אָוונטיקע שפּאַציר־גאַסן האָט זי אַרומגעצאַפּלט ווי אַ פלאַטערל, געערדט מיט דעם, פאַרהאַלטן יענעם, אַנגעזאָגט, איבער־געגעבן און ווידער אַנטלאָפן. זי האָט דאָ אויפגעזוכט לעבן זיך שי־מעלעס אַקסל און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ. איר אָטעם איז געווען אַ רואיקער. בענקענדיקס האָט געציטערט איבער מויערן, הויך אי־בערן גרויס־שטאָטישן פאַרקער. ס'האָט זיך דאָ נאָך אַלץ אַרומגע־טראָגן דער ווידער־קול פון איר שטימעלע:

...אונדזער גאָרטן ליגט פאַרשאָטן<br>
אונטער טיפן שניי.

## קאַפּיטל זיבן

# דאָס ליד פון דער קראָכמאַלנע גאַס

דאָס ליד פון דער קראָכמאַלנע גאַס, ווו יעדער שטיין און יעדע וואַנט טראָגט נאָך אויף זיך די איינגעבאַקענע צייכנס פון „יענע יאָרן״, איז אַרויסגעשוומען פאַר אים ווי פון ראַזן נעפּל. הירש האָט געדרייט אין אַלע זייטן דעם מאָגערן זשורנאַל, געדרוקט אויף

שלעכטן, האַרטלעכן פּאַפּיר, און האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געוואָלט צוגלויבן. אַזאַ שטיקל האָט זי עס אים אָפּגעטאָן, די סטערקע.

ס'איז געווען ערב־פּרילינג אויף די ענגע וואַרשעווער יידישע גאַסן; געאַרבעט,ווי געוויינלעך, האָט מען נישט, און זי האָט אים אַוועקגעפירט צו די אַרומגעבראָכענע גערטלעך ביי דער ווייסל. אויף די צעטרעטענע פּלאַנטן האָבן זיך אַנעמישע גרעזלעך געצויגן צום לעבלעכן, דורכזיכטיקן ליכט; און אים איז מיטאַמאָל איינגע־פאַלן פאַרצולייענען איר פון אַ פּאַפּירל־אַרויס וואָס ער האָט אַנומלטן צעשטרייט אַנגעוואָרפן אויפן פענצטער־ראַם, צווישן די פאַרקאָפּ־טשעטע קוימענס און קרומע דאַך־שטיבלעך, אומקערנדיק זיך שפּעט פון גאַס. זי האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס פּאַפּירל פון זיין ציטערדיקער האַנט און ער איז איר נאָכגעלאָפן איבער די פּלאַנטן. זי האָט גע־לאַכט הילכיק און גלעקלדיק, זי האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן. ווען ער האָט איר שוין פעסט געהאַלטן אַרום דער שמאָלער טאַליע, האָט זי זיך מער נישט געריסן צו אַנטלויפן. זי האָט שוין מער נישט געלאַכט, געאָטעמט שווער און געלאָזן פאַלן איר קורץ־אַרומגעשוי־רענעם קאָפּ אויף זיין יינגלשן אַקסל. ער איז געווען עטוואָס העכער פון איר, דאָס שויבערל איז אים געפאַלן איבערן נידעריקן שטערן. מיט דער ערשטער זון זענען אים קינדעריש אַרויסגעטרעטן קלייענדלעך אַרום זיין פאַרהויבן נעזל און איבער די עקשנותדיק־אַנגעצויגענע מויל־ווינקלען.

— כ'וויל נישט, האָסט געלאַכט פון מיר — האָט ער געשטאַמלט — גיב, סטערקעלע, כ'וועל עס צערייסן, כ'שעם זיך.

— כ'האָב נישט געלאַכט — האָט זי גערעדט פאַרטראַכט — האָסט מיר איבער עפּעס דערמאָנט די ווייסל־ברעגן ביי אונדז אין פילעוו און בכלל... גיב עס מיר, ווילסט?

ער האָט זיך געקווענקלט און נישט געוווּסט פאַרוואָס ער זאָל עס איר נישט געבן.

דערנאָך האָבן זיי זיך דאָ ערגעץ געהאַט אַרויסגעפּלאָנטערט צווישן די מיטלאַלטערלעכע געסעלעך, באַרג־אַרויף, ביי אַלט־שטאָט. ס'איז געווען אַ זוניקער זונטיק. ווילעריש־בגילופנדיקע סאָלדאַטן און ראָזע דינסט־מיידלעך האָבן זיך געפירט פעסט־גע־

קלאַמערט, קונציק געשפּיגן אינדערלופטן און פאַרשאָטן דעם טראָ־טואַר מיט באַניע־קערלעך, געשטויסן זיך עק ריבאַצקע געסל אין די בידעריק־צעפּנטע טירן פון קינאָ „בייקאַ״, ווו ס׳איז געגאַנגען עפּעס אַ שטומער פילם אין סעריעס. פעסט־געקלאַמערט, ווי די סאָלדאַטן מיט די מיידלעך, האָבן זיי זיך ביידע אויך מיטגעשפּאַרט. אויפן עקראַן איז געווען אַ בייזער אַלטיטשקער, אַ יונגע, אַן אומ־גליקלעכע, מיט אַ קאָפּ ווילד־צעשאָטענע לאָקן, פאַרמאַכט אין אַ פּריצישן שלאָס, און אַ מאַן מיט שטייפע וואָנצן, אין אַ האַרטן קראַגן, מיט אַ שטרוי־הוט, מיט בלישטשענדיקע אויגן, ווי די מע־סערס. שרעקלעכע זאַכן האָבן זיך אָפּגעטאָן אין דעם פילם. ביינאַכט איז דער יונגער ליבהאָבער געקומען צופאָרן אין אַ „טאַלבאָ״ — אַן אַלטע אויטאָמאָבילן־מאַרקע — געכאַפּט די יונגע, די אומגליקלע־כע און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן מיט איר. ווען זיי זענען ביידע אויף אַ מינוט אַראָפּ פון עקראַן, האָט מען אין זאַל דערהערט די ריכטיקע באַמערקונגען אויף זייער חשבון. און אַז ס׳איז באַלד דער־נאָך ליכטיק געוואָרן, זענען די מיידלעך מיט אַ קוויטש אַרונטער־געשפּרונגען פון די סאָלדאַטסקע שויסן.

ווען זיי זענען אַרויסגעקומען פון דאָרט, איז שוין דער פאַר־נאַכט באַלד געווען צוגעפאַלן. אָבער אינמיטן פון פאַרפּאַקטן טראָ־טואַר איז זי אים דאָ ערגעץ פלוצים נעלם געוואָרן, די סטערקע, ווי אונטער דער האַנט. ער האָט איר לאַנג אַרומגעזוכט. „גיי, האָסט מיר אַפילו קיין קוש נישט געגעבן״ — האָט זי אים נאָך דאָרט צו־געוואָרפן און איז אויסגערונען. ער האָט שוין געקענט אַביסל אירע משוגעתן, און ס׳איז אים אין ראָזן, פרילינגדיקן פאַרנאַכט באַנג געווען צו פאַרבלאָנדזשען זיך אויף די איבערגעפּאַקטע טראָטואַרן.

ער האָט מער נישט געקלערט דערפון, ווי ס׳איז אים אומגעריכט געפאַלן אין דער האַנט אַריין דער מאָגערער זשורנאַל, געדרוקט אויף שלעכטן, האַרטלעכן פּאַפּיר, מיטן ליד וועגן ז י י ן קראַכ־מאַלנע גאַס. אַלע געבלוטן האָבן זיך אָנגעגאָסן ביים יינגל אין די אויסגעבלייכטע באַקן. אין יענער נאַכט האָט ער זיך געהאַלטן אין איין וואָרפן אויפן האַרטן געלעגער און ס׳איז צו אים קיין שלאָף נישט געקומען. ער האָט זיך אַלעמאָל אויפסניי געוואָרפן דורכצו־לייענען דאָס ליד, זיין ליד. ער האָט ממש דערפילט, ווי דער מאַמעס

יידיש לשון, די קראַכמאַלנע גאַס, ריזלט און זינגט אין זיינע אָדערן. איינגעשלאָפן איז ער ערשט פאַרטאָג, מיט אַ מידן, זיסן רויש. ער האָט זיך גאָר געשעמט צו ווייזן זיך פאַר מענטשן. נאָר סטערקע האָט אים שוין אויפגעזוכט, אַ צעשטראַלטע, ווי קיינמאָל נישט; זי האָט אים אָנגעזאָגט די בשורה, אַז אַלע פרעגן זיך נאָך ווער איז עס דער הירש מאַליווער און אַז דער חבר זלמן אַליין, האָט זי בסוד צוגעגעבן, וויל אים זען.

וועגן דעם חבר זלמן האָט ער אַ סך געהערט און טרעפן אים איז נישט געווען אַזוי איינפאַך. אין יענע יאָרן איז ער געווען די לעגענדע פון די רווישיקע, אומלעגאַלע אַרבעטער־בעוועגונג פון „מור־דזשיעל״. ער איז געווען אַן אייגענער, אַן אַרויסגעוואַקסענער פון זיי גופא, געוואַלגערט זיך יאָרן אין די פּוילישע תפיסות און איז אַרויס אַ פאַרהאַרטעווטער, אַ נישט־געבראָכענער. געקומען איז ער פון שטעפער־פאַך, פון די שעפּטל־מאַכערס. אין די פאַרוויכערטע פאָלקס־קיכן און אין די אַרבעטער־קלובן אויף דער קאַרמעליצקע, אויפן פשעיאַזד, וואָס זענען אויפגעקומען אין די שטורמישע פריי־לינג־טעג פון 1918, האָט ער זיך אַרויסגערוקט פאַר אַ פאַראַנט־וואָרטלעכן יוגנט־טוער. ער האָט נאָך דעמאָלט געטראָגן אַ סאַטינען העמדל, אויסגענייט מיט בלימעלעך, אַ ווילדן שוּיבער און איז מיט לייב און לעבן פאַרטאָן געווען אין די ביכער, וואָס מ׳האָט זיך צופיל נישט באַדאַרפט מיט זיי צו וואַרפן אין די אויגן. ביי דער גרויסער דיסקוסיע, אַרום „קאָמבונד״, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָננעמען די באַרימטע „21 פונקטן פון קאָמינטערן״, איז ער אַרויסגעטרעטן און מיט אים — אַ גאַנצע גרופּע. פון דעמאָלט אָן האָט ער אָוועקגעוואָרפן די יידישע שטעפער־וואַרשטאַטלעך אַרום מוראַנאָוו און איז געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער טוער. ער איז געווען אַן אויטאָדידאַקט. דאָס ביסל בילדונג האָט ער זיך דערוואָרבן פון אייגענער מי און פּראַצע, נאָך דער אַרבעט. זיינע איינפאַכע, האַ־מעטנע רעדעס זענען פול געווען מיט לעבעדיקע ביישפּילן און מיטן קאָלאָריט פון זיין מוראַנאָווער סביבה, אָנצוטאַפּן ממש מיט דער האַנט. „ס׳איז קלאָר — האָט ער געוואָרפן די ווערטער, ווי שווער־פאַרהאָרעוועטע מטבעות — דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל, די בורזשואַזיע גראָבט פאַר זיך אַליין ס׳קבר. עס האַנדלט זיך נאָר אין דעם, וואָס

שנעלער צו רופן פינקערטס עגלה מיט די „פּאַסאַרגעטע״ „פּאַגאַטאַ־וויע״־פערד און אַריבערפּעקלען אים אויפן גענשער בית־עולם״...

אין די אַרבעטער־קלובן האָט מען געשמועסט וועגן אים: „דער חבר זלמן איז אַן אייגענער יאַט, אַן אונדזעריקער... פון דער לעדער־בראַנזשע״. מ׳האָט אים אויך געדענקט אין די שטעט און שטעטלעך פון דער פּראָווינץ, ווו ער איז אַרויסגעפּאָרן מיט רעפעראַטן „וועגן לאַנד פון אָקטאָבער״, און די פּאָליציי האָט נאָך אין יענע יאָרן גע־האַט אויף אים אַן אויג. זיינע פּאָטאָגראַפיעס, אין פּראָפיל, דער ווילדער שויבער, די אָדלער־נאָז, דער געקאַרבטער שטערן און די עקשנותדיק־פאַרבויגענע גאָמבע, זענען גוט באַקאַנט געוועזן ביי זיי, אָבער די נעמען זיינע, וואָס ער האָט אָפט געפלעגט צו טוישן, האָבן זיי דערפאַר נישט געוווּסט. דערנאָך איז ער אויף אַ שטיקל צייט אינגאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן פון וואַרשע. מ׳האָט געשמועסט, אַז ער איז ערגעץ „אויף יענער זייט״, לערנט זיך. באַוויזן צוריק אויפן מוראַנאָוו האָט ער זיך ערשט אין די דרייסיקער יאָרן, שוין נאָכן אָפּזיצן פינף יאָר אין דער שוו. קשיסקער תפיסה, ווו די וועגנט זענען פייכט און די צעלעס — פון בלויזן שטיין. צוריקגעקומען איז ער אַן אויסגעבלייכטער, מיט אַ שטאַרקן ביינער־רעוומאַטיזם, מיט אַ נאַקעטן קאָפּ, אָבער מיט אַ נישט־פאַרלאָשענעם פלאַם אין די אויגן. דורך ווילנע, האָט אים סטערקע, מיט פּאַרזיכטיקע און זיכע־רע וועגן, אין יענעם ווינטער, צוריקגעבערענגט צו זיין מוראַנאָוו.

געוועזן זענען שוין אַצינד גאָר אַנדערע יאָרן. פאַרשאַרפטער עקאָנאָמישער קריזיס אין לאַנד, אין אייראָפּע. ס׳האָט זיך אַ מאָ־מענט געקענט אויסדוכטן, אַז אָט־אָט און דער גורל פון אייראָפּע וועט אַנטשידן ווערן דורכן 11־מיליאָניקן אָרגאַניזירטן דייטשן פּראָ־לעטאַריאַט; און דאָס וועט אויך זיין די אַנטשיידונג פאַר פּוילן. נייע, ברוויזנדיקע טענער האָבן זיך געלאָזן הערן אין די האַלב־לע־גאַלע אויסגאַבן, געדרוקט אויף שלעכטן, האַרטלעכן פּאַפּיר. ווי דאָס גראָז, וואָס שפּאַרט אין פרילינג פון אונטערן שטיין, אַזוי האָבן זיך פון דער פאַרשטיקטער יידישער פאָלקס־געדיכטעניש גע־ריסן צום לעבן נייע, שעפערישע כוחות. דער חבר זלמן איז געוועזן איינער פון די, וואָס האָבן אַמערסטן דערפילט די וויכטיקייט פון אָט דעם קאַדר און האָט זיך גענומען גרופּירן זיי אַרום די אויסגאַבן, אַרום די קולטור־קלובן, אַרום די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

אויפן מוראַנאָוו האָט עס שוין אין יענע טעג געשמעקט מיט ערב 1־טן מאַי, מיט שטילע אַרעסטן אין דער אויסגעלאָשענער, האַלבער נאַכט, מיט שווערע טריט, טירן־קלאַפּעריי, מיט רעוויזיעס. פאַרוואָרפענע פענדלעך האָבן זיך באַוויזן אויף די טראַמוויי־דראָטן, ספּאָנטאַן־אויסגעוואַקסענע מאַסוווקעס אויף ראָג דזשיקע, אין סאַמע גאַסן־געררויש. אַ יונגער, אַ פלאַמיקער, אויף די אַקסלען פון חברים, און באַלד דערנאָך — אַ פּאַנאַדערגעלויף, אַ געיעג...

ס׳איז געווען אין אַן אָוונט ערב דעם ערשטן מאַי, אין דעם גאַסן־פּלאָנטער אַרום מוראַנאָוו, ווען הירש האָט מיט האַרצקלאַפּעניש אָפּגעזוכט די טיר אויף אַ הויכן שטאָק. מ׳האָט אים אויפגעמאַכט און ער איז אַרייַנגעפאַלן צווישן אַ היימישן געררודער. לויט דער פיזיאָנאָמיע פון די אַלע, וועלכע ער האָט דאָ צום סאַמע ערשטן מאָל געזען, האָט ער גלייך דערפילט ווער זיי זענען. אין דעם ברייט־פּלייציקן, מיט די בלויע, מילדע אויגן, האָט ער דערקענט דעם פּאָעט פון די וואָלינער שליאַכן. ער האָט געזונגען וועגן דער אויס־געוואָרצלטער יוגנט פון די וואָלינער קליינע יידישע שטעטלעך: „נישטאָ ווו אַהינטאָן די כוחות, וואָס טריפן ווי סאָק פון די ליידיקע שטאָמען". דעם רעאַליסטישן דערציילער קורץ, האָט ער אויפגע־באַפּט לויט זיינע קליינע, נישטערנדיקע שוואַרצאַפּלען אינעם צע־אַקערטן פּנים — אַן איינפאַך, גרוי פּנים, אָפּשטייענדיקע אויערן. אַזאַ פּנים באַגעגנט מען געוויינלעך אַרום אייזערנעם טויער, אָדער אויף דער וואָלוווקע. מען איז דאָ געזעסן קאָפּ־אויף־קאָפּ, אויף די עטלעכע טאַבורעטקעס און אויפן בעטל. פון זעלבן פּאַפּיראָס האָבן זיך, לויט דער ריי, עטלעכע מיטאַמאָל אָנגעזויגן. דאָ האָט ער אויך צום ערשטן מאָל געזען ברווינערן, דעם אינטעליגענט, דעם שאַרפן מוח, מיט די בלישטשענדיקע פּענסנע אויפן נאַקעטן לענין־שאַרבן.

אויף אַלעמענס פּנימער איז אָבער געווען אַן אומרו. דער חבר זלמן האָט געזאָלט קומען אַרום ניין אַזייגער און ער איז נאָך אַלץ נישט געווען. דריי־פּערטל צען איז מען פלוצים געקומען געבן אַ צייכן אין טיר, אַז ס׳איז גלייכער מען זאָל זיך זען אָפּצוטראָגן פונ־דאַנען און וואָס גיכער. איינציקווייז, אָן מהומה, האָט מען זיך באַלד אַראָפּגעשאָטן פון די שטיגן און פאַרלוירן געוואָרן אין די אויסגע־לאָשענע געסלעך אַרום מוראַנאָוו. צופיל געפאַר איז געווען אין די אָוונטן ערב דעם ערשטן מאַי.

דער קליינער פאָלקס־שול־לערער, הערץ קאַסאָווער, מיט דער הויכער פלייצע, האָט אים דערנאָך דערקענט ביי דער לאַמטער אויפן פלאַץ מוראַנאָוו. זיי האָבן זיך דאָ געהאַט אַרויסגעפלאָנטערט פון די געסלעך און דורכגאַנגס־הייף דורך פאַרשיידענע זייטן און האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אומגעריכט. דער הערץ קאָסאָווער איז געווען אַ מענטש פון מיטעלן עלטער, אַן אַרבעטער־אינטעליגענט. ער איז געווען דער איבערזעצער פון עטלעכע פאָפולערע ווערק איבער מאַרקסיזם און אין די אויסגאַבן פון שלעכטן, האַרטלעכן פאַפיר האָט ער געצייכנט אונטער אַ פסעוודאָנים אַרטיקלען איבער טעאָרעטישע פראַגן אין דער ליטעראַטור־קריטיק. ער איז געווען אַן אַלטער זוכער, האָט געהאַט אַ שוואַכע, אָבער אָנגענעמע שטימע, איידעלע פרויען־הענט און ווייכע, גרויע אויגן. ער האָט נישט באַוויזן אויבן אויסצושטרעקן אים די האַנט, ווי מ׳האָט זיך גענומען אַראָפשיטן פון די שטיגן. אָבער ער האָט שוין געוווסט, אַז דאָס איז ער, דער פרישער, וואָס זיינס אַ ליד האָט זיך באַוויזן אין לעצטן נומער. אַזעלכע יונגעלייט, האָט ער געוווסט, באַדאַרף מען צו פירן, אָנווייזן. דאָס ליד זיינס האָט זיך מאָדנע אויסגעטיילט פון דער געוויינלעכער באָמבאַסטיק, וואָס איז באַשטאַנען מערסטנס אין „שעלטן דעם קאַפיטאַליזם אין גראַמען", טאַקע לויט זיינס אַ גע־לונגענער באַמערקונג. אין דעם ליד אָבער איז געווען אָנגערירט אַ בייער עפּישער טאָן וועגן דער טראַדיציע פון דער יידישער אַרבע־טער־באַוועגונג, וואַרשע, די קראָכמאַלנע גאַס, ווו יעדער שטיין און יעדע וואַנט טראָגט נאָך אויף זיך די צייכנס פון „יענע יאָרן". דאָס ליד איז געווען אָנגעלאָדן מיט עכטן, אוממיטלבאַרן רעאַליזם.

ביים ייִנגל האָט זיך שווערלעך אויפגעבונדן די צונג:

— כ׳האָב געוואָרט מיט אַ סך האַרצקלאַפעניש אויפן היינטיקן אָוונט און — צו טרעפן דעם חבר זלמן. אַז איך טראַכט אַזוי, דער־מאָן איך זיך מיין טאַטן פון „יענע יאָרן"...

— כ׳פאַרשטיי... דער חבר זלמן — האָט אים הערץ קאַסאָווער אָנגענומען ביים אָרעם — האָט איר טאַקע מער נישט געשריבן ווי דאָס ליד? דאָס געלייטערטע וואָרט קומט טיילמאָל אומגעריכט, ווי דער קוואַל פון אונטער שיכטן. איז אייער פאָטער טאַקע געווען אַן אַרבעטער און האָט געהערט צו די שטרייקערס אין 5־טן יאָר?

— ס'איז דאָס, וואָס כ'האָב געפילט — האָט דאָס ייִנגל גע־שטאַמלט אָפּגעריסן — איך האָב עס נישט געשריבן פאַר קיינעם. די קראַכמאַלנע גאַס, מיין יידישע היים, זינגט אין מיר. כ'האָב גע־לעבט אין אַ וועלט פון אילוזיעס און מיט איין מאָל, דורך אַ צופאַל קען מען זאָגן, איז אַלץ צערונען געוואָרן. ס'איז אפשר גלייכער אַזוי...

דאָ באַלד, ביים ראָג, האָבן זיי זיך קורץ אָפּגעזעגנט. הערץ קאַ־סאָווער האָט אים נאָך אָפּגעשטעקט אַ צעטעלע און אים אָנגעזאָגט:

— גיט עס איבער דעם חבר זלמן. ער דאַרף אייך עפּעס באַ־זאָרגן פאַר מיר. איר וועט אים דאָרט זיכער טרעפן, אויב, נאַטיר־לעך...

און צומאָרגנס אינאָוונט האָט ער אים טאַקע געטראָפן אומשפּאַ־נען אין אַ קאַרג־באַלויכטן צימער, אונטער אַ נידעריקן באַלקן. ס'האָט דאָרט געשמעקט מיט אומבאַוווינטקייט. אַזוי האָט ער אים זיך גענוי אויסגעמאָלט, אין די פיבערדיקע נעכט, אויפן האַרטן, יינגלשן געלעגער, אונטערן דאַך־פליגל. אַ הויכער, אַ פינצטערער, אַביסל שווערלעך און ברייט, פון וויניק באַוועגן זיך אַוודאי, מיט רויטלעכע, אָנגעשטרענגטע אויגן. ער האָט ווי אַן אַרעסטאַנט, גע־האַלטן אין איין אומשפּאַנען פון בעטל צום טיר. ס'איז דאָרט אַפילו נישט געווען ווו זיך אַראָפּצולאָזן. פון פענצטער־ברעט, איבער אַ געדיכט־אַראָפּגעלאָזענעם שטאָר, האָט ער צוזאַמענגעקליבן אַ בינטל פּאַפּירלעך, אַריינגעקוקט אין זיי, געשטראָכן, צוגעשריבן. דער שאַר־פער, פאַרוואָקסענער נאַקן האָט אַרויסגעקוקט פון לויז־צעשפּיליעטן קאָלנער. דעם ייִנגל איז געקומען אויפן געדאַנק די פייכטע תפיסה־צעלע, ווו דער מענטש האָט פאַרברענגט יאָרן און צוגלייך — אַן אָפּגעשלאָסענער מאָנאַסטיר, אַ שטרענגער, פינצטערער מאָנאַך. באַלד האָט ער זיך אומגעדרייט און ער האָט דערהערט מיטאַמאָל זיין טיפע, ברוסטיקע שטים. ער האָט דערפילט ווי דער איינפאַכער, אָפענער און וואַרעמער בליק פון אָט דעם אויסערלעך־שטרענגן מענטש נעמט אים אַדורך.

— וואָס איז דען דאָס גאַנצע? — האָט ער מיטגעשפּרייזט מיט אים פון בעטל ביז צום טיר, אין די אויסגעמאָסטענע שפּרייזן פון

אַן אַרעסטאַנט — דינען אונדזער דור, כדי דער קומענדיקער זאָל שוין לעבן פרייער און ליכטיקער.

און אַזוי איז עס טאַקע פאַרבליבן ביים יינגל, ווען ער איז אַראָפּ פון דאָרט אין שטילער צערודערונג: אַט דער דור, פון וועלכן די אַלע קומען, איז זיך מקריב...

## קאַפּיטל אַכט

## טלאָמאַצקע 13

צום מוזיקאַלישן פרימאָרגן, וואָס די קולטור־קאָמיסיע ביים טעקסטיל־פאַריין האָט מיט גרויס פייערלעכקייט צוגעגרייט אויף שבת אינדערפרי אין קינאָ „לוטניאַ", אויף דער כלאָדנע, איז סטער־קע געקומען פריער פון הירשן. זי האָט זיך אויסגעסטראָיעט אין איר גאַנצער אָרעמקייט. דאָס ווייסע, פרילינגדיקע בלוזקעלע האָט געפּעכלט פון ריינקייט. די קלעצער פון אירע נידעריקע שיך זענען געווען אַביסל אויסגעדרייט. דאָס גראַנאַטענע קליידל מיט די פאַר־וואָרפענע בענדעלעך — פון דיקן, ווינטערדיקן שטאָף. פון די מאָ־גערע סעזאָנען און פון די אָפּטע שטרייקן, האָט זי זיך נאָך דערוויילֹ קיין לייכט קליידל נישט געקענט אָפּשפּאָרן. דערפאַר איז זי געווען פריילעך און טענצלדיק.

צו די טירן פון זאַל האָט געשטראָמט אַן עולם יונגוואַרג. אין זייערע אַלעמענס אויגן איז געווען די יונגע זון פון לויטערן מאַי־פרימאָרגן. הירש איז, ווי געוויינלעך, געקומען אַנצולויפן אין דער לעצטער מינוט, מיט אַ שלעכט־אויפגעקעמטן שויבער. זיי האָבן דאָרט ערגעץ פאַרכאַפּט אַ פּלאַץ אין די הינטערשטע רייען אויף דער גאַלעריע, ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך שוין געהאַט אויפגע־הויבן, און דער חבר אהרון, דער סעקרעטאַר פון פאַריין, האָט שוין גערעדט פון דער הויכער טריבונע צום אָנגעפּראָפּטן זאַל וועגן דער פאַרצווייגטער קולטור־אַרבעט, וועגן דער מוזיקאַלישער סעק־ציע און דער יונגער דראַמאַטישער סטודיע.

זי האָט געשיינט, סטערקע, ווייל דער גאַנצער יום־טוב, האָט זיך איר געדאַכט, איז געווען נאָר צוליב הירשן. זי האָט אים אויף

קיין מינוט נישט אָפּגעלאָזן און ביי דער פּויזע איז זי אַליין געלאָפן, אויסגעקריגט זיך דאָרט מיט אַלעמען, און האָט פּאַר זיי ביידן גע־קריגן צוויי פּלעצער סאַמע אויבנאָן. די דראַמאַטישע סטודיע האָט זייט טעג געהאַט איינשטודירט אין אַ כאָראַלער דעקלאַמאַציע דאָס ליד הירשס וועגן לאַנד פון סאָציאַליזם, וואָס בויט זיך אין נייע טעמפּן, און וועגן דעם אויסגעוואָרצלטן ייד, וואָס אַקערט אויף דעם אומבאַטראָטענעם באָדן און זאָגט: „אָט דאָ וועט זיין מיין נייע היים״. דער זאַל האָט געשטורעמט פון אַפּלאָדיסמענטן און הירש האָט זיך, אויפן פאַרלאַנג פון אַלעמען, געמוזט אויפשטעלן און באַווייזן זיך. אַ צעטומלטער, האָט ער זיך באַלד דערנאָך פאַרשטעקט אין דער שטול.

פון דעמאָלט אָן האָט ער ביי יעדער פייערלעכער געלעגנהייט געמוזט קומען אויפטרעטן אין די פאַריינען. ער האָט אַנטדעקט אין זיך אַ מאָדנעם אימפּעטיקן פּאַטאָס ביים פאָרלייענען זיינע פערזן און מיט דעם יוגנטלעכן ברען האָט ער לייכט אָנגעשטעקט זיינע צוהערער. דער גרויער אַרבעטער־עולם פון מוראַנאָוו האָט דער־פילט, אַז דאָס רעדט אַרויס זייער אייגענע פרייד און זייער אייגענער ווייטיק דורכן מויל פון אָט דעם עקזאַלטירטן יינגל מיטן שלעכט־פאַרקעמטן שויבערל.

און סטערקע האָט אין יענע טעג נישט אויפגעהערט צו קלעפּן אַרום אים און איז געווען אומרואיק־צעטראָגן, ווען אַן אַנדער מיידל האָט אַמאָל אַרויסגערעדט צו אים אַ וואָרט. אַזוי אומבאַמערקט האָט זי זיך אַריינגעקריגן אין זיין פאַרטראָגן, יינגלש לעבן. זי איז שוין איצט אַרויפגעקומען אים זוכן אין ליטעראַטן־פאַריין, אַ ריינלעך־צוגעפּוצטע, אַ וויכטיקע, אין אַ קורץ, חנוודיק פוטערן מאַנטעלע און אינגאַנצן עפּעס אַ געענדערטע, ווי פריער, אין די אָנגערויכער־טע קאַוויאַרניעלעך אויף דער דזשיקע. זי איז געקומען אין שלי־חות פון חבר זלמן. הירש האָט זיך געריטלט, געווען צעטראָגן, גע־בעטן איר צוואַרטן און איז צוריקגעלאָפן אויפזוכן הערץ קאָסאָ־ווער צווישן די רוישיקע גרופּקעס, אין גרויסן זאַל.

עס האָט זיך אין יענע טעג גערעשט מיט דער סענסאַציע וועגן אגודהשן דיכטער, וואָס האָט זיך עפּנטלעך אָנגעשלאָסן אין דער גרופּע שרייבער, אין די שטורעם־אָנזאָגער. דער אַרויסטריט האָט

אויפגערודערט נישט נאָר די אָרטאָדאָקסישע קרייזן, נאָר אויך די בירגערלעך־ציוניסטישע און דער עיקר — די דזשיקע גאַס. צום עפנטלעכן אַרויסטריט אין זאַל פון ליטעראַטן־פאַריין האָבן זיך געגרייט אַלע מיט גרויס פיבער.

דער לאַנגער, שמאָלער זאַל מיט די אָפּגעבליאַקעוועטע גאַבעלינען, מיט די פּאָרטרעטן און בילדער, איז אין דעם אָוונט באַזעצט געוועזן ביז אַרויף. די פּאָרנטיקע שטולן האָבן באַצייטנס געהאַט פאַרכאַפּט די מוסקולירטע ייִנגלעך פון טראַנספּאָרט־פאַריין, ווען אויף דער טריבונע איז אַרויפגעקומען מיט אומזיכערע טריט דאָס בלייכע, חסידישע בחורל. לאַנג האָט ער נישט באַוויזן צו רעדן וועגן מאָנאָטעאיזם און זיינע סיבות, וועגן דער היסטאָרישער פאַרענדערלעכקייט, ווי אין די הינטערשטע רייען האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל. דער זאַל איז פול געוועזן מיט חסידישע יונגעלייט, אין די קליינע היטעלעך, אין די קאַפּאָטעס; די מיידלעך פון די „בית־יעקב״־שולן און באַלעבאַטישע יונגעלייט אין ברילן, מיט אַ נישט־געגאָלטן אויסשפּראָץ אויף די באַקן. מען האָט דערנאָך דערציילט, אַז אויפן זאַל זאָל זיך אויך האָבן געפונען זיינס אַן עלטערער ברודער, אַ רב, וואָס האָט געריסן נאָך אים קריעה. מען האָט דעם סקאַנדאַל באַצייטנס איינגעשטילט, אויס מורא פאַר פּאָליציי.

די רעפּאָרטערן פון דער יידישער פּרעסע האָבן שנעל צוגעטראָגן די סענסאַציע פאַר די פרימאָרגן־אויסגאַבן און די פּובליציסטן האָבן געגרייט זייער וועכנטלעכן אַרטיקל. יעדער איינער לויט זיין שטעלונג, האָט דעם פאַל געזען סימפּטאָמאַטיש. אין זאַל, ווו כמעט אַלע ליכטער זענען שוין געווען אויסגעלאָשן, האָבן זיך די דיסקוסיעס און גערעדערייען פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

דער ציוניסטישער עסקן, סיים־דעפּוטאַט און פּובליציסט גמזו, אַ ייד אַ ריז, מיט אַ נאַקעטן שאַרבן און מיט שטעכיק־אונטערגעשווירענע וואָנצן, איז דאָרט אומגעריכט זיצן־געבליבן צווישן דער אונטערגעוואַקסענער חברה. די שטורעם־אָנזאָגער, די מיטאַרבעטער פון עם זשורנאַל פון שלעכטן, האַרטלעכן פּאַפּיר, האָט מען דאָ געוויינלעך אויסגעמיטן און אַזויווי נישט באַמערקט. ער האָט געזופט די אויסגעקילטע האַלבע־שוואַרצע און געוואָלט פאַרשטיין דעם שכל וואָס דער חסידישער יונגערמאַן האָט דאָ אָנגעמאַכט אַזאַ טומל אַרום זיך:

— נו, איז וואָס געדרונגען? — האָט ער אָוועקגעמאַכט — און אַז מען הערט שוין אויף צו גלויבן אין אויבערשטן, באַהאַלט מען עס פאַר זיך, מען שרייט נישט, מען געוואַלדעוועט נישט. מה רעש? אין אונדזערע יאָרן האָבן יונגעלייט געגעסן בשר־קוויטש אום יום־כיפּור, זיי האָבן אָבער נישט געמאַכט דערפון אַזאַ ווען!...

געקאָכט האָט זיך דער עיקר דער אַלטער רוסישער אינטעליגענט ביעלינקי, דער געוועזענער ס. ר. ־אָוויעץ, דער פיינפילנדיקער אי־בערזעצער פון די רוסישע קלאַסיקער, דער פאַרליבטער אין פּוש־קין און לערמאָנטאָוו, וואָס ער האָט זיי געפלעגט צו רעציטירן מיט דער ברייטער רוסישער פּאַטעטיק פון שלאָף אַפילו, אָוועקפאַלנדיק אַ שויבערדיקער ביי אַ טישל אין ליטעראַטן־פאַריין. ער איז געווען נאַכט־רעדאַקטאָר אין „מאָמענט״ און האָט זיך יעדן באַגינען אַריינ־געשטעלט אַהער מיטן צעבויגענעם קאַפּעליושל, מיטן אָפּגעביסענעם ליולקעלע און מיטן זשומענדיקן „דאַ אוכניעם״ צווישן די פרעמדע, קלאַפּנדיקע ציינער. ער איז געווען דער פּראָלעטאַריער צווישן די סאַמע אָרעמסטע יידישע זשורנאַליסטן און פול מיט סימפּאַטיע פאַר די יונגע, די שטורעם־אַנזאָגער.

— נאָכוואָס פאַרמאַכן די אויגן, „גאָספּאָדין״ גמזו? זיי ראַנגלען זיך, „די „מאַלאָדיאָזש״, זיי זוכן אַ וועג פון דער בלאָטע, אין וועל־כער מיר אַלע טאַפּטשען. איר זעט דען נישט וווהין מיר גייען? — צום אָפּגרונט גייען מיר.

די יידישע פּרעסע אין פּוילן האָט איבערגעלעבט דעם לעצטן, גרויסן קריזיס, פאַרן אונטערגאַנג. אַפילו די קיצלדיקע שונד־ראָ־מאַנען האָבן מער נישט געהאָלפן. מען האָט נאָך מיט אַלע מיטלען געפּרווט צו ראַטעווען. כמעט אַלע צייטונגען האָבן זיך איבערגע־בויט אויף געשלאָסענע קאָאָפּעראַטיוון, צוזאַמען מיט די באַלעבאַ־טים, די שרייבער און זעצערס. אויף די יערלעכע אַלגעמיינע פאַר־זאַמלונגען פון ליטעראַטן־פאַריין זענען אויסגעבראָכן ווילסטע סקאַנ־דאַלן, קריגערייען איבער אַ גראָשנדיקן קאָרעקטאָר־פּאָסטן פאַר אַן אָרעמען זשורנאַליסט, פאַר אַ שרייבער. עס האָט אַלעמאָל גע־האַלטן אַפילו דערביי דער לאָקאַל זאָל געשלאָסן ווערן; אָבער די אַלע, וואָס געדענקען נאָך דעם קלוב, ווען דער אַלטיטשקער יעקב דינעזאָן אַליין איז געווען דער ערשטער פּאָרזיצער, האָבן אויפגע־

הויבן אַ טומל און נישט דערלאָזן. די ווענט דאָ האָבן נאָך געטראָגן אין זיך שפּורן פון יענע יאָרן, די יאָרן פון פרילינגדיקן שוווּנג און פון גרויסע האָפענונגען — די אַפּגעבליאַקעווטע גאָבעלינען, דער גרויסער פּרץ־פּאָרטרעט, די בילדער און צייכענונגען פון יידישע קינסטלער. דער זאַל האָט געזען יום־טובדיקע קולטור־מאַניפעסטאַציעס, רווישיקע דיסקוסיעס פון דער פרילינגדיקער דיכטער־כאַליאַסטרע איבער די נייע פאָרם־זוכענישן אין דער יידישער ליטעראַטור. מיט די יאָרן איז אַלץ זיך פאַנאַנדערגעפלויגן, דער קריזיס האָט ביסלעכווייז אַלעמען פאַרטריבן. די לאַגערן האָבן זיך שטרענג פאַנאַנדערגעטיילט; ווער ס'איז אַוועק קיין ראַטנפאַרבאַנד, ווער קיין פאַלעסטינע, ווער קיין אַמעריקע. דאָס ליטעראַרישע יידישע וואַרשע האָט געפּוסטעוועט. אָבער אין דער טיף האָבן שוין גע־שטורעמט נייע, יונגע כוחות.

דעם סימן פון פאַרשאַרפטן קריזיס האָבן דאָ אַלע מיטאַמאָל דער־זען מיטן באַווייזן זיך פון די פרישע. די יונגעלייט, מערסטנטייל פּראָווינצער, זענען נישט געקומען שעמעוודיק צווישן די ווענט פון ליטעראַרישן היכל. אין זייער זשורנאַל פון שלעכטן, האַרטלעכן פּאַפּיר האָבן זיי געפּרווט צו שטורעמען די אַלטע, איינגענעסטיקטע בירגערלעכע טראַדיציעס, זיי האָבן געהאַלטן די האַנט אויפן פּולס פון דער צייט און האָבן גוט געוווּסט וווּהין זיי גייען. אומגעריכט איז דער טיראַזש פון אָט דעם מאָגערן, האַלב־לעגאַלן זשורנאַל, וואָס די גאַנצע רעדאַקציע זיינע האָט זיך געפונען ביי עמיצן פון זיי אין אַ קעשענע, אויסגעוואַקסן. יעדער נייער נומער איז געוואָרן אַ געשעעניש פאַר דער יידישער יוגנט אין וואַרשע און אין דער פּראָווינץ. די זאַלן, ווו זיי זענען אויפגעטראָטן, האָבן זיך געבראָכן. מען האָט זיך געמוזט מיט זיי רעכענען. זיי זענען געווען די שטור־רעם־אָנזאָגער, פאַרן גרויסן אונטערגאַנג.

צווישן די פּראָווינצער יונגעלייט, וואָס האָבן דאָ געטאָגט און גענעכטיקט, געטומלט זיך, געצויגן פון די קעשענעס מאַנוסקריפּטן, אויסגעבעטלט איינער ביים אַנדערן אַ פּאָר צי און געשמאַק אונטער־געהונגערט, האָט זיך הירש אומזיכער געשאַרט אינאַזייט. אַפילו די פיינשמעקער האָבן געמוזט אָנערקענען דעם עכטן פּאַטאָס אין זיי־נע שטילע לידער, וואָס האָבן נישט סתם געשריגן מיט דער שפּראַך

פון לאָזונגען. זיי האָבן געבלעגדט מיט דורכזיכטיקע, זוניקע רעגנ־בויגן־קאָלירן און דינע פלעקן פון אַן אַקוואַרעל. עפּעס איז געווען אין זיינע לידער שפּעטער זומער, שטילע האַלב־טענער פון פאַר־גיין און קילע, פילאָזאָפישע באַטראַכטקייט. ס'איז געווען אין זיי אינערלעכער געראַנגל מיט דער מאַמעס שבת־ליכט, מיט דער אומע־טיקער שטוב, פונוואַנען די גרויע נויט האָט פאַרטריבן די היימישע. ער איז געווען צוזאַמען מיט אַלעמען אויף די אויפגעשטורעמטע ברוקן, ער האָט עס אָבער אַלץ דערזען דורך דער קרומער שויב פון זיין היים, ווו ס'איז אַמאָל געשטאַנען זיין קינדערישע וויג. ער האָט געזונגען וועגן אַ היימלאָזער יוגנט, וועגן אַ ליבע אויפן הפקר פון ווינט.

שרייבער מיט סטאַזש, וואָס האָבן אין יענע יאָרן אַמאָל אויפ־געבליצט און די קריטיק האָט געלייגט אויף זיי גרויסע האָפענונ־גען, האָבן זייטיק אָנגעקוקט דאָס שטילע ייִנגל. זיינע לידער זענען געווען אויף די ליפּן ביי דער ייִדישער יוגנט. דאָ האָט זיך אומגע־דרייט דער פאַרעלטערטער דערציילער בליוויִס, מיט רויטלעכע אויגן, ווי ביי אַ פיש, מיט אַ האַרטן קראַגן און אויסגעגלאַנצטע הויזן. אין אַלע זיינע פאַלדן איז, דאַכט זיך, געלעגן אַ שטויב. אין די דיקלעכע זשורנאַלן, וואָס קיינער האָט זיי מער נישט געלייענט, האָט ער פאַרעפנטלעכט דערציילונגען פון אונטערגאַנג, וועגן אַלער־ליי אומנאָרמאַלע מענטשן מיט קרענקלעכע איינרעדענישן און ביי־גונגען, וואָס דערציִען די טרויעריקע עקזיסטענץ מיט דער געדע־כעניש פון עפּעס אַן אומקלאָרער פאַרגאַנגענהייט. ביי יעדן פון זיינע העלדן האָט געדונען פון אַן אויג, פון אַן אויער, יעדער האָט געהאַט עפּעס אַ מיחוש, אַ גייסטיקן, אָדער אַ פיזישן. עס האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט דער גאַליציאַנער דאָקטער, פעלד־ראַבינער, פּול־קאָווניק פּייוולזאָן, מיטן גרוילעכן קאָמעץ־בערדל, אַ שטייפער, אַ וויכטיקער, אַ קרוב־למלכות. ער האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט אין זיין מיליטערישן מונדיר מיט די גלאַנציקע קנעפּ, מיטן קורצן שווערדל, און האָט גערעדט דייטשמעריש:

— גענדיכטע, דאָס הייסט שירים פאַרפאַסן זי? — האָט ער זיך פאַרהאַלטן ביי אַ טישל, פאַטשנדיק מיט די זאַטע ליפּן — דאָס איז ווירקליך פאַבעלהאַפט... פאַבעלהאַפט...

פאַרן שעף פון דער דעפענסיווע און פאַר די אַגענטן, וואָס זע־נען דאָ לעצטנס אָפּט און אומגעריכט אַרויפגעקומען ביִשטערן, רעווידירן די דאָקומענטן, איז זיין מיליטערישער מונדיר געווען אַ שטיקל סגולה. זיי האָבן סאַלוטירט, גערעדט צו אים זייער איידל און האָבן געגעבן אָנצוהערן, אַז זיי ווייסן — זיי ווייסן אַלץ... עס זענען, זעט אויס, געווען צינגער, וואָס האָבן אונטערגעטראָגן, אַז עס בלאָזן דאָ נייע ווינטן.

די טירן האָבן דאָ דעם גאַנצן טאָג נישט גערוט, די טעלעפאָנען האָבן געקלונגען, רעפּאָרטערן און ליטעראַרישע קיביצערס האָבן דאָ דעם גאַנצן טאָג, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, געשפּילט אין קאָרטן, אין שאַך, אונטערגעברומט בשעת מעשה חזנישע שטיקלעך, לידלעך פון דער יידישער אָפּערעטע, געהיצט זיך, געשריגן. מען האָט דאָ נאָר געהערט אַרום די טישלעך:

— פּושער, גיב אַכטונג, ווערסט „פאַרקילן" די מלכה...

— זאָל דיר נישט דאַרן דער קאָפּ. ליג איינגעלייגט...

אין דעם ווינט פון טירן, האָט דער חבר זלמן איבערגעשיקט דורך סטערקען מאַטעריאַלן פאַרן זשורנאַל. דעם זשורנאַל האָט מען אָפּט קאָנפיסקירט און ער האָט געמוזט טוישן די נעמען. ער האָט זיך דאָ נישט געוויזן, דער חבר זלמן, ער האָט זיך דאָ נישט גע־טאָרט באַווייזן. ער האָט געלעבט דאָס לעבן פון אַ פאַרפאַלגטן וואָלף, אין געדיכטן וואַלד פון יידישן מוראַנאָוו, אין לאַבירינט פון די געסלעך און דורכגאַנגס־הייף. הירש האָט זיך דאָ אין פינצטערן ביבליאָטעק־צימער געבלענדט די אויגן איבער זיינע צעשאָטענע בלעטלעך. ער האָט נאָך אַלץ איבערגעלעבט דעם ציטער, אויס־בעסערנדיק לייכט זיין פאַרגרייזטע אָרטאָגראַפיע און די אומגעע־לומפערטע, קינדערישע און רירנדיקע האַנטשריפט. צווישן טאָג און נאַכט האָט ער לייכט דערפילט דאָס שאָטנדל, וואָס האָט זיך דין געלייגט אויף די בלעטלעך, די שטילע טריט הינטער זיין רוקן. ער איז, נאָך אַלעמען, געווען אַ ליבער און אומעטיקער מענטש, הערץ קאָסאָווער, און אַפילו זיין אומגליקלעכע יוגנט־ליבע, פון אַמאָל, שוין זייער לאַנג מסתמא, האָט ער נישט געקענט פאַרבאָ־האַלטן אין שטילן שמייכל פון זיינע גרויע אויגן, כאָטש ער האָט קיינמאָל פאַר קיינעם קיין וואָרט נישט געלאָזן פאַלן. ער האָט די

בלעטלעך אַראָפּגעלאָזט אַן דער טיפער קעשענע פון זיין אויסגע־ריבענעם מאַנטל פון אַ פאַרעלטערטער מאָדע.

— ברוינער — האָט ער געוויזן מיטן בליק אויף די בלעטלעך — וועט שוין ווידער האָבן איבער וואָס צו טרייבן זיין דינע, ביטערע איראָניע. ער מיינט אַוודאי, אַז יעדער איינער האָט זיך געקענט אוסוויילן אַ רייכן גאַליציאַנער טאַטן...

ברוינערן, דעם אינטעליגענט, דעם שאַרפן מוח, וואָס האָט גע־האַט הינטער זיך צוויי פאַקולטעטן אויפן קראָקעווער אוניווערזיטעט און איז געקומען פון די סטודענטן־קרייזלעך, איז אַנפאַרטרויט גע־וואָרן די לעצטע רעדאַקציע פון די מאַטעריאַלן. ער האָט געפינקלט מיט די גלעזער, געבליקט אין די בלעטלעך אַריין, געקרומט זיך.

ס'האָט זיך געטראָגן פון אים מיט ווינט, ווען ער איז אַרויפ־געפאַלן אַהער. ער האָט געוווסט, אַז פון אַלע טישלעך קוקט מען אים נאָך, אַפילו די סימפּאַטישע אַרטיסטקעס פון „יינג־טעאַטער", וואָס שטייען אויף נאָכן האַלבן טאָג און קומען אַרויף אַהער אַרומ־פלוידערן ביז דער פאַרשטעלונג מיט די רעצענזענטן.

צו דר. פייוולזאָן, וואָס האָט אים אַלעמאָל פאַרטשעפּעט און דווקא געזוכט צו פאַרפירן מיט אים אַ וויכוח, האָט ער גערעדט אין אַ פאַרפומירטן פויליש, שפּיציק, מיט די כאַראַקטעריסטישע גאַליציאַנער שטעכיקע אַנצוהערענישן.ביידע האָבן זיי זיך גערופן „הער דאָקטער" און האָבן זיך טיף פאַרנויגט, אויסלאַכנדיק זיך איינער דעם אַנדערן הינטער די פּלייצעס.

## קאַפּיטל ניין

# אויף דער אַטוואַצקער ליניע

אין יענעם הייסן זומער האָבן פרויען אין וואַרשע געטראָגן קאָליריק־געפלאָכטענע שיכלעך און ווייענדיקע סיצן־קליידער פון אַ דורכזיכטיקן אָרגאַנזש, מיט זילבערדיקע שטרייפעלעך. ס'איז געווען ביליק און שיין און לייכט צו באַוועגן זיך צווישן די ענגע מויערן פון שטאָט, ווו ס'איז אַראָפּגעפאַלן אַ שווערע חמימה. פון פריי־

מאָרגן, ווען גאַסן־שפּילער און היימלאָזע אַרטיסטן האָבן אין די פינצטערע, טוכלע הויף־קאַסטנס איבערגעוועקט מיטן פרילינגדיקן ליד —

ס'איז ווידער גרינער מאַי,
קאַשטאַנען שטייען שוין אין בליאונג.

ווען אָפּגעשליסענע יידן האָבן פאַרחלשט אַרויפגעשריגן: „אַלט־וואַרג קויף יעך, אַלטוואַרג", האָבן גרויע, אַרבעטלאָזע מענטשן געצויגן צו די זאַמדיקע ברעגן אויף יענער זייט ווייסל.

די דזשיקע גאַס, וואָס האָט שוואַך געאַרבעט, האָט זיך געראַיעט אין דער פאַרחלשטער, מיטנטאָגיקער היץ. האָט זי אַ כאַפּגעטאָן אַ שטיקל ברויט, סטערקע, איר באַד־קאָסטיומל, און פאַרבייגייענדיק דאָס קעלערל אויף דער מוראַנאָווסקע, אַ רוף געגעבן דער קליינער גוטקען, פראַנקען, פאַליען מיטן נעגעריש־געקרויזטן קאָפּ און זיי זיינען אַלע אַרונטער צו דער „ווילדער פּליאַזשע".

איוף די אויסגעבריטע זאַמדן הינטערן פּראַגער וועלדל, האָט זיך באַגעגנט דער גאַנצער אַרבעטלאָזער טעקסטיל־פאַריין. איין שימעלע האָט געפעלט. ער האָט דאָ געפלעגט צו פאַרהילכן די פּליאַזשע מיט זיינע רוסישע לידלעך ווען אַ יוגנט, וואָס איז אַוועק אויף די פראָנטן, און אַרומיאָגן זיך מיט סטערקען אין וואַסער ביים „לייגן קלאָפּטער". די קליינע איז געווען פלינק ווי אַ טייוול ביים שווימען. זי איז אַרומגעשפּרונגען און אַרומגעיאָגט זיך מיט אַלע יינגען אויף די זאַמדן. די אויסשניטן פון בלויען באַד־קאָסטיום האָבן אויסגעטיילט די געזונטע מאַטקייט פון איר הויט. זי האָט געהאָט קליינע, שטייפע בריסטלעך און איז פונדעסטוועגן נישט געווען אַזוי יינגלעריש־שטייף, ווי מ'האָט געקענט האָבן דעם איינדרוק. זי איז געווען שמאָל און רירעוודיק — אַ קליינע, אַנטוויקלטע פרוי. די פרייע נאַטור אויף דער פּראָווינץ האָט עס איר אָנגעגאָסן מיט געזונטע זאַפטן. עפּעס אַ פאַרויכערטקייט איז אַלעמאָל געלעגן איוף די וואַרשעווער מיידלעך.

דעם זומער האָט שוין שימעלע מער נישט אַרומגעצאַפּלט אויף דער פּליאַזשע. מען האָט שוין איצט געוווּסט, אַז ער זיצט פעסט, אַז ער איז פאַרמישט אין אַ פּראָצעס פון 26: יידן, פאַליאַקן און

אוקראַינער. ס'איז אין בעסטן פאַל געווען אַ האָפענונג אָנצוקוקן זיך ערשט אין יאָרן אַרום. זי האָט געפילט אויף זיך אַלעמענס בליקן, סטערקע. וואָס האָט זי זיך דען אײַנגעאַנצן אָנגעקערט מיט שימעלען? אַ פאַרבייגייענדיקער פלירט און — פונדעסטוועגן האָט מען אונטערגעמורמלט. ס'האָבן שוין איצט אַלע געוווסט, אַז זי האָט אַ שייכות צום אַביסל פאַרחושטן, אָבער סימפּאַטישן ייִנגל, דעם פּאָעט.

שוין דעמאָלט האָט ער באַמערקט, הירש, אַז זי באַדאַרף אַלע־מאָל צו האָבן עפּעס אַ נייע ענטוזיאַזם־ספּאַזמע, אַנישט באַקומט זיך ביי איר אַלץ גרוי און לאַנגווײַליק. דאָסמאָל איז עס געווען דער טיפער סוד, וואָס האָט געשוועבט אַרום חבר זלמן. ער האָט זיך געלאָזן מיטציען, אויך ער האָט געפילט דעם טיפן פיעטעט פאַר אים. בלויז עטלעכע צופעליקע מאָל האָט ער אים געזען. און כאָטש ברוינער האָט אים שטאַרק דערנענטערט, געלויבט זיינע לידער, דערמאָנט אים אין די אַרטיקלען ווי דעם אויסדרוק פון דער ייִדי־שער יוגנט, וואָס „וויסט שוין יאָ ווי שפּעט ס'איז", האָט ער גע־טראָגן צו אים אַ גרויסע פרעמדקייט . ס'האָט זיך צופיל געטראָגן פון אים מיט אינטעליגענט.

— ד י י ן ברוינער — האָט זי אַלעמאָל זייטיק אַ וואָרף געגעבן, סטערקע — איר, אינטעליגענטלעך!...

זי, די פּראָלעטאַריערין, האָט עס געהייסן, געהערט צום שיכט פון חבר זלמן, צו די, וואָס קומען פון די קליינע ייִדישע וואַרשטאַטן אויפן מוראַנאָוו, און אַז דאָס אַלץ, וואָס זיי ווייסן, האָבן זיי זיך אַליין דערוואָרבן.

אויף דער פּליאַזשע איז זי געקומען צעפּלאַטערן אין קאָלירִיק־געפלאָכטענע שיכלעך, אין בילִיקן סיצן קליידל פון דורכזיכטיקן אָראַנזש, אָבער אין די אָוונטן האָט מען זי שוין מער אַזוי אָפט נישט געטראָפן אין די קאַוויאַרניעלעך אויף דער דזשיקע. זי איז אײַנ־מיטן דערינען פאַרפאַלן געוואָרן אויף טעג און, אַ שיינענדיקע, אַ צעררויטלטע, געקומען דערנאָך אויפזוכן הירשן אין פאָדער־צימער פון ליטעראַטן־פאַריין. זי האָט אים אָפּגעשטעקט די צעשאָטענע בלעטלעך פון חבר זלמן, מיט דער אומבאַהאָלפענער, קינדערישער האַנטשריפט.

— ער איז ערנסט קראַנק — האָט זי מיט אַ סך זאָרג גערעדט — די שפּיצלעס, וואָס לויערן, די ביטערע פּאַרטיי־דיסקוסיעס מאַכן אים קראַנק...

די גאַנצע פאַרפּלאָנטערטע דיסקוסיע, וואָס האָט זיך דעמאָלט איופגעהויבן אויף די קעמערלעך, וועגן רעוואָלוציע אין איין לאַנד און וועגן דער פאַרשאַרפטער סיטואַציע אין דייטשלאַנד, איז צו הירשן דערגאַנגען ווי פון ווייטן נעפּל. ער האָט, קען מען זאָגן, אַ סך מער געפילט, ווי פאַרשטאַנען. ער האָט געזען, אַז גאָרנישט איז אַזוי איינפאַך. הערץ קאָסאָווערס ווייכע, אַנגענעמע שטים האָט אים, ווי אַ פאַרגעסענע מעלאָדיע, ביינאַכט, אויפן ייִנגלשן געלע־גער, אַלעמאָל אַ קלונג געטאָן אין די אויערן. „מאַכן געשיכטע און — נישט איבערחזרן די פאַטאַלע געשיכטלעכע פעלערן... די לייט זענען אָבער אומגעדולדיק, היצקעפּ. זיי טייטשן אַריין פּונקט דאָס פאַרקערטע וועגן דער לערע פון דער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציע"...

מען האָט באַדאַרפט צו זיין נאָר אַזוי געדולדיק, ווי דער שטי־לער פאָלקס־שול־לערער הערץ קאָסאָווער, וואָס האָט דאָס גאַנצע געמאַטערטע לעבן פון אַן אַרבעטער־אינטעליגענט, אויפגעצויגן אין די געדיכטעניש פון דער וואַרשעווער אָרעמקייט, דורכגעטראָגן מיט אַזאַ פּשוטן שמייכל אין די ווייכע, גרויע אויגן, כדי נאָכצוגיין מיט באַטראַכטע שריט דעם געשיכטלעכן גאַנג. ער איז געווען דער שאָטן פון חבר זלמן און איז אין יענע יאָרן, אין 1918, אויך געווען פאַרמישט אין די פאָלקס־קאָמיטעטן, אין די אַרבעטער־קיכן, אויף די בערזעס, אין די קרייזלעך. ער איז געדולדיק נאָכגעגאַנגען דעם גרויסן געראַנגל פון זיין דור.

דער אויגוסט־אַטענטאַט אויפן אינערן־מיניסטער, אויסגעפירט פון די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן, איז געווען אַ נייע געלעגנהייט איינצוציען דעם רעזשים אין לאַנד. אַרעסטן, שטאַנד־געריכטן, קאָנ־פיסקאַציעס. די רעכטע פּרעסע האָט געפאָדערט שטרענגע מאָס־מיטלען, קאָנצענטראַציע־לאַגערן, לויטן גוט־באַקאַנטן מוסטער. עס זענען פאַנאַנדערגעלאָזן געוואָרן די האַלב־לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און דער זשורנאַל פון שלעכטן, האַרטלעכן פּאַפּיר האָט שוין מער נישט, אַפילו אונטער אַ געטוישטן נאָמען, דערזען די

ליכטיקע שיין. די צייטונגען האָבן געברענגט פּרטים וועגן סענסאַ־ציאָנעלע אַרעסטן.

דער ליטעראַטן־פאַריין איז כסדר באַשטעלט געווען, די געהיים־פּאָליציי איז אַרויפגעקומען נישטערן; אָבער סטערקע, אָנגעטאָן אייַנ־פּאַך און מיט געשמאַק, האָט זיך לייכט דורכגעגליטשט דעם איי־ביקן צוג־ווינט פון די טירן, וואָס האָבן דאָרט קיינמאָל נישט גע־רוט. דאָס יינגל האָט איר באַגעגנט מיט פיבער. וועגן זאַכן, וואָס האָבן נאָך געשוועבט אינדערלופט, האָט זי שוין געברענגט גענויע איינצלהייטן, דער איז אַרעסטירט, יענעם — זוכט מען אַרום. וועגן חבר זלמן האָט זי מער אינגאַנצן נישט גערעדט און ער האָט נישט געפרעגט. ער האָט אָבער געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער באַדאַרף זיך צו געפינען נאָנט אַרום וואַרשע, ערגעץ אויף דער אָטוואָצקער ליניע. זי האָט זיך געאיילט, גערעדט קורץ און אָפּגעהאַקט, באַפוילן הערצן, באַפוילן ברוינערן און איז אַלעמאָל פאַרבליבן אַביסעלע לענגער, ווי זי האָט באַדאַרפט. נאָך איר אַוועקגיין איז אים פונדעסט־וועגן באַנג געווען. ווי זי האָט זיך געענדערט. אין איר אייַנפאַכ־קייט איז, נאָך אַלעמען, געווען אַ סך שרייענדיקס. אים אַליין איז גאָר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן אָנצוקוקן זיך אין אַ שפּיגל, צוקע־מען דאָס עקשנותדיקע שויבערל, איינשאַפן זיך אַביסל אַ לייטי־שערן אָנצוג.

פונדעסטוועגן איז זי איינמאָל געקומען צו אים און אין אַן אָוונט אַוועקגעפירט אים אין „יענע גאַסן". אין טעאַטער „לעטני" האָבן זיי געזען זשעראָמסקיס „די געשיכטע פון אַ זינד" און האָבן פאַר האַלבער נאַכט געגעסן „לאַדעס" אויף אַ קליינער, אָפענער קאַפע־טעראַסע, אונטער אַקאַציעס. האַנט־אין־האַנט, ווי די קינדער, האָבן זיי זיך דערנאָך לאַנג אַרומגעפירט איבער די פרעמדע, פּויִ־לישע גאַסן. זיי האָבן אַריינגעקוקט אין די שוי־פענצטער, צוגע־קלעפּט די נעזער צו דער שויב, וווּ ס'זענען געווען אויסגעשטעלט מעכאַניזירטע קינדער־שפּילצייג. אַ נעגער מיט בלאַנקע ציינער איז געשפּרונגען און געקלאַפּט אין מעשענע טאַצן, אַ קליינער טראַמוויי האָט זיך נאָכאַנאַנד געדרייט אין אַ קרייז, לאַוויטשאַנקעס, אין פאַרביקע נאַציאָנאַלע קאָסטיומען, האָבן געקערט די אויגן אין אַלע זייטן און געלאַכט. אין זאַקסישן גאָרטן האָבן די קאַשטאַנען שוין

געהאַט אָפּגעבליט, אָבער די וועלט איז שיין געווען, ווי קיינמאָל נישט.

אומגעריכט האָט זי אים געהאַט פאַרפירט צום קליינעם, הילצער־נעם וואָקזאַל און מיטן לעצטן צוג, נאָך צוועלף ביינאַכט, האָט זי אים אַוועקגעפירט אויף דער אַטוואָצקער ליניע. די צוויי בילעטן ביי דער קאָנטראָל, וואָס זי האָט אַרויסגעצויגן פון בייטל, האָט זי אַוודאי געהאַט אָנגעגרייט נאָך פון פריער. אין צוג איז ער מיט געשלאָסענע אויגן געווען אָנגעלענט אין דער טרייסלדיקער שויב און צום ערשטן מאָל זיך אַליין געפרעגט: ווער איז זי, די קליינע?

ערגעץ אויף אַ סטאַציע האָט מען זיך שאַרף געקריגט, ס׳האָבן זיך אָפּגעריסן רויע קולות, די באַן האָט קורץ אַ פּייף געטאָן און גערירט פון אָרט. דערנאָך איז מען געקראָכן אין די זאַמדן, אין אַ טונקעלער סאָסנע־אַליי, וואָס האָט באַהאַלטן אין דער טיף קליי־נע, אויסגעלאָשענע ווילעס. אין דער דעמפּיקער, אויסגעשטערנטער סוף־זומער־נאַכט האָט עס מחיהדיק אַ פאַרשמעק געטאָן מיט שאַרפע פּעך־ריחות. זי האָט אים געפירט ביי דער האַנט, ווי מען פירט אַ קינד, און ער האָט זיך געפרעגט:

— ס׳איז נאָך ווייט?

זי האָט כמעט נישט געענטפערט און דאָ באַלד אַ שטויס געטאָן דאָס גאָרטן־טירל. צו דער וועראַנדע אויפן ערשטן שטאָק האָט מען זיך אויפגעהויבן מיט אַ הילצערנער שטיג. „איך, סטערקע״ — האָט זי, פאַרבייגייענדיק, אַ זאָג געטאָן אין אַ טיר אַריין און לייכט געטרעטן איבער די סקריפּענדיקע ברעטער. ווען דאָס צימער האָט זיך אָנגעגאָסן מיט ליכט, האָט ער ערשט דערזען ווו ער געפינט זיך. אַרום די ווענט זענען געווען אָנגעשליידערט האַלב־פאַרשמירטע לייוונטן, ליים, גיפּס, פאַרבן, אָנגעוואָרפענע סקיצן אויף פּאַפּיר. אויף אַ קליינעם פּיעדעסטאַל איז געשטאַנען אַן אָפּגעגאָסענע בראָנז־פיגור פון אַ מוסקולירטן, נאַקעטן מאַן מיט אָנגעצויגענע אָדערן, ווי שטריק. אויף אַ געשטעל, איבערגעוואָרפן מיט אַ טוך, האָט אַרויסגעקוקט דער פאַרשפּיצטער קין, וואָס איז אים באַלד געווען אַזוי אויפפאַלנדיק־קענטלעך. ער איז צו, געוואָלט אונטער־הויבן די טוך, אָבער זי האָט נאָך באַוויזן אים אָפּצורייסן.

— קום, ס׳איז שפּעט, וועסט עס שוין אָנקוקן מאָרגן,ביים טאָג־ליכט.

אויף די שפיצן פינגער איז זי אַוועק אין צווייטן צימער, פאַרוקט דעם שווערן גאַרדין איבערן אָפענעם פענצטער צום וואַלד אַרויס, אַוועקגעוואָרפן זיך אויפן בעטל און פאַנאַנדערגעלאַכט זיך מיט אַן אָפן, קינדיש געלעכטער, אָבער שטיל, אָן אַ קול, ווי אַן אַלטיטשקע. מער ווי דאָס בעטל איז אין דעם נאַקעטן צימער נישט געווען; און הירש איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ פאַרטראַגענער. זי האָט אים אַ צי געטאָן צו זיך, אין פאַרשייטן פליסטערן:

— נו, האָסטו זיך היינט געריכט אויף אַזאַ אַוואַנטורע?

דער סוד, מיט וועלכן דאָס קליינע, פלינקע מיידל האָט זיך אַזוי געשיקט אַרומגעהילט, האָט אים אָנגעהויבן צו פאַראינטריגירן. ס'איז מאָדנע, זי האָט ליב געהאַט די געפאַר. צום ערשטן מאָל ווי זיי האָבן זיך געפונען אויג אויף אויג, צווישן פיר אָפגעשלאָסענע ווענט. נאָך קיינמאָל, אַזויווי איצט, האָט אים איר פלוצימדיק פאַרשווינדן, אויף טעג און אויף וואָכן, אַזוי נישט געאַרט. זי איז געווען ווי אַ ווינטל, וואָס פליט פאַרביי און מען קען עס נישט דערכאַפּן.

— ווער איז דער קינסטלער? — האָט ער שוין באַלד אויפן אָרט געוואָלט וויסן.

אָנשטאָט אַן ענטפער, האָט זי אים פאַרמאַכט דאָס מויל מיט אירע אָפבריענדיקע ליפּן. לייכט, אַ באָרוועסע, האָט זי אַוועקגעפלאַטערט, געבערענגט פון ערגעץ אַן עמער וואַסער, האָט אים אַליין אויסגעטאָן אינדערהעלפט, געוואַשן אים, אַרומגעהילט מיט אַ פוּ־כיקן האַנטוך זיין מאָגערע, ייִנגלערישע ברוסט. ווי אַ דרעמלדיק קינד,האָט ער אַלץ געלאָזן טאָן מיט זיך. אָבער דער גרויסער פאַרדרוס איז ערשט אויפגעשטיגן אין אים. ער האָט געהאַט אַ געפיל צו וויינען, ווי דעמאָלט, אַ קינד נאָך, ביים צוואָגן, ווען די מאַמע פלעגט אים אַ כאַפּ געבן אונטערן אָרעם און מיט געוואַלט אַרייַנשטעקן אים דעם קאָפּ אין אַ שיסל וואַסער. אַלץ פאַראַמאָל האָט זיך אים געפלאָנטערט — שימעלע, ברוינער און איבערהויפט — דער חבר זלמן, וועמענס אומזעבאַרע אָנוועזנהייט ער האָט דאָ ערגעץ געפילט. זי האָט אויסגעזען צו דערכאַפּן זייטיק זיין צעטראָגנקייט. אַ פרישע, אין אַ געבלימלטן שלאָפראָק, האָט זי אָנגעפלאַטערט אויף אים פון דער טיר, וו זי איז אַ ווילע איינגערעמט געווען, ווי אַ לעבעדיקער פאָרטרעט. „ביסט אַ נאַר. אויסער דיר, האָב איך דער־

ווייל קיינעם מער נישט ליב" — האָט זי אים צוגעוואָרפן. טאַקע אָט דער „דערווייל" האָט זיך אַזוי לייכט נישט געקענט פאַרגעסן.

אינדערפרי זענען די פענצטער געשטאַנען ברייט אויפגעפּראַלט אין וואַלד אַריין. ס'איז געווען שטילער, זוניקער יום־טוב אין ליכט־און־שאָטן־שפּיל, צווישן די אַרומגעשטעלטע סאָסנעס. די אויסגע־קלאָרטע לופט האָט נאָך אַלץ מיטן־זומערדיק געזשומעט. מען האָט געגעסן פרישטיק אויף דער וועראַנדע, אויפן ערשטן שטאָק.

— איר זייט נעכטן געקומען שפּעט — האָט זי געהאַט אַ פול מויל מיט געלעכטער, דאָס איינפאַכע און פויעריש־געזונטע מיידל מיט די רויטע באַקן. זי האָט צעגאָסן שמעקנדיקע קאַווע אין וואַ־זעלעך און זיך פאַרגעשטעלט:

— דינה רופט מען מיך. איך האָב אַ סך געהערט פון אייך — האָט זי נישט אויפגעהערט צו לאַכן — שמוליק האָט מיר געלייענט אייערע לידער. כ'בין געווען זיכער, אַז איר זענט אַ סך עלטער...

— ער איז מיט איין יאָר ייִנגער פון מיר — האָט סטערקע פאַר־וואָרפן אַ האַנט אַרום זיין האַלדז — אַ ייִנגל, נישט אמת? אַ קינד... און זי האָט מיטגעלאַכט.

פונקט אַזוי פלאַטערנדיק און לאַכנדיק, איז זי געווען געצייכנט מיט שוואַרצן קויל, אין פעסטע, זיכערע ליניעס. דער אַנגעוואָרפע־נער סקיץ האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט אין דער גרויסער, זוניקער שטוב, קעגנאיבער דער טיר, ווו שמוליק איז געשטאַנען, די אַרבל פאַרקאַשערט, און געמייסטערעוועט אַרום דעם ביוסט פון פעטן ליים. ס'איז געווען פרימאָרגן און ער האָט, אַן אויסגערוטער, לויט די סקיצן, צוגערייט צום פאָזירן — באַשפּריצט דעם ליים, אויסגעגלעט, אַרומגעשפּרונגען פון אַלע זייטן, געשטעלט זיך אויף אַ דיסטאַנץ, צוריקגעלאָפן. ביים ייִנגל האָט זיך אַרויסגעריסן ראַפּטום:

— ס'איז דער חבר זלמן! ס'איז מער, ס'איז דער פּראָמאָטעאוס, צוגענאָגלט צום פעלז. דער בליק זיינער קוקט ווי דורך קראַטן...

ער האָט געהאַט לאַכנדיקע שפּעלטלעך, אַנשטאָט אויגן, דער שמוליק. די געדיכטע קרייזלעך זענען אים געפאַלן אין אַלע זייטן. זיי האָבן זיך געקענט פון דער טומלדיקער, האַלב־נאַכטיקער קינסט־לער־באָהעמיע, אין באַר „מעטראָפּאָל", אין פאַריין, ביי די דיסקוס־יעס און ביי די פריילעכע גערעדערייען.

— אין דער פלאַסטישער קונסט איז אַ סך קאָמפּליצירטער אַרויס־צוברענגען דאָס אַלץ, וואָס בערגעלסאָן רופט אָן „וויסן ווי שפּעט ס'איז". דאָ האַנדלט זיך פאַר אַלעם אין ליניע און פאָרם. ס'איז נאָך ווייט נישט פאַרענדיקט. וועסט עס אָנקוקן אין אַ צוויי־דריי סעזאָנען אַרום. ער איז צופיל נערוועז.

— טאַקע אָט די נערוועזיטעט... — האָט זיך הירש געכאַפּט — מען דערפילט זי גלייך.

סטערקע האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט:

— מיר וועלן שפּעטער אַרונטערקומען.

ביז האַלבן טאָג האָט ער זיך אָפּגעוויגט אין דער ליג־שטול, אויף דער וועראַנדע. מיט צוגעלעגטע אויגן, האָט ער געפילט איבער זיך דעם קילן און אָנגענעמען שוידער, די שושקעריי, וואָס איז געגאַנגען צווישן די סאָסנע־קרוינען. ער האָט געפילט ווי די מידיקייט רינט אויס אין אים, ער האָט געפילט סטערקען אַרומפאָרען זיך דאָ באַלד און ס'איז אים גוט געווען. דערנאָך האָט זי אים אַוועקגע־פירט צו די זאַמדן, צו דער קלאָרינקער אָזיערע, אַרומגעזוימט מיט סאָסנעס. „שיין איז דער פּוילישער האַרבסט"... — האָט זיך אים אַלץ געפּלאָנטערט אַ פּערז פון אַ יידישן פּאָעט.

די אָטוואָצקער ליניע איז געווען דאָס אָפּרו־אָרט, אַביסל אָפּצו־אָטעמען און אַרויסצורייסן זיך אויף אַ פּאָר טעג פון מוראַנאָווער טומל, פון דער דזשיקע גאַס, פון פיבערדיקן געיעג, פון זיך אַליין, פון דער פּאָליציי, וואָס האָט נאָכאַנאַנד געלויערט. צווישן די פּענ־סיאָנאַטן און סאַנאַטאָריעס, צווישן די לונגען־קראַנקע, וואָס האָבן דאָ געלעבט פון טאָג אויף טאָג, געגעסן, פאַרווײַלט זיך, גוט אויס־געזונט, פלוצים אַוועקגעפאַלן און מ'האָט ביינאַכט אינדערשטיל גע־פּראַוועט די לוויות זייערע — איז לייכט געווען אומבאַמערקט אַנ־טרונען צו ווערן אויף אַ פּאָר טעג.

ער האָט עס פאַרשטאַנען און בלינד געלאָזן זיך פירן פון סטער־קען. ער איז נאָך קיינמאָל אַזוי גליקלעך נישט געווען און פונדעסט־וועגן האָט אים דער אומרו נאָכאַנאַנד באַגלייט, נישט אָפּגעטראָטן. זי האָט אים גערופן „ייִנגל, ייִנגל מיינס", און ער האָט קיין ווערטער נישט געפונען. ער האָט איר אַרומגעזוכט, ווי נאָר זי איז פאַרפאַלן

געוואָרן אויף אַ מינוט. עפּעס האָט ער געפילט, אַז ס׳איז נישט אויף לאַנג, אַז ס׳איז נאָר אויף דערווייל.

אָוונט־ברויט האָט מען דאָסמאָל נישט געגעסן, ווי געוויינלעך, אויף דער וועראַנדע, כאָטש ס׳איז געווען אַ וואַרעמער, שמעקנדיקער אויפדערנאַכט. די פענצטער צום וואַלד זענען געבליבן צעעפנט, אָבער פאַרצויגן. דעם חבר זלמן האָט ער געטראָפן אומשפּאַנען, בלעטערנדיק עפּעס אַ דיקן זשורנאַל. דינה האָט שוין געהאַט גע־גרייט צום טיש און ער האָט קיין געדולד נישט געהאַט איינצוזיצן אויף דער שטול.

דער חבר זלמן האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף ברוינערן און אין זיין נאָכפרעגן זיך איז געווען שטילער פאַרדאַכט. הירש און סטער־קע זענען געווען פון זיינע בײדע זייטן. אין דער פאַרטראַגנקייט, איז דעם ייִנגל געקומען אויפן זינען, אַז דער מענטש, אָט די אַלע, אייגנטלעך, לעבן דאָס לעבן פון אַסקעטן. נישט קיין פרוי, נישט קיין קינד, נישט קיין היים. ס׳איז דאָס העראָאישע ליד פונעם הפקרן סאָלדאַט, אין דער אומברחמנותדיקער שלאַכט, וואָס גייט. ווי פון ווייט, האָט דאָ ערגעץ געקלונגען די ברוסטיקע שטים זיינע:

— ...זיי ווילן נישט פאַרשטיין, אַז דאָס סאַמע וויכטיקסטע, וואָס ווערט דאָרט דערווייל געשאַפן, איז דער גרויסער איבערגעוויכט. זיי וועלן עס אפשר אַמאָל פאַרשטיין...

אַלע האָבן זיך אויפגעריסן, ווען מ׳האָט דאָ ערגעץ אַ ריר געטאָן ביי דער שויבן־טיר. דינה איז באַלד געלאָפן זען ווער ס׳איז. הויך און געבויגן, איז דער חבר זלמן אַ טריט צוויי נאָכגעגאַנגען, צוריק־געצויגן זיך. אין צימער, ווו נאַכט־פלאַטערלעך האָבן געקרייזט אַרום לאָמפּ, האָט מען בלויז געהערט דעם זשום פון זייערע פלי־געלעך.

שפּעט איז הירש איינער אַליין מיט דער באַן צוריקגעפאָרן אין שטאָט אַריין. אַפילו סטערקע האָט אים נישט באַגלייט. אירע הייסע ליפּן האָבן אים אַ גאַנצן וועג געבריט אין ייִנגלשן נאַקן און נאָכ־מער — אירע איילִיק־צוגעוואָרפענע ווערטער: „כ׳וועל דיר שוין קומען אויפזוכן״.

מיטן לעצטן טראַמוויי איז ער אַרונטער אויף דער זשעלאַזנע, נאָנט ביים אייזערנעם טויער. ער האָט בלינדערהייט אָפּגעזוכט דאָס

נידעריקע טויערל אויף דער קראַכמאַלנע. אין דער דעמפּיקער סוף־זומער־נאַכט איז דער ענג־אַרומגעשטעלטער הויף פול געווען מיט אויסגעשפּאַנטע וועגענער; משפּחותווייז, איז מען אַרויסגעקראָכן פון די דושנע נאָרעס און פאַנאַנדערגעלייגט זיך אינדרויסן, אונטערן אויסגעשטערנטן הימל, איינגעצוימט צווישן דעכער און ווענט.

## קאַפּיטל צען

# די פאַרהאַנדלונגען

ס׳איז געווען אַן אומבאַשטימטע, פאַרטאָגיקע שעה, ווען סטער־קע איז לייכט, ווי אַ ווינטל, אַריבערגעלאָפן די זאַמדיקע גאַס. די סאָסנע־קרוינען האָבן זיך שאַרף אַרויסגעשניטן פון מילכיקן נעפּל. זי האָט זיך אויפגעהויבן צו דער ווערענדע און קוים אַ ריר געטאָן די טיר, ווו זי האָט נעכטן שפּעט אין אָוונט צובאַגלייט דעם חבר זלמן. זי האָט זיך נישט טועה געווען, ס׳איז געווען די מיטלסטע טיר, וואָס זי האָט אָנגעטאַפּט אין דער שטאָק־פינצטערניש, פירנדיק אים ביי דער האַנט צום שטיבל, ווו ס׳האָט געוווינט דאָס קראַנקע מיידל.

אין דער ציטערניש, מיט וועלכער זי איז אַרומגעגאַנגען אַרום אים, איז זי געוואָרן פילבאַר אויף אַ ליאַדע ווינטעלע, אויף אַ ליאַדע סקריפּ פון אַ טיר. דער מינדסטער ציטער פון זיין האַנט האָט זיך לייכט איבערגעגעבן דעם מיידל. די האַנט זיינע איז געווען אַ ברייטע, אַ אַדערדיקע, ס׳האָט געשלאָגן פון איר מיט אַ סך וואַרעמקייט און ענערגיע. אין דער שטאָק־פינצטערניש האָט זי נישט געזען זיין פּנים, נאָר געשוועבט האָט איר פאַר די אויגן די אויסגעקנאָטענע פיגור, זיין בליק, וואָס קוקט ווייט איבער די אומזעבאַרע קראַטן. חדשים־לאַנג ווי זי איז אים אַזוי נאָכגעגאַנגען, אויסגעקוקט די וועגן און די גאַסן־ראָגן, ווו ער האָט זיך אַמאָל באַדאַרפט אַריבער־כאַפּן. זי האָט שטיל באַוווּנדערט דעם איינזאַמען מענטש, וואָס האָט געשפּאַנט פאַרזיכטיק, אָבער דרייסט און קיינעם נישט פאַרמאָגט אין זיין פּריוואַטן לעבן.

זי האָט זיך ערשט דערנאָך געכאַפּט ווי לייכט זי איז אָנגעטאָן. דאָס שטוב־קליידל האָט זי אַרויפגעכאַפּט אויף זיך אין איילעניש, זי איז געוועז אין די שטוב־לעטשלעך. „ווי צערודערט דאָס יינגל איז — איז איר דורכגעפלויגן — ווי צערודערט ער איז אַוועקגע־פאָרן". אין נידעריקן פענצטער האָט זיך געצייכנט דער סילועט זיינער. זי האָט אים געבעטן צוצואיילן זיך, ווייל דאָס פויערישע פורל וואַרט שוין אונטן אַ היפּשע ווײַלע. קיין ליכט האָט מען דאָ נישט אָנגעצונדן. ער איז געשלאָפן ווי אויף דערוויייל, אין די זאַכן, אינעם אויפלייג־בעטל, ביים פענצטער. אין צווייטן צימער איז גע־שלאָפן דאָס קראַנקע מיידל, וואָס הוסט.

דער קאָברינער פּראָצעס, וואָס האָט אויפגערודערט דאָס לאַנד, האָט אים נישט געלאָזן רוען. 11 מענטשן זענען געשטאַנען אין שאָטן פון דער תליה, אין שאָטן פון שטאַנד־געריכט. מען האָט באַ־דאַרפט לויפן, איינרייסן.

מיט דער סאָסנע־אַליי איז דאָס פורל אַרויס פון די זאַמדן, ווען ס'האָט קוים געגומען ליכטיקן. ס'איז געווען אַ שמעקנדיקע סוף־זומער־נאַכט אין די וועלדער פון אַטוואָצק, איידער די בולטע שטערן נעמען זיך אויסלעשן. אין דער צייט שאָקלען זיך שוין די פורלעך אויפן שאָסיי קיין וואַרשע. ס'איז פרייטיק אינדערפרי, ווען די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער פאָרן זיך צונויף מיט אָנגעפּאַקטע פורלעך עופות, גרינוואַרג און קאַרטאָפל. דער שאָסיי, וואָס פירט צו די וואַרשעווער פאָרשטעט און מאַרקן, איז פאַרשטאָפּט. אויף די מערק קויפן יידן איין אויף שבת. ס'איז אַ טאָג פון לייזונג. די ברוקן הילכן פון דער פאָרעריי.

אַליין האָט סטערקע דערנאָך דעריאָגט דאָס פורל. זי איז געזעסן טיף אין דער בויד לעבן אים און דער פלאַטער איז אויפסניי צוגע־שטאַנען. אינדערפרי וועט דאָרט ברוינער זיין, דער מאַן צעלינאָס און צעלינאַ... אַזוי האָט מען איר געהייסן איבערגעבן. צעלינאַ... ווי קומט זי דען, די סאַלאָן־קאָמוניסטקע, מיט די מאַניקירטע נעגל, צו אָט די אַלע?... דאָס פורל האָט געקלאַפּט איבער די שטיינער, געפירט זיי איבער דער בריק. פרעמדע, שיינע, הויכע הייזער, ווייט פון יידישן גאַסן־פלאַנטער אַרום מוראַנאָוו.

ביי דער קערבעדזש־בריק איז דער חבר זלמן אומגעריכט

אָפּגעשטיגן, נישט קוקנדיק מער אַהינטער, האָט ער זיך פאַרדרייט ביי אַ ראָג, פאַרהאַלטן זיך ביי אַ טויער, אַנגעקלונגען און אויפגע־הויבן זיך אויפן צווייטן שטאָק. זיינע פיס זענען ווייך געטרעטן איבער דיוואַנעס, אויף מאַרמאָר־טרעפּ, ווו אין די נישעס זענען גע־ווען צעשטעלט קליינע באַגילדטע פיגורן פון עקזאָטישע טענצע־רינס. ער האָט געצויגן דעם גלאָק אין אַ מאַסיוו־געשניצטער טיר און דאָס שטוב־מיידל, וואָס האָט זיך באַלד באַוויזן אויף דער שוועל, האָט אים אַריינגעפירט אין ליכטיקן זאַל מיט די בילדער.

לאַנג איז אים נישט אויסגעקומען דאָרט צו וואַרטן, ווייל באַלד האָט זיך צעלינאַ אַליין באַוויזן אין דער זייטיקער טיר. ער האָט נאָך צייט געהאַט אַ בליק צו טאָן אַרום די ווענט. צווישן די בילדער פון מאָדערנע פראַנצויזישע, דייטשע און פּוילישע מאָלער, האָט ער אויך דערבליקט אייניקע לייוונטן פון יידישע קינסטלער, וועלכע ער האָט גוט געקענט. שטיקלעך קוזמיר, אַלטע שטעטלשע שולן, יידישע כלי־זמר, וואַסער־טרעגער און שטיקלעך וואַרשע, האָבן אַראָפּגעקוקט פון די ווענט. די זין און די אייניקלעך פון די אַלטע וואַרשעווער יחוסדיקע משפחות האָבן, זעט אויס, געמאַכט אַ טריט אויף צוריק, נאָכדעם ווי זיי האָבן דעם נייעם פּוילן דערפילט, אַז מען קוקט נישט אַזוי פריינטלעך אויף זיי אין די „הויכע" קרייזן. אַצינד האָט זיי די געשיכטע פון פאַרלוירענעם קינסטלער, יאַנקאָ מוזיקאַנט, וואָס גייט־אויס צו שפּילן אויף אַ פידל, ביי שיענקע־וויטשן, אפשר באַוועגט צו טראַכטן, אַז אויך אין יידישן לעבן, אין דער געדיכטער יידישער אָרעמקייט, געפינען זיך מסתמא אַזעלכע פאַרלוירענע, טאַלענטירטע קינדער. ס'איז אפשר אויך געווען דער אומדירעקטער איינפלוס פון דער נאָבעלער פּרץ־געשטאַלט אין יע־נע וואַרשעווער יאָרן. נאָטאַן חיות איז געווען אין עטלעכע קאָמי־טעטן צו שטיצן יידישע קונסט. זיינע ווענט האָבן זיך מיט דער צייט באַדעקט מיט אייניקע גוטע לייוונטן און בלעכן פון יידישע מאָלער און מעטאַלאָפּלאַסטיקער, וואָס האָבן דאָ, ווי געוויינלעך, געלעבט אין גרויס אָרעמקייט און געחלומט פון פּאַריז.

זי איז געווען פול מיט פרימאָרגנדיקן שמייכל, צעלינאַ. זי איז געווען אין אַ קימאָנאָ־ראָק און האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַר־ענטפערן נישט אַזוי צוליב איר לייכטן אָנטאָן, ווי צוליב די ביל־דער, אין וועלכע זי האָט אים געפונען אַזוי פאַראינטערעסירט.

— אויסער די אַלטע משפחה־בילדער, וועלכע מיין פאָטער, — און איבערהויפּט מיין מוטער — האָבן נאָך איינגעקויפט אין די קראָקעווער קינסטלער־אַטעליעס, האָט נאַטאַן מיטגעברענגט עטלע־כע לייוונטן פון אויסלאַנד און פון די אויסשטעלונגען אויף דער וויעזשבאָווע. ס׳איז אמת, מיר האָבן פאַרזען אונדזער אייגענע יידישע קונסט און... אונדזערע יידישע קינסטלער. כ׳פאַרשטיי, וואָס איר ווילט זאָגן: „דאָס אייגענע קענט איר נישט און לויבט פרעמדס, איר ווייסט אַליין נישט וואָס איר פאַרמאָגט״ — האָט זי איבערגע־הזרט דאָס באַרימטע וואָרט, וואָס איז אין זיינער צייט פיל מאָל געוואָרפן געוואָרן ווי אַ באַשולדיקונג.

— מען וואָלט באַדאַרפט אַ סך צו רעדן דערפון — האָט ער אָפּ־געהאַקט און איז געווען פאַרוווּנדערט פון די אומגעריכטע רייד — מיר האָבן געזינדיקט, איר האָט געזינדיקט, וואָלט מען, אייגנטלעך, באַדאַרפט צו זאָגן...

ער האָט נאָך אַלץ געריעדט מיט שווערע, האַמעטנע רייד, ווי אַמאָל, ווי אין יענע יאָרן, אויף די פאַך־פאַרזאַמלונגען און אין די אָנגערויכערטע אַרבעטער־פאַריינען. ס׳האָבן אים אויסגעפעלט רייד. ס׳איז פונדעסטוועגן געווען אַ מהלך צווישן איר און אים, וואָס האָט געשטאַמט פון יענע שמאָלע גאַסן, פון די קליינע, צערודערטע וואָרשטאַטלעך, פון די שעפּטל־מאַכערס. אין איר אַרומפלאַטערן מיט ברויגערן און מיט דער יונגער חברה, די שטורעם־אַנזאָגער, האָט זי עס געפּרוווּט לייכט צו פאַרווישן. ס׳איז געווען דאָס ערשטע מאָל אפשר אַז ער האָט אַריבערגעטרעטן די שוועל פון אַזעלכע יידישע הייזער און ער האָט זיך אַביסל געפילט ווי אַ פויער, וואָס קומט אין אַ מיניסטעריום מיט עפּעס אַ דאָרפישער דעלעגאַציע. געקומען איז ער אָבער ווי איינער פון די פיל יידישע באַזוכער, וואָס האָבן דאָ אָפט געקלונגען אין דעם הויז, ביים אָנגעזעענעם יידיש־פּוילישן זשורנאַליסט און כלל־טוער נאַטאַן חיות; געקומען אָפּקלאַפּן די שוועלן מיט פאַרשיידענע יידישע צרות. קיין שום פאַרדאַכט האָט עס נישט געקענט אַרויסרופן.

נאַטאַנען האָט מען, געוויינלעך, זייער זעלטן געטראָפן אין דער היים. ער איז אַלעמאָל געווען צווישן צוויי אינטערנאַציאָנאַלע קאָנ־פערענצן, צווישן צוויי אינטערנאַציאָנאַלע צוגן. ער איז געווען

דער אַזוי־גערופענער פאַרטרעטער פון דער אָביעקטיווער מיינונג, אַנגעהויבן פון דער אגודה, פון ציוניזם, פון בונד, ביזן לינקסטן עקסטרעם אויף דער יידישער גאַס. ס'איז געווען עפּעס אין אים פון דער אינערציע פון זיינע זיידעס, די ברייטע יידן, די „פּאַדריאַד־טשיקעס", די צושטעלער, די שתדלנים, וואָס זענען געווען אויסגע־קאָכט מיט „נאַטשאַלסטווע" און האָבן געזאָרגט פאַרן כלל־ישראל. ער איז געווען אַ מיטגליד פון פּרעזידיום פון דער פאַרשפּרייטער געזעלשאַפט צו פּראָדוקטיוויזירן יידן, פון „אָרט", איז געווען אין אַלע עמיגראַציע־געזעלשאַפטן, אין אַלע פילאַנטראָפּישע אינסטיטור־ציעס, וואָס ברענגען הילף פון אַמעריקאַנער יידנטום. ער האָט זיך אַפילו געלאָזן אַריינציִען אין עפּעס אַ טעריטאָריאַליסטישער גרופּע, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פאַנטאַסטישע קאָלאָניזאַציע־פּלע־נער פאַר יידן אין ווייטע מקומות, ערגעץ אין עק וועלט. ער האָט געהאַלטן, אַז יידישע יונגע מענטשן דאַרפן פאָרן, נאָר אַוועקפאָרן, ווייל קיין גוטס צו דערוואַרטן האָבן זיי דאָ סיי־ווי נישט. אויף די יידישע יונגעלייט, וואָס פאַרוואַרפן פענדלעך אויף די טראַמוויי־דראָטן און גייען דערפאַר אָפּזיצן לאַנגע יאָרן, האָט ער אַפילו גע־קוקט מיט נישט ווייניק ביטול; אָבער אַז מ'האָט באַדאַרפט, האָט ער שטילערהייט, דיסקרעט, טעלעפאָנירט ווו מען דאַרף, גערעדט אַ גוט וואָרט ביי די באַרימטע יידיש־פּוילישע אַדוואָקאַטן, מיט וועלכע ס'האָט אַזוי געקלונגען, זיי זאָלן זיך פאַרנעמען מיט דעם ענין, אָן איבעריקע קאָסטן.

ער האָט זיך דעריבער אויך אָנגעכאַפּט אין בירעבידזשאַן, ווו עס איז אין יענע יאָרן געעפנט געוואָרן אַ קליינע שפּאַרע אַריינ־צולאָזן אַביסל יונגע, געזונטע יידן. אומגעריכט האָבן זיך אין דער יידיש־פּוילישער פּרעסע, ווו מען איז גאָרנישט אַזוי פריינטלעך גע־ווען פאַרן אויפבוי אין ראַטנפאַרבאַנד, באַוויזן אַ ריי אַרטיקלען וועגן יידישע אויפטוען דאָרט, געצייכנט דורך אים. דער שתדלנישער גייסט אין אים האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעוועקט און כאָטש ער איז שוין אייניקע מאָל, אין זשורנאַליסטישע שליחותן, געווען אין מאָסקווע, האָט ער דאָסמאָל אַליין געוואָלט זיין אין אַן אָפיציעלער דעלעגאַציע צו רעדן מיטן אַלטן קאַלינינען, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַזויפיל טיפע פאַרשטענדעניש פאַר אונדזער יידיש אומגליק.

ער איז געווען נישט קיין הויכער, אָבער אַ ברייטלעכער. די שוואַרצע, געדיכטע ברעמען האָבן זיך שאַרף אויסגעטיילט פון זיין שיינעם, גרויען, ענערגישן קאָפּ. די לעבעדיקע ביר־אויגן האָבן פאַרשטעלט אַ פּאָר שאַרפע בינאָקלען. ברוינערן, דעם אינטעליגענט, דעם שאַרפן מוח, האָט ער דווקא גוט געקענט, נאָטאַן, פון דער יידיש־פּוילישער פּרעסע, ווו יענער האָט זיך פון צייט צו צייט געפלעגט צו פאַרנעמען מיט קונסט־קריטיק. דער גאַליציאַנער יונ־גערמאַן איז אָן שום ספק געווען פּעאיק, ער וואָלט געקענט ווייט אַוועק. ער האָט אָבער געהאַט עפּעס שלעכטס אין זיין בליק, מ'האָט אים צופיל נישט געטרויט. פאַרוואונדערונג האָבן דער עיקר אַרויס־גערופן די אַלע יונגעלייט און מיידלעך, וואָס האָבן זיך אַזוי אַנט־שלאָסן געהאַלטן אויף די פּראָצעסן, מיט וועלכע די צייטונגען זע־נען פול געווען און וואָס זענען דערנאָך אַוועק אין די תפיסות אויף לאַנגע יאָרן. יאָ מסכים, צי נישט מסכים, מען האָט זיך געפרעגט פונוואַנען דערנעמט זיך צו זיי אַזאַ עקשנות, אַזאַ אויסדויער און מ'האָט ממש געזען, ווי אַ יידישער יונגער דור ראַנגלט זיך און איז זיך מוסר־נפש, ווייל וואָס צו פאַרלירן איז סיי־ווי נישט געווען. נישט אַזוי מיט ברוינערן, נאָר מיטן חבר זלמן האָט ער דער עיקר געוואָלט אַ שמועס טאָן. ער האָט געהערט וועגן אים פונדערזייט, אַ סך געהערט. נאָטאַן איז דעריבער שטיל צופרידן געווען, וואָס דער ברוינער האָט באַצייטנס צוויסן געגעבן, אַז ער וועט דאָסמאָל נישט קענען בייזיין.

ער האָט זיך שפּעטלעך אויפגעהויבן פון בעט, נאָך אַ שטור־מישער סיים־דעבאַטע. ביז דריי ביינאַכט האָט ער דיקטירט די באַ־ריכטן און דעם לייט־אַרטיקל. ס'איז געווען אַ געמיינער אַרויס־טריט פון אַן ענדעקישן דעפּוטאַט וועגן דער עקספּאַנסיע פון יידישן קליינהאַנדל, אַן אינטערפּעלאַציע פון אַ לינקן דעפּוטאַט וועגן דעם נייעם תפיסה־רעגולאַמין פאַר פּאָליטישע, וועגן שטאַנד־געריכט. פון די רעכטע בענק זענען געוועז פייפערייען. וועגן דער אויסערן־פּאָליטיק האָט גערעדט דער פּרעמיער אַליין. מען האָט זיך נאָך דאָרט אַלץ געוואַקלט צווישן לאָנדאָן און בערלין. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן נייע קאָנצעסיעס פון די קוילן־גרובן אין זאַגלעמ־ביע און וועגן אַ נייער הלוואה אויף באַוואָפענונגען. נאָטאַן האָט

אָפּגעטריבן פון זיך די באַנדע רעפּאָרטערן, וואָס האָבן אים אַלעמאָל אַרומגערינגלט, און געכאַפּט די לעצטע דראָשקע אַהיים. דער קאָפּ איז פול געווען מיט בליי. ניין, ס׳איז קיין אייניקייט צווישן די עט־לעכע יידישע דעפּוטאַטן אויך נישט געווען. וואָס פּאַראַ אויספירן מאַכן אין מאָרגנדיקן באַריכט? פון אינערן־מיניסטעריום האָט מען אים שוין אייניקע מאָל געוואָרנט, דיסקרעט געוואָרנט. ער רעדט, הייסט עס, וועגן אַזוינס, וואָס דאַרף צופיל נישט דערמאָנט ווערן. אָט, אַ שטייגער, האָט מען אויף אַ העלפט קאָנפיסקירט זיינס אַן אַרטיקל וועגן דעם קאָברינער פּראָצעס. אַ גרופּע מענטשן, יידן און נישט־יידן, איז געשטאַנען אין שאָטן פון שטאַנד־געריכט, אין שאָטן פון דער תליה, אויף די מזרח־קרעסן, ווו דער רעזשים איז באַזונ־דערס שאַרף. ער האָט גיכער געפּרוווט צו זוכן די פּסיכאָלאָגישע סיבות אין פאַרבינדונג מיט אַ רעזשים, וואָס דריקט. ער האָט גע־רעדט געגנוג דיסקרעט, דאַכט זיך, אָבער אויך דאָ האָט מען אים געכאַפּט ביי דער האַנט. ס׳איז שוין באַלד געוואָרן אוממעגלעך צו קאָנטראָלירן אַזויפיל די אייגענע פּעדער.

ס׳איז געווען אַ היימיש־געגרייטער פרישטיק אין אַ זייטיקן סאַ־לאָן, ווו זיי זענען געזעסן איינער קעגנאיבער דעם אַנדערן, נאָך אַ קורצן, קילן, אָבער פריינטלעכן באַגריסן זיך. די שאַרפע, פריי־האַרבסטיקע זון, וואָס האָט זיך דורכגעזיפּט דעם פאָרהאַנג, האָט באַגילדעט אַ קליינעם בראָנז־ביוסט אויפן שוואַרץ־לאַקירטן טישל, אויף אַ הויכן, געשניצטן פוס. נאַטאַן האָט געפילט דעם פעסטן, זיכערן האַנט־דרוק זיינעם. ס׳איז נישט געווען קיין ווייכע, אינטע־ליגענטישע האַנט. דאָס איז אים עפּעס אויך גלייך געפעלן געוואָרן. דער מענטש האָט זיך נישט באַלד צוגערירט צו דער טאָס קאַווע, וואָס מ׳האָט אַוועקגעשטעלט פאַר אים. ער האָט אים עטלעכע מאָל באַדאַרפט דערמאָנען, אַז ס׳ווערט אָפּגעקילט. די ווערטער זענען אויך אַרויסגעקומען ביי אים צו האַמעטנע, כאָטש ער האָט לאַנג געטראַכט ביי וואָס אָנצוהויבן.

— איך מוז אייך זאָגן, אַז מיר פאָלגן נאָך אייערע באַריכטן און אויספירן מיט גרויס אינטערעס. איר זוכט נאָך אַלץ אַן אויסוועג פאַרן הולה, וואָס איז שוין מיט איין פוס אין קבר... אַזוי באַקומט זיך.

— דאָס ווייס איך, ווייל איך קען צופיל אָט די באַנדע פּולקאָווניקעס, וואָס פירט דאָס לאַנד צום אָפּגרונט. און נאָך אַ זאַך וועל איך אייך זאָגן — האָט זיך נאַטאַן שאַרף אַרומגעקוקט, אַראָפּלאָזנדיק דעם טאָן — אַז זיי וועלן זיך פאַר קיין שום זאַך נישט אָפּשטעלן. זיי זענען קאָנסעקווענט, דאָס מעגט איר זיי גלויבן, און נאָכמער — בנוגע אונדז, יידן. עס האַנדלט זיך אָבער אין איבערכיטרעווען זיי, אין אָנבליק פון אויסלאַנד. אין ענגלאַנד, אין אַמעריקע האָבן נאָך יידן דאָס וואָרט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן הלוואות. איר וואָלט באַדאַרפט הערן, ווי שיין זיי רעדן דאָרט, אין אויסלאַנד. אויף דעם שוואַכן פונקט קלאַפּן מיר. איך וואָג, אָבער נישט אַלעמאָל קען איך.

— איר האָט פונדעסטוועגן דער איינציקער געוואַגט צו רעדן אַזוי אָפן וועגן די שטאַנד־געריכטן אין שיכות מיט די 11 פון קאָברינער פּראָצעס, כאָטש אייערע אַרטיקלען זענען דערשינען אינדערהעלפט מיט ווייסע בלויזן.

— איר מיינט אפשר, אַז מיך וועלן זיי יאָ שוינען? — האָט ער געלאַכט קלוג און ביטערלעך — האָט איר אַ גרויסן טעות. זיי גרייטן שוין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אַפילו פאַר די, וואָס פאַרנעמען אַזאַ נייטראַלע פּאָזיציע, ווי איך... ס'איז שוין כמעט ווי זיכער.

— עס האַנדלט זיך אָבער אין איצטיקן מאָמענט צו ראַטעווען די 11 מענטשן פון דער תליה... כ'מיין...

ווי צוריקגעהאַלטן נאַטאַן איז נישט געווען, איז אויפגעשטיגן אַ רויטע פאַרב אין זיינע בלוי־אויסגעגאָלטע באַקן און ער האָט אים נישט געלאָזן פאַרענדיקן.

— איר באַטראַכט דעם יידישן פּראָבלעם ווי אַ נישט־אָפּגעריסענעם. כ'פאַרשטיי וואָס איר האָט מיר בדעה צו זאָגן. אָבער מיר, פון מיין זייט, אינטערעסירן — יידן. מיר האָבן גענוג געזינדיקט אויף דעם געביט. ראַטעווען וואָס מער יידן — דאָס אינטערעסירט מיך: איר האָט אַוודאי געלייענט מיינע אַרטיקלען וועגן באַזעצן יידן אין בירעבידזשאַנער טייגעס.

— נאַטירלעך. אָבער צי האָט איר נישט געטראַכט דערפון, אַז עס מוז שוין באַצייטנס געוואָרנט ווערן, אַז בירעבידזשאַן איז נישט קיין סאָוועטישער ציוניזם. דאָרט איז די יידן־פראַגע געלייזט. יידן זענען גלייכע בירגער פון אַ פרייע לאַנד. דאָ קעמפן מיר, ווייל דאָ

איז אונדזער היים, דאָ זענען מיר געבוירן געוואָרן און דאָ פּאָדערן מיר דאָס רעכט צו לעבן. איר, אייער שיכט, האָט אַמאָל געזען אונדזער לייזונג אין דער אויסערלעכער אויפלייזונג צווישן דער פּוילישער בירגערלעכער געזעלשאַפט. ווייט געפירט האָט עס נישט...

ער האָט גערעדט קיל, דער חבר זלמן, כאָטש אין זיינע אויגן איז געווען אַ פלאַם. ער האָט מער נישט געקענט איינזיצן. ס׳האָט אים אונטערגעהויבן:

— איך ווייס נישט ווי עס אָנצורופן — האָט ער זיך צוריקגעזעצט אויף אַ שפּיץ שטול — נאַאיוויטעט, אָדער... כ׳ווייס אַליין נישט. מיטן עמיגרירן פון עטלעכע טויזנט יידן, וועט איר לייזן, גלויבט איר, אַלע יידישע פּראָבלעמען? און צי קען מען דען בכלל אַנטלויפן פון אַן עפּידעמיע, וואָס לויפט אייך נאָך? די גאַנצע וועלט שטייט אין אַ ביטערן געראַנגל. אַנטלויפן...

און דעמאָלט איז צעלינאַ שטיינגעבליבן אין דער טיר מיט אַ פאַרשוילדיקטן שמייכל, אַביסעלע צעטראָגן, אָבער אַנטשלאָסן. אַ קליין, ווייס קעלנערל האָט אַרומגענומען איר הויכן האַלדז.

— נאַטאַן — האָט זי געזאָגט ווייך — מען דאַרף זען עפּעס צו טאָן פאַר די מענטשן, אין שאָטן פון דער תליה. זיי האָבן עס פאַרדינט.

ער האָט איינגעשטימט, נאַטאַן, אויף אַלעם איינגעשטימט. ער האָט דעם חבר זלמן קורץ געדריקט די האַנט, ווייל עס האָבן שוין געוואַרט אויף אים די טעלעפאָנען, דער אויטאָ אונטן האָט געוואַרט.

אין דעם שטילן הויז האָט ער איבערגעוואַרט ביז פאַרנאַכט, דער חבר זלמן. ער איז אַראָפּ פון דאָרט, ווען די לאָמטערן לענגאויס דער קערבעדזש־בריק האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעצונדן. סטערקע האָט אים מיט אומוועגן צוריקגעפירט צו דער אָטוואָצקער ליניע. ס׳איז געווען פרייטיק פאַרנאַכט און פון אַ סך יידישע ווילעס האָבן אַרויסגעקוקט די אָנגעצונדענע שבת־ליכט. און ס׳האָט אים מיטאַמאָל אַ דערמאָנט געגעבן דער מוראַנאָוו פון יענע יאָרן, דעם טאַטן, דעם אָרעמען, חסידישן ייד, די בערזעס אַרום די נידעריקע טויערן פון דער מילע גאַס און דאָס קליינע, בלייכע מיידל, די וועש־נייטערין...

ביז צו דער ווערענדע האָט זי אים באַגלייט, סטערקע. ער האָט

געהאַלטן איר קליין הענטל אין זיין פעסטער דלאָניע, ווען זי האָט אין לעבלעכן טונקל אים געפירט צו דער הילצערנער שטיג.

— דאָ איז די טיר — האָט זי געזאָגט שטיל.

אָבער ער איז נאָך אַלץ שטיינגעבליבן אין דער טונקל.

— ס'ווערט שפעט — האָט זי אַביסל האַסטיקער אַ ציַ געטאָן איר האַנט פון זיין וואַרעמער דלאָניע און זי האָט דערנאָך אַליין נישט געוווסט, צי האָט זי עס טאַקע באַדאַרפט צו טאָן.

## קאַפּיטל עלף

# אַ נאַכט אויפן טעאַטער־פּלאַץ

בייטאָג האָט נאַטאַן געקלונגען, אַז ער וועט שוין היינט נישט קענען קומען צום אָוונט־ברויט, אַז ער וועט עפּעס איבערכאַפּן אין די סיים־קולואַרן און וועט קוים באַווייזן צום קאָלעקטיוון אַרויס־טריט אין שטאָט־ראָט־זאָל וועגן דער איבערקערעניש אין בערלין; צעלינאַ זאָל אים אַפּוואַרטן ביים אַרויסגאַנג, זי זאָל אים מוחל זיין.

מיט אַ טאָג פריער איז ער געקומען אַנצופליען פון בערלין, ווו ער איז אָפּגעשטיגן צוריקוועגס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פרע־סע־קאָנפערענץ אין האַאַג. ער איז געווען דער אָפיציעלער דיפּ־לאָמאַטישער קאָרעספּאָנדענט אין סיים און דער שליח פון גרויסע יידישע און פויליש־יידישע צייטונגען אויף אַלע אינטערנאַציאָנאַלע אימפּרעזעס. זיין שלאָגנדיק און טרעפלעך וואָרט איז געווען מאָס־געבנדיק און איז אָפּט ציטירט געוואָרן סיי פון יידן, סיי פון פּאָ־ליאַקן, סיי פון רעכטס און סיי פון לינקס. דאָס, וואָס אַלע האָבן געוווסט, האָט ער אַלעמאָל געוווסט מיט אַ קליין ביסעלע מער...

צעלינאַ האָט שוין פונלאַנג נישט געהאַט נאַכוואָס בייז צו זיין, צו ברוגזן זיך. זי האָט קיל צוגעשטימט און באַלד אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל. די קינדער האָט זי פרי אַוועקגעשיקט שלאָפן. דעם שטוב־מיידל זאָשקע האָט זי אָנגעזאָגט, אַז אויב נאַטאַן וועט נאָכאַ־מאָל קלינגען, זאָל זי זאָגן, אַז זי איז אַוועק אויף דער פּרעמיערע אין דער „רעדוטאַ״, אָבער אין דער אמתן האָט זי זיך גאָר געקליבן

ערגעץ אַנדערש. „עס הייבט זיך אַלעמאָל אָן מיט קליינע נישט־אויסזאָגענישן" — האָט זיך איר געפּלאָנטערט עפּעס אַ פראַזע פון אַ רוסישן ראָמאַן. פונדעסטוועגן האָט זי זיך לאַנג געישובט, שטייענדיק פאַרן שפּיגל אין קליינעם סאַלאָן. ס'איז איר מיטאַמאָל זייער נישט געפעלן געוואָרן דער גרעלער רויט אויף אירע נעגל, ווי פון אָפּגעשפּרונגענע מאַהאָן־מעבל, דאָס קורצע, קאַראַקולענע זשאַקעטל, וואָס האָט אין יענעם ווינטער באַהערשט די וואַרשעווער שפּאַציר־גאַסן. „ווען זי קען זיך כאָטש אָנטאָן אַזוי איינפאַך און מיט געשמאַק, ווי די קליינע, די קוריערין פון מוראַנאָווער ק. ד. און נאָך האָבן הינטער זיך פיר יאָר „סערביאַנקע", ווי אַנדערע... די איינפאַכקייט אַליין און דאָך... ווי ער באַמערקט עס אַלץ, ברוינער. אַ פינקל מיט די אויגן־גלעזער, אַן אומגעריכטער דריי מיטן נאַקעטן לענין־קאָפּ, דער פּשוטער, אָבער ראַפינירטער שמייכל"...

דורך קראָקעווער פאָרשטאָט האָט איר דער אָנגעפּראָפּטער טראַמווײַ געפירט צום טעאַטער־פּלאַץ, צו דער לעשנע, צו דער יידישער געגנט. קיין פּרעציזע טרעפונג האָט ער זי דעם אָונט, ווי אַלעמאָל, נישט געגעבן; אָבער זי האָט ממש געפילט, אַז צווישן זיבן און האַלב־אַכט וועט ער זיך אַוודאי אַריינכאַפּן אין באַר „מעטראָפּאָל" — דער יידישער באַר אויף טלאָמאַצקיע, האַלב פאַר דער סוחרים־וועלט און האַלב פאַר דער ליטעראַריש־אַרטיסטישער באַהעמיע. דורך די פּראָסטיק־פאַרהויכטע שויבן זענען די אָוונט־פייערן צעשמירט געוואָרן. ראַג וויעזשבאָווע, ביים פאַרדריי, איז איינגעשטיגן אַן אַרטילעריע־קאַפּיטאַן. ער האָט אַרויסרופעריש נאָכגעקלונגען מיט די שפּאָרן און העפּלעך־שטייף אָפּגעטרעטן דעם וועג אַ דאַמע, אויסגעסטראָיעט אין קאַראַקול. דער מיטליאָריקער מאַן מיטן נידעריק־געשוירענעם קאָפּ, האָט פון אַ ווינקל אויפגעריסן די אויגן פון „אָוונט־קוריער", אָפּגעמאָסטן פאַרדעכטיק צעלינאַ חיות, וואָס האָט זיך איבערגערוקט צו דער שויב. פון איבער זיין אַקסל האָט זי אומגערן דערבליקט די פעטע קעפּ אויף דער ערשטער זייט: ביכער־שייטערס אין בערלין, מאַניפעסטאַציעס פון ס. אַ. אויפן בילאָוו־פּלאַץ, דער „פירער" זאָגט אָן רו און אָרדענונג, אומברחמנותדיקער קאַמף קעגן יידן און באָלשעוויקעס...

און אירע געדאַנקען זענען גאָר פאַרנומען געווען דערמיט, אַז

נאָטאָן געפינט אַפילו נישט קיין פרייע מינוט אַ קוש צו טאָן די קינדער, אַריינצוקוקן אַמאָל אין זייערס אַ העפט. ער איז שטענדיק צווישן צוויי אינטערנאַציאָנאַלע צוגן, צווישן צוויי אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן. ער פליט אָן ווי אַ ווינט אין שטוב אַריין, אויף אַ טאָג, אויף צוויי, און אַפילו דעמאָלט איז נישט אויסצוהאַלטן פון די טעלעפאָנען. וועגן זיך רעדט זי נישט מער, זי פאָדערט שוין מער גאָרנישט. די עלטערע שוועסטער עווא האָט אַ בעסער מזל ווי זי — דער מאַן אירער איז טאָקע נישט קיין באַרימטע פערזאָן, אָבער ע ר ברעכט זיך דעם קאָפּ פאַר די מאָדעס און פאַר די פאַרווײלונגען און לאָזט איר אויף קיין טריט נישט אַליין, גייט זי ביזן היינטיקן טאָג נאָך פאַרליבט, כאָטש זיי האָבן שוין דריי האַלב־דערוואַקסענע קינדערלעך. „כ׳בין אין אַ גאָלדענער שטייג" — האָט זי געשמייכלט אין זיך אַריין און אָפּגעהאַקט. מען רעדט נישט קיין סך אין דער משפּחה, אַפילו ביי די זעלטענע צונויפקומען.

זי האָט זיך געכאַפּט ערשט דערנאָך, אַז דער טראַמוויי האָט איר פאַרפירט ווייטער, אַרויף, ביז צו די נאַלעווקעס, צום קנופּ יידישע גאַסן און געסלעך. זי איז באַלד אויסגעשטיגן און געלאָזן זיך צוריקגיין מיט די פאַרפאַקטע טראָטואַרן, צום פּשעיאַזד, צו טלאָמאַצקיע. דער נאַסער שניי, וואָס איז געפאַלן אַ גאַנצן נאָכמיטאָג, האָט געקלעפּט צו די פיס. פרילינגדיקס האָט אַ ווייע געטאָן אין דער שאַרפער, פייכטער אָוונט־לופט. ווי זעלטן זי איז געקומען אין דער געגנט. זי איז נישט אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין די גאַסן. די פריוועסעס זענען זינט דורות פאַרבונדן געווען מיט דער אייזן־גאַס, אָבער די אייניקלעך, וואָס זענען געגאַנגען אין די „שקאָלעס", האָבן זיך געחברט מיט דער פּוילישער אַריסטאָקראַטישער יוגנט; און כאָטש די מערסטע אין דער משפּחה האָבן חתונה געהאַט מיט יידן, זענען זיי ווייט געווען פון אָט דעם נאַלעווקער טומל. די אָפּגעריסענע יינגלעך מיט די טיפע דאַשיקעס איבער די אויגן, מיט די אויסגעוואַקסענע אַרבל, די מיידלעך מיט די אָנגעדראָלענע הענט און פּנימער פון פראָסט, האָבן פאַרשריגן די גאַס מיט בייגל און קאַרמעלקעס. צעשראָקענע, אויסגעבלייכטע יידן האָבן זיך געקליבן ביי די טויערן און יעדן אַריינגעסודעט: „ווער טוישט עפּעס, ווער טוישט..." אָט וועגן זיי, האָט זי זיך דערמאָנט, האָבן עס נאַר־וואָס

די אָונט־צייטונגען געשריגן מיט גרויסע, פעטע קעפּ, אַז עס איז זיי אַנגעזאָגט געוואָרן אַן אומברחמנותדיקע מלחמה, און אויך — די קאָמוניסטן. ברוינער... ווי צערודערט ער איז די לעצטע טעג. די פּאַרטיי־אָפּאָזיציע וואַרפט פאַר, פאַרוואָס מען האָט אין דייטש־לאַנד אַזוי רואיק רעאַגירט אויף היטלערס קומען צו דער מאַכט. קיין איין שאָס איז נישט געפאַלן, פאַלשע טאַקטיק פון קאָמאינ־טערן... די ברילן פינקלען ביי אים, די מויל־קנייטשן ציען זיך אָן, ווי שלענגלעך.

אַן אָנגעפעלצטער דראָשקאַזש איז איר פאַרפאָרן דעם וועג אויפן ראָג פשעיאַזד. אין שויפענצטער פון באַר, האַלב־פאַרשטעלט פון טוי־געפריר און פון געלן פאָרהאַנג, איז נאָך אַלץ געשטאַנען דער סערוויס מיט רויטע עפּל און ווײַנטרויבן. דורכן לייכטן נעפל האָט זיך געזען אַ טייל פון פאָדער־זאַל, עטלעכע פליכן און ווייסע וועסטן פון די קעלנערס. איבערן לאָמפּ, פאַרן אַריינגאַנג, האָט גע־ווינטלט אַ פריש שנייעלע. ס'איז אין די לעצטע וואָכן שוין דער־גאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט אים נישט געקענט נישט זען, ברוי־נערן. זי איז אַריין אין פיבער פון אַ קרייז, ביי און פרעמד פאַר איר. „סאַלאָן־קאָמוניסטקע" — האָבן זיי געשפּאָט הינטער אירע פּלייצעס און זי האָט געהאַט די אַמביציע צו באַווייזן, אַז נישט בלויז מיט רייד העלפט זי צו דעם ביטערן, אומברחמנותדיקן גע־ראַנגל. ניין, זי האָט נישט געצווייפלט אין ענדגילטיקן זיג פון די ליידנדיקע. וויפל מאָל האָט זי זיך איינגעשטעלט, וויפל מאָל האָט זי אָפּגעטראָטן אירע צימערן פאַר זיצונגען. ווען נאָטאָן ווייסט עס... אומבאַקאַנטע פּנימער. זי האָט זיי געזען צום ערשטן און אפשר צום לעצטן מאָל. אויף זיי איז געלעגן דער אומרו און דער שטויב פון געפערלעכע אונטערוועגנס.

דאָס האָט איר ברוינער אומגעריכט אַריינגעפירט אין דעם קרייז; נישט די שרייבער, וועלכע מ'האָט געפלעגט צו זען אין די גערוימע זאַלן פון ליטעראַטן־פאַריין, אין יענע יאָרן, ווען די יידי־שע פּרעסע אין פּוילן האָט געמאַכט גאָלדענע געשעפטן, אָדער — אין דער „זשעמיאַנסקע" — די עלעגאַנטע און גוט־געפלעגטע, מיט דער ליולקע צווישן די ציינער, ביי אַ האַלבע־שוואַרצע. דאָס זע־נען געווען בלייכע יינגלעך און מיטליאַריקע מענטשן, אין פאַר־

גלאַנצטע רעקלעך, מיט אַ פּייערל פון נישט־דערעסן אין בליק. אַרבעטער־אינטעליגענטן, אויטאָדידאַקטן, וואָס האָבן זיך דערלערנט אַביסל לייענען און שרייבן אין די תּפיסות, ווו זיי זענען געווען יאָרן פאַרשפּאַרט, ווו זיי האָבן צום ערשטן מאָל געטרונקען פונעם קוואַל פון וויסן. אַצינד זענען זיי געקומען אַהער שטורעמען „דעם טורעם פון העלפאַנטביין״, וואָס וואַקלט זיך שוין סיי ווי סיי. ביין, נישט זיי דאָרט זענען באַרופן געווען צו זאָגן דאָס שטאַרקע וואָרט דער באַדנלאָזער יידישער אָרעמקייט.

דער געלער פּאָעט, מיט דער פאַרשטעקטער ליולקע צווישן די געזונטע ציינער, — ער האָט נישט פיינט געהאַט אַ פלירטעווע צו טאָן מיט יונגע ווייבלעך — האָט זי לייכט אָנגענומען ביי אַ האַנט. ס'איז געווען אַזוי מאָדנע אומגעריכט. זי האָט אים איינגאַנצן נישט באַמערקט אַריינקומענדיק. ער איז געווען ברייט צעזעצט ביי אַ טישל. ער האָט טריאומפירט:

— שוין, נישטאָ נאָכוואָס צו איילן זיך, מאַדאַם חיות. זעצט אייך צו אַ ווייל. ער זיצט דאָרט פּעסט, היטלער. אַפילו ברוינער אַליין קען שוין דאָ גאָרנישט העלפן...

ער איז געווען שטעכיק און בייסיק און דורכגעטריבן־קלוג. שוין לאַנג, אַז ער האָט פאַרוואָרפן די פרומע לידער פון אַ הפקרן סאָל־דאַט און מערנישט געכאַליאַסטרעוועט מיט די אַלע מאָדערניסטן. יענע יאָרן האָבן שוין איצט אויסגעוויזן מאָדנע און נאַריש־ווייט. אַ שטיקל צייט האָט ער געלעבט אין פּאַלעסטינע, ווו ער האָט אַרומ־געטומלט מיטן עקסטרעם־רעכטן פליגל פון ציוניזם. אַנדערש ווי עקסטרעם האָט ער גאָרנישט געקענט זיין, ווי אַלע פאַרשפּיצטע שטריכן זענען עס געווען אין אים. זיין גאַנצן דיכטערישן טעמפּע־ראַמענט האָט ער איצט אויסגעשריגן און אויסגעשטורעמט אין זידלערישע לייט־אַרטיקלען אויפן חשבון פון ענגלאַנד און פון די רעכטע סאָציאַליסטן אין פּאַלעסטינע, וואָס פוצן זיי די שטיוול...

— אויף אייך, מאַדאַם חיות, וווּנדערט מיר אַביסל, וואָס איר האַנדלט אַזוי צו די קאָמוניסטן — האָט ער געריידט שפּיציק און מיט אָנצוּ־הערעניש — נאָר ווי זאָגט מען עס: די ליבע מאַכט בלינד... אָבער ווי פּאַסט עס פאָרט פאַר אייך? איר שטאַמט פון אַ לייטישער מש־פּחה. פאַר אייך וואָלט שענער געווען צו זיין אַן ערן־מיטגליד פון

עפּעס אַ וווילטעטיקן פרויען־קאָמיטעט. אָבער נאָך אַלעמען, זעט איר, געפעלן זיי מיר, די היימישע רויטע — זיי האָבן בלוט! דאָס מוז מען מודה זיין. זיי זענען נישט ווי די אַנעמישע סאָציאַליסט־לעך, וואָס שרייבן זייער שיינע מאמרים און זענען נישט פעאיק אַריינצוטאָן אַ האַנט אין קאַלט וואַסער...

— אָ, איר זייט נאָך אַלץ דער זעלבער פרומער ציניקער, ווי איך האָב אייך געקענט אין יענע יאָרן — האָט זי זיך פונדעסטוועגן פאַראינטריגירט גערויטלט — נאַטאַן האָט מיר איינמאָל, נאָך איי־דער מיר האָבן חתונה געהאַט, מיטגענומען אויף אַן אַרויסטריט פון אייער כאַליאַסטרע. ס׳האָבן זיך דאָרט, געדענק איך, געוואָרפן אין די אויגן בלויז קינסטלעריש־צעפלויגענע בערד, שלייפן, ברייט־ראַנדיקע היט און שויבערדיקע טשופּרינעס. כ׳האָב נאָך דעמאָלט שלעכט פאַרשטאַנען יידיש, אָבער דער קלאַנג פון אייערע לידער איז מיר פאַרגעקומען עכט. וואָס איז דען, זעט איר, פאַרבליבן פון די אַלע עקסטראַוואַגאַנטע מאָדערניזמען? שאַ, און נאָך איינער איז דאָרט געווען, מיט אַ בלאָנדן שויבער, מיט אַ געטאָקטן, גריכישן פּראָפיל, אַלע מיידלעך האָבן געקלעפּט אַרום אים. ווי האָט ער זיך גערופן?

— עלקיסן אָודאי, מיינט איר?

— יאָ, עלקיס. זעט, ווו ער איז דערגאַנגען און ווו איר זענט געבליבן שטעקן? מיט וואָס פאַראַ פּאַטאָס ער זינגט עס היינט וועגן אַ נייער וועלט, וואָס ראַנגלט זיך טאָקע אין געבורט־ווייען, אָבער וואָס גייט אויף מיט אַזאַ גרויס ליכט.

— גלויבט מיר, איך בין אים נישט איינמאָל מקנא, עלקיסן. ער גייט אויף אַ זיכערער בריק. אָבער אונדזערע וועגן וועלן זיך נאָך אַמאָל, גלויב איך, צוזאַמענקומען. ער איז נישט ווינציקער ייד, ווי איך. . .

דער איבערגעפּאַקטער באַר האָט גערוישט. ביי די צוזאַמענגע־רוקטע טישלעך, הינטער דער קאָלאָנע, האָט דער פּאָעט־וואַגאַ־בונד, וואָס שרייבט אָדעס צום ווייסן, אויסגעחלומטן בעט, וועקס־לער, באַמיט זיך צו מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די צוויי אַר־טיסטקעס פון „יינג־טעאַטער". ער האָט הילפלאָז געדרייט די אויס־געלאָשענע פייקע און גענישטערט מיטן בליק איבערן זאַל אַ קאָ־לעגע, ביי וועמען צו שנאָרען אַ סיגאַרעטל.

אַרויסגעלאָזן צום טעאַטער־פלאַץ האָט מען זיך קורץ פאַר האַלבער נאַכט. ברוינער איז אַריינגעפאַלן אויף אַ מינוט, זייער שפעט, און האָט זי געטראָפן ביי די טישלעך, צווישן די יונגע, פאַר וועלכע זי האָט געהאַט אַ באַזונדערע שוואַכקייט, איבערהויפט פאַרן שטילסטן, פאַר הירשן. ער איז געווען כמעט אַ יינגל נאָך. אין די פאַריינען, וווּ ער האָט פאַרגעלייענט זיינע לידער, האָט ער אַלעמען אָנגעצונדן מיטן קעמפערישן פאַטאָס. צעלינאַ האָט זיך שפעט אין אָונט געפירט מיט אים איבער די גאַסן, צום שטאָט־ראַט־זאַל. דאָס יינגל איז געווען פאַרפלאַמט. פאַר האַלבער נאַכט איז די ביעלאַנסקע שוין געווען ליידיקלעך, אָבער אין דער ריכטונג פון טעאַטער־פלאַץ איז נאָך אַלץ געווען אַ באַוועגונג. מען האָט דאָ געוויינלעך אָונט־צייט נישט געזען אַזויפיל יידן מיט די קאַפאָטעס. אַלע פענצטער זענען געווען צעצונדן. „גאַנץ וואַרשע" איז געקומען הערן וועגן פאַרלויף פון די פעברואַר־טעג אין בערלין.

ס'איז געווען אַ מאָדנע־העלע נאַכט פון וואַך־זיין צווישן די אַרומגעשטעלטע געביידעס פון טעאַטער־פלאַץ, אין וואַרשע; דער פלאַץ, וואָס האָט שוין געזען אַזויפיל בלוטיקע צוזאַמענשטויסן אין די זוניקע טעג פון אַרבעטער־יום־טובים. דאָס מיסטישע לבנה־ליכט איז געקומען פון הינטער אָפגעהאַקטע דעכער. די לעצטע טראַמווייען האָבן אַ גרילץ־געטאָן ביים ראָג און האָבן זיך ליידיק אַוועקגעשאָקלט זיך צו די בריקן איבער דער ווייסל, צו די רעמיזעס. עס זענען נאָך דאָ געווען צעקלעפּט די אַפישן פון „לאָהענגרין" און „דער סוחר פון ווענעדיק"; און ס'האָט זיך אַ רגע געקענט דאַכטן, אַז די געשפענסטער פון מיטלאַלטער זענען אַרויסגעקראָכן פון דער אויסגעלאָשענער טעאַטער־געביידע, אַז זיי לויערן אין די נישעס, הינטער די זיילן, הינטער די פאַסאַדן. אָבער די יידן פון פינצטערן גאַסן־פלאָנטער אַרום מוראַנאָוו האָבן געוואַכט. אַלע פענצטער זענען געווען אָנגעצונדן אין דער נאַכט אַריין. פונקט אַזאַ געפיל האָט ער געהאַט, הירש, ווען ער איז דאָ אַנומלטן אינאָוונט צוריקגעגאַנגען דורכן טעאַטער־פלאַץ פון דער קאַראָווע, אַראָפּצו ביי דער ווייסל, נאָכן זען די אויפפירונג פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", ביי די „ווילנער".

אין גרויסן זאַל, פון אַן אומהיימלעכן קירכע־סטיל, זענען די

רעדעס שוין באַלד געווען פאַרענדיקט. אויף דער עסטראַדע האָט מען איצט געלאָזן אָנשטעלן אַ קליינעם פּאַטעפאָן מיט די פּליטעס פון ווילדן, באַרבאַרישן ריטשען אַרום ברענענדיקן רייכסטאַג, אַרום די ביכער־שייטערס און דאָס גרילצנדיקע „האָרסט־וועסעל־ליד". און ווען איבערן זאַל, אין דער טויטער שטילקייט, איבער דער צונויפגעשטופּטער עדה יידן, האָט עס הייזעריק אַ הילך־געטאָן: „און ווען דאָס יודען־בלוט פאָן מעסער שפּריצט", איז אַדורך אַ זיפּצנדיקער געמורמל איבערן וואַלד קעפּ, ווי יום־כיפּור, אין די שולן און בתי־מדרשים, צו נעילה — דער הייליקער, זיפצנדיקער געמורמל, דער גזר־דין זאָל צעריסן ווערן . . .

ביים אַרויסגאַנג איז דער געלער פּאָעט ווידער קאַפּויער געקומען. מען האָט זיך איצט, נאָך האַלבער נאַכט, צוריק אַרויסגעלאָזן צום באַר, צום ליטעראַטן־פאַריין. צעלינאַ האָט אַפילו נישט געקלערט אויפצוזוכן דאָ ערגעץ נאַטאַנען. זי איז געווען אַרומגערינגלט פון ברוינערן און פון געלן פּאָעט. די צוויי עקסטרעמען, ברוינער און ער, האָבן זיך נישט פאַרטראָגן און דאָך האָבן זיי אויפגענומען די אַריינזאָגענישן אַזוי־ווי נישט־ווילנדיק, ווייל דאָס בלוט האָט אין זיי ביידן געקאָכט אין דעם אָוונט.

— „מיר גלויבן אין גערעכטן גאַנג פון דער געשיכטע"... — האָט ער געלאַכט, דער געלער פּאָעט — מיר האָבן שוין געזען ווי אַזוי איינציקע מענטשן, פינצטערע דיקטאַטאָרן, אָדער קליקעס, קענען אַמאָל גאַנץ שיין די רעדער פון אייער געשיכטע דרייען אויף צוריק, אויף יאָרהונדערטער. לאָמיר זיין ווי אַלע פעלקער — רויבן און נעמען מיט געוואַלט. אייער פאַרזאָרגן די וועלט, אַייערע רעוואָלוציעס! וווהין, פרעג איך, פירן זיי?

— מיר דענקען מיט די קאַטעגאָריעס פון איין מענטשלעך לעבן — האָט ברוינער גערעדט געלאַסן און פונדעסטוועגן געהאַלטן אין איין פאַרריכטן זיך די אָנגעקוועטשטע גלעזלעך — אָבער פאַר דער געשיכטע איז פופציק, אָדער הונדערט יאָר אַ קליינער צייט־געגעץ. די נאַטור גופא באַווייזט אונדז, ווי איין גענעראַציע אַרבעט פאַר דער צווייטער. איז דען דאָס יאָר 1906 נישט געווען קיין פינצטער יאָר אין דער געשיכטע פון דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג, אין יידישן לעבן? און פונדעסטוועגן. . .

נאָך האַלבער נאַכט האָט נאָך דער באַר געדרוישט. רייכע יידן, סוחרים אין פוטערלעך פון סקאָנסק, באַגלייט פון דיקלעכע ווייבער, באַהאָנגענע מיט אָן אַ שיער צירונג, האָבן די פּאַרמאַכטע אוי־טאָס געלאָזן וואַרטן ביים אַריינגאַנג. אויף דער עסטראַדע, אין דער טיף פון זאַל מיט די שפּיגלען, האָט דער דיריגענט מיטן נאַקעטן שאַרבן, אין שוואַרצן סמאָקינג, ווילד דיריגירט אַן אַלטן, פרלינג־דיקן שטראַוס־וואַלס. מען האָט געטאַנצט.

צום פאַרענדיקן די נאַכט, איז מען נאָך אַרויף אין ליטעראַטן־פאַריין. נאַטאַן איז אַראָפּגעקומען, דער ציוניסטישער עסקן גמזו, דער פולקאָווניק פעלד־ראַבינער דר. פייוולזאָן, דער פליכטוואַטער דערציילער בלייוויס מיט די רויטלעכע אויגן, ווי ביי אַ פיש. די שטאַם־געסט האָבן נאָך דאָרט, אין טיפן זאַל, געטומלט אַרום די שאַך־טישלעך, אַרום די קאָרטן־טישלעך. הירש איז געזעסן הינטער אַלעמענס פּלייצעס, ביי דער זייט פון צעלינאַ חיות און געהערט אי־בער זיך ברוינערס רואיקע, אָבער איינגעשפּאַרטע שטים פונדער־מיט. ס'איז געווען אַ נאַכט פון פיבער און פון וואַך־זיין. צווישן די אַלע האָט דאָ פּלוצים אויך אויפגעטויכט סטערקע, די קליינע, שיקלדיקע סטערקע. פונוואַנען האָט זי זיך פּלוצים דערנומען אַהער? זי איז געווען אָן אָטעם.

— דער חבר זלמן — האָט זי איינגערוימט ברוינערן — איז אַרעסטירט...

און איז באַלד, ווי אַ ווינטל, פאַרשוואונדן, אויסגערונען.

## קאַפּיטל צוועלף

## אַ ש יי נ ע א י ל ו ז י ע

ס'איז, אייגנטלעך, געווען נישט בלויז דער אַרעסט פון חבר זלמן. אַלץ האָט, אין אַ געוויסן מאָמענט, אויסגעזען צו זיין אונ־טערגעגראָבן. מען איז געגאַנגען אין אַ נייער, אומבאַקאַנטער ליי־דיקייט אַריין. מיט אים, מיטן חבר זלמן, האָט מען דערפילט, פאַר־שווינדט אַ דור, אַ שיינער דור.

ווען מ'האָט אין יענע פעברואַר־טעג אָפּגעשלאָגן די פאַשיסטישע אַטאַקעס אין פראַנקרייך, געפּרוווט אָוועקשטעלן דעם געאייניקיטן פאָלקס־פראָנט, איז דאָס לאַנד, מער ווי אַלעמאָל, געלעגן געקאָוועט אין שווערע קייטן. דער דייטשער ביישפּיל האָט זיך שטאַרק גע־לאָזן פילן — אורטיילן אויף לאַנגע יאָרן, שטאַנד־געריכטן, עקזע־קוציעס אין די אויסגעלאָשענע נעכט, אין די אָפּגעשלאָסענע תפיסה־הייף; מען קומט, מען נעמט אַוועק, מען פאַרשווינדט אָן אַ שפּור. ס'האָט זיך שוין געטראָגן אין דער לופט מיט ריחות פון אָנגעברענטן מענטשן־לייב, מיט קאָנצענטראַציע־לאַגערן. דער ענטפער פון אַ באַקאַנטן פוילישן זשורנאַליסט אין אַ האַלב־אָפיציעלער צייטונג, אויף אַן אינטערפּעלאַציע פון אַ יידישן סיים־דעפּוטאַט, איז געווען: „נישט אַלע יידן זענען אפשר קאָמוניסטן, אָבער אַלע קאָמוניסטן זענען — יידן". מען איז מער נישט זיכער געווען אויף די בענק אין די הויך־שולן, אויף די היימישע, פוילישע וועגן צו די שטעטל־דיקע יאַרידן, ווו יידן האָבן זינט יאָרהונדערטער געצויגן די בידנע חיונה.

„כ'האָב אַנומלטן געלייענט פון דיר אין אַ היגן בלאַט — האָט אים, הירשן, דער טאַטע, דער משכיל, וואָס איז אַמאָל, אין „יענע יאָרן", פאַרמישט געווען אין די שטרייקן, געשריבן פון פּאַריז — מאַטערסט זיך דאָרט אַוודאי אויך געגוג איינער אַליין, וועלן מיר זיך סטאַרען דיך אַריבערצונעמען. די פראַנצויזן זענען פאָרט אַן איידל פאָלק, זיי לאָזן לעבן".

דערוויל האָט ער נאָך אַלץ נישט געקלערט דערפון; און קיין תכלית, צוריקגערעדט, פאַר דער קראָכמאַלנע גאַס איז עס אַוודאי נישט געווען. אָט — דער געדאַנק וועגן בירעבידזשאַן, וועגן דער אוראַלטער טייגע, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ בליענדיק לאַנד, דאָס האָט אים אַלץ מער עקזאַלטירט און נישט געלאָזן איינרוען אין די נעכט. די דעקלאַראַציע פון קאַלינינען אַליין, וואָס איז דער־שינען אונטער גרויסע קעפּ אין אַלע צייטונגען, האָט דעם יינגל שטאַרק אויפגערודערט.

— פאַרשטייסט? — האָט ער אין היץ גערעדט צו סטערקען — מען האָט די אָפּגעשטאַנענע אַזיאַטישע שבטים געגעבן אַן אַלף־בית, מען האָט די פעלקער, וואָס זענען דערשטיקט געוואָרן אונ־

טערן צאַרישן יאָך, געגעבן נאַציאָנאַל־קולטורעלע פרייהייט אין גרויסע סאָציאַליסטישן היימלאַנד. צי קען עס נאָך זיין עפּעס שע־נערס — אויך אַ יידישע אויטאָנאָמע געגנט, אַ צוקונפטיקע יידישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק?

ווי יעדע נייע כוואַליע אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, האָט זיך אויך דער טומל אַרום בירעבידזשאַן אַנגעשלאָגן אין די ווענט פון ליטעראַטן־פּאַריין. דאָ איז געווען דער קאָך־קעסל פאַר אַלע מיינונגען און פאַר אַלע מאַרגנדיקע לייט־אַרטיקלען אין דער יידי־שער פּרעסע. אַפילו די בירגערלעכע יידישע צייטונגען, וואָס זענען געווען פּראָ־ציוניסטיש, האָבן געמוזט נעמען שטעלונג צו דער דעקלאַראַציע פונעם אַלטיטשקן קאַלינין, וועלכער האָט מיט אַזוי־פיל פּשטות און זאָרג גערעדט וועגן די דעקלאַסירטע יידן, אַז זיי וועלן בויען זייער צוקונפטיקע יידישע רעפּובליק. מ׳האָט אַפילו נאָכדערציילט דעם אַנעקדאָט, אַז קאַלינין אַליין זאָל זיך האָבן אויסגעדריקט: „ווען איך בין אַ יידישער רב — האָט ער זיך גע־זאָלט אויסדריקן — וואָלט איך געלייגט אין חרם אַריין די אַלע, וואָס ווילן דווקא פאַרבלייבן אין מאָסקווע, ווייל זיי ווערן פאַרלוירן פאַרן יידישן פאָלק". מ׳האָט געפּרוווט דערציילן, אַז דער קלימאַט איז דאָרט אומדערטרעגלעך, פליגעלעך, בלאָטעס, אָבער וואָס האָט מען שוין געקענט דערמיט אָפּשרעקן די אַרבעטסלאָזע יוגנט אין די האַרבסטיק־אויסגעליידיקטע שטעטלעך פון דער יידישער פּראָ־ווינץ? אייניקע בירגערלעכע זשורנאַליסטן האָבן זיך, פאַרקערט, אָנגעכאַפּט דערין מיט לייב און לעבן, און צווישן זיי — דער אייב־פלוסרייכער זשורנאַליסט נאַטאַן חיות; און כאָטש די דעקלאַראַציע פון קאַלינינען האָט זיך דער עיקר באַצויגן, ווי ס׳איז געווען צו פאַרשטיין, צו די דעקלאַסירטע יידן פון ראַטנפאַרבאַנד גופא, האָט מען אין די קרייזן שטאַרק געשמועסט וועגן אַ דעלעגאַציע קיין מאָסקווע.

שטילע אַרומרעדענישן האָבן זיך שוין געפירט פון לאַנג. עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט אַרויסצושיקן אַהין אַזעלכע פּערזאָנען, וואָס זאָלן נישט זיין צופיל פּאָליטיש אַנגאַזשירט אויף איין צד. די פּוילישע רעגירונג ווידער האָט גאָרנישט אַזוי קרום געקוקט אויף אַ יידישער אויסוואַנדערונג־געזעלשאַפט, פאַרקערט. זי האָט אָבער געוואָלט זען רעזולטאַטן...

איבער נאַכט ממש איז אויסגעוואַקסן אַ ריזיקע באַוועגונג איי־בערן גאַנצן לאַנד. דאָס מאַגערע זשורנאַלכל „אויפבוי“, וואָס האָט דערציילט וועגן דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד, אין קרים און בירעבידזשאַן, איז צעכאַפּט געוואָרן און מען האָט געמוזט דרוקן נייע אויפלאַגעס. אָפּן און פריי זענען געשטאַנען די נייע לאָקאַלן פון דער געזעלשאַפט „אַגראָיד“. אַלע אומלעגאַלע בערזעס פון דער סמאַטשע, פון דער לעשנע האָבן זיך דערוויייל אַריבערגעטראָגן אַהין. דאָס פריילעכע ליד פון איבערוואַנדערער אויף ערד האָט זיך געטראָגן פון אַלע אָנגעפּראָפּטע ווינקעלעך. די קורץ־אונטערגעשוירענע מיידלעך און די יינגעלייט מיט די אָפּגע־לייגטע קעלנער, זענען געגאַנגען אַריין און אַרויס.

די יידישע שטעטלעך האָבן פאַרשיט מיט בריוו און אָנפראַגעס ווי אַזוי מען קאָן פאָרן קיין בירעבידזשאַן. קליינע באַלמעלאָכעס, אָרעמע אָנגעשטעלטע, זענען גרייט געווען צו ליקווידירן די גאַנצע בידנע עקזיסטענץ, פאַרקויפן דאָס לעצטע, צונויפקלאַפּן אַביסל געלט און אַריבערפעקלען זיך אַהין. מען האָט מיטאַמאָל דערפילט ווי די ערד ברענט אונטער די פיס. קיין פּאַלעסטינע איז אויך שווער געווען און די לענדער מעבר־לים זענען סיי־ווי געווען פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער.

אַן אַמעריקאַנער יידישע זשורנאַליסטין, וואָס איז געקומען פון אַ לאַנגער רייזע איבערן ראַטנפאַרבאַנד, איז געפלויגן פון לעמבערג קיין ווילנע און פון וואַרשע קיין ביאַליסטאָק. זי איז געווען אַן עק־זאַלטירטע רעדנערין. זי האָט לעבעדיק געמאָלן דעם אויסגע־וואָרצלטן יידישן מענטש פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, ווי ער שטייט אין דער ווילדער טייגע, וואָס איז רייך אין אוצרות און אין גע־ווילד, און קעמפט אויס ביי דער נאַטור די היים, וווּ אַוועקצושטעלן די וויג פאַרן ניי־געבוירענעם. אַ פלאַם האָט זיך אָנגעצונדן ביי דער יידישער יוגנט אין די האַרבסטיק־אויסגעליידיקטע שטעטלעך. מען האָט זיך אינאָוונט אַרויסגעשאָטן איבער די גאַסן און אָנגעקוקט די פרעמדע שטערן, וואָס לייכטן אויך דאָרט, וווּ דאָס נייע לעבן וועט זיך באַלד אָנהויבן. פעסטע בחורים, מיט נישט־אויסגענוצטער ענערגיע אין די מוסקולן, האָבן זיך שוין באַצייטנס געהאַט באַ־זאָרגט מיט לעדערנע קורטקעס, מיט וואַליזעס און נאָר געוואָרט

אַרויפצוכאַפּן זיך אויפן פורל, אונטערצופאָרן די עטלעכע קילאָמעטער ביז צו דער באַן־סטאַציע און פון דאָרט — קיין וואַרשע. ביי דער געלעגנהייט האָט מען זיך גלייך צוזאַמענגעקלעפּט אין פאַרלעך. אינצווייען איז לייכטער געווען. חתונה האָבן דאָ אויפן אָרט איז געווען שווער. מען איז „אַרומגעגאַנגען" יאָרן און מען האָט קיינמאָל נישט געקענט קומען צו עפּעס אַן אייגנס.

אומעטיק איז געווען אין די האַרבסטיק־אויסגעליידיקטע שטעטלעך פון דער פוילישער פּראָווינץ. די פּרץ־ביבליאָטעק און דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין האָבן געפּוסטעוועט. צוביסלעך איז זיך די יוגנט צעפאָרן אין די גרויסע שטעט אַריין. די קריסטלעכע קאָאָפּעראַטיוון האָבן ביי די טאַטעס אין די ליידיקע געוועלבלעך צוגענומען דאָס לעצטע ביסל חיונה. די „פּאַטריאָטישע" אָרגאַניזאַציעס האָבן אָנגעוואָרפן אַ מורא אַפילו אויף די שטאַרקע יידן, די קצבים, די מאַרק־הענדלער, וואָס זענען געפאָרן מיטן ביסל סחורה אויף די יאַרידן. מען האָט צעטראָגן זייערע געשטעלן און, צעבלוטיקטע, זענען זיי קוים אַהיימגעקומען מיטן לעבן. פיל יינגערלייט און מיידלעך זענען טאַקע באַצייטנס געהאַט אָנגעלאָפן זיך קיין וואַרשע, אַ קוק טאָן, אַ שמעק טאָן, אַ פרעג געבן, ווי האַלט עס מיטן פאָרן. פאַרן 1־טן מאַי, אָדער פאַרן 7־טן נאָוועמבער האָט מען פאַרוואָרפן אַ פאָן, אַ ראַיאָן־קאָנפערענץ איז פאַרשאָטן געוואָרן, אַ פּראָוואָקאַטאָר האָט אַלעמען אויסגעגעבן. פּאָליציי איז געקומען זוכן. האָט מען זיך באַצייטנס אָפּגעטראָגן און אויסגעמישט זיך אינעם גרויסן וואַרשעווער קעסל. דאָ איז מען פאַרלוירן געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין. מען האָט צוביסלעך אונטערגעהונגערט און געלאָפן אויף די אומלעגאַלע בערזעס זוכן אַן אַרבעטס־פּלאַץ. קיין אַרבעטס־פּלעצער האָבן זיך נישט געוואַלגערט אויף דער גאַס. דער פאַריין־סעקרעטאַר האָט אַוועקגעשטעלט אויף דער ליסטע און געהייסן וואַרטן. דערווייל איז מען געשלאָפן אויף אַן אָפּגעדונגען בעטל און אָונט־צייט געשטופּט זיך אויף די איבערגעפּאַקטע טראָטואַרן, אין די קליינע, אָנגערויכערטע קאַוויאַרניעס.

אויף דער דזשיקע גאַס האָבן געלויכטן צום טראָטואַר־אַרויס פאַרשטויבטע שייבלעך. אינאיינעם מיטן הויזגעזינד און מיטן ביסל באַלעבאַטישקייט, זענען אונטער די קרומע סופיטן געווען איינגע־

געסטיקט צערודערטע וואַרשטאַטלעך. די פאַרבלאָזע, אָפּגעקראָכע־נע טויערן — באַקלעפּט מיט שילדן: שטעקל־מאַכערס, דאַמען־שניידער, געגריוועטע שוסטערס, שלאָסער. פון הינטער יעדן צע־וויעטן פאָרהענגל אין די שמאָלע הייף האָט געשטעפּט אַ ניי־מאַשין. איבער די אַרומיקע גאַסן און דורכגאַנג־הייף האָט אייביק געציטערט דער געליאַרעם פון אָפּגעשליסענע ווייבער, פאַרבאַבלטע יידן, קאַליקעס און אויסגעבלייכטע קינדער, בייגל־הענדלער. די לופט איז פאַרליאַרעמט געוואָרן מיט רחמנות־געוואַלדן, פון אויס־געשריגענע סחורות און קרענקען — אַלץ פאַר שפּאַט־ביליק, פאַר גראָשנס.

די הינטערשטע צימערלעך פון די קנייפּעס זענען געווען אי־בערגעפּאַקט. מען האָט זיך אין די ווינטערן געוואָרעמט אַרום אַן אייזערן הייוועלע. ס׳האָט זיך כסדר געדאַכט, אַז פאַר דער פאַרנ־טיקער גלאָז־טיר וועט באַלד קומען אָנצורוישן דער קליינער, בלויער אויטאָ, דאָס פּאָליציי־קעטשל, אַלע איינגעגנג וועלן ווערן אָפּגעשלאָסן און אַוועקפאָרן וועט עס דערנאָך געפּאַקט און זינ־גענדיק.

אינמיטן פאַרכמאַרעטן טאָג האָט געטראָפן, אַז די הייזער האָבן זיך נאָכמער צוזאַמענגערוקט, די טויערן און די דורכגאַנגס־הייף האָבן זיך פאַרהאַקט. אויפן מיטן ברוק, צווישן די טראַמוויי־שי־נעס, צווישן אויטאָבוסן, קוילן־וועגענער, דראָשקעס, האָט זיך אויפגעכאַפּט דאָס יונגע געזאַנג, וואָס האָט זיך געריסן העכער, איבערן רויטן, וואָרעמען געפּלאַטער אין די עלעקטרישע דראָטן. גו־מי־קניפּן, בלאַנקע שאַבלעס און ביקסן־קאָלבעס האָבן נישט גע־קענט בייקומען די פאָן - שטעקנס, איבערגעבראָכענע אויף דער העלפט.

דעמדאָזיקן אָוונטיקן שפּאַציר־עולם האָט מען דערקענט לויטן פאַרדעכטיקן באַוועגן זיך איבערן טראָטואַר — פאַרוקטע קאַס־קעטן, צעקנייטשטע קאַפּעלושן, אויפגעשטעלטע קעלנער און אַרומפליענדיקע לעקעלעך ביי די מיידלעך. מ׳האָט זיך געשטופּט בינטלעכווייז און אַלעמאָל האָט דער פאַרטייטער בליק נאָכגע־פאָרשט די גאַס, דעם נאָענטן ראָג, צי ס׳פאָרט נישט אָן פון ערגעץ דאָס קעטשל, צי די ברוק־שטיינער שיטן נישט אויס קיין געקלאַפּ

פון פערדישע קאַפּיטעס. דעמאָלט האָט זיך די גאַס מיטאַמאָל גע־טאָן אַ צעפּלי.

אויפגעהאַלטן האָבן זיי זיך, די אָנגעפּאַרענע פון דער פּראָווינץ, אין די דאַך־שטיבלעך, ווו מען דערקריגט זיך דורך אַ שווינדל־שטיג. פּאָר עטלעכע זלאָטעס אַ חודש האָבן זיי אָפּגעדונגען אַ פּעלד־בעטל אין דער קאַלטער קיך פון אָפּגעקומענע יידישע מש־פּחות. די באַלעבאַטים זענען קאַרג געווען אויף דער עלעקטרי, האָבן אייביק אונטערגעמורמלט.

אינאָווּנט איז געווען דורכצוגיין אַ בראַנד. האַלב־עלף זענען אין שטאָט געשלאָסן געוואָרן די טויערן. איז גלייכער אַריינצו־כאַפּן זיך נאָך איידער זיי שליסן זיך צו, ווייל נאָכדעם דאַרף מען אָנקלינגען צום סטרוזש, וואָס דערשמעקט גלייך, אַז מ׳איז נישט אינגאַנצן כשר. נאָר געווינלעך, אַז מ׳האָט אים אָפּגעשטעקט אַ פּאָר גראָשן, האָט ער נאָך אַראָפּגענומען דאָס היטל, באַדאַנקט. און אַ גאַנצע נאַכט האָט געהאַלטן אין איין קלינגען דאָס גלעקל אין טויער. ס׳האָט געטראָפּן, מען באַפאַלט אַזאַ פאַרדעכטיקן הויף, מען נישטערט אַדורך אַלע שטאָקן, ס׳בליצט אויף שאַרף, עלעק־טריש ליכט. דערנאָך פירט מען איבער די פרימאָרגנדיקע גאַסן די פאַרהאַלטענע.

דער הימל איבער דער אָוונטיקער דזשיקע גאַס האָט רויט געפלאַקערט, אַ צעצונדענער פון די שטאָטישע ליכטער, סיי ווען ס׳האָט געשאָטן אַ געדיכטער שניי, סיי אין די דעמפּיקע זומער־אָוונטן. אַלע האָבן געפילט, אַז עפּעס דאַרף דאָ געשען. ביי אַלע־מען אויף די ליפּן איז געווען דאָס ליד וועגן אַרבעטלאָזן פון פּוי־לישן דיכטער בראָניעווסקי. „כאָטש נעם — האָט זיך געזונגען אין דעם ליד — אַ שטיין און גריזשע פון הונגער. אָבער ווען דער טאָג פון געצאָלט וועט שלאָגן, וועסטו מיטן האַמער אויסזעצן די קראַטעס און דאָס וועט זיין די לעצטע שלאַכט״... די פּלי־גרופּן פון דראַמ.־קרייז האָבן אויף די אינטימע שמחהלעך, ביי אַ גלעזל בראַנפן און ביי אַ הערינג מיט קאַרטאָפל, רעציטירט דאָס ליד פון אַ סאָוויעטיש־יידישן דיכטער וועגן יידישע דערפער און יידישע חזירימלעך, און דאָס ליד הירשס וועגן פלאַטערדיקן מיידל, וואָס טראָגט אין בוזים אַ רויטן טראַנספּאַרענט און גייט מיט אַלעמען

איבער דער גאַנצער ברייט פון גאַס. אויך הירש איז פאַרבעטן געווען און סטערקע — ביי זיין זייט. די מיידלעך, די שטריקע־רינס און שניידערקעס, האָבן נאָכגעקוקט דאָס ייִנגל מיטן עקשנות־דיקן שויבערל. ער איז געווען צוריקגעהאַלטן, שווייַגנדיק, פאַר־טראָגן און אין זיינע אויגן האָט געגליט אַן אומבאַקאַנט פייערל.

פאַרן אַרויסטריט פון דער אַמעריקאַנער זשורנאַליסטין איז אָפּגעדונגען געוואָרן איינער פון די גרעסטע טעאַטער־זאַלן אין וואַרשע. ס׳איז געווען אַ וואַרעמער זומער־אָוונט. זעלטן־ווער ס׳איז אַראָפּגעפאָרן מיטן טראַמוויי פון די ווייטעלעכע, יידישע גאַסן. צופוס האָט מען געשטראָמט אַהין און לאַנג פאַרן אָנהויבן, איז שוין דער זאַל געווען איבערגעפאַקט, די גאַלעריעס האָבן זיך געבראָכן. צווישן יונגן עולם האָט מען דאָסמאָל אַפילו אויך געזען יונגעלייט אין חסידישע היטעלעך, אין קאַפּאָטעס. דער ענין האָט אַלעמען פאַרכאַפּט.

צוריקוועגס האָט אים, הירשן, העריץ קאַסאָווער געפירט אונ־טערן אָרעם און אין זיין וואַרעמער שטים איז געווען די אייביקע סקעפּטישע נאָטקע:

— צופיל טומל איז אומגעזונט. און דער קאַמף אויפן אָרט? מען קען נישט פאַרוואַנדלען בירעבידזשאַן אין אַ נייעם ציוניס־טישן טומל. ביי מיר האָסטו געפועלט. כ׳האָב אָנגעקוקט דעם עקזאַליטרטן עולם, די יוגנטלעכע מאַסע, וואָס לעבט מיטן טאָג, מיטן דערוויַיל, האָב איך פאַרשטאַנען. נאָר עפּעס האָב איך מורא.

— איך האָב דעם פולשטענדיקן צוטרוי צו די רייד פון קאַלי־נינען, צום גוטן ווילן פון דער ראַטן־מלוכה. מיר גייען דאָ אונ־טער. איך האָף, אַז די דעלעגאַציע וועט עס דאָרט געבן צו פאַר־שטיין. זאָל אונדזער טרויעריקע עמיגראַציע זייט צענדליקער יאָרן רעגולירט ווערן אַמאָל. זאָל זי גיין ערגעצוו מיט אַ ציל. ביי קיין שום פאָלק געזעגענען זיך די מאַמעס נישט אָפּ מיט אַזויפיל צער מיט די קינדער זייערע, ווייל זיי ווייסן, אַז זיי וועלן זיי שוין קיינמאָל מער נישט זען. אַ דור וואַקסט אונטער, צעלויפט זיך אין דער וועלט אַריין. וואָס פאַראַ וווּנדערבאַרע יידישע אינטעליגענץ ס׳איז ביי אונדז אויסגערונען, איז ערגעץ אַוועק צו אַלדי שוואַרץ

יאָר. מיר ווערן דאָ איינגעשרומפּן, דערשטיקט. וווהין, אייגנטלעך, גייען מיר?

— האָסט זיך אַביסעלע פאַרגאַלאָפּירט, אָבער דייַנע רייד לייגן זיך אויפן שכל. ס׳איז אמת. מיר האָבן אפשר דאָס גרויסע אומגליק צו זיין אַביסעלע צופיל פּעאיק. ס׳נעמט זיך אוודאי פון אַטאַווויסטישן אינסטינקט פון קאָנסערוואַציע. אַ קרענקלעכע פּעאיקייט, וואָלט איך געזאָגט, און באַגלייך — אַ מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס צו אַלץ, וואָס איז אייגנס. זיי, די דאָזיקע, לעבן זיך גאַנץ גוט אויס אין אַלע גרויסע, פרעמדע שטעט, רייסן זיך אַרומעטום צו אַלע פרעמדע קולטורן. פאַרשטיי, די יידן פון ד׳זם מין אינטערעסירט נישט בירעבידזשאַן. דידאָזיקע פאַרשטייען עס נישט און ווילן עס נישט פאַרשטיין. דערפאַר האָב איך מורא.

— פאַרוואָסזשע האָט עס די ראַטן־רעגירונג אַזוי גוט פאַרשטאַנען? פאַרוואָס האָט עס דער אַלטיטשקער רוס־ישער פויער פאַרשטאַנען?

און זיי האָבן זיך אָפּגעזעגנט צעשטרייט און אויפגערעגט, ווי קיינמאָל נישט.

## קאַפּיטל דרייצן

## דער קליינער שטרענגער פּולקאָווניק

דערנאָך האָט מען שוין עפּעס מער נישט גערעדט דערפון. מ׳האָט זיך צו ווינטער־צו אויפסניי אומגעקערט אין די אומעטיקע שטעטלעך פון דער פאַרשטעקטער פּראָווינץ, געלאָזן אַוועקפירן זיך אין די אויסגעלאָשענע נעכט צו די תפיסות פון לאַנד און צום קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע. מען האָט שוין איצט געוווסט, אַז דער חבר זלמן איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס זענען פאַרשיקט געוואָרן אַהין.

— די בריסקער פעסטונג און דער לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע — דאָס זענען געווען די צוויי פאַרשיקונגס־ערטער, דאָס פּוילישע „סיביר״, באַשטימט פאַר דער אָפּאָזיציע אין לאַנד. אין דער שפּיץ

און אַלס איניציאַטאָר איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דער קליינער, שטרענגער שטאַבס - פּולקאָווניק פּולאַסקי, דער ניי - באַשטימטער וואָיעוואָדע פון געפערלעכן פּאָליעסער גרענעץ־געביט.

אינמיטן נאָך פונעם שיינעם און מילדן סעפּטעמבער 1935, ניין יאָר נאָך זיין רומפול באַטייליקן זיך אין „מאַרש אויפן בעל־וועדער״, בעת דער מאַי - איבערקערעניש, איז דער קליינער, שטרענגער שטאַבס־פּולקאָווניק פּאַרטרווילעד אַרויסגערופן געוואָרן אין וואַרשעווער שלאָס אַריין. אַרויסגערופן געוואָרן איז ער פון זיין ציטווייליקער דינסט־קוואַרטיר, אין ווילנער מיליטערישן גאַרניזאָן, ווו ער איז געווען באַשעפטיקט ביים רעאָרגאַניזירן די באַזונדערע צפון־מזרחדיקע גרענעץ־דיוויזיעס, ביי דער דווינע.

לויט דער ספּעציעלער מיטטיילונג, האָט ער באַלד פאַרשטאַנען, אַז דער ענין איז נישט ווינציקער פּאַרטרווילעד, ווי דרינגנד. ער האָט פונדעסטוועגן נישט אויסגענוצט די געלעגנהייט אָנצוקומען ווי אַמשנעלסטן מיט אַן אַעראָפּלאַן, געלאָזן וויסן אין דער הויפּט־קוואַרטיר, אַז ער קומט און איז נאָך אין זעלבן אינדערפרי אַרויס־געפאָרן מיט אַ געוויינלעכן פּאַסאַזשיר־צוג קיין וואַרשע.

די געמיטלעכע רייזע האָט אים דאָסמאָל פאַרשאַפט אַ סך פאַר־גענינגן. ער איז נאָך געווען אין לייכטן, זומערדיקן כאַקי־אוניפאָרם. אַן איינגעשטייפטער, פון מיטלוואָקס, האָט ער זיך באַוועגט אי־בערן וואַגאָן פריי, ער האָט געוואָלט אויסזען וואָס באַשיידענער אין די אויגן פון די עטלעכע מיטפּאַרנדיקע אין ווייך - געבעטן וואַגאָן, ערשטע קלאַס, די וואָנסיקע גוט־באַזיצער, מיליטער־לייט, וואַלד־סוחרים און באַאַמטע. זיינע וואַסערדיק־פאַרבלויטע אויגן אונטער דער נעץ פון די געדיכטע, שטרענגע ווימפּערן, האָבן זיך דאָסמאָל באַמיט פריינטלעך צו שמייכלען, די בלוי־אויסגעגאָלטע קינעץ, די מויל־ווינקלען, האָבן פאַרלוירן פון זייער אָנגעצויגענער פאַרשלאָסנקייט און ער האָט זיך גערן געלאָזן אַריינציען אין אַ שמועס. ער האָט אָבער מער געפרעגט, ווי באַהויפּטעט און אין זיין פרעגן איז געווען דער טאָן פון אויספאָרשונג. ער האָט גערעדט מיט די וואַגאָן־מענטשן וועגן פּאַרזיי אין ווילנער קאַנט, וועגן דער היי־יאָריקער גערעטעניש און וועגן די רעגנס, וואָס זענען געקומען אין דער צייט.

אין משך פון קורצן, גאָלדיק־לויטערן טאָג איז ער אָפּגעזעסן ביים וואַגאָן־פענצטער און האָט מיט אַ באַזונדערן ציטער איינגע־זאַפּט דעם ווייכן אומעט פון דער האַרבסטיקער, ווייסרוסישער לאַנדשאַפט. דער באַזונדערער אומעט פון די נאַקעטע, קופּערדיק־רויטע בעריאָזע־וועלדלעך און פון די זאַמדיקע פליינען, האָט אים מיט גאָרנישט נישט דערמאָנט אין דער לאַנדשאַפט פון זיין היימישן קאַנט, אין גאַליציע, אין סאַנדאָמירער קרייז. דעם ציטער האָט ער גאָר דורכגעלעבט צוליב די דערמאָנונגען פון יאָר 1920, ווען ער האָט דאָ, ווי אַ געוויינלעכער רעזערוו־קאַפּיטאַן, אָנגעפירט מיט אַן אָפּגעריסענעם לעגיאָנערן־טייל, אין פאַרביטערטן קאַמף קעגן דער אויסגעהונגערטער באַרוועסער רויטער אַרמיי אַרום די ביאַלאָוועזשער וועלדער. די אַלע שטעט און שטעטלעך מיט די אור־מעטיקע הילצערנע וואָקזאַל־בודעס, מיט די צעשראָקענע, פּאַגראָ־מירטע יידן זענען אים גוט באַקאַנט געווען. נישט איינמאָל איז אויסגעקומען צו געבן פרייע הענט די „יינגלעך". דערנאָך זענען די וואָקזאַל־בודעס אונטערגעצונדן געוואָרן; און אויב קיין צוגן זענען שוין מער נישט געגאַנגען, האָט מען זיך צוריקגעצויגן אין שנעלן מאַרש.

שווייגנדיק, מיט בולטער חשיבות, האָט ער זיך זייטיק אונטער־געהערט די הייסע גערעדערייען צווישן די עטלעכע בכבודיקע פּריצים וועגן די פּאָליטישע געשעענישן אין לאַנד, וועגן די שאַר־פע אַרויסטריטן אין סיים פון די „צענטראַלעוו"־דעפּוטאַטן, פון די עקסטרעם־לינקע, און וועגן זייער אָנגריף אויף די גוט־באַזי־צער. ערשט איצט האָט אים נעפּלדיק אָנגעהויבן קלאָר צו ווערן נאָכוואָס, אייגנטלעך, רופט מען אים אַזוי דרינגענדיק אַרויס. וואָס אַן אמת, האָט ער זיך די לעצטע צייט ווייניק אינטערעסירט מיט דער אינערלעכער לאַגע אין לאַנד, מיט דער פּאָליטיק. די אַרבעט אין גאַרניזאָן פון די גרענעץ־דיוויזיעס האָט אים פאַר־שלונגען. די זיכערע האַנט פון „קאָמענדאַנט", האָט ער געוווסט, וואַכט, באַלוינט און שטראָפט.

— דער „דזשיאַדעק", פּאַניע — האָט דאָרט איינגעטענהט איי־נער אַ וואָנסיקער, אין אַ קורצער, אַלט־פּוילישער בעקעשע — האָט רעכט געטאָן, וואָס ער האָט זיי אויסגעזידלט מיט די געמיינסטע

רייד, וואָס ער האָט געלאָזן אַריינפירן די אָפיצירן אין דער סיים־געביידע. זיי קומט נאָך ערגערס — סיביר... אַ פּויליש סיביר וואָלט מען נויטיק באַדאַרפט...

וואַרשע, אַ צעצונדענע אין פייערן, האָט ער באַגעגנט ערשט אין אָוונט, ווען ער איז דורך דער קראָקעווער פאָרשטאָט, דורך די אויאַזדאָווער אַלייען, פאַרפאָרן אין זיין פּריוואַטער קוואַרטיר. זיין פּריוואַטע קוואַרטיר אין דער הויפּט־שטאָט איז געווען אַ באַשטענדיקע. אַזוי האָבן זיך געפירט די מערסטע העכערע מיליטער־לייט, וואָס זענען פריי געווען פון אַ פרוי, פון קינדער און בכלל — פון די באַשווערנדיקע פאַמיליע־אַנגעלעגנהייטן. אָבער ביי אים, ביים קליינעם, שטרענגן פּולקאָווניק, איז עס, קען מען זאָגן, נאָך געווען אַ באַזונדערער אויסדרוק פון שטענדיקער דינסט־גרייטקייט דעם פאָטערלאַנד.

דאָס אָפּגעלעגענע פּאַלאַצל האָט זיך געפונען אין אַ שטילער אַליי, אַרום די לאַזשענקעס, ווייט אָפּגערוקט פון גרויס־שטאָטישן פאַרקער. דאָ האָט מען אויף אַן אמת געקענט אָפּרוען אין דער צווישן־צייט פון וויכטיקע אויספיר־דינסטן. עס האָט געהערט צו אַן אלמנה, איינע פון די לעצט־פאַרבליבענע זאַמאָיסקיס — אַ פּריציש ־ שלאַנקע פרוי מיט איינגעצערטע, פאַרפודערטע באַקן, אָבער מיט אַ יונגן גאַנג. צווישן איר מיטן קליינעם, שטרענגן פּול־קאָווניק איז געווען אַן אַלטע שוואַכקייט, נאָך פון יענע יאָרן אין לעמבערג, ווען זיי האָבן געפיבערט מיט דער ראָמאַנטיק פון אַ פריי פּוילן. (אָ, טעטמאַיער, וויספּיאַנסקי!) זי איז שוין דעמאָלט לאַנג , צו 18 יאָר, געווען אויסגעגעבן פאַר איינעם פון דעגענע־רירטן שטאַם פון די זאַמאָיסקיס — אַן אַנעמיש מענטשל, אַ פּאַראַ־ליטיקער, מיט שיטער־אויפּגעבלאָזענע וואָנצן, אין אַ גרין קאַפּע־לושל מיט אַ פעדער; און ער, דער יונגער סטודענט, האָט עס איר אַן ספק געהאָלפן אויסטראָגן די שטילע טראַגעדיע. נישט ווייניק לופטיקע מיידלעך האָבן אין יענע יאָרן געפלאַטערט אַרום קליי־נעם, ענערגישן סטודענט אין די מיליטעריש־אָפּגעפּאַסטע קליי־דער. אָבער אים האָט עס גאָר געטראָגן אין דער וועלט אַריין, קיין פּאַריז, אויף דער עמיגראַציע, ווו ס'האָט זיך געזאַמלט די אַריס־טאָקראַטיע פון גייסט, די פאַראָרעמטע פריצים און די באַדנלאָזע

באַהעמיע. צוריקגעקערט אין לאַנד אַריין האָט ער זיך ערשט מיט האַלערס לעגיאָנען. צופעליק, קען מען זאָגן, האָט ער זי נאָכאַמאָל באַגעגנט, דער הראַבינע זאַמאָיסקאַ. ס׳איז געווען אין יענע הייסע טעג פון „נס ביי דער ווייסל״, אַלס רעזערוו־קאַפּיטאַן, פאַרברענ־גענדיק מיט קאָלעגן אַ פרייען אָוונט אין אַ קאַבאַרעט. אין איר פּראָפיל, וואָס האָט געציטערט אין די ראָזע שפּיגלען, האָט ער באַלד דערקענט דער שטאַרק־געעלטערטער הראַבינע. זי איז גע־ווען אין דער געזעלשאַפט פון אַ יונגער, בלאָנדער פרוי. אין דעם אָוונט האָט ער מסתמא אביסעלע געטרונקען אויך. ער האָט זיך נישט באַדאַרפט צופיל אָנשטרענגען, כדי גלייך צו דערקענען, אַז דאָס איז זי טאַקע, יענץ קליינע מיידעלע מיט די גאָלדענע לאָקן. ער האָט זי אַלעמאָל געפירט ביי אַ הענטל אין פּאַרק, הינ־טערן הויז. זאַלבעדריט זענען זיי שוין דערנאָך געזעסן אין אָפּגע־זונדערטן ווינקל, פאַרזונקען אין גליקלעכע דערמאָנונגען. צו־מאָרגנס איז ער, נאַטירלעך, געווען איינגעלאַדן צו זיי אויף מיטאָג.

פון דעמאָלט אָן איז אים דאָס אָפּגעשלאָסענע פּאַלאַצל אַרום די לאַזשענקעס געוואָרן אַ היים, צו וועלכער מען מוז זיך כסדר צוריקקערן. צום ערשטן מאָל איז אים אַצינד אויסגעקומען צו טראַכטן ווי שיין דער נאָמען אַניעלאַ קלינגט; און אַניעלאַ איז געווען — דאָס מיידעלע מיט די גאָלדענע לאָקן. „מאַ — האָט זיך אים געגנוי פאַרגעדענקט איר גלעקלדיק שטימעלע פון אַמאָל — אָט איז אַ זומער־פייגעלע, אַ געלינקס״... ס׳איז געווען אין אַ פאַר־נאַכט. איבער דער שטילער סאַזשלקע האָט זיך באַנג געלאָשן דער טאָג און די טרויעריק ־ פאַרשלאָסענע הראַבינע האָט אָנגעגנוי־מען דאָס גאָלד־געלאָקטע מיידעלע פאַרן הענטל: „קום, קינד — האָט זי שוואַך געזרופן — ס׳ווערט שפּעט״; און אין איר ענג־פאַר־שפּיליעטן האַרבסט־מאַנטל, מיטן קעלנערל פון ווייסן פּיי אַרום איר שיינעם האַלדז, האָט זי זיך געלאָזן צוריקגיין איבער דער סטעזשקע. דאָס האַלבע ייִנגל און דער האַלבער מאַנספּאַרשוין איז איר דעמאָלט צעשטייט נאָכגעגאַנגען.

ער האָט זיך דעריבער אַלעמאָל אומגעקערט צום אָפּגעשלאָסע־נעם פּאַלאַצל מיט געמישטע געפילן.

ס׳איז באַקאַנט געווען, אַז זיין אינטים לעבן — ווייבער, פאַר־

גענײגנס — איז, אין דינסט פון פּאַטערלאַנד, אָפּגערוקט אויפן לעצטן אָרט. אויך דער „קאָמענדאַנט" האָט זיך ערשט אָפּגעגעבן דאָס רואיקע פאַמיליע־לעבן, ווען דאָס לאַנד איז שוין געווען באַפרייט. דאָס איז געווען דער לויכטנדיקער ביישפּיל. אין די קורצע, זעלטענע צוזאַמענטרעפן מיטן מאַרשאַל, האָט ער זייטיק צוגעזען ווי די אומגעצוימטע ענערגיע, דער אַדלערישער שווונג, לאָדט זיך ביסלעכווייז אויס. דער מענטש מוז זיך סוף כּל סוף אונטערגעבן — דאָס אונטערציטערן מיט די הענט, די טיף־פאַרגראָבענע אויגן־לעכער, די מיד־אַראָפּגעזונקטע וואָנצן. יאָ, די צאַרישע תּפיסות, די פאַרשיקונגען, די עמיגראַציע־יאָרן, זענען נישט געבליבן אָן שפּור אויפן מוטיקן און שטאַרקן מאַן, וואָס האָט ז י י ן גאַנצן דור אויפגעהויבן צו אַן אָדלערישן שווונג. איצט איז ער אַרומגערינגלט מיט די אַמאָליקע קאַמפּס־חברים, וואָס זענען פאַר דער צייט היפּש פאַרשמאַלצט געוואָרן. ער קוקט זיך אָבער קלוג צו פונדערזייט צו די רייסערייען, וואָס קומען שוין פאָר הינטער זיין רוקן.

ביי אים אויפן אַקסל איז געלעגן די האַנט פון מאַרשאַל אַליין. זיין גנעדיקער, זקנישער בליק האָט גערוט אויף אים, ווי אַן אָרעאָל. ס'איז געווען איינעם פון די געמיטלעכע זאַלן, וואָס זענען, נאָך די אַלע חורבנות פון צאַרישן און דייטשן אָקופּאַנט, אויפסניי רעסטאַווירט געוואָרן אין שלאָס. איבער זיי איז געווען אין דער שווערער גאָלד־ראַם דאָס מאַטעיקאָ־פּאָרטרעט פון העלדישן קעניג באָלעסלאַוו כראָברי, וועלכער האָט פאַרשלאָגן גרענעץ־סלופּעס אויפן דניעפּער און אויפן אָדער. מיסטישעס איז געווען אין דער ציטערדיקער שטים פונעם גרייז: „...און ס'וועט אויסקומען נאָכאַמאָל דאָס לאַנד צו פאַרטיידיקן". נישט אַלץ איז דאָרט, נאַטירלעך, אַרויסגעזאָגט געוואָרן. „דאָס איז אַן אַלטער וואָלף־קאָנספּיראַטאָר — האָט ער זיך געזאָגט מיט פאָרכט — מיין גאָט! ווי פאַרלוירן און יינגלעריש גרייז־גרויע גענעראַלן פילן זיך אין זיין אָנוועזנהייט"...

סאָלדאַטיש־פּינקטלעך האָט ער אויסגעפירט די באַפעלן, וואָס זענען אים אָפּגעגעבן געוואָרן אין האַלבע ווערטער. געהייסן האָט עס — ער איז צייטווייליק באַשטימט אַלס שעף איבערן וויכטיקן

מיליטערישן קנופּ אין דער פעסטונג ביים בוג. מער גאָרנישט. נאָך דעמזעלבן פֿאַרנאַכט איז ער אַהין אַרויסגעפֿאָרן.

באַזעצט האָט ער זיך אין דער אָפּגעווייסטער געביידע, מיט די קליינע זיילן פונפאָרנט, אין די ניי־אויפגעבויטע דינסט־קוואַר־טירן. קעגנאיבער זענען געווען די צוויי אויסגעשטעלטע אַרמאַטן־פיסקעס ביים אַרויפגאַנג — דאָרט, וווּ ס׳איז אין 1918 געשלאָסן געוואָרן דער סעפּאַראַטער שלום צווישן די דייטשן מיט די באָל־שעוויקעס. פליכטן זענען פאַר דער קורצער צייט געווען נישט זייער פיל. ער האָט, ווי ס׳פּירט זיך, אויפגענומען די איבערזעאונ־גען און די קאָנטראָלעס אין די מאַגאַזינען, קאַנצעלאַריעס און אינטענדאַנטסטוועס. אים איז געווען אונטערגעאָרדנט אַ ספּעציע־לער שטאַב מענטשן.

אין דער פעסטונג ביים בוג האָט זיך אָבער די האַנט פון קליי־נעם, שטרענגן פולקאָווניק אינגיכן געלאָזן פילן. נישט צו וויסן נאָכוואָס, איז אָפּגעליידיקט געוואָרן אַ באַזונדערער פליגל אין די „בריגידקעס״ — אַ רויט־ציגלדיקער גמאָך ביי די הענג־בריקן. אין זיין ביוראָ האָט ביז שפּעט אינאָוונט געלויכטן דאָס גרינע אַבאַזשורל. געאַרבעט האָט ער איינער אַליין און האָט געלעבט ווי אין אַ וואָלקן. „דער „קאָמענדאַנט״ ווייסט פון סיסטעם. ביי אים דאַרף מען לערנען״. אויף זיינע באַפעלן, האָט ער זיך אין יענע טעג, אין די טעג פון „נס ביי דער ווייסל״, געריסן אַקעגן אַלע וויכערן צו דער שטאָט ווילנע. אים האָט זיך נאָך לעבעדיק פאַר־געדענקט דאָס שטעטל הינטער גראָדנע, וווּ דער „דזשיאַדעק״ האָט געפּאָדערט ביי דער עדה יידן אַ גרויסן צינז און ער האָט דערפאַר באַפוילן צו נעמען ערובניקעס, ביז די סומע וועט נישט צוגע־שטעלט ווערן. ער אַליין האָט, רייטנדיק הינטערן פלוטאָן, אויף דער גרוי־געפלעקטער קליאַטשע, אָנגעטריבן די צעשראָקענע יידן; און וויפל עס זענען דערנאָך צעשאָסן געוואָרן אין חשד פון פאַרבינדונג מיטן שונא? — די יונגעלייט, די שויבערדיקע, מיט די ברענענדיקע אויגן...

ער האָט פלייסיק נאָכגעשפּירט אַלע קערן אין דער הויפּט־שטאָט. ער איז געווען אָנגענעם־צערודערט, אָבער אויסערלעך־

קיל. זיינע טריט איבערן קאַבינעט זענען געווען געזעצטע, באַ־טראַכטע.

סוף דעצעמבער האָט ער צום צווייטן מאָל באַקומען אַ ידיעה פון דער הויפּט־קוואַרטיר, אַז די קאָמערן זאָלן ווי אַמשנעלסטן צוגעגרייט ווערן. ס'איז געווען אַ פאַרווייטעטער ערב־ניי־יאָר. נאָך האַלבער נאַכט האָבן צוויי קליינע, בלענדיקע שיין־וואַרפערס באַ־גלייט דעם פאַרמאַכטן אויטאָ ביז צום אויסגעלאָשענעם תפיסה־בנין. צו דער ביוראָ אינעם רינג פינצטערע מויערן האָט זיך דער פולקאָווניק נאָכדעם אומגעקערט אַליין. פּינקטלעך האַלב־זיבן פרי, ווען עס ווערן געוויינלעך אָפּגעגעבן די טאָג־באַפעלן, האָט פאַר־זיכטיק אָנגעקלאַפּט אין דער טיר דער אַדיוטאַנט קאַספּזשאַק. אַן אויסגעצויגענער, האָט ער געמאָלדן, אַז די געברענגטע זיצן שוין פאַרשפּאַרט הינטערן ריגל אין די אומבאַהייצטע צעלעס.

— אַביסל דרייסטער! — האָט אים דער קליינער פולקאָווניק לייכט איבערגעשלאָגן און ס'האָט זיך געפילט אין זיין טאָן מער גוטמוטיקייט, ווי געבייזער — אַן אָפיציר, וואָס פירט אויס מלוכה־שע פונקציעס, דאַרף זיך פילן דרייסט און זיכער. איר וועט זיך מעלדן צו מיר אינאָוונט, נישט פריער ווי זייגער צען. איר קענט גיין!

דעם גאַנצן איבעריקן טאָג איז ער נישט אַרויס אויף יענער זייט טיר. אַ רויכל האָט זיך געגעפּלט פאַר זיין אָנגעצילטן בליק, איבער די פּאַפּירן. מיט אים־פאַרטרויטע אַרעסטאַנטן איז אים נישט איין מאָל אויסגעקומען צו פאַרנעמען זיך במשך פון די קורצע אָפּרוען אין הינטערלאַנד, מלחמה־צייט, ווען געאַרבעט האָבן די שנעלע קריגס־געריכטן. אָבער די צייטן זענען געווען אַנ־דערע און די אַרעסטירטע — אַנדערע. דאָ האָט ער פאַר זיך גע־שולטע פּאָליטיקער, מיט וועלכע מען דאַרף אין קיין לאַנגע דיס־קוסיעס נישט אַריינקריכן. מיט זיי איז בכלל נישט צו דיסקוטירן. אָבער פאַרט — צי קען מען בלויז זיין די בלינדע, שטראָפנדיקע האַנט?

זיין קליינע, ווייסע פרויען־האַנט, וואָס האָט גערוט אויפן גע־וואַנט פון טיש, איז אונטערגעשפרונגען; אויפגעשטעלט זיך און עטלעכע מאָל דורכגעשפּרייזט דעם צימער, אַ כאַפּ־געטאָן דעם

פינקטלעך־פאַרשניצטן בליישטיפט און געפירט מיט אים איבערן טאָוול פון אַ העפטל. ס'איז געווען גיכער אומגעדולד, ווי כעס. און דווקא ווייל ער האָט היינט געוואָלט זיין אַזוי בייז און אָנגעכמורעט, שרייען. אַ רגע האָט ער זיך אַליין דערפילט קאָמיש, מאָדנע־קאָמיש. דעם ערשטן־בעסטן, וועלכער וואָלט זיך צופעליק אַריינגעשטעלט צו אים, וואָלט ער אָן שום סיבה אויסגעפּאַטשט, אַרויסגעוואָרפן און נאָך צוגעקאָפּעט מיטן אויסגעגלאַנצטן שטיוול. אָבער דאָס קאָרידאָרל איז געלעגן אָפּגעשטאָרבן און קיין נאָענטער שאָרך האָט זיך אַפילו נישט געהערט; און דעם אַדיוטאַנט קאַספּזשאַק האָט ער באַפוילן צו קומען ערשט אַרום צען אינאָוונט...

און ווי האָט ער זיך דען געקענט גאָר דערצערענען, אַז דער ראָזער, ווינטערדיקער נאָכמיטאָג האָט זיך אין אַזעלכע ווייכע, רעגנבויגנדיקע אָפּשיינען געלייגט אויף די העלע ווענט פון געמיטלעכן קאַבינעט, אָפּשפּיגלענדיק די נישט־קאָמפּליצירטע און באַנאַלע אוזאָרן פון מושלין־פאָרהענגל אויף דער שויב, איבערברעכנדיק זיך אין דער וואַסער־קאַראַפקע אויפן טיש. הינטער דער שויב האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זיין אָנגעציילטן בליק די יום־טובדיקע שיין איבערן פאַרשנייטן פּלאַץ, אַרומגעשטעלט מיט די העלע מויערן. דער רעכטער פליגל פענצטער האָט אינגאַנצן געפלאַקערט אין דער קליינער, רויטער זון, וואָס איז געהאָנגען צווישן די נאַקעטע צווייגן אין דער טאָפּאָלן־אַליי, ביי די איינמאָסטעטע וואַלן פון דער הענג־בריק. אַ קרומע ליניע האָט פאַנאַנדערגעטיילט דאָס שאַרפע ליכט פונעם בלוילעכן שאָטן. עס האָבן זיך געבלייכט פאַסיקלעך שניי איבער די פאַסאַדן און טורעמלעך פון די געביידעס.

אומגעריכט האָט ער אין יענעם אָוונט געמאַכט די אינספּעקציע אין די „בריגידקעס". ער האָט געלאָזן שטיין אויפן טיש דאָס אויפגעקאָרקעוועטע פלעשל קאָניאַק, אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסלען דעם פּלאַשטש און האָט זיך געלאָזן גיין איבער די קאָרידאָרן מיט אַ הילכיק־אויסגעקלאַפּטן טראָט. הינטער אים איז מיט שטייפע, אָבער פאַרזיכטיקע טריט נאָכגעגאַנגען זיין אַדיוטאַנט.

דורך די נישט־הויכע קאָרידאָר־דורכגענג, אונטער די געוועלבן, האָט ער זיך געגליטשט אַביסל אַן איינגעבויגענער, כאָטש ס'האָט

נאָך, דאַכט זיך, געפעלט אַ גאַנצער קאָפּ ער זאָל אָנרירן דעם פייכטן סופיט. אין צוויי קליינע נישעס האָט זיך געוויכערט די שיין. דער וואַך־פּאָסטן, וואָס האָט זיי באַגלייט, איז אונטערגעלאָפן פונדערזייט און גענומען אָפּשליסן די מאַסיווע ריגלען. פון אינע־ווייניק האָבן אַ רגע אויפגעהערט די אומשפּרייזנדיקע טריט. ביז דאָס עלעקטרישע לעמפּל, אַ פּאַרדראָטעוועטס, האָט אויפגעבליצט אונטערן סופיט, האָט דער קרייז פון אַ שטעכיקן שיין־וואַרפער געבלאָנדזשעט איבער די ווענט.

אויסציענדיק זיך אויף די הויכע אָפּצאַסן, האָט דער קליינער, שטרענגער פּולקאָווניק פונדעסטוועגן אויסגעזען קאָמיש־קליין אַקעגן דעם באַברילטן מאַן מיט די זילבערדיקע שלייפן און מיט די רויט־אָנגעשטרענגטע אויגן. זעט אויס, אַז יענער איז גאָרנישט אַזוי איבעראַשט געוועזן פון זיין פּלוצימדיקן דערשיינען. זיין אָנ־געשטרענגטער און גלייכגילטיקער בליק, דער גרויער קאָפּ, די באַזילבערטע שלייפן, האָבן אַ דערמאָן־געגעבן אין תפיסות און אין אויספאָרשונגען. נישט אויסגעהאַלטן דעם בליק האָט ער, דער קליינער פּולקאָווניק. ער איז ראַפּטום אויפגעשפּרונגען און איז אַ טרעט געטאָן נענטער צום גרייז־גרויען מענטש:

— איך בעט... אַביסל אָנשטענדיקער... איך בעט נישט פאַר־געסן, אַז דאָ איז נישט די סיים־טריבונע. דאָ זייט איר אַ געוויינ־לעכער אַרעסטאַנט...

ער איז אוודאי געווען אַביסל פאַרלוירן אויך. אויפרייסנדיק די טירן, איז ער מיט די איבעריקע שוין באַגאַנגען זיך ווייניקער העפלעך. ערשט איצט האָט ער דערפילט אין זיך דעם גרויסן כוח צו האַנדלען ענערגיש. ס'איז צוריקגעטרעטן צו אים די קאַלטע און אויסגערעכנטע באַהערשטקייט. אינעם לויזן אָנטאָן, האָט ער באַפוילן אַרויסצוטרייבן זיי אויפן קאָרידאָר. זיי האָבן זיך דורכן געוועלבטן טירל אין אַ לאַנגער ריי אַרויסגעשאָטן אויפן תפיסה־הויף. די איינגעבויגענע מענטשן, וואָס זענען געלאָפן איינער הינטערן אַנדערן, האָבן געציטערט פון קעלט. טייל פון זיי האָבן אַפילו נישט באַוויזן אַריינצוקריכן אין די שיך. אין שאַרפן ווינט, וואָס האָט זיי געבלאָזן אין רוקן, האָבן זיי זיך פאַרהויקערט. דאָס טונקעלע געזעמל צווישן די אויסגעלאָשענע מויערן, איז אין דער

האַלבער נאַכט באַפוילן געוואָרן צו קריכן אין שניי, פאַלן, אויפֿ־שטיין און ווידער פאַלן. דערנאָך, אונטער נאַהייקעס און ביקסן־קאָלבעס, זענען זיי פאַרטריבן געוואָרן אין עקסטן ווינקל, צו די הויף־קלאָזעטן. דאָ האָט דער קליינער פולקאָווניק שוין מער נישט געוואָלט בייזיין. ער האָט זיך געלאָזן צוריקגיין צום געפלאַסטערטן פּלעצל. זיין באַפעל, איז ער זיכער געווען, וועט אויסגעפירט ווערן פּינקטלעך.

ער האָט געוווּסט, אַז זיין נאָמען ווערט איצט אָפּט דערמאָנט אין לאַנד, אין די קאָנפיסקירטע און אומלעגאַלע צייטונגען און אַז די שטאָט, די פעסטונג, דער קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַר־טוז־בערעזע אין דער אומגעגנט, זענען געוואָרן דער סימבאָל פון מאַכט, פון פעסטן האַנדלען און פון געבן אַ לעקציע דער אָפּאָ־זיציע. דאָ, האָט ער דערפילט, הויבט זיך אָן זיין קאַריערע. אים איז נישט אָנגעגאַנגען וואָס געוויסע פון זיי, די נישט־פאַרהאַלטענע, זענען אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד — פּחדנים, וואָס קענען בלויז רעדן און נישט האַנדלען...

געשראָקן אַביסעלע האָבן די פאַרביסענע, די באָלשעוויזירטע צווישן זיי. מיט זיי איז די שפּיל געווען אָן אָפּענע, אָן אומברח־מגוּתדיקע, אויף טויט און אויף לעבן. ער האָט זיי נאָך גוט גע־דענקט פון יענע טעג, אין 1920, ווען ער האָט געקעמפט קעגן זיי מיט דער ביקס אין האַנט. די פּרעסע איז פול מיט זייערע פּראָ־צעסן. און — צום טייוול — ווי פעסט און זיכער זיי האַלטן זיך, ווי דרייסט זיי ענטפערן. זיי ווילן עפּעס און קעמפן דערפאַר פאַר־ביסן. ס׳איז אים נישט אַרויס פון זינען דאָס איינגעשפּאַרטע ווייס־רוסישע בחורל, וועלכן ער פּערזענלעך האָט אַנומלטן אויסגע־פאָרשט אין שטאַב פון די גרענעץ־דיוויזיעס. בלעטלעך האָט מען ביי אים געפונען. ער האָט זיי פאַנאַנדערגעלייגט אונטער די קיי־שעלעך ביי די זעלנער. ווי פאַרביסן ער האָט געשוויגן, ווען מ׳האָט אים פאָרגעלייגט געלט אויסצוזאָגן, ווען מ׳האָט אים דערנאָך, אַ געבונדענעם, געשלאָגן מיט איינגענעצטע שטריק.

אויך אין מאַי פון 1926־טן יאָר, בעתן מאַרש אויפן בעלוועדער, האָט מען זיך געמוזט רעכענען מיט זיי. מען האָט זיי געגעבן אַן אילוזיע, אָבער באַלד דערנאָך אַנטשלאָסן זי אָוועקגענומען. אַט

פונוואַנען די געפּאַר וואַקסט אָן. אין אויסלאַנד, אין די גענעראַל־שטאַבן, גיט מען זיך אַוודאי אָפּ אַ רעכענונג, זיי ברעכן זיך דאָרט די קעפּ. עפּעס וועלן זיי שוין אויסקלערן...

## קאַפּיטל פערצן

## ע ר ב

קורט ווינקלער איז עס געווען דער, וואָס האָט הירשן צום ערשטן מאָל, קען מען זאָגן, געמאַכט איבערלעבן דעם שווידער, וואָס איז שוין געשטאַנען ביי דער שוועל. אַ ברייטער, אַ מוסקו־לירטער, האָט ער זיך בייטאָג באַוועגט איבערן לאַנגן, פּוסט־געוואָרענעם זאַל פון ליטעראַטן־פאַריין, צוגעזעצט זיך צו די האַלב־ליידיקע טישלעך, ווו עס האָבן זיך געקליבן די אויסגעהונ־גערטע פּראָווינצער יונגעלייט, מער געשוויגן ווי גערעדט, און אין זיינע ברוינע ביר־אויגן איז געווען עפּעס אַזאַ פייערל, וואָס מ'האָט עס נאָך ביז דעמאָלט אין וואַרשע נישט געקענט.

אין טעאַטער אויף דער קאַראָווע האָט ער צום ווינטער־סעזאָן געשפּילט די קרוין־ראָלע אין „שיילאָק". די פּלעצער אין זאַל זענען אויספּאַרקויפט געוואָרן מיט טעג פריער, די גאַלעריעס האָבן זיך געבראָכן. אַזאַ געדראַנג אַרום די טעאַטער־טירן האָט מען נאָך דאָ נישט געזען. דאָס יידישע פאָלק פון וואַרשע האָט שטאַרק ליב געהאַט טעאַטער, האָט נאָך דאָ געלעבט מיט די זכרונות פון דער אומפּאַרגעסלעכער אסתר רחל קאַמינסקי, פון קאַמפּאַנעיעצן אין גאָלדפאַדען־ און גאָרדין־רעפּערטואַר, אויפן מוראַנאָוו, פון „יע־נע יאָרן"; אָבער דאָסמאָל זענען אַפילו פרומע יידן מיט בערד, וואָס האָבן גאָר קיינמאָל נישט אַרייננעשמעקט אין די אַלע טריף־פּסולע ערטער, געקומען זען די פאָרשטעלונג און הערן ווי אַזוי דער פּאַרצייטישער געטאָ־ייד זאָגט זיי אַריין, די שונאי ישראל. אַזוי שפּילט מען נאָר איין מאָל. אַן עלעקטרישער ציטער האָט געפיבערט איבערן זאַל און אָנגעטראָגן זיך צו אים אויף דער בי־נע, ווען ער האָט געמאָנט און באַשולדיקט די פּאַטריציער פון

װענעדיק, װען ער האָט אומברחמנותדיק געפּאָדערט דעם פונט פלייש פון זייער לייב — דאָס האָבן זיי אין משך פון דורות גע־מאַכט פון אים דעם פּראָצענטניק, דאָס האָבן זיי צוגערויבט זיין טאָכטער, דאָס האָבן זיי געמאָרדעט און פאַרגוואַלדיקט...

...װען דאָס שאַרפע בינע־ליכט האָט זיך אין יענעם װינטער־דיקן פעברואַר־אָוונט איינמאָל געהאַט אויסגעלאָשן אין בערלינער קלאַסישן טעאַטער, האָט זיך קורט װינקלער, אַ באַקאַנטער שױ־שפּילער, אַ ייד, װאָס איז יאָרנלאַנג אַפּלאָדירט געװאָרן אויף די דייטשע בינעס, נאָך לאַנג געפּלאָנטערט צװישן די אָנגעשטעלטע דעקאָראַציעס, אין די טונקעלע, אומהיימלעכע קוליסן, און גע־זוכט, װי צום ערשטן מאָל, דאָס נידעריקע טירל צום אַרויסגאַנג. די פּאַלאַצן זענען קיין פּאַלאַצן נישט געװען. אין די שמאָלע דורכגענג, צװישן די שװינדל־טרעפּ, זענען די דעקאָראַציעס אויף די ראָל־רעדלעך. װי פּרעהיסטאָרישע באַשעפענישן, געשטאַנען אומגעדרייט מיט די אָנגעהאַקטע לייסטן און מיט די פאַרצויגענע שטריק צום באַלקן — דאָס בלויע שטיקל הימל, די זיילן אויפן ליכטיקן גאַניקל, װוּ ער האָט נאָר־װאָס, דאַכט זיך, דעקלאַמירט די שיינע, קלאַסישע פערזן פאַר דער בלאָנדער גרעטכען...

אַזוי האָט זיך קורט װינקלער איינמאָל דערזען פאַרבלאָנדזשעט אויף די יידישע גאַסן אין װאַרשע. דער רייכסטאַג האָט נאָך גע־טליעט, די שייטער־הויפנס פון דער אייראָפּעאישער קולטור האָבן נאָך גערויכערט אויף די װינטערדיקע פּלעצער פון בערלין, װען ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַ שפּיי געטאָן אויף די אַפּלאָדיסמענטן פון די זאַטע דייטשע מיטלבירגער, אויף די אייגענע צװאַנציק יאָר אַרבעט פאַרן דייטשן טעאַטער, און האָט זיך צוריק אומגע־קערט צו זיינע „אָסט־יודען", מיט װעלכע ער איז פאַרקניפּט גע־װען אין די װייטע יינגל־יאָרן. די בולטע שטריכן אויף זיין מוס־קולירט פּנים זענען פאַר דער צייט אַרויסגעטרעטן שאַרפער, עקס־פּרעסיװער. די אונטערשטע, אַרויסגערוקטע ליפּ האָט נאָך אַלץ אויסגעדריקט ענערגיע און נישט װייניק פאַרביטערונג, װי אין די ליידנדיקע גרים־מאַסקעס פון דער קלאַסישער טראַגעדיע.

נאָך דער פאָרשטעלונג איז ער געװיינלעך געקומען צוזעצן זיך ביי אַ טישל אין ליטעראַטן־פאַריין, װוּ דער עולם זשורנאַליסטן

און רעפּאָרטערן, שרייבער און פּאָליטיקער, האָט זיך אָנגעהויבן צוזאַמענקומען ערשט אַרום האַלבער נאַכט. אין זיין אָנגעלאָדענעם שווייגן איז געוועז שטורעם און אין די אָנגעלאָפּענע טאָרבעלעך הינטער זיינע אויגן — מידיקייט און צער. די אונטערשטע, אַרויס־געררוקטע ליפּ האָט געגומען אונטערציטערן און דאָס דייטשע גע־דולד, וואָס ער האָט קאָנסערווירט אין זיך גאַנצע צוואַנציק יאָר, האָט מיט איין מאָל געפּלאַצט, צוהערנדיק זיך אין נעפּל צו די עפּטיקע גערעדערייען אַרום די טישלעך.

— איך באַשולדיק — האָט ער זיך פּלוצים אויפגעכאַפּט אין היץ און געזעצט מיט אַ פויסט אין טישל אַריין — די שיינע יידן, די גרויסע סוחרים, די דן־מאַנועלס, די לאָפּעזעס, פון קאָרדאָווע, פון פּאָרטאָ און פון ליסאַבאָן, וואָס האָבן מיטן האַנדלס־פּלאָט זייערן געשניטן אַלע ימען, געמאַכט פולע פעסלעך מיט גאָלד און דוקאַטן און זענען געלאָפן קיין האָלאַנד, קיין פראַנקרייך און קיין דייטשלאַנד, אויסצובעטלען ביי די פעאָדאַלן און ביי די גישטיקע, באַרבאַרישע קעניגלעך, וואָס האָבן זיך רעכט נישט גע־קענט אונטערשרייבן, מען זאָל זיי לאָזן הויזן אונטער זייער דאַך, פאַרשפּאַרט אין אַ געטאָ. קאָרסאַרן, פּיראַטן און ים־רויבער האָבן זיי באַדאַרפט צו ווערן און פאַרכאַפּן אַ שטיק אַמעריקע פאַר זיך, ווי די אַלע פעלקער, די אַזוי־גערופענע קולטור־פעלקער פון היינ־טיקן אייראָפּע. כאָ, דער נאַציאָנאַלער טרוים פון יהודה הלוי — דער קרענקלעכער משיחיזם אייערער קען אייך נאָר פירן אויף שייטערהויפנס און אויף פאַרצווייפלטן, זינלאָזן קדוש־השם. די פעלקער, וואָס זענען געקומען אַ סך שפּעטער פון אונדז קיין איי־ראָפּע, האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן זייערע אַזיאַטישע סטעפּ־היימ־לענדער. קולטור איז פאַר אַלעם דאָס, וואָס מען בויט אויף דער ערד. אַזאַ קולטור קען מען פאַרטיידיקן...

מען האָט אים נאָך דעמאָלט עפּעס נישט אינגאַנצן פאַרשטאַ־נען, מען האָט אים אָנגעקוקט מאָדנע און ווי ער וואָלט אַראָפּגע־פאַלן פון יענער וועלט. דער ציוניסטישער עסקן גמזו, וואָס איז נאָך האַלבער נאַכט געקומען פון רעדאַקציע, האָט פאַוואָליע אַוועק־געשטעלט דעם שירעם אין ווינקל ביים אויוון און שווערלעך אַראָפּגעלאָזן זיך, אַז די שטול האָט אַזש געסקריפּעט אונטער זיין היפּשן גוף.

— איר האָט נישט וואָס צו באַשולדיקן — האָט ער גערעדט צו אים געלאַסן, באַזאַכט — איר אַליין זענט נאָך ביז נעכטן געווען ביי די דייטשן, אויסגעלעבט זיך מיט זייער ניבעלונגען־מיטאָס פון די באַרבאַרישע וואַלד־געטער. איר זענט געקומען צולויפן, ווען די ערד האָט אייך שוין געגומען בריען אונטער די פיס. ווו זענט איר געווען, ווען מיר האָבן דאָ געבלוטיקט?

— כ׳בין אַוועק, ווי אַ סך יידן זענען אַוועק און וועלן נאָך אַוועק פון אייך, אויב ס׳וועט נישט געפונען ווערן אַ באָדן צו קע־נען טרעטן אויף אים זיכער און סאָליד. מען קען נישט מער אַזוי. מיר ווערן אומעטום אויסגענוצט פאַר פרעמדע אינטערעסן און לסוף — אויסגעשפּיגן, פאַרטיליקט. ס׳איז אַ בראָך צו אונדזער געלעכטער. צי זענען מיר דען נישט געווען די טרעגער פון דיי־טשעד קולטור און פון דייטשן „דראַנג נאָך אָסטן״, אַפילו אין מזרח־אייראָפּע, שוין בלויז אויסערלעך, מיטן גערמאַנישן דיאַלעקט אין אונדזער מויל און מיט די דייטשע פאַמיליען־נעמען? וווהין, פרעג איך, פירט עס?

אין די הויכע פענצטער האָט שוין געליכטיקט, ווען זיי זענען אַרונטער. הירש איז אים שטיל נאָכגעגאַנגען איבער די אויסגע־שטאַרבענע גאַסן. ס׳איז געווען די שטילקייט ערב אַ רוישיקן טאָג־אויפברוך. אין די טעג איז דאָס יינגל צערודערט געווען, ווי קיינ־מאָל נישט. אומגעריכט האָבן זיי זיך דאָ געהאַט באַפריינדעט אין די טומלדיקע קאָמיטעטן פון „אַגראָיד״. קורט ווינקלער איז אויפ־געטרעטן אויף אונטערנעמונגען און אין זיין מויל האָט דאָס פאַ־טעטישע ליד הירשס וועגן אַ באַדגלאָזער יוגנט, געהאַט דעם גרעסטן בייפאַל. אין דעם פילבאַרן יינגל האָט ער דערשפּירט אַ שטיק פון זיין אייגן געמיט.

— ביסט בלייך — האָט ער אים אַריינגעקוקט אין ווילדן שוי־בערל — נו, יאָ... די לייט פילן גאָרנישט... כ׳וועל שוין היינט, דאַכט זיך, נישט קענען שלאָפן פאַר דער פאָרשטעלונג — האָט ער געשפּאַנט איבער דער גאַנצער ברייט פון טראָטואַר — מען וועט אויסטרינקען עפעס שאַרפס, מיין קנאַבע, און מען וועט גיין שפּילן...

אָן רייד, האָבן זיי דערנאָך געשניטן די געסלעך דורך אַלט־

שטאָט, צו דער פּראַגער בריק, ווו ס׳האָט זיך אין נעפּלדיקן פאַר־טאָג געדרויכערט אַ קליינער דאַמפּער. די בלאָנדע ייִנגען פון די פאָרשטעט, די אויסלאָדערס, אין פאַרמעלטע זעק אויף די פּליי־צעס, האָבן שניידיק געפּיפן פון צווישן די ציין, אַ טראָט געטאָן נענטער צו הירשן, אייִנגעקוקט זיך אין אים שאַרף, אַרויפגעקוקט צו קורט ווינקלערן, וואָס איז רואיק, ווי אויסגעגאָסן, שטיינגע־בליבן מיטן פאַרוואָרפענעם זומער־מאַנטל אויף די ברייטע אַקס־לען און אויף זיינע ליפּן האָט זיך דערויכערט דאָס שטיקל ציגאַר. זיי זענען אָבער באַלד צוריקגעטרעטן און די פייפעריי איז אַנט־שטומט געוואָרן.

ער האָט ליב געהאַט די ווייסל־ברעגן, קורט ווינקלער, אין שיי־נעם, פּוילישן פרי־האַרבסט, כאָטש ער איז ביי די ברעגן נישט געבוירן געוואָרן. זיין ווייטע היים איז גאָר געווען ערגעץ אין די בערג פון מזרח־גאַליציע. הירש האָט אים געהאַלטן אין דערציילן וועגן זיין קראָכמאַלנע גאַס, וועגן פעטער מעכל, וואָס האָט גע־האַט אַן אייגענע בויד אין די האַליעס אויף פּראַגע און ווי אַזוי די מאַמע פלעגט אים יעדן פרייטיק שיקן נאָך אַ לעבעדיקן קאַרפּ צום פעטער מעכל; ווי אַזוי ער איז געגאַנגען איבער דער פּראַגער בריק און האָט דערפילט מיטאַמאָל ווי דאָס פישל שטייט אָפּ. איז ער אַרונטער צום ברעג אַנטרינקען עס, ס׳זאָל זיך אַביסל דערכאַפּן. דאָס פישל האָט געטאָן אַ צאַפּל מיטן עק און — פליוך אין וואַ־סער־אַריין...

— ביז שפּעט ביינאַכט האָב איך זיך דעמאָלט מורא געהאַט צו ווייזן אין דער היים. מען האָט מיר אויסגעזוכט ווו די וועלט האָט אַן עק. זיי האָבן שוין דאָרט געמיינט, אַז כ׳בין ערגעץ אײַ־בערגעפאָרן געוואָרן, דערטרונקען געוואָרן. און היינט האָב איך שוין די היים אויך נישט מער... ווי אַ חלום, ווי אַ רויך...

און ווען ער האָט מיטאַמאָל דערזען טרערן בײַם ייִנגל אין די אויגן, האָט ער דעמאָלט זייער פּלוצים אַזוי אַ מאַך געטאָן, קורט ווינקלער:

— קום מיט מיר, הירש, ווילסט? אָדער מיר וועלןביידע פאַר־פאַלן ווערן, אָדער מיר וועלן זיך אויסקעמפן אַ היים.

ס׳איז געווען אין יענעם טיפן, בלאָטיקן סעפּטעמבער, ווען אי־בער די וועגן פון אייראָפּע האָט זיך אין די אויסגעלאָשענע נעכט געקייקלט אַן אַנאָנימע אַרמיי צו די גרענעצן פון שפּאַניע, אין פייער פון בירגער־קריג. אין די קאַוויאַרניעלעך און אין די קניי־פּעס אויף דער דזשיקע און אויפן מוראַנאָוו, האָבן זיך יידישע יונגעלייט, מיט אַ ווונק און מיטן גרוס פון דער אויפגעהויבענער פויסט, שטיל אָפּגעזעגנט צום לעצטן מאָל און זענען פאַרשווונדן געוואָרן אַזוי ווי אין וואַסער אַריין. נישט צו וואַרפן זיך צופיל אין די אויגן, איז מען מיט אַן אונטערשטאָטישער באַן אַרויסגע־פאָרן אַ צוויי־דריי סטאַנציעס, ביז צו אַ שטילן וואָקזאַל, אויף דער פּראָווינץ. פון דאָרט האָט מען זיך דורך פאַרשיידענע פּונקטן געלאָזן צו דער טשעכישער גרענעץ, דורך שלעזיע און דורך די קאַרפּאַטן. די וועגן האָבן דערנאָך שוין געפירט איבער עסטרייך, איבער דער שווייץ, קיין פּאַריז, ווו די שפּאַנישע קאָמיטעטן האָבן פּיבערדיק ווערבירט די אַרמיי פון פרייוויליקע.

אין די אַלע יידישע קנייפּעס האָבן זיך שוין אַרומגעדרייט „מאַ־כערס״, וואָס האָבן גענומען האַנט־געלט, געפירט איבער דער גרע־נעץ און אַז מ׳האָט זיי נישט צוגעצאָלט, האָבן זיי דערנאָך אונ־טערוועגנס ערגעץ געלאָזן שטעקן, זענען אויסגערונען געוואָרן. ביי הערשל ראָנטשקע, וואָס איז גוט באַקאַנט געווען אין די אַלע וואַרשעווער קנייפּעס, האָט זיך דעמאָלט געמאַכט אַ גוטע פּר־נסה. אַז מ׳האָט אים איינגעצאָלט עטלעכע הונדערט זלאָטעס פּאַר אַ קאָפּ, האָט ער געגעבן אין דער האַנט אַריין אַ פאַלשן פּאַס מיט פאַלשע וויזעס און צוגעשטעלט מיט דער באַן גלייך קיין פּאַריז.

קורט ווינקלער האָט גוט געקענט די וועגן, וואָס פירן איבער פּראַג, ווין און ציריך. ער האָט נישט געהאַלטן פון די אַלע „מאַ־כערס״. ער האָט געוווּסט די וועגן בעסער פון זיי. ס׳איז שווער געווען מיט פּעסער און וויזעס ביי די קאָנסולאַטן, ס׳איז מיט יעדן טאָג שווערער געוואָרן. ער האָט זיי מער קיינס נישט געוואָלט קענען, נישט געוואָלט מער איינזיצן קיין איין איבעריקן טאָג אין וואַרשע. ער האָט די פאַרשטעלונגען פלוצים איבערגעריסן אינדערמיט, נאָך פאַרן ענדע פון סעזאָן. די אימפּרעסאַריאָס, די טעאַטער־מענטשן זענען צעקאָכטע געקומען צולויפן צו אים, גע־

וואָלט אים דערלייגן אויפן קאָנטראַקט, געוואָלט אים אָפּגילטן און געבעטן זיך ביי אים:

— איר הרגעט אונדז אָוועק אַ סעזאָן — האָבן זיי זיך געבעטן — איר קוילעט אונדז אָן אַ מעסער...

— איך דאַרף נישט אייערע געלטער! — האָט ער זיך אָנגעגאָסן מיט רציחה — ווען ס'ברענט דאָס הויז, שפּילט מען נישט קיין טעאַטער. איך קען אייך, איר וואָלט פאַרוואַנדלט אונדזער גאַנץ אומגליק אין אַ טעאַטער און אויסגעטוישט עס אויף קליינגעלט. איך וויל נישט מער שפּילן דעם „שיילאָק" און אינטערוועגירן מיט שטאַרקע רייד ביי די ריכטער. זיי לאַכן זיך אויס פון אַלע אונדזערע גערעכטע טענות. אַזאַ שפּראַך פאַרשטייען זיי נישט...

די אימפּרעסאַריאָס און די טעאַטער־מענטשן האָבן זיך איבערגעקוקט, האָבן אים אינגאַנצן נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, האָבן נאָך אַ טראַכט געטאָן, אַז ער מיינט אָוודאי זיי זאָלן אים דערלייגן מערער. ער האָט אָוועקגעשמיסן פון זיך די אונטערגערוקטע קאָנטראַקטן מיט די טשעק־ביכלעך און האָט זיי שאַרף געהייסן גיין. צו הירשן האָט ער זיך אַזוי אָפּגערופן:

— ביז סוף וואָך ליקווידיר מיר דאָ אַלץ און קום מיט מיר!

דאָס ייִנגל איז אָבער שטיינגעבליבן אַביסל צעמישט. קורט ווינקלער האָט אים פונדערזייט אַריינגעקוקט אין די אויגן, אונטערגעהויבן אים די שפּיץ גאָמבע און האָט אַרויסגעברענגט קורץ, מיט אַ לירישן אונטערטאָן, ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף דער בינע:

— אַ מיידל, וואָס?...

— יאָ — האָט ער זיך אויפריכטיק מודה געווען — כ'האָב גערעכנט זי זאָל מיטפאָרן מיט אונדז צוזאַמען... מ'האָט זיך ליב, שוין פונלאַנג. וויל זי נישט...

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האַלט גאַרנישט ביים מיטפאָרן, סטערקע. פריער האָט זי געקאָכט, געווען באַגייסטערט. איצט, אַז ס'האָט געהאַלטן דערביי, איז זי קיל געוואָרן. זי וויל זיך נישט לאָזן אויף קיין אוואַנטורעס. דער אַלטער טאַטע לאָזט נישט, די שוועסטער לאָזט נישט. זי האָט געמיינט, אַז מען וועט זיך דאָ קע־

מען נישט לעבן... זי האָט נאָך געלאָזן אַ טרער און קורץ אָפּגע־זעגנט זיך, צוגעזאָגט אים צו זען נאָכאַמאָל פֿאַרן אַוועקפֿאָרן...

קיין צוריק איז שוין נישט געווען. ער איז אָבער אַלעמאָל גע־ווען צופֿיל פֿאַרטראָגן און האָט זיך ערשט איצט געכאַפּט אויף אירע פּלאַפּלערייען אַנומלט וועגן עפּעס אַ רייך ייִנגל, אַ סוחר, וואָס לויפֿט איר נאָך. ווי זי האָט זיך געענדערט כמעט פֿאַר זיינע אויגן. זי איז געוואָרן פֿולער, רייפֿער, ווייבערישער. ס'איז מער נישט געווען דאָס דאַרע, שיקלדיקע מיידעלע, וואָס האָט אַרומ־געפּלאָנטערט אין די אָנגערויכערטע, אָונטיקע קנייפּעס אויף דער דזשיקע גאַס.

אַ העמד, אַ בינטל לידער און די פֿיבערדיקע דריי און צוואַנ־ציק יאָר — דאָס איז אַלץ, וואָס ער האָט מיטגענומען אויפֿן לאַנגן וואַנדער־וועג, צו דער אויסגעחלומטער היים, ערגעצוו.

## קאַפּיטל פֿופֿצן

# דאָס איז פּאַריז

אין פּאַריז, ביי דער מאַמען, אין די דריי ענגע גאָרן־שטיבלעך אויפֿן הויכן בעלוויל, האָט הירש אַ קורצע פּאָר טעג נאָכאַמאָל איבערגעלעבט די בלינדע, זיסע, וואַרעמע פֿאַרטראָגנקייט פֿון די ווייטע ייִנגל־יאָרן. סטערקע, וואַרשע, די איינגעבאַקענע קראָכמאַל־נע גאַס, האָבן נאָך ווי אַ קאָשמאַר שווער געדריקט אויף זיין גע־מיט. דעם ברייט־האַרציקן און אומגעדולדיקן קורט ווינקלער האָט ער דאָרט ערגעץ, באַלד אויפֿן אַנדערן טאָג, פֿאַרלוירן אין די טומל־דיקע ווערביר־קאָמיטעטן. מיטן שטויב פֿון וועג אויף זיינע קליידער, האָט ער געזאָלט גלייך אָפּפֿאָרן מיט דער ערשטער פּאַרטיע, הירש, אָבער אינדערמיט איז ער אַוועקגעפֿאַלן אין היץ און די מאַמע, וואָס האָט מער געפֿילט ווי פֿאַרשטאַנען, איז נישט אָפּגעטרעטן פֿון אים, האָט אים אַרומגערינגלט מיט אַלע, לאַנג־פֿאַרגעסענע צערט־לעכקייטן.

ער איז ווידער געווען אין אַ היים, ס'איז אָבער מער קיין היים נישט געווען. אַלץ איז דאָ געווען אַזוי אַנדערש, ווי ער האָט זיך עס פריער אויסגעמאָלט. די היים איז געווען צעריסן, אויסגעליי־דיקט, צעטראָגן. די מאַמע, גרוי ווי אַ טויב, מיט פרעמדע, קלאָפּנ־דיקע ציינער אין מויל, איז פאַרנומען געווען אינעם געוועלבל אויפן ראָג און דער טאַטע, דער אויסגעהאַרעוועטער ייד, אין אַ שטויביקן מעלאַניק, אין צו־לויזע קליידער, האָט צוגעהאָלפן, געפירט יעדן פאַרטאָג פון די האַליעס די הויך־אָנגעלאָדענע וועגעלעך מיט גרינסן און שפייז אינעם גאַסן־געדרודער, צווישן געשטויס פון אויטאָבוסן און טאַקסיס. דער עלטערער ברודער זיינוול, דער שטריקער, אַן עקשן, אַן איינרייסער, האָט פאַר עטלעכע יאָרן חתונה געהאַט מיט אַ פראַנצויזיש מיידל; דאָס יינגערע שוועסטערל, בראָנטשע, האָט זיך „פאַרדרייט דעם קאָפּ" מיטן געלן פריזירער פון די קוראָן.

דער בעלווילער, פינצטערער גאַסן־פלאָנטער, דער געמיש פון אַראַבער, נעגער, איטאַליענער, שפּאַניער און יידן; די האַרמאָניקע־מוזיק אין דער קאָפּע פון אָפּגעלעגענעם פּאַסאַזש, די טענץ־בעלער מיטן רויט־פאַרשטעלטן ליכט, דער פריילעכער און פאַרביקער גאַסן־געדרודער, די וועגעלעך מיט די זוניקע פרוכטן פון די דרום־לענ־דער — דאָס אַלץ האָט אָנגעיאָגט אויף אים דעם עקזאָטישן ביי־גער פון עפּעס אַ שטאָט־פערטל, אָדער אַן אינטערנאַציאָנאַלן פּאָרט, אין נאָענטן אָריענט, נישט אין סאַמע האַרץ פון מערב־אייראָפּע. די רוישיקע בולוואַרן, די פּלעצער, די האָטעלן מיט די פינטלענדיקע עלעקטרישע שילדן איבער די שמאָלע טרעפּ־אַרויפגאַנג — אַלץ האָט אים אויסגעוויזן צו זיין זייער אַלט און די מענטשן — דורכגע־טריבן־ראַפינירט. ס'האָט אים אָבער פאַרכאַפּט די אָפענע איינפאַכ־קייט זייערע, ווי נאָר דער קלאַנג פון דער פרעמדער שפּראַך האָט אַ קלונג געטאָן אַביסל היימישער אין זיינע אויערן.

מען האָט זיך דאָ נאָר־וואָס געהאַט אָפּגעפרייט מיטן זיג פון פאָלקס־פראָנט און ס'האָט זיך געפילט די פוסטקייט, ווי נאָך אַ צו־רוישיקער חתונה. די ווענט און די פּלויטן פון בולוואַר, אַרום די קינדער־שולן און ביי די מוניציפּאַליטעטן — פאַרקלעפּט מיט די אָפּגעפּליקטע וואַל־אַפישן. די שמאָלע הויפן און די קאָפּעס פון פּאַ־סאַזש האָבן נאָך געהילכט מיטן ליד וועגן אַן אומפאַרגעסלעכן פריי־

לינג און וועגן אַן אומגליקלעכער ליבע. די אַרבעטער אין די בלויע אַרבעטס־קאָמביניזאָנען און די קליינע אָנגעשטעלטע זענען צופרידן געווען פון דער 40־שעהיקער אַרבעטס־וואָך, פון די געצאָלטע וואַקאַנסן, וואָס זענען אַרויסגעריסן געוואָרן, און האָבן אויף די מיטינגען און אויף די מאַניפעסטאַציעס געביילט די פויסטן קעגן סאָציאַליסטישן פרעמיער, ווייל דאָס האָט ער דער ערשטער געוואָרפן די לאָזונג וועגן כלומרשטער „נישט־אינטערווענץ” אין שפאַניע.

אין קלוב מיט די אַרומגעשיילטע ווענט, אין פינצטערן פלאָנטער פון די געסלעך אויפן הויכן בעלוויל, האָט הירש אויף אַ געזעגענונגס־אָוונט פאַר די שפאַנישע מיליציאָנערן, פאָרגעלייענט מיטן אַמאָליקן פאַטאָס זיינע לידער פון דער קראָכמאַלנע גאַס. דאָרט איז איז אויך געווען פאַרזאַמלט דער עולם פון די קליינע יידישע אַטעליעס, וווּ זיי האָבן געאַרבעט בגנבה, אָן פאַפּירן און אַפילו אָן ווינקרעכט. ס'איז געווען נאָך איידער דער בעלווילער קלוב מיט די אַרומגעשיילטע ווענט האָט זיך דאָ אינגאַנצן געשלאָסן, ווייל אַלע אַקטיוויסטן כמעט זענען איינגיכן פאַרשוווּנדן, זענען אַוועק אויף די שפאַנישע פראָנטן. דער בירגער־קריג אין שפאַניע האָט זיך פאַרצויגן, ס'האָט אויסגעזען נישט צו ענדיקן זיך אַזוי שנעל.

אין פאַרכמאַרעטן נאָוועמבער, ווען אַ געדיכטער רעגן האָט געשמיסן איבערן פלאַסטער פון ברייטן, אָפּגעליידיקטן בולוואַר, איז ער געווען אַן איינגייער אין דער קאַפע ביי שמיל הוי, וווּ ס'איז געווען דער זאַמל־פונקט פאַר די אָפּפאָרנדיקע. דאָ האָט מען יעדן טאָג באַגעגנט פרישע פנימער פון וואַרשע און פון די שטעטלעך אין פוילן. די יינגלעך אין די לעדערנע רייזע־קורטקעס האָבן אים נאָך געקענט פון די האַלב־לעגאַלע פאַריינען אויף דער מילע און אויף דער דזשיקע. עס האָט אויף אים צוריק אַ ווייע געטאָן מיט היימישקייט. די אַלע היימישע פון דאָרט זענען דאָ אָבער אַזוי־ווי דערטרונקען געוואָרן אין אַן אייביקן, אומזיניקן געיעג. מיט אַלע זיינע פיבערן האָט ער געבענקט צוריק נאָך וואַרשע, נאָכן ליטעראַטן־פאַריין, נאָך דער קראָכמאַלנע, נאָך דער דזשיקע, נאָך דער שטילער, פאַרחלומטער אָטוואָצקער ליניע און — נאָך סטערקען אויך, נאָך יענער סטערקען פון אַמאָל. ס'איז פיינלעך געווען פאַר זיך אַליין מודה צו זיין, אַז ער האָט זי נאָך אַלץ ליב, אַפילו אַזאַ

ווי זי איז. און אפשר איז עס געווען די בענקשאַפט אַליין? אַ שטיקל צייט האָט זי אײנגאַנצן נישט געלאָזן הערן פון זיך. דערנאָך האָט זי אים עפּעס זייער פּלוצים גענומען שרייבן זייער וואַרעמע בריוו, אַז מען קען גאָרנישט וויסן, אַז דאָס לעבן קען זיי ווידער צוזאַמענפירן, אַז מען וועט זיך נאָך אפשר אײנגיכן זען. צום ערשטן מאָל איז אים אויסגעקומען צו טראַכטן ווי לייכט זי לעבט איבער און ווי לייכט זי גייט אַריבער אין לעבן אַזוינס, וואָס צערודערט אים ביז אין די טיפעניש. דאָס אַלץ, וואָס איז ערשט דאָ נישט לאַנג געווען צווישן זיי, האָט שוין איצט אויסגעוויזן מאָדנע־ווייט און נישט־רעאַל, ווען ער וואָלט נישט געהאַלטן אין האַנט אירע בריוו מיט דער קינדערישער, אָבער פלינקער האַנטשריפט.

ביי דער מאַמען אין שטוב האָט ער שוין לענגער נישט געקענט מער איינזיצן. דער ברודער זיינוול, וואָס איז שוין שיינע יאָרן געווען פאַר־זיך, האָט זיך נאָך אין אַלעם געמישט אינדערהיים. אַזוי גיך ווי ער האָט זיך אָפּגעפרייט מיט אים, דער ברודער זיינוול, האָט ער אים מיטן טאָן פון אַ פאַרזאָרגער, באַלד אויף צומאָרגנס , געעצהט:

— פאָלג מיר און וואַרף אַוועק די אַלע מעשיות, הערסט? פּאַריז, גלויב מיר, האָט נישט קיין קאָפּ צו די זאַכן. נעם און לערן זיך בעסער אויס אַ שטיקל פאַך, אָדער העלף צו דער מאַמען אין געוועלבל.

אַלע פּאָר טעג איז ער אויפסניי אַרויפגעפאַלן אין שטוב אַריין מאַכן פרישע סקאַנדאַלן. דעם טאַטן איז דווקא ווױלגעפעלן וואָס הירש פאַרנעמט זיך מיט שרייבן שירים. ער האָט נאָכגעקרעכצט, וואָס ער האָט נישט געקענט מאַכן פון אים כאָטש אַ דאָקטער. ער אַליין האָט אויך אַמאָל ליב געהאַט אַריינצוקוקן אין די ספרימלעך. זיינוול האָט אָבער נישט געקענט צוקוקן ווי דער אַלטער שטופּט איינער אַליין דאָס הויך־אָנגעאָרנטע וועגעלע מיט גרינסן אין דער געדיכטער פאַרעריי, צווישן די אויטאָס און וואָגנס אויפן מיטן ברוק. דער פאַרשטויבטער מעלאַניק איז אים פאַרוקט טיף איבערן שטערן, און ווי ער פאַלט דערנאָך אַריין אין געוועלבל, אַן אָפּגעגאָסענער פון שווייס.

— עס פּאַסט אים נישט, דעם „שמינטעליגענט״, צוצוהעלפן דעם טאַטן — האָט ער זיך געקאָכט, זיינוול — אַז דער טאַטע וועט אַוועקפאַלן אינמיטן וועג, וועט ער אים אַפילו נישט צוגיין אויפהייבן...

די מאַמע האָט זיך געקניפּן די באַקן, געבעטן אים, אַז ער זאָל בעסער שטום ווערן, נישט אָנמאַכן קיין פרישע סקאַנדאַלן אין שטוב.

צוזאַמען מיט אַלע פריש־אָנגעפאַרענע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פּאַפּירן, האָט זיך הירש אינגיכן אַריבערגעצויגן אינעם האָטעל מיט די אַרומגעשיילטע ווענט פון אַן אָפּגעקראָכענעם געל, אין איי־נעם פון די פאַרדעכטיקע ווינקל־האָטעלן, וווּ די פּאָליציי איז פון צייט צו צייט אומגעריכט אַרייַנגעפאַלן מיט אַן אַבלאַווע. דער אָנ־געפאָרענער, לוסטיקער עולם האָט זיך דאָ קיין סך נישט געמאַכט דערפון. מ'האָט געלעבט אויף דערוויל, אַלצאיינס האָט מען געוואַרט אַוועקצופאָרן קיין שפּאַניע. אין פּאַריז האָט הירש אויך געמוזט ווערן אַ פרעסער אין די ענגע יידישע שניידער־אַטעליעס אויפן בעלוויל. די אַרבעט איז אים די ערשטע צייט אויסגעפאַלן זייער שווער. זיינע מאָגערע הענט האָבן קוים אונטערגעהויבן די צען־פונ־טיקע פרעס־אייזנס. די מאַשינערס, די שויבערדיקע יינגען, און די אויסגעמאַטערטע מיידלעך, די „הענט", האָבן זיך לוסטיק געמאַכט איבער אים, ווי נישט־געשיקט ער טוט אַ נעם דעם פרעס־אייזן, ווי ער באַגיסט זיך מיט אַ קאַלטן שווייס. ער האָט פאַרביסן אַ ליפּ, נישט געוואָלט אונטערגעבן זיך און באַמיט זיך אַרויסצוּוואַרפן אַזוי פלינק און פונקט אַזויפיל שטיקלעך, ווי די אַנדערע פרעסערס.

אין די רוישיקע זאַלן פון דער מוניציפּאַליטעט, אויפן ניי־יאַר־באַל פון דער „רויטער הילף", וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט זאַמלען געלט פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין פּוילן, צוצושטעלן אַד־וואָקאַטן אויף די פּראָצעסן און אַרייַנצושיקן „וואַלוווקעס", האָט ער צווישן אַ היימישער חברה, נישט־לאַנג־געקומענע, אָן חשבון, אַ האַלבע נאַכט אַרייַנגעגאָסן אין זיך דעם רויטן ווייַן און די איידעלע ווייַנען פון די קליינע גלעזעלעך. מיט וואַקלדיקע פיס און מיט אַ שווערן קאָפּ, האָט ער זיך, צוזאַמען מיט דער גאַנצער באַנדע, פאַר־טאָג אומגעקערט צום אויסגעלאָשענעם האָטעל אויפן הויכן בעל־וויל. ער זאָל נישט אַוועקפאַלן, האָט אים פעסט געפירט אונטערן אָרעם די קליינע זאָשקע. זי האָט אויפן גאַנצן וועג געלאַכט, נישט אויפגעהערט צו לאַכן. ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זי וווינט אין זעלבן האָטעל וואָס ער, איין שטאָק העכער. אַ פּולע, אַ דיקלעכע, מיט פאַרוואָרפענע צעפּלעך איבערן נידעריקן שטערן, האָט זי אויפן

גאַנצן וועג נישט אויפגעהערט צו שטיקן זיך פון געלעכטער. „אונד־זער פּאָעט איז שיכור־לוט — האָט זי גערופן צו די איבעריקע — קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס". ער איז געווען נישט בלויז שיכורלעך, הירש, נאָר אויך אומעטיק און פאַרטראַגן אין נעפּלדיקן, אויסגעקילטן פאַרטאָג פון 1־טן יאַנואַר.

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך שפּעט אין טאָג אַריין, ביי זאָשקען אין צימערל און האָט זיך דערנאָך בשום־אופן נישט געקענט דערמאָנען, ווי אַזוי קומט ער אַהער. ער האָט געפילט ערגעץ נאָנט לעבן זיך די קילע, שפּיציקע אָרעמס פונעם פרעמדן מיידל. זי איז געלעגן אומגעדרייט צו דער וואַנט און אין דער טריבער שיין, וואָס איז גע־פאַלן פון עטוואָס־אָפּגעלענטן, ברודיקן האָטעל־פאַרהענגל, איז דער האַלבער פּראָפיל אירער געווען פאַרגראָבן אין דער קישן. אירע דיק־לעכע ליפּן האָבן זיך נאָכמער אָנגעבלאָזן, זי האָט געאָטעמט שווער. כ'איז אים מיטאַמאָל פאַרגאַנגען אַזאַ נאָגנדיקער פאַרדרוס, פאַרוואָס ער איז אַוועק פון וואַרשע. דאָרט, האָט זיך אים געדאַכט, וואָלט ער קיינמאָל אַזאַ גרויסע, נאָגנדיקע פרעמדקייט נישט געפילט. ווי קו־מען מיר אַהער? נאָכוואָס? גרויע האָטעל־מייז אין אַ גרויסער, פרעמ־דער און טומלדיקער שטאָט.

אין לאַנגן מאַרט־סעזאָן האָט ער זיך האַלבע נעכט אַרומגע־שלעפּט מיטן צעפלויגענעם מאַלער־באָהעם מאַנדעל, אַ באַלוטער בחור, וואָס האָט זיך דאָ שוין געוואַלגערט שיינע עטלעכע יאָר. ער איז געווען אַן איבערגעוואַקסענער, אַזויווי אַן אָפּגעשוונדענער, און זיינע בלויע, וואַסערדיקע אויגן האָבן פונדערזייט נאָכגעקוקט מיט שמייכלענדיקן פאַרדאַכט כמעט אַלע פרויען אויפן בולוואַר. ער האָט זיי קלאַסירט אויף אַ מאָדנעם אופן: „דאָס איז אַ רענואַר־פרוי, יענע איז אַ ראַפאַעל־פרוי, די איז אַ רעמבראַנדט־פרוי, דידאָזיקע איז אַ לעבעדיקער טיציען"... אין זיין אַטעליע מיטן צעראַיעטן בעטל, ערגעץ אויף אַ מאַנסאַרדע אין לאַטיינישן קוואַרטאַל, האָט ער גע־פלעגט צו פאַרבעטן די האַלב־אויסגעהונגערטע מאָדעלקעס און ביי אַ פלאַש ווייַן מיט אַ לאַנג ברויטל, האָט מען געפּראַוועט זייער פריילעכע סעודות.

אינאָוונט איז הירש געזעסן אויף דער אַרומגעשטעלטער טעראַ־סע, אין דער קינסטלער־קאַפע, אויפן מאָנפּאַרנאַס. די נעאָן־פייערן

האָבן נאָך דאָ געבלעבנדט ווי אַמאָל, אין די פּאָר גאָלדענע נאָך־מלחמה־יאָר, ווען די רייכע אַמעריקאַנער סנאָבן האָבן זיך אַרומגעדרייט, אויפגעקויפט בילדער, געוואָרפן זיך מיט דאָלאַרן פאַר אַ ליאַדע פאַרשמירטן לייוונט. די לאַנג־האָריקע קינסטלער האָבן זיך אַרומגעפּלאָנטערט צווישן די טישלעך, אין די אויסגעגלאַנצטע הויזן, אין די אויסגעריבענע רעקלעך פון ברוינעם פליוש, און געוואַרט עמיץ זאָל קומען באַצאָלן פאַר זיי די באַשטעלטע קאַפע. קורטיזאַנעס, אויסגעסטראָיעט אין זילבער־פוקסן, האָבן פויל אַראָפּגעשלונגען אַ געגעצל צווישן די פינגער מיט די פאַלשע, אָנגעזעצטע בריליאַנטן, אַרויסרופעריש נאָכגעקוקט די טומלדיקע יונגעלייט, וואָס האָבן באַשטעלט שאַמפּאַן אין אייז־קעסעלעך.

צו אים ביי דער זייט איז געזעסן קאָזשען, דערזעלבער קאָזשען, וועלכן מ׳האָט אַמאָל, אין יענער, נאָך־מלחמהדיקער כאַליאַסטרע־עפּאָכע, פאָרגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט. ער איז מיט יאָרן צוריק איינמאָל געהאַט אָוועק פון וואַרשע, אַ יונגער, אַ צוזאָגנדיקער, אַ פלאַמיקער, מיט גרויסע פּלענער. פאַריז און די מאָנפּאַרנאַס־אַטמאָספער האָט אים ביסלעכווייז אויפגעפרעסן. ער האָט מער נישט געהאַט די באַדערפעניש צו שרייבן. פאַר וועמען שרייבן? נאָכוואָס שרייבן? ער האָט זיך געוואָלגערט ערגעץ אויף אַ מאַנסאַרדע אין די ביליקע סטודענטן־האָטעלן פון לאַטייניש קוואַרטאַל, אָן אַ משפּחה, אָן פריינט און געצויגן די עקזיסטענץ פון סאַמע צופעליקייטן. ער איז געוועזן אָפּגעריסן, ווייט און אָפּגעפרעמדט פונעם גרויען שטראָם יידישע עמיגראַנטן, וואָס זענען יאָר־איין, יאָר־אויס, צוזאַמען מיט די פרישע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען אין פוילן, אויסגעשפּיגן געוואָרן אויפן פאַרויכערטן „גאַר די נאָר" אין פאַריז, אָפּגעזעצט און אַריינגעוואַקסן זיך צווישן האַלב־איינגעזעסענעם עולם אין די ווינקל־אַטעליעס, אין די ווינקל־האָטעלן און אין די ענגע, פינצטערע „טערם"־שטיבלעך פון בעלוויל און פון מאָנמאַרטר. ער האָט מער נישט געפילט, אַז נאָר צווישן אָט דעם עמיגראַנטן־עולם, וואָס קומט פון די ליבע, איינגעבאַקענע, היימישע יידישע שטעטלעך אין פוילן, לעבט נאָך דער וואַרעמער אינטערעס פאַר זיין שאַפן פון אַמאָל. פאַרבליבן איז ער שטעקן צווישן די רעשטלעך פון דער אינטערנאַציאָנאַלער באָהעמיע אין די האַלב־נאַכטיקע

קאַפּייען אויפֿן מאַנפּאַרנאַס, וואָס האָט אין די יאָרן פֿון אַגרוקנדיקן קריזיס געגומען אַלץ מער פּוסטעווען. אַ בלייכער, אַן איידעלער, מיט גרויע, דורכדרינגלעכע אויגן, האָט ער באַקוקט הירשן מיט קילן חידוש און אינעם עטלעכע און צוואַנציק יעריקן בחורל דער־זען מיטאַמאָל זיך אַליין, אין יענעם פֿאַרשיכורנדיקן, נאָך־מלחמה־רויש, ווען ער איז נאַר־וואָס געהאַט אַריינגעפֿאַלן אין דער שטאָט פֿון ליכט, ווייַן און קונסט.

— אַזוי, איז אין וואַרשע אויך נישט פֿריילעך? — האָט ער זיך באַכגעפֿרעגט מיד, קיל, מיט מער אַפּאַטיע, ווי מיט אינטערעס — אַבי מ׳האָט אַמאָל געשטורעמט, געהאָפֿט, געחלומט. וואָס ווילט איר — מ׳זעמיר יידן...

דאָס יינגל איז אַוועק מיט אַ שווער געמיט. ער האָט לאַנג אויס־געמיטן צו קומען אַהער. אין וואַרשע איז אויך שווער געווען, אָבער מען האָט געפֿילט דעם לעבעדיקן אָטעם פֿון דער דזשיקע גאַס, וואָס האָט קיינמאָל נישט פֿאַרצווייפֿלט און געריסן זיך איבער אַלע צווי־מען. מיט דער לעצטער מעטראָ איז ער צוריקגעפֿאָרן אין די ווייטע יידישע געגנטן און אויפֿן גאַנצן וועג האָט אים דער גרויאינקער יידישער שניידער, טאָני מינסקער, וואָס האָט אים באַגלייט, גע־רעדט צום צעשטרייטן יינגל פֿאָטערלעך און האַרציק:

— די טרויעריקע יידישע עמיגראַציע, קינד, אין די ביינער ליגט זי אונדז.

יאָ, ער איז אַליין אויך געווען אַ שטילער, פֿאַרשוויגענער דיכטער און האָט אַפֿילו אין יענע יאָרן אויסגעמאָסטן אַ שטיק וועלט אין שליחות פֿון יידישע קולטור־נויטן. ער איז גאָרנישט אַזוי אַלט גע־ווען, ווי ער האָט שווער געטראָגן אויף זיך די לאַסט פֿון זיינע פֿופֿ־ציק יאָר. ער האָט געהאַט אַ גרויען קאָפּ מיט יונגע, לעבעדיקע אויגן. די עלטער האָט זיך פֿרי געלייגט אויף אים. דאָס זיצן איבער דער ניי־מאַשין האָט אים אַזוי איינגעבויגן. ער האָט זיך אָבער דערפֿילט אינערלעך גאַנצער. דאָס האָט ער זיך געראַטעוועט צו דער ניי־מאַשין, צו פֿאַרטויבן זיין אייגן דערשטיקט געזאַנג. ווען הירש האָט דאָ צום ערשטן מאָל פֿאַרגעלייענט זיינע לידער פֿון דער קראָכמאַלנע גאַס, איז ער אים געקומען אויפֿזוכן. דאָס יינגל איז געווען פֿאַר אים דער לעבעדיקער גרוס פֿון דאָרט, פֿון די יונגע

עקשנים, וואָס גיבן זיך קיינמאָל נישט אונטער. שוין יאָרן, אַז ער איז געווען אָפּגעריסן פון זיי. שוין יאָרן, אַז ער האָט זיך אין ערגעץ מער נישט געוויזן. ער האָט אָבער שטילערהייט ווייטער געשריבן זיינע שטילע לידער ביי דער ניי־מאַשין, פונקט ווי מאָריס ראָזענ־פעלד, וואָס האָט אָפּגעפינצטערט זיינע יאָרן אין די אַמעריקאַנער שוויץ־שעפער. ווי מאָריס ראָזענפעלד, האָט ער אויך פאַרקויפט זיי־נע טעג אין די טומלדיקע פאַריזער שניידער־אַטעליעס, ווו מען האָט באַדאַרפט צו זיין פלינק און געשיקט און אַרויסוואַרפן וואָס מער אַרבעט. אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד איז ער איינמאָל גע־האָט אַוועק פון די רוישיקע דווינסקער בערזעס, געלעבט ערגעץ אין דער געדיכטעניש פון לאַנדאָנער ווייטשעפּל, דורך וואַנען עס האָט געפירט דער וועג פון די ערשטע יידישע רעוואָלוציאָנערע דיכטער־עמיגראַנטן. ער האָט דאָרט אָנגעהערט צו די אַרבעטער־קרייזלעך, ווו מען האָט אַרויסגעגעבן ביכער און זשורנאַלן, אַריינצושמוגלען זיי אומלעגאַל קיין רוסלאַנד. אין אָקטאָבער 1917 איז ער, צוזאַמען מיט נאָך אַ סך פּאָליטישע עמיגראַנטן, געלאָפן אונטערשטעלן אַ פּלייצע דער רעוואָלוציע. דערנאָך, אין פּוילן, זענען געווען אַרעסטן, פּאָליצייאישע פאַרפאָלגונגען. ער איז אַרומגעפאָרן איבער יידישע שטעט און שטעטלעך מיט רעפעראַטן, פּראָפּאַגירט אַ רואיק ווינקל אויף דער ערד, ווו עס זאָל אויפגעבויט ווערן אַ יידיש לעבן. אין יענע יאָרן איז אַפילו דערשינען זיינס אַ בוך, אַ זאַמלונג עסייען וועגן יידישן קולטור־גורל. טאַקע אין איינס פון די וואָלינער יידי־שע שטעטלעך האָט ער באַגעגנט די שטילע פרוי זיינע. זי האָט אים שוין דערנאָך באַגלייט אויף אַלע זיינע וואַנדערונגען. ער איז אַלע־מאָל צוריקגעקומען אין אַן אַנדער לאַנד, אויף אַן אַנדער אַדרעס. צוויי מיידלעך זענען אים פאַר דער צייט געבוירן געוואָרן. דאָ, אין פּאַריז, האָט ער זיך מיט איינמאָל פון אַלעם צוריקגעצויגן. ער איז מיד געווען. ער האָט זיך צוריקגעזעצט צו דער ניי־מאַשין. זאַלבע־פערט האָבן זיי געלעבט אין אַ שטיל, שאָטנדיק הויז, פול מיט בי־כער, בילדער, בלומען און אָוונטיקער מוזיק. זיי האָבן אָפּגעפונען די שטילע סטעזשקעלעך צום קבר פון היינריך היינע, וואָס איז דאָ אויך געשטאָרבן אין דער פרעמד. די זונטיקן האָבן זיי פאַרברענגט אין „לוווּר", אויף אויסשטעלונגען, אויף קאָנצערטן. ער האָט זיך דאָ צוריק באַגעגנט מיט איינציקע פריינט פון דער אַלטער עמיג־

ראַציע, בונדאָווצעס, עס־ערן. צו אים איז אָפט אַרויפגעקומען דער אַלטער אַנאַרכיסט גרישאַ, אָן אַ האַנט. זיי האָבן געלעבט אײַנאַזייט פון יידישן בעלוויל, ווו עס האָבן זיך יעדעס יאָר אָפּגעזעצט די פרישע עמיגראַציע־שטראָמען פון פוילן.

אַ פייערלעכער אומעט האָט הירשן באַגלייט אויפן גאַנצן וועג צום איינזאַמען האָטעל אויפן בעלוויל. „דריי מענטשן, דריי דורות — איז אים פאַרגאַנגען אַ שטילער טרויער — טאַני מינסקער, קאַזשען און איך. ווער פון אונדז, פרעגט זיך, איז מער טראַגישער אויף אָט דעם פאַריזער טומלדיקן וועלט־יאַריד?״...

## קאַפּיטל זעכצן

# אַ משפחה עקשנים

מיט אַ יאָר אַכט־ניין צוריק, אָן ערך, האָט זיך אין דער קאַפּע ביי שמיל הוי קיינער גאָרנישט געקענט שענקען זיינוועלע שטרי־קערס פלוצימדיק פאַרליבן זיך אין דער שיינער פאַרקויפערין פון דער „גאַלערי דע בעלוויל״. ביי ביידע צדדים האָט ער אָבער אויס־געפירט, דער ביטערער עקשן — ער האָט זיך גענומען פאַר אַ ווייב די ליכטיק־בלאָנדע פאַריזערין נישט ביים רב און נישט ביים גלח.

אָן אויג, זעט אויס, האָט ער שוין פונלאַנג געהאַט געוואָרפן אויפן מיידל מיט דער געזונטער, שפּראַצנדיקער ראַזיקייט אין די באַקן. זי איז אַלעמאָל געשטאַנען פונפאַרנט, אויפן בולוואַר, און אין געזונטן געלעכטער, געוויזן איר ווייסע ציינער. אָבער געשלאָסן נענטערע באַקאַנטשאַפט האָט ער מיט איר צווישן צוויי טענץ, אין טומלדיק־אָנגערויכערטן „באַל־מיזעט״־קעלערל, אין „הערמיטאַזש״, אויפן פאָבור, איז אַרויסגעגאַנגען מיט איר דעם גאַנצן ווינטער אין די סינעמאַס, אין די טעאַטערן, אָבער ס׳איז גאָר קיינעם נישט איינ־געפאַלן, אַז ס׳וועט טאַקע עפּעס „ווערן״ דערפון.

דער חתונה־מאַלצייט איז מיט גרויס פאַראַד געפּראַוועט געוואָרן אין רעסטאָראַן „צום געבראָטענעם פאַזאַן״ — אַזוי איז געווען דער אויסדריקלעכער פאַרלאַנג פונעם מחותן, דעם דורכגעטריבענעם פּוי־

ער, וואָס איז מיט יאָרן צוריק איינמאָל געהאַט אַריבערגעקומען אַהער פון אַ שטעטל אין אָוועדן און האָט זיך דאָ, אין פּאַריז, אַרויפגעאַרבעט צו צוויי אייגענע פּרוכט־סקלאַדעס אין הורט, אַרום די האַליעס.

באַלד נאָכן אָפיציעלן אַקט, אין זאַל פון דער מוניציפּאַליטעט, האָבן זיך די קרובים פון ביידע צדדים פריילעך אַרונטערגעשאָטן פון די שטיגן, נישט אויפגעהערט צו קושן זיך מיט חתן־כלה אויפן טראָטואַר און באַגלייט די מחותנים צו די גלאַנציקע וואָגנס, וואָס האָבן זיי שוין דאָ פון אינדערפרי אָן אָפּגעוואַרט ביי דער טיר. דעם חתן, וואָס איז אויך נישט געווען קיין מפיל־קינד, האָט געפירט דער הויכער מחותן, מעסיע פּאָטיע. ער איז געגאַנגען שטייף, דער מחותן, מען האָט אַזש געהערט דעם נייעם סקריפּ פון קראָכמאַליעטן העמד, וואָס האָט אים איינגעשטייפט דעם קרעמפּן האַלדז. די ווייסע הענטשקעס האָבן שיער נישט געפּלאַצט אויף זיינע אָנגעדראָלענע פינגער. די צווייטע העלפט זיינע — אַ קליין, שמאָל, אָנגעפּאַרבט ווייבל, וואָס איז, דאַכט זיך, געווען אין איין עלטער מיט דער כלה, — האָט אונטערגעטענצלט ווי אַ מיידעלע, זיך געהאַלטן אין איין אַריינפרייען אין זיינוולס טאַטע־מאַמע, האָט עפּעס געהאַלטן אין איין אַריינרעדן אין זיי, כאָטש זי האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז קיין סך פאַרשטייען זיי דאָרט נישט. דער חתן האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּטרייבן פונעם מחותנס יינגערער שוועסטער ראָזעט — אַ שיקלדיק ווייבל, אַ דיקלעכע, מיט אָן אַ שיער קאָרבירטע לעקעלעך און מיט רויטע, פאַרטרערטע אויגן, פון אַזויפיל לאַכן. זי איז אַלעמאָל צוגעפאַלן צו אים קושן זיך און פאַרשמירט אים ס׳גאַנצע פּנים מיטן ביליקן קאַרמין פון אירע ליפּן.

דער זאַל מיט די שפּיגלען האָט געראַשט, פאַרטאָפּלט די שמחה. די טישן, איינגעטונקט אין לעבעדיקע בלומען, זענען באַלייגט געווען מיט געבראָטענע קראַליקעס, געפּעקלטע פליישן, געראַיכערטע חזיר־פּולקעס, ראַקעס מיט שטייפע וואָנצן און כלערליי טריפהנע פישן פון די אַטלאַנטישע ברעגן — אין מאַיאָנעז, אין געשניטענע אייער, אין גרינע סאַלאַטן און אין צונטער־רויטע טאָמאַטן. אין די אייז־קעסעלעך האָבן זיך געקילט די באָכנישט־אויפגעקאָרקעוועטע פלעשער מיטן אָנגעזעצטן קעלער־שטויב. פּיעראָ, דער כלהס יונגע־

רער ברודער פיראָ, הויך און ברייט ווי דער טאַטע, מיט אַ פּנים פון אַ וויין־טרינקער, מיט אַ רויז אין דער לאַץ, אַ שיכורלעכער דעם גאַנצן אינדערפרי שוין, האָט אַ מאָל־צען אָנגעשטעלט דעם פאָטאָ־אַפּאַראַט און אַ צעיאַכמערטער אַלעמאָל געלאָפן פאַריכטן ביי איינעם דעם קראַוואַט, ביי די ווייבער די פריזורן און אַלעמען האָט ער באַפוילן צו לאַכן צעזעצטערהייט.

אין דער לעצטער מינוט האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז די יידישע מחותנים וועלן אינגאַנצן נישט טועם זיין פון די אַלע אָנגעגרייטע מאכלים אויף די טישן. ס׳איז אַביסל נישט אָנגענעם געווען פאַר די געסט, וואָס האָבן דאָ גאָרנישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין; און זיינוול אַליין האָט, מיט אַ שטיקנדיק געלעכטערל, באַדאַרפט אויפקלערן אין וואָס, אייגנטלעך, עס גייט דאָ. דוד מאַליוועו, זיינוולס טאַטע, איז געזעסן אויבנאָן, אַ פאַרלוירענער, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים. ער האָט געגלעט דאָס גרוילעך־אויסגעקעמטע בערדל, געפינטלט מיט די רויטלעכע, אָנגעשטרענגטע אויגן פון הינטער דער בריל־אָפּער און אַזויווי געוואַרט אויפן גרייטן. ער האָט פאַר דער גאַנצער צייט קוים אַ זופּ געגעבן אַביסל וויין פון דער גלאָז מיטן הויכן פיסל, אָפּגעבראָכן אַ שטיקל קיכעלע. ביי מינדען, דער יידענע זיי־נער, האָט געשלאָגן אַ פלאַם אין די באַקן אַריין. זי האָט זיך געפילט שלעכט אינעם פרעמדן, טיף־אויסדעקאָלטירטן קלייד מיט די שפּי־צעלעך פון שוואַרצן מושלין־זייד, וואָס דאָס יינגערע טעכטערל בראָנטשע, האָט אויפדערגיך, דעם לעצטן אינדערפרי, געהאַט איינ־געשאַפט. זי האָט זיך דאָ געפילט שלעכט פון די אַלע אומבאַקאַנטע צערעמאָניעס און פּירעכצן. זי איז דאָ טאַקע געזעסן לעבן איר, דאָס יינגערע טעכטערל, וואָס האָט אין פאַריז געענדיקט דעם ״עקאָל״ און שוין גערופן זיך נישט בראָנטשע, נאָר בעלאַ. זי איז געזעסן צווישן דער מאַמען און דער פרעמדער, הייטערער מחותנתטע, וואָס האָט געזופט פון די גלעזלעך צוגלייך מיט די מאַנספאַרשוינען.

מען האָט זיך דאָרט אַרום טיש געוויצלט אויפן חשבון פון יינגן פאַר־פאָלק, מען האָט זיך געסודעט, אַז אַלע זאָלן הערן, וועגן ראָזן שלאָף־צימער, וואָס וואַרט שוין אויף זיי, און די קליינע, צעפלאָמ־טע בראָנטשע איז צופרידן געווען, וואָס דער טאַטע מיט דער מאַ־מען פאַרשטייען כאָטש נישט אַלץ. ס׳איז דאָ אויך געזעסן דער קו־

זין לעאָן, דער זון פון די רייכע אַלאַנסקיס, די מומע טייבל, די ליט־וואַטשקע, די סימפּאַטישע, אַביסל פאַרגרינטע קוזינקע עווא, וואָס איז געווען אין לעצטן קלאַס פון לאַמאַרטין־ליצײ; און כאָטש זי איז, נישט צום ערשטן מאָל שוין, געווען אַביסל צעווערטלט מיט זייגוולען, די קוזינקע עווא, איז זי פונדעסטוועגן געקומען באַשיי־נען אים די שמחה. דער פאָטער זייערער, מינדעס עלטערער ברו־דער, זשאָזעף אַלאַנסקי, האָט צוגעזאָגט אומבאַדינגט אַריבערצו־כאַפּן זיך צום פרייליכן חתונה־מאָלצייט, נאָר אין דער לעצטער מינוט איז אָנגעקומען פון אים אַ גרויסער בוקעט מיט רויזן און אַ טעלעגראַמע מיט פיל גליקוואונטשן פאַרן יינגן פאָרל, פאַר די מחו־תנים. ער האָט זיך דערביי זייער אַנטשולדיקט, אַז ער איז געשעפט־לעך שטאַרק פאַרנומען.

צום פאַרענדיקן, איז מען דערנאָך, אָנהייב אָוונט, אין אַ קייט טאַקסיס, פאַרפאָרן צום פינצטערן געסל ביים בולוואַר בעלוויל, אין די דריי גאָרן־שטיבלעך פון זיינוולס טאַטע־מאַמע. מיטגעקומען זענען נישט אַלע פון דער כלהס צד. די מחותנים און חתן־כלה האָט בלויז באַגלייט דאָס שיקלדיקע וויבל ראָזעט און פיערא, דער כלהס ברודער. זיי האָבן דאָרט אַלע, אַריינקומענדיק, אונטערגע־שפּאַרט דעם נידעריקן סופיט פון קליינעם עס־צימער. זיי זענען געזעסן אַרום טיש, פאַרזוכט מינדעס היימיש־געבאַקענעם קוכן, די זעקס־שפּיציקע צוקער־קיכלעך און די כלה מיט דער הייטערער מחותנתטע האָבן זיך גאָרנישט געקענט אָפּלויבן. זיי האָבן זיך גע־האַלטן אין איין נאָכפרעגן וױ אַזוי ס׳ווערט געמאַכט און די הויפּט־פאַרטייטשערין איז געווען די קליינע בראָנטשע.

צוויי טעג האָט זיך די קליינע בראָנטשע געהאָט געגרייט צו דער אויפנאַמע. זי האָט גערוימט, געשייערט, געוואַשן, אָנגעהאַנגען נייע פאָרהענגלעך, סערוועטלעך און אָפּגעפרישט אַביסל די צימערלעך, אויפּצונעמען די פרעמדע געסט אין אַ יידיש הויז. דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען נאָך אַלץ פאַרנומען געווען מיטן אָכצן און קרעכ־צן. אָבער זיינוול איז אינדערמיט אַריינגעפאַלן, אַרויסגענומען אַ פינפהונדערטער פון וועסטל־קעשענע און אַוועקגעוואָרפן אויפן טיש.

— איך וויל — האָט ער זיך אָפּגערופן — אַז די שטוב זאָל פּעכ־לען, הערסט? איך וויל, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען זאָלן נישט

פאַרשעמט בלייבן צווישן מענטשן. אַז איך, זיינוול, בין באַשטאַנען אויפן שידוך, וועלן שוין אַלע איבעריקע, נישקשה, אויך מוזן באַשטיין...

דאָס יינגערע שוועסטערל בראָנטשע איז געווען די איינציקע אין שטוב, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אים ביי דער משפחה, אַריינגערעדט אין דער מאַמען, איינגעטענהט מיטן טאַטן.

אָ, נישט אַזוי לייכט איז דער שידוך צוגעגאַנגען. פון ביידע צדדים האָט מען נישט דערלאָזן צום שידוך. דאָס שווערסטע שטיקל אַרבעט אָבער איז געווען איינצובייסן דעם איבערגעוואַקסענעם פויער פון אָווערן. די קליינע ניינצניאָריקע מאַדלען איז געווען ביי אים אַן איינאונאיינציק טעכטערל, אַן אָפגעציטערטע, ווי אַן אויג אין קאָפּ. ער האָט איר געוואָלט שיקן אין די שולן, מאַכן פון איר כאָטש אַ טענצערין, אַן אַקטריסע, געבן איר פאַר אַ מאַן אַמווינציקסטן אַ באַאַמטן פון מיניסטעריום. זי האָט אַפילו נישט באַדאַרפט צו גיין אַרבעטן אַלס פאַרקויפערין אין אַ מאַגאַזין. ווען זי איז געקומען דערציילן דעם טאַטן, אַז זי וויל חתונה האָבן מיט אַן אויסלענדער, אַ „פּאַלאַנע" און אַ ייד דערצו, איז ער געוואָרן אויפגעקאָכט, דער פויער, און האָט אַפילו נישט געוואָלט הערן און געדענקען דערפון. אַז די קליינע האָט אָבער גענומען צושטיין, סטראַשען, אַז זי וועט אַנטלויפן פון שטוב, אַז ער וועט איר מער נישט אָנקוקן, איז ער ווייכער געוואָרן, דער פויער, און האָט געהייסן מען זאָל אים ברענגען צופירן אָנקוקן, דעם חתן.

דאָס זעעניש איז פאָרגעקומען אין דער ראָגאָווער ביסטראָ אַרום די האַליעס, ווו ער פלעגט זיך אַלעמאָל אַריינכאַפּן מיט אַ קליענט אויף אַן אַפּעריטיוו. זיינוול איז, נישקשה, נישט געווען פון די שעמעוודיקע און האָט מען נישט באַדאַרפט צו האָקן אונטער דער צונג — מ'האָט אים געבעטן צו קומען, איז ער געגאַנגען. געברענגט צופירן האָט אים די קליינע מאַדלען אין אַ וואָכעדיקן טאָג, אַרויסגעשלעפּט דעם טאַטן פון הינטער די אָנגעהויפטע קאַסטנס מיט אָראַנזשן, ציטרינען און הויבס־קוישן, ווען דער גאַנצער מאַגאַזין איז פאַרשטאָפּט געווען מיט קונים. דער פויער האָט זיך אָפּגעווישט די הענט אין בלויען פאַרטוך, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט אַראָפּגעלאָזן פון לייב, כאָטש אין געוועלב האָבן זיך אַרומגעדרייט גענוג

געהילפן און פארקויפעריגס. און אַז ער האָט ביים קאָנטואַר, אין דער ביסטראָ, אַ באַקוק־געטאָן דאָס יינגל מיט די ברייטע פּלייצעס און אַז זיינוול איז אַרויס מיט לשון אינעם געזונטן פראַנצויזיש פון פּאָבור, איז דער דורכגעטריבענער פויער אויפן אָרט ווייכער געוואָרן און האָט גענומען רעדן אַביסעלע אַנדערש. ער האָט זיך אַוודאי פאַרגעשטעלט אַ קליין, אויסגעוויקסט בחורל, אַ „מעטעק", וואָס קען קיין גלייכע דריי ווערטער פראַנצויזיש נישט. ער האָט אַ פאַרקוועטש־געטאָן דאָס לינקע אויג אונטער דער אויסגעקרומטער ברעם און אָנגעקלאַפּט זיך די גלעזלעך מיטן געלן, מוטנעם „ווער־מוט", וואָס איז געווען זיין באַליבטער אַפּעריטיוו. פון אונטער די גאַליער־וואָנצן האָט זיך, קעגן זיין ווילן, אַרויסגעגליטשט אַ שמיי־כעלע; און כאָטש זיינוול האָט זיך שוין דערנאָך געהאַלטן קאַלט און צוריקגעצויגן, איז אָבער די קליינע, פלינקע מאַדלען דערפאַר אונ־טערגעשפּרונגען פון פרייד.

— פּאַפּ! — האָט זי געקושט דעם טאַטן אין די ראָזע, פויערישע באַקן — איך קען זשאַקס עלטערן. זיי זענען זייער אָנשטענדיקע מענטשן. איך וויל, אַז דו און מאַמאַן זאָלן זיי באַקענען. נאָך היינט וויל איך...

דוד מאַליוער, אַז מ'איז אים ווידער געקומען איבערגעבן די שיינע נחתן פון זיינוועלען, האָט אַ הוסטל־געטאָן, אַרויפגערוקט די ברילן און אויסגעבטלט אַלע בייזע חלומות צו זיין קאָפּ:

— וואָס עפּעס אַ שיקסע אינמיטן דערינען? — האָט ער נישט פאַרשטאַנען — ס'פעלן שוין אויס יידישע טעכטער אויפן בעל־וויל? אַ יינג האָט זיך אַריינגענומען אַ „סמיקאַלקע" אין קאָפּ אַריין...

די אַלטע מינדע האָט שוין גאַרנישט מער גערעדט, נאָר זי האָט באַלד גענומען שנייצן די פאַרקאַטערטע נאָז אין פאַרטוך אַריין. זי האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער וועט אויספירן זיינס, זיינוועלע, אַז ס'וועט גאָרנישט העלפן, וואָס דען? אַז דער ביטערער עקשן האָט זיך נאָר אַריינגענומען עפּעס אין קאָפּ אַריין, וועט מען עס אים שוין אַזוי לייכט נישט אַרויסהאַקן.

זי האָט זיך נאָך געשראָקן פאַר דער מדינה, די אַלטע, אַזוי באַלד ווי זי איז אַריינגעפאַלן קיין פּאַריז און גענומען צוקוקן זיך צו די היגע פירעכצן ביי איר ברודער שמיל־יוסף אין הויז. שבת איז קיין

שבת נישט און יום־טוב איז קיין יום־טוב נישט. מען ווינט דאָ טאָקע אין „לאַכטיקע פּאַקאָיעס״, מיט דינסטן, מיט ברייטע פּירעכצן, מען זשויבט גאָלד, אָבער ס׳האָט נישט קיין האַפט און קיין יידישן טעם נישט.

— שמיל־יוסף — האָט זי זיך אָפּגערופן צום ברודער אירן, וואָס האָט זיך דאָ, אין פּאַריז, אַ נאָמען געגעבן זשאָזעף — איך וואָלט, הערסטו, נישט געוואָלט שטאַרבן דאָ, אין דער טריפהנער מדינה. מילא, דו ווייסטעך יאָ, די גאַנצע משפחה אונדזערע, זאָל זיין אָפּ־געשיידט, רוט אויפן געגשער בית־עלמין; און דאָ, איבער הונדערט מיט צוואַנציק יאָר, וועט אַפילו קיין הונט אויף מיין קבר נישט בילן...

ס׳איז געווען באַלד נאָכדעם, ווי זשאָזעף אַלאַנסקי, דער רייכער הוטן־פאַבריקאַנט, האָט זיך אַריבערגעכאַפּט אויף אַ פּאָר טעג קיין וואַרשע, מיטן אויפגעשטעלטן קעלנערל, אין די שטעק־לאַטשן, איז אַרויפגעגאַנגען אַדורכרעדן זיך אַביסל מיטן פראַנצויזישן קאָנסול דאָרט מכוח זיינע געשעפטן און צווישן אַ יאָ און אַ ניין, אַריבער־געפּעקלט דאָס גאַנצע געזינדל דער שוועסטערס קיין פּאַריז. זיינוול, דער עלטערער, האָט זיך באַלד אַרויסגעדרייט פאַר אַ שטיקל לייט. ער האָט פון אָנהייב אָן אַוועקגעוואָרפן די אַלע אינטעליגענטישע שטיק, די דיסקוסיעס, דאָס ביכלען זיך, אַרויפגעצויגן אַ בלויען, איינגעשמירטן „קאָמבינעזאָן״ און אַוועקגעשטעלט זיך אַרבעטן ביי אַ שטריקער־מאַשין. נאָך פון וואַרשע אויס, ווו ער איז געווען אַ יאָט אויף דער לער, האָט עס אים געצויגן ווי ס׳חיות, צו שטיין איינער אַליין ביי אַ מאַשין. העגט האָט ער געהאַט געזונטע און פלינקע, ווי פּאַריז באַדאַרף צו האָבן, און מ׳האָט זיך אין די סעזאָנען גע־ריסן איבער אים צווישן די יידישע פאַטראָנען אויפן פאָבור סט. דעני און אויף רי ד׳אַבוקיר. דאָס גאַנצע פאַרדינסט פון אַ וואָך אַרבעט האָט ער אַהיימגעברענגט אין שטוב אַריין צו דער מאַמען, אַראָפּגענומען דאָרט פאַר זיך אַמאָל אַ פופציקער, אַמאָל אַ הונדער־טער, „דורכצולאָזן״ עס דעם זונטיקדיקן טאָג. מיט אַ בלאָנדן קאָפּ קוטשערן, מיט אַ פּאָר אויסגעגאָלטע פּיסקעס, איינגעשטייפט אין אַ העלן קאָסטיום מיט קראַטקעלעך, האָט ער אין די ערשטע פּאָר יאָר דעם זונטיקדיקן טאָג טאָג אָנגעשפּאַרט ווו ערגעץ אַ „באַל־מי־

זעט״, ווו ערגעץ אַ דאַנסינג. דאָרט האָבן די צעהיצטע פּאָרלעך נישט אויפגעהערט צו וואַלסעווען ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט און אַלעמאָל האָט זיך איבער עפּעס דאָס גרעלע ליכט אין די פּאַרהויז־לענע זשיראַנדאָלן אונטערן סופיט אויסגעלאָשן. דערנאָך האָט ער פּלוצים די אַלע שיינע זאַכן אויך אַוועקגעוואָרפן, געסטאַטקעוועט זיך.

אין דער אַנגערויכערטער קאָפע ביי שמיל הוי, אויפן ראָג בול־וואַר בעלוויל, ווו ער איז געווען אַן אָפּטער אייַנגייער, האָט ער זיך בשום־אופן נישט געלאָזן רופן אַנדערש, ווי זייַנוול.

— איך הייס זייַנוול, נישט זשאַק — האָט ער געלאָסן אויסגעבעי־סערט — אַזוי האָט מיר מיין טאַטע אַ נאָמען געגעבן אויפן ברית און זאָלן זיך אונדזערע טייערע „פראַנעקעס״ ברעכן אַביסל די ציין, וואָסי?

אין ביטערן ווינטער 1927 האָט ער געהאָלפן אויפשטעלן דעם רעסטאָראַן פאַר אַרבעטסלאָזע, אַרומגעלאָפן „רייסן פּאַסן״ ביי די אַרויפגעאַרבעטע יידישע פּאַטראָנען, געגאַנגען מאַכן סקאַנדאַלן אין דער „פעדעראַציע פון די יידישע סאָסיעטעס״ מיט דעם העלד כאַצ־קעלע און אַרום 1930 איז ער געווען איינער פון די, וואָס האָבן צו־געלייגט אַ האַנט צו שאַפן דעם בעלווילער אַרבעטער־קלוב אין פינצטערן פּאַסאַזש, ווו עס ווינען כמעט לויטער יידן, „פּאַסאַ־ניערס״. ער איז אויך אַרויפגעקומען אין דער „קולטור־ליגע״, אויף לאַנקרי נומער 10, ווו עס זענען אָונט־צייט פאַרפולט געווען אַלע צימערן, אַלע קאָרידאָרן, ווו מען איז געשטאַנען אויף די טרעפּ. פון הינטער טירן איז געגאַנגען אַ מונטער געזאַנג. דאָרט האָט מען יעדן אָוונט באַגעגנט פריש־געקומענע פון פוילן. דאָרט האָט ער אויך באַגעגנט דאָס בלאָנדע מיידל, עלקע. ער איז אויסגעגאַנגען נאָכן מיידל, האָט געטאַנצט מיט איר אויף די ניי־יאָר־בעלער. דער־נאָך האָט זי זיך אומגעריכט אַרויסגעגליטשט פון זיינע הענט און ער האָט זיך עס לאַנג נישט געקענט מוחל זיין.

און כאָטש ער האָט שוין דעמאָלט פאַרמאָגט אַ קליינע אַטעליע פאַר־זיך, אַ בחוריש־אָפּגעלאָזן צימער, האָט ער פונדעסטוועגן אַלע־מאָל, אַהיימקומענדיק שפּעט פון גאַס, אַרויפגעכאַפּט זיך צו דער מאַמען אין די דריי ענגע גאָרן־שטיבלעך, אויפן הויכן בעלוויל,

געוויר ווערן וואָס די אַלטע מאַכט, וואָס איז מיטן טאַטנס טרוקע־נעם הוסטל. ער האָט שוין געוווסט אויפצוזוכן אויף דר'ערד אין פינצטערן קיכל, צווישן די טעפּ, אַ געשמאַקן ביסן, אַנגעוואַרעמט זיך אַ גלאָז טיי, אַ כאַפּ געטאָן אַ קיכעלע פון קליאַשל. די מאַמע האָט שוין געקענט זיין טבע און האָט אַלעמאָל אָנגעגרייט אַביסל מער. פאַר קיינעם האָט זיך די מאַמע נישט אַראָפּגערעדט פון האַרצן אַזויווי פאַר זיינוולען. ער איז געווען אַ געטריי און איבערגעגעבן קינד. האָט עס געהאַלטן ביי אַ שידוך טאָן מיטן יינגסטן שוועסטערל, מיט בראָנטשען, האָט מען זיך אין שטוב מישב געווען מיט זיינוולען. האָט אָבער זיינוול דעם גאַנצן בעלוויל געהאַט אויף זיין קאָפּ, אַלע־מען האָט ער געקענט; איז ער דער ערשטער געקומען צולויפן אין שטוב אַריין און גענומען מאַכן געוואַלדן פאַרוואָס מען לאָזט בראָנ־טשען „אַרויסגיין" מיטן געלן „קואָפער", פאַרוואָס זי לאָזט זיך אומ־זיסט פאַרדרייען אַ קאָפּ.

— אַ וווּיל יינגל, אַ פאַרדינער!... — האָט ער נאָכגעשפּעט — זאָל ער בעסער פריער זען אַריבערנעמען פון סטריקעוו דאָס ווייב מיט די צוויי שוואַלבן, דער „ראַזבאַיניק"... א י ך וועל איר שוין אָפּזוכן אַ שטיקל יינגל. אַז נאָר טאַנצן ליגט עס אינזינען. כיי וואָלט זי אַמאָל אַרויפגעקומען אין קלוב אַריין, אין דער „קולטור־ליגע"...

די ערשטע צייט איז מינדע, ווי ס'פירט זיך אין דער אַלטער היים, געקומען שבת נאָכמיטאָג צוגאַסט צום פאַריזער ברודער; אָבער זי האָט אים קיינמאָל אינדערהיים נישט געטראָפן. אויפגענו־מען אינעם הויז האָט אָבער דערפאַר די שווערגערין טייבל, די ליט־וואַטשקע, וואָס האָט, פונקט ווי מינדע, קיין וואָרט פראַנצויזיש נישט געקענט. זי איז געווען גליקלעך, די מומע טייבל, מיט די טייערע, אָנגעלייגטע געסט. זי האָט אָנגעבאַקן אויף שבת טאָרטן און לעקעכער און אייער־קיכלעך, אַהיימגעברענגט פון די יידישע געוועלבלעך אויפן „פּלעצל" אַ גרויסן קאַרפּ, כשר־געשאָכטענע עו־פות און פרייטיק פאַרנאַכט געצונדן ליכט אין די זילבערנע לייכ־טער. אָבער פונקט פרייטיק צונאַכטס זענען די קינדער קיינמאָל נישט געווען ביים טיש און אויך זשאָזעף איז אַלעמאָל אין דער צייט געווען פאַרנומען. ער איז אַהיימגעקומען מיט אַ גראָבן ציגאַר אויף די ליפּן, אַ וואָכעדיקער, אַ פאַרטועמער.

די קוזינקע עווא, אַ דערוואַקסן מיידל שוין, האָט דאָ געפירט צום ערשטן מאָל זיינוולען אין סינעמאַ און אין אַ צעבראָכענעם יידיש פּאַרטייטשט אים די אונטערשריפטן. דאָס זיבעצן־יאָריקע מיידל האָט געצאַפּלט ביי דער זייט פון שיינעם קוזין, דעם העלדישן מאַנספּאַרשויך, וואָס איז געווען אַ סך עלטער פון איר, האָט געהאַט פונקט אַזעלכע בלויע אויגן און בלאָנדלעך־שאַטינע קוטשערן ווי די מאַמע, ווען זי איז נאָך יונג געווען. זי האָט אים געוואָלט לער־נען די שפּראַך, נעמען אים אין די טעאַטערן אַריין, ווייזן אים פּאַ־ריז, אָבער ער האָט זיך אַלעמאָל געוואָרפן, אַרויסגעדרייט זיך. אַ צעשטראָלטע, איז דאָס מיידל, וואָס איז נאָך דעמאָלט געגאַנגען אין לאַמאַרטין־ליציי, אָפט געווען דער אומגעריכטער גאַסט אין די דריי ענגע גאָרן־שטיבלעך אויפן בעלוויל. אָבער פונקט דעמאָלט, ווען זי איז אַרויפגעקומען, האָט זיך זיינוול אויפגעהויבן און איז, אָן אַ זיי־געזונט, אַראָפּ אין דער קאָפע צו שמיל הוי.

— זי מאַכט מיר דול, כאַווטשע — האָט ער זיך געוואָרפן, ווען די מאַמע האָט אים געפרווט איינגעמען — זאָל זי זיך אָפּטשעפּען פון מיר. כ'האָב נישט ליב קיין פּאַריסענע יחסנים... אַ יינגע קאָזע, זעסטו...

ווען מינדע איז אַריינגעפאַלן אין הויז אַריין אָפּווייגען זיך אַביסל דאָס האַרץ, אַז זיינוול גייט חתונה האָבן מיט אַ שיקסע, האָט זיך די מומע טייבל עפּעס צעשטרייט געטאָן אַ שטעל־אויף פון טיש און איז געלאָפן פאַרמאַכן די טיר צו עוואָס צימער.

זי האָט נישט געוווסט וואָס עס טוט זיך מיט איר. זי האָט זיך געקניפּן די באַקן און אינגאַנצן געפּלאַמט.

— זיינוועלע זאָל אונדז אָפּטאָן אַזאַ זאַך! — האָט זי זיך נישט געקענט מוחל זיין און ס'האָט איר שפּריץ געטאָן אַ מאַמישע טרער — אַבי איך האָב געמיינט, מינדעשי, אַז מירן מערטשעם דערלעבן נחת אין דער משפחה... איך בין אַ מאַמע... די האַרץ איז מיר געענוג אַנגעווייטיקט...

## קאַפּיטל זיבעצן

# די פּאַריזער אייניקלעך

ס׳איז נישט אויסגעגאַנגען קיין פיר וואָכן נאָך זיינוולס חתונה, ווי מ׳האָט געמוזט כאַפּן דער מויד, בראָנטשען, און אויף דער שנעל „צודעקן איר דעם קאָפּ״ מיטן געלן „קואָפער״ פון דער רעזורע אויף רי קוראָן. די מויד האָט אָבער די גאַנצע צייט געשוויגן, געשוויגן, ביז זי האָט אַרויסגעפּלאַצט. מינדע האָט זיך געקניפּן די באַקן, גע־רופן צוהילף דער מאַמען פון יענער וועלט, געשווירן זיך מיט טויטע קללות, אַז דאָסמאָל וועט זי עס מער נישט אַריבערטראָגן. אָבער דער מויד, בראָנטשען, האָט עס אַפילו נישט קיין טשעפּ געטאָן. זי האָט, זעט אויס, נאָר געוואַרט, אַז אין שטוב זאָל זיך אַביסל איינ־שטילן מיטן גערודער אַרום זיינוולס חתונה.

— איך ווייס גאָרנישט — האָט מינדע געטענהט — פונוואַנען עס האָבן זיך דערנומען צו מיר אין שטוב אַריין אַזעלכע ביטערע עקשנים, אַזעלכענע קאַלטע מערדערס...

מען איז געלאָפן און מ׳האָט געברענגט אַרויפצושלעפּן דעם געלן „קואָפער״ אין שטוב אַריין. יענער, ווייזט אויס, האָט נאָר געוואַרט אויף דער געלעגנהייט. מ׳האָט אים גאָרנישט באַדאַרפט צו שלעפּן אויך, ער איז אַליין געקומען — אַן אויסגעפּראַנטעוועטער, אין אַן אָנצוג מיט העלע שטרייפן, אַ פּריש־אויסגעגאָלטער, מיט דין־פּאַר־שוירענע פּיאהלעך. דער געלער פּאַמאַדירטער שויבער האָט ביי אים געשפּיגלט. לויט זיינע קלוגיטשקע רייד, האָט זיך אַרויסגע־שטעלט, אַז ע ר שטייט נאָך אין גרויסן, אָבער גערעדט האָט ער דווקא זייער איידל צו אַלעמען אין שטוב און אַפילו זיינוולען האָט ער געגעבן אָנצוהערן:

— איר ווייסטעך יאָ, אַז די גאַנצע וועלט צופרידנשטעלן קען מען נישט...

דער בחור האָט געטענהט זיינס, און זייער רואיק:

— אַזוי און אַזוי... ס׳איז געשען... מ׳האָט ליב און פּאַרטיק... מ׳האָט באַשלאָסן צו הייראַטן...

— און דאָס ווייבל מיט די צווייִ שוואַלבן, וואָס האָסט געלאָזן, שמועסט מען, אין סטריקעוו? — איז אים זײַנוול אַריינגעפּאַרן.

— ווער־וואָס?... — האָט ער געלייקנט שטיין־און־ביין — ס'איז שוין אַ פאַרגעסענע זאַך.... מאַלע וואָס מענטשן רעדן דאָרט. איר וועט זען, בראָנטשען וועט גאָרנישט פעלן ביי מיר — האָט ער נאָך צוגעגעבן — מ'האָט זיך שטאַרק ליב. דעם שותף האָב איך געוויזן דעם וועג. איצט פאַרגרעסער איך די רעזורע, כ'שטעל אַריין בייע שפּיגלען. דער גאַנצער בעלוויל וועט קומען צו מיר זיך שערן און בראָנטשע וועט ביי מיר זיצן און צונעמען ס'לייזעכץ...

מ'האָט זיך דאָ סוף כל סוף אַרומגעזען, אַז ס'איז אפשר גאָרנישט אַזאַ קרומע זאַך, און אין שטוב האָט מען זיך גענומען גרייטן צו פרישע שמחות.

צוליב די פרישע שמחות אין שטוב, האָט מען זיך שוין אין דער משפּחה צוריק איבערגעבעטן, מ'האָט פאַרגעסן, אַז מ'איז צעווערטלט איבער דעם און איבער יענעם. די קוזינקע עווא, וואָס איז נאָך אַ לאַנגע צייט געווען בלייך און טרויעריק, איז שוין איצט אַפילו נישט קיין קליין ביסל שטאָלץ געווען וואָס זײַנוול, קוים עטלעכע יאָר אין לאַנד, רעדט אַזאַ פליסיקן פראַנצויזיש פון „פאָבור", כמעט אַן אַן „אַקסאַן", און האָט, אַלעמען אויף צו להכעיס, גענומען זיך פאַר אַ ווייב אַן אמתע פּאַריזערין; און כאָטש ס'האָט איר נאָך אוודאי שטילערהייט אַלץ פאַרדראָסן אויפן שיינעם קוזין, האָט זי אָבער פאַר קיינעם קיין וואָרט נישט געלאָזן פאַלן, אַפילו נישט פאַר דער מוטער טייבל, וואָס האָט זיך גוט פאַרשטאַנען אויף אירע מינקעס. זי איינע האָט צוגעזען, ווי די מויד ליידט. צו בראָנטשעס חתונה, וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן היימיש, אין די דריי ענגע גאָרן־שטיב־לעך, האָט דאָס מיידל אָנגעבערענגט אַ פולע שטוב מיט מתנות, אַרויפגעפאַלן דער קוזינקע אויפן האַלדז און שוין מער נישט גע־קענט איינהאַלטן דעם שטראָם טרערן.

אָבער מיט בראָנטשען איז נאָך אין דער היים אַלץ געווען ווייִ־ניקער זאָרג, ווי מיטן עקשן זײַנוועלע. דער געלער „קופער" האָט נישט געוווּסט וואָס פריער צו טאָן מיט איר, ווען בראָנטשע איז געקומען אין די הויכע חדשים. נאָך איידער זי האָט אים געבערענגט

אויף דער וועלט דעם שוואַרצן, פריילעכן בחורעץ, וואָס מ׳האָט אים אויפן ברית אַ נאָמען געגעבן נאָך אַ פרומען זיידן, דוב־בער, האָט ער זיך געלאָזן אָפּקאָסטן אַ ים מיט געלט, אויסגעסטראָיעט אַ ליכטיקע היים, צוגענומען אַן אָרעם פויליש מיידל, אַז בראָנטשע זאָל זיך נישט דאַרפן רירן פון דאַנען ביז אַהער.

אַ גרעסערע זאָרג אין שטוב איז נאָך אַלץ געווען מיט זיינוולס צד, ווייל פונקט צום יאָר, כמעט אין איין צייט מיט בראָנטשען, האָט דאָס פּאָרל געשאָנקען ביידע אָפּגעפרעמדטע באָבע־זיידע אַן אייניקל — אַ יונגאַטש מיט אַ בלאָנדן שויבער, מיט אַביסל פאַר־זשמורעטע, ליכטיק־בלויע אויגן. דער קליינער האָט זיך געריסן פון אונטער די בלויע קאָלדערקעס, פון אונטער די וואָלן.

די יידישע מחותנים אויפן בעלוויל האָט עס ווידער אָפּגעקאָסט אַ שטיק געזונט און אַ שיין ביסל האַרצווייטיק. מינדע האָט שוין מער גאָרנישט גערעדט, נאָר דער אַלטער האָט אינדערמיט אַרויסגע־פּלאַצט:

— וואָלט עס כאָטש געווען אַ נקבה, איז מילא... איין נסיון גרע־סער פאַרן אַנדערן. ס׳וועט זיין אַ בושה די אויגן אויפצוהויבן פאַר מענטשן...

אינדערמיט אָבער איז זיינוול אַרויפגעפאַלן אין שטוב אַריין, אַ פריילעך־צעיאַכמערטער. ער איז אַ גאַנצע נאַכט אָפּגעלעגן הינטער די טירן פון דער פּריוואַט־קליניק. פון גרויס גדולה, האָט ער נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין די פאַרזויערטע פּנימער אין שטוב.

— וואָס איז שוין ווידער ס׳געקלאָג? ס׳איז אייך אפשר נישט ניחא דאָס ערשטע אייניקל? קאָפּל — האָט ער זיך באַלד געכאַפּט — וועט ער ביי מיר הייסן און יידישן וועל איך אים אויך לאָזן, מעגן זיך דאָרט די „פּראַנעקעס" שטעלן אויפן קאָפּ... אַזוי וויל איך און מאַדלען באַשטייט שוין אויך. דער מעסיע פּאָטיע האָט אַפילו גע־ברומט אין די וואָנצן אַריין און די מחותנתטע האָט געגאָסן אַזעלכע גרויסע, ביטערע טרערן: „אַזאַ פּיצלס, נעבעך — האָט זי געקלאָגט — „פּאָוור פּעטי"... און איך אַליין — האָב איך זיי דאָרט געפרעגט — איך בין פון דעם אַלעמען, ווי איר זעט, אויך לעבן־געבליבן...

און זיינוול האָט זיך געזעצט מיט דער פויסט אין האַרץ אַריין:

— זיי האָבן ביי מיר געוויינט און זענען באַשטאַנען.

פאַר די פאַר יאָר האָבן דיביידע אייניקלעך אומגעריכט געטאָן אַ וואַקס אונטער. אַז זיי זענען נאָך קליין געווען, האָט זיך מינדע אָנגעפרייט מיט זיי, פאַר די אייניקלעך איז קיין שום טייערע זאַך נישט געווען. אָבער מער נאָך ווי בראָנטשעס, האָט עס זיינוולס בנאָך געצויגן צו זיינע יידישע באָבע־זיידע אינעם געסל אַרום מע־נילמאָנטאַן. דער זיבן־יאָריקער יאַט, אַ רויטער, פול מיט אָנגעזעצטע שפּרענקלען אויפן פאַריסענעם קאַרטאָפּל־נעזל, האָט דאָרט איבער־געלאָזן די פּרוכט־סקלאַדעס אַרום די האַליעס ביים הויכן פויער פון אָווערן, ביים פראַנצויזישן זיידן, מעסיע פּאָטיע, איבערגעלאָזן די שפּילצייגן, די נאַשוואַרגן, מיטגעכאַפּט זיך מיטן פריילעכן שאָפער, וואָס האָט צעפירט איבער דער שטאָט גרינוואַרג, פרוכטן, און האָט זיך אין אַ מיטן העלן מיטוואָך אַריינגעשטעלט אין קליינעם יידישן „בוטיקל" אויף רי טורטיל. מאַדלען האָט אים שוין אָבער געוווסט ווהין צו לויפן זוכן און איז אַלעמאָל אַריינגעפאַלן אַ בלייכע, אַן איבערגעשראָקענע, צו די יידישע מחותנים אויפן בעלוויל. מינדע האָט מיטן פאַרטוך אָפּגעווישט אַ בענקל און האָט פון גרויס צע־טומלטקייט פאַרגעסן ווי אַזוי מען רעדט אַרויס אַ וואָרט פראַנצוי־זיש צו דער שנור. זי איז געווען פאַרפלאָמט, האָט נישט געהערט וואָס קונים רעדן צו איר און האָט גאָרנישט געוווסט מיט וואָס פרער מהנה צו זיין די ליבע געסט.

דער פלינקער יאַט איז דערווייל אַרומגעקראָכן אויף די טישן, אויף די פאַליצעס, אָנגעגראַבלט פולע פויסטלעך מאַנדלען, געטרוקנ־טע פלוימען, ראָזשינקעס און געפּאַקט זיי אין פּיסקל אַריין. דערנאָך איז ער געזעסן ביים יידישן זיידן אויפן שויס, פאַרפלאָנטערט די פינגערלעך אין זיין שיטער־אויסגעקראָכן בערדל, און געבעטן זיך:

— גראָן פער, אַפּראַן מואַ ל'יידיש... (זיידע, לערן מיר אויס יידיש).

דוד מאַליוועך האָט זיך אַזש פאַרקייכט מיט אַ שיטער געלעכ־טערל און האָט זיך אָפּגערופן:

— הערסטו, מינדעשי, כ'האָב פון זשאַן־פּיערן מער נחת, ווי פון אונדזער יידישן אייניקל, וואָס טראָגט דעם הייליקן נאָמען דוב־בער. בראָנטשעס ממזרוק האַלט מיר אין איין באָכשפּעטן... שיינע נחתן...

פרייטיק צונאַכטס האָבן זיך די אייניקלעך, וואָס זענעןביידע געווען כמעט איין גרויס און אין איין עלטער, צוזאַמענגעטראָפן אין די דריי גאָרן־שטיבלעך, ריינלעך צוגעקליבן לכבוד שבת. ס׳האָט דאָרט געפעכלט אין יעדן ווינקעלע. מינדע האָט די אייניקלעך מכבד געווען פון שענסטן און פון בעסטן. זי האָט זיי געזעצט אייבס לעבן אַנדערן ביים טיש, ווו ס׳האָבן געברענט ליכט אין מעשענע לייכטער, ווו עס זענען געלעגן איבערגעדעקט אַ פּאָר דאָרע חלה־לעך קידוש צו מאַכן. זי האָט זיי געגעבן צו עסן געפּילטע פיש, אַ פּליגעלע, אַ פּיסעלע, אַביסל צימעס. ביי זשאַן־פּיערן האָבן פייער־לעך און ערנסט געפינקלט די בלויע אויגן, נאָר דוב־בער האָט אים געהאַקט מיט די פיס אונטערן טיש, האָט געכאַכאַטשעט פון די מאָד־נע מאכלים און פון די מאָדנע פירעכצן; ביז זשאַן־פּיער האָט שוין מער נישט אויסגעהאַלטן און אים פאַרמסרט פאַרן זיידן:

— כ׳וויל נישט — זענען ביים קליינעם אַזש געשטאַנען טרערן אין די אויגן — דוב־בער לאַכט...

אַנגעפרייט זיך מיט די אייניקלעך, מיט די קינדער, וואָס האָבן זיך אַמאָל אין די זונטיקן אַרויפגעכאַפּט צו טאַטע־מאַמע, איז ווי־דער אַריינגעקומען די וואָך אין שטוב אַריין. אַ פּוסטקייט איז געבליבן הענגען אין הויז נאָך זייער אַוועקגיין.

— אַ נחת, פונדעסטוועגן — האָט זי געקרעכצט, די אַלטע — נאָר כ׳פאַרשטיי אסור נישט, וואָס דאָס קליינוואַרג רעדט דאָרט צו מיר. מיין מאַמע, זאָל זיך דאָרט מיען, האָט עס באַדאַרפט אַנצו־קוקן. אַלע בייזע חלומות וואָלט זי אויסגעבטלט צו מיין קאָפּ...

— און איך, מיינסטו, פאַרשטיי זיי יאָ, די קליינע מזיקים? — האָט זיך דער אַלטער אויפגעריסן מיט אַנגעבלעגדטע אויגן פון איבער די ספרימלעך — אַ דור־הפלגה אויפגעהאָדעוועט. כ׳ווייס גאָרנישט אין וועמען זיי וועלן אַריינגעראָטן...

אין דער היים, האָט ער געוווסט, האָט מען קינדער געשיקט אין אַ חדר, אין אַ שולע, און אַז זיי האָבן דאָרט געקעדט אַביסל פויליש, איז עס אויך נישט געווען אַזאַ גרויס אומגליק. דאָ, אַז זיי וועלן נאָר טאָן אַ וואַקס־אונטער, האָט ער געפילט, וועלן זיי דעם זיידן שוין מער נישט קענען. פרעמדע מענטשן האָדעוועט מען דאָ אויס, פונקט ווי אַלץ איז דאָ פרעמד, פונקט ווי דער גאַנצער פּאַריזער

גערודער. הירש, דערפאַר, האָט ער איינגעזען, וועט פון אים נישט אַוועקגיין, ווייל עפּעס פילט ער זיך דאָ פונקט אַזוי פרעמד, ווי זיי אַלע; זיין וועלט איז נאָך אַלץ די וועלט פון „דאָרטן". ער איז בכלל אַן אַנדערער. אַ שטומער טרויער קוקט אַרויס פון די אויגן ביים יינגל, זינט ווען ער איז אומגעריכט אַריבערגעקומען קיין פּאַריז. שווייגט מער ווי ער רעדט, טראַכט נישט, ווי די עלטערע קינדער, איינצוואָרדענען זיך, חתונה צו האָבן. אין הויז האָט ער זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען, איז אַוועק וווינען באַזונדער, אַרבעט שווער און ווייזט זיך זעלטן. אין די זונטיקן פאַלט ער אַמאָל אַרויף אין שטוב אַריין, זיצט אונטער אַ האַלבע שעה און גייט שטיל אַוועק. דער אַלטער האָט אים אַלעמאָל נאָכגעקוקט פון איבער די גלעזלעך, דערפילט דעם יינגלס אומרו, וואָס ער האָט מיטגע־ברענגט פון דער קראָכמאַלנע גאַס אין וואַרשע. קיין גרויסע נחתן האָט מען פון דאָרט אויך נישט געהערט — פּאָגראָמען, צרות.

כמעט יעדן זונטיק נאָכמיטאָג, ווען דאָס בוטיקל אויפן ראָג איז געשלאָסן, קלייבט זי זיך, מינדע, אַריבערצוגיין צו דער שוועגערין טייבל, אַראָפּצורעדן זיך אַביסל פון האַרץ וועגן די פּאַריזער „גליקן", וועגן די משונהדיקע פּירעכצן. נאָך אַ סך מאָל בעטן, איז הירש איינ־מאָל אויך מיטגעגאַנגען מיט דער מאַמען צו דער מומע טייבל אין הויז אַריין און צונויפגעטראָפן זיך דאָרט מיט דער קוזינקע עוואַ. דאָס מיידל איז געווען צו אים פריינטלעך און קיל. זי האָט זיך פונ־דעסטוועגן שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט זיין שרייבן, וועגן וועלכן זי האָט עפּעס געהערט. זי האָט זיך גאָרנישט פאַרגעשטעלט, אַז מען קען שרייבן פּאָעזיע אין יידיש. נאָכמער איבעראַשט איז זי גע־ווען, ווען הירש האָט איר דערציילט, אַז ער קען אַ סך פון די פראַנ־צויזישע שרייבער אין יידישער איבערזעצונג. זי האָט אָנגעקוקט דאָס צוריקגעהאַלטענע יינגל, זי האָט געוואָלט געפינען אין אים עפּעס אַן ענלעכקייט צו זיינוולען, דעם שיינעם, העלדישן קוזין, צו וועלכן זי פילט נאָך עד־היום אַ שוואַכקייט. זיינוול — זי איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יונגע קאָזע, איז געגאַנגען אין לעצטן קלאַס פון לאַמאַרטין־ליציי און אימפּאָנירט האָבן איר בלויז אַ סך עלטע־רע פון זיך. זי האָט אים אַצינד געפונען אַ סך אינטערעסאַנטער פון זיינוולען, דאָס יינגל מיטן פאַרעקשנטן שויבערל, אָבער אַנדערש,

נישט אַזוי מענלעך. זיי זענען פונדעסטוועגן מאָדנע, די אַלע, וואָס קומען אַריבער פון דאָרט.

זי אַליין איז נאָך אַלץ נישט געגאַנגען אויף קיין זיכערן וועג. פונעם פּלאַן וועגן גיין אין אוניווערזיטעט, האָט זיך ביי איר גאָר־נישט אויסגעלאָזן. אין שטוב האָט מען שטאַרק געוואָלט זי זאָל חתונה האָבן, אָבער זי האָט נישט געוואָלט הערן דערפון. זי איז דאָ פאַרטאָן געווען אין אַ פראַנצויזישן קלוב, מיט אויספלוגן, מיט שווים־קאָנקורסן, מיט טאַנץ־בעלער און האָט מורא געהאַט אַרויס־צוברענגען פאַרן מויל אין שטוב, אַז זי שלעפט זיך אַרום מיט אַ זון פון אַ פאַראָרעמטער פראַנצויזישער אַדל־משפחה, עפּעס אַ דע־ריסטאָ, אַ נערוועזער יונגערמאַן, וואָס איז פאַרקאָכט אין די פערד־קורסן. געגנוג האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער משפחה מיט זיינוועלע עקשנס פאַרליבעניש. די מאַמע, האָט זי געוווסט, וועט עס נישט אויסהאַלטן.

זי איז געווען כמעט אין איין עלטער מיט הירשן, כמעט פון איין וווקס, אַ דינינקע, אַ שלאַנקע, אַביסל אַ פאַרגרינטע, ווי אַלע פאַר־ריזעריגס, אָבער גאָרנישט ענלעך צו קיינעם אין דער משפחה, אַחוץ די אויסגעבויגענע, אַביסל געהאָרבטע נאָז, וואָס זי האָט זיכער געירשנט פון טאַטן. זי איז געבוירן געוואָרן דעמאָלט, ווען זשאָזעף אַלאַנסקי האָט נאָך דאָ אַליין אויסגעאַרבעט אויף די אַנגע־גליטע פורעמס פרויען־ און מענער־היט, אין אַ קליין, פאַרשטעקט „טערם״־שטיבל אויף רי דעז עקוף, ערגעץ אויפן „פּלעצל״, און איז צוזאַמען מיטן אונטערגעוואַקסענעם יינגל אַרומגעפאָרן אויף די „מאַרשעס״ זיי צו פאַרהאַנדלען. ערשט נאָך דער מלחמה, ווען ס׳האָט פלוצים אָנגעהויבן צו גיין גוט, אַפילו זייער גוט, האָט ער זיך אַריבערגעצויגן אין די רחבותדיקע דירות אויף רי דע ריוואָלי און אין אַלע עקן פאַריז האָבן זיך יעדעס יאָר אויפגעמאַכט נייע פיליעס פון זיין הוטן־געשעפט. ביים טיש האָט די מומע טייבל אַלע־מאָל געקלאָגט:

— כ׳זאָל האָבן דאָס גאָלד, וואָס ס׳איז מיר דעמאָלט ווייל׳ער גע־ווען ווי היינט. אַז שמיל־יוסף איז אַהיימגעקומען פון אַ „מאַרשע״, אַ מידער, אַ צעבראָכענער, האָב איך אים אָנגעגרייט אַ וועטשערע, ווי אין דער היים ביי אונדז. היינט שמעקן אים עפּעס מער נישט מיינע מאכלים. פון די קינדער — איז שוין אָפּגערעדט.

עווא האָט זיך ערגעץ געאײַלט, אָבער זי איז שוין אין דעם אָוונט אין ערגעץ נישט געגאַנגען. דאָס מײדל האָט זיך מיטאַמאָל דערפֿילט ווי אין אַ פֿאַרכּישופֿטן קרײַז, פֿון וועלכן ס'איז שווער צו אַנטרינען. ס'האָט זיך איר נאָך אַלץ געדרייט אין קאָפּ זײַנוול, די שטילע נאָך־געניישן, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז ער גייט חתונה האָבן. זי האָט עפּעס נישט פֿאַרשטאַנען גענוי, וואָס הירש האָט איר אָנדער־ציילט, ווי עס לעבט די יידישע יוגנט אין פּוילן, וועגן די תּפֿיסות, וועגן די דעמאָנסטראַציעס, וועגן די אַנטיסעמיטישע שלעגערייען. זײַנע רייד האָבן אויפֿגעוועקט אין איר אַן אַלטע קינדערישע שרעק, וואָס זי האָט אַמאָל איבערגעלעבט צווישן די פֿינצטערע, מיטל־אַלטערלעכע געסעלעך פֿון „פּלעצל", ווו זי איז אויפֿגעוואַקסן מלחמה־צײַט, ווען די לאַמטערנס און אַלע פֿײַערן זענען געווען אויסגעלאָשן, ווען די דײַטשן האָבן באַשאָסן פּאַריז מיט דער „גראָ־בער בערטע" און ס'איז געווען אַ הונגער.

זי איז פֿון קינדווײַז אָן געווען אַ שוואַכע, אַן אויסגעצערטע. צווישן די אַלטע געסעלעך פֿון „פּלעצל", ווו ס'איז אין אַ ווינקל, אויף רי פּאַווע, געווען אַרײַנגעשפּאַרט דאָס שולכל, האָט זי מיט פֿלאַטער נאָכגעקוקט די הויקערדיקע ייִדן, אָנגעטאָן אין שוואַרצן, ווען זיי זענען פֿאַרנאַכט געגאַנגען מיטן טראָטואַרל, ביי די מויערן. ווײַבער האָבן זיך געשטופּט אין דער ייִדישער יאַטקע, ביי די פֿיש־געשטעלן, אין די הערינג־געווּלבלעך. אַ ייִד מיט אַן אויסגערונען אויג האָט פֿאַרקויפֿט ציטרינען אויפֿן ראָג און אויסגערופֿן זײַן סחור־רה מיט אַזאַ טרויעריק, ימים־נוראימדיק געזאַנגעלע. אין דער ייִדי־שער בוכהאַנדלונג, ווו מ'האָט פֿאַרקויפֿט ציצית, מזוזות, טליתים, מחזורים, ייִדישע מעשׂה־ביכלעך און סאָדע־וואַסער מיט סאָק, איז געזעסן אַ ייִד מיט אײַנגעקוועטשטע ברילן־גלעזלעך איבער די שטאַרק־קורצזיכטיקע אויגן, מיט אַ ווילדער, פּאַטריאַרכאַלער באָרד, און נישט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ פֿון איבער די ספֿרימלעך.

עפּעס אַן אומזעבאַרע געטאָ־מויער איז געשטאַנען צווישן דעם פֿלאָנטער פֿון די מיטלאַלטערלעכע געסעלעך מיט די רייכע, ליכ־טיקע גאַסן, אַ טריט פֿונדאַנען. אַפֿילו דערנאָך, מיט יאָרן שפּעטער, ווען זיי האָבן שוין פֿונלאַנג געוווינט אין די רייכע, ליכטיקע גאַסן, איז זי קיינמאָל נישט אָן פֿלאַטער פֿאַרבייגעגאַנגען אָט די געסעלעך.

זי האָט געוואָלט זיין וואָס ווייטער פון דאַנען. אין לאַמאַרטין־לי־צײַ, צווישן די חברטעס, האָט איר נאָמען מיטן „סקי״ געקלונגען ווילד־פרעמד. מער ווי אַלע יידישע מיידלעך, האָט זי זיך דעריבער געקלאַמערט אין די נישט־יידישע חברטעס, געלעבט מיט זייערע טרוימען, געהאַט כסדר דאָס געפיל פון וועלן זיך אויסקויפן. שיין און פייערלעך איז געווען אין זייערע קירכעס און קאַטעדראַלעס. ראָמאַנטיש און הייליק איז געווען אין זייערע מאָנאַסטירן, ווו פיל יינגע מיידלעך פון איר עלטער האָט עס פאַרלאָקט מיט אַ מיסטיש ליכט. אָבער אינדערמיט איז אַריינגעקומען דער פלאַנטער מיטן שיינעם, העלדישן קוזין זיינוול. ס׳איז געווען אַ פאַרכישופטער קרייז, פון וועלכן ס׳איז שווער געווען אַרויסצופלאָנטערן זיך. וועגן אַזאַ מין יידישקייט, וואָס הירש האָט אויף איר אָנגעווייעט, האָט זי גאָר קיינמאָל נישט געהערט. ס׳האָט איר געווונדערט די עקשנות, מיט וועלכער זיי האַלטן זיך אין זייער יידישקייט. דאָס יינגל אַליין האָט אויך אַרויסגערופן ביי איר אַ מאָדנעם, פרעמדן נייגער.

## קאַפּיטל אַכצן

## די קוזינקע עוואַ

ס׳איז געווען אין די קורצע עטלעכע חדשים, איידער סטרעקע איז פלוצים אַריינגעפאַלן קיין פאַריז, ווען די קעגנזייטיקע בייגעריי־קייט האָט זיי ביידן צוזאַמענגעפירט. הירש איז בלינדערהייט נאָכ־געגאַנגען די פאַרוואַנדלונג פון מענטשן און קולטורן. די פרעמדע פאַריזער קוזינקע האָט אים אויסגעוויזן צו זיין אינטערעסאַנט און, פונקט ווי ער אַליין, נאָכקלערעריש, שוין אפשר אַביסל צופיל נאָכ־קלערעריש. ס׳איז געווען אַ צוזאַמענשטויס פון צוויי וועלטן, פון צוויי דערציאונגען, פון צוויי ווילד־פרעמדע סביבהס. זי איז געווען אַ מאָדנע, זי האָט זיך לייכט געלאָזן באַאיינפלוסן און האָט כמעט מיסטיש געגלויבט אין עפעס אַ מין פאַטאַליזם, וואָס איז אייגן דער באַוואָסטזיניק־קאַטוילישער דערציאונג אין געוויסע פראַנצויזישע מיטל־שולן.

זי האָט זיך פונדעסטוועגן געלאָזן איבעררעדן און איז דעם 14־

טן יולי מיטגעגאַנגען מיט הירשן צום טראַדיציאָנעלן מאַניפעסטאַציע־צוג, פון באַסטיל ביז נאַסיאָן. צום ערשטן מאָל ווי דאָס מיידל האָט זיך אויסגעמישט מיט די מאַרשירנדיקע אויף די פּאַריזער ברוקן. מיטאָג־צייט, אַרום איינס, האָט ער זי אָפּגעוואַרט ביים הויפּט־אַרויסגאַנג פון מעטראָ „רעפּובליק״ און זיי האָבן זיך געלאָזן צופוס, אַרויף ביז צום באַסטיל. ראָג שמען־ווער האָבן זיי געטרונקען קאַלטן, נאַרמאַנדישן עפּל־קוואַס אין אַ קליינער ביסטראָ. אַרום קאָנטואַר איז שוין געווען אַ געשטופּ פון יום־טובדיקן עולם, אויסגעפּוצט מיט רויטע בלימלעך אין די לאַצן. מיט די איינגעוויקלטע פענער און טראַנספּאַרענטן, האָבן די סעקציעס פון די אָרגאַנדיסמאַנען און פון די פאַבריק־פּאַרשטעט, געצויגן פון אַלע אַרומיקע גאַסן און פון אַלע פאַרפּראָפּטע מעטראָ־איינגענג. ס׳איז געשטאַנען אַ הייסער טאָג איבער די בולוואַרן און פלעצער פון פּאַריז.

ביי דער טעראַסע, ווו ס׳האָט געהילכט דער הויך־שפּרעכער, האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן לענגער און געוואַרט ס׳זאָל אונטערקומען דער יידישער צוג. מען איז דאָ געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ. די ייִנגלעך האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די לאַמטערן, אַלע פענצטער און באַלקאָנען אַרום פּלאַץ זענען געווען באַלייגט. איבער דער גאַנצער ברייט פון דער אַוועני דע לאַ נאַסיאָן זענען אונטערגעקומען די אויסלענדישע גרופּן פון דער ס. זש. ט. — איטאַליענישע מויערער, פּאָרטוגעזישע און שפּאַנישע טעראַסן־אַרבעטער, נאָרד־אַפריקאַנער פון די אַרבעטער־קוואַרטאַלן אין קלישי, פון די שעכט־הייזער אין לאַ־ווילעט, אַ דעלעגאַציע פון פּוילישע קוילן־גרעבער אין פּאַ־דע־קאַלע, אַ גרופּע עסטרייכישע עמיגראַנטן. ווען ס׳איז באַלד דערנאָך אונטערגעקומען דער יידישער צוג פון דער אינטערסינדיקאַלער קאָמיסיע, לעדער־אַרבעטער, פּוריער און די פון באַקלייד־פאַריין, האָט זיך די גרויע הויז־ווערכטערין מיט די האָריקע ווערצעלעך, וואָס איז אויף אַ מינוט אַרויסגעלאָפן פאַרן טויער אין די שטעק־לאַטשן און האָט נאָכגעקלונגען מיט אַ בינט שליסעלעך, שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן:

— אָט זענען די יידן, די אויסלענדער!

אַ נידעריקער, אַ מיטליאַריקער, מיט פאַרויכערטע וואָנצן, האָט זיך זייער פּלוצים דאָרט אָפּגעריסן:

— אויסלענדער, יידן, פראַנצויזן... ס'איז דאָס פאָלק פון פּאַריז, אַלטע...

ווען הירש האָט איר אַ צי־געטאָן פון טראָטואַר־אַראָפּ, האָט זיך נאָך עווא עטלעכע מאָל אומגעקוקט און געוואָלט אים עפּעס זאָגן, אָבער ער איז שוין געווען אינדערמיט פון דער זינגענדיקער מחנה. פאַרביימאַרשירנדיק די פול־באַזעצטע טריבונע, איינגעוויקלט אין נאַציאָנאַלע קאָלירן און אין אַ וואַלד רויטע שטורעם־פענער, האָט די מאַסע, מיט געביילטע פויסטן, אויפן שטייגער פון די שפּאַ־נישע רעפּובליקאַנער, באַגעגנט דעם סאָציאַליסטישן פּרעמיער, וואָס האָט דער ערשטער געוואָרפן די לאָזונג פון נישט־אינטערווענץ אין שפּאַנישן בירגער־קריג, מיט אַ סקאַנדירטן זאַלפּ שטימען:

— אוויאָנען פאַר שפּאַניע!

— קאַנאָנען פאַר שפּאַניע!

דער פּרעמיער מיט דער אויסגעצויגענער, דינער נאָז, מיט די גרויע, נאָכהענגענדיקע גאַליער־וואָנצן, האָט זיך לייכט דורכגע־שטופּט צו דער באַריער, פאַריכט זיך די ברילן און געפּאַכעט אַפּאַ־טיש מיט דער בלייכער, אָנעמישער האַנט פון אַן אינטעלעקטועלן — מען זאָל זיך, הייסט עס, באַרואיקן. ער ווייס וואָס ער טוט...

עווא האָט זיך דערזען אינעם יידישן צוג, הינטער די טראַנס־פּאַרענטן, געשריבן אין יידיש און אין פראַנצויזיש, און זי האָט זיך דערפילט מאָדנע. צום ערשטן מאָל, דאַכט זיך, האָט זי זיי דערזען, די יידישע שניידערס און פּרעסערס פון בעלוויל. אויפן „פּלעצל", אין יענע יאָרן, האָט זי געקענט אַנדערע סאָרטן יידן. אַט די זענען מערסטן געווען יידן פון פּוילן, פון רומעניע, פון ליטע, מיט אַ לע־בעדיק פייערל אין די אויגן; אויסלענדער, אָבער ביטערע עקשנים, ווי זיינוועלע, ווי אַט דער קוזין, וואָס איז ערשט נישט לאַנג אַריבער־געקומען פון „דאָרט" און שפּאַנט שוין דאָ אַזאַ דרייסטער, פאָדערט און שרייט צוזאַמען מיט דער מאַסע.

ביים רחבותדיקן פּלאַץ נאַסיאָן האָט זיך דער מאַניפעסטאַציע־צוג אויפגעלייזט. אַרום דער סטאַטוע פון דער שוועבנדיקער פרוי, אויפן רייטוואָגן פון דער רעפּובליק, אַרום די פאָנטאַנען, איז געווען געדיכט פאַרפּראָפּט. די הויך־שפּרעכערס האָבן פאַנאַנדערגעטראָגן פון דער טריבונע די פייערלעכע רעדעס, וואָס האָבן מיד געמאַכט.

אין די אַרומיקע גאַסן האָט נאָך געהילכט דאָס אָפּגעריסענע געזאַנג, ווען זיי האָבן זיך דאָ צוגעזעצט ביי אַ שטילער קאַפע־טעראַסע. עווא האָט געדרייט אין אַלע זייטן די יידישע צייטונג, וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן אין די רייען, און געבעטן הירשן ער זאָל איר פאַרלייענען אויפן קול די פאָעמע וועגן שפּאַניע. עפּעס האָט זי יאָ פאַרשטאַנען און נישט פאַרשטאַנען. אין הירשס פאָעמע וועגן שפּאַניע האָט זיך דערציילט וועגן דער העלדישער באַטאַליאָן־קאָמפּאַניע און וועגן דעם, אַז אומעטום, אין אַלע צייטן, גיסט זיך אונדזער בלוט פאַר אַ גע־רעכטער זאַך און פאַר דער פרייהייט פון אַלעמען. דער שוים פון ביר האָט געלאָזן דינע צייכנס, ווי רעטושן אויף אַ סקיץ, אַרום איר שיין־געשניצט מויל, וואָס האָט דין געשמייכלט:

— אין דער געשיכטע פון די פעלקער זעען מיר, געוויינלעך, אַז יעדער שלאָגט זיך נאָר פאַר זיך, צו פאַרטיידיקן די אייגענע נאַ־ציע, דאָס מוטערלאַנד. ס׳קלינגט פונדעסטוועגן מאָדנע — מיר שלאָגן זיך אומעטום און מיר זענען אינערגעץ נישט ביי זיך. איז עס אַזוי? אָדער אפשר פאַרשטיי איך שלעכט, אָדער פיל איך נישט אַזוי יידיש ווי איר אַלע — האָט זי זיך אַזויווי פאַרענטפערט.

ס׳איז געווען נישט נאַריש אַ זאָג געטאָן. די פאַרוויטלטקייט ביים מיידל איז אויפגעשטיגן פון קליינעם אויסשניט פון דעקאָלט, ביז צו די הייסע באַקן פון אַ מאַטן אַליוו. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי האָט זיך אַוודאי אַרויסגעכאַפּט מיט אַ נאַרישקייט און באַלד גע־וואָלט פאַריכטן, אָבער פאַרפלאָנטערט זיך נאָכמער:

— מיינע יידישע חברטעס פון ליציי האָבן פון קיין שום יידיש־קייט נישט געוווסט און מער נישט געוואָלט וויסן, פון אייער יידיש־קייט — אוודאי נישט. איך טראָג נאָך אויף זיך אומדירעקט, קען מען זאָגן, דעם שטעמפּל פון אייער יידישקייט, אָבער קינדער פון אַלטע, יידיש־פראַנצויזישע פאַמיליעס באַטראַכטן זיך קודם־כל פאַר — פראַנצויזן. זיי זוכן נישט צו קאָמפּליצירן זאַכן, וואָס זענען, דאַכט זיך, אין גרונט, אַזוי איינפאַך. אייער איבערגעגעבענע יידישקייט, מוז איך זאָגן, וועקט ביי אונדז אומרו. דערצו וואַרפט איר זיך צו־פיל אין די אויגן. די יידישע אויפשריפטן, למשל... נאָכוואָס? דאָס רייסט נאָכמער אויף די אויגן ביי די, וואָס קוקן סיי ווי אויף אונדז פון אויבן אַראָפּ.

אָבער די פאַרלוירנקייט איז, זעט אויס, מער געווען ביים יינגל, ווי ביי איר. ער איז אַזויווי שטיינגעבליבן פאַר אַן אָפּגרונט, פאַר אַ פּלאָנטער פון פראַגן און ער האָט שווערלעך געפונען די ווערטער:

—ס'ווענדט זיך וואָס מיר רופן אַן יידישקייט. מיר, אין פוילן, זענען נישט עפּעס אַנדערש ווי יידן, נישט פאַר אַלעם און נישט נאָך אַלעם, נאָר פּשוט — יידן, רעליגיעזע, אָדער נישט־רעליגיעזע. ביים דורכשניטלעכן פראַנצויז איז אויך, גלויב איך, אַזוי, אַלץ איז איינ־פאַך, פּשוט, פאַרשטענדלעך, נאָר ביי אונדז... די טרויעריקע יידי־שע עמיגראַציעס... אָבער סיי־ווי זענען זיי אומעטום יידן־קראַנק, צי מיר וועלן זיך יאָ וואַרפן אין די אויגן, אָדער נישט.

ס'האָט אים אונטערגעהויבן. ער האָט באַצאָלט דעם קעלנער, לייכט אַ נעם געטאָן דאָס מיידל ביי דער טאַליע און זיי האָבן זיך געלאָזן צו דער מעטראָ. אָט די פאַריזער באַוועגלעכקייט איז לייכט געקומען צו אים, לייכט האָט ער געכאַפּט די שפּראַך, ווייל ער האָט געהאַט אַן עמפּינדלעך אויער.

אַ גאַנצן נאָכמיטאָג האָבן זיי זיך דערנאָך לאַנג געפּלאָנטערט צווישן די טומלדיקע קוואַרטאַלן, צווישן די אַלטע געסעלעך פון בעלוויל און פון פּיגאַל, וווּ אַלע קאַפעס זענען געווען איבערגע־פּאַקט מיט אַ יום־טובדיקן עולם. לאַמפּיאָנען זענען געווען פאַרצויגן אינדערמיט גאַס און אויף די טראָטואַרן זענען געווען צעשטעלט טישלעך. אויף די קליינע עסטראַדעס האָט געשפּילט האַרמאָניקע־מוזיק, מען האָט זיך געקושט, געלאַכט און געטאַנצט, מ'האָט גע־האַלטן אין איין טאַנצן. אין דעם טומלדיקן יום־טוב האָט הירש זיך פאַרלוירן, די אייביקע נאָגעניש האָט אים נישט אָפּגעלאָזן, זי האָט אים נישט אָפּגעלאָזן אַפילו, ווען עווא האָט אים פאַרנאַכט אַוועק־געפירט צו די אַלטע קוואַרטאַלן אַרום די סען־בריקן, וווּ זי האָט אים צוגעזאָגט צו ווייזן דעם געמיש פון אַלטערטימלעכן און נייעם פּאַריז.

פּלאַץ שאַטלע זענען זיי אויסגעשטיגן, דורכגעשטופּט זיך דער שטראָמענדיקער מאַסע פאַרביי די אילומינירטע קאַפייען, פאַרביי דעם אויסגעלאָשענעם סאַראַ־בערנאַרד־טעאַטער. זיי זענען געווען כמעט פון זעלבן וווקס, שלאַנק. מיט זיין ווילד שויבערל, האָט ער

דאָ אויסגעזען ווי איינער פון די פּאַריזער יונגעלייט, וואָס קעמען זיך אַזוי, אַז ס׳זאָל אויסזען נישט פאַרקעמט.

עפּעס אַן אַלטער בראָנז איז דאָ געלעגן אין דעמער פון די פאַר־נאַכטיקע גאַסן אַרום די בריקן פון דער סען, ווי אויף די בילדער פון די רענעסאַנס־מייסטער אין „לוווּר״, ווי אויף די אַלטע גראַווּר־יורן. ער איז פאַרט מקנא געווען די דורותדיקע באַשטענדיקייט פון אַ פאָלק, פון אַ קולטור. די גרויע טויבן, וואָס נעסטיקן אין די ני־שעס פון די אַלטע געביידעס און קאַטעדראַלעס, האָבן זיך אַראָפּ־געלאָזן צום שטיינערנעם וואַסער־בעקן, ביים פאָנטאַן, אינדערמיט פּלאַץ. ביי די זונטיק־מאָלער, וואָס האָבן צעשטעלט זייערע בילדער אַרום די „בוקיניסיטן״, לענגאויס דער סען, האָט נאָך אַלץ דאָמי־נירט דער בלויער טאָן. דער לאַנגזאַמער פאַרבייגייער, וואָס זוכט אַביסל שאָטן אונטער די אַלטע פּלאַטאַנען, שטעלט געוויינלעך אָפּ זיין בליק אויף די בלויע לייוונטן. אַן אַקט פון אַ העל־ראָזער פרוי אויף אַ בלויען הינטערגרונט. די געסלעך פון לאַטיינישן קוואַרטאַל אויף אַן אַקוואַרעל שטרייכן אונטער דעם זומערדיקן בלוי איבער די טורעמלעך פון אַ הויז, אין סטיל פון אַ פאַרגאַנגענעם יאָרהונ־דערט. דער געמיטלעכער פּאַריזער פון מיטל־קלאַס, וואָס פאַרמאָגט אַביסל אַספּיראַציע, האָט אין דער יוגנט אַוודאי אַליין אויך אונטער־געזינדיקט מיט פּאָעזיע, אָדער אַביסל געמאָלן, בעמט זונטיק צונויף זיין קליינע משפּחה און לאָזט זיך אַוועק צו די בריקן ביי דער סען. מען קען זיי באַמערקן אין די מיטאָג־שעהן אין די קליינע רעסטאָ־ראַנען אַרום סען־מישעל און „לוווּר״. דאָס מיידעלע פון דרייצן יאָר — מ׳האָט נישט־לאַנג פייערלעך געפּראַוועט איר „קאָמיניאָן״ — טראָגט ווייסע הענטשקעס, אַ פוטער־קעלנערל פון פּיי און אַ קליי־נעם שטרוי־הוט „אַ לאַ גריזעט״, פון שיינעם 19־טן יאָרהונדערט. די פרוי טראָגט געוויינלעך ברילן און דער מאַן איז אין שוואַרצן. זיי און די טויבן, וואָס לאָזן זיך אַרונטער פון די געזימסן און דענקמעלער, באַלעבן די אַלטע פּלעצער.

— זעסט, דאָס אַלץ איז — געשיכטע... — האָט זי אים איבער־געוועקט פון פאַרטראַכטקייט, ווען זיי זענען אַריבער די בריק, צום סען־אינזל, צווישן די אַלטע געביידעס פון דער „קאָנסיערזשערי״, פון יוסטיץ־פּאַלאַץ — כ׳ווייס נישט צי דו פילסט עס... וואָס איך פיל...

— כ׳פאַרשטיי, נאָר פילן פיל איך מיין קראַכמאַלנע גאַס — האָט ער געלאַכט פרעמד און, ווי איר האָט זיך געדאַכט, מיט ווייטיק — דאָרט איז מיר יעדער שטיין היימיש געווען און דאָ פיל איך זיך ווי אַראָפּגעפאַלן אינדערמיט פון אַ שטיק מיטאַלטערלעכער איבער־בלייבעניש, אָדער אין דער ראַם פון באַלזאַקס ראָמאַנען. באַלד וועלן ווייך פאַלן אויפן ברוק די רעדער פון אַ פאַיעטאָן, ווו ס׳זיצט איינע פון זיינע פריצישע דאַמען... דער מאַרקיז וואַרט אויף איר אין בור־לאָנער וועלדל... כ׳בין ווייט דערפון, פאַרשטייסט? כ׳בין זיי מקנא...

ביי אַ נידעריקער טיר מיט רויטע נעאָן־פייערן האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן. דאָס פינטלענדיקע ליכט האָט אָנהויב אָוונט מיד גע־מאַכט די אויגן. ס׳איז געווען אַראָפּצוגיין עטלעכע שטיגן. פון הינ־טערן פאָרהאַנג האָט אַ שלאָג־געטאָן מיט הייסער, פאַרפומירטער דעמפּיקייט. די אויגן האָבן זיך שלעכט צוגעוווינט צום בלווילעך־רויטן ליכט. אַ קנויל פון פאַרלעך איז אין פאַרחלשטן עקסטאַז אַרומגעשוווּמען אינעווייניק אין אַ פייערלעכן טאַנגאָ. דריי לאַנגע נעגערס זענען געזעסן אויף אַ קליינער עסטראַדע און פאַרוויגט דעם עולם אין אַ שפּאַנישן טאַנגאָ. ביי דער דאַמע מיט די קרומע ברע־מען־בויגנס און מיטן פאַפּיראָסל, וואָס איז געזעסן אויף אַ הויך בענקל הינטער אַ באַריער, האָט עוואַ איבערגעלאָזן דאָס בערעטל, דעם לייכטן רעגן־מאַנטל און איז אַ טרעט־געטאָן צווישן די טאַנצנ־דיקע. הירש האָט גאָרנישט באַמערקט פונוואַנען ס׳איז אומגעריכט אויסגעוואַקסן לעבן זיי דער יונגערמאַן מיט דער קרענקלעכער בלאַסקייט אין די מאָגערע באַקן, מיטן נערוועאישן צוק ביים לינקן אויג און ביים לינקן מויל־ווינקל. ער האָט געשמייכלט ליבלעך, אַרויסגענומען די ווייסע רויז פון זיין לאַץ און אַליין זי אָנגעשטעקט ביי עוואַן אין די געדיכטע האָר־קרויזן.

— כ׳בין פונדעסטוועגן זייער גליקלעך דיך צו זען — האָט ער זיך עפּעס געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן — ראַשעל האָט מיר זייער באַאומרואיקט מיט די נייעס וועגן דיר...

הירש האָט געדריקט זיין גלאַטע, פייכטלעכע האַנט, ווען עוואַ האָט אים פאָרגעשטעלט, און ער האָט אין דער איבערגעטריבענער פריינטלעכקייט דערפילט עפּעס אַ שלעכטן בליק ביים יונגערמאַן. אין זייטיקן סאַלאָן, הינטער די אַרקאַדן, האָבן זיי געטרונקען קילן,

שוואַרצן ביר פון גרויסע שטראַסבורגער קופּליעס. הירש האָט באַ־טראַכט די געשייערטע קופּערנע ראָנדליעס, וואָס זענען אַרונטער־געהאָנגען פון נידעריקן סופיט, פון אונטערן הילצערנעם באַלקן, ווי אין אַ פויערישער כאַטע. זיי האָבן אים גלייך אַ דערמאָן־געגעבן אין די געשייערטע קופּערנע ראָנדליעס אין דער היים ביי זיי, אין וועלכע די מאַמע האָט געפלעגט צו קאָכן פיש.

— אַזוי?... איר פאַרשטייט פראַנצויזיש? — האָט ער זיך געוווּנ־דערט, דער יונגערמאַן — אַזוי קורץ אין פּאַריז? מען מוז זאָגן, אַז אין דער פעאיקייט אויפצוכאַפּן שפּראַכן, זענט איר איינציק, איר...

— ער האָט אַביסל געלערנט לאַטיין — האָט זי אים פאַרענט־פערט, עווא, און זיך באַמיט איבערצופירן דעם שמועס אויף אַן אַנ־דער טעמע.

דערווייל האָט דער יונגערמאַן באַשטעלט און זי האָט געהאַלטן אין איין טרינקען. די פאַרבן פון די געטראַנקען האָבן זיך אַלעמאָל געטוישט אין די גלעזלעך, דאָ גרין, דאָ שאַרלאַך־רויט, דאָ פיאָלע־טער ראָז און אויך אין אירע באַקן האָבן זיך אָנגעצונדן פאַרבן. ווען זי האָט שוין געהאַט אויסגעזופּט דאָס זעקסטע, אָדער דאָס זיבעטע גלעזל, האָט הירש קוים געהאַט דערטרונקען דעם שוואַרצן ביר. ער האָט זיך דאָ מיטאַמאָל דערפילט איבעריק און האָט גערן איינגע־שטימט, ווען עווא האָט אים איבערגעבעטן, איז אַוועק מיטן יונגער־מאַן און אויסגעמישט זיך מיט די טאַנצנדיקע פּאָרלעך. ס'איז שווער געווען זיי צו דערכאַפּן מיטן אויג אין דער ענגעניש, אונטער די לאָמפּיאָנען און קרענץ, אין דער פאַרטויבנדיקער דזשאַז־מוזיק. אַלץ האָט זיך אַוועקגעדרייט פאַר זיין בליק.

ווען זי איז דערנאָך אומגעריכט געטאָן אַ פאַל צו צום טישל, האָט ער זיך האַסטיק אויפגעשטעלט, נישט איבערפרעגנדיק, אַוועק־געפירט זי אין פאָדער־זאַל, אָן רייד אַרויפגעוואָרפן איר דעם לייכטן רעגן־מאַנטל אויף די אַקסלען און דורכגעשטופּט זיך נאָך איר די נידעריקע טיר צום דרויסן, וווּ דער אָוונט איז שוין פון לאַנג געווען צוגעפאַלן אַרום די בריקן פון דער סען.

אַלצאיינס האָט זי זיך געלאָזן מיד פירן. נאָך איין און איינציק מאָל האָט זי זיך אומגעדרייט און געזען ווי דער יונגערמאַן דאָרט שטייט און קוקט זיי לאַנג נאָך.

## קאַפּיטל ניינצן

# דער אומעטיקער סילוועסטער

„כ׳קום, הירשקעלע, כ׳קום צופאָרן. זאָלסט מיך אָפּוואַרטן, הערסט? אַ סך קושן. סטערקע״...

ער האָט געדרייט דאָס בריוול אין אַלע זייטן און האָט באַלד אין דער ערשטער מינוט נישט געוווסט, צי זאָל ער זיך טאַקע אַזוי שטאַרק פרייען.

און דאָך האָט אים די פאַרנאַכטיקע וועלט נאָך אַלץ אויסגעזען אַזוי שיין, ווי אַמאָל, אויף דער קראָכמאַלנע, אויף דער דזשיקע, אין געגיי, אין ראָזן אָוונט־שיין, ווען ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אָט מאָרגן שוין קומט זי, די סאָציאַלע רעוואָלוציע. ער איז געשוווּמען צוזאַמען מיטן פאַרנאַכטיקן שטראָם איבערן פאַרפּאַקטן טראָטואַר. דאָ באַלד, אויפן ראָג, האָט ער זיך פאַרהאַלטן ביי אַ בלומען־געשעפט, אַ ווײַלע נאָכגעקלערט, איז אַריין מיט נישט דרייסטע שריט און געקויפט צוויי רויטע רויזן. ער האָט זיי אומבאַהאָלפן געוואָרפן פון איין האַנט אין דער אַנדערער און נישט געוווסט ווו זיך אַהינצוטאָן מיט זיי. די פאַרבייגייער, האָט זיך אים געדאַכט, קוקן אים עפּעס נאָך, שמייכלען.

אין דער פאַריזער פאַרנאַכטיקער שעה זענען אַלע פרויען געווען שיין. אין די אויגן ביי זיי איז געזעסן אַ פּיאַלעטע שיין. מען האָט נישט געוווסט פונוואַנען זי קומט — צי פונעם ראָזיק־פּיאַלעטן שטיקל הימל צווישן די אָפּגעהאַקטע דעכער, אָדער פון די נעאָן־ליכטער, וואָס צינדן זיך פרי אָן צו דער גאַס. זיי האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פון די מאַגאַזינען, פון די ביוראָען, אונטערגעטענצלט און אַוועקגעגליטשט זיך צו די אָנלויפנדיקע אויטאָבוסן, צו די אונטערערדישע, פאַרפּראַפּטע מעטראָ־איינגענג. אין זייער פלינקן באַוועגן זיך איז געווען די עלאַסטישקייט פון אַ שיינער, געשטרייפטער חיה אין אַ שטייג, און די צופרידנקייט צו דערפילן זיך אינגאַנצן פריי.

נאָכלויפנדיק, האָט ער קוים דערכאַפּט דעם אויטאָבוס 26, וואָס פירט אַרויף ביז צום „גאַר די נאָר״ און אין קאָפּ ביי אים האָט זיך

כסדר געפּלאָנטערט — פּרויד. אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געזאָגט וועגן הונגעריקן, סעקסועלן געשריי פון דער גרויס־שטאָט, האָט זיך אים אין דער שעה אויסגעוויזן פאַר זייער ריכטיק. אַלעמאָל, פאַרנאַכט האָט ער דערפילט אָט דעם פלאָטערנדיקן אומרו.

די פרעסטלדיקע פאַריזער גאַס האָט זיך פייערלעך געגרייט צו באַגעגענען דאָס נייע יאָר. אויף די פלעצער און אויף די בולוואַרן זענען אויפגעשלאָגן געוואָרן אַטראַקציע־ביידלעך. אַ פריילעכער ר'עש פון קאַרוזעליע־מוזיק, פון פאַרבן־שווינדל. די קליינע, עלעקטרישע אויטאָס, באַזעצט פון יונג און אַלט, האָבן זיך אָנגעשטויסן, פאַנאַדערגעפאָרן זיך אין לאַכנדיקן געפּילדער. דאָרט, ווו מען געווינט אַ פלאַש ווייסן וויין ביים פאַרוואַרפן פינף רינגלעך אויף אַ שטעקעלע, איז געשטאַנען אַ קליינער, צעהיצטער מאַטראָס און איינגעצאָלט שוין צום פערטן מאָל. דאָס שמאָלע, אָנגעפאַרבטע מיידל אויף יענער זייט באַריער, איז געווען ברוין און בלוי פון קעלט, אָבער זי האָט געלאַכט מיט ווייסע, אָפּגעדעקטע ציינער, זי האָט זיך געשטיקט פון געלעכטער. זי האָט אים שוין פיר מאָל געהאָט אָנגעצויגן, דעם קליינעם מאַטראָס. נישט אַזוי לייכט געווינט מען ביי איר...

צו דער מאַמען איז אַביסל נישט אָנגענעם געווען זי צו פירן. בפרט אַז ער האָט גאָר קיינמאָל אינדערהיים וועגן סטרעקען קיין וואָרט נישט געלאָזן פאַלן. וויפל מאָל די מאַמע איז צוגעשטאַנען און — ווי איר וואָרעמער בליק וואָלט אַרויסגעפילט זיין שטענדיקע פאַרלעגנהייט, זיין שווייגן ביים טיש, זיין נישט קענען זיך נעמען צו עפּעס אַ תכלית. אָבער רעדן האָט נאָכמער וויי געטאָן ווי שווייגן.

ברענגען צופירן סטערקען אין זיין עלנטן בעלווילער האָטעל... די ווענט וועלן איר אַרויסטרייבן פון דאָרט; און ער האָט דאָך געהאָט אַ פאַרלאַנג כאָטש אַ קליין ביסעלע איר געפעלן צו ווערן, זי זאָל כאָטש איין מאָל אַ זאָג־טאָן: „הירשקעלע, ביסט פאָרט אַן אויסטויגער!". וואָס פאַראַ אויסטויגער איז ער? דרייט זיך אַרום שוין אַ צייט מיט אַ צעריסענער נשמה און פאַרנעמט זיך נאָך אַלץ מיט צוזאַמענשטעלן ווערטער. ווער באַדאַרף זיי דאָ, זיינע ווערטער, אין דער פרעמדער שפּראַך פון די פּוילישע יידן? אָט זינגט ער וועגן אַ העלדישער יוגנט, וואָס קעמפט אין די טאָלן פון דער עברע,

אָבער... ס'גייט דאָרט אַלץ ערגער און דערמיט ווערט אויך די היים אָפּגערוקט, די אויסגעחלומטע, שטילע היים ערגעצווו.

אין ווינט פון די אָנקומענדיקע צוגן, האָט ער זיך דאָרט ערגעץ פאַרלוירן; און ווען זי איז באַלד דערנאָך אַרויפגעפאַלן אויף אים, געקושט אים מיט הייסע, פייכטע ליפּן, איז ער נאָך אַלץ געווען צעטראָגן. עפּעס האָט ער זיך דערפילט מיטאַמאָל פאַראַנטוואָרטלעך, ער ווייס אַליין נישט פאַר וואָס. אָבער איר איז אַלץ דאָ מיטאַמאָל גלייך געפעלן געוואָרן — דער טומל, די מעטראָ, די נעאָן־ליכטער אַרום די קאַפייען. זי איז געווען אין אַ ווינטערדיקן פאַלטן, מיט קליאַשן, מיט אַ ווייס פוטערן קעלנערל, אין אַ בערעט. ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען נישט אַריינצופאַלן קיין פרעמדע אויף די גאַסן פון פּאַריז. אירע געזונטע ציינדלעך האָבן געלאַכט צוזאַמען מיטן שיקל־דיקן אויג:

— גיכער, כ'וויל שוין אָנקוקן דעם פּאַלאַץ, וואָס האָסט דאָ אָנ־געגרייט פאַר מיר...

און זי איז די ערשטע אַריינגעשפּרונגען אין דער טאַקסי. ער האָט נאָך געהאָלפן דעם שאָפער איינצואָרדענען די וואַליזעס און זיי האָבן געערירט דורך די פּאַרפאַקטע צופאַר־גאַסן אַרום וואָקזאַל.

— מיין „פּאַלאַץ״ וועט דיר נישט געפעלן ווערן — האָט ער איר גלייך אויפן אָרט פאַרזיכערט און איז געווען צעטראָגן, דאָס יינגל.

— כ'בין נישט געקומען מיט קיין אילוזיעס, נאַרעלע. אַ בעט אויסצורוען זיך האָסטו? איך פאַל פון די פיס — און זי האָט זיך אינגאַנצן אָנגעוואָרפן אויף אים.

ווען ער האָט איר געפירט צום צימער אויפן דריטן שטאָק, איבער דער שמאָלער שטיג, און האָט אין קאָרידאָל געזוכט מיטן שליסל אין דער האַנט די טיר, איז אים פאַרגאַנגען אַ האַרבע נאָגעניש פונעם ביליקן וווּנק, וואָס די דיקלעכע האָטעל־באַלעבאָסטע האָט אים דאָרט אונטן צוגעוואָרפן. זי האָט אים באַמערקט אַרויפגיין מיט סטערקען, דורכן קליינעם שייבל אין דער קאַפע, וווּ זי איז געזעסן הינטערן קאָנטואַר אויפן הויכן בענקל. אַלץ באַמערקן זיי. ער האָט זיך געפאָרעט ביי דער נאַפט־מאַשינקע, אויפצוקאָכן אַ גלאָז טיי, אָבער סטערקע איז שוין געלעגן אונטערן באַרג האָטעל־קאָלדרעס. זי האָט געדרעמלט, אָדער איז סתם געלעגן אַ פאַרטראָגענע. ער איז

אַראָפּ אין געוועלבל עפּעס אַרויפֿכאַפּן און ווען ער איז באַלד דער־נאָך אַרויפֿגעקומען, האָט ער זיך באַגעגנט מיט אירע לאַכנדיקע ציין. זי איז נישט געשלאָפֿן. זי האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט צוגלויבן, אַז זי געפֿינט זיך טאַקע אין פּאַריז. אירע אונטער־געשניטענע האָר זענען געווען פֿאַנאַנדערגעוואָרפֿן אויפֿן קישן. זי האָט געהאַט־אַרויפֿגעדרייט דאָס ליכט און אַ כאַפּ־געטאָן עפּעס אַ ביכל פֿון טיש.

— אַזוי־אַ לעבסטו? — האָט זי מער געבלעטערט, ווי געלייענט

— אַבי איך האָב געמיינט... פּאַריז איז פֿונדעסטוועגן אַ שיינע שטאָט.

די נאַרישע, איינגעשפּאַרטע קאַרוזעליע־מוזיק אויפֿן בולוואַר האָט נישט געלאָזן צומאַכן אַן אויג. ווי אַ זשומענדיקע בין, האָט זיך געדרייט אין די אויערן עפּעס אַן אַלטער, אויסגעריבענער וואַל־צער. פֿון דער פֿאַרעריי אויפֿן בולוואַר, זענען גרינע און געלע ליכט־פּאַסן געלאָפֿן הין און צוריק אויפֿן נידעריקן, שוואַרצן סופּיט. דורך אַלע שפּאַרעס האָט געיאָגט אַ פֿייכטע קעלט.

— וואָרשע ווערט, דאַכט זיך, ליידיק — האָט זי גערעדט ווי צום פֿאַרענטפֿערן זיך, אומעטיקלעך — אַלע פֿאָרן אַוועק, אַלע קלייבן זיך אַוועקצופֿאָרן. ס׳איז שוין באַלד נישטאָ מער אונדזער דור. די תּפֿיסות זענען פֿול. ווי מיינסטו, מען וועט מיך אַנעמען צו פֿאָרן קיין שפּאַניע? כ׳וועל דאָרט ווערן אַ קראַנקן־שוועסטער. כ׳האָב דערהאַלטן פּאָטאָס פֿון דער קליינער רעגינקען, ווייסט, די פֿון דראַמ.־קרייז, שטייט זי דאָרט אַרומגענומען מיט צוויי הויכע שפּאַ־נישע יונגען אין אַ גאָרטן מיט פּאַלמען. זי האָט זיי געראָטעוועט, שרייבט זי...

— צוליב דעם ביסטו געקומען קיין פּאַריז?

— אַוודאי צוליב דעם און — צוליב דיר אויך. מיינסט ס׳האָט מיר נישט פֿאַרדראָסן דעמאָלט, וואָס האָסט זיך אַזוי קאַלט אָפּגעזעגנט... ווען דו שטייסט כאָטש צו: קום, סטערקעלע. האָסטו זיך אויפֿגעהויבן און ביסט אַנטלאָפֿן...

— ס׳האָט מיך אַרויסגעטריבן, בין איך אַנטלאָפֿן. מען ווייסט דען וווהין מען לויפֿט?

פונדעסטוועגן האָט זי זיך מיט עטלעכע אָוונטן שפּעטער דערפילט פייערלעך אויפן גרויסן, יערלעכן ניי־יאָר־באַל, אין די זאַלן אויף פּאָרט דע ווערסאַיל. אַלץ איז דאָ געווען ניי, אַ ים מיט באַקאַנטע פנימער. צי וואָלט אין וואַרשע מעגלעך געווען אַזאַ גרויסער, פייערלעכער צונויפקום? די שפּאַנישע מיליציאָנערן, וואָס זענען געקומען אין אורלויב, האָבן מיטגעברענגט מיט זיך דעם ריח פון טראַנשייען. זיי האָבן נישט געצווייפלט אין זיג, כאָטש די נייעס פון די דורכגעריסענע פראָנטן זענען נישט געווען אַזעלכע גוטע. זיי האָבן זיך געקליבן באַזונדער, אין קלענערן זאַל, אונטער די טראַנספּאַרענטן מיט לאָזונגען פאַר אַ דעמאָקראַטישער, זיגרייכער שפּאַנישער רעפּובליק. זיי האָבן געזונגען אין אַ קרייז די אומעטיקלעכע קאַסטיליאַנישע לידער.

אין אַנדערן זאַל, אונטער די פאַרצויגענע קרענץ, האָט זיך דער בעלווילער עולם מיטגעדרייט אין טאַנגאָ. דער באַרימטער אָרקעסטער פון די ברידער לאָרען, האָט אויפגעאייטערט. ס'איז לאַנסירט געוואָרן אַ נייער פאָקסטראָט, אַ מין טאַנץ, ווו מ'איז כמעט געשטאַנען אויף איין אָרט און בלויז באַוועגט זיך צום ריטם. דער ראָזער טומאַן און דאָס ליידנשאַפטלעכע נאָכקוויטשיקל פון די דזשאַזפייפלעך האָט פאַרנעפּלט די געמיטער, פאַרטויבט דאָס אומעטיקע און אַזויווי אַלט־יידישע געזאַנג פון די מיליציאָנערן אין אַנדערן זאַל. זי האָט זיך געריסן צום טאַנצן, סטערקע, זי האָט נישט געקענט איינשטיין. די פאַרבן האָבן געשלאָגן אין אירע באַקן אַריין. צוויי מאָל האָט זי הירש פאַרלוירן און צוויי מאָל האָט ער זי קוים אויפגעזוכט. זי איז שוין געווען אַרומגערינגלט פון עטלעכע אומבאַקאַנטע יונגעלייט מיט הויכע, אויסגעבעטע אַקסלען און גלאַטע שרונטן. ווו אַ מיידל, האָבן זיי איינגעלאַדן צום טאַנצן. ער האָט נישט געטאַנצט, הירש. אין יענע יאָרן און אין יענע קרייזן, איז געווען אַ פאָראורטייל בנוגע טאַנצן. ס'איז געווען אַן אויסדרוק פון פוסטקייט; און ווען האָבן אים דען אויך אַזעלכע נאַרישקייטן געקענט ליגן אין זינען? אָבער דאָ איז ביי אים ערנסט געשטאַנען די פראַגע פון אויסלערנען זיך טאַנצן. ער האָט זיך ארומגעדרייט אין די אָפענע טירן און זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען.

ער האָט זיך פאָרגענומען נישט צו טאַנצן אין דעם אָוונט, און

דאָך האָט ער געטאַנצט. ער האָט זיך אומגערן פֿאַרפלאָנטערט, הירש, ער האָט זיך פֿאַרפלאָנטערט אינדערמיט זאַל, ווו ער האָט קיין פּני־מער שוין מער נישט געזען, נאָר קליינע, פֿינטלענדיקע, ליכטיקע פּלעקן. זיי האָבן זיך, ווי אָפּגעמעקטע לבנות, געדרייט אַרום אים, הינטער אים און פֿאַר אים. ער האָט געטאַנצט מיט האַלב־צוגע־שלאָסענע אויגן, כאָטש אָן עקסטאַז, נאָר דער זיסער, ווינטלדיקער גערויש פֿון די אינסטרומענטן אויף דער עסטראַדע, אונטער די קרענץ, איבערן טויבן געליאַרעם, האָט אים דאָך אַ קליין ביסעלע פֿאַרשיכורט. און ווען דער רויש פֿון די אינסטרומענטן האָט זיך זייער פּלוצים אָפּגעהאַקט אין זאַל, איז ער שטיינגעבליבן, נישט גע־דענקט אַפֿילו מער מיט וועמען ער האָט געטאַנצט און ער האָט זיך מיטאַמאָל שאַרף דערמאָנט: „סטערקע, ווו איז זי?‟.

ער איז צוריק אַוועק צום קרייז פֿון די מיליציאָנערן. מען האָט דאָרט ווידער אויסגעליידיקט גלעזלעך, געבערענגט נאָך פֿלעשער און ס׳איז קענטיק געווען אַ צערודערונג אויך ביי זיי. עס זענען געווען צווישן זיי העלדן, באַהאַנגענע מיט מעדאַלן, אייניקע, ביי וועמען עס האָבן זיך נאָכגעשאָקלט ליידיקע אַרבל און זיי האָבן זיך אַ לאַנגע צייט אַרומגעוואַלגערט אין די שפּיטעלער. דאָס זענען גע־ווען מענטשן, וואָס האָבן שוין געטראָגן אין די ביינער דעם ווינט און דעם הפקר, נאָך איידער די וועלט איז אַריינגעוואָרפֿן געוואָרן אין מלחמה־פֿיבער. ס׳איז געווען פֿאַרטאָג און דער עולם איז גע־וואָרן שיטערער אין זאַל. די טישלעך זענען געבליבן פֿאַנאַנדערגע־רוקט. זיי האָבן נאָך דאָרט געזונגען דאָס אומעטיקע און פֿייערלעכע קאַמפּס־ליד:

אויף די קאַנאָנען וועלן מיר זיך באַגעגענען,  
הינטער די קאַנאָנען וועלן מיר זיך געזעגענען,

ווען אין זאַל אַריין האָט אָנגעווייעט אַ קאַלטער ווינט פֿון די אָפֿן־געלאָזענע טירן.

אין באַגינען פֿון ערשטן יאַנואַר האָט די פּאַריזער בולוואַרן און דעכער צוגעדעקט אַ דינער, טרוקענער שניי. ס׳איז געווען אַ בלוי־לעכער דרויסן. דער דורכזיכטיקער רוים איז אַזוי קלענער גע־וואָרן. פֿון אַלע זייטן פֿלאַץ האָבן זיך אָנגעטראָגן פֿאַרשיכורטע

קוויטשן, הילכיקע לאַכערייען פון פרויען אין די צו־לאַנגע באַל־קליידער. אין דער אַנגעפראָפּטער מעטראָ האָבן זיי זיך לאַנג גע־שאָקלט, ביז צום יידישן בעלוויל. סטערקע איז כמעט געשלאָפן אויף זיינע אַקסלען.

ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז פּאַריז האָט איר אַביסעלע מיד געמאַכט. זי איז שוין מער נישט אַזוי אַרומגעלאָפן, ווי אין די ערשטע טעג. זי האָט געשריבן אַ סך בריוו, אויספּאַריכט אים די עטלעכע צעאָדערטע העמדער, די שקאַרפּעטן, געמאַטערט זיך אויפן נאַפּט־מאַשינקעלע אָפּצוקאָכן אַביסל עסן און האָט אים אַפילו מיט אומגעדולד אָפּגעוואָרט פאַרנאַכט, ווען ער איז אַהיימגעקומען פון פּרעסן אין די יידישע אַטעליעס אויפן בעלוויל. ס׳איז געוועזן דער אָפּשיין פון אַ רואיק לעבן, אַן אָרעם לעבן, אָבער אַ רואיק לעבן. אומבאַמעקט איז דאָס פּינצטערע האָטעל־שטיבל דורך איר פלייס שענער געוואָרן; אַרומגערוימט, צוגעפּוצט, אויסגעקערט, אַרויפגע־וואָרפן אַ פאַרביק שטיקל טיכל אויפן לעמפּל און דאָס צימערל האָט זיך אָוונט־צייט אָנגעגאָסן מיט אַ דיסקרעטער שיין. די עטלעכע צע־שאָטענע ביכלעך זענען געלעגן אויף זייער אָרט. אַמאָל האָבן זיי זיך אַראָפּגעכאַפּט אין קליינעם סינעמאַ פון קוואַרטאַל, וווּ די פּראָוו־צויזן קומען זיך היימיש צונויף אין די שטעק־לאַטשן; אַמאָל האָבן זיי געלייענט ביז שפּעטלעך ביים שיין פון אַבאַזשורל. וואָלט עס שוין כאָטש געבליבן דערווייל אַזוי. האָט ער אָבער געפילט, אַז דאָס אַלץ איז נאָר אויף דערווייל, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט אַלץ צע־רונען ווערן, דאָס האָטעל־צימערל וועט ווידער בלייבן עלנט, אַלץ וועט זיך צעפליען, ווי פון אַ פאַרלאָזענער, פוסטער נעסט.

זי האָט זיך איצט געקליבן צו גיין אַרבעטן, אַרומגעלאָפן צו אַלע וואַרשעווער באַקאַנטע. ביי די שטריקערס איז דווקא געווען אַ סך אַרבעט, מ׳האָט געריסן פון הינטער די הענט. עס זענען שוין גע־ווען גרויסע באַשטעלונגען פאַר דער אַרמיי, מ׳האָט געאַרבעט און געליוערט. און אַז זי האָט געאַרבעט, האָט מען שוין געגעסן ערגעץ־וווּ אין גאַס, אין אַ רעסטאָראַן, אין אַ קלוב. נאָך דער אַרבעט האָט מען זיך באַשטעלט ערגעץ צו טרעפן ביי אַ טומלדיקער מעטראָ, מען איז געגאַנגען אויף אַ פאַרזאַמלונג, אויף אַ זיצונג, אויף אַ פאָרשטעלונג, אין סינעמאַ. שפּעט אינאָוונט האָט מען זיך, אַביסל

אומעטיק דערמאָנט, אַז מען דאַרף זיך אומקערן צום איינזאַמען האָטעל־שטיבל. אַלץ איז דאָרט ווידער געווען אַנגעוואָרפן, פרעמד. „איי, ביסט נישט קיין אַרבעטער — האָט זי אים צוגעוואָרפן — אַזוי לאַנג ווי דו ביסט אין פּאַריז”... — האָט זי אָנגעהויבן און נישט פאַרענדיקט.

ער האָט זיך איינמאָל אָנגענומען מיט אַ סך מוט און איז אַרויפ־געקומען מיט סטערקען צו דער מאַמען אין די דריי נידעריקע גאָרן־שטיבלעך. ס׳איז געווען פּרייטיק צונאַכטס. שוין לאַנג, אַז ער האָט זיך נישט געהאַט אַרויפגעוויזן. ס׳האָט צוריק אַ שלאָג־געטאָן מיט יענער, לאַנג־פאַרגעסענער היימישקייט און סטערקען זענען פייכט געוואָרן די אויגן, ווען זי האָט דערזען אויפן קלאָר־איבערגעדעקטן טישטוך די היימישע מעשענע לייכטערלעך. אין די בלוי־פאַרהויכטע שויבן, צום ווינטערדיקן דרויסן, האָבן זיך געשפּיגלט די ליכט־פלעמ־לעך. אַזאַ ליבע, זינגענדיקע רו איז דאָ געשטאַנען אונטערן נידע־ריקן סופיט. די מאַמע, אַ שטאַרק־געעלטערטע, אין אַן אויסגעוואַשן קלייד לכבוד שבת, האָט שוין אַלץ פאַרשטאַנען און זיך צעקושט מיט סטערקען. זי האָט איר גערופן „טאָכטער מיינע”, אויסגעטאָן איר דעם מאַנטל, אַוועקגעזעצט ביים טיש און נישט געוווסט וואָס פריער צו טאָן פאַר די ליבע, אָנגעלייגטע געסט.

מ׳האָט אים אַפילו נישט איבערגעפרעגט אינדערהיים. מען האָט געוווסט, אַז ער וועט נישט פאַרטראָגן קיין שום חתונה־צערעמאָ־ניעס.

דער אַלטער איז אַרויפגעקומען שפּעטלעך. ער איז נאָך געווען אַ וואָכעדיקער. ער האָט אונטן, אין דער יידישער רעזורע, געהאַט צוגעגלעט אַביסל דאָס בערדל. זיינע נאַקעטע, ליידיקע באַקן זענען געווען בלוילעך. פון אַלטנס נישט־דרייסטע רייד, איז קענטיק גע־ווען, אַז אויך ער איז שטאַרק צופרידן.

ביי די פיש און ביי דער הון־יוך, האָט זי זיך געקלאָגט, די אַלטע, אַז מען קען זיך אַליין קיין עצה נישט געבן אין געוועלבל, אַז לייזעכץ, קיין עין־הרע, פעלט נישט, נאָר די כוחות גייען אים אויס, דעם אַלטן. ער מאַטערט זיך מיטן וועגעלע גרינס צווישן דער פאַ־רעריי און זי ציטערט אַלעמאָל מען זאָל אים נישט איבערפאָרן. די קינדער, זאָלן געזונט זיין, גייען זיך יעדערער זיין וועג. ווענן זיינ־

וועלע עקשן איז אָפּגערעדט. ער העלפט מיט וואָס ער קען נאָר, אָבער ער האָט אַליין אַ משפחה, אַ פרעמדלעכע משפחה, אָבער פּאַרט... בראָנטשען איז מער נישט צו דערקענען. אַזאַ איבערגעגעבן קינד, ווי איז איז פריער געווען, שמעקט זי איצט זעלטן־ווען אַריין צו טאַטע־מאַמע. זי איז געוואָרן אַ גאַנצע מאַדאַם ביי אים, טאַקע ווי ער האָט עס צוגעזאָגט, דער געלער „קואָפּער", סטראַיעט זיך אויס אין די שענסטע שטעטער און לויפט ערגעץ אַרום האַלבע נעכט. ס'איז נישט דאָס, וואָס אינדערהיים. עפּעס גייען אַלע אַוועק אויף פרעמדע דרכים. פון די אייניקלעך איז שוין נישטאָ וואָס צו רעדן. אַז זיי זענען געווען קליין, זענען זיי נאָך אַמאָל אַרויפגעקר־מען אָנפרייען זיך.

ביי הירשן האָט דער אַלטער געוואָלט געוויר ווערן ווי עס האַלט מיט דער מלחמה. די מעשה מיט מינכען האָט אים גאָרנישט אָנגע־הויבן צו געפעלן: „וואָס הייסט? — האָט ער געטענהט — מען גיט אים אַלץ נאָך, דעם באַנדיט, דעם וואַלד־גזלן, דעם „ראַזבאַיניק?". איז שוין ענגלאַנד פלוצים אַזוי שוואַך געוואָרן? און די וועלט ווו איז? וואָס שווייגט די וועלט?" — האָט ער געוואָלט וויסן.

אפנים, ער האָט גוט פאַראויסגעפילט, אַז ס'איז טאַקע עק וועלט. מען האָט געזען, ווי ער גייט אײַן פון טאָג צו טאָג, ווי דער בייגער־דיקער קין שניידט זיך שאַרף פון דער בלוילעכער הויט אַרויס. ווען נישט די מאַמע, וואָס האָט אים נאָך דערהאַלטן ביים לעבן.

— אָבי מ'האָט געזאָגט — פּאַריז! — האָט ער נאָך צולעצט גע־קרעכצלט, דער אַלטער — ס'איז אַן ערב־רב, קינדער מיינע, אַ בבל־טורעם, וואו אַלע לשונות האָבן זיך צוזאַמענגעמישט. מען הערט זיך דאָ אויף צו פאַרשטיין...

— כ'האָב אויך אַמאָל געהאַט אַ היים — האָט זי באַנג גערעדט, סטערקע, אַראָפּקומענדיק פון דאָרט.

און זיי האָבן זיך שפּעט אײַנאָונט מיד געשלעפּט איבער די פרעמדע פּאַריזער גאַסן און געחלומט וועגן אַן אייגענער היים; וועגן אַן היים און אַפילו — וועגן אַ קינד. ס'איז אים באַנג געווען. ער איז נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען מיט דער ליבער, זיסער, בייגעריי־קער פאַרווונדערונג פון אַנומלטן, ווען זי האָט אים עפּעס אַזוי צע־שטרייט אַ זאָג געטאָן, אַז ס'דאַכט זיך איר, אַז זי שוואַנגערט. זי

האָט געוויינט און ער האָט זי איינגענומען ווי אַ קינד. ער איז גלייך באַשטאַנען און האָט זי איינגערעדט. אַ קינד, זיינס אָן אייגן קינד. ס'האָט שוין געלעבט אין אים די נייגעריקייט נאָכצופאָרשן עס, ווי אַ קליין חיהלע, ווען ס'הייבט אָן צו זען די אַרומיקייט — דעם כאַראַקטער פון זאַכן און שפּירונגען; און דערנאָך, ווען עס קומען די ערשטע פלאַטערן פון אויפוואַכונג... אָבער אויסגעלאָזן האָט זיך, אַז ס'איז גאָרנישט געווען, ס'האָט זיך איר נאָר אַזוי אויסגעדאַכט, און אפשר — אים בלויז איבערצושרעקן.

אַ דירהלע האָבן זיי זיך ווי־נישט־איז איינגעשאַפט, אַ קליינע, באַשיידענע דירה פון אַ צימער מיט אַ קיכל. ס'איז געווען אַ גאַנצע אַרבעט אויסצורעמאָנטירן עס, איינשאַפן זיך אַ טיש, אַ פּאָר בענקלעך, אַ שענקל, אַריינצוהענגען אַ מלבוש. עטלעכע וואָכן איז זי געווען פליסיק־פּאַרפּאַרעט, דערנאָך איז איר ווידער אַלץ פאַרמיאוסט געוואָרן. דאָס ערגסטע איז געווען: דאָס נישט רעדן. אַז מען רעדט, דעררעדט מען זיך אַמאָל צו עפּעס. אומעטיק איז געווען אין די זונטיקן, מען איז נישט געגאַנגען אין ערגעץ. מאָנטיק אינדערפרי האָט זי זיך שטום אויפגעהויבן צו דער אַרבעט, ער איז אויך געהאַט אַוועק און ווען ער איז שפּעטלעך אַריינגעפאַלן פון די אַטעליעס, וו ער האָט געפּרעסט עטלעכע שעה אין טאָג, האָט ער זי געפונען פאַרגראָבן איבער אַ ביכל. ס'איז געווען אַ נערוון־אויסברוך, נישט קיין לייענען. ער האָט זיך שוין אָבער אויסגעקענט אויף אירע אַנפאַלן. אַלץ איז געווען אָנגעוואָרפן, אָנגעשליידערט. ער האָט מער נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט איר נאָר געוואָלט זאָגן, ווייל ער האָט עס געפילט, אַז גליק איז רעלאַטיוו, ווי זי זעט. האָבן פיר אייגענע ווענט, אַן אַבאַזשורל, אַ בוך, הייסט אויך — גליק. ער האָט געוואָלט זי זאָל פילן דאָס, וואָס ער פילט, אָבער זי האָט זיך נאָכמער אויפגערעגט.

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי, סטערקעלע?

— איך פאָר צוריק קיין וואַרשע! — האָט זי זיך געגומען וואַרפן.

מילא, וואָלט זי כאָטש נישט אַראָפּגעקומען אַהער. אַלץ, וואָס איז ווייט פאַרן אויג, פאַרגעסט זיך צוביסלעך. האָט ער אָבער מורא באַקומען פאַר לײדיקע ווענט, פאַר אַ הויז, וואָס ווערט פאַרלאָזן און וואָס טראָגט נאָך אין אַלע ווינקעלעך זכרונות, שאָטנס, שפּורן;

פלעקן פון אַ בילדל, פון אַ שפּיגעלע. קלייניקייטן קריצן זיך טייל־מאָל איין און פאַרפאַלגן. פון יינגלוויז אַן האָט ער מורא געהאַט פאַר אַזאַ פאַרלאָזנקייט. אַזוי איז אויך געווען ביי זיי אין הויז אויף דער קראַכמאַלנע. ער האָט ליב געהאַט די היים און זי האָט אים פאַרטריבן. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו האָבן ערגעצ־ווו אַן אייגן ווינקעלע און זאָגן זיך: דאָ בלייב איך שוין דערווייל. איצט האָט ער שוין געגומען טראַכטן, אַז די צערודערטקייט זיינע, און אירע אויך, איז אפשר נישט קיין צופעליקע. ס׳איז דער אומרו, וואָס פאַרפאָלגט אַלעמען צו לויפן. אומעטום — דערזעלבער אומרו. ער האָט געוווּסט, אַז מיט רייד וועט ער סיי־ווי גאָרנישט פועלן. פריער, אָדער שפּעטער, וועט זיך עס אַלץ אויסלאָזן.

ס׳איז געווען פרילינג, ס׳איז געווען זומער און עפּעס איז אַלץ פאַרביי אין צעטראָגנקייט. אויפן שיינעם פאַריזער בולוואַר האָבן זיך די קאַשטאַנען באַדעקט מיט קנאָספּן, מיט צוויט, און אין חודש יוני פאַרטרונקען די גאַס ביז טיף־אַראָפּ, אין אַ גרינער אַליי. זעלטן ווען אַן אָוונט ס׳איז אויסגעקומען אַראָפּצוגיין לענגאויס דעם טראָ־טואַר, סתם אַזוי גיין, זאָרגלאָז, אָן אַ ציל גיין, ווי ס׳גייען די איינ־ווינער פון דער גאַס, מיט מנוחהדיקע טריט, ווי ס׳פירט אַ יונגע, חנוודיקע מאַמע דאָס קינדער־וועגעלע, ווי ס׳פירט אַ יונגערמאַן זיין מיידל פאַרנאַכט געאָרעמט, אין אומזיניקן, זאָרגלאָזן פלאַפּלען.

## קאַפּיטל צוואַנציק

# אַ חלום פון אַ זומער-נאַכט

געהערט, אַז קורט ווינקלער איז צוריק אין פאַריז, איז ער אים באַלד געלאָפן אויפזוכן, הירש. ער איז געווען פול מיט בייגער. צום ברייטהאַרציקן קורט ווינקלערן, וואָס האָט זיך פון יינגלוויז גע־וואַלגערט איבער די גרויסע שטעט פון אייראָפּע, האָט עס אים נאָ־כאַנאַנד געצויגן. ער איז געווען אי ציגיקער, אי הייליק־פאַר־גלויבטער, ער האָט פאַראויסגעפילט אַלע שטורעמס.

די פאַרשאָלטענע דייטשן... אומעטום זענען זיי געווען. ער האָט

זיך גאָרנישט געקענט אַרויספלאָנטערן פון זיי. ס׳איז געווען דאָס קליינע, וועלט־באַרימטע שטעטל ווערסאַיל, אַ טריט פון פּאַריז, צווישן דער באַנדע אינטעלעקטועלע, ווו קורט ווינקלער איז נאָך איין מאָל אַריינגעפאַלן צווישן זיינע דייטשן, קומענדיק דעם לעצטן מאָל אָנצולויפן פון דורכגעריסענעם פראָנט אַרום באַרצעלאָנע. אַלץ איז געווען פאַרענדיקט, טרויעריק־פאַרענדיקט. די רעשטלעך פון דער רעפּובליקאַנישער אַרמיי האָבן זיך, אין גרויס בהלה, געהאַט צוריקגעצויגן. זיי זענען אַרויסגעשמיסן געוואָרן אויף די זאַמדיקע ברעגן ביים מיטללענדישן ים, אין פראַנקרייך. ער האָט געוווסט מיט וואָס דאָס שמעקט צו זיין אינטערנירט, הינטער שטעכל־דראָטן, און ער האָט זיך באַצייטנס דורכגעגליטשט די זשאַנדאַרן־קייט. שוין צום לעצטן מאָל, ווי ער איז אַריינגעפאַלן אין דעם שטעטל, אין דער שיינער יולי־נאַכט, ווען מען צינדט אָן פייערווערק איבער די שטילע אָזיערעס, אין די גערטנער, הינטער די שטומע, אויסגעלאָשענע קעניגלעכע שלעסער.

בייטאָג האָבן זיי נאָך אַלע מאַרשירט אין גרויסן מאַניפעסטאַציע־צוג, מיט געביילטע פויסטן און אויסרופן קעגן פאַשיזם, פון באַסטיל ביז נאַסיאָן, און אינאָוונט האָבן זיי זיך דאָ צוזאַמענגעטראָפן אויף דער רוישיקער טעראַסע אין ווערסאַיל. ס׳איז דאָ געווען פון אַלץ צוביסלעך — טשעכיש־יידישע דייטשן, אונגאַריש־יידישע דייטשן, ווינעריש־יידישע דייטשן, סתם דייטשן, אמתע בערלינער און מינכענער, און ער אַליין... מען איז דאָ ברייטלעך געווען צעזעצט אויף דער טעראַסע, אין „קאַפּולאַד”. מיט אַ קאַרג יאָר צוריק האָט נאָך באַרצעלאָנע פעסט געהאַלטן, אָבער דער פראָנט ביי טערועל האָט גענומען שוואַכער ווערן. די איטאַליענישע באַרג־אַרטילעריע און די דייטשע אַוויאַציע, די אויספרווו־אַוויאַציע, די „שטוקאַס”, וואָס האָבן נאָכדעם טעראָריזירט אויף אַלע וועגן פון אויסגעליפערטן אייראָפּע, האָבן זיך גענומען שטאַרק פילן. די ציגישע „בישט־אינטערווענץ”, די געזונקענע סאָוויעטישע שיפן, וואָס האָבן געברענגט הילף — מ׳האָט נאָכנישט גערעדט דערפון אָפן, אָבער אַלע האָבן שוין געהאַלטן, אַז שפּאַניע, די גרויסע האָפענונג שפּאַניע, איז אַ זינקענדיקע שיף.

קורט ווינקלער איז צוריק געווען אין ציוויל. זיינע ברייטע פליי־

צעס האָט איינגעשטייפּט אַ העלער ספּאָרט־אַנצוג, גאָרנישט, זעט אויס, געניצט אויף זיין מאָס, ווייל ער האָט שיער נישט אויפגע־פּלאַצט אין די נעטלעך. אין אַלע זיינע באַוועגונגען איז נאָך אָבער געלעגן דער סאָלדאַט. ער האָט נישט פאַרטראָגן די קאָקטאַילס מיט די פאַריזער אַפּעריטיוון. אַ גלאָז ביר, איינפּאַכע, שוואַרצע ביר, ווי אין די בערלינער יאָרן. דער ייד פון פּראָג, ערווין רענער, וואָס האָט געצויגן עפּעס אַ ווייטע טראַדיציע פון מהר״ל און פון זיין גולם־מיסטיק, איז געווען צעזעצט אויף דער טעראַסע פון דער פּראָווינ־צער קאַפע, לאַכנדיק ברייט, ווי אַ ריכטיקער יעקע, געוויזן זיין מויל געזונטע ציינער אונטערן מאַנגאַלישן שנור־באַרט. ער איז שוין געווען ווייט אַריבער די פופציק, מ׳האָט עס אים אָנגעזען אין די אָנגעלאָפענע אויגן־טאָרבעלעך, ווען ער האָט געלאַכט; און פונ־דעסטוועגן האָבן זיינע באַגלייטערינס נישט אויפגעהערט צו זיין פלאַך־ברוסטיקע און יינגלעריש־פאַרשוירענע מיידלעך, בלייכע, פון אַ נאָרדישן בלאָנד, מיט אַ ספק צווישן צוואַנציק און דרייסיק. דאָ איז געזעסן דער ערשטער באַוווּנדערער פון קורט ווינקלערס קלאַ־סישע קרוין־ראָלן, אין די וועכנטלעכע טעאַטער־רובריקן פון דער בערלינער „נויע פאָלקסבינע״. שיינע צייטן געווען צווישן דער עקסטראַוואַגאַנטער באָהעמיע, די „נויע ווירקלעכקייט״ אין די פאַר־היטלער־יאָרן.

— נו, יאָ, דו האָסט געשפּילט די ריכטיקע ראָלע, קורט — האָט ערווין רענער ברייט געלאַכט — באַשטעלסט נאָך אַ שוואַרצע ביר?

— געשפּילט, אָבער נישט — אויסגעשפּילט... אין מיר האָבן זיי געפונען דעם ריכטיקן יודע...כ׳בין אַ מאַן פון די בעסקידן־בערג. מיינע אור־זיידעס האָבן זיך אויך נישט געלאָזן. זיי זענען געווען געזונטע יידן, ווי די דעמבעס, און האָבן געקענט צוריק־דערלאַנגען. מען האָט זיי מיר עטלעכע מאָל געברענגט אין שטאַב אַריין, די אַראָפּגעשאָסענע דייטשע פליער־יונגען — שנעקעס, יינגלעך, אָבער בלינד־פאַרביסענע...

דער סאַטיריקער פון די בערלינער קליין־קונסט־בינעס, עריק וויכערט, וואָס איז נאָך־וואָס געהאַט אַריבערגעקומען פון אינטער־נאַציאָנאַלן, אַנטיפאַשיסטישן שרייבער־צוזאַמענפאָר אין מאָסקווע — אַ בלאָנדער, אַ בלוי־אויגיקער — האָט איינגעשטימט:

— דער היטלער האָט זיי אָבער געוווּסט ווי צו געווינען, און נישט בלויז די דייטשן. ס'איז שוין באַלד אַ חרפּה צו טראָגן אין דער וועלט אַריין דעם נאָמען דייטש. כ'שעם זיך.

ס'איז געוועזן דערזעלבער עריק וויכערט, וואָס איז סוף 1933 אַנטלאָפן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דאַכאַו, ווען אין די בער־לינער און מינכענער ביר־שטובעס האָט מען נאָך אינדערשטיל אונ־טערגעמורמלט זיינע סאַטירישע ראָט־פראָנט־לידער, וואָס האָבן אַמאָל פריי געהילכט איבער די בערלינער ברוקן און „הינטער די לינדן". פאַריז, די שטילע ווינקלען אַרום דער קאָכיקער וועלט־שטאָט, האָט זיי צוריק צוזאַמענגעברענגט, אפשר שוין צום סאַמע לעצטן מאָל, זינט דעם פאַטאַלן פעברואַר 1933. ס'איז ענגער געוואָרן דער קרייז. ס'איז שוין באַלד נישט געוועזן וווהין צו אַנטלויפן פון דער פעסט, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אַלץ נענטער צו די טויערן פון דער „לעצטער פעסטונג פון דעמאָקראַטיע", צו פראַנקרייך.

נאָך דעם שווינדל אין מינכען, האָט עס אָנגעהויבן נישט צו שטימען אויך דאָ. מ'האָט זיך באַשולדיקט קעגנזייטיק, עטלעכע מאָל זענען געטוישט געוואָרן די רעגירונג־קאַבינעטן. מען האָט אַפילו אָפּגעשטימט שאַרפע געזעצן קעגן ראַסיזם, אַרויסגעשיקט עטלעכע לייט פון דער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע אין פראַנקרייך, אָבער קיי־נער האָט מער נישט געטרויעט וואָס עס קומט דאָרט פאָר אין די הינטערקוליסן. מען האָט געוווּסט, אַז דער אַלטער כיטראַק, דער ראַדיקאַל דאַלאַדיע, דערציילט נישט אַלץ. נאָך מינכען האָבן זיך דאָ אַלע ביטער געוויצלט, אַז „ס'איז אויסגעבראָכן דער... שלום"...

אין דעם שיינעם יולי־אָוונט פון די ווערסאַילער פייער־ווערק זענען זיך דאָ צוזאַמענגעקומען עטלעכע פלינקע, נערוועזישע פראַנ־צויזישע זשורנאַליסטן, שוישפּילער, דאַמען. עס איז דאָ נאָך אַלץ געזעסן און געדרויכערט זיין אייביקע פייקע דער אַלטער מאָנפּאַר־נאַס־וואָלף, גריגאָרי אַדלער; ער האָט אַמאָל געשריבן זיינע ציניש ראָמאַנען, פול מיט יידישן עספּרי, אויף די סערוועטקעס פון דער קאַפע „ראָטאָנד", געבאָהעמעוועט, ביז ער האָט לסוף צוריקגעפונען זיין היימלאַנד. געשטאַמט האָט ער בסך־הכל פון אַ קליין יידיש שטעטל אין דער אוקראַינע. אָבער פאַריז, ווו ער האָט אין די ערש־טע יאָרן געהונגערט אין די ביליקע סטודענטן־האָטעלן פון סען־

מישעל, איז פֿאַרט פֿאַרבליבן זיין ערשטע יוגנט־ליבע און פֿון אַלע זיינע וועלט־וואַנדערונגען האָט ער זיך אַלעמאָל אַריבערגעכאַפּט אַביסל אַהער. צווישן די טישלעך האָט דאָ אויך אַרומגעזשומעט דער זשורנאַליסט הענדלער. נידעריקער פֿון מיטלוווקס, מיט אַ קאָפּ קרויזן, איז ער אויפֿן מאָנפּאַרנאַס געווען דער עיקר דער פֿאַרמיט־לער צווישן די אָרעמע באַרימטקייטן און די איינציקע אַמעריקאַנער רייכע סנאָבן, וואָס האָבן נאָך אַמאָל פֿאַרבלאָנדזשעט אַהער. אַלע־מען האָט ער געקענט, אַלעמען האָט ער גוטברודעריש געקלאַפּט אין דער פּלייצע. אויסטערליש־וויכטיקע נייעסן האָט ער אַלעמאָל געברענגט; מען האָט אים אויסגעהערט מיט איין אויער, מען האָט געשמייכלט, קיינער האָט אים נישט גענומען ערנסט. מ׳האָט זיך געוויצלט, אַז צוליב אים קען נאָך אויסברעכן אַ נייער רעגירונגס־קריזיס אין פֿראַנקרייך... ס׳איז דאָ געזעסן קאָזשען, מיטן מרה־שחורה־דיקן פּראָפֿיל, מיט די מאָגערע, שלעכט־אויסגעגאָלטע באַקן; און צוזאַמען מיטן גרויאינקן טאָני מינסקער — הירש. דאָס יינגל האָט געפּיבערט. ער האָט נאָך אַלץ געפֿילט דעם פֿעסטן האַנט־דרוק פֿון קורט ווינקלערן. „מיר קעמפֿן פֿאַר אונדזער היים, מיין קנאַבע — האָט ער אים צוגעוואָרפֿן — געדולד, מיין יונגע, נישט פֿאַרלירן זיך”. ער האָט אים באַוואונדערט, האָט מער נישט געהערט ווי סטערקע, וואָס איז געזעסן ביי זיין זייט, אַ פֿאַרפּלאָנטעטע, האָט אים געצופּט און אַלעמאָל עפּעס איינגערוימט.

ערווין רענער איז דאָ געווען דער רוישיקער מיטלפּונקט. זייט עט־לעכע חדשים, ווי ער האָט זיך געהאַט צוריקגעצויגן אַהער, אין דעם רואיקן שטעטל לעבן פּאַריז, אין אַ שטיל הויז, וווּ ער האָט נערוועז אָנגעוואָרפֿן זיינע פֿאַרצייכענונגען פֿון שפּאַניע און זיינע זכרונות פֿון אַ האַלבן, שטורמישן יאָרהונדערט. אין דער נאַכט פֿון די אויס־טערלישע פֿייערן, האָט הירש צוריקגעפֿונען אין אים עפּעס פֿון פֿאַר־צייטישן געטאָ־ייד, דעם מהר״ל. אויך אים איז געווען צו באַוואונדערן. מיט אַזויפֿיל שונאים צו קעמפֿן און צו פֿאַרבלייבן אַזוי יונג.

מען האָט זיך דאָ צוזאַמענגערוקט, געוואָלט זיין וואָס נענטער צו גריגאָרי אַדלער, וואָס איז געווען אָנגעלענט זייט־ביי־זייט מיט ערווין רענער. זיי זענען געזעסן אַרויפֿצו, ביי דער שויבן־וואַנט, איינגעהילט אין אַ וואָלקן רויך. אָבער קורט ווינקלער האָט זיך

דאָרט פּלוצים אויפגעשטעלט אינדערמיט, אַ שויבערדיקער און — ווי אַ שטורעם וואָלט געקאָכט אין אַלע זיינע געבלוטן.

— באַנקראָט! — האָט ער אויך דאָסמאָל נישט געקענט איינ־האַלטן זיך צו קלאַפּן אין טיש אַריין — די הייליקע קונסט, מיינע פריינט, האָט באַנקראָטירט. ניין, זי האָט נישט אויסגעפירט די שליחות צו דערהויבן און שענער צו מאַכן דעם מענטש; און די נאָבעלע, צינישע וועלט קוקט זיך גלייכגילטיק צו, ווי מען מאָרדעט פרויען און קינדער. ערשט איצט באַדאַרף זי צו קומען, די הייליקע מלחמה, וואָס זאָל דאָס גאַנצע מיסט אַראָפּשווענקען...

ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט באַפרייען פון די שאַרפע זשעסטן, פון די שטאַרקע בינע־פראַזן, פונעם אַפּאָפּלעקטישן אָנגיסן זיך מיט בלוט. אין זיינע רייד איז אָבער געווען דער לירישער אונ־טערטאָן, די טעאַטראַלע טראַגיק. ס'איז געווען אין זיין נאַטור, זעט אויס. אַלע האָבן עס דערפילט, אָבער געשמייכלט האָט קיינער נישט, אַפילו נישט גריגאָרי אַדלער, וואָס האָט אויך אַמאָל געלעבט אין דיזעלבע בערלינער באָהעמיע־קרייזן. צו אים, פאַרקערט, איז צוריק־געקומען די קילע, פילאָזאָפישע באַדאַכטקייט. ער האָט געגראַבלט פון ערגעץ טאַבאַק, אָנצושטאָפּן די אויסגעלאָשענע פייקע, און גע־ריבן שווערבעלעך.

— אַז מען וויל זאָגן, זענען די באַנקראָטניקעס נישט מיר. אָט דאָס אַלץ, וואָס איר זעט דאָ אַרום, איז באַנקראָט. דאָ איז ער נידע־ריק און געמיין אָרגאַניזירט געוואָרן אין 1870 און אין 1918. כ'האָב זייער שטאַרק ליב פראַנקרייך און גלויב טיף אין די געזונטע פאַ־טענצן פון אַ פאָלק. איך האָב זיך צוריק גענומען צו גלויבן אין מענטש, פאַרפאַלן... דווקא איצט...

— באַרואיק זיך, קורט — האָט אים ערווין רענער קוים צוריק אָנידערגעזעצט — האָסט היינט אָפּגעשפּילט אַ סצענע, וואָס וועט אַמאָל ווערן קלאַסיש, מיין יונגע... אַ שאָד נאָר וואָס דו שפּילסט נישט איינמאָל דעם שטומען בונטאַר, דעם „גולם״. די אידיי, זעסטו, האָט שוין אַ סך פריער געלעבט אין מוח פונעם מיטלאַלטערלעכן, פאַרצייטישן געטאָ־ייד, דעם מהר״ל. אַ קלוגער ייד געווען. עס איז מיר גראָד היינט עפּעס איינגעפאַלן, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער

גרויסער, בלינדער שנאה, וואָס עס טראָגט מיט זיך די היטלעריסטי־ שע בעסטיע קעגן אונדז.

ס'איז געווען אַ נייער טאָן ביי ערווין רענער. ער האָט גאָר קיינ־ מאָל אַזוי אויסדריקלעך נישט אונטערגעשטראָכן זיין יידישקייט. נאָכוואָס? ס'איז אפשר געווען די שטאַרקסטע שפּירונג פון מאָ־ מענט, און נישט בלויז ביי אים.

אין וואַרעמען יולי־אָוונט האָט דער אָנגעפּאָרענער פּאַריזער עולם פאַרבייגעשטראָמט די ליכטיקע טעראַסן, צו די טויערן פון פּאַרק. אונטערן ליכט פון די שטאַרקע פּראָזשעקטאָרן, האָט דאָס גרינס באַקומען אַ נייעם ניואַנס און דער אָפּשיין האָט זיך געלייגט אויף אַלעמענס פּנימער, ווי גרעל בינע־ליכט.

אָט דאָס בינע־ליכט האָט צוריק אָנגעצונדן דאָס געמיט ביי קורט ווינקלער. ס'איז געווען ביי אים אַ רעפלעקס פון יענע לעצטע נעכט, וואָס ער האָט דורכגעפיבערט אין בערלין. ס'האָט אים אַ דערמאָן־ געטאָן די שייטער־הויפנס, דאָס ווילדע ריטשען פון פינצטערן המון הינטער די ווענט פון רייכסטאַג, פון היסטערישן פעבל אַרום די ביכער־שייטערס. דאָס גאַנצע איבעריקע לעבן האָט ער עס שוין מיט זיך מיטגעטראָגן. ער האָט דערטרונקען נאָך צוויי שלוק ביר און געריסן זיך דעם איינגעשטייפטן קאָלנער. בכלל האָט ער זיך שלעכט געפילט אין ציווילן אָנצוג. איבער צוויי יאָר ווי ער האָט זיך גע־ וואַלגערט ערגעץ אין די שטאַבן און אין די טראַנשייען. פלינקע לייט פון אַן אַמעריקאַנער פילם־געזעלשאַפט האָבן אים דאָרט ערגעצוווּ געהאַט אויפגעזוכט אויף אַ פראָנט־סעקטאָר און פאַרגעלייגט אים צו דרייען אַ טראַגישן ליבע־פילם אויפן פאָן פון די געשעענישן אין שפּאַניע. ער האָט זיי געטריבן פון זיך, געדראָאָט זיי אַפילו מיטן רע־ וואָלווער. זיין גרויסע ליידנשאַפט אין שפּאַניע איז געוואָרן די באַרג־אַרטילעריע. איז ער דאָך אַמאָל געווען אַ יונגער לייטענאַנט אין דער עסטרייכישער אַרמיי ביים קייזער פראַנץ־יאָזעף — דער אַל־ טער עסטרייכישער קייזער מיט די מיד־אַראָפּגעזונקטע באַקנבערד, וועלכער האָט אין זיינע אויגן גיכער אויסגעזען ווי עפּעס אַן אָפּערע־ קעניגל. אין יענער מלחמה האָט ער געזען אַ סך טעאַטראַלן עפעקט. מיט יענער מלחמה, האָט ער אַ שטיק צייט געמיינט, זענען די מענטשן און די פעלקער אויף אַן אמת פריי געוואָרן. אַצינד איז ער

געווען אַ מיטליאַריקער, צוריק אַן „אָסט־יודע“, אָבער די ענערגיע פון זיינע זיידעס, די באַרג־יידן, האָט נישט אויפגעהערט צון זידן אין אים.ס׳האָט אים נאָר געקרענקט, וואָס די אַלע — און אויך ער — האָבן געדינט פרעמדע געטער. ס׳איז אים אַ חרפּה געווען פאַר יענע וואַרשעווער יידן, פאַר די ביטערע עקשנים. בעת זיין קורצן פאַרברענגען אין פּוילן, האָט ער אָט די ביטערע יידישע עקשנות צוריקגעפונען. מיט דערזעלבער פרומער גלויביקייט, וואָס דער ייד אין דער קאַפּאָטע האָט געדינט זיין גאָט, זענען די זין און די טעכ־טער אַוועק אין די תפיסות, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ געגאַנגען צו דער תליה. ער האָט דורכגעלעבט עפּעס ענלעכס, ווי דאָס יינגל, ווי הירש.

— מיר האָבן געדינט פרעמדע געטער! — האָט ער זיך נישט געקענט שענקען.

סיי ערווין רענער און סיי גריגאָרי אַדלער האָבן זיך איבערגע־קוקט. זיי האָבן זיך פונדעסטוועגן דערפילט אַביסעלע נישט באַ־קוועם. פאַר זיי איז איצט געזעסן דערזעלבער „שיילאָק“, דער צע־בראָכענער געטאָ־ייד.

— ווערסט אַלט, קורט! — האָט ערווין רענער באַוויזן זיינע שיי־נע, געזונטע ציינער אונטער דעם מאָנגאָלישן שנור־באַרט, דער־כאַפּנדיק, אין אָפּשיין פון די פאַנטאַסטישע פייערן, אַלע קנייטשע־לעך אויף זיין גרימאַסע — אָט אַזוי האָב איך דיך צום ערעשטן מאָל געזען שפּילן „שיילאָקן“. דאָס וואָר געוויס אים יאָרע 1921, בורג־טעאַטער, האַרבסט־סעזאָן, ניכט וואַר, מיין יונגע? יענע ווינער און בערלינער יאָרן...

גריגאָרי אַדלער האָט נישט געלאַכט. די דיקלעכע אונטערשטע ליפּ איז אַראָפּגעהאָנגען קינדעריש־אומבאַהאָלפן. ער האָט אים בלויז אָנגענומען אונטערן אָרעם, ווי מען נעמט אַן אַ קראַנק קינד, און אַליין, אַ געבויגענער, מיט אַן אויסגעהאָרעוועטער פּלייצע, ווי ביי אַ יידישן שניידער, האָט ער אים געפירט מיט זיך איבערן טראָ־טואַר. סיי־ווי האָבן זיך שוין אַלע געהאַט אויפגעשטעלט, ווייל די צערעמאָניע אין פּאַרק האָט זיך, מיטן צופאַלן פון בלויען אָוונט, שוין געהאַט אָנגעהויבן. די מוזיק אין דער טיף פון פּאַרק האָט גע־שפּילט אַלטע, קלאַסישע און נייע, שוועבנדיקע מעלאָדיעס. די

פרויען זענען מערסטנטייל געווען אין ווייסן און ס'איז שיין געווען אין דעם וואַרעמען, זומערדיקן יולי־אָוונט דער ווייסער פלאַטער, אין שאַרך פון זייערע קליידער.

די שטומע, קענגילעכע פּאַלאַצן פון לואי דעם פערצנטן, פון מאַרי־אַנטואַנעטע, פון די נאַפּאָלעאָנס, האָבן שוין לאַנג נישט געזען אַזעלכע המונים, ווי אין דעם אָוונט. די שורות בלינדע, אויסגעלאָשענע פענצטער האָבן אויפגעהעלט פון די פייערן אין פּאַרק. פון די שטיינערנע טעראַסן־אַראָפּ האָט די מאַסע געשטראָמט צו די אַלייען, צו דער קייט אָזיערעס, אַרומגעשטעלט מיט די באַקעטע גריכישע געטינס און עקזאָטישע ספּעקטן־ביימער. די פייערלעכקייטן זענען געווען אָפיציעלע. עס האָט דאָ נישט געהילכט אין דעם אָוונט די „קאַרמאַניאָלע", ווי אויף די ברוקן פון פּאַריז, ווען דאָס פאָלק פון די פאַרשטעט פאַרהילכט די בולוואַרן מיטן ליד פון די פּאַריזער קאָמונאַרן. דער אָרקעסטער פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע איז געווען אינסטאַלירט אויף דער קליינער, פאַרמאַכטער עסטראַדע, צווישן קריכנדיקע פלאַנצן. זיי זענען געווען אין פייערלעכן טראַכט. די אָזיערעס האָבן אַלעמאָל שאַרף אויפגעלויכטן, ווי אינמיטן העלן טאָג, אָפּגעשפּיגלט צעשווומען די פאַרביקע המונים, וואָס האָבן פאַרפולט די ברעגעס. די גרינע, רויטע און געלע פייערן האָבן פון ערגעץ אויפגעשאָסן אין הימל אַריין, אויפגעלויכטן אין אַ פייערדיקן האַלב־קרייז און צוריק אויסגעלאָשן זיך.

— מערקווירדיק, ווי די אַלע שיינע פאָלקס־יום־טובים זענען עפּעס פאַרוואַנדלט געוואָרן ביי זיי אין אַ מין קריסטלעכן קאַרנאַוואַל. ס'איז שיין, אָבער קאַלט. ס'פעלט דער אינערלעכער פייער. קומט אַהין — האָט גריגאָרי אַדלער זיי גערופן — קומט אין די קליינע, אַנגערויכערטע ביסטראָס אַרום באַסטיל און אַרום סען־פּאָל, אויף לאַ־ווילעט און אויפן בעלוויל, ווו די קליינע, אָנגעפּאַרבטע מאַגאַזין־מיידלעך פרייען זיך אין די אָרעמס פון די צעוואַקסענע יונגעלייט מיט די הויכע אַקסלען, ווו די אַרבעטער פון די „רענאָ" און „סיטראָען"־פאַבריקן, אין די בלויע אַרבעטס־קאָמביניאָנען, זינגען די „קאַרמאַניאָלע" ביי אַ רויטן שאַפּין וויין. דאָרט וועט איר עפּעס אַנדערש דערפילן. זיי דאָרטן טראָגן, אפשר אַליין נישט ווויסנדיק, די שיינע, העראָאישע טראַדיציעס פון זייערע על־

טער־זיידעס, וואָס האָבן אויפגעריסן די ברוסטן קעגן טיערס מער־דערישע באַטאַליאָנען און געשריגן: „שיסט, אויב איר האָט מוט!״... זיי האָבן געהאַט דעם טרויעריקן מוט... דאָס זענען דאָך, נאָך אַלע־מען, דיזעלבע מערדער, מיינע פריינט...

— אַז מען וויל, איז עס אויך ראָמאַנטיק — האָט נישט דרייסט אַריינגעוואָרפן דער אונגאַרישער ייד קעסלער — אַלע שיינע אי־דעאַלן און באַוועגונגען עוואָלואירן און — דעגענערירן. די ספּאַר־טאַקוס־באַוועגונג אין אַלטן רוים, די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און אַלע איבעריקע דאָרט... פון אייגענעם קרייז איז שווער צו אַנט־לויפן. אַזוי איז דער מענטש. ס׳ליגט אפשר אינעם מענטש גופא. מען דערגייט סוף כל סוף צו דיזעלבע מעטאָדן. ס׳ווערט פון אַלעם נאָכ־דעם עפּעס אַ ווייטער דערמאָנונגס־יום־טוב, אויסגעהוילט פון יעדן לעבעדיקן אינהאַלט...

דאָ האָט אים שוין גריגאָרי אַדלער שאַרף אַ באַקוק־געטאָן:

— מען עוואָלואירט נישט סתם, יונגערמאַן, ווען מען האָט פאַר זיך אָט די אַלע געשיכטלעכע טעותים. די געשיכטע דרייט זיך קיינ־מאָל נישט אויף צוריק. דער בעסטער באַווייז איז — דאָס ווילדע קריצן מיט די ציינער פון אָט די אַלע וועלף...

זיי זענען איצט שוין פאַרבליבן אַ קליינע גרופּע אין דער זיי־טיקער אַליי, אויף די צוויי צוזאַמענגערוקטע בענק, אַביסעלע אינאַזייט פון טומל, אַרום די אויפגעלויכטענע אַזיערעס. ס׳האָט גע־נומען ווערן שפּעטלעך.

פאַר הירשן איז עס ווידער געווען אַן איבערבלייבעניש פון דער אַטמאָספער אין וואַרשע, אין יענע לעצטע טעג. ס׳האָט געצאַנקט. דאָס ייִנגל איז אומעטום געקומען ווי צום זון־פאַרגאַנג. דער גרוי־אינקער טאָני מינסקער, קאַזשען, וועלכער וואַקסט אַלעמאָל אויס אויפן מאָנפאַרנאַס אַרום האַלבער נאַכט, אין אָפּגעטראָגענעם, פּליור־שענעם רעקל, און טרינקט אַן אויסגעקילטע קאַפּע, ווען די טעראַסן ליידיקן זיך אָפּ.

— ס׳ווערט קיל — האָט דאָרט עמיץ זיך אָפּגערופן פון דער מיט און אַלע האָבן זיך מיט באַטראַכטע שפּרייזן געלאָזן צום אַרויסגאַנג. הירש האָט געפילט, ווי קורט ווינקלערס האַנט לייגט זיך אויף זיין שויבערל: „ווערסט נאָך אַמאָל בויטיק זיין יענע יידן פון די אָרעמע

וואַרשעווער גאַסן״. פון דער מיט האָט זיך אַלץ געהערט די שטילע, אָבער איינגעשפּאַרטע שטים פון גריגאָרי אַדלער:

—...מאַרינאַ? ווער געדענקט אים נישט, דעם ווילדן, אַרומגערי־סענעם שפּאַנישן יונג פון יענע יאָרן, אין דער צירק־בודע „דער בינשטאָק״, ביי פּאָרט דע ווערסאַיל. קיינער האָט אים נאָך דעמאָלט נישט געקענט, אויסער מיר, די באַנדע הונגעריקע באָהעמען. דורך אַ צופאַל איז ער דערנאָך אַרויפגעשווומען. ער איז שוין אָבער דע־מאָלט גרויס געווען. עטלעכע מאָלער און באָהעמע־מיידלעך האָבן זיך איינמאָל, געדענק איך, געהאַט אויסגעבאָרגט עלעגאַנטע פראַקן, קרינאָלינעס, הוטן און צילינדערס און זענען אַוועק צו איינעם פון די גרעסטע קונסט־הענדלער אויפן אַלטן מאָנמאַרטר, נאָכפרעגן זיך אומישנע אויף בילדער. „צי האָט איר נישט די לייוונטן פון אַ גע־ווויסן מאַרינאַ?״ — האָבן זיי געפרעגט. יענער האָט קוים געהערט אַזאַ נאָמען. האָבן זיי געלאַכט און אָפּגערופן זיך: „און מיר האָבן געמיינט, אַז איר קענט אַלע היינטצייטיקע מייסטער״. האָט ער זיך טאַקע דערמאָנט וועגן די בילדער פון דעם אַרומגעריסענעם באָהעם, וואָס וואַלגערן זיך ערגעץ ביי אים אין אַ קעמערל... פון דעמאָלט אָן איז ער אַריין אין דער מאָדע. איך דערצייל וועגן אַ צופאַל, וואָס האָט אַרויסגעפירט אַ גרויסן קינסטלער, וועלכער האָט געקענט פּונקט אַזוי צופעליק אויסגיין פון הונגער אויף אַ מאַנסאַרדע און מען זאָל זיך דערנאָך ערשט צופעליק כאַפּן, אַז ס׳איז אויסגעגאַנגען אַ גאון. מענטשן טייטשן אַריין פאַרשידנס אין זיין מאָלעריי. איך מוז זאָגן, אַז כ׳פאַרשטיי אים איבערהויפּט נישט. נאָר איין זאַך איז מיר קלאָר געוועז פון סאַמע אָנהייב אָן — ער ווייזט מענטשן און זאַכן אין קווערשניט, אָפן, ציניש, נאַקעט־הויל. אויב דאָס איז עס, דריקט ער גוט אויס אָט די וועלט...

## קאַפּיטל איינאונצוואַנציק

## נישט קיין חלום...

פון פּאָרט ד׳אָרלעאַן ביז צו דער וויטעלכער פאַרשטאָט באַניע, צום שטילן בית־עולם מיט דער אַליי פון יידישע קברים, זענען אַלע פינף מינוט אָפּגעפאָרן פול־געפּאַקטע אויטאָבוסן. אין די רייען, אויף

דער פלאַטפאָרמע און אין די שמאָלע דורכגענג, האָבן זיך די עט־לעכע היימישע באַלד דערקענט. אין דעם וואָכעדיקן טאָג האָט יע־דער איינער אַוועקגעוואָרפן זיין באַשעפטיקונג און אַ קליין הייפל פריינט איז געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד דער פרי־געעלטער־טער שוישפּילערין מאַניע לערנער, וואָס איז דאָ פלוצים אויסגע־גאַנגען ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם שפּיטאָל.

קיינער האָט אַפילו געגוי נישט געוווסט וואָס איר איז געוועז. איר פּלוצימדיקער טויט איז פאַר אַלעמען געוועז אַן איבעראַשונג. אַז אַ מענטש דרייט זיך אַרום צווישן אַלעמען, באַמערקט אים גע־וויינלעך קיינער נישט. קיינער האָט קיינמאָל געגוי נישט געוווסט פון וואָס זי לעבט, ווו זי וווינט. אין איר מויל איז דאָס וואָרט פון אונדזערע קלאַסיקער און פון אונדזערע מאָדערנע שרייבער, געוועז פול מיט טיפער איבערלעבונג. זי האָט דאָ אַ שטיקל צייט געשפּילט אין אַמאַטאָרן־טעאַטער, ווו עס קומט אַ שיטערער עולם באַזוכער, און האָט געחלומט פון יענע יאָרן אין דער „ווילנער טרופּע". זי האָט אָנגעהערט צו אַן אַנדער דור, אָן שום ספק אַ שענערער דור. אין יענע יאָרן, אַמאָל, איז די טרופּע געוועז אויף טריאומף־רייזעס אי־בער די הויפּט־שטעט פון אייראָפּע. עס זענען געוועז אַפּלאָדיס־מענטן, בלומען און רווישיקע באַנקעטן. דערנאָך, ווען אַלע זענען זיך פאַנאַנדערגעפאָרן, איז זי דאָ אומגערן געבליבן שטעקן אין פאַ־ריז, אויף דערוויל.

אַ פלאַם האָט אַלעמאָל געשלאָגן פון אירע מאָגערע באַקן. איר קליין, הייס מויל איז געוועז ווי אַ דינע, עקספּרעסיווע קויל־צייכע־נונג. אַ גרויער, עקסטראַוואַגאַנטער הוט האָט פאַרדעקט אירע לאַנגע האָר, וואָס האָבן זיך שוין דאָ און דאָרט געזילבערט און צעשאָטן זיך אויף דער טונקעלער פעלערינע, שפּרייזנדיק אויפן בולוואַר. זי האָט געשפּרייזט ווי אין חלום. זי איז געוועז אַ קרבן פון די זיי־טיקע האָטעלן אין פאַריז, ווו מען גייט אויס פון איינזאַמקייט.

אויף דער פלאַטפאָרמע לעבן הירשן האָט זיך מיטגעשאָקלט דער אַלטער טאַני מינסקער. „עפּעס פיל איך עס אויף מיין געוויסן — האָט ער געריידט שטיל, מיט באַדויערן — זי איז אפשר אויפן גע־וויסן פון אונדז אַלעמען, פון אונדזער פאַריאָגט לעבן אין דער גרוי־סער, פרעמדער שטאָט".

נאָענטביים אָפּשטעל האָט זיי אָנגעיאָגט אַן אויטאָ באַלייגט מיט קרענץ, און פון דאָרט איז פלינק אויסגעשטיגן דער זשורנאַ־ליסט הענדלער. ער האָט זיך גלייך־געמאַכט דעם העל־געשפּריצטן אָנצוג, אַ קעם געטאָן דעם שויבער און האָט זיך מיט ענערגי־שע טריט געלאָזן גיין צום טויער. הינטער די ווייַנעדיקע ווערבעס, ביים אַריינגאַנג, האָט זיך שוין געהאַט אָנגעקליבן אַ קליינע גרופּע — עטלעכע אַרטיסטן, שרייבער, קולטור־טוער. מען האָט דאָ אַ ליאַדע מינוט דערוואַרט דעם שוואַרצן וואָגן מיטן ארון. ס'איז געווען אַ צופעליקער, געלעגנהייטלעכער צוזאַמענקום אין די הייסע חדשים פון מיטן זומער, ווען אַלע צעפאָרן זיך געוויינלעך אין די פּאַרשי־דענע ווינקלען פון לאַנד. אָבער דאָסמאָל זענען אַלע סיי־ווי מיט עטלעכע טעג פריער שוין געהאַט אָנגעלאָפן זיך קיין פּאַריז. די אומרואיקע נייעס האָבן דאָרט קיינעם נישט געלאָזן איינזיצן. הענד־לער האָט זיך פאַריכט דעם קראַוואַט און גיך־גיך עפּעס פאַרצייכנט אין אַ נאָטיץ־ביכל. „מען ריכט זיך אויף געשעענישן" — האָט ער זיך געקאָכט און איז ווייטער געלאָפן.

די עטלעכע באַקאַנטע זענען דערנאָך לאַנגזאַם געטרעטן הינטערן שוואַרצן וואָגן, איבער די שטילע אַלייען, פאַרגאָסן מיט פריי־האַרבסטיקער זון. ס'איז געווען אַ בלענדיקער טאָג, אַ דורכזיכטיקער. אַ שאַרפער ווינט האָט געבלאָזן אין רוקן.

— זי האָט געחלומט פון אַ בעסער יידיש טעאַטער, האָט גע־הונגערט און נישט געוואָלט שפּילן קיין שונד — האָט זיך דאָרט עמיץ אָפּגערופן אין דער מיט.

קיינער האָט נישט דערווידערט און מען איז ווייטער שווייַגנדיק נאָכגעגאַנגען טריטוויַיז. עפּעס צו בחפזון איז די גאַנצע צערעמאָניע צוגעגאַנגען. דער איינציקער, וואָס האָט זיך אויפגעשטעלט און גע־זאָגט אַ פּאָר ווערטער ביים אָפענעם קבר, איז געווען הענדלער. אַלע האָבן אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט צעטרייסלט די קלינגענדיקע שטילקייט. דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, איז דווקא גע־ווען זייער אמת.

— דאָס בינע־ליכט — האָט ער געזאָגט פייערלעך — האָט זיך פּאָר איר איינמאָל געהאַט אָנגעצונדן אין יענע קליינע יידישע שטעטלעך, פונוואַנען מיר אַלע קומען און וווהין מיר וועלן אייביק

בענקען. אויסגעלאָשן האָט זיך עס דאָ, אין דער פרעמד. זי האָט דאָ געזוכט דאָס ליכט און די וואַרעמקייט פון אונדזערע היימישע פייערלעשער־שאָפעס. דער בלענד פון די גרויס־שטאָטישע, קאַלטע ליכטער האָט איר אַלט און בלינד געמאַכט און מיט יענער וויזיע האָט זי דאָ אויסגעהויכט די נשמה אין אַ פרעמדן, עלנטן שפּיטאָל...

ער האָט נאָך דאָרט געדעדט וועגן דער אויסגעחלומטער וועלט פון אַ קינסטלער, וואָס אַליין פּלאָנטערט ער זיך אַ גאַנץ לעבן אַרום און פאַרפּלאָנטערט זיך אַלעמאָל אין אונדזער האַרבער, טרויעריקער עקזיסטענץ. די ביאָגראַפיע פון אַ קינסטלער, האָט ער געזאָגט, איז אַלעמאָל טרויעריק און שיין, מער טרויעריק, ווי שיין...

אַליין איז ער גאַנץ ווייט געווען פון דעם אַלעמען. נאָר ביי אַזעלכע געלעגנהייטן איז ער אַלעמאָל פּלוצים אויסגעוואַקסן און האָט זיך ליב געהאַט צו פּאָרען. אַליין האָט ער זיך גאָר פאַרנומען מיט גאַנץ פּראָזאישע זאַכן; קונסט־פּאַרמיטלעריי, געשעפטן, אַביסל זשורנאַליסטיק און ס'איז אים, זעט אויס, גאָרנישט שלעכט געגאַנגען. אין די קאַפייען, וווּ ער האָט זיך באַוויזן, איז ער געווען ברייטלעך, געריסן זיך צו צאָלן פאַר אַלעמען. מען האָט עס אויסגעטייטשט מיט דער אַלטער שוואַכקייט, ווען ער אַליין האָט אַמאָל אונטערגעזינדיקט מיט שרייבן לידער. אַן אַלטע שוואַכקייט, אָבער גאָר פרי האָט ער זיך געכאַפּט, אַז פון די אַלע זאַכן גייט מען אַרום מיט אויסגעריבענע הויזן און אַז, ווי גוט די לידער זאָלן נישט זיין, וועקסטו ביי קיינעם נישט קיין רעספּעקט, פאַרקערט. בלויז ער אַליין האָט געוווסט צו רעספּעקטירן אַזעלכע; ס'איז אָבער געווען אין דעם אי רעספּעקט, אי פאַרשטעלטער ביטול. דעם מרה־שחורה־דיקן קאָזשען, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט אין די קאַפייען אויפן מאָנפּאַרנאַס, האָט ער אַלעמאָל צווייריייטיק אַריינגעזאָגט און מיט־פילנדיק געקלאַפּט אים אין דער הויכער פּלייצע: „יענע זאַכן אייערע, ווייסט איר, ליגן מיר נאָך אין טעם. פונדעסטוועגן מוז מען זיך פאַרנעמען מיט פּראָזאאישע זאַכן, כדי צו באַצאָלן פאַר דער קאַפּע, אַז?". ער האָט אים אַלעמאָל שאַרף אויסגעמיטן, קאָזשען, נישט געקענט אים פאַרטראָגן. זיינע רייד איבער אים זענען געווען ווי דאָס קראַקען פון אַ קראָ. הענדלער איז טאַקע געווען פון די לעצטע קראָען אין די פּוסט־געוואָרענע קאַפייען אויפן מאָנפּאַר־

נאַס. זעלטן־ווער ס׳האָט דאָרט פאַרבלאָנדזשעט אָוונט־צייט. אָבער קאָזשענען האָט מען נאָך אַלץ, אַרום האַלבער נאַכט, געטראָפן אַרומדרייען זיך דאָרט.

קיינער האָט שוין דערנאָך מער נישט געדענקט וואָס פאַר צו־פאַל ס׳האָט זיי צוזאַמענגעבערענגט. מיט אַלעמען אין וואָגן איז איינ־געשטיגן הענדלער. עמיצער האָט דעם שאָפער געהייסן אָפּשטעלן זיך אויפן בולוואַר מאָנפּאַרנאַס. דער פאַרנאַכטיקער בולוואַר איז געווען אָפּגעגאָסן אין בלענדיקייט, ווי צעשמאָלצענער קופּער. אין דעם פאַרנאַכט זענען אַלע טעראַסן און אַלע טישלעך געווען פול באַזעצט. ס׳האָט זיך דאָרט געראַיעט, ווי אין די אַלטע, גוטע צייטן. די גאַס איז געווען פאַרשטעלט מיט מאַשינעס, אָבער די נעאָן־פייערן האָבן נישט געבלענדט ווי אַמאָל. די שיין האָט זיך געלאָשן אין די בלינד־פאַרקלאַפּטע פענצטער פון די אויבערשטע שטאָקן. די גאַס אונטן האָט זיך געאיילט, געלאָפן ערגעצווו אין דער פלוצים־אָנגעפאַלענער טונקלקייט.

זיי האָבן דאָ קוים אָפּגעזוכט אַ ווינקל אין קאַפע „דאָם" און באַ־שטעלט ביי די צעטומלטע גאַרסאָנען צום טרינקען. אין די לעצטע וואָכן, זינט קורט ווינקלער איז ווידער ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, האָט הירש געפילט, אַז עפּעס דאַרף דאָ געשען. ער איז געווען ווי דער שטורעם־פויגל, וואָס דערפילט דעם אָנקומענדיקן געוויטער. נאָך איידער וואָס, האָט זיך דער געוויטער אַריינגעריסן צו אים, אין זיין נעסט. ס׳איז אומעטיק געווען אָוונט־צייט אַריינצופאַלן און סטערקען נישט צו געפינען. אַלע טויטע זאַכן אין שטיבל האָבן, אין זייער צעוואָרפנקייט און אומאָרדנונג, דערציילט וועגן איר אומ־געדולד, וועגן איר אומרו. די ליבע שאָטנס פון נעכטן האָבן גע־שראָקן. ס׳איז דאָ אַלץ צוריק געווען פרעמד.

ער האָט געשוויגן. ער האָט דערפילט, אַז ס׳איז אַ לעצטער פאַר־נאַכט. מען האָט לאַנגזאַם געזופּט פון אויפרייצנדיקן געטראַנק, וואָס הענדלער האָט פאַר אַלעמען געלאָזן באַשטעלן. גערעדט האָט ווידער הענדלער. אַלע האָבן דערפילט, אַז דאָס וואָרט קומט אים איצט. ער איז געווען אין זיין עלעמענט. און ביי הירשן האָט זיך אַלץ געפּלאָנטערט אַ שורה פון אַ יידישן דיכטער: „ס׳איז שיין, ווען שטורעמס קומען אָן". איין הענדלער האָט נישט פאַרלוירן זיין האָ־

פערדיקייט אין שיין פון די אָנקומענדיקע שטורעמס. טאַני מינס־קער איז געוואָרן נאָכמער איינגעבויגן, איז אַריינגעוואַקסן אין זיך, איז אַזויווי קלענער געוואָרן.

מען איז זיך צעגאַנגען שוויינגנדיק, יעדער האָט זיך פאַרלוירן אין געדראַנג פון דער אָונטיקער מעטראָ. ס'איז געווען אַ שווערער, דערדירקנדיקער טאָג. סטערקע איז אין שטוב נישט געווען. ער האָט פאַרהאַנגען דאָס פענצטער און ביים שיין פון אַבאַזשורל, געבלענדט זיך די אויגן ביז שפעט איבערן באַרג צייטונגען. מען האָט דאָ גאָרנישט געקענט קלוגער ווערן. פון יעדער שורה האָט געשריגן פאַרדאַכט. ס'איז געוואָרן אומהיימלעך צווישן די פיר ווענט. וווהין גייען מיר? אַלץ האָט באַנג געטאָן. ער האָט מער נישט געדענקט ווען זי איז אַהיימגעקומען, ער האָט שוין מער נישט געפרעגט. ער האָט דערפילט דעם טיפן פאַרדרוס, אַז זי איז אים אַפילו קיין חבר נישט. אַ פרעמדע, און פונדעסטוועגן...

פאַרטאָג האָט זיי צום ערשטן מאָל איבערגעוועקט די סירענע. אין געדיכטן שלאָף, האָט זי געוואָיעט לאַנג, טרויעריק, ווי אַ וועלט־אונטערגאַנג. אַזוי צעטראָגן איז זי נאָך קיינמאָל נישט געווען. זי האָט פאַרגעסן אין אַלעמען און איז די ערשטע אַרונטערגעשפרונגען פון די שטיגן. אין אַלע קעלערן פון הויף האָט ער זי דערנאָך אַרומגעזוכט, צווישן די איבערגעשראָקענע מענטשן. מ'האָט געמיינט, אַז אַ ליאַדע מינוט נעמען פאַלן דייטשע באָמבעס איבער פאַריז. אַ מיטל־יאָריקע דאַמע, אין אַ צו־לאַנג נאַכט־העמד, אין אַ שטרענג־אָנדולירטער, הויך־אויפגעגאָרנטער פריזור, האָט געחלשט. מען האָט זי דאָרט געטראָגן איבער קעפּ. אַן עלטערער מאַן האָט געלאָזן פאַלן: „די שווינדלער... זיי האָבן אונדז ווידער שיין דערפירט". די הויז־וועכטערין פון נומער 16, מיטן גרויען מכשפה־קאָפּ, האָט געשנורעוועט די ליפּעלעך: „די אויסלענדער... די מעטעקעס". יונגעלייט האָבן זיך געוויצלט און די מיידלעך האָבן זיך געטוליעט צו זיי. מען האָט זיי איצט אָנגעקוקט קרום, די יונגעלייט. זייט עטלעכע טעג ווי די מאָביליזאַציע איז פאַראָרדנט געוואָרן און זיי האָבן זיך נאָך דאָ אַלץ אַרומגעדרייט.

אינדערפרי איז געווען אַ קילע זון. סטערקע האָט זיך געקליבן ערגעץ און ער האָט אַפילו מורא געהאַט איבערצופרעגן ווו זי גייט.

זי האָט געהאַט אַן אָנגעברוגזטן פּראָפיל, ווי אין אַלעם וואָלט ער שולדיק געווען. ער האָט זיך דערנאָך לאַנג אַרומגעשלייכט איבער די גאַסן. אין אַ קאַפע האָט מען אים שווייגנדיק דערלאַנגט אַ גלאָז ביר און — ווי מען וואָלט אים אינגאַנצן נישט באַמערקט. ווי מענטשן האָבן זיך געענדערט איבער נאַכט. ס'איז געווען די נייגעריקייט, וואָס האָט אים דערנאָך פאַרפירט צו די פריילעכע קאַפייען אויף זשאָרעס, הינטער די רויטע לעמפלעך. דאָ האָט אַלעמאָל געווימלט אַן עולם אַראַבער, וואָס האָבן געדיכט אַרומגעשטעלט די האַלב־נאַקעטע מיידלעך. אין דעם אָוונט האָבן אויך די מיידלעך מער נישט געלאַכט. די פריילעכע מוזיק איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַלץ איז דאָרט צוגעגאַנגען שווייגנדיק, ווי אין אַ קירכע.

מיטן אַלטן טאָני מינסקער איז ער געגאַנגען איבערן בולוואַר, וואָס איז אין דעם אָוונט צום ערשטן מאָל פאַרטונקלט געוואָרן. עס זענען געגאַנגען אַבלאַוועס. פּאָליציי־לייט און ציווילע זענען געווען אויסגעשטעלט אין דער גאַנצער ברייט פון גאַס, פאַרהאַלטן, לעגי־טימירט. טאָני מינסקער האָט אים אַ צי־געטאָן אין אַ זייטיק געסל און דורכן קאַנאַל האָבן זיי דורכגעשניטן די גאַס ביז צום פּלאַץ רעפּובליק.

— האָסט געהערט דעם טומל, וואָס דער הענדלער מאַכט אַרום דעם דייטש־סאָוויעטישן פּאַקט? „פּאַראַט, שרייט ער, פּאַראַט!". ער האָט היינט אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל מיט אַ גרויסן קאָפּ: „מען האָט אונדז פאַרשעמט"...

— כ'פאַרשטיי נישט אַלץ אין דער פּאָליטיק — האָט הירש גע־זאָגט — נאָר איין זאַך איז מיר קלאָר, אַז פּונקט ווי עס וואָלטן זיי באַפאַלן דריי באַנדיטן... אויב ס'האָט זיך זיי איינגעגעבן צייטווייליק איינעם צו נייטראַליזירן, האָבן זיי קלוג געטאָן.

ס'איז פונדעסטוועגן שווער געווען אָפּצורייסן זיך פון פּאַריז אין יענע טעג. אינעם גאַנצן וועלט־אומגליק, וואָס האָט זיך ווי אַ כוואַ־ליע אָנגעשלאָגן אין די ברעגעס פון דער וועלט־שטאָט, איבערגע־גאָסן מיט געוויש, איז געווען אַ סך עמאָציע. אַלע האָבן געזען ווי ס'איז געלאָזן געוואָרן אין גאַנג דער אַלטער אַרסענאַל פון דעמאַ־גאָגיע און ביליקער פּאַטריאָטיזם, וואָס גרענעצט זיך מיט פּאַראַט. סך־הכל דריטהאַלבן יאָר ווי הירש האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט אין

אַט דעם קאָסמאָפּאָליטישן קעסל, ווו ס׳איז שוין איצט מער נישט געווען קיין לופט צו אָטעמען פאַר אַן אויסלענדער — דער קרומער, שטעכיקער בליק פון יעדן שכן, דאָס צווייי־דייטיקע לאַ־כעלע פון דער הויז־וועכטערין יעדן אינדערפרי: „איר זענט נאָך דאָ? אַבי כ׳האָב געמיינט, איר זענט שוין אין דער אַרמיי״... די „פרעמדע״ האָבן, לויט זיי, געגעסן דאָס ברויט פון לאַנד און אַלע האָבן זיי געמאַכט גוטע געשעפטן....

ס׳איז געווען אויך אַ געמיש פון נייגער צו גיין אַריינוואַרפן זיך אין גרינעם מונדיר, נעמען אַ ביקס אין דער האַנט אַריין און פאַר־וואַרפן ווערן ערגעץ אויף אַן אומבאַקאַנטן סעקטאָר, „ערגעצווו אין פראַנקרייך״. וואָס צו פאַרלירן איז סיי־ווי נישט געווען. דאָס לאַנד, די ווייטע היים, איז געלעגן אין פייער, דער כעס האָט געוואָרגן. אויך איז די שטילע נעסט געוואָרן אַ שטילער גיהנום, מען האָט זיך געפּרעסן מיט דער אומצופרידנקייט, אַן רייד. צווישן די פיר ווענט האָט געווייעט אַ ווינט פון אומעט. זי איז יאָ געווען אין שטוב, נישט געווען אין שטוב. נאָך די ערשטע אַליאַרעמען איז זי געווען אינגאַנצן צערודערט, איז אָפּט פאַרפאַלן געוואָרן.

אין די קאַפייען אויפן מאָנפּאַרנאַס האָט מען אַצינד יעדן טאָג באַגעגנט פרישע פנימער. ס׳איז צוריק געווען עפּעס אַן אָפּשיין פון יענע יאָרן. מען האָט נאָך דערווייל געטרונקען עכטן קאַפע, מיט אמתן צוקער, אַנשטאָט סאַכאַרין, כאָטש עס זענען שוין אָנגעזאָגט געוואָרן באַגרענעצונגען און לעבנס־מיטל־קאַרטן. צווישן די אָפּי־צירן, וואָס האָבן פאַרפולט די טעראַסן און הויך געפּלוידערט, אין דער געזעלשאַפט פון שיינע פאַריזערינס, האָט מען דערזען פרעמדע פנימער פון ציווילע, איבערהויפּט פּאָליאַקן און פּוילישע יידן. זיי זענען נאָר־וואָס געקומען אַנטלויפן איבער גרענעצן פונעם לאַנד, וואָס האָט זיך פאַרטיידיקט העלדיש אין משך פון עטלעכע וואָכן און איז שוין איצט פעסט געלעגן אונטערן דייטשן שטיוול. פאַריז איז צוריק געוואָרן דער צייטווייליקער אינזל פון די שיף־ברוך־גע־ראַטעוועטע. נישט אַלע, זעט אויס, זענען געווען אַזוי שטאַרק באַ־צערט. ס׳האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די, וואָס האָבן אַוודאי אַרויסגעראַטעוועט פון דאָרט היפּשע פאַרמעגנס, אַזעלכע, וואָס האָבן זייערע פאַרמעגנס שוין פונלאַנג מסתמא געהאַט אין די אויס־

לענדישע בענק. ווי עס מאַכט זיך. זיי האָבן דאָ געמאַכט זייער אָפּ־שטעל אין פּאַריז, כדי צו פאָרן ווייטער. זיי האָבן אָבער געוווסט, אַז אויך דאָ איז נישט דאָס זיכערע אָרט. מען האָט זיך דערוויייל גע־פּאָרעט אַרום דער נייער פּוילישער רעגירונג, וואָס איז צונויפגע־רופן געוואָרן אין פראַנקרייך, און אַרום דער צוגרייטונג פון דער „פּאָלקס־באַראַטונג" אין גלות...

— טרעף וועמען איך האָב דאָ געזען? — האָט אים טאָני מינס־קער אָנגעזאָגט, הירשן — וועסט נישט טרעפן. צעלינאַ חיות מיט נאַ־טאַנען, געדענקסט? האָסט מיר אַמאָל דערציילט. ברוינער איז אויך דאָ. זיי זענען אַלע דריי געקומען אַנצולויפן דורך רומעניע.

ס'איז אים צוריק אויפגעגאַנגען דער ליטעראַטן־פּאַריין, דער באַר, די רוישיקע אָוונטן. ס'איז דאָרט אויך געווען אַ מין ערב. ברוינער — עפּעס האָט ער געהערט אַ מורמל פון דאָרט. ער האָט זיך סוף כל סוף אויסגעגליטשט. עפּעס אַ מעשה מיט אַן אָפּאָזיציע. פון צעלינאַ חיות האָט זיך אים געדענקט איר שיינער האַלדז, וואָס האָט דיסקרעט אַרויסגעקוקט פון קליינעם דעקאָלט, דאָס שיינע משפּחה־נעזל און אירע איידעלע, געשניצטע הענט, וואָס זענען דורך די מאָלערס פּאַראייביקט געוואָרן אויף די לייוונטן. ער האָט זיך דער־מאָנט דעם געלן פּאָעט, וואָס האָט געלאַכט: „מיט אַזעלכע איידעלע געשניצטע הענט ווילט איר זיין אַ קאָמוניסטקע?"...

פאָרן קאָפּע־שפּיגל האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ס'פּלאָמט אים דאָס לינקע אויער, ווי דעמאָלט, ווען זי האָט אים געפירט איבער די וואַרשעווער אָוונטיקע גאַסן, ווען זי האָט געלייענט פון אויסנוויי־ניק זיינע יינגלשע פערזן. ער האָט זיך איצט מיטאַמאָל גענומען שעמען פאַר זיינע דעמאָלטיקע פערזן און פאַר דער וואַרעמקייט, וואָס האָט דאָרט אַמאָל געבריט זיין אָרעם.

מיטן אַנגאַזשירונג־שיין האָט ער זיך איצט פריי באַוועגט איבער די אָוונטיקע בולוואַרן. די גאַסן זענען געווען פאַרטונקלט און מען האָט אויף יעדן ראָג געפרעגט דאָקומענטן. אַפילו אין די פאַרטונקל־טע פּאַריזער גאַסן איז געווען עפּעס רייצנדיקס. אויף די בולוואַרן האָבן געשטראָמט קיינמאָל נישט געזעענע המונים. פּאַריז איז גע־ווען איבערגעפולט. מען ווייסט גאָרנישט פונוואַנען ס'האָבן זיך מיטאַמאָל דערנומען אַזויפיל מענטשן. אַרויס פון דער איבערגע־

פֿאַקטער מעטראָ, האָבן אים ווידער פֿאַרלאָקט די פֿייערן פֿון בול־וואַר מאָנפּאַרנאַס, די פֿאַרשטעלטע פֿייערן פֿון „דאָם" און פֿון „ראָטאָנד".

געטראָפֿן האָט ער זיי גאָר ביי אַ טישל אין „קופּאָל". צעלינאַ אַליין איז אַרויסגעלאָפֿן אין דורכגאַנג און האָט אים שטיפֿעריש אָנגערירט ביים אַקסל. זי האָט גלייך דערקענט דאָס ווילדע שוי־בערל זיינס. זיי זענען דאָרט אַלע געוועזן אין דער געזעלשאַפֿט פֿון הענדלערן און פֿון בלייכן מאָנפּאַרנאַס־שאָטן, קאָזשען. ביי הענד־לערן האָבן די אויסגעגאָלטע באַקן געבליט. ער האָט זיך שוין אַרומגעדרייט אין אַ מיליטערישער קעפּי, כאָטש אין ציוויל, און ער האָט שוין אָנדערציילט זיך ניסים פֿון די פֿראָנטן, ווי ער אַליין וואָלט זיך נאָרוואָס אומגעקערט פֿון דאָרט. קאָזשענען איז נישט געוועזן צו דערקענען. ווי דער מענטש האָט זיך געענדערט. אַ תהום האָט אַרויס־געקוקט פֿון זיינע אויגן, די מאָגער־אויסגעגאָלטע באַקן האָבן גע־פֿלאַמט. זי האָט זיך פֿונדעסטוועגן שטאַרק דערפֿרייט, צעלינאַ:

— דאָס האָב איך אים אויפֿגעהאָדעוועט — האָט זי זיך לאַכנ־דיק געריממט פֿאַר נאַטאַנען און פֿאַר ברוינערן, ווי זי וואָלט אַ זאַג־געטאָן, אַ שטייגער, וועגן עמיצן, אַז דאָס האָט זי אים געטראָגן אויף די הענט קליינערהייט.

זי איז דיקלעכער געוואָרן פֿאַר דער צייט. איר שיינעם האַלדז האָט אַרומגענומען אַ שנירעלע איידעלע פּערל. „משפּחה־פּערל" — איז הירשן סתם דורכגעפֿלויגן. ברוינער, כמעט דערזעלבער, האָט געפֿינקלט מיט די אויגן־גלעזער, געדרייט אין אַלע זייטן מיטן נאַ־קעטן לעניך־קאָפּ. ער איז געוועזן אין אַ גרוי־געשפּריצטן ספּאָרט־אָנצוג. עפּעס האָט ער זיך געפֿילט אומבאַקוועם און האָט אַלץ גע־זוכט אַריינצוואַרפֿן אַ פֿאָר ווערטער. נאַטאַן איז פֿאַר די פֿאָר יאָר אינגאַנצן גרוי געוואָרן. דאָס האָט שיין געמאַכט זיין קאָפּ, אָבער אַרום די דיקלעכע ליפּן, אַרום דער נאַקעט־אויסגעגאָלטער גאָמבע, איז פֿאַרבליבן — אויסגעלאַסנקייט און ציניזם. דער וואָלף פֿון דער יידיש־פּוילישער פּרעסע אין וואַרשע האָט דאַסמאָל דערפֿילט, מער אפֿשר ווי אַנדערע, אַז די זיבן גוטע יאָר האָבן זיך פֿאַרענדיקט, שוין אויף שטענדיק. פֿונדעסטוועגן האָט ער נישט אויסגעזען צו זיין אַזוי שטאַרק צערודערט. ער האָט איצט געהאַט זייער וויכטיקע

פלענער וועגן אַמעריקע, וועגן איינשטעלן אַ גרויסן הילף־אַפּאַראַט מעבר־לים. די אינטערנאַציאָנאַלע קאַפּיען און די וועלט־שטעט זענען, נאָך אַלעמען, געווען די נאַטירלעכע לופט פאַר אים צו אָטעמען. ער האָט, לייכט פאַרהאַקנדיק זיך, גערעדט געגוג פריי פראַנצויזיש און געוווסט צו באַשטעלן ביי די גאַרסאָנען די פאַר־שידענע מינים געטראַנקען אין די אייז־קעסעלעך, ווו זיי קילן זיך, די פאַרשטויבטע פלעשער.

— נעם פאַרזוך דעם „פערנאָ״ — האָט ער צוגערוקט צעלינאַן דאָס גלעזל מיטן געלן, מוטנעם אַפּעריטיוו, מיט אַזאַ אָפּגעהיטענער עלעגאַנץ, ווי ס׳וואָלט געווען אויף צומאָרגנס נאָך זייער חתונה. ער האָט געקענט זיין גאַלאַנט. זיין שיינער, גרויער קאָפּ איז אויך עפּעס געווען אין דאָזיקן טאָן.

— לאָמיר טרינקען ווי לאַנג ס׳לאָזט זיך, נישט אמת מעסיע הענד־לער? מיר זענען, אַז מען וויל, די ערשטע קרבנות פון אייער „רויטן גאָט״ — האָט ער זיך לייכט אַ קער־געטאָן צו ברוינערן מיט אַ צוויי־דייטיק לאַכן און האָט זיך באַלד אויפן אָרט באַמיט אָפּצווועגדן דעם שמועס — פוילן, אויף די ברייטע שליאַכן פון אייראָפּע, איז, נאָך אַלעמען, געווען אַ קליין, בידנע לענדל מיט גרויסע אַמביציעס. ביים ערשטן ריר האָט אַלץ געפּלאַצט. איך קען זיי, די אונטער־צינדער, די דייטשן, די פּאַליאַקן, די ענגלענדער, די פראַנצויזן. דאָ אויפן בולוואַר האָבן מיר נישט איינמאָל געטרונקען מיט זיי. ווי איידל זיי האָבן דאָ גערעדט, אויף די בולוואַרן פון פּאַריז. איך ווייס צו וואָס זיי זענען פעאיק. קליינע מענטשעלעך. צוליב דער פּוסטער אַמביציע פון איינעם, זענען זיי גרייט צו לאָזן אויסשחטן אַ מיליאָן...

ברוינער האָט צווישן זיינע פינגער מיט די טיף־אָפּגעביסענע נעגל צעקוועטשט דעם סיגאַרעט און אַ פינקל־געטאָן מיט די גלעזער אין זיין זייט אַריין:

— ס׳איז די דעגענעראַציע פון אַ שיינעם דור, מיין ליבער. מיר האָבן עס באַצייטנס געזען און געוואָרנט דערפאַר...

הענדלער האָט געטרונקען און געלאַכט, ער איז שיער נישט צעפּלאַצט געוואָרן לאַכנדיק. ער האָט פאַרזיכטיק אָפּגעשטויבט זיין מיליטערישע קעפּי און צוריק זי זייטיק פאַרזעצט. ער האָט שוין

איצט געפּלאַפּלט וועגן אַ מיליטערישער אַנטי־אַוויאַן־פֿאָרמאַציע, וואָס קיינער האָט געגנוי נישט געוווסט וואָס אַזעלכעס זי איז. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פולער קעשענע פּאַפּירן און לעגיטי־מאַציעס און אַז מ׳האָט אים ביי די אָבלאַוועס אויפן בולוואַר פאַר־האַלטן, האָט ער זיי דאָרט צעטומלט מיט זיין באַרג פּאַפּירן. ער איז איצט געווען עפּעס אַ גאַנצער מאַכער אין אַ פאַרייינדל פון פּוי־לישע פּאַטריאָטן, האָט געהאַט צו טאָן מיט גענעראַלן, מיטן קאָנ־סול אַליין און מיט דער גאַנצער פּריש־אַנגעלאָפענער עמיגראַציע.

— מעסיע חיות! — האָט ער זיך געקאָכט — זיגן וועלן מ י ר ! כ׳האָב אַ וויכטיקע פאַרזיכערונג פון אַ מיניסטער... ס׳איז אַ שיינע שפּיל. איר וועט איינגיכן אָנקוקן דאָס גרייטע...

נאָטאַן איז געווען צופּיל קלוג, ער זאָל אים נעמען ערנסט; האָט ער צוגעשוויגן און אָנגעקוקט אים דורכדרינגלעך.

— מען מוז פאַרשטיין — האָט ער גערעדט באַזאָכט — אַז די אַלע שיינע פראַזן וועגן אינטערנאַציאָנאַליזם און פעלקער־פריינט־שאַפט גייען איצט אַראָפּ פון טאָג־אָרדענונג. דער פינצטערער נאַ־ציאָנאַלער עגאָאיזם ביי די פעלקער קריכט איצט אַרויס, ווי אַ האָל פון זאַק. דאָ און דאָרט און — אומעטום...

קאָזשענען האָבן צוריקגעשלאָגן די פאַרבן אין פּנים אַריין. ער האָט פאַרשטאַנען וווהין ער צילט. ער האָט זיך אַ מאָל־צוויי אויפ־געשטעלט און צוריק אַראָפּגעלאָזן זיך:

— כ׳פאַרשטיי נישט — איז ער באַלד ווידער אויפגעשפּרונגען — מיט וואָס פאַראַ ציניש ער לייכטקייט איר לאַכט אויס אַלץ, וואָס איז שיין געווען נעכטן. די, וואָס האָבן אויף אַן אמת געגלויבט און געבלוטיקט, ליגן איצט דאָרט אונטערן נאַצישן שטיוול! און איר, זע איך, זענט, ווי די מייז, די ערשטע אַנטלאָפן פון דער זינ־קענדיקער שיף...

ער האָט זיך אויפגעריסן פון טישל, נאָר הענדלער האָט אים דאָרט, לאַכנדק ברייט, געכאַפּט אונטערן אָרעם. ער האָט זיך אָבער אַרויסגעריסן פון אים.

הירש האָט זיך אויך אויפגעשטעלט צום גיין. „ווי מענטשן זענען ברוטאַל צעריסן געוואָרן” — און ס׳האָט זיך אים דערמאָנט דער וווּנדערבאַרער פאַרגלייך אין דער רעדע ביי סטאַלינען וועגן דעם

איבערגעפּאַקטן וואָגן, וואָס טרייסלט אַראָפּ פון זיך, ביי יעדן שאַרפן פּאַרדריי די, וואָס ליגן אויבנאויף. אָבער דער וואָגן פּאָרט ווייטער... די אַלע רייד האָט ער דאָ אויסגעהערט אין פּאַרטראַגנקייט. ער האָט זיך געפילט פאַרבלאָנדזשעט, דער אָרעמער. נאָר די ביטערע משפחה־עקשנות האָט אים נאָך צוגעהאַלטן צו דער בידנער עקזיסטענץ. ער האָט נאָך געהערט ווי צעלינאַ האָט אים דאָרט אַ פרעג־געטאָן:

— שאַ, און דאָס שיקלדיקע מיידעלע... די סטערקע? דאַכט זיך, אַז זי איז אין פּאַריז?...

ער האָט געענטפערט מיט אַ האַלב מויל. נאָר זי האָט, זעט אויס, נישט געוואַרט אויף זיין ענטפער.

— דער אָרעמער חבר זלמן... — האָט זיך דאָרט ווייטער געקלאָגט — זיי האָבן אים פאַרפייניקט, די באַנדיטן...

זי האָט אים נאָך געבעטן צו קומען, אויפזוכן זיי ערגעץ אין אַ האָטעל אויף שאַנז־עליזיי. אָבער מער האָט ער זיי שוין נישט געוואָלט זען.

## קאַפּיטל צוויייאונצוואַנציק

## דער גרויסער קאַשמאַר

מיט צוויי טעג שפּעטער, אין אַ רעגנדיקן אָוונט, האָט אים אַ פול־איבערגעפּאַקטער צוג מיט פרייוויליקע, מערסטנטייל בעלווילער יידן, אַוועקגעפירט ווייט פון פּאַריז, ווייט פון אַלע היימישע און פון סטערקען, ערגעץ צו די וויסטע, זאַמדיקע פישער־ברעגן ביים מיטללענדישן ים.

ס'האָט וויי געטאָן פאַר אַלץ, וואָס איז פאַרבליבן אויף יענער זייט, פאַר אַלץ, וואָס איז געווען נעכטן. ס'איז שווער געווען צוצופּאַסן זיך צום רויען לעבן פון אַ סאָלדאַט. ער איז געלעגן אויף אַ באַרג שטרוי, אין הילצערנעם פליי־באַראַק, וואָס האָט געקרעכצט אין רייסיקן ווינט פון סוף אָקטאָבער, ווען דער מיטללענדישער ים — ביי די שפּאַניש־פראַנצויזישע ברעגן איז שוימיק און די הימלען — פינצטער. ער האָט זיך דאָרט אַרומגעדרייט אין די אויפגעהויבענע

זאַמדן, אין די אַרומגעפּליקטע מיליטערישע קליידער, אַן אַ גאַרטל־פּאַס, מיט אַ ווילדער, צוויי־שפּיציקער קעפּי. די פראַנצויזישע אונ־טער־אָפיצירן, איבערהויפּט די שניידערס פון בעלוויל, וואָס האָבן קיינמאָל נישט פאַרלוירן פון זייער ביטערן הומאָר, האָבן אָנגעקוקט דאָס צעטראָגענע בחורל מיט שמייכל, מיט באַדויערן און פונדעסט־וועגן מיט אַביסל דרך־אֶרץ. אַלע האָבן זיי שוין דאָרט געוווסט און גערופן אים „דער צעפלויגענער פּאָעט״. עטלעכע מאָל האָבן אים די אונטעראָפיצירן אַריינגעפּאַקט אין תפיסה־באַראַק פאַר נישט ריין־האַלטן די ביקס, פאַר נישט ווי געהעריק סאַלוטירן אַן אָפיציר, פאַר גיין נישט צוגעקנעפּלט, לויטן רעגולאַמין. די בריוועלעך סטער־קעס זענען געווען קילע און לאַקאָנישע. וואַרעמע, מאַמישע בריוו האָט זי געשריבן דערפאַר, די אַלטע, און אויך דער טאַטע האָט מיט אַ ציטערדיקער האַנט צוגעשריבן אַ גרוס. זיינוול, וואָס איז שוין געווען אַ פראַנצויז, האָט זיך געזאָלט געפינען ערגעץ אין נאָרד, אָדער אויף דער מאַזשינאָ־ליניע, אין אַ מאָטאָריזירטער אָפּטיילונג.

עטלעכע וואָכן האָט ער זיך אַרומגעוואַלגערט אין לאַגער־לאַזאַ־רעט. די דאָקטוירים האָבן אויסגעפונען ביי אים עפּעס אַן אומבאַ־שטימטע אַלגעמיינע אָפּגעשוואַכטקייט. ער איז אַרויס פון לאַזאַרעט, אַרומגעדרייט זיך אַן אויסגעלאָשענער, געוואַרעמט זיך אין דער מילדער, ווינטערדיקער, מיטללענדישער זון און איז איינמאָל, ביי די איבונגען, אַוועקגעפאַלן מיטן שווערן מאַשין־געווער אויף זיינע שוואַכע אַקסלען. אַרום ניי־יאָר האָט מען אים דאָרט אויסגעשריבן אַ צעטל און אָפּגעשיקט אים, מיט אַ גאַנצן טראַנספּאָרט, צוריק קיין פּאַריז. ס׳איז געווען אַן אומגליק, ווייל די אַלע, וואָס זענען באַפרייט געוואָרן פון אויסלענדער־לעגיאָן, זענען, אַן שום איבערקלייב, באַלד דערנאָך גערופן געוואָרן אין דער פּוילישער אַרמיי אין פראַנקרייך.

ווען ער איז צוריקגעקומען אין שטוב אַריין, האָט אים סטערקע אַ באַקוק־געטאָן עפּעס אַזאַ ווייטע, אַ פרעמד־געוואָרענע, האָט גע־לאָזט אַ טרער און איז אַפילו עטלעכע טעג אַרומגעגאַנגען אַרום אים מיט צערטלעכקייט. זי איז איצט געווען געגוג פאַרפאַרעט אין דער טריקאָ־אַטעליע, ווו ס׳איז געווען אַן אַ שיער אַרבעט צוליב דער מלחמה און מ׳האָט נישט שלעכט פאַרדינט. זי איז אַוועק אויף גאַנצע טעג און אויך אין די אָוונטן געלאָזן אים אַליין.

ער איז געלעגן אין בעט, אינעם צימער מיט די אַרומגעשיילטע ווענט, מיט די האַלב־פאַרצויגענע האָרהאַנגען. אַלץ איז דאָרט געווען אָנגעוואָרפן, אָנגעשליידערט. פאַרן פענצטער איז געשטאַנען אַן אַנעמיש ביימל. מיטן בליק האָט ער זיך איינגעפרעסן אין האָקן פון פינצטערן סופיט. די ווענט זענען געווען פול מיט שאָטנס. ער האָט נישט געוואָלט מער וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. אַלץ איז געווען וואָכעדיק און גרוי און אומהיימלעך. צולענענדיק די אויגן, האָט ער געזען פאַר זיך אַטוואַצק, סטערקען. ער האָט אָבער דעמאָלט נאָך געפילט, אַז ס'איז נישט אויף לאַנג. גליק — האָט ער זיך געזאָגט — מען ווייסט טיילמאָל אַליין נישט ווי גליקלעך מען איז.

די עטלעכע חדשים אין די פליי־באַראַקן, ביים מיטללענדישן ים, די גרויע סאָלדאַטשינע, דער אָנגעלויף פון אַלע נאַציעס — אַלץ האָט זיך געדרייט אין זיין מוח. דער חשבון איז געווען פאַרענדיקט. אין האַלבן דרעמל, האָט ער דאָ ערגעץ געזען סטערקען. זי איז אַריינ־געקומען, אַרומגעדרייט זיך אַ פרעמדע, געזוכט עפּעס, גענישטערט און איז באַלד צוריק אַוועק. ער האָט זיך איצט געכאַפּט, אַז זי איז אים טאַקע אַ פרעמדע. מיט אַלע זיינע פיבערן האָט ער די גאַנצע צייט געוואָלט איינהאַלטן אַ שיינעם חלום, וועלכער איז שוין פונ־לאַנג געווען אויסגערונען.

צווישן טאָג און נאַכט האָט ער זיך אַמאָל אַראָפּגעכאַפּט אין גע־וועלבל, האָט זיך קוים צוריק דערשלעפּט אויף די שווער־געוואָרע־נע קניען. אינדרויסן איז צוריק געווען פרילינג. אויפן בולוואַר איז געגאַנגען אַ הילכיקע פאַרעריי פון לאַסט־וועגן, פון פערד, שווערע רעדער זענען געפאַלן אויפן אַספאַלט. ס'איז געווען צופיל ליכט פאַר זיינע אויגן. ס'זענען געקומען מענטשן, אַרומגעשטעלט זיך. די מאַמע איז אויך איינמאָל געווען, — אַן אַלט־געוואָרענע, אַ קליינע. מ'האָט גערעדט צו אים, געוויינט, מען האָט אַפילו געשריגן, געבײ־זערט זיך. ער האָט מער נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי ווילן פון אים. סטערקע איז מער נישט געווען.

דערנאָך האָט זי זיך איינמאָל אַריינגעוויזן אויף אַ מינוט און איז באַלד צוריק אַוועק. ער האָט איר געוואָלט בעטן, שטאַרק בעטן. אָבער פעסטע הענט האָבן אים אָנגענומען און אַראָפּגעפירט פון

די שטיגן. ער האָט זיך נישט געקענט ווערן. אין דעם טאָג האָט מען אים איבערגעפירט אין אַ קליינעם, שטילן שפּיטאָל, ערגעץ אויסער דער שטאָט. טיף אין פּאַרק האָט אַ הויכע מויער אָפּגעטיילט די פּאַר־קראַטעוועטע געביידע פון דער וועלט. אין טויערל פונפאָרנט האָט מען זעלטן־ווען געקלונגען. דאָ האָט מען באַגעגנט נאָך אַזעלכע, וואָס מ׳האָט זיי געברענגט פון די פראָנטן. זיי זענען געלעגן שטום און ווי אויסגעלאָשן אויף זייערע בעטלעך אין דער לאַנגער פּאַלאַ־טע. אַמאָל האָט ער אַרויפגעכאַפּט אויף זיך דעם כאַלאַט און איז אַרויס אין קליינעם פּאַרק, געבלאָנדזשעט לאַנג צווישן די אַלייען, אונטער די אַלטע קאַשטאַנען, וואָס זענען געווען אָנגעטאָן אין ווייסן צוויט. אַזעלכע קאַשטאַנען, האָט ער זיך דערמאָנט, זענען געווען אַמאָל, דאָרט, אין יענע יאָרן.

איין איינציק מאָל איז סטערקע געקומען. זי איז געווען מיט נאָך עפּעס אַ פרעמדן יונגערמאַן. זי איז נישט געווען דיזעלבע. עס זע־נען כמעט נישט געווען קיין רייד. זיי זענען אַוועק, נאָך איידער די אויפנעם־שעה איז אויסגעלאָפן. ער האָט שוין מער נישט באַלאַנגט צו דעם אַלעמען, וואָס געשעט אויף יענער זייט טויערל. ער האָט מער נישט געוואָלט אַהין באַלאַנגען.

דערנאָך האָט מען אַרום אים געשריגן: „פּאַראַט, פּאַראַט״. אַוויאָ־נען מיט גרויסע, שוואַרצע קרייצן זענען געפלויגן נידעריק איבער די ביימער פון פּאַרק און געוואָרפן אַ שאָטן אויף דר׳ערד. „די דייטשן״ — האָט ער געהערט אַרום זיך אַ מורמלעריי מיט אַנגסט און אַלע זענען געלאָפן באַהאַלטן זיך אין דער לאַנגער, טונקעלער פּאַלאַטע.

אין יענע טעג איז גאַנץ פּאַריז געווען אויף די וועגן, וואָס פירן צום דרום. מען איז געלאָפן ווי פון אַ פאַרפלייצונג, ווי פון אַ וואול־קאַן־אויסברוך. מאַמעס מיט קינדער־וועגעלעך זענען געפאַלן אויפן וועג פון דער מערדערישער אַוויאַציע. די רויב־פויגלען מיט די שוואַרצע קרייצן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן נידעריק און געקאָסעט מענטשן מיט מאַשין־געווער. סטערקע האָט געהאַט אַ רוקזאַק אויף די פּלייצעס און האָט געשפּאַנט אין ווייסן, אַנגעגליטן שטויב צו־זאַמען מיט די פרויען, מיט די פאַרוואַקסענע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך ביטער געוויצלט איבערן „אויסטערלישן קריג״. ביי טרואַ האָט

זי זיך איינגעבעטן ביי אַן אָפיציר ער זאָל איר אַרויפנעמען אויפן לאַסט־וואָגן. זי האָט שוין מער נישט געדענקט אין דעם עלעגאַנטן יונגערמאַן, וואָס האָט געהאַט אַ קליינע טריקאָ־פאַבריק און מיט וועלכן זי האָט זיך לעצטנס אַרומגעשלעפּט, ווען זי האָט דאָרט הירשן איבערגעלאָזן איינער אַליין אין זייער קליינער, מרה־שחורהדיקער דירה. זי האָט געוווינט מיט יענעם אַ שטיקל צייט צוזאַמען אין אַ האָטעל, דערנאָך — אין די שיינע צימערן, וואָס ער האָט געלאָזן אויסרעמאָנטירן פאַר איר. אָבער אין דער גרויסער בהלה האָט זי אויך דעם יונגערמאַן ערגעץ איבערגעלאָזן. זי האָט זיך געראַטעוועט אַליין אין דער אַנגעפּאַקטער בויד מיט די פאַרוואַקסענע סאָלדאַטן. גע־פאָרן איז מען לאַנג, כמעט אַן אָפּשטעלן, און אויפן דריטן, אָדער אויפן פערטן טאָג האָט מען זיך קוים געבראַנגט צעטרייסלען ביז צו די פאַרשטעט פון טולוז.

אַרום וואָקזאַל איז שוין געווען פאַרפּאַקט פון אַנגעלאָפענעם המון. דער לעצטער צוג, וואָס איז געקומען פון פאַריז, איז געשטאַ־נען אַ דורכגעלעכערטער פון קוילן. פון אַלע זייטן האָט מען גע־טראָגן פאַרוווּנדעטע. סאָלדאַטן, ווייבער, אַלטע לייט און קינדער האָבן זיך געוואַלגערט אַרום די ווענט פון די אייזערנע וואַרשטאַט־באַראַקן און געזוכט אַ שטיקל שאָטן אין דער אומברחמנותדיקער דרום־זון. סטערקע איז געווען ווייס פון שטויב. זי האָט זיך דער־פילט ווי אַן איינאונאיינציק־אָפּגעראַטעוועטע פון אַ וועלט־אונטער־גאַנג. וועגן הירשן האָט זי מער נישט געדענקט, נישט געדענקט וואָס מיט אים איז געוואָרן. מ׳האָט איצט באַדאַרפט פאַרטיידיקן זיך אַליין, דאָס אייגענע נאַקעטע לעבן.

מיט דער צוגעפאַלענער נאַכט האָט דאָרט יעדער איינער גע־זוכט ווו דער קאָפּ אָוועקצולייגן. זי האָט קוים אָפּגעזוכט אַ ווינקל אין באַראַק. מען איז דאָרט געשלאָפן קאָפּ־אויף־קאָפּ — סאָלדאַטן, אַלטע לייט, ווייבער און קליינע קינדער. איר צום רוקן איז גע־לעגן אויף אַ באַרג שמאַטעס אַ שויבערדיק פאַרייזער ווייבל מיט אַ פּיצעלע קינד. ס׳קינד האָט געוויינט, געגנאַגט די ליידיקע ברוסט און זי האָט עס נישט געקענט איינשטילן. מיטן סאָלדאַט, וואָס האָט זיך צוגעזעצט, האָט זי זיך געשאַפן ווי מיט אַן אייגענעם. יענער האָט אַרויסגעשלעפּט פון זיין רוקזאַק צוקער, קאָנדענסירטע מילך

און געהאָלפן איר איינשטילן דאָס וויינענדיקע קינד. ער האָט זיך נאָך דאָרט געוויצלט אויך. סטערקען האָט ער איבערגעבעטן און זיך צוגעזעצט נאָנט לעבן ווייבל. ער האָט נאָך דאָרט אַרויסגע־לייגט ברויט, קעז, אַ פלאַש ווײַן און מען האָט געגעסן בײַזאַמען. דער סאָלדאַט האָט אָפּגעבראָכן פון קעז און דערלאַנגט עס דעם ווייבל אין מויל אַרײַן. פאַרנומען מיטן איינשטילן דאָס קינד, האָט זי געלאַכט הילכיק און געפּרוווט אים איינצובײַסן אַ פינגער מיט אירע שאַרפע ציינדלעך. זי האָט אים געוויזן דאָס חתונה־רינגל, נאָר ער האָט לײַכט אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. „מײַן מאַן — האָט זי געזאָגט טרויעריק — איז ערגעץ אויפן פראָנט, און אפשר איז ער גאָר אַרײַנגעפאַלן צו די דײַטשן. ווער ווייסן?“.

שפּעטלעך האָט מען דאָרט אַרויפצו גענומען טומלען, אַז מען קען קיין אויג נישט צוטאָן. עמיץ האָט מיט איין בלאָז פאַר־לאָשן דעם לאָמפּ און אין באַראַק איז געוואָרן שטאָק־פינצטער. ס׳האָט זיך נאָך לאַנג געדרודערט, ביז ס׳איז שטיל געוואָרן. ביי סטערקען צום רוקן איז אַלץ געלעגן דער פרעמדער, פאַרוואַקסע־נער סאָלדאַט און ס׳האָט זיך געהערט אַ הייסע שושקעריי צווישן אים מיטן ווייבל. זי האָט דאָרט אַלעמאָל איינגעשטילט דאָס פּיצע־לע קינד. ס׳האָט אַזוי לאַנג געפּישטשעט, ביז ס׳איז אַנטשוויגן גע־וואָרן. דער סאָלדאַט האָט עטלעכע מאָל מיט הייסע פליסטערן איבערגעבעטן סטערקען און באַמיט זיך אויסצוציען אַ פוס אין דער ענגעניש. זי האָט קוים געענטפערט, איז געווען אויפגעבראַכט. זי איז געלעגן מיט וואַכע חושים. אין מוח איז געשטאַנען אַ ליידי־קייט, ווי פאַר אַן אָפּגרונט. אַ גאַנצע נאַכט האָט זי נאָך דאָרט הינטערן רוקן געהערט די הייסע פליסטעריי.

מיט אַ מידן קאָפּ־רויש האָט זי אינדערפרי אויפגעמאַכט די אויגן. ס׳איז נישט געווען קיין שלאָף, וואָס האָט אירע אויגן צו־געקלעפּט. אַרום וואָקזאַל איז נאָך אַלץ געווען דערזעלבער המון. מאַמעס האָבן געזוכט זייערע קינדער.

אַצינד זענען קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייטן מער נישט געווען. די וועלט איז געשטאַנען הפקר. יעדער איינער האָט זיך פאַרטיידיקט מיט וואָס ער קען. צו סטערקען האָט שוין אויך געקלעפּט עפּעס אַ סאָלדאַט, אַ יונגער, אַ בלוי־אויגיקער. זיי האָבן זיך אַלע אַרומ־

געדרייט, די סאָלדאַטן, און געפרעסן מיט די אויגן די פאַרבלאָנדזשעטע פרויען. זיי זענען נאָר־וואָס געהאַט באַפרייט געוואָרן פון אַלע פליכטן. זיי האָבן געהאַט פולע רוקזעק מיט עסוואַרג, צערויבירט פון די הפקר־געלאָזענע מאַגאַזינען. אין שטאָט האָט מען שוין קיין שטיקל ברויט נישט באַקומען. אַפילו די קאַפעס זענען געווען פאַרקלאַפּט. זיי האָבן זיך געטיילט מיט אַלעם. סטערקען האָט ער געזאָגט, דער סימפּאַטישער בחור, וואָס האָט געהאַט אַ העלן אויסוווקס אויף דער שפּיץ גאָמבע: „נאָך אונדז — האָט ער געזאָגט — איז דער מבול״... און ער איז צוגעפאַלן קושן זיך מיט אַ הייס מויל. אַזוי צופעליק ווי זיי האָבן זיך באַגעגנט, אַזוי צופעליק איז ער דערנאָך פאַרפאַלן געוואָרן.

די וועגן האָבן איצט צוריקגעפירט קיין פאַריז, ווו אַלץ האָט אויסגעזען צוריק צו סטאַביליזירן זיך. ווער ס'איז אַוועק, איז אַוועק. הירשן איז זי דאָרט מער נישט געגאַנגען אויפזוכן. זי האָט עפּעס געהערט, אַז ער איז אַרויס פון שפּיטאָל, האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן און אַז מען האָט אים פאַרנומען און אָפּגעפירט אין אַ לאַגער פאַר געפאַנגענע. זי האָט איצט מער נישט קיין צייט געהאַט צו טראַכטן וועגן אים. זי האָט איצט צוריק געוווינט מיט יענעם פלינקן יונגערמאַן, וואָס האָט זיך געדרייט אין די פּוריער־קאַפעס אויף רי רישע. ס'איז געווען אַ פרעמדע געגנט, ווייטלעך פון בעלוויל, אין די רווישיקע אַרטעריעס אַרום די גרויסע בולוואַרן. אין אַזאַ שיין, רייך־איינגעאָרדנט הויז האָט זי זיך גאָר נישט פאַרגעשטעלט צו וווינען. ס'האָט אָפּגעקאָסט אַ סך געלט דאָרט אַלץ איינצוואָרדענען; נאָר וואָס פאַראַ ראָלע האָט דען איצט געשפּילט געלט ביי דעם יונגערמאַן, וואָס איז געווען אַן אייגנגייער אין די קאַפעס און האָט געפירט געשעפטן מיט די דייטשן? ער איז דווקא געווען אַ שטילער יונגערמאַן. קיין ביכלעך און קיין וועלט־פּראָבלעמען האָבן אים נישט אינטערעסירט. ער האָט ליב געהאַט שיין אַרויסצוגיין, פאַרברענגען און אויסגעבן אַ גראָשן. ער איז עס פריער געווען איר אַרבעטס־געבער אין טריקאָ־פאַבריקל אויף רי סט. דעני. די קליינע, פלינקע מאַשינערין איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, האָט ער איר געמאַכט אַ שיינעם מאַנטל, האָט איר אויסגעקליידט און האָט זי אַריינגענומען אין זיינע שיי־

נע צימערן. די שיינע צימערן האָבן עס איר אַזוי פאַרדרייט דעם קאָפּ.

זיי האָבן איצט געלעבט אָפּגעזונדערט, כמעט נישט צוזאַמענגעקומען זיך מיט יידן. ס׳איז גאָרנישט כדאי געוועזן אין אַזאַ צייט צו וואַרפן זיך צופיל אין די אויגן, כאָטש געטשעפּעט האָט מען דערווייל קיינעם נישט. די צייטונגען האָבן אַלץ געבילט קעגן די יידן, אָבער געשעפטן זענען פונדעסטוועגן די דייטשן געקומען מאַכן נאָר מיט יידן, אויפגעזוכט זיי פון אונטער דר׳ערד.

ס׳איז געוועזן שפּעטער, גאָלדיקער זומער און זיי זענען אין די זונטיקן אַרויסגעפאָרן אין די קליינע, פּיטאָרעסקע שטעטלעך אַרום פּאַריז, ווו עס זענען געוועזן שווים־קאָנקורסן, טאַנץ־פּאַרווײַלונגען אונטערן פרייען הימל, אויף די וועראַנדעס פון די עלעגאַנטע פּענסיאָנען.

זי האָט מער גאָרנישט געטאָן. דער יונגערמאַן האָט איר נישט געלאָזן מער אַרבעטן. זי האָט געלעבט מיטן געפיל, אַז יענע אַמאָליקע וועלט איז אונטערגעגאַנגען און אַז זי איז אַ צופעליק־געראַטעוועטע. נו,איז דאַרף זי אפשר אויך אומקומען? דער יונגערמאַן האָט איר געבערענגט אין שטוב אַריין פון שענסטן און פון בעסטן. ער האָט איר געבערענגט צו באַהאַלטן גאָלד־שטיקלעך, דאָלאַרן, ער האָט איר געבערענגט שטאָפן אויסצוויילן. זי האָט צוגעלייגט די רעגן־בויגן־קאָליריקע שטאָפן צו איר מאָטער הויט, צו דער אָפּגעדעקטער ברוסט און פאַרן וואַנט־שפּיגל, אין טונקעלן זאַל מיטן געשניצטן קאַמין, האָט זי געלאָזט פאַלן דעם שטאָף ביז צו אירע הויכע שיכלעך, געלאָזן פאַלדעווען זיך אַרום איר שלאַנקן, מיידלערישן גוף. זי האָט נאָך קיינמאָל אַזוי אויסגערוט נישט אויסגעזען.

זי האָט פיינט באַקומען דאָס טאָג־ליכט, כאָטש אינאָווענט איז נישט געוועזן ווו אַרויסצוגיין, מען האָט נישט געטאָרט אַרויסגיין אין די פּאָליצייאישע שעהן. אין דער שטאָט פון אומגליק, שוואַרץ־האַנדל און מלחמה־לוקסוס, האָט זי זיך שנעל געכאַפּט אָפּצושאַצן איר ווערט. מען האָט איר נאָכגעקוקט, ווען זי האָט זיך באַוויזן אַמאָל אויף די בולוואַרן. ס׳איז ווירקלעך געוועזן עפּעס צוציענדיקס אין דעם שמאָלן מיידל מיטן פאַרשפּיצטן גאָמבקעלע. מען

האָט איר געקענט אָננעמען פאַר אַ שפּאַניערין, פאַר אַן איטאַל־יענערין, אָדער גאָר פאַר אַ שיינער מולאַטקע. די לופט אין דער גרויסער שטאָט איז, ווי אַלעמאָל, געווען אָנגעלאָדן מיט עלעקטרי־ציטעט. און נאָכמער אפשר דערפאַר, ווייל מען האָט געלעבט אויף דערוויל, מיטן טאָג.

## קאַפּיטל דרייאונצוואַנציק

## די מאָדנע גענג פונעם מיידל

ביי מינדעס עלטערן ברודער, ביי זשאָזעף אַלאַנסקי אין הויז, האָט זיך כמעט גאָרנישט נישט געענדערט אין די ערשטע עטלעכע וואָכן זינט ווען די דייטשן האָבן באַזעצט פּאַריז. שמיל־יוסף, אָדער פראַנצויזיש־אָפּגעקירצט — סאַמועל אַלאַן, וואָס איז באַקאַנט גע־ווען אין גאַנץ פּאַריז פאַרן הויפּט־אַקציאָנער פון די פּאָפּולערע הוטן־געשעפטן, מיט פיליעס אין גאַנץ פראַנקרייך, האָט אַלעמאָל געהאַט זיינע אָריגינעלע גענג. אַז אַלע האָבן געזאָגט טאָג, האָט ער געמוזט זאָגן — נאַכט... נישט אומזיסט איז ער געווען פון דער זעלבער משפחה ווי זיינוועלע עקשן.

ווען גאַנץ פּאַריז איז געלאָפן אויף די וועגן, אונטער די באָמ־באַרדירונגען פון די דייטשע „שטוקאַס", האָט ער זיך רואיק פאַר־ברענגט אין זיין ווילע, אין די שיינע וועלדער פון פאָנטענבלאָ, און האָט זיך דאָרט קיין סך נישט געערגערט. ער איז בכלל פון קיין זאַך נישט נתפעל געוואָרן. „מ'האָט שוין אַזוינס אויך געזען — האָט ער זיך געזאָגט — מיינע „בענדלעך", מיין „לעזשיאָן ד'האָ־נער"... די וועלט איז נאָכנישט אינגאַנצן משוגע. וואָס פאַראַ רעגי־רונג ס'זאָל נישט קומען, וועט דער פירמע „אַלאַן עט קאָמפּ." אסור אַ האָר נישט געמינערט ווערן"... ער האָט זיך בשום־אופן נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז אויך די פראַנצויזישע יידן זאָל טאַקע עפּעס געשען. ער איז נאַטוראַליזירט געוואָרן מיט לאַנגע יאָרן צו־ריק, און דאָס — פאַר וויכטיקע פאַרדינסטן אין אויפשטעלן אַ נייע האַנדלס־בראַנזשע, קען מען זאָגן. די גרויסע געשעפטן, וואָס ער האָט געפירט מיט אויסלאַנד, מיט די פראַנצויזישע קאָלאָניעס און

מיט אַלע עקן פראַנקרייך, האָבן אים געגעבן אַ וויכטיקן אַנשפּאַר אין מיניסטעריום, ווו ער איז מיט אייניקע הויכע באַאַמטע געווען אויף „דו", מ'האָט זיך געקלאַפּט אין דער פּלייצע, געקומען איינער צום אַנדערן אין וויזיטן און געטרונקען צוזאַמען. אויסער דעם — אַ זון אַן אָפיציר אין דער אַרמיי, פראַנצויזישע קינדער... מילא, די אַנגעלאָפענע, די אויסלענדער...

דער עלטערער זון איז געווען אַ סו־לייטענאַנט אין דער אַר־מיי און האָט זיך געפונען ערגעץ אין סיריע. קיין סך איבערגעגו־מען וועגן אים האָט ער זיך, וואָס אַן אמת, אויך נישט. דאָס ייִנגע־רע טעכטערל, עווא, איז געווען אין ליאָן. זי האָט זיך באַלד אין אָנהויב קריג געהאָט אַנגעשלאָסן אין אַ פאָרמאַציע פון רויטן קרייץ. וועגן איר האָט ער זיך יאָ אַביסל געבראָכן דעם קאָפּ. ס'איז שוין לאַנג צייט געווען אַ שידוך צו טאָן מיטן מיידל. עס זענען געקומען מענטשן אין הויז אַריין, געקומען מיט פאַרשיידענע פאָרשלאָגן, אָבער דאָס מיידל האָט גאָר נישט געוואָלט הערן דערפון. זי איז נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען אַזויווי פאַרהושט. מען האָט איר שוין אַפילו געהאַט אונטערגעטראָגן, אַז זי פירט זיך אַרום מיט עפּעס אַ יונגערמאַן פון דעגענערירטן אַדל. דאָס אַלץ, האָט ער אָבער גע־ווּסט, זענען נישט מער ווי מיידלערישע געשעפטן. ס'איז ווערט אַ שמעק טאַבאַק. חתונה האָבן מיט אַ פראַנצויז — אפשר יאָ, אָבער נישט מיט די־אָ פּוסטעפּאַסניקעס, די פּאַריסענע אביונים, די געלט־פרעסער. שטענדיק פאַרטאָן אין זייַנע געשעפטן, האָט זשאַזעף די אַלע היימישע אָנגעלעגנהייטן איבערגעלאָזן פאַרן ווייב — די ייִדע־נע פון דער ליטע, וואָס האָט נאָך אַלץ נישט געקענט אַזוי גענוי צוגעוויפּרעדן זיך מיט די פראַנצויזן און זייערע מאכלים זענען אין איר שטוב נישט אַרייַנגעקומען.

ערשט איצט, אין די עטלעכע וואָכן פון געצוווּנגענעם אָפּרו, האָבן אים טאַקע אָנגעהויבן צו קריכן אין קאָפּ אַריין די מאָדנע געגנג פונעם מיידל. דער עלטערער, מאָריס, האָט ער איינגעזען, איז שנעל געקומען צו אַ תכלית, גענומען זיך אַ טאָכטער פון אַ רייכער עלזאַסער פראַנצויזיש־ייִדישער משפחה, פון די לעווי'ס, און איז געוואָרן אַ מיט־אַקציאָנער צום טאַטנס געשעפטן. דאָס מיידל האָט אים גענומען פייניקן. די געגנג אירע זענען באמת גע־

ווען מאָדנע. אפשר איז טאַקע נישט קיין קליין ביסל שולדיק געווען דערין דער שיינער קוזין זיינוול, וואָס האָט מיט אַ יאָר ניין־צען צוריק אַזוי ברוטאַל אָפּגעשטויסן פון זיך די ליבע פון עקזאַלטירטן ליצײ־מיידל? קיין ספק חשק צום שטודירן האָט זי דעמאָלט סײ־ווי נישט אַרויסגעוויזן. זי האָט זיך אַ שטיקל צייט פֿאַרפּלאָנטערט מיט דער פּוסטער און טומלדיקער טאַנץ־יוגנט אין די קליינע, אָנגערויכערטע באַל־מיזעטן, ווו מען דרייט זיך אין פייערלעכן טאַנגאָ, אין הייסן טשאַד, אונטער די פֿאַרטונקלטע, רויטע ליכטער, וואָס לעשן זיך, איבער עפּעס, אַלעמאָל אויס. זי איז אויך פֿון קינדווייז אָן געווען אַביסל אַ קרענקלעכע. דאָס משונהדיקע בחורל, וואָס האָט זיך געדרייט אין די סטודענטן־קאַפּעס אויפֿן סען־מישעל, דער צעדרייטער אַריסטאָקראַט דע דיסטאָ, האָט איר אויך גענוג פֿאַרטומלט דעם קאָפּ; און זי איז שוואַך געווען, דאָס מיידל. ס'איז דאָרט געווען עפּעס אַ גאַנצע באַנדע ייִנגעלייט און מיידלעך, וואָס האָבן דורכן זומער, האַלב־נאַקעטע, געוואַנדערט איבער די „אַבערזשן" (יוגנט־אכסניהס) פֿון לאַנד, גענעכטיקט אין פּאַלאַטקעס, געפֿאָרן צום ים, צו די בערג, צו די אָזיערעס, דורכגעשניטן הונדערטער קילאָמעטערס, אָפּשטעלנדיק די אויטאָס אויף די שאָסייען, מען זאָל זיי אויפֿנעמען.

דעם לעצטן זומער האָט זיי דער עדמאָנד אַלעמען געהאַט פֿאַרפֿירט אין דער ווילדער און שיינער געגנט פֿון לואַר, אין עפּעס אַ פּריצישן ירושה־שלאָס. דאָרט האָבן זיי געפּראַוועט משוגענע שטיק אין די רואינען פֿון אַלטן פּאַרק. זיי האָבן פֿאַרפֿירט מיט זיך אַ מאַגיקער — אַן אויסגעצויגענעם מולאַט פֿון די האַוואַאישע אינזלען. נאָך האַלבער נאַכט, ביי אַ שייטער, האָבן זיי אַרויסגערופֿן די גייסטער פֿון ייִנגלס לאַנג־פֿאַרשטאָרבענע אבות — ריטער, באַראָנען און הויף־דאַמען פֿון לואי דעם 14־טן. דער מולאַט, וואָס האָט געהאַט אַ מאָדנע־שפּיציקן שאַרבן און לאַנגע, דינע הענט, האָט, אַ האַלב־נאַקעטער, געפֿייקלט, געטאַנצט ווילד אַרום פֿייער, אַרויסגעגעבן פֿון זיך ווילדע בויך־קוויטשערייען, ווי די קעץ אין די פּרײ־לינג־נעכט הינטער די פֿענצטער. איינע אַ מיידל האָט געחלשט און די גאַנצע באַנדע האָט זי מיט אָנגעצונדענע ליכט געפֿירט איבער די פּוסטע, אומהיימלעכע זאַל־רואינען פֿון שלאָס. אין די נישעס האָבן דאָרט גענעסטיקט פֿלעדערמייז און סאָוועס. די וואַרעמע

נעכט זענען פול געווען מיט פאַרשטיקטע געשרייען, אין אַלע ווינק־לען, צווישן די קוסטן פון פאַרלאָזענעם פּאַרק און אַרום דער קליי־נער סאַזשלקע, ווו די פרעש האָבן מיסטיש געקוואַקעט פון גרינעם געמויזעכץ. זיי האָבן צום טויט איבערגעשראָקן די פויערים פון דער געגנט, ביז די זשאַנדאַרמען פון קליינעם פּאָליציי־פּאָסטן זענען איינמאָל געקומען און מ׳האָט זיי איידל פאַנאַנדערגעטריבן.

ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, איז עווא געווען ערגעץ אין די בערג. אַ שטיק צייט האָט זי אינגאַנצן נישט געלאָזן הערן פון זיך. דערנאָך איז אָנגעקומען פון איר אַ קורצע ידיעה, אַז זי איז אָנגאַזשירט אין אַ פאַרמאַציע פון רויטן קרייץ, אַז זי איז אַ שוועס־טער אין די שפּיטעלער און גרייט זיך אַפילו צו גיין אויפן פראָנט. דאָס האָט די אַלטע מינדע שוין מער נישט געקענט אַריבערטראָגן. זי האָט נישט גערוט. אַליין איז זי געלאָפן קיין ליאָן און האָט דער מויד אַראָפּגעברענגט, אָנגעטאָן מיליטעריש. אָבער לאַנג איז דאָס מיידל אין שטוב סיי־ווי נישט פאַרבליבן. ס׳האָט נישט געהאָלפן, וואָס די מומע מינדע איז געקומען און איינגעטענהט מיטן מיידל, אַז ס׳פּאַסט גאָרנישט פאַר אַ יידישער טאָכטער צו וואַלגערן זיך צווישן סאָלדאַטן. די מומע טייבל האָט כסדר געגאָסן מיט טרערן. זי איז לייכט געוואָרן אויף טרערן, די עלטער האָט זיך מיטאַמאָל געלייגט אויף איר. זי האָט קיין נחת פון די פאַריזער גליקן נאָך אַלץ נישט געהאַט.

— וואָס טויג — האָט זי געקלאָגט — דאָס רייכטום, די עשירות, די שיינע שטעטער? זע, מינדעשי, וואָס עס ווערט דאָ פון אונדזער ביסל יידישקייט...

דאָס מיידל, פאַרקערט, איז שטאָלץ געווען צו טראָגן אַ מונדיר, זי איז שטאָלץ געווען וואָס זייגוול איז אַן אַרטילעריסט, וואָס אַפּי־לו הירש איז געגאַנגען פרייוויליק צו פאַרטיידיקן פראַנקרייך. זי האָט זיך אַרומגעפירט מיט זיינוולען, וואָס איז גראַד דעמאָלט אויף ניי־יאָר אַראָפּגעקומען אין אורלויב. דער קוזין מיט דער קוזינקע זענען געגאַנגען איבער די גאַסן, ביידע מיליטעריש געקליידט. זי איז שטאָלץ געווען, כאָטש נאָך אַלץ אַביסעלע אומעטיק, ווי דע־מאָלט. ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דאָס פראַנצויזישע ווייבל, מאַדלען, וואָס האָט געוווּסט פון איר אַמאָליקער שוואַכקייט צו

זיינוולען, האָט אים געגומען דערגיין די יאָרן, מאַכן אים סצענעס. וויפל ער האָט אין איר נישט אַריינגערעדט, האָט זי אים נישט גע־גלויבט. האָט ער געכאַפּט עוואַן אונטערן אָרעם און איז אַנטלאָפן פון שטוב. ער איז געקומען פאַרברענגען עטלעכע טעג, רעדן אַ יידיש וואָרט מיט אַ מענטש און דאָ האָט זי אים גאָר געמאַכט אַזעלכע באַגעגענישן. ער האָט ליב געהאַט זיך אַ וויצל צו טאָן, פריי צו לאָזן די צונג.

— פראַנצויז נאַר — האָט ער דווקא גערעדט צו איר אין יידיש, צו עוואַן — דער אוניפאָרם, גלויב מיר, קליידט דיר אַזוי, ווי אויף אַ קאָזאַק אַ שטריימל! — און ער האָט געלאַכט מיט זיין געזונט געלעכטער, זיינוול.

סוף כל סוף האָט זיך עוואַ צוריק אַרויסגעדרייט פון דער מש־פחה, אויף געוואַלד אַרויסגעריסן זיך און איז צוריק אַוועק צו איר פאַרמאַציע, אין אַ ליאָנער שפיטאָל.

אַלע האָבן זיי דאָרט גערן געהאַט דער קליינער, סימפּאַטישער קראַנקן־שוועסטער עוו, אין דעם שפּיטאָל „ברעלאָק", וואָס האָט באַדינט עטלעכע דיוויזיעס אין ליאָנער מיליטערישן קרייז און די פאַרווונדעטע, דער עיקר מיט די אָפּגעפרוירענע פיס און הענט, וועלכע מ'האָט שוין צוביסלעך אָנגעהויבן צו ברענגען פון די פראָנטן. איר שעף איז געווען מאַיאָר ליסיען — אַ פריילעכער לונג־און־לעבער פון דער דרום־שטאָט מאַרסעיל. זי איז געווען זיין אַסיסטענטקע אין דער אַנאַליזן־אָפּטיילונג. אין מאַרסעיל האָט ער ערגעץ געלאָזן אַ פרוי, צוויי קינדער, און דאָ, נאָך די אַמט־שעהן אין שפּיטאָל, האָט ער זיך, זעט אויס, היפּש געלאַנגווייליקט אין די עטלעכע קורצע מלחמה־חדשים. עוואַ איז געווען אַ שמאָ־לע, אַ שלאַנקע און די מיליטערישע קליידער האָבן איר דווקא זייער שיין געפּאַסט. די איינגעשטייפטע וועסט האָט בולט אויס־געטיילט איר קליינעם מיידלשן ביוסט. אירע לאַנגע האָר — צע־וואָרפן פון אונטער דער קעפּי. דעם דאָקטער מיט די לאַכנדיקע אויגן, מאַיאָר ליסיען, איז שטאַרק געפעלן געוואָרן דער באַזונ־דערע אומעט אינעם בליק ביי דער סימפּאַטישער יידישקע.

— עוו — האָט ער זי צוריקגערופן, נאָכדעם ווי זי האָט פאַר־זיכטיק צוגעלענט די טיר פון זיין גרויסן, ליכטיקן קאַבינעט, וואָס

ער האָט פאַרנומען אין דער שפּיטאָל־געביידע, גרויס ווי אַ קאַזאַרמע, לענגאויס דעם ראַן, קעגנאיבער די בריקן — צי וועט עס נישט זיין אומדיסקרעט פון מיין זייט צו פרעגן, פאַרוואָס עס ווינט אַזאַ אומעט אין די אויגן ביי דער סימפּאַטישער עוו? צי איז עס נישט אַמאָל „ער״, וואָס איז אַוועק אויפן פראָנט? אָדער — איז עס גאָר דער אַלט־יידישער טרויער, וואָס מאַכט אייך אַזוי שיין?...

לאַכנדיק פאַרויטלט, האָט זי געוויזן דעם קינדעריש־איבער־געוואַקסענעם צאָן, דאָס חנוודיקע ווערצעלע אויף דער לינקער זייט פון איר קליין מויל.

— צי קען מען דען זיין פריילעך פון דעם אַלעם, וואָס מען זעט זיך דאָ אָן דעם גאַנצן טאָג, מאַיאָר?

— נאַרישקייטן! — האָט ער שוין איצט ברייט געלאַכט, מאַיאָר ליסיען — איר נעמט טאַקע אַזוי טויט־ערנסט, ווי כ׳זע, אָט דאָס אַלץ... כ׳מיין, די מלחמה. באַדאַרפט צו זיין אין מאַראָק, מיין טייערע, בעתן בעדואינער־אויפשטאַנד...

און ער האָט זיך גענומען אויסרימען זיינע העלדישקייטן פון דעמאָלט, ווען ר׳איז נאָר־וואָס געהאַט אָנגעקומען אין „פרעמדן־לעגיאָן״ ווי אַ יונגער דאָקטער. דאָס איז אַלעמאָל געווען זיין באַ־ליבטע טעמע — פון גוזמאות און ווילדע, עקזאָטישע געשיכטעס.

אין די אָפיצירישע קאַנטינעס האָט מען אַביסל נייגעריק נאָכ־געקוקט דאָס קליינע מיידל, מיט וועלכן מאַיאָר ליסיען האָט זיך איצט אַרומגעפירט. אויך זיי דאָרט האָבן סיי־ווי קיינס נישט צופיל געגלויבט אין דער גאַנצער קריג, וואָס איז געקומען נישט־צוגע־גרייט פאַר פראַנקרייך. פון לאַנגווייל האָבן זיי, מער ווי געוויינלעך, נאָכגעקוקט דעם ווייבערישן מין.

און מאַיאָר ליסיען האָט כסדר געלאַכט; ווי אַלע דרום־פּראָווינציז, האָט ער ליב געהאַט צו זינגען און אָנצודערציילן זיך די אַנעק־דאָטן פון מאַרסעילער הערשעלע אָסטראָפּאָליער, מאַריוס, און צו טרינקען דעם רויטן ווייַן. נאָר ביי די ערשטע גרויסע באָמבאַרדי־רונגען, דעם 10־טן מאַי, ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן די לעצ־טע גרויסע אָפענסיווע, איז ער צעריסן געוואָרן אויפן אַעראָדראָם אין ליאָן, ווו ער איז עקסטרע אַרויסגערופן געוואָרן צו עטלעכע צעשעדיקטע פליער.

אויפן פראַנט מיט דער אָפּטיילונג האָט שוין עוואַ מער נישט באַוויזן צו גיין, ווייל באַלד דערנאָך איז געקומען דער טרויעריקער ווישי־וואָפנשטילשטאַנד. קיין פּאַריז האָט זי אויך נישט געוואָלט צוריקקערן זיך. עטלעכע מאָל האָט זי דערהאַלטן אַליאַרמירנדיקע בריוו פון דער היים. דערנאָך איז עפּעס שטיל געוואָרן. פון ערגעץ האָט זיך ווידער געיאַוועט אַהער עדמאָנד. ער האָט דאָ פאַרמאָגט פאַר זיך אַליין אַ גרויסע וווינונג אין די אַריסטאָקראַטישע קוואַרטאַלן. גאַנצע נעכט האָט מען דאָרט געטרונקען און געטאַנצט צווישן אַ פריילעכער פּאַריזער חברה. און אפשר איז די פריילעכקייט אויך געווען אַ געמאַכטע. נאָך פראַנקרייכס מפּלה האָט מען, זעט אויס, געוואָלט פאַרטרינקען, פאַרגעסן. ווען עדמאָנד איז שוין געווען היפּש שיכורלעך, האָט ער עוואַן גענומען מאַכן וויסטע אייפערזוכט־סצענעס. זי האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פון אים און איז שפּעט ביינאַכט אַוועק מיט דער באַנדע. דאָס שיינע יינגל, דזשימי, מיטן געשניצטן קאָפּ, מיט די פולע מיידל־ליפּן, אינגאַנצן אַ ראָזער, האָט עס איר שוין באַגלייט. ער האָט באַלד איינגעפונען, אַז עפּעס איז זי גאָרנישט ענלעך צו די מיידלעך, וואָס זענען צופיל אויסגערעכנט און פראַקטישער פון איר. דעם דזשימי האָט זי נאָך געקענט פון פּאַריז, פון אַ ספּאָרט־קלוב, צי פון די „באַל־מיזעטן". ער האָט געגעבן אַ פייף, נאַכלעסיק, מיט צוויי פינגער, פאַרשטעקט אַ „גאַלואַז" צווישן זיינע שיינע יינגלשע ליפּן און זיך געלאָזן דעריאָגן עוואַן. ער האָט זי באַגלייט איבער די ליידיקע ליאָנער בולוואַרן און האַלטנדיק פעסט איר אָרעם, האָט ער אַ זאָג געטאָן צעשטרייט, מיט אַ זאָרגלאָז לאַכן:

— עוואַ, דיין אַריסטאָקראַט, ווייסטו, געפעלט מיר נישט... ער ווייסט כאָטש אַז דו ביסט אַ יידישע?

ער איז געווען אַ שלאַנק בחורל, אַ טענצער, אַ יינגל פון אַ יאָר ניינצן אַוודאי. ער איז איצט געווען אַן איינגייער אין פאַרשיידענע הייזער אין שטאָט, אַלעמאָל עלעגאַנט אָנגעטאָן. מ'האָט, ווייצלענדיק זיך, געשמועסט וועגן אים, אַז ער האָט גרויס דערפאָלג ביי די ווייבלעך, דער עיקר ביי יענע, וואָס זייערע מענער זענען געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד, אָדער זענען ערגעץ אין געפאַנגענשאַפט.

די רעשט זומער האָבן זיי שוין צוזאַמען פאַרברענגט אויף אַ

שטילער פּליאַזשע ביים ראָן. ס'איז געווען אַן אָפּגעלעגן ווינקל, צווישן ווילדע פעלזן. די לוסטיקע יוגנט האָט צוערשט גאָרנישט געוואָלט געדענקען, אַז ערגעצווו גייט אַן אַ ביטערע מלחמה, אַז מער ווי אַ העלפט פון לאַנד איז אָקופּירט, אַז הונדערטער טויזנטער פראַנצויזן ליגן שוין אין די דייטשע לאַגערן. עוואַ האָט געלעבט ווי אין אַ נעפּל. זי האָט איבערהויפּט נישט געטראַכט. „ערגעצווו וועט עס שוין מסתמא פירן" — האָט זי זיך געזאָגט.

אַביסל האָט מען געלעבט דערפון, וואָס דזשימי האָט פאַרדינט אין אַ קליינער האַנדלס־ביוראָ און נאָכמער האָט עוואַ אַנגעבאָרגט ביים טאַטנס באַקאַנטע. זי האָט געמיינט, אַז דאָס אַלץ וועט שוין לאַנג נישט דויערן. פאַרפאַלן — האָבן זיי געוווּנען, די דייטשן. אין 1870 האָבן זיי אויך געוווּנען, מ'האָט זיי דאָרט אויסגעצאָלט אַביסל גאָלד, די באַרבאַרן, און זיי זענען צוריק אַוועק אַהין, פונוואַנען זיי זענען געקומען...

דערנאָך האָט זי איינמאָל געהאַט אַ פאַרלאַנג צוריקצוקומען אַהיים, וואַרפן זיך דעם טאַטן צו די פיס און זען ער זאָל איר איינ־אָרדענען מיט דזשימין. דאָס יינגל איז איר געפעלן. אָבער סיי וועגן קריג און סיי וועגן דעם איבעריקן האָט דזשימי געהאַט אַן אַנדערע מיינונג.

— דער קריג, מיין טייערע עוו — האָט ער געזאָגט ערנסט, מיט מאַנסבילשער זיכערקייט — קען זיך נאָך לאַנג פאַרציען, ווער ווייס ווי לאַנג... היינט לעבן מיר און מאָרגן שטאַרבן מיר... איך האַלט זייער שטאַרק פון נייעם פּאָקסטראָט. און דו?... וועגן איבעריקן, זאָלן זיי זיך אַליין ברעכן די קעפּ...

אַליין האָט ער שוין איצט יאָ געאַרבעט און נישט געאַרבעט, אָבער טאַשן־געלט האָט ער פונדעסטוועגן אַלעמאָל געהאַט ביי זיך.

ענדע 1941 האָבן זיך שוין אויך אין ליאָן געהאַט אָנגעהויבן די רעגיסטראַציעס פון יידן. מען האָט זיך צופיל נאָכגעפרעגט. מען האָט שוין געהערט, אַז אין פּאַריז שיקט מען יידן אין די לאַגערן אַריין, כאָטש די איבעריקע, וואָס זענען פאַרבליבן אויף דער פריי, האָבן געאַרבעט, געהאַנדלט און פאַרדינט נישט שלעכט.

אַז דזשימי איז איין נאַכט נישט אַהיימגעקומען, איז זי געוואָרן צעדרייט און אומרואיק און איז אים אַרומגעלאָפן זוכן איבער דער גאַנצער שטאָט. ער איז אָבער דאָסמאָל פאַרשווונדן געוואָרן ווי אין וואַסער אַריין.

ס'איז געווען אין דער זעלבער צייט, ווען זי האָט באַקומען ידיעות פון פּאַריז, אַז מ'האָט ביים טאַטן קאָנפיסקירט אַלע געשעפטן און אַריינגעזעצט אַהין פראַנצויזישע זשעראַנטן, אַז די מאַמע איז געפערלעך קראַנק. זי האָט געוואָלט באַלד נעמען און לויפן קיין פּאַריז, נאָר מ'האָט איר אַלץ אָנגעשראָקן. דעמאָלט איז זי צוריק אַריינגעפאַלן אין דער נעץ פון דעם צעדרייטן אַריסטאָקראַט עד־מאָנד דע ריסטאָ. כאָטש ער האָט איצט שטאַרק סימפּאַטיזירט מיט דער ווישי־רעגירונג, איז ער געווען צו איר זייער לאָיאַל.

— פאַרשטייסט, מיין קליינע עוו — האָט ער צו איר געזאָגט — די יידן־פראַגע מוז פריער, אָדער שפּעטער רעגולירט ווערן ביי אונדז. ס'האָט שוין ווייטער מער אַזוי נישט געקענט גיין. אייער בלום איז אַ פרעמדער, דעסטרוקטיווער עלעמענט אין פראַנצויזישן קערפּער און גייסט. און אייערע ראָטשילדס... איך האָב נישט ליב די דייטשן, אָבער דאָס, וואָס זיי האָבן רעכט, מוז מען צוגעבן...

ער האָט זיך שוין איצט געסטראָיעט אין אַן אוניפאָרם און פּאַ־ראַדירט איבער די גאַסן. אין זיין אָפּגעשלאָסענער ווילע, אויסער דער שטאָט, האָט מען אַלע אָוונט געטאַנצט און געטרונקען. טאַקע דאָרט האָט זי איינמאָל ווידער באַגעגנט דעם לאַנגן מולאַט מיטן שפּיציקן שאַרבן, דעם מאַגיקער פון די האַוואַישע אינזלען. זיין נעסט איז געווען די קליינע ווילע פון עדמאָנדן, ערגעץ נאָענט צו די בערג. אַהין זענען זיי אַ סך מאָל איין די זונטיקן אַרויסגעפאָרן. די צימערלעך זענען געווען אָנגעשטעלט מיט פאַרשיידענע שניצע־רייען פון ווילדע, פּאָלינעזישע געטער, אַרומגעהאָנגען מיט טעפּי־כער און קורטינעס, אָנגעשטעלט מיט שוואַרצע ליכט, וואָס האָבן געברענט אין די פאַרטונקלטע צימערן אינמיטן העלן טאָג. אין קליינעם סאַלאָן מיט די פאַרהאַנגענע שפּיגלען האָט ער געפּראַוועט זיינע מאַגישע קונצן. מ'האָט סערווירט פאַר זיי קרייטעכצער, וואָרצלען און גליטשיקע ים־חיהלעך. מ'איז געזעסן אויף דר'ערד,

געגעסן מיט די הענט. עס זענען נאָך מיטגעקומען עטלעכע גאָר יונגע, בלייכע מיידלעך און עפּעס אַן אַלטע, צעדרייטע פרייילן. מען האָט געטרונקען אַ ביטערלעכן געטראַנק, געשטעלט אויף וואַרצלען און אַלקאָהאָל. דער מאַגיקער איז דערנאָך דערשינען פון הינטער אַ פאָרהאַנג, איינגעוויקלט אין אַ ליילעך און האָט גערעדט מיט אַ צוגעדושעטער בויך־שטימע וועגן עפּעס אַן „העכערער קראַפט“. אין זיין רעכטער האַנט איז געווען אַ בינטל תבואה־זאַנגען, דאָס האָט באַדאַרפט זיין דער סימבאָל פון פאַרמערונג, אין דער לינקער — אַ גרויסן שליסל, וואָס היילט פונעם שלעכטס, וואָס עס ברענגט מיט זיך די „פאַרדאַרבנדיקע ציוויליזאַציע“... די שטוב איז פול געווען מיט שטיקנדיקן ווייררויך, וואָס האָט געגעסן אין די אויגן און מיד געמאַכט דעם מוח. נאָכן אַרויסרופן די גייסטער פון ריטער, אַפּאָסטאָלן און הויף־דאַמען, האָט ער באַפוילן יעדן אויסצוויילן זיין אומבאַרירטן זיווג. זיין שפּרוך איז געווען: „מיר זענען די באַנייער פון די פילאָזאָפישע אָנדן, מיר היטן די ריינקייט פון פראַנקרייך“...

אין נעפּל פון ווייררויך, זענען שפּעט איינאַונט געווען נאַקעטע טענץ. די אַלטע מכשפה האָט זיך דאָרט אומגעוויגט איבער די טעפּיכער מיט ליידיק־אָראָפּהענגענדיקע ברוסטן און מיט אירע דאַרע ביינערדיקע היפטן, האָט זי אַרויסגערופן געלעכטער און שרעק. אָבער געלאַכט האָט קיינער נישט. אירע ווילדע, אויסגעלופּעטע אויגן זענען פאַרשטעלט געווען פון כוואַליעס גרויע האָר, ווי די דראָטן. ס'איז געווען אַ נעפּל אין מוח, ווען עווא האָט זיך דערנאָך דערזען אַ האַלב־אויסגעטועטע. עמיץ האָט ווילד געריסן פון איר די קליידער. דער מאַגיקער און עדמאָנד זענען געשטאַנען איבער איר און די אויפגעלויכטענע שוואַרצאַפּלען ביי זיי האָבן איר דורכגעשטאָכן. אַלץ האָט זיך געדרייט פאַר איר בליק. זי האָט געגרופן נאָך הילף, אָבער קיינעם איז מער נישט געווען צו זען.

אויפן דיוואַן האָט זי זיך אויפגעכאַפּט באַגינען. אַ גרוי ליכט האָט געשפּאַרט פון אַ דאַך־פענצטערל. אין דעם הויז פון שאָטנס האָט זיך נאָך אַלץ אומגעוויגט דער שווערער נעפּל, פון ווייררויך, צי פון געברענטע וואָרצלען...

## קאַפּיטל פינפֿאונצוואַנציק

# זיך פֿאַרבלאָנדזשעט, די אָרעמע

ווייל איז די, וואָס קענען אַלץ אין לעבן פֿאַרבייגיין מיט אַ שמייכל. נישט אַזאַ איז געווען דער פֿאַל מיט דער קליינער עוואַ.

נאָך די גרויסע אַבלאַוועס אויף יידן, ווען זי האָט מיט אירע אייגענע אויגן צוגעזען, ווי אַזוי מ׳האָט פּיצלעך קינדער און שוואַנגערע פרויען ברוטאַל געוואָרפן אין די לאַסט־וואַגנס, ווען זי אַליין האָט אינמיטן דער נאַכט געמוזט כאַפּן און אַנטלויפן פון האָטעל — איז עוואַ כמעט פֿאַרבליבן אויף דער גאַס, אָן אַ קרוב און אָן אַ פריינט. זי האָט אַצינד געזוכט אַ וועג צו אַנטרינען; זי האָט געזוכט צו אַנטלויפן פון זיך אַליין, פון איר פֿאַרגאַנגענהייט, פון אַלעמען. די אָרעמע האָט נאָך אַלץ געווען נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַר וואָס, אייגנטלעך, זיליידט.

צו עדמאָנדן איז שוין מער קיין צוריק נישט געווען; דאָס האָט זי איצט געפילט מיט אַלע אירע פיבערן. כאָטש ער וואָלט זיך נאָך אפשר איינגעשטעלט פֿאַר איר. ער איז געווען איינער פון די מיליץ־אָנפירער, איינער פון די פּעטען־באַנדיס, וואָס האָבן געמסרט און געמאָרדעט פראַנצויזן און יידן, ער האָט געאַרבעט האַנט־אין־האַנט מיט דער געשטאַפּאָ.

דער דזשימי האָט איר אויך מיאוס אָפּגענאַרט. אַלע, האָט זיך איר איצט געדוכט, האָבן איר אָפּגענאַרט, אָדער אין בעסטן פֿאַל — רחמנות געהאַט אויף איר. זי האָט עס נאָך דערפילט, ווען זי איז געווען אַ קליין מיידל, ווען זי איז געגאַנגען אין לאַמאַרטין־ליצײ. ס׳האָט אַרויסגעקוקט פון די אויגן ביי אירע חברטעס, ביי אירע לערער. מען האָט זי טאָלערירט, נישט מער. זיי זענען גוט געווען צו איר בלויז אויס רחמנות. זי האָט דערפילט די ביטערע עקשנות קעגן אירע טאַטע־מאַמע, קעגן אירע משפחה־קרובים, אַפילו זיינוול איז איבער עפּעס שולדיק געווען אין איר אומגליקלעך לעבן. זי האָט זיך געפרעסן מיט פֿאַרווורפן און זי האָט אַפילו נישט געהאַט וועמען זיי צו וואַרפן.

„אייער גאָט און אייער קולטור האָבן באַנקראָטירט... זעט, אַלע

מאַכן מיט אייך וואָס נאָר זיי ווילן! — מען שטיקט אייך אויס ווי די מייז, מען טרעט אייך מיט די פיס, מען שפייט אויף אייך. פאַרוואָס מאַכט איר נאָך אומגליקלעך די קינדער, וואָס איר גע־בוירט אויף דער דאָזיקער ערד?״...

אין נעפלדיקן אָקטאָבער־פאַרנאַכט האָט זי אומגעבלאָנקעט ביי די ברעגן פון ראָן און האָט מער קיין שום פאַרלאַנג נישט גע־האַט, ווי אומצוקומען. אַזוי האָט איר די קליינע קאַרמעליטן־שוועסטער מאַריעט געטראָפן אומבלאָנקען זיך. אין דער קאַשטאַן־אַליי, וואָס פירט צום רויט־ציגלדיקן קלויסטער אויפן באַרג, האָט די שוועסטער מאַריעט פּלוצים דערקענט דער קליינער עוו, וואָס איז געזעסן אויף דער זעלבער באַנק מיט איר צוזאַמען אין לאַ־מאַרטין־ליצײ, אין פאַריז. אין איר לאַנגן, שוואַרצן טראַכט, איז זי איר נישט באַלד פאַרגעקומען קענטלעך, עוואַן. זי האָט זיך אָבער נאָכאַמאָל שאַרף איינגעקוקט אין איר — יאָ, ס׳איז טאַקע געוועז דאָסזעלבע בלאָנדע, קרענקלעכע מיידעלע, וואָס האָט זיך געהאַדעוועט ביי אַן אָפגעקומענער קרובה אויפן אַלטן מאָנ־מאַרטר; די קליינע מאַריעט, וואָס האָט שטענדיק געחלומט וועגן דער הייליקער חתונה מיטן קריסט... זי פלעגט אַלעמאָל, סתם אַזוי, צופאַלן צו איר קושן זיך. זי האָט געהאַט פייכטלעכע, ברוי־נע, ווייכע סאַרנע־אויגן און אַ גוטסקייט האָט אַרויסגעקוקט פון זיי.

דער פרי־האַרבסטיקער נעפּל, וואָס איז געהאַנגען איבער די בריקן פון ראָן, האָט אַזויווי פאַרשאָטנט די געביידעס פון די שפּי־טעלער, פון די קאַזאַרמעס און פון דער רויט־ציגלדיקער קירכע אויפן באַרג, האָט בולט אויסגעטיילט די שמאָלע, שוואַרצע פיגור פון דער יונגער נאָנע.

— עוו — האָט זי איר לייכט אָנגערירט ביים אָרעם — דער־קענסט נישט, עוו?... מאַריעט... פון לאַמאַרטין־ליצײ... ווי אַזוי? ביסט, דאַכט זיך... אַ יידישע... דו — אַציגד אויף די גאַסן? מיין גאָט, וואָס די באַרבאַרן האָבן געמאַכט פון אַלע אייעריקע...

זי האָט איר אַוועקגענומען פון דער באַנק און עווע האָט זיך געלאָזן פירן. זי האָט שטיל אַריינגעהעשעט אַ גרויס, פאַרדראָסיק געוויין, ווי אַ קינד, ווען מען לאָזט עס איבער. אין יענע טעג איז

געווען נישט קיין קליינע געפאַר צו באַהאַלטן ביי זיך יידן. מאַר־יעט האָט איר שוין אָבער מער נישט אָפּגעלאָזן. כאָטש עווא האָט נישט געוואָלט מיטגיין, זי האָט געוואָלט אומקומען. אַלץ איז גע־ווען פאַרענדיקט. מיט דער אונטיקער אַליי האָט איר די קליינע מאַריעט אַוועקגעפירט באַרג־אַרויף, מיט די טרעפּלעך, וואָס האָבן זיך גאָרנישט אויסגעלאָזן. צו דער מאָנאַסטיר־געביידע אויפן באַרג און צו די שפּיטעלער, האָבן נאָך די פעטען־באַנדעס און די דייטשן נישט געהאַט קיין שליטה. זי האָט איר אומבאַמערקט דורכגעפירט אַ טירל און האָט אין רעגן געאיילט צו דער נידעריקער, געלער געביידע אין דער טיף. ס'איז געווען פאַרן אָוונט־דינסט. די גלע־קער פון דער קאַפּליצע האָבן געקלונגען און פון אַלע טירן האָבן זיך אַרויסגעשאָטן די שוואַרץ־פאַרוויקלטע נאָנעס, מיט די ווייסע הייבלעך אַראָפּגעלאָזן צו די דראָבנע טריט, פאַר־זיך.

אין שטרענג־אויסגעווייסטן צימער מיט די נאַקעטע ווענט, ווו ס'איז געהאָנגען בלויז אַ קרוציפיקס, איז עווא לאַנג געשלאָפן. ס'האָט שוין אַוודאי געקענט זיין שפּעט, ווען מאַריעט איז צוריק־געקומען אויף די שפּיצן פינגער. זי האָט איר, ווי אַ קינד, אַליין אויסגעטאָן, אַראָפּגעצויגן די אויסגעווייקטע קליידער, געלייגט איר אין שמאָלן, האַרטן, ציכטיקן בעטל אַריין, צוגעדעקט איר, דערלאַנגט איר עפּעס וואַרעמס צו די ליפּן און געגלעט איר אי־בער די האָר.

ווען אירע טריט האָבן אַוועקגעפּלאַטערט, איז צוריק פינצטער געוואָרן. ס'האָט זיך עוואַן געחלומט, אַז זי איז צוריק אין דער היים, אַז זי איז נאָך אַ קליין מיידל און די מאַמע לייגט איר וואַ־רעם־פלעשער צום בויך; זי גייט אַראָפּ ביינאַכט פון געלעגער צו־דעקן איר, אַוועקלייגן אַ וואַרעמע האַנט אויף איר שטערן און הערט זיך שטיל איין צו איר רעגלמעסיקן אָטעמען.

נאָך אין ליציי האָט זי מקנא געווען די מיידלעך. אין זייערע אויגן איז אַלעמאָל געווען עפּעס אַזאַ פרומער, בוימלדיקער נעפּל, ווען זיי זענען צוריקגעקומען פון דער קירך, ווען זיי האָבן גע־לייענט די קורצע פּסאַלמען־פּערזן פון די געבעט־ביכער. אַזאַ פרומע, מיסטישע פאַמיליאַרישקייט, ווי ס'איז געווען צווישן זיי.

אינדערהיים ביי זיי איז דער טאַטע אַלעמאָל פאַרנומען געוועזן מיט אַרבעט, מיט געשעפטן, מיט קאָפּ־ברעכענישן. קיין שום הייליקייט, קען מען זאָגן, איז ביי זיי אין שטוב קיינמאָל נישט געוועזן. אַלץ איז געוועזן גרוי און וואָכעדיק. אַפילו דער מאַמעס שבת־ליכט, וואָס זי האָט געפלעגט צו צינדן פרייטיק־צונאַכטס אין אַ זייטיק צימערל, האָבן איר אויך אויסגעוויזן ווייט און פרעמד, אַפילו באַרבאַריש. אין ערגעץ האָט זי אַזוינס קיינמאָל נישט געזען. אין דער צייט איז דער טאַטע אַלעמאָל אַריינגעקומען מיט אַ ציגאַר אויף די ליפּן, אַ וואָכעדיקער. אַצינד וועט זי זיך באַהעפטן מיטן קריסט, וואָס היילט אַלע ווונדן, זי וועט אַנטלויפן פון נעכטן, פון אַלע, פון זיך אַליין אויך.

אַוודאי אַ טאָג מיט אַ נאַכט האָט איר די קליינע מאַריעט אויסבאַהאַלטן פון דער עלטסטער. זי האָט איר געברענגט צו עסן, אָנגעקאָרמעט איר און האָט שטיל אַוועקגעפּלאַטערט פון דער פאַלאַטע מיט ווייכע טריט. „ווייסט? — האָט זי איר איינמאָל געזאָגט בסוד — דאָ געפינען זיך נאָך קינדער... יידישע... מיין גאָט, ווען זיי ווייסן”...

נאָך אין ליצײי האָט זי דער קליינער מאַריעט ליב באַקומען, ווי אַן אייגענע שוועסטער. קיין שום סודות זענען צווישן זיי נישט געוועזן. אין די ווייכע, ברוינע סאַרנע־אויגן פון דער קליינער מאַריעט איז געוועזן אַזויפיל גוטסקייט. זי איז דאָ אַלעמאָל געקומען צו איר מיט שטילע טריט און האָט איר געגלעט: „דער קריסט, מיין קליינע עוו, היילט אַלע ווונדן”; און דעמאָלט האָט עוואַ דערפילט, אַז זי וועט שוין דערווייל פון דאַנען נישט אַוועק. אַלץ, וואָס אויף יענער זייט ווענט, איז שלעכט, געמיין, פאַלש.

פאַרנאַכט איז זי ווידער געקומען. זי האָט איר געפירט איבערן הויפל, לענגאויס די נידעריקע ווענט. ס'איז געוועזן נאָך דער אָוונט־תפילה. זי האָט איר געפירט צו דער עלטסטער שוועסטער קריסטיאַן. מען איז דורכגעגאַנגען אַ לאַנגן געוועלבטן זאַל מיט פילפאַרביקע וויטראַזשן־שויבן, וואָס האָבן ערגעץ הויך, ביים סרפיט, געוואָרפן אַ געלבלעך ליכט. אַן אָרגל האָט פון דער טיף פאַרשפרייט אַ פייערלעכן אומעט. אַ קליינער, געהויקערטער מאַנאַך, די הענט אין די אַרבל, האָט זיך פאַרבייגעגליטשט ווי אַ שאָטן,

דורכגעקרייצט דעם הויף אין דער קוועט און איז פאַרשוווּנדן ערגעץ אין אַ נידעריק טירל. טיף אַראָפּ מיטן געוועלבטן קאָרי־דאָר, ווו עס זענען געווען אָן אַ שיער אָפּגעשלאָסענע טירן, איז זי לאַנג נאָכגעגאַנגען דער קליינער מאַריעט. זי האָט נישט פאַר־שפּרייט קיין שום געוויש אַרום זיך. זי האָט כמעט געפלאָטערט. אַ ווײַלע האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, האָט איר גענומען אונטערן אָרעם און זיי זענען ביידע פאַרשוווּנדן אין אַ טיר.

הינטער אַ שווער־געשניצטן טיש, באַצויגן מיט שוואַרצן גע־וואַנט, איז געזעסן אַ שטרענגע, פעסטע זקנה. צווישן דער נעץ קנײטשעלעך האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר גרינע, אויסגעלאָשענע אויגן, וואָס זענען מסתמא אַמאָל שיין און שלעכט געווען. דאָס ליכט פון די וויטראַזשן־שויבן איז געפאַלן אויף איר פּנים אין דער קרום און האָט עס געמאַכט נאָכמער פאַרמעטן. אין איר שטים, וואָס האָט, דאַכט זיך, געוואָלט זיין ליבלעך, איז געווען עפּעס באַפעלעריש. „זיץ, קינד מײַנס" — האָט זי געהערט אי־בער זיך.

עוואַ האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ נאַקעטער באַנק ביי דער וואַנט און אַרײַנגענומען דעם קאָפּ אין אירע ביידע הענט. זי האָט מורא געהאַט אויפצוהייבן די אויגן, ווי אַ פאַרזינדיקטע, וואָס שטייט פאַרן הויכן געריכט. אַזוי האָט זי זיך טאַקע דער־פילט. סאַמע קלייניקייטן האָט זי דאָרט אויסגעפרעגט, די זקנה, גאָרנישט, דאַכט זיך, אין שייכות מיט איר צושטאַנד, ווי אַ גע־יאָגטע און פאַרפאַלגטע, ווי איינע פון די, וואָס זענען פאַראור־טיילט, נישט ווויסנדיק אינגאַנצן פאַרוואָס. „אין שאָטן פון קריסט — האָט זי ווי פון ווייט געהערט איר פרעפּלען — זענען אַלע מענטשן זײַנע קינדער". מער גאָרנישט. „גייט, קינדער מײַנע" — האָט זי צולעצט, פון צווישן דינע, פאַרשרומפּענע ליפּן שטרענג אַ זאָג געגעבן; און מאַריעט, דעם קאָפּ צו דר'ערד, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין אַ ווינקעלע, דלאָניע אין דלאָניע, ווי ווי צום געבעט, האָט איר צוריקגעפירט.

עוואַ איז איר נאָכגעגאַנגען איבער די געוועלבטע קאָרידאָרן און האָט עפּעס מיטאַמאָל מורא באַקומען. ס'איז געווען אַן אַנדער מין מורא, ווי זי האָט ווען עס איז דורכגעלעבט. „זיי זענען דאָך

פונדעסטוועגן אַלע גוט צו מיר״ — האָט זי זיך אַליין געפּרוווט צו באַרואיקן. מאַריעט האָט איר איצט געפירט אונטערן אָרעם, צו דער זעלבער פּאַלאַטע. זי איז דאָסמאָל לענגער פאַרבליבן אין דער צעלע. זי האָט אַרונטערגענומען דאָס קראָכמאַליעטע הייבל און אויף די שוואַך־אַנטוויקלטע, קינדערישע אַקסלען האָבן זיך פונאַנדערגעשאָטן אירע ווייכע, בלאָנדע האָר. עפּעס האָבן זיי אויסגעזען ווי די טויטע, פלאַקסענע האָר ביי אַ פּופּע. ס׳איז מער נישט געווען דיזעלבע קליינע מאַריעט פון לאַמאַרטין־ליציי. אין אירע אויגן, אין די שוואַרצאַפּל־פּינטעלעך, האָט זיך עוואַן געדאַכט צו דערזען אַרומשוועבן קליינע צלמלעך. זיי האָבן געפינקלט, די צלמלעך, און האָבן איר איבער עפּעס אַ דערמאָן געטאָן אין די צאַפּלדיקע פלעמלעך פון די שבת־ליכט, וואָס האָבן געציטערט אין דער נעפּלדיקער שויב, ווינטער־צייט, אין די פרייטיק־צונאַכטסן, ווען די מאַמע, אַ קליינע, אַ געעלטערטע, האָט זיך איינע אַליין אַרומגעדרייט איבער די גרויסע, פּוסטע צימערן און ס׳איז געלעגן אויף איר אַזאַ שטומער צער. „וואָס וועט די מאַמע זאָגן?״ — האָט זי זיך געכאַפּט. זי האָט אָבער געוואָלט פאַרגעסן אַלע רעיונות, פאַרגעסן ווו זי געפינט זיך און אויפוועקן אין דער קליינער מאַריעט עפּעס פון אַמאָל. זי האָט איר געוואָלט דערציילן, עוואַ, וואָס ס׳איז געוואָרן מיט די אַלע יונגעלייט, מיט וועלכע זיי פלעגן זיך אַמאָל אַרויסלאָזן טאַנצן אין „באַל־מיזעט״, וועגן דער פריילעכער באַנדע, וואָס האָט זיי פאַרנאַכט געפלעגט אָפּצוואַרטן ביי די טומלדיקע מעטראָ־איינגענג. די קליינע מאַריעט האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, אָפּגעדרייט איר בליק, באַלד צוריק אַרויפגעצויגן דאָס הייבל און אָנגעקוקט איר מיטאַמאָל פרעמד, מיט אַ ווייטער, פרומער שטרענגקייט. איז זי שטיל געבליבן, עוואַ.

נאָך איר אַוועקגיין, שפּעטלעך, איז אינדרויסן געווען אַ שטורעם. ס׳האָט געקראַכט, געדונערט און געבליצט. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז די אַלטע קאַשטאַנעס, אַרום די נידעריקע מאַנאַסטירווענט, ווערן אויסגעריסן מיט די וואָרצלען. האָט זי זיך קליין פאַרשרומפּן אין האַרטן, ציכטיקן בעטל. דאָס שטרענגע פּנים פון דער עלטסטער שוועסטער קריסטיאַן, אין געלן ליכט פון פאַרנאַכט, האָט דאָ ערגעץ געפלאַטערט אין אַ ווינקל צימער, געגאַנגען אויף איר.

„די מאַמע — איז איר דורכגעפלויגן דורכן צעהיצטן מוח — זי וועט עס נישט אַריבערטראָגן, די מאַמע... וווּ איז זי? וואָס איז דאָרט געוואָרן מיט זיי?"...

יענער גרויסער ווידערווילן קעגן זייער אַלעמענס רחמנות איז אויפגעשטיגן אין איר. זי דאַרף נישט זייער רחמנות. זי וויל נישט מען זאָל ווידער אויף איר רחמנות האָבן.

זי האָט זיך קוים דערוואַרט דעם פאַרטאָג. ווי נאָר ס'האָט אַביסל גענומען ליכטיקן, האָט זי דערפילט אין זיך אַן אומבאַוווּסטן כּוח, אַרופגעצויגן אירע קליידער, פאַרוויקלט זיך אין איר אָפּגעטראָגע־נעם מאַנטל און האָט אין קאָרידאָר געפּרוווט צו געפינען די טיר. זי האָט די טיר אַליין אָפּגעריגלט און דורכגעשאַרט זיך לענגאויס די ווענט. ס'איז געווען באַלד די צייט פון דער פרימאָרגן־תּפילה. אָנשפּאַרנדיק זיך אין קרומען שטאַם פון אַן אַלטן בוים, איז זי לייכט אַריבערגעקראָכן דעם נידעריקן פּלויט. זי איז צוריק געווען אינדרויסן. איצט האָט זי זיך דערפילט פריי, ווי קיינמאָל נישט, כאָטש אויף טריט און שריט האָט געלויערט די געפאַר.

געלאָפן זענען אַצינד אַלע פון פּאַריז אין דער „פרייער זאָנע", וווּ ס'איז געווען מער האָפענונג אַנטרינען צו ווערן פון די מערדע־רישע הענט. מען איז געלאָפן דער עיקר צו די איטאַליענער, וואָס זענען מענטשלעכער געווען צו יידן; און זי, פאַרקערט, האָט זיך באַמיט אַריבערצובאַקומען זיך קיין פּאַריז. קיין איין טאָג לענגער האָט זי דאָ מער נישט געוואָלט פאַרבלייבן. די וועגן זענען געווען באַשווערט, אָבער זי האָט אַלע שוועריקייטן דורכגעבראָכן. עפּעס האָט איר דאָס האַרץ שלעכטס געזאָגט וועגן איר היים, איבערהויפּט וועגן דער מאַמען.

די היים האָט זי טאַקע געטראָפן פאַרקלאַפּט. אויף דער טיר איז נאָך געהאָנגען דער רויטער לאַק־שטעמפּל, וואָס די דייטשן האָבן אַרויפגעלייגט, אָבער ער איז שוין געווען אָפּגעקרישלט. פרעמדע מענטשן האָבן דאָרט אַוודאי געוווינט. זי האָט צוגעלייגט דאָס אויער צו דער טיר, איינגעהאָרכט זיך אַ רגע און איז דערנאָך שטיל אַרונטער די טרעפּ. זי האָט שוין אַלץ געוווּסט.

אין פאַרנאַכט, וואָס האָט איר אויסגעזען ווי אַ צעקנייטשטער

פאַרמעט, איז זי דאָרט ערגעץ שטיינגעבליבן אויף אַ ראָג און האָט נישט געוווסט וווהין זאָל זי גיין. ס'איז געווען אַן אומעטיקער פאַר־נאַכט אַרום די געסעלעך פון „פלעצל", אַ טריט פון דאָרט, ווו זי איז געבוירן און אויפגעוואַקסן. עפּעס אַן אַלטע, קינדערישע שרעק האָט אַרויסגעקוקט צו איר פון דער טיף פון די שמאָלע, מיטאַלטער־לעכע געסעלעך. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי זעט זיי דאָרט, די פאַרהויקערטע יידן. זיי איילן אין פאַרנאַכט צום שולכל אויף רי פּאַווע. דער קליינער, מאָגערער ייד מיטן אויסגערונענעם אויג שטייט דאָרט אין אַ ווינקל גאַס, צווישן די הערינג־געוועלבלעך און צווישן דער יאַטקע, און רופט אויס אומעטיק, מיט אַ ימים־נוראים־דיק געזאַנגעלע, ציטערינען צו פאַרקופן.

קיין איין באַקאַנטן אַדרעס האָט זי זיך מער נישט געקענט דער־מאָנען. די, וואָס זי האָט געדענקט, האָט זי שוין געוווסט, אַז זיי זענען נישטאָ מער, אַז זיי זענען אַוועק, אָדער מ'האָט זיי דעפּאָר־טירט. די נאַכט פאַלט באַלד צו אַרום די געטאָ־געסעלעך און מער ווי ביז ביין טאָר מען זיך אויף די גאַסן נישט געפינען...

מיט דער לעצטער מעטראָ איז זי פאַרפאָרן צום בעלוויל. דאָ, האָט זי געוווסט, איז דאָס לעצטע אָרט צו אָנטרינען. לאַנג האָט זי זיך געפּלאָנטערט אין די געסעלעך באַרג־אַרויף, ביז זי האָט ענד־לעך אָפּגעפונען דעם נומער און דאָס הויז פון דער מומען. זי איז אַ ווײַלע שטיינגעבליבן אין טויערל און נישט געוווסט, צי דאַרף זי אַרויפגיין, צי וועט זי דאָרט עמיצן טרעפן. בראָנטשע, זיינוול, די מומע מיטן פעטער — צי איז עס טאַקע אַלץ ווירקלעך אַמאָל געווען? צי וועט זי אים כאָטש טרעפן, זיינוולען? זי האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג צוצופאַלן צו אים, כאָטש אַלע פאַרגעסענע ווייטיקן וועלן זיך ווידער אויפמאַכן, האָט זי געוווסט. ער האָט אַ האַרץ, זיינוול. ער איז שטרענג געווען צו איר, אָבער ער האָט אַ ברייט האַרץ.

אויפן דריטן שטאָק, די טיר לינקס, אין ווינקל, ביים וואַסער־אָפּגוס — מיט פאַרבונדענע אויגן וואָלט זי אַהער געטראָפן. זי האָט זיך נישט געריכט צוריקצוקומען נאָך אַמאָל אַהער, ביין. לאַנג האָט זי זיך פריער איינגעהערט, ביז זי האָט אָנגערירט די קליאַמקע. ס'האָט זיך איר געדאַכט צו פאַרנעמען פון אינעווייניק פאַרזיכטיקע

טריט. אָבער באַלד האָט זי זיך צוריקגעצויגן — אינעם ביסל ליכט פון דאַך־פענצטערל האָט זי דערזען מיטאַמאָל דעמזעלבן רויטן לאַק־שטעמפּל אויף דער טיר, אויך אַן אָפּגעריסענער, אַ צעקרישל־טער. האָט מען זיי, הייסט עס, אויך פונדאַנען אַלע אָוועקגעפירט, אַלע — און נאָר זי איז פאַרבליבן. דריי מאָל האָט איר האַנט אָנגע־רירט די טיר. זי האָט שוין געוואָלט צוריק אַרונטערגיין פון די שטיגן. וווהין גיין, האָט זי אַליין נישט געוווסט. נאָר אָט האָט זיך פלוצים אַ שפּאַרע פון דער טיר אויפגעמאַכט, דערנאָך אַ ביסל בריי־טער. עמיץ האָט, דאַכט זיך, אַרויסגעפליסטערט איר נאָמען. יאָ, מען האָט זי גערופן. זי האָט אויפגעציטערט. אין דער טונקל פון קאָרידאָר, האָט זי נישט באַלד געקענט באַמערקן ווער עס רופט איר נאָמען. קיין פנים האָט זי נישט געזען. אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַ פרעמד מיידל, האָט גאָרנישט געפרעגט נאָר אָנגע־קוקט זי. אָבער אין דער טיר איז דאָרט נאָך עמיץ געווען. זי האָט אים נישט באַלד דערקענט, זיינוולען. זי האָט גיכער דערפילט, אַז דאָס איז ער, דאָס דאַרף ער זיין, דאָס מוז ער זיין. זיין האַנט האָט אַ רגע געפלאַטערט איבער איר ציטערדיקן אַקסל אין דער טיר.

— חווהטשע?... — האָט ער געפליסטערט — פונוואַנען?... ווי אַזוי?...

אירע אַקסלען האָבן נישט אויפגעהערט צו ציטערן. זי האָט גע־העשעט אָן אַ קול. זי איז געשטאַנען אין פינצטערן קאָרידאָר און איז געווען זיכער, אַז באַלד וועט זי דערהערן די טריט פון דער מומע מינדע, בראָנטשע וועט אַרויפּאַלן אויף איר. ער האָט איר אַריינגעפירט אין צימער, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט פרעמדע, שאַרפע ריחות. די פענצטער זענען געווען געדיכט פאַרהאָנגען. אַרום די ווענט — אַ פּוסטקייט. קיין שום מעבל נישט כמעט. צי חלומט זי נישט אַמאָל? זי האָט אָבער באַלד דערקענט דאָס אָפּגעריבענע שלעקל אַרום די ווענט — דאָסזעלבע שלעקל פון די פליעגדיקע געענדז. דאָס מיידל איז דאָ ערגעץ פאַרשוווּנדן הינטער אַ ווענטל און זיינוול אַליין איז געשטאַנען אינדערמיט שטיבל. ער האָט איר אָנגעקוקט און האָט שוין אַלץ פאַרשטאַנען.

— מיר מוזן באַלד אַוועק פונדאַנען, חווהטשע. כ'בין דאָ — צו־פעליק. ס'איז נישט מער אונדזער היים. — האָט ער גערעדט מיט

**בולטן ווייטיק — אַלעמען האָבן זיי אַוועקגענומען, די באַנדיטן... אָבער ווי אַזוי איז דיר איינגעפאַלן צו קומען אַהער?**

זי האָט איצט שטאַרק געגלויבט, אַז אַ מין פאַטאַלער כוח ציט איר כסדר צו אים, נאָך זיינע טריט. פון איצט אָן, האָט זי געהאַט דאָס געפיל, וועלן זיי זיך שוין מער נישט צעשיידן. אַ ווײַלע איז זי געבליבן אַליין, ווען ער איז אַוועק הינטערן ווענטל, און זי האָט צוריק מיראַ באַקומען.

זיי זענען שטיל אַרונטער די שטיגן. אינדרויסן איז שוין די נאַכט געווען צוגעפאַלן. „חוהטשע — האָט זי געהערט זיין שטים ווי פון ווייט — טאָרסט דאָ מער קיינמאָל נישט אַהערקומען, הערסט? כ׳וועל דיר שוין זאָגן״...

און ס׳איז געווען עפּעס אַ שוידער אין זיין ברוסטיקער שטים, וואָס האָט איר אַמאָל, ווען זי איז נאָך געווען אַ מיידעלע, געקלונגען ווי מוזיק. זיי זענען נישט געגאַנגען דורך די גאַסן. די פינצטערע דורכגענג צווישן די געסעלעך אויפן הויכן בעלוויל האָט זי קיינמאָל נישט געקענט. זי האָט נישט געקענט די פאַרהוילענע דורכגענג איבער די אויפגעבראָכענע פאַבריקס־הייף, די וועגן, וואָס פירן איבער די קרומע שטיגן פון לאַנגע קאָרידאָרן, וווּ עס נעסטיקן ווילדע קעץ, וווּ בלינדע ווענט זענען אונטערגעשפּאַרט מיט באַריערן. ווי פלינק ער האָט זיך דאָרט באַוועגט. ער איז דאָ כמעט אויפגעוואַקסן אין די געסעלעך און האָט געקענט יעדעס ווינקעלע. „ווער איז דאָס מיידל? — האָט זי געוואָלט וויסן — וואָס טוט ער דאָ, אין דעם אויסגעליידיקטן, אומעטיקן הויז?״. אָבער ס׳איז קיין צייט נישט געווען צופיל אויסצופרעגן זיך. זיין פעסטער אָרעם האָט איר כמעט געטראָגן. ס׳איז געווען אַזאַ היימישער אָרעם, אויף וועלכן מען קען זיך אָנגעטרויען, ער וועט נישט פאַרפירן.

— ס׳איז פונדעסטוועגן גוט וואָס ביסט דאָ, וואָס האָסט מיך נאָך אָנגעטראָפן — האָט ער איר צוגעוואָרפן — מיר נעמען נקמה... פאַרשטייסט?

— וואָס הייסט?... — האָט זי געוואָלט נאָך עפּעס פרעגן און זי האָט שוין אַלץ געוווּסט.

דאָ באַלד האָט ער זיך ערגעץ אַריינגעגליטשט אין אַ פאָדער־

הויז, זיי זענען געקראָכן אַרויף, ביז צו אַ פינצטערן שטאָק, צו אַ קאָרידאָר, ווו ער האָט דריי מאָל קוים אַ ריר געטאָן ביי דער טיר, ביז מען האָט אָפּגעריגלט.

## קאַפּיטל פינפאונצוואַנציק

# דער וועג פון נקמה

אַ טאָג איידער די דייטשן זענען אַריין קיין פּאַריז, איז זיינוול געקומען אָנצופליען אויף אַ צעבויגענעם ראָווער אַזש פון דער בעלגישער גרענעץ, ווו ס'איז געווען דער גרויסער דייטשער דורכברוך ביי סעדאַן. ער איז קודם געלאָפן זען וואָס ס'טוט זיך אין די דריי גאָרן־שטיבלעך ביי זיי, אויפן הויכן בעלוויל. אַ גאַנצע איבערקערעניש האָט ער דאָרט אָנגעטראָפן. מען האָט זיך געגרייט צו אַנטלויפן. מינדע איז געשטאַנען איבער די פּעק, געבראָכן זיך די הענט, דער אַלטער האָט זיך געדרייט איבער דער שטוב און נישט געוווסט וואָס פריער צו כאַפּן.

— אַבי כ'זע כאַטש עמיצן צוריק — האָט זי געגאָסן מיט ביטערע טרערן, די אַלטע — בראָנטשע מיטן מאַן און מיטן ייִנגל זענען נאָך נעכטן אַנטלאָפן. הירש איז ערגעץ אין אַ שפּיטאָל און דאָס „שנירעלע פּערל" ווייזט זיך אַפילו נישט...

זיינוול האָט באַלד אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מיליטערישע קליידער און איז קודם געלאָפן געוויר ווערן אַהיים. אַרום די האַליעס דאָרט האָט ער שוין אָבער מער קיינעם נישט געטראָפן. שכנים, וואָס האָבן זיך אויך געפּאַקט אין וועג אַריין, האָבן דערציילט, אַז דער פויער פון אָווערן האָט זיי נאָך מיט אַ וואָך צוריק אַלעמען אַרויפגעפּאַקט אויף אַ לאַסט־וואָגן און איז אַוועק צוריק ערגעץ אינעם שטעטל ביי קלערמאָן־פּעראַן. האָט ער באַשלאָסן צו לויפן אַהין. דאָס האַרץ האָט אים אָבער קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט. וואָלט ער כאָטש דאָס ייִנגל געהאַט מיט זיך. מילא, מאַדלען... וועגן איר האָט ער דערוויל נישט געטראַכט, זאָלן זיך מענטשן רעדן וואָס זיי ווילן. ער ווייסט בעסער פון אַלע מענטשן...

און גאַנץ פּאַריז איז געלאָפן אויף די וועגן, אונטערן טויט־פּאַר־זיי פון די דייטשע „שטוקאַס"; איז ער אויך מיטגעלאָפן. נישט צו־ליב די דייטשן, פאַרשטייט זיך, איז ער אַנטלאָפן. אַ ברענענדיקער צאָרן האָט אים געטראָגן. ער האָט זיך קוים איינגעבעטן ביי די אַל־טע לייט זיי זאָלן זיך נישט רירן. מילא, וואָס ס'וועט זיין וועט זיין. אויף אַזוי ווייט האָט זיך נאָך דעמאָלט קיינער נישט געריכט. אויף די וועגן, האָט ער געוווסט, וועלן זיי סיי־ווי אומקומען. זיי זענען אַלט געוואָרן, קוים וואָס די פיס האָבן זיי געטראָגן. אויך איז קיין אויטאָ שוין אין ערגעץ נישט מעגלעך געווען צו באַקומען.

ער איז געווען פאַרביטערט, משוגע, אויפגעבראַכט, דאָס הויז אַרום די האַליעס האָט ער געפונען פאַרהאַקט און דאָס האָט אים עפּעס קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט. מאַדלען האָט נאָך גענוג צייט געהאַט אים אָנצוזאָגן. די בריוו אירע זענען לעצטנס סיי־ווי געווען זעלטענע און — קילע. נאָכדעם ווי דאָס יינגל איז אַביסל אונטער־געוואַקסן, איז זי צוריק געוואָרן דאָסזעלבע בלאָנדע, שמאָלע מיי־דעלע פון אַמאָל. זי איז נאָך, דאַכט זיך, יינגער געוואָרן; און דער אַלטער האָט כסדר געבורטשעט אין די וואָנסן אַריין, וואָס דאָס יינגל קלעפּט אַזוי שטאַרק צו די יידן אויפן בעלוויל, וואָס מען האָט עס געיידישט. וואָלט ער כאָטש דאָס יינגל געהאַט מיט זיך. ער איז איצט ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך געווען אין אים — אַ פּעס־טער, אַ בלאָנדער, מיט קלייענדלעך אויפן קאַרטאָפל־נעזל.

די דייטשע מאָטאָריזירטע אָפּטיילונגען האָבן אים נאָך פאַרכאַפּט ביי דיזשאָן. ער איז שוין אָבער מער נישט געווען אין מיליטערישן אָנטאָן און האָט זיך לייכט דורכגעגליטשט די ליניעס. צופוס איז ער פון דאָרט אַוועק אין יענעם דאָרף ביי קלערמאָן־פעראַן, אָבער נישט מאַדלען און נישט דאָס יינגל זענען דאָרט נישט געווען. דער אַל־טער פויער איז יאָ געווען, אָבער ער איז פאַרבליבן שטום און טויב ווי די וואַנט. „מאַדלען איז אַוועק — האָט ער געטענהט זיינס און זייער רואיק — וווהין ווייס איך נישט". ס'האָבן נישט געהאָלפן קיין געשרייען און קיין דראָאונגען. מיט דער נאָז אָבער האָט ער עס באַלד דערשמעקט, דער כיטרער פויער, אַז ס'בלאָזן איצט בייע ווינטן, אַז ס'איז נישט קיין צייט צופיל צו הברן זיך מיט יידן. קיין אָפיציעלע געזעצן וואָס שייך יידן, זענען דערווייל נאָך נישט גע־

ווען, אָבער פון זיין אַלטן פריינט פיער לאַוואַל, פאַר וועמען ער פלעגט אַלעמאָל שטימען ביי די וואַלן — ער האָט געשטאַמט פון אַ שטעטל נישט ווייט פון אים — האָט ער עס באַקומען אָנצוהערן. ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. ס'איז אויסגעקומען צו שלאָגן זיך מיט מעסערס. און זי, מאַדלען... אויב זי האָט געקענט אָפּטאָן אַזאַ זאַך. אָבער דאָס יינגל — האָט ער געהאָפּט צו געפינען און אַוועקצונע־מען עס. אויב נישט, איז זיין נאָמען נישט זיינווּל...

אין די אינסטאַנצן פון ווישי איז שוין מער נישט געווען צו ווע־מען צו רעדן. מ'האָט אים דאָרט אַפילו אויפגענומען גאַנץ העפלעך, אויסגעהערט, אָנגעקוקט: „אַ ייד?" — און אַלע פענצטערלעך האָבן זיך מיט איינמאָל פאַרהאַקט פאַר זיין נאָז. ער האָט געפּרוּווט צו שרייען, ווייזן זיינע אויסצייכענונגען, נאָר רעד צו דער וואַנט...

דאָס אַוודאי האָט אים נאָך אַזוי שטאַרק צוגעהאַלטן ער זאָל פאַרבלייבן אַזוי לאַנג אין דער „פרייער זאָנע". דערווייל האָט מען שוין געהערט, אַז אין פּאַריז נעמט מען יידן אין די לאַגערן אַריין; און פון די אַלע לאַגערן האָט ער שטאַרק נישט געהאַלטן, זיינווּל. באַלעבאָס איבער זיין אייגן לעבן האָט ער אַליין געוואָלט זיין. אַ גרויסער כעס האָט אים געוואָרגן. ס'האָט זיך אים איצט מיטאַמאָל געגומען אויסדאַכטן, אַז זיין ברודער הירש איז, נאָך אַלעמען, אַ סך קלוגער געווען פון אים — זיין שטענדיקער אומצוטרוי, די זוכע־נישן. ער האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן. ער האָט זיך הייליק צוגעזאָגט אָפּצונעמען זיין עוולה.

דערווייל האָט מען געמוזט לעבן, האָט ער געאַרבעט ביי אַ פּויער אין אַ דאָרף, געאַרבעט אין וואַלד, נישט ווייט פון שאַטאַרו, אָבער דער טרויער און דאָס בייזע פייערל האָבן אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן. ער האָט געזוכט אויסצולאָזן זיין ביטערן כעס. אָבער איידער וואָס־ווען, האָט ער געוווּסט, מוז מען אַרומגיין אויף די שפּיץ נעגל און נישט וואַרפן זיך צופיל אין די אויגן. קיין געלע לאַטעס, ווי אין פּאַריז, האָט מען נאָך דאָ נישט געטראָגן, אָבער די פּראָווינצער פּרעפעקטור האָט די לעצטע צייט גענומען שטאַרק שי־קאַנירן, אָפּגעזאָגט דאָס וווין־רעכט, געשיקט אין די לאַגערן אַריין; און פון די לאַגערן, האָט מען דערציילט, נעמען די דייטשן אַרויס און פאַרשיקן ערגעץ. סוף כל סוף האָט מען אויך ביי זיינוולען איינ־

מאָל צוגענומען דאָס קוויטל פון דער פירמע, אויף וועלכער ער האָט זיך כלומרשט פאַרופן, אַז ער איז אַ פּראָדוקטיווער עלעמענט. מען האָט זיי דאָרט צוגעזאָגט צו שיקן אַן אַנדערן אויף זיין אָרט, אַ ריכטיקן פּראָנצוויז...

אינדערפרי איז ער אַרויסגעקומען אויפן פּלאַץ פאַר דער מערי אין שאַטאָרו און מיטאַמאָל דערזען ווי אַ גרויסע מאַסע אַנגעלאָפע־נע יידן שטייט ביי די טירן פון דער פּרעפעקטור־געביידע.

— ס'איז היינט אַ שלעכטער טאָג — האָבן זיי געקרעכצט, די צעשראָקענע יידן — דער שעף נעמט ביי אַלמען צו די פּאַפּירלעך און שיקט אין לאַגער אַריין... מיר זענען געהאַנדלט...

אַן אַזאַ אַזאַ פּאַפּירל האָט מען זיך אינערגעץ נישט געקענט איינמעלדן. האָט ער זיך אַרומגעקוקט, זיינוול, און פונדעסטוועגן דורכגעשפּאַרט זיך. ער האָט דערזען דורכן פענצטערל דעם שעף, ווי ער זיצט זיך אַזוי ברייט, רויכערט ציגאַרעטלעך און רעדט זיך אַדורך מיט די שמייכלענדיקע ביוראָ־מיידלעך. האָט ער איינער אָנ־גענומען זיך מיט מוט און איז אַריין. ער איז דאָרט אַרויס מיט זיין געזונטן פּראַנצויזיש, אויפגעהויבן דעם טאָן, אַפילו געכעסט זיך, געוויזן זיינע אויסצייכענונגען, זיינע בענדלעך און איז באַלד דער־נאָך אַרויסגעקומען פון דאָרט אינגאַנצן אַ צעטומלטער. „זיי זענען די שטאַרקערע — האָט ער זיך געזאָגט — קיין געשרייען העלפן שוין אויך נישט מער. די פויסט... אָבער אים וועלן זיי אַזוי לייכט נישט אָנקריגן. ער וועט זיי איבערכיטרעווען"...

אויפן טראָטואַר איז פּונקט פאַרבייגעגאַנגען אַ יונגע קראַנקן־שוועסטער; איז אים איינגעפאַלן צוצוגיין צו איר און זי פרעגן, אויב זי וואָלט אים נישט געקענט שטעלן קיין באַנקעס. האָט זי אים געפרעגט וווּ ער וווינט. האָט ער געענטפערט: „אין אַ האָטעל, נאָר ס'איז דאָרט זייער קאַלט". האָט זי אים אַוועקגעפירט צו זיך אין פּאַנסיאָן און אים אַרויפגעהאַקט אַ פלייצע באַנקעס. פרעגט ער וויפל עס קומט איר. זאָגט זי: „דריי פראַנק, מעסיע". נעמט ער אַרויס אַ הונדערטער און גיט איר. האָט זי אים אָנגעקוקט מאָדנע, זיך גע־רויטלט און געזאָגט: „ס'איז צופיל".

— ס'וועט אייך בלייבן אויף אַ צווייט מאָל... — מאַכט זיינוול

און שמייכלט דערביי פֿאַרלעגן — מיר פֿעלט נישט קיין געלט, מאַד־מואַזעל, מיר פֿעלט די פֿרייהייט...

האָבן זיי שוין דאָרט אַלע גלייך פֿאַרשטאַנען; און די סימפּאַטי־שע באַלעבאָסטע פֿון פּאַנסיאָן, וואָס איז אויך געווען דערביי, האָט זיך אָפּגערופֿן:

— מעסיע זשאַק, מיר וועלן אייך שוין אויסבאַהאַלטן.

האָט ער נישט גערוט און גלייך גענומען נאָכפֿרעגן זיך אויפֿן דאָקטער.

— ער קומט צו דער קראַנקן־שוועסטער, וואָס רופֿט זיך מאַניק — האָט אים די באַלעבאָסטע איינגערוימט — ער קומט יעדן טאָג כמעט. מען קען אים אויך טעלעפֿאָנירן.

ווען דער דאָקטער, אַ יונגער, אַ סימפּאַטישער, איז געקומען, האָט ער געפֿרעגט ביי זיינוועלן וואָס איז זיין פֿאַרלאַנג; האָט אים זיינוול געענטפֿערט, קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן אַריין:

— דאָקטער, איך בין אַ משוגענער...

— ווּעלכע באַווייזן קענט איר האָבן? — האָט אים דער דאָקטער אָנגעקוקט אַביסל פֿאַרחידושט.

האָט ער אויפֿן אָרט געמאַכט אַ רעפּעטיציע און דער דאָקטער איז ממש אַנטציקט געווען פֿון זיין שפּילן.

— אויסגעצייכנט!... — האָט אים דער דאָקטער גערימט — אויס־געצייכנט! — און ער האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן פֿון געלעכטער.

דער שוועסטער מאַניק איז עס אויך געפֿעלן. בכלל איז איר זיינוול געפֿעלן מיט זיינע משוגעתן. ער איז געווען אַ ברייטער, אַ בלאָנדער, אַ פֿריילעכער, נאָר פֿון צייט צו צייט איז אים באַפֿאַלן דער אומעט און דעמאָלט האָט מען נישט באַדאַרפֿט צופֿיל רעדן צו אים.

מיט דער באַלעבאָסטע פֿון פּאַנסיאָן האָט ער זיך אָפּגערעדט, אַז אויב ס'וועט עפּעס טרעפֿן, מען וועט קומען נאָך אים — און דאָס איז מערסטנס פֿאָרגעקומען ביינאַכט — זאָל זי תיכף רופֿן דער שוועסטער מאַניק.

ס'גייט נישט אַוועק קיין דריי טעג, איינמאָל, אַרום צוויי ביי־

נאַכט, מען קלאַפּט. אַ זשאַנדאַר מיט צוויי אַרעסטירטע יידן שטעלט זיך אַריין. די יידן זאָגן צו אים אויף יידיש:

— מעסיע זשאַק, מען רופט אונדז צום קאָמיסער!

הייבט ער זיך אָן אָנצוטאָן און פאַלט דערווייל אַריין אין אַ היס־טעריע. ער האָט אַליין נישט געוווסט ווי ס'האָט זיך דערנומען צו אים אַזאַ קראַפט. דער דאָקטער און די שוועסטער מאַניק האָבן אים נאָכדעם געזאָגט, אַז זיי האָבן טאַקע געמיינט, אַז ער איז משוגע גע־וואָרן אויף אַ רעכטן אמת. די ווירטין האָט שוין געגעבן צו וויסן דער שוועסטער, אַז זי גייט טעלעפאָנירן נאָכן דאָקטער. שרייט ער: „כ'דאַרף נישט קיין דאָקטער!". און צום זשאַנדאַר — „כ'גיי מיט דיר!". און דער זשאַנדאַר גייט שוין צו און וויל אים העלפן אַראָפּ־קריכן פון בעט, כאַפּט ער אים פּלוצים אָן ביים האַלדז און נעמט שרייען:

— וווּ איז מיין זון? גיב מיר אָפּ מיין זון!...

נישט־טויט, נישט־לעבעדיק, האָט זיך דער זשאַנדאַר קוים אַרויס־געריסן פון אים און שנעל פאַרהאַקט די טיר פון יענער זייט.

— נישט אומזיסט הייסט ער זיינוועלע דער אַרטיסט — האָט ער געהערט ווי די בעוולווילער יידן רעדן צווישן זיך — ער שפּילט גוט די ראָלע...

ס'האָט געדויערט אַ מינוט צוואַנציק ביז דער דאָקטער איז גע־קומען, אָבער דער זשאַנדאַר האָט שוין מורא געהאַט אַריינצולאָזן דעם דאָקטער אויך.

— הער דאָקטער — האָט ער אים געוואָרנט — כ'בין נישט פאַר־אַנטוואָרטלעך...

ווען זיי האָבן דאָרט אויפגעשלאָסן די טיר, האָבן זיי אים גע־פונען אין אַ ווינקעלע, אָן איינגעקאָרטשעט. די שוועסטער מאַניק האָט געוואָרנט, אַז אויב ער וועט נאָכאַמאָל דערזען אַ זשאַנדאַר, וועט ער ווידער ווערן ווילד־משוגע. איז ער טאַקע מער נישט אַריינ־געקומען. דער דאָקטער האָט אים געמאַכט אַן איינשפּריצונג און דער זשאַנדאַר האָט טעלעפאָנירט קיין שאַטאָרו. האָבן זיי פון דאָרט געענטפערט, אַז מען זאָל אים דערווייל לאָזן, ביז אַ צווייטן טראַנס־

פּאַרט; אָבער די ווירטין פון פּאַנסיאָן איז פאַר אים פאַראַנטוואָרט־לעך — צום ביישפּיל, אַז ער קומט נישט אַמאָל ביינאַכט, מוז זי צומאָרגנס באַלד מעלדן.

אינאָוונט איז דער דאָקטער ווידער צוריקגעקומען. ער איז געזעסן אין קליינעם סאַלאָן און געטרונקען קאַפע.

— געפעלסט מיר — האָט ער, אָנקוקנדיק אים מיט שמייכל, זיך אָפּגערופן צו זיינוולען — אַזעלכע ווי דו זיצן נישט אין אַזאַ עק מיט פאַרלייגטע הענט... ס׳איז איצט פאַראַן געננוג אַרבעט...

האָט ער דאָך באַלד פאַרשטאַנען וואָס עס מיינט, דער דאָקטער, און ער האָט זיך אָפּגערופן, אַז ווען ער קען אַריבערקומען קיין פּאַריז, וואָלט ער שוין אַליין געוווסט וואָס ער האָט צו טאָן...

די יידן פון שטעטל זענען אים דערוויל מקנא געווען. זיי האָבן געזאָגט, אַז ער האָט זיכער אונטערגעקויפט דער שוועסטער מאַ־ניק, אָדער אַז ער לעבט מיט איר — עפּעס צופיל שטעלט זי זיך איין פאַר אים. זיי האָבן אויך דער שוועסטער אונטערגעפירט, אַז ער מאַכט אַ לעבן מיט דער ווירטין פון פּאַנסיאָן, אַז ער טראַכט גאָרנישט וועגן איר. איינמאָל קומט אַריין אַ ייד און רופט זיך אָפּ צו אים, אין געלעכטער כלומרשט:

— וואָס מיינסטו, מען ווייסט נישט — רופט ער זיך אָפּ — אַז דו האָסט געשפּילט די קאָמעדיע?

— איז וואָסזשע ווילסטו? — איז זיינוול אויפגעשפּרונגען אַ צעקאָכטער — ווען מען נעמט מיך אין לאַגער אַריין, וואָלט דיר שוין בעסער געוואָרן?

— גאָרנישט — מאַכט יענער — נאָר ס׳איז אַן אומגליק אויף יידן... — און גייט אַוועק.

דער שוועסטער ווידער האָט מען אַזוי אָנגעדרייט, אַז זי האָט איינמאָל געזאָגט, אויב עס געשעט נאָכאַמאָל עפּעס, איז זי נישטאָ, זי מישט זיך נישט מער. צווישן דער שוועסטער מאַניק און דער ווירטין איז אויך דערוויל געוואָרן ווי צווישן פייער מיט וואַסער. זיינוול האָט דערפילט, אַז לאַנג אַזוי אָנהאַלטן דאָ קען עס שוין נישט. ס׳איז געוואָרן ערגער. אין פּאַריז, האָט מען געהערט, נעמט מען אין די לאַגערן אַריין, מען שיסט ערובניקעס, מען דעפּאָרטירט; פון טאַטן מיט דער מאַמען האָט ער שוין לאַנג נישט געהערט, פון

בראָנטשען אויך נישט. ער האָט עס עפּעס געפילט אויף זיין אייגע־נעם געוויסן. וואָס, צום טייוול, זיצט ער דאָ? ווען נישט דאָס יינגל, וואָלט ער שוין פונלאַנג געווען דאָרט. די שוועסטער מאָניק איז צוגעשטאַנען, האָט אים פאַרפּאָלגט, האָט אים געהיטן פּונקט ווי די זשאַנדאַרמען. ס'איז אָבער געשען אַ נס און ער איז פּטור געוואָרן פון איר. אין שטעטל איז קראַנק געוואָרן אַן אַלט פּאָר־פּאָלק און די שוועסטער מאָניק האָט זי דרינגענדיק באַדאַרפט אָפּפירן קיין פּאַריז. ווי נאָר זי איז אַוועק, איז די ווירטין פון פּאַנסיאָן באַלד אַריינ־געקומען צו אים:

— דאַרפסט אַוועק פון דאַנען, זשאַק, און נישט לאַנג טראַכטן. עס דראָט דיר אַ געפאַר. צופיל שונאים האָסטו דאָ. כאָטש קיין שלעכטס האָסטו, דאַכט זיך, קיינעם נישט געטאָן.

און זי אַליין האָט עס אים געהאָלפן אַריבערצוכאַפּן זיך קיין פּאַריז. ס'האָט אים שוין לאַנג געצויגן אַהין. ער האָט כסדר געהאַט אויפן געוויסן דעם טאַטן, דער מאַמען, הירשן. גענוי וואָס מיט זיי דאָרט איז געשען, האָט ער נאָכנישט געוווּסט. דעם 16־טן יולי, האָט ער געהערט, איז אין פּאַריז געווען אַ גרויסע בהלה. אויסער דעם, האָט אים דער בעלוויל געצויגן. „די מלחמה וועט זיך נאָך אַמאָל ענדיקן — האָט עס אין אים געקאָכט — און דער פויער פון אָווערן, דער בוזים־פריינט פון פּיער לאַוואַל, וועט ביי מיר טייער באַצאָלן. דאָס האָט ער אַוועקגערויבט מיין קינד".

אַריבערקומען קיין פּאַריז איז געווען פּונקט אַזוי שווער, ווי אַריבערכאַפּן זיך פון פּאַריז אין דער „פריייער זאָנע". די ווירטין פון פּאַנסיאָן האָט אים געהאָלפן, דער שטילער, שמייכלענדיקער דאָקטער האָט אים געהאָלפן און ער איז בשלום אָנגעקומען. אין פּאַריז האָט זיינוול שוין נישט באַדאַרפט די פאַרבינדונגען פונעם דאָקטער אין שאַטאָרו. ער האָט זיי געפונען, ער האָט זיי געוווּסט וווּ צו געפינען, מיט דער נאָז האָט ער זיי דערשמעקט. ס'איז אים שוין איצט קלאָר געווען פאַר וואָס ער גייט און פאַר וועמען.

איינער אַליין פון אַלע זייניקע איז ער איצט געווען אין פּאַריז. מענטשן האָבן אים שוין געהאַט דערציילט וואָס עס האָט זיך דאָ אָפּגעטאָן אין דעם טרויעריקן אינדערפרי, ווען מ'האָט אַלט און יונג געשלעפּט פון די בעטן צו די לאַסט־וואָגנס, צום איבערגעפּראָפּטן

וועלאַדראַם ד׳היוור. ס׳האָט אים נאָך פונדעסטוועגן אַ סך מאָל בלינדערהייט צוריקגעפירט צו דער היימישער טיר אויפן הויכן בעל־וויל. פרעמדע, אָרעמע מענטשן האָבן איצט געוווינט אין דעם דירה־לע, פונוואַנען מ׳האָט אַוועקגענומען זיינע טאַטע־מאַמע, פונוואַנען מ׳האָט אַלע זאַכן אַרויסגערוימט. ער האָט מער נישט געהאַט קיין היים. די קאַפעס אויפן בעלוויל זענען געשטאַנען ליידיקע, פאַר־קלאַפטע. עטלעכע נעכט איז ער איבערגעשלאָפן ביי געצל שטרי־קער, וואָס האָט אַמאָל געאַרבעט מיט אים ביי איין מאַשין ביי אַ גרויסן פאַבריקאַנט אויפן פאַבור סט. דעני. זיי זענען צוזאַמען אַריינגעקומען אין דער קאַפע צו שמיל הוי. ער האָט אים אומגע־ריכט דערקענט, פאַרנדיק אין מעטראָ און איז צוגעפאַלן צו אים. אָבער יענער האָט אים מיט אַ ווונק באַלד געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער זאָל זיך האַלטן אַביסעלע פונדערווייטן, ער זאָל אים נאָכ־גיין. ס׳איז געווען איינמאָל אין אַ רעגנדיקן פאַרנאַכט, ווען זיי זע־נען פאַרפאָרן ביז צום פאָרט דע לילאַ. אין אַ געסל, וואָס פירט אַרויס צו די ליידיקע פעלדער, האָט ער אים אָנגעזאָגט.

— זיינוול — האָט ער אים אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן אַקסל — מען זעט גלייך, אַז ביסט אַ גרינער. לאָמיר אַזוי ביידע לעבן, ווי ס׳האָט נישט געפעלט קיין סך, מיר זאָלן אַריינפאַלן...

אין דער אָפגעלעגענער פאַרשטאָט ראָמענוויל האָט ער אים אין רעגן אַוועקגעפירט צו אַן אַלט, אָפגעקראָכן הויז, אויף אַ לעצטן שטאָק, אין אַ פוסטלעכער דירה.

— דאָ — האָט ער אים געזאָגט — קענסטו דערווייל פאַרבלייבן אַ פאָר טעג. איך זאָג דיר אָבער גלייך — ס׳איז געפערלעך! ווילסט אַוועקלייגן אַביסל דייטשן? שליס זיך אָן אין אונדזער ווידער־שטאַנד־אָרגאַניזאַציע.

— צוליב דעם, שטעל זיך פאָר, בין איך צוריקגעקומען קיין פאַ־ריז — האָט ער זיך געקלאַפּט מיט אַ פויסט אין האַרץ אַריין — כ׳האָב מיט זיי אַ לאַנגן רעכענונג, אָהאָ! דאַכט זיך, אַז דו קענסט זיינוולען. כ׳שענק אַוועק דאָס גאַנצע לעבן מיינס און פטור. וואָס צו פאַרלירן האָבן מיר נישט...

— איז גוט — מאַכט געצל — זעסט? דאָ, וווּ מיר געפינען זיך,

ווערן אויסגעאַרבעט באַמבעס פון קליינעם קאַליבר. מען וועט דיר באַזאָרגן מיט אַ שטיקל דירה און וועסט ווערן אַ סאָלדאַט.

נאָך אָט די ווערטער, האָט זיך זיינוול געוואָרפן אויף אים קושן. אָבער יענער האָט אים לייכט צוריקגעהאַלטן:

— נישטאָ איצט קיין צייט אויף ווייבערישע סענטימענטן, זיינ־וועלע. מיר מוזן קענען קוקן דעם טויט גלייך אין די אויגן אַריין. אָ, אַ סך פון מיינע נאָנטסטע זענען שוין געפאַלן, כמעט פאַר מיינע אויגן...

ס'איז געווען באַלד אויף צומאָרגנס, ווען ער האָט אים אַוועקגע־פירט צו אַ חבר אין ברילן. ער איז אים אַפילו פאָרגעקומען קענט־לעך. יענער האָט אים לאַנג אויסגעפרעגט, צי ער איז אַמאָל געווען אַ סאָלדאַט און צי ער קען זיך אומגיין מיט געווער. ער האָט מער געקוקט אויף זיינוולען, ווי צוגעהערט זיך צו זיינע ענטפערס. ער איז גרייט צו טאָן אַלץ, האָט ער פאַרזיכערט, זיינוול, און אַפילו דאָס לעבן זיינס אַוועקצוגעבן, אויב ס'וועט זיין נויטיק.

צוגעטיילט געוואָרן איז ער צו אַ גרופע מיט נאָך צוויי, איינער פון זיי איז טאַקע געווען געצל. דעם אַנדערן האָט ער אַ באַקוק־געטאָן אין אַ פינצטערן קאָרידאָר, אויף דער ערשטער טרעפונג, ער־געץ אויף אַ פאָרשטאָט, און ער וואָלט געשווירן, אַז ער האָט אים שוין ערגעצוו געזען, דאַכט זיך, אַז אין שטריקער־סינדיקאַט. זייער אויפגאַבע איז געווען צו וואַרפן אַ באַמבע אויפן דייטשן פלאַץ־מיניסטעריום, נישט ווייט פון פלאַץ קאָנקאָרד. דאָרט איז אַלעמאָל געווען אַ געדיכטע באַוועגונג פון אָפיצירן און פון קליינע, פלינ־קע מיליטערישע אויטאָס. מען האָט, פאַרשטייט זיך, פריער גוט באַ־דאַדפט אַרומשמעקן דאָס אָרט, באַקוקן די זייטן־געסלעך און זען וווהין, צו וועלכע אַרטעריעס, זיי פירן,ביים צוריקציִען זיך. „באַר קאַלטבלוטיק" — האָט אים געצל געלאָסן אַריינגעקוקט אין די אויגן, אָבער זיינוול האָט זיין בליק אויסגעהאַלטן. ער האָט אַפילו געשמייכלט. זאַלבעצווייט זענען זיי פאַרנאַכט אַוועק אָנקוקן די גע־ביידע. לאַנג פאַרהאַלטן זיך אויפן טראָטואַר האָט מען נישט גע־קענט, כאָטש ס'האָט זיך דאָרט געדרייט אַן עולם.

צומאָרגנס, אין ראָזן פאַרנאַכט, זענען זיי ווידער צוריקגעקומען. געצל און דער אַנדערער זענען פאַרבליבן וואַרטן אין די זייטן־

געסלעך, ווען ס'וועט אויסקומען צו פאַרטיידיקן זיך ביים אַנטלויפן. זיינוול האָט געטראָגן אַ פיין־אַרומגעשניצלטן פּאַקעט, ווו ס'האָט בלויז אַרויסגעשטעקט אַ שטיקל קנויט. ווען די דייטשע וואָך איז אַ ווילע שטיינגעבליבן אין טויער, האָט זיך זיינוול פאַרהאַלטן אויפן טראָטואַר, פאַרויכערט אַ סיגאַרעט, צוגעלייגט דאָס גליענדיקע פּיי־ערל צום שפּיץ קנויט און פלינק דערנענטערט זיך צום פענצטער־פּאַראַפּעט. ס'האָט אויסגעזען ווי דער ווינט וואָלט שטאַרק געבלאָזן, געלאָשן דאָס שוועבעלע צווישן זיינע דלאָניעס און ער דערנענטערט זיך בעסער צו פאַרויכערן. דערווייל האָט ער דאָס פּאַקעטל צופעליק „פאַרגעסן" אויפן פענצטער־פּאַראַפּעט און באַלד גענומען לאַנג־זאַם אָפּטראָגן זיך. דאָס אַלץ האָט געדויערט סעקונדעס. ער האָט נאָך אויסגערעכנט וויפל מעטער אָן ערך ער קען מאַכן, צו דער־ווייטערן זיך פון דעם אָרט, ביז די באָמבע וועט אויפרייסן. ער האָט זיך גלייך געלאָזן גיין צו דער מעטראָ „מאַדלען", אין דער נאָנט.

שוין גייענדיק אַראָפּ אויף די שטיגן, האָט ער מיטאַמאָל דער־הערט דעם אויפפּלאַץ. „ס'האָט טאַקע אויפגעריסן" — איז ער אָנ־געפילט געוואָרן מיט אַ גרויסער פרייד, זיינוול. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל און ס'איז אים געלונגען. צווישן צעשראָקענעם עולם, וואָס האָט אין דער שעה געאיילט פון דער אַרבעט, האָט קיינער אַוודאי נישט באַמערקט דעם דינעם שמייכל זיינעם, ווייל כמעט אַלע פנימער זענען געווען בלייך, מען האָט זיך עפּעס איבערגע־מורמלט. אַ בלאַסע פרוי האָט געטוליעט צו זיך אַ קינד. אַן על־טערער, אין אַ בלויען קאָמביניזאָן, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון זיין צייטונג און געלאָזן פאַלן סתם אַזוי: „מען ברעכט דאָרט גע־פּעס"...

אינגיכן האָט זיינוולס נאָמען אין די קרייזן פון דער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג שוין געקלונגען; נישט, אייגנטלעך, זיינען נאָ־מען, נאָר זיין פאַלשער נאָמען, וועלכן געצל האָט אים אײנמאָל געהאָט צוגעקלעפּט.

— פון היינט אָן וועסטו הייסן ביי מיר קאַפּיטאַן אַדאַם... — האָט אים געצל פייערלעך דערקלערט — ס'געפעלט דיר כאָטש?

— און זיינוול טויג שוין נישט? — האָט ער אים אַ רגע אָנגע־קוקט און נישט באַלד פאַרשטאַנען.

נישט בלויז אַ נאָמען האָט ער אים געבראַכט, נאָר אויך אַ שפּאָגל־נייע „קאַרטע" מיט אַלע נויטיקע שטעמפּלען. ס'איז אים אַפילו נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען איינצוחזרן זיך די אַלע פאַמיל־יאַרע איינצלהייטן. קודם האָט מען אים דאָרט עלטער געמאַכט אַוודאי מיט אַ יאָר פופצן, באַפוילן אים צו פאָטאָגראַפירן זיך אין פּראָפיל מיט די לאַנגע, בלאָנדע וואָנצן, וועלכע ער האָט זיך ספּע־ציעל געלאָזן וואַקסן. אין די פאַרוויכערטע, בלאָנדע וואָנצן, אינעם אָפּגעטראָגענעם אַרבעטס־קאָסטיום, האָט ער טאַקע גיכער אויסגע־זען ווי אַ מיטליאַריקער אַרבעטער, גאָרנישט ווי קיין ייד. לויט זיין נייעם דאָקומענט, איז ער גאָר געווען אַ פּאַליאַק, אַ קוילן־גרעבער, אַריבערגעקומען אַהער מיט יאָרן צוריק אויף אַ קאָנטראַקט, און אַרבעט דאָ אין די „רענאָ"־פאַבריקן. ער האָט געמוזט גענוי פאַר־געדענקען ווי זיין טאַטע און ווי זיין מאַמע האָבן געהייסן. ס'האָט אים פונדעסטוועגן אויסגעקוקט קאָמיש; צוגעקלעפּט אים אַ טאַטן הענריק און אַ מאַמע פראַנטשישקאַ, וואָס האָט אים געזאָלט ברענ־גען אויף דער וועלט ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן דערפל, אין פּויזנער פּאָוויאַט. דערנאָך האָט ער זיך אָבער אַזוי גוט איינגעלעבט מיט זיינע נייע טאַטע־מאַמע, אַז ווען מען וועקט אים אויף אינמיטן דער נאַכט, וואָלט ער גלייך געוווסט צו ענטפערן, נישט אַ פּינטל טור־ענדיק מיט אַן אויג...

מיט אַ וואָך שפּעטער, ס'איז געווען דעם 3־טן דעצעמבער, האָט מען אים ווידער געהייסן זיין גרייט. געצל איז שפּעט צוריקגעקומען פון גאַס. ער איז געקומען פון אַ טרעפונג ביי „פּאַלע ראָיאַל". אַליין, אויף אַ פּרימיטיוון אופן, האָט דער געצל, וואָס האָט אין יע־נע יאָרן, איידער ער איז געוואָרן אַ שטריקער, שטודירט אין קאַנ'ער אוניווערזיטעט אויף אינזשעניער־כעמיע, אין דעם אָפּגעלעגענעם דאַך־שטיבל, אויסגעפאַרטיקט די באָמבעס. אין אַ מעטאַ־לענעם צילינדער האָט ער אַריינגעפּרעסט אַ שיכט דינאַמיט, דער־נאָך אַ שיכט אייזן־שפּליטערס, דערנאָך ווידער דינאַמיט. אינדער־מיט — צוקער און פּאָטאַס. די עפענונג — צוגעשרויפט מיט אַ דעקל, פונוואַנען ס'האָט זיך געצויגן דער קנויט. אַזאַ באָמבע האָט געהייסן „באַרנע", אַ קלענערע — „טאָמאַט".

בלויז אָנדערטהאַלבן שעה איז אים פאַרבליבן אויסצופּאַרטיקן

די 5־קילאָדיקע באָמבע פון 300 מילימעטער די לענג. זיינוול האָט אים צוגעהאָלפן אין דער האַלבער טונקלקייט פון די פאַרשטעלטע פאָרהאַנגען. קיין ליכט האָט מען נישט אָנגעצונדן. ס׳האָט געהייסן, אַז דאָס דאַך־שטיבל איז אומבאַוווינט. „וויפל דייטשן וועלן מיר עס היינט אָוועקלייגן״ — האָט ער זיך געזאָגט מיט פרייד, זיינוול; און ער האָט שוין געזען ווי הענט און פיס פון דייטשן מישן זיך אינ־דערלופטן. געצל האָט זיך נאָך דאָרט געפּאָרעט אין אַ ווינקל טיר, ער איז געשטאַנען ביים טישל, געהאָלפן צופּעסטיקן דעם קנויט.

מיטאַמאָל אָבער איז ער אינגאַנצן פאַרטויבט געוואָרן. אַלץ האָט אָנגעהויבן צו רוישן און צו זשומען אַרום אים. איידער וואָס, האָט ער שוין דערוויַל דערפילט, אַז די קליידער ברענען אויף אים, ס׳שטיקט, נישטאָ קיין לופט. ווו איז געצל? ער קען אים נישט גע־פינען. „אַנטלויף! — הערט ער פון געדיכטן נעפּל אַרויס — אַנט־לויף!״. דערוויַל — נאָך אָן אויפרייס. ס׳האָט זיך גענומען שיטן אויף אים קאַלך, ברעטלעך. אין דאַך־שטיבל איז אַ וואַנט איינגע־פאַלן פון לופט־דרוק.

זיינוול האָט צונויפגענומען אַלע זיינע געדאַנקען, זיך אַ ריס געטאָן צו דער טיר נאָך געצלען און גענומען אַראָפּשיטן זיך, אַרונ־טער די שטיג, צום פאָדערהויז, ווו ס׳האָבן זיך שוין גענומען זאַמ־לען מענטשן. פענצטער האָבן זיך אויפגעפּראַלט. באַלד וועט די פּאָליציי אָנפליען. „ניין — איז אים בליץ־שנעל אַדורך אַ געדאַנק — אַזוי... מיט די ברענענדיקע קליידער... בין איך סיי־ווי אַ פאַרלוי־רענער״... דער געדאַנק האָט נאָך פונדעסטוועגן גוט געאַרבעט ביי אים. איז ער גיך אַרויפגעלאָפן די דריי שטאָק שטיגן, געלאָפן צווישן פייער און רויך, אַ כאַפּ געטאָן פון טשוואָק דעם מאַנטל און די צוויי רעוואָלווערן — פון שענקל אַרויס. מיטן מאַנטל איבערן קאָפּ, איז ער נאָכאַמאָל אַראָפּגעלאָפן די שטיג, זייטיק דורכגעשטופּט זיך דעם פאַרזאַמלטן עולם, וואָס איז אָן אויפהער געוואַקסן. אין דער צעטומלעניש, האָט קיינער גאָרנישט געלייגט קיין אַכט אויף אים. אַלע האָבן זיך דאָרט געריסן צו די טירן. פלינק האָט ער זיך אַריינ־געדרייט אין דער זייטיקער גאַס. הינטער אים האָבן זיך כסדר נאָכ־געטראָגן הילכיקע אויפרייסן. דאָס האָט אַזוי די קליינע לאַבאָראַ־טאָריע פאַרענדיקט מיטן לעצטן ביסל אויפרייס־שטאָפן, וואָס זענען געלעגן אין אַנדערן צימער.

ער האָט זיך פאַרהאַלטן לעבן אַ גרינס־פּאַרקויפערין. די על־טערע פרוי, פאַרוויקלט אין טיכער, האָט אים עפּעס אָנגעקוקט מיט גרויסע, צעשראָקענע אויגן. ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער מוז אוודאי אויסזען שרעקלעך, אַז אין אַזאַ צושטאַנד איז זייער געפערלעך וויט אַוועקצוגיין — דער ערשטער דייטש, אָדער פאַר־ליציאַנט, וועט אים זיכער פאַרהאַלטן. וואָס טאָן? איז ער זייער פלו־צים אַריין צו דער פרוי אין ביידל און איר אַ זאָג געטאָן:

— הערט מאַדאַם... כ'בין אַ פאַטריאָט... כ'האָב געהאָט אַן אַר־בעטס־פאַרפאַל. העלפט מיר...

די פרוי האָט אים נאָך אַלץ אָנגעקוקט. אויף איר פּנים איז גע־ווען שרעק און מיטגעפיל.

— הערט — האָט ער געשטאַמלט — כ'קען נישט אַזוי גיין אי־בער די גאַסן. כ'מוז איבערוואַרטן ביי אייך ביז אַרום 6 אַזייגער, ווען ס'וועט גוט טונקל ווערן...

ערשט אין דער היימלעכער טונקלקייט, צווישן די אָנגעשטעלטע זעק, צווישן די טוכלע ריחות, האָט ער גענומען דערפילן די ווייטיקן. די פיס, האָט ער געשפּירט, זענען אים אויפגעלאָפן געוואָרן. ער האָט מער נישט געקענט רירן מיט קיין פינגער. בלויז די צוויי קאַלטע רעוואָלווערן האָבן אים געקילט דאָס לייב. מיט דער אָפּגעשטאָרבע־נער האַנט האָט ער זיי פעסט געקלאַמערט און איין געדאַנק האָט אים געוואָרפן אין היץ און אין קעלט: „נישט אונטערגעבן זיך קיין לעבעדיקער"...

אויף דער גאַס איז דער אָנגעלויף דערווייל געוואַקסן פון מי־נוט צו מינוט. ס'האָט זיך דאָרט געהערט אַ פייפעריי, אַ געקלינגע־ריי פון פייערלעשער־אויטאָס. ער האָט אַפילו געהערט, ווי צו דער פאַרקויפערין איז צוגעגאַנגען אַ פרוי און איר גענומען אויסדער־ציילן וועגן דעם, וואָס דאָ האָט פּאַסירט:

— מיין גאָט — האָט זי אַרויסגעזיפּצט מיט פאָרכט — אַ גאַנצער אַרסענאַל האָט דאָרט, זאָגט מען, אויפגעריסן... דאָס האָבן די פאַר־טיזאַנער, דערציילט מען, אויסגעאַרבעט באַמבעס...

פון אירע אָפּגעריסענע רייד, האָט ער זיך ערשט דערוווּסט, אַז כמעט דער גאַנצער שטאָק איז חרוב, אַלע שויבן אין די שכנותדיקע הייזער זענען אויסגעזעצט געוואָרן. אויסער איין פרוי, וואָס איז

לייכט פאַרוואונדעט, זענען אָבער, צום גליק, קיין אַנדערע קרבנות נישט געווען; ווייל די מערסטע לאָקאַטאָרן פון דעם אַלטן הויז אויף דער פאָרשטאָט זענען אַרבעטער, באַשעפטיקט דעם גאַנצן טאָג אין די „סיטראָען"־פאַבריקן און אין אָט דער שעה זענען זיי געווען ביי דער אַרבעט. נאָך אַ גליק! ווען די פרוי איז אַוועק, איז די פאַר־קויפערין פלוצים שטיינגעבליבן האַלב אין טירל.

— מיין גאָט! — האָט זי געמורמלט — ווי איר זעט אויס...

ער איז געווען אינגאַנצן אויפגעשוואָלן. פון די געפלאַצטע בלאָזן אויף זיין הויט איז גערונען. זי האָט אַ רגע אומרואיק אַ בלאַנדזשע געגעבן איבערן קעמערל, דערנאָך האָט זי זייער פלוצים זיך פאַנאַנ־דערגעכראַסטעט, אָפּגעריסן אַ שטיק פון איר אייגן העמד און גע־נומען פאַרבאַנדאַזשירן אים. זי האָט זיך אַלעמאָל געוואָרפן צום טירל, אויב קיינער קומט נישט אָן. די פינגער זענען אים געווען אינגאַנצן פאַרשטייפט און — ווי דער גאַנצער קערפּער וואָלט אָנ־געהויבן אָפּגענומען צו ווערן. די פינגער פון דער פרעמדער פרוי האָבן אים באַרירט לייכט, פאָרזיכטיק, נישט ווייי צו טאָן אים, ווי עס וואָלטן געווען די פינגער פון זיין מאַמע. ס'האָט זיך אים מיטאַ־מאָל אַ מיש געטאָן אין קאָפּ און ער איז געפאַלן אויף איר ברוסט. אָבער באַלד האָט ער פאַרקריצט די ציין, צונויפגענומען אַלע כו־חות. ס'האָט אים נישט אָפּגעלאָזן דער געדאַנק, אַז אַצינד דאַרף ער נאָר נישט פאַרלירן דעם קאָפּ.

דערווייל איז דער פאַרנאַכט צוגעפאַלן. וואָס טוט מען ווייטער? וואוהין גייט מען? ער האָט אַדורכגעוואָרפן אין זיין מוח פאַרשידענע אַדרעסן פון באַקאַנטע און אָפּגעשטעלט זיך אויף איינעם, דעם זי־בעדסטן — העלען, אַ דאַמען־טאַשן־אַרבעטערין, פון רי סט. מאַר־טען. ס'איז אָבער געווען ווייט. פאָרזיכטיק האָט ער זיך אַרויסגע־שאַרט פון ביידל, דעם מאַנטל אָנגעהאַנגען אויף די פּלייצעס און מיט שטייפע, קליינע טריט געלאָזן זיך גיין. יעדער שפּרייז האָט געקאָסט אָן אַ שיער מי. דער ווייטיק האָט זיך אַלץ מער איינגע־ביסן אין גוף אַריין, פאַרן אויג האָט גענומען שווינדלען. פון אַריינ־גיין אין מעטראָ האָט נישט געקענט זיין קיין רייד. ס'וואָלט געווען דאָסזעלבע, ווי גיין צום וואָלף אין פּיסק אַריין. מיט די פאַרשטייפ־

טע פינגער וואָלט ער אַפּילו נישט געקענט דערלאַנגען דעם מעט־ראָ־בילעט.

האָט ער זיך געשלעפּט צופוס, אויסגעזוכט די סאַמע טונקלסטע ערטער, לענגאויס דעם קאַנאַל, ביז ער איז אַרויסגעקומען צו די בולוואַרן. דאָ איז שוין געווען זייער באַלעבט אין דער אָוונטיקער שעה. דייטשע אָפיצירן, פּאָליציאַנטן זענען געשטאַנען אויף יעדן ראָג. נישט ווייט פון אים, ביים מאָנומענט, האָט מען אָפּגעשטעלט עטלעכע פאַרבייגייער, באַטאַפּט די טאַשן, באַקוקט די דאָקומענטן זייער אויפמערקזאַם. ס'איז געווען אַ נס ווי אַזוי ער איז אַדורך דעם פייער, אינגאַנצן אַ פאַרבאַנדאַזשירטער, אומבאַמערקט, מיטביידע רעוואָלווערן אין קעשענע.

די רייזע האָט געדויערט קנאַפּע דריי שעה. ס'האָט אים געשווי־דערט פון היץ און פון קעלט. יעדע ווײַלע האָט ער געפילט, אַז אָט־אָט פאַלט ער אַוועק. אַרום ניין אינאָוונט, אַרט פאַר דער פּאָליצײַ־שעה, איז ער ענדלעך מיד דערקראָכן צו דעם אַלטן הויז ביי דער סט.מאַרטען־קירכע, אַרויפבאַקומען זיך די דריי שטאָק שטיגן, אַנגע־קלאַפּט. ווען מ'האָט אים דאָרט אויפגעמאַכט די טיר, איז ער אַוועק־געפאַלן אויף דער שוועל, אַ פאַרחלשטער.

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט מען אים איבערגעפירט אין אַ פּריוואַ־טער קליניק, ווו דר. קאַראָל, אַ טוער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, האָט אים איבערגעשיקט מיט אַ זיכערער רעקאָמענדאַציע. אויסערן יונגן דאָקטער, אַ שעמעוודיק־פּאַרוויטלטער, ווי אַ פריילן, האָט קיינער געוווּסט וואָס פאַראַ פאַרפאַל ער האָט גע־האַט. דער דאָקטער איז צוגעקומען צו זיין בעטל, געשמייכלט באַ־רואיקנדיק, געפאָרעט זיך אַרום די באַנדאַזשן. פאַר אַלעמען האָט עס געהייסן — אַן אַרבעטס־פאַרפאַל. געצל איז אויך איינמאָל אויסגעוואַקסן, אַן אומרואיקער, אָבער אַ שמייכלענדיקער.

— נאָך גוט אָפּגעשניטן, זיינוועלע! — האָט ער אים געוואָלט אַ קלאַפּ טאָן איבער דער פּליצע, נאָר ער האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז ער איז נאָך פול מיט וווּנדן — שאַ, און ווו זענען עפּעס דיינע בלאָנדע וואָנצן?...

— אַז מ'איז קראַנק — האָט זיינוול געענטפערט — שפּילט מען נישט קיין ראָלן.

— זיינוועלע... אַ כאָלערע... — איז יענער נישט אָפּגעטרעטן — ס'איז דיר גאָר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו גיין שפּילן אין אַ דראַמ.־קרייז פאַר דער מלחמה?

— כ'האָב, גלויב מיר, געהאַט מיין אייגענעם דראַמ.־קרייז... האָסט כאָטש געקענט מיין משפחה? שאַ, מיין יינגערן בראָטאָקל, הירשקען, האָסטו דאָך אַוודאי יאָ באַדאַרפט קענען. האָט זיך פאַר־נומען מיט שרייבן לידלעך... קיין פּרנסה דערפון האָט ער נישט גע־האַט, נאָר קאָפּ־ברעכענישן. אַ פּרעסער איז ער דאָ געוואָרן; און אַזויווי ער האָט פאַרדינט וואַסער אויף קאַשע, האָט אים דאָס ווייבל זיינס אויך געלאָזן שטיין. שפּילסט זיך...

ס'זענען געקומען חברטעס, וועלכע ער האָט נאָך געדענקט פון דער „קולטור־ליגע", פון די קלובן אויפן בעלוויל. ער האָט מיט איינמאָל דערפילט, ווי ער וואָלט צוריקגעפונען זיין משפחה, אַז ס'איז פאַראַן פאַר וועמען צו לעבן. ער האָט זיי פונדעסטוועגן באַ־וואונדערט — שטילע, באַשיידענע, זענען דאָ אַלע יאָרן פאַרשוואַרצט געוואָרן אין דעם פאַריז. זענען אַנטלאָפן פון תּפיסות, פון קאָנצענ־טראַציע־לאַגערן. ער האָט געטראַכט וועגן זיין ברודער הירש און האָט זיך איצט געכאַפּט, אַז עפּעס אַן אומרו האָט געטראָגן דאָס אייביק־פאַרמוחטע בחורל. „ווען ער וואָלט דאָ געווען"... — האָט ער געטראַכט אָפּגעריסן און ס'איז אים אויפגעשווומען דאָס שיקל־דיקע מיידל, וואָס ער האָט זי איינמאָל צופעליק באַגעגנט מיט אים. וווּ איז זי? עפּעס האָט די מאַמע איינמאָל דאָרט אַ וואָרף געטאָן אַ וואָרט; און צווישןביידע ברידער איז אַלעמאָל אויך געשטאַנען אַזאַ אָפּגעפרעמדטקייט, אַ וואַנט. פאַרוואָס? — האָט ער זיך אַליין נישט געקענט פאַרענטפערן.

אויפן אַנדערן טאָג האָט זיך דר. קאַראָל דערוווּסט, אַז ס'גרייט זיך אַ קאָנטראָל אויף דער קליניק, אַז זיי קענען אַריינפאַלן יעדע מינוט. ס'איז געווען אַפילו אַ געפאַר צו באַוועגן זיך אַרום דעם שטילן, אָפּגעלעגענעם הויז. ווי נאָר ס'איז נאַכט געוואָרן, איז מען געקומען און איבערגעפירט אים אין אַ פּריוואַטער דירה. עטלעכע חדשים איז ער דאָרט אָפּגעלעגן, ביז ער האָט שוין געקענט באַוועגן מיט די פינגער.

איצט איז ער ווידער געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אויפרייס־

מאַטעריאַל. עס איז איצט ווידער געווען דרינגענדיק אויפצוזוכן ערגעץ אַ זיכערע דירה. דאָס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. ער האָט עס אָבער געגומען אויף זיך. ס׳האָט זיך אים דערמאָנט זייער דירהלע, וואָס איז פאַרנומען, און ער האָט באַשלאָסן, אַז דווקא דאָ, וווּ זיינע טאַטע־מאַמע האָבן אַמאָל געלעבט און פונוואַנען מ׳האָט זיי דעפאָרטירט, מוז ער איינריכטן די נייע לאַבאָראַטאָריע. ער איז שוין דאָרט עטלעכע מאָל געווען און געכאַפּט זייטיק אַ שמועס מיט דער אָרעמער פראַנצויזישער פרוי. דעם מאַן אירן האָט מען מיט אַ שטיקל צייט צוריק געהאַט אַוועקגעשלעפּט קיין דייטשלאַנד. זי האָט אים צוערשט אָנגעקוקט מיט חשד; אָבער ווען ער האָט איר אויסדערציילט, אַז יעדעס ווינקעלע דאָ איז אים ליב און באַקאַנט, אַז זיינע עלטערן האָבן דאָ געוווינט יאָרן, אַז ער האָט זיי אויפן געוויסן, האָט די פרוי איינגעשטימט אַריבערצוציען זיך אין אַ דערבייאיקן האָטעל. אַהער האָט ער אַריבערגעפירט דעם לאַגער מיט די אויפרייס־שטאָפן. ער האָט דערפילט אין דעם עפּעס אַ באַזונדערן טעם פון נקמה...

## קאַפּיטל זעקסאונצוואַנציק

# אויפן אַלטן מאַנמאַרטר

זיינוול, ווי נאָר ער האָט זייטיק אַ באַקוק־געטאָן דאָס פאַרבלאָנדזשעטע מיידל, האָט ער באַלד מער דערפילט, ווי פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך אין איר; ער איז, נישקשה, געווען אַ מבין אויף די סאָרט מיידעלעך. אַחוץ דעם האָט ער אַליין אויך פריער דורכגעלעבט עפּעס ענלעכס. עוואַ האָט אים באַטראַכט פון אויבן ביז אַראָפּ אַביסל צעשראָקן. ס׳איז גאָרנישט געווען דערזעלבער קוזין זיינוול. ווי ס׳וואָלט אָנגעוואָקסן אויף אים אַן אַנדער הויט. ער איז נאָך מענלעכער געוואָרן פאַר דער צייט, עלטער אויך. ער האָט פאַרלוירן אַ שמייכעלע צווישן די העלע וואַנצן. אין אַלע זיינע באַוועגונגען איז געווען דרייסטקייט און ענערגיע. געפירט דורך זיין פעסטן אָרעם, האָט זי זיך גלייך דערפילט זיכערער.

ער האָט עס איר שוין צייטווייליק באַזאָרגט מיט אַ דירה און אַליין איז ער ווידער ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן. ער האָט איר אָבער איבערגעלאָזן אין גוטע הענט. דאָס זענען געווען צוויי קליינע ייִדישע מיידלעך, וואָס האָבן פאַרנומען אַ צימערל אין פינצטערן פלאָנטער פון די געסלעך אויפן אַלטן מאַנמאַרטר. ביידע זענען זיי איצט געווען ליכטיק־בלאָנדע, ביידע „אַריערינס”. די וועכטערין פונעם אַלטן הויז האָט זיי אַריינגענומען און האָט זיי אָפּגעהיטן, אַז קיין שום בייז זאָל זיי נישט פּאַסירן. אויף גאַנצע טעג זענען זיי ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, אַהיימגעקומען שפּעט. אַמאָל זענען זיי אינגאַנצן נישט געקומען נעכטיקן.

עוואַ האָט אָנגעקוקט זיינוולען, אָנגעקוקט די ביידע קליינע, ייִדישע מיידלעך, וואָס שטעלן אַזוי פּשוט זייער לעבן אין קאָן, און זי האָט זיך מיטאַמאָל געשעמט פאַר זיך אַליין, פאַר אירע אוואַנטורעס, פאַר אירע וואָגלענישן.

— נעמט מיך מיט — האָט זי זיך איינמאָל געבעטן ביי זיי — כ׳וויל אויך מיט עפּעס מיטהעלפן.

האָבן זיי זיך קינדעריש צעשמייכלט, די מיידלעך, איבערגעקוקט זיך און האָבן איר געזאָגט: „מ׳עט זען”. זיינוול האָט זיך אַמאָל אַרויפגעכאַפּט, אומגעריכט, פּלוצים. ער איז איינמאָל געקומען אין אַ פאַרנאַכט און האָט איר אַזוי אַ זאָג געטאָן:

— מיר מוזן באַלד אַוועק פונדאַנען, כאַוואַטשע. ביסט גרייט מיטצוהעלפן אונדזער הייליקע אַרבעט?

דאָס איז געווען נאָך אַ וואָך צייט ליגן אָפּגעשלאָסן: האָט זי געוויינט און געזאָגט, אַז זי וויל צוהעלפן אומברענגען די מערדער פון אירע עלטערן, פון אַלע ייִדן. דערמיט, האָט זי געפילט, וועט זי אויך נעענטער ווערן צו זיינוולען, צו די אַלע, וואָס קומען פון „דאָרט” און וואָס טראָגן אין זיך אַ נישט־אויסגעלאָשן פייער.

און כאָטש זי האָט אויך זיינוולען ווייטער מער נישט געזען, האָט זי אָבער דאָ ערגעץ אַרום געפילט זיין נאָענטע אָנוועזנהייט. אין אים האָט זי זיך געקלאַמערט, אַפילו מיטן בלויזן געדאַנק.

— וועסט נישט מורא האָבן? — האָט ער פריער, שמייכלענדיק, איינגעטענהט מיט איר.

— ניין! — האָט זי זיך געוואָרפן אויף זיין האַלדז — מיט דיר וועל איך גיין, ווו דו וועסט מיר נאָר הייסן.

די ערשטע טרעפעניש איז געווען אין אַ געסל ביי רי נאַטרע־דאַם. ס'איז געשטאַנען אַ שיין, האַרבסטיק וועטער. זיי האָבן דורכגעשניטן דאָס גערטל הינטער די ווענט פון דער אַלטער קאַטעדראַלע, געשאַרט די פיס צווישן אַ טעפיך פון געלע, אָפּגעוועלקטע בלעטער. זיינוול, אין פאַנאַנדערגעבלאָזענעם האַרבסט־מאַנטל, האָט איר געפירט ענג־געאָרעמט. ער האָט נישט גערעדט. די פאַרנאַכטיקע שיין איז געקומען פון הינטער די בויגנדיקע בריקן, אין פערעספעקטיוו פון דער סען; און כאָטש ס'איז געווען בלויז געפאַר אַרום זיי, האָט זי געפילט, אַז זי איז נאָך קיינמאָל אַזוי גליקלעך נישט געווען. זיי האָבן באַשטימט אַדורכצושניידן די גאַס ביז רי פּאַסקיע און אויסקוקן דעם האָטעל, ווו עס זענען איינגעשטאַנען דייטשע אָפיצירן. אויפן טראָטואַר, פאַרן צופאָר מיט די ברייטע שטיגן, האָבן געשאָרעוועט הין און צוריק מיט די שטיוול צוויי שטייפע דייטשע סאָלדאַטן און אַ פראַנצויזישער פּאָליציאַנט. לויטן פּלאַן, האָט זיינוול באַדאַרפט צו וואַרפן דעם גראַנאַט אין האָטעל און דער אַנדערער— וועט אָפּרייניקן דעם וועג ביים צוריקציען זיך.

הינטערן לאַמטער, צופוסנס דעם דענקמאָל, האָבן זיי זיך קורץ אָפּגעזעגנט. זיי האָבן באַשטימט צו טרעפן זיך צומאָרגנס. עס זענען געווען לאַנגע, אומגעדולדיקע שעהן פון וואַרטן. זי האָט געפילט אַ פרייד און אַ שטאָלץ, וואָס עס איז איר אָנפאַרטרויט געוואָרן אַזאַ הייליקע מיסיע. פּינקטלעך האַלב־זיבן איז זי אויסגעשטיגן פון מעטראָ „מאָבער־מיטיאַליטע" און געלאָזן זיך גיין צו דער נאַטרע־דאַם־קאַטעדראַלע. פופצן מינוט פאַר זיבן האָט ער געזאָלט צוקומען אין דער נישע ביים גערטל, וואָס האָט צוויי אַרויסגאַנגען. אַ גרינלעכע שיין פון אַ לאַמטערן האָט געקאָפּטשעט איבער איר קאָפּ. אָבער זיינוול איז גאָר אויסגעוואַקסן מיט די טרעפּלעך, וואָס פירן אַרויף פון דער סען, נישט דורכן גאָרטן־טירל, ווי זי האָט אויסגערעכנט. זי האָט פונדעסטוועגן געהאַט אַ קליין ביישעלע פלאַטער ביים אַרויסציען פון איר האַנט־בייטל דעם קליינעם, שווערלעכן פּאַקעט. ס'איז אין ראָזן פאַרנאַכט אַ שאָד גע־

ווען אָנצוקוקן אים, אַזאַ הייליק פייער ווי ס'האָט געלויכטן אין זיין בליק.

— עוואַ... — האָט ער נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן און נישט פאַר־ענדיקט. ער האָט באַלד, אומדרייענדיק זיך שאַרף, דורכגעשניטן אין דער קווער דאָס גערטל און גערוישלאָז צוגעלענט נאָך זיך דאָס גאָרטן־טירל. אַליין איז זי אַוועק אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. ס'האָט אויסגעזען ווי זי גייט רואיק, נישט געאיילט און איז נאָך אַ ווײַלע געבליבן וואַרטן אויפן ראָג. פונדאַנען האָט מען געקענט אַראָפּקוקן אין דער טיף פון דער גאַס און זען ווי די צוויי שאָטנס דערנענטערן זיך אין פאַרנאַכט צום האָטעל, איינער ווייט אָפּגע־רוקט פון אַנדערן. די הייזער, אַלטע, זשאַווערנדיקע, אין עמפּירישן סטיל, זענען זיך דאָרט ערגעץ צוזאַמענגעלאָפן אין אַ קרומער ליניע און אַ פאַרנאַכטיק ליכט האָט קאַלט געבלענדט אין זייערע שויבן. איינמאָל זענען זיי פאַרבייגעגאַנגען און האָבן זיך עפּעס צוריק־געקערט, דערנאָך זענען זיי אינגאַנצן פאַרשוווּנדן פון איר אויג. אַביסל האָט עס איר געוווּנדערט און אַביסל האָט איר האַרץ גע־פלאַטערט — צי האָט מען זיי אַמאָל נישט פאַרהאַלטן?

נאָר אָט האָט זיך אין דער טיף פון גאַס אומגעריכט געעפנט אַ פייער. האָט זי זיך באַלד שאַרף אַוועקגעדרייט, שוין מער נישט אומגעקוקט זיך און איז מיט אַ געמאָכטער רואיקייט אַוועק אין דער ריכטונג צו דער מעטראָ. איבערן רוקנביין איז איר אַדורך אַ קליין פרעסטל. דערנאָך האָט זי זיך אַליין געזאָגט, אַז זי דאַרף זיין זיי־ער קאַלט, אָבער דער פלאַטער איז אַלץ נישט אַוועק. זייבוולען האָט זי באַדאַרפט צו טרעפן אונטן, ביים קאָסע־פענצטערל, און זי האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ ציטערניש פאַר זיין לעבן. זי האָט געוואָלט באַלד צוריקגיין — אפשר דאַרף מען אים גאָר אַרויסראַטעווען פון פייער. עטלעכע קאָפּעס אויפן ראָג האָבן געהאַלטן אינמיטן אייליקן פאַרהאַקן די טירן. די גאַס איז מיטאַמאָל געוואָרן אומהיימלעך־ליידיק. נאָך איידער זי האָט באַוויזן צוצוקומען צו דער מעטראָ, האָט זיך איר געדאַכט צו דערזען פאַרביישווינדלען זיינוויל'ס פּראָ־פיל קעגנאיבער. ווי אַ שאָטן, האָט ער זיך פאַרבייגעגליטשט און איז פאַרפאַלן געוואָרן צווישן דעם שטראָם מענטשן, וואָס האָט זיך געשטופּט אַראָפּ, צו די שטיגן. זי האָט אים נאָך געוואָלט דעריאָגן,

געשטויסן זיך דורך די קאָרידאָרן, אָבער האָט אים שוין אינערגעץ נישט געפונען. זי האָט געזוכט אַרום זיך בלויז צעשראָקענע פּנימער, ערגעץ האָבן זיך נאָך געהערט אויפרייסן, געשרייען.

געפונען האָט זי אים ערשט מיט עטלעכע טעג שפּעטער, אין אַ שטיל הויז. ער איז געלעגן מיט אַ דורכגעשאָסענעם פוס. ס'איז געווען אַ לייכטע ווונד. זיין פּנים האָט אויסגעקרימט אַ ווייטיק און פונדעסטוועגן האָט ער געשמייכלט. זי האָט אַלץ נישט געקענט פאַרשטיין. זיין שמייכל דורך יסורים איז איר אַ לאַנגע צייט געשטאַנען פאַר די אויגן. נאָך דער אויפגעריסענעם לאַבאָראַטאָריע און נאָכן לעצטן פאַל, האָט זי שטאַרק גענומען ציטערן פאַר זיין לעבן. זיינוול האָט זיך אויסגעלאַכט:

— דער טייוול אַליין וועט מיר שוין נישט נעמען, כאַוועטשע. זעסט דען נישט — מיר זענען אַ משפּחה עקשנים. נישט נאָר מירן לעבן, נאָר מיר מוזן לעבן...

אַלצדינג האָט זי אים אַצינד געגלויבט, עוואַ, אַלץ. זי האָט ווידער געפילט, אַז זי איז אַזוי נאָנט צו איר גליק, אָבער זי קען עס אַלץ מיט דער האַנט נישט דערלאַנגען. „ווי שיין וואָלט געווען, ווען די מלחמה ענדיקט זיך און מיר בלייבן לעבן"...

און מער האָט זי אים שוין נישט געזען. מען האָט איר צוגעטיילט צו אַן אַנדער גרופּע, צו אַנדערע מענטשן. זי האָט איצט געלעבט ערגעץ אויף די ווייטע פאַרשטעט און האָט אַפילו נישט געוואַגט צו פרעגן וועגן אים, ווייל קיינער וואָלט איר סיי־ווי גאָר נישט געזאָגט. זי האָט געטראָגן אויף זיך דינאַמיט, רעוואָלווערן, ליטעראַטור, פאַרבינדונג־פּאַראָלן, איז געקראָכן אין די ערגסטע פייערן, ווייל יענער שמייכל זיינוולס האָט איר נאָכאַנאַנד באַגלייט. קיינער האָט מער דאָס קליינע, פאַרגרינטע מיידל נישט פאַרשטאַנען. זי איז אַלעמאָל געווען זייער פּינקטלעך, האָט ווייניק גערעדט, נאָר אַ בלאַסער, ווייטער שמייכל האָט געוועלקט אויף אירע ליפּן. מען האָט געוווסט, אַז זי איז „קאַפּיטען אַדאַמס" אַ קוזינקע. איינמאָל בלויז האָט זי עפּעס געהערט אַ געמורמל, אַז זיינוול זאָל האָבן איבערגעשיקט געוואָרן אויף „יענער זייט", אַז ער האָט שוין דאָ מער צופיל נישט באַדאַרפט צו וואַרפן זיך אין די אויגן, אַז נאָך אַ סך זענען פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן, ווייל עס זענען כסדר גע־

ווען אַרעסטן, נאָכשפּירונגען, מען איז נאָכגעקראָכן יעדן טראָט. ס'האָט זיך געקאָכט אין דער פּרעסע וועגן אַ גרויסן פּראָצעס פון 23 יידן, שפּאַניער, אַרמענער, וואָס זענען אַלע דערנאָך צעשאָסן געוואָרן אויפן מאָן וואַלעריאַן. מ'האָט איצט באַדאַרפט פּאַרווישן אַלע שפּורן, אַלע פּעדים. אויך פּאַר זייוולס קאָפּ איז דורך דער גע־שטאַפּאָ באַשטימט געוואָרן אַ גרויסע סומע. די אַפישן זענען געווען צעהאָנגען אויף אַלע ראָגן. זי האָט זיך פאַרבייגעשאַרט די ווענט, ווו די געלע בלעטלעך, אָפּגעפּליקטע פון ווינטן און רעגנס, פאַר־שמירטע מיט אויפשריפטן קעגן די דייטשן, זענען געהאָנגען, און האָט מורא געהאַט אויסצודרייען דעם קאָפּ. זי האָט געשפּירט אין רוקן ווי אומזעבאַרע בליקן שטעכן איר דורך.

איצט האָט זי געלעבט מיט איין ציל: איין מאָל נאָך צו באַגע־גענען זייגוולען. זי האָט געוווינט אויפן הויכן מאָנמאַרטר, אין אַ שטיל הויז. צוויי מאָל אין דער וואָך האָט זי געזען דאָס קליינע, בלאָנדע, פריילעכע מיידל.

— סעסיל — (אַזוי האָט זי שוין איצט געהייסן) — האָט יענע באַמערקט דעם דינעם אומעט אין איר — מען דאַרף שטאַרק זיין. דערפאַר טאַקע קעמפן מיר... כדי נאָך ווען־עס־איז צו זיין צוזאַמען מיט אונדזערע נאָענטסטע.

די פשוטע רייד פון דעם קליינעם מיידל האָבן געשטאַרקט און אַ שטומע טרער האָט זיך געזילבערט אין איר אויג.

אין יענעם ווינטער איז זי צוגעטיילט געוואָרן צו אַן אַנדער גרופּע. נאָכן טרויעריקן 16־טן יולי, ווען טויזנטער פּרויען, קינ־דער און אַלטע לייט זענען אַריינגעפּאַקט געוואָרן אין וועלאָדראָם ד'היווער, אויף דעפּאָרטאַציע, אויף אומקום, זענען אַ סך יידישע קינדער פאַרבליבן אויף הפקר, אין דער געפאַר נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די מערדער. אין פּאַריז האָבן שוין דעמאָלט גע־אַרבעט די „אוזשיף"־לייט — די אָרגאַניזאַציע פון די פראַנצויזישע און דייטשע גליטשיקע יידן, דער „יודן־ראַט". זיי האָבן די פאַר־בליבענע, עלנטע קינדער געזאַמלט אין הייזער; און אַז די אָרעמע מאַמעס, אָן מיטלען צום לעבן, ווייל מ'האָט די מענער זייערע אַוועק־געשלעפּט אין די לאַגערן, זענען געקומען בעטן אונטערשטיצונג פאַר אַ קינד, וואָס געפינט זיך אויפן דאָרף, האָבן זיי דאָרט אומ־

באַדינגט געפאָדערט מען זאָל זיי אָנגעבן דעם גענויעם אַדרעס ווו דאָס קינד געפינט זיך. די דייטשן זענען דערנאָך פאַרפאָרן מיט לאַסט־וועגן, צוגענומען די קינדער און אַוועקגעפירט זיי אין די לאַ־גערן. דאָס איז געווען זייער „פאַרזאָרגונגס־אַרבעט" פאַר יידישע קינדער. מיט האָס האָט מען זיי גערופן „די ברוינע יידעלעך". עס זענען דאָרט אויסגעבראָכן וויסטע סקאַנדאַלן אַרום די טירן און אין די ביוראָען. מיט דער האַנט אויפן טעלעפאָן, האָבן זיי יעדע ווײַלע געדראָט אַרויסצורופן די געשטאַפּאָ. אָט דער פאַריזער „יודן־ראַט" האָט עס פון דער ערשטער מינוט אָן, זינט די דייטשן האָבן באַזעצט פאַריז, געפריידיקט לעגאַליטעט, גערופן אויסצופירן אַלע פאַראָרדענונגען פון די דייטשן, פאַרזיכערט, פונקט ווי די היטלער־מערדער, אַז מען וועט קיינעם נישט טשעפּען, אַחוץ די ווידער־שפּעניקעס. זיי האָבן אויך גערופן צו אַרבעטן פאַר די דייטשן, אַרויס־געגעבן קוויטלעך, מיט וועלכע מען איז כלומרשט זיכער געווען, אַז מען וועט נישט דעפּאָרטירן, געשאַפן אַרבעטס־לאַגערן און אָר־גאַניזירט די לעגאַלע קינדער־צענטערס, וואָס זענען שפּעטער גע־וואָרן אמתע פאַסטקעס פאַר יידישע קינדער. זיי האָבן פּרעטענ־דירט צו זיין די שתדלנים ביי די דייטשן און האָבן אין דער אמתן געהאָלפן צו אַנטוואָפענען און אויסצוליפערן די יידן.

די יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט מיט אַלע כוחות זיך באַמיט קעגנצווווירקן דעם גייסט פון „לעגאַליזם" פון „אוזשיף". זי האָט געוואָרנט קעגן די פאַרזיכערונגען, קעגן זייערע פאַפּירלעך, קעגן דער זעלבסט־אָפּנאַרעריי, אַז „איך בין געשיצט", אַז „מיין קאַ־טעגאָריע נעמט מען נישט". אַ נעץ פון אומלעגאַלע קאָמיטעטן איז געשאַפן און אויסגעברייטערט געוואָרן אין אַלע ראַיאָנען און קוואַר־טאַלן. עס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן צייטונגען און אויפרופן אין יידיש און פראַנצויזיש. עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דעמאָנס־טראַציעס, מייסטנס פון יידישע און פראַנצויזישע פרויען, קעגן די אָבלאַוועס, יידן־לאַגערן און דעפּאָרטאַציעס, ביי די טויערן פון די לאַגערן גופא — אין באָן לאַ ראָלאַנד, פּיטיוויע, דראַנסי, אין די מוניציפּאַליטעטן, אין די לאָקאַלן פון „אוזשיף", אין די ביוראָען פון „רויטן קרייץ" און אין „הויז פון די קריגס־געפאַנגענע".

די יידישע „סאָלידאַריטעט־אָרגאַניזאַציע" האָט באַשלאָסן פאַר

אַלע פּרייזן צו ראַטעווען די קינדער אינעם הויז פון „אוזשיף” אויף די מאַרקאַדע און פאַרניכטן ביי זיי אַלע אַדרעסן פון די קינדער, וואָס געפינען זיך אויף די דערפער. מען האָט באַדאַרפט האַנדלען שנעל און ענערגיש, ווייל די דייטשן האָבן אַ ליאַדע טאָג געקענט צופאָרן מיט לאַסט־וועגן און אַוועקפירן מיט זיך די קינדער.

דריי זענען זיי געווען, דריי יידישע פרויען: עטל, דבורהקע און טילי. עוואַ האָט זיי אין איינעם אַן אָוונט געטראָפן זיצן אין קליי־נעם, ענגן צימערל, ביי אַ שוואַכער שיין, נישט ווייט פון דעם הויז אויף די מאַרקאַדע. ס׳האָט זיך געהאַנדלט צו געפינען אַ פאַרביג־דונג צו דער סעקרעטאַרין און צום פּאַסטאָר פון דער קליינער פּראָ־טעסטאַנטישער קירכע, די „קלעריער”, אויף די גרענעטאַ, ווו פרו־מע קריסטן זענען יעדן זונטיק געקומען אָפּריכטן זייערע תּפילות. זיי האָבן שטילערהייט אַ סך יידן געהאָלפן.

אַ טיפע זאָרג איז געלעגן אויף די בלייכע פּנימער פון די עט־לעכע פרויען. ניין, זיי זענען נישט אַלט געווען, אָבער די זאָרג און דאָס טעגלעכע געיעג האָט אַוועקגעלייגט טיפע קנייטשן אויף זייערע געזיכטער. טייל פון זיי האָבן אַליין קינדער געהאַט, האָבן זיי ערגעץ פאַרשטעקט איבער די דערפער, נאָכן שרעקלעכן 16־טן יו־לי; און ווייל אַרבעטנדיק אין דער „סאָלידאַריטעט־אָרגאַניזאַציע”, האָבן זיי אַלצאיינס נישט געטאָרט האָבן ביי זיך, די קינדער, אַפילו נישט זעען זיי צו אָפט, האָבן זיי כסדר געפלאַטערט איבער זייער לעבן און איבערן לעבן פון אַלע יידישע קינדער. זיי אַליין זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטומע שאָטנס, ווו געטאָגט — נישט גע־נעכטיקט, פאַרבייגעשלייכט זיך די הינטערגאַסן, אַרומגעטראָגן זיך מיט פאַלשע פּאַפּירן, מיט פאָרזיכטיקע פּאַקעטלעך, געפאַרבט זיך אויף בלאָנד. אַ הייליקער כוח האָט זיי געטראָגן, אָט די פרויען, וואָס זענען מיט די טרויעריקע יידישע עמיגראַציע־שטראָמען, אין יענע יאָרן, איינמאָל געהאַט פאַרטראָגן געוואָרן פון די ווייטע, ליי־בע, איינגעבאַקענע יידישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, אַהער, אויפן פאַריזער וועלט־יאַריד. פאַרוואָס איז זי דאָ גערירט געוואָרן ביז טרערן, עוואַ, ווען זי איז דאָ געזעסן צווישן זיי, אין דעם ענגן צימערל, און געהערט איבער זיך זייערע פאַרזאָרגטע ריידן? אַליין איז זי דאָך אַזוי ווייט געווען פון זיי. זי אַליין איז געבוירן געוואָרן

אין פּאַריז, איז אַלעמאָל עפּעס פאַרטומלט געווען מיט דער טאַנץ־יוגנט און האָט גאָר קיינמאָל זייער לעבן פון דאָרט נישט געקענט. זי האָט אָבער געפונען אין זייער טיפער זאָרג אַ סך געמיינזאַמס מיט איר מאַמען, וואָס האָט זיך דאָ, אין פּאַריז, אַרומגעדרייט אַ פרעמדע, מיט חלומות פון אַ ווייטער וועלט, וואָס זי האָט דאָרט ערגעצווו אַמאָל געהאַט פאַרלוירן.

אַלע האָבן זיי געהאַלטן, אַז עוואַ איז דער פּאַסיקער מענטש דערצו. עוואַ האָט גוט געקענט די קליינע פּראָטעסטאַנטישע קירכע אויף רי גרענעטאַ. ס'איז געווען אין אירע קאַנטן, נישט ווייט פון „פלעצל", וואָס זי האָט מיט אַזויפיל פלאַטער געדענקט פון אירע קינדער־יאָרן. זי איז אָבער פון דאָרט אַנטלאָפן, געוואָלט זיין וואָס ווייטער פון דאָרט. דאָ, אויפן אַלטן מאָנמאַרטר, ווו זי האָט זיך די לעצטע צייט באַוועגט, האָט איר אַלצדינג אויסגעזען שיין און פייערלעך. אָבער די „קלעריער" אויף רי גרענעטאַ האָט זי גוט געדענקט. זי איז יעדן אינדערפרי פאַרביי די קליינע קירכע, ווען זי איז נאָך געגאַנגען אין לאַמאַרטין־ליציי. זי איז אויפגעוואַקסן אויפן „פלעצל", אָבער געצויגן האָט עס איר צום אַלטן מאָנמאַרטר. די שול־מיידלעך האָט עס פאַרלאָקט צו דער אָריענטאַליש־געבויטער קאַטעדראַלע מיט די ווייסע קופּאָלן, ווי אַ מעטשעט, וואָס האָבן דאָמינירט פּאַריז — דער „סאַקרע קער". אַהער פלעגט עס זיי פאַרלאָקן אין די הייסע, זוניקע טעג, ווען די קופּאָלן לייכטן ווייס און פאַרחלשט אונטערן טיף־אויסגעבלויטן הימל־געוועלב. צופוסנס איז געלעגן דער פּיגאַל — אַן אייביקער פריילעכער יאַריד פון דאַנסינגס, קאַבאַרעטן, טעאַטערן, סינעמאַס, באַל־מיזעטן און אַ פּיקאַנט, רוישיק נאַכט־לעבן. גאַנץ אויבן איז געווען דער אַלטער בית־עולם פון הויכן מאָנמאַרטר, ווו עס רוט איר באַליבטער שרייבער סטענדאַל, דער שעפער פון „רויט און שוואַרץ", פון זיין הויפּט־העלד זשיליען סאָרעל, אין וועלכן אַלע ליציי־מיידלעך זענען פאַרליבט געווען, ווייל פאַר זיין גרויסער ליבע איז ער פּעאיק געווען צו לייגן זיין שיינעם קאָפּ אונטער דער גיליאָטינע; דאָ האָט גערוט די „קאַמעליען־דאַמע", די טראַגישע העלדין פון דימאַ, דעם יונגערן. דאָ ערגעץ האָט אויך געווינט ביי איר אַלטער מומען די קליינע מאַריעט, די הייליקע שוועסטער, וואָס איז גוט געווען צו איר און פון

וועלכער זי איז פונדעסטוועגן אַנטלאָפן. אַהער, אויפֿן בית־עולם פֿון אַלטן מאָנמאַרטר, האָבן געפֿירט אירע איינזאַמע שפּאַצירן אין די טעג פֿון טיפֿן האַרבסט. דאָ האָט זי מערסטנס געהאַט אירע באַשטעלטע טרעפֿונגען, ווייל ס'האָט זיך ווייניקער געוואָרפֿן אין די אויגן. זי האָט ליב געהאַט די מעלאַנכאָליע פֿון שפּעטן האַרבסט אין די שטילע, זייטיקע אַלייען. עלטערע פֿרויען אין שוואַרצן זענען געקומען לייגן בלומען אויף פֿאַרגעסענע קברים. אַן אומבאַקאַנטע האַנט האָט אָפֿט געלייגט פֿרישע, רויטע רויזן צופֿוסנס דעם קליינעם מאָנומענט,ביים קבר פֿון יידיש־דייטשן דיכטער היינריך היינע. ער האָט מיט אַ יאָרהונדערט צוריק אַזוי גאַליק און וויזיאָנעריש אויסגעלאַכט דעם דייטשן יונקערישן מיליטאַריזם, איז דאָ געשטאָרבן אין דער פֿרעמד, כאָטש ער האָט אַזוי ליב געהאַט די שיינע שטאָט פּאַריז, די שטאָט פֿון פֿרייע גייסטער.

דאָ האָט זי אויך אין איינעם אַ זונטיק אַנגעטראָפֿן שפּאַצירן איבער דער גאַנצער ברייט פֿון דער אַליי די דריי פֿריילעכע מיידלעך — סוזאַן, סוזי און סוזעט; און כאָטש עוואַ האָט זיך איצט צו־פֿיל נישט באַדאַרפֿט צו וואַרפֿן אין די אויגן, נישט אַנבינדן צופֿיל באַקאַנטשאַפֿטן, האָט אָבער די באַגעגעניש מיט די דריי פֿריילעכע חברטעס פֿון לאַמאַרטין־ליציי אַרויסגערופֿן ביי איר אַן אמתע, אומפֿאַרשטעלטע פֿרייד. אַ שטראָם מיידלערישע דערמאָנונגען האָבן זיך אומגעריכט אויפֿגעוועקט און אַ שאָט געטאָן זיך אין זייערע רייד. זיי זענען איצט אַלע דריי געוועזן פֿאַלקס ־ שול ־ לערערינס, געאַרבעט אין די שטעטלעך אַרום פּאַריז און דעם זונטיקדיקן טאָג פֿאַרברענגט צוזאַמען אויפֿן אַלטן מאָנמאַרטר. צוזאַמען מיט עוואַן און מיט נאָך אַ גאַנצער באַנדע, האָבן זיי אין יענע אומפֿאַרגעסלעכע זומערן, האַלב־נאַקעטע, פֿאַרברוינטע, געוואַנדערט איבער די „אַבערזשן" (יוגנט־אַכסניהס) איבערן לאַנד, אָפּגעשטעלט די אויטאָס אויף די שאָסייען, מיטצוכאַפּן זיך אַ שטיקל וועג און צוריקגעקערט זיך קיין פּאַריז מיט די ערשטע האַרבסט־רעגנס.

ווען עוואַ האָט זיי דערציילט, אַז זי האָט אַנומלטן באַגעגנט אין ליאָן דער קליינער מאַריעט, אָנגעטאָן אין דער טראַכט פֿון אַ נאָנע, האָבן זיי אַזוי געלאַכט, אַז אַלע דריי זענען זיי אַרויפֿגעפֿאַלן איינע אויף דער אַנדערער, ווי אומגעלייגטע בלאָנדע, ליכטיקע זאַנגען נאָך

אַ שטורעם. די גרעסטע לאַכערקע סוזי, אַ העל־בלאָנדע, כמעט אַ ווייסע, אַ שמאָלע און אַן ענערגישע, האָט זיך אָפּגערופן:

— ס׳איז קלאָר... פון דער פּעדאַגאָגיע ווייסן מיר עס, אַז שוין אויף דער שול־באַנק איז צו באַמערקן די נייגונגען ביי יעדן קינד. אָ, כ׳זע שוין איצט פאַר זיך געגוי דער קליינער מאַריעט מיטן שטייף־קראַכמאַליעטן, ווייסן קעלנערל ענג אַרום האַלדז, אין דער לאַנגער, שוואַרצער טראַכט פון אַ נאָנע. פון איר בלאַס פּנימל, פון אירע ברוינע סאַרנע־אויגן, האָט אָבער אַלעמאָל אַרויסגעקוקט דער פרומער גלאַנץ. און דו, עוואַ, וואָס איז פון דיר געוואָרן פאַר דער צייט?

ווען זי האָט דערהערט איר נאָמען, האָט זי אַביסל אויפגעצי־טערט. שוין לאַנג, אַז מען האָט איר גאָר אַזוי נישט גערופן, אויסער זיינוויל, ווען זי פלעגט אים אַמאָל, זעלטן־ווען, באַגעגענען, איידער נאָך ער איז פאַרשוווּנדן.

— כ׳בין געוואָרן אַ... יידישע — האָט זי זיך אין אַ ווײַלע אַרום אָפּגערופן אין בלאַסן שמייכל און ס׳איז גלייך געווען צו באַמערקן נישט ווייניק פאַרלעגנהייט אין איר ענטפערן. סוף כל סוף האָט מען צופיל נישט באַדאַרפט רעדן. אַזאַ פּלוצלונגער ענטפער האָט די מיידלעך אַביסל איבעראַשט. זיי האָבן גלייך באַמערקט איר צור־ריקגעהאַלטנקייט און האָבן שוין מער נישט געלאַכט און נישט צו־פיל נאָכגעפרעגט זיך.

— טאָ ווי אַזוי... — האָט נאָך די סוזי אָנגעהויבן און אַריינגע־מישט האָט זיך די שאַטינע, די פולערע סוזעט:

— מיר מוזן דיר העלפן, עוואַ. כ׳ווייס, ביי אונדז אין הויז האָבן די דייטשע באַרבאַרן אויך אַוועקגענומען אַ גאַנצע יידישע פאַמיליע...

— נישט מ י ר העלפן — האָט זי זיי אָפּן אָנגעקוקט — מען דאַרף העלפן יידישע קינדער.

אַראָפּגייענדיק שפּעטלעך, ערב דער פּאָליציי־שעה, פון דעם שטילן הויז, האָט זי זיך פּלוצים דערמאָנט אין די דריי פריילעכע מיידלעך, די פּאָלקס־שול־לערערינס, און זי האָט איינגערוימט עט־

לען, וואָס האָט געהאַט אַ סך מאַמישקייט אינעם וואַרעמען גלאַנץ פון אירע אומעטיקע אויגן.

— זאָלן נאָר די קינדער אַרויסגענומען ווערן פון דעם הויז, האָב איך באַלד ווי זיי צו פאַרשטעקן. וואַרט. כ׳וועל שוין געפֿינען אָפּ־מאַכן מיט פריילן גיעמאָ, די סעקרעטאַרין פון פאַסטאָר.

פריילן גיעמאָ איז שוין נישט געווען אַזאַ יונגע. זי האָט גע־פינטלט מיט די אָנגעשטרענגטע אויגן הינטער די ברילן מיט די רעמלעך פון דורכזיכטיקן צעלולאָיד, איבער די העלע ברעמען, ווען זי האָט אין שפּעטן פאַרנאַכט אויפגעמאַכט די טיר אַריינצולאָזן עוואַן דורכן הינטערשטן איינגאַנג צום פּרעסביטער. זי איז צוריק געזעסן אין שטרענג־אויסגעווייסטן צימער, אונטער דער גרינער שירם, נאָענט איבערן טיש, געקוקט פונווייטן מיט אָנגעבלענדטע אויגן איבער אַן אויפגעמישט בוך און עוואַן האָט זי געבעטן צו פאַרנעמען דעם פאַטעל קעגנאיבער.

— מיט וואָס קען איך אייך דינען? — איז זי געווען שטאַרק איבערראַשט פון אַזאַ שפּעטן וויזיט, ווען באַלד פאַלט־צו די פּאָליציי־שעה און מען קען שוין אינדרויסן נישט באַווייזן זיך. זי האָט מס־תמא באַלד דערפילט אומגעוויינלעכס אין דעם אומגעריכטן וויזיט. זי איז ווידער אָפּער פון הינטערן טיש און געלאָפן זען צו די טיר איז גוט פאַריגלט. ווען זי איז צוריקגעקומען, האָט זי ערשט נאָכאַמאָל באַטראַכט מיט אומרו דאָס מיידל. דאָס האַלבע שאָטנדל פון דער גרינער שירם איבערן טיש האָט אָוועקגעלייגט נאָכמער מאַטקייט אויף עוואַס געזיכט. אין דעם פייערל פון אירע אויגן האָט פריילן גיעמאָ גלייך דערזען, אַז דאָ זיצט פאַר איר אַ בלייך, אָבער אַנטשלאָסן יידיש מיידל. דאָסדאָזיקע פייערל האָט זי גוט געקענט, פריילן גיעמאָ, זינט ווען עס האָבן זיך אין דער געגנט אָנגעהויבן אָבלאָוועס אויף יידן, זינט ווען מען האָט קראַנקע פרויען און פיצ־לעך קינדער אַראָפּגעשלעפּט פון די פרימאַרגנדיקע שטיבן און ס׳האָט זיך זיי נאָכגעטראָגן אַ דין געוויין און פעסטע, מאַרשירנ־דיקע טריט...

— כ׳בין געקומען איר זאָלט אונדז העלפן ראַטעווען די יידישע קינדער, וואָס געפינען זיך פאַרשפּאַרט אין דעם הויז פון „אוזשיף״,

אויף די מאַרקאַדע — האָט זי איר אָפּן אויסגעלייגט אַלץ — עס ליגט אין אייער מאַכט און איך וועל אייך באַלד זאָגן ווי אַזוי.

און זי האָט אַר אויפגעקלערט, פשוט און קלאָר אויפגעקלערט, נאָך איידער די עלטערע פריילן איז געקומען צו־זיך פון דער ערש־טער איבעראַשונג.

— מיר העלפן, איר ווייסט... נאָר ווי אַזוי שטעלט איר זיך עס פאָר, אַז זיי, די באַרבאַרן, לויערן אויף יעדן שריט?...

— מיט דער הילף פון די פרויען פון אייער פּאַראַפיע — האָט איר עווא גלייך אויפן אָרט געענטפערט — דאָס זענען מוטערס, זיי האָבן אַליין אויך קינדער און זיי ווייסן ווי צו ציטערן איבער אַ קינדעריש לעבן, וואָס איז אין געפאַר...

זי האָט צוגעזאָגט מאָרגן באַלד אינדערפרי איבערצורעדן מיטן אַלטן פּאַסטאָר, אָבער די אַנטשלאָסנקייט פונעם מיידל, דאָס אומ־באַקאַנטע פייערל אין אירע אויגן, האָט איר אין דעם אָוונט צע־טרייסלט די אָפּגעשלאָסענע רו, צווישן די ווענט פון דער קליינער פּראָטעסטאַנטישער קירכע.

און אין יענעם זונטיק האָט דער אַלטער, גרויער פּאַסטאָר, גאָר־נישט לויט זיין געוווינהייט, געהאַלטן אַ לענגערע דרשה אויף דער קליינער בימה אין דער „קלעריער". „גאָט — האָט ער באַזונדערס אונטערגעשטראָכן דעם פסוק פון דער ביבל — האָט באַשאַפן דעם מענטש לויט זיין געשטאַלט, דאָס הייסט, אין דער געטלעכער גע־שטאַלט. די צייטן, מיינע פריינט, זענען ז יי ע ר אומרואיקע. דער מענטש, די העכסטע געטלעכע יצירה, האָט פאַרלוירן זיין אָנ־זען. ער ווערט געפייניקט אומזיסט, געיאָגט און פאַרפאָלגט נאָר דערפאַר, ווייל זיין גלויבן, אָדער זיין איבערצייגונג, איז אַן אַנ־דערע, ווייל זיין אָפּשטאַם איז אַן אַנדערער. אַ ווירדיקער קריסט דאַרף ליב האָבן דעם מענטש, וואָס עס זאָל נישט זיין זיין גלויבן, און אויב נויטיק — גרייט זיין אויף מסירת־נפש און קרבנות"...

די פרויען אין דער ערשטער ריי האָבן זיך איבערגעקוקט. גע־זעסן זענען בייזאַמען די דיקלעכע בעקערין מישלין פון ראָג און די קליינע, די פלינקע פון שפּייז־געוועלבל. זיי האָבן זיך באַלד לייכט אָנגעשטויסן וועמען מען מיינט עס. די וועשין אַנטואַנעט,

אַ צעפּלאַמטע, וואָס דער מאַן אירער איז דאָ נישט לאַנג דעפּאָרטירט געוואָרן, האָט זייביידן איינגערוימט:

— איז ער דען נישט גערעכט? דאָס זענען לייט, געגוי אַזוי ווי מיר...

אין פּרעסביטער האָט זיך פּריילן גיעמאָ דערנאָך לאַנג עפּעס געסודעט מיט זיי באַלד נאָך דער פּרימאָרגן־מעסע. הינטער זיי האָט נאָך דער אָרגל פאַרהילכט דעם חלל מיט פייערלעכע מינאָר־טע־נער, די לעצטע אַקאָרדן האָבן זיך צעטראָגן אונטערן געוועלבטן רוים, צווישן די וויטראַזשן־שויבן. די איבעריקע האָבן זיך אַרויס־געשאָטן פאַר דער טיר.

ס'איז געווען אַ טרוקענער ווינטערדיקער זונטיק אינדערפרי. די צוויי קליאַנען פאַר דער קליינער קירכע זענען געווען נאַקעט. אינ־דערמיט ברוק האָט אַ סטאַיע העל־גרויע טויבן, אַנגעפּלויגן פון די נישעס, געוואָרקעט, צונויפגעקליבן די קערנדלעך, וואָס די קינדער האָבן זיי פאַנאַנדערגעשאָטן.

אַלע האָבן זיך געאיילט אויף מיטאָג. די ערשטע אויפן טראָ־טואַר איז געגאַנגען די וועשין אַנטואַנעט. זי איז געווען אין שוואַרצן זונטיק־טראַכט, וועלכן זי טוט נאָר אָן ביי פייערלעכע געלעגנ־הייטן. די בעקערין און די קליינע, די פלינקע פון שפּייז־געוועלבל, זענען איר נאָכגעגאַנגען. אויפן ראָג ביי רי מאַרקאַדע האָבן זיי איר אָנגעיאָגט. איבעם אָפּגעשלאָסענעם הויז, אויף די הויכע טרעפּלעך, האָבן זיי אַ היפּשע ווײַלע געקלונגען, ביז מען האָט זיי דאָרט אויפ־געמאַכט. אין דער ביוראָ האָבן זיי אָנגעטראָפן די שטרענגע פאַר־וואַלטערין, אַ מיטליאָריקע פרוי מיט אַ גרויער, הויך־אויפגעטורעמ־טער פריזור. זי האָט גערעדט פראַנצויזיש מיט אַ האַרטלעכן דייטשן אַקצענט.

— פאַרוואָס נישט אונדז געבן אַן אָרעם שעפעלע אויף מיטאָג?

— האָט זיך די פאַרפלאַמטע וועשין אַנטואַנעט אַרויסגעשטעלט.

— זיי זיצן דעם גאַנצן טאָג, נעבעך, פאַרשפּאַרט ביי אייך, די אָרעמע יתומים — האָט די גוטמוטיקע, דיקלעכע בעקערין זיך גע־בעטן — ס'אַ שיינער טאָג אינדרויסן, וועלן מיר זיי אַביסל אַרויס־נעמען אויף שפּאַציר...

באַלד זענען אונטערגעקומען נאָך פרויען און די פאַרוואַלטערין איז אַביסל צעמישט געוואָרן; כאָטש צו אַזעלכע באַזוכן זענען זיי דאָ אָפט געוווינט געווען. עס פלעגן קומען קרובים און באַקאַנטע אַרויסנעמען פון צייט צו צייט אַ קינד און נאָכדעם עס צוריקברענגען.

נישט בלויז די זעכציק יידישע קינדער זענען אין יענעם טאָג פאַרשוואונדן פון דעם „אוזשיף״־הויז אויף רי מאַרקאַדע, נאָר נאָכמיטאָג האָבן זיך אַריינגעריסן עטלעכע יונגעלייט, איבערגענישטערט דאָרט די ביוראָען און מיטגענומען מיט זיך אַלע ליסטעס און אַדרעסן־ביכער. דער טעלעפאָן האָט דעם גאַנצן נאָכמיטאָג געקלונגען, אָבער ס'איז שוין געווען צו שפעט...

## קאַפיטל זיבנאונצוואַנציק

# אין דער וויסטער אָבערפאַלץ

דאָס נידעריקע טירל האָט שאַרף אַ סקריפע געטאָן. אויף דער איינגעזונקענער באַנק, הינטער די ווענט פון פאַרווייעטן באַראַק, האַלב־איינגעגראָבן אין דר'ערד, האָט ער זיך אַ רגע פאַרהאַלטן, הירש. ס'איז געווען אין דעם פייערלעכן אָוונט פון קריסטלעכן ניי־יאָר. שיכורע געזאַנגען פון הייליקע און אויסגעלאַסענע לידער האָבן זיך אין דער העלער נאַכט געטראָגן פון דער אָפיצירן־קאַסינאָ און פון די וואַך־באַראַקלעך, אויף יענער זייט שטעכל־דראָט. אונטערן פינצטערן פאַפע־דאַך איז געשטאַנען אַ געדיכטער רויך פון קאָפטשענדיקע אייוועלעך, עס האָבן זיך געטראָגן געקעכץ־ריחות און אַ פילשפראַכיקער גערודער. דער קאָפ איז שווער געווען. ווי אַ פיש, האָט ער איינגעשלונגען אין זיך די קלעפיק־פראָסטיקע אָוונט־לופט און אַזויווי צום סאַמע ערשטן מאָל, האָט ער אויפסניי באַטראַכט מיט חידוש די בולטע שטערן אויפן בייערישן הימל. איז עס טאַקע מעגלעך, האָט ער זיך אַליין נישט געוואָלט צוגלויבן, אַז די־דאָזיקע שטערן האָבן אַמאָל געפינקלט אויך איבער זיין קראָכמאַלנע גאַס, צווישן די אָפגעהאַקטע דעכער פון דער דזשיקע, ווו ער

האָט אין די אָנגערויכערטע קאָוויאַרניעלעך צום ערשטן מאָל באַגעגנט סטערקען? איבער דער גאַס, ווו ס׳האָבן אַמאָל געוווינט — אויפן צווייטן הויף, ביי אַן אָפּגעקומענער יידישער משפחה — די צוויי קאַלישער מיידלעך, די סטודענטקעס — אַ שטיל הויז מיט גאַרדינען, מיט ראָמאַנטישע שאָטנס און נאָגנדיקע פּיאַנע־טענער... דיזעלבע שטערן — איבער אַ וועלט, וואָס איז נישטאָ מער; אַ וועלט, וואָס עקזיסטירט אפשר בלויז אין זיין קראַנקן דמיון. ס׳איז דער צייט־מהלך, וואָס האָט אים געפירט און פאַרוואָרפן פון די יידישע גאַסן אין וואַרשע, ביז צו די טומלדיקע בולוואַרן פון קאָסמאָפּאָליטישן וועלט־יאַריד, פּאַריז, ביז צו די ווילדע, פעלזיקע געבערג אין דער אָבערפאַלץ, אויפן פאָן פון וואַלד־טורעמס, פאַרשפּינט אין שטעכל־דראָט, צווישן אַ משונהדיקן געמיש פון פעלקער. וווהין דער גורל קען אַלץ פאַרפירן.

מער קיין אילוזיעס זענען שוין נישט געווען. צו לאַנג האָט עס געדויערט. ס׳איז געווען טיפער ווינטער אויף דער וועלט. אַפילו די באַפרייאונג אַליין וואָלט שוין דאָ מער קיינעם אַזוי ווילד נישט דערפרייט. אוראַלט האָט דער צפון־ווינט געוואָיעט אין די קרומע סאָסנעס, אויף די פעלזיקע אָפּריסן פון דער וויסטער אָבערפאַלץ. מיטן צוריקבאַווייזן זיך פונעם מענטש אין דעם קרייז פאַרלאָזענע, עוואַקואירטע דערפער, איז דער פאַרטייעטער האָז אַוועק טיפער אין די בערג־נאָרעס. ביינאַכט איז דער פוקס, דער פלייש־פרעסער, אַרויס פון די מאָכיקע פעלזן, אין געיעג נאָך אַ יונגער סאַרנע מיט בורשטינענע לבנה־אויגן, אַ פאַרבלאָנדזשעטע פון דער סטאַדע. זי איז געשפּרונגען צווישן דאַרן געצווייג, אָפּגעטריבן זיך מיט די קורצע הערנער, געראַנגלט זיך מיט אַ פאַרשטיקט געוואָי אין דער קעל און אין פאַרטאָג האָט מען די רעשטלעך פון דער בלוטיקער אָרגיע געפונען אויפן קלאָר־אָנגעפאַלענעם שניי.

אין אָט דעם לעצטן יאַנואַר איז דער טיפער שניי שוואַרץ געוואָרן פון עסנדיקן ווינט, פון די רויכן, וואָס האָבן געשפּאַרט פון אַלע לעכערדיקע באַראַקן און פון די נודנע, קאַלטע, בייערישע ווינטער־רעגנס. נידעריק איבער די פּאַפּע־דעכלעך, אין טאָל, געדיכט פאַרשפּינט אין שטעכל־דראָט, אַרומגעשטעלט מיט וואַלד־טורעמס און פּראָזשעקטאָרן, האָט זיך אונטערן פינצטערן הימל גע־

טראָגן דאָס הונגעריקע געשריי פון קראָען. דאָרט זענען זיי לאַנג־
זאַם אויסגעגאַנגען, די רוסישע געפאַנגענע. זיי האָבן אָפּגעזאָגט אָנ־
צוטאָן דעם דייטשן שינעל, צו גיין שלאָגן זיך קעגן די אייגענע
ברידער. חדשים־לאַנג זענען זיי אַזוי געווען איזאָלירט און אַפילו
דער דייטשער דאָקטער, מיטן מאָנאָקל, איז מער נישט אַריבערגע־
טרעטן דעם פאַרקראַטעוועטן טויער, ווו ס׳איז געווען צוגענאָגלט
אַ שוואַרצע שילד מיט אַ טויטן־קאָפּ, מיט צוויי איבערגעקרייצטע
קנאָכן, און אַן אויפשריפט אין שאַרפע, גאָטישע אותיות, ווי די נעגל
פון אַ רויב־פויגל: „פאַרזיכט, טיפוס!״. דער וועלפישער הונגער, די
לייז און דער טיפוס האָבן עס פאַרצערט די געזונטע גופים זייערע,
אויסגענאָגט ביזן מאַרך די זאַפטן פון דער ווייטער, היימישער,
אויסגעבענקטער ערד. פונדעסטוועגן האָט זיך אַלעמאָל פאַרנאַכט
געטראָגן פון יענעם זייט, ווי פון אונטער דער ערד, דאָס ווייטע,
סטעפּישע געזאַנג זייערס. זיי זענען געשטאָרבן זינגענדיק, אין
קראַנקער בענקשאַפט. די גריבער ביים ראַנד פון די וועלדער האָבן
זיך אָנגעפילט; מען האָט זיי פאַרקאַלכט און געהאַלטן אין איין
גראָבן פרישע.

די רעשטלעך „שלעכטע פראַנצויזן״, וואָס זענען אין גרויס איי־
לעניש עוואַקואירט געוואָרן פון די פראָנט־לאַגערן אין פוילן, ווו־
הין די שלאַכטן האָבן סוף יאָר אומגעריכט אַ שפּאַר־געטאָן פון די
טיפע רוסישע פּראָווינצן, ביז צו דער ווייסל, זענען אין שפּעטן דע־
צעמבער אַהערגעברענגט געוואָרן, אין דעם קליינעם דיסציפּלין־
לאַגער „פאַר יידן און אינטערנאַציאָנאַלע פאַרברעכער פון די אויס־
לענדער־רעגימענטן״. די הונגעריקע, אַרומגעשליסענע יינגלעך, וואָס
זענען אַראָפּגעקומען פון שוידערלעכן פראָנט־לאַגער אין ראַוואַ־
רוסקאַ, האָבן דאָ, אין דעם פאַרוואָרפענעם עק, נישט אַרויסגעוויזן
קיין איבעריקן חשק צו דער שווערער אַרבעט. זיי האָבן בלאָס גע־
שמייכלט און פון זייערע פאַרטיפטע אויגן־לעכער האָט אַרויסגע־
קוקט עפּעס אַ גרויל־פייערל און אַ ביטול צו אַלץ. מיט אָנגעשטעק־
טע באַיאָנעטן, האָט זיי אין באַגינען די וואַך אַרויסגעשטויסן פון די
נידעריקע, טוכלע באַראַקן. אַלץ האָבן זיי שוין געזען און פונדעסט־
וועגן האָבן זיי אויף אַ האָר נישט פאַרלוירן פון זיין ביטערן הו־
מאָר.

— ס'איז שוין נישט אויף לאַנג — האָבן זיי קיל געטרייסט — דער רוס שפּאַרט... שוין איינמאָל...

— אָבער אין דער לעצטער מינוט, די אויסוואָרפן... צי קען מען זיי דען געטרויען?...

אַזוי אָפּגעהאַקט און אויפן ווונק, האָט ער גערעדט, דער נידער־ריקער, געפּאַקטער אַרטילעריסט אַנדרעאַי, וואָס איז שוין פּופצן מאָל געלאָפן פון די לאַגערן און פון די קאָמאַנדאָס. אַליין האָט ער אָבער אַמווייניקסטן פון די אַלע צוגעלאָזן צו זיך דעם געדאַנק, אַז ס'קען אַמאָל זייער שיין טרעפן, ער זאָל שוין מער די שיינע, זוניקע שטאָט ביים מיטללענדישן ים קיינמאָל נישט אָנקוקן. אין זיינע בלויע אויגן איז ער געלעגן, דער ים, אינעם ווייכן, זינגענ־דיקן אַקצענט פון אַ דרום־פראַנצויז. ווי אַלע דאָ, איז ער ווידער גרייט געווען אַרויסצוגליטשן זיך פון שטעכל־דראָט־צוים און צו לויפן. נאָר ווי אַזוי? גיי קריך אַרויס פון דעם פּאַרוואָרפענעם עק, 18 קילאָמעטער פון אַ באַן־ליניע. צופוס, האָט ער געוווסט פון דער פּראַקטיק, איז אַ זיכערער דורכפאַל; בפרט אין אַזעלכע הינטישע וועטערן, צווישן דעם מדבר פון פעלזן, אייליקע באַרג־וואַסערלעך און טיפע, מעטערדיקע שנייען.

די געגנט, אַ ווילדע, אַ פאַרלאָזענע, ווו דאָס אָרעמע ברויט גייט אויף שפּעט אין זומער אַריין, אין די קליינע טאָלן און אויף די שי־פועים, האָבן די דייטשן אַליין אַ נאָמען געגעבן „דאָס קליינע סי־בער". אַהער זענען זיי געברענגט געוואָרן, איינציק לעבן־געבלי־בענע פון צעשאָסענע רעגימענטן און פון גאַנצע דיוויזיעס. פונ־דאַנען האָבן זיי, מיט אַן אומעטיק, צעצויגן געזאַנג, צוריק אָפּמאַר־שירט צום פראָנט. דאָ, אויפן וועג צום טיראָל — האָט מען גע־רעכנט — וועט זיין דער לעצטער, פאַרביסענער ווידערשטאַנד. זייט חדשים ווי אַלץ איז גרייט געווען דערצו — די צעשטעלטע בונ־קערס מיט די שיס־לעכער אויף אַלע הויכקייטן, געגאָסן אין צע־מענט, איבערגעמאָלט אין געלע און גרינע פלעקן, אָפּצונאַרן דאָס אויג; די געמינעוועטע בריקן ביי די שטראָמיקע באַרג־וואַסערלעך און די גראָבע קלעצער, צו פאַרשפּאַרן די שמאָלע דורכגענג אין די בערג.

די אַרבעט האָט זיך אַפילו אין זונטיק נישט אָפּגעשטעלט. דורך

די פאַרקריצטע וועגן, צווישן טאָלן און הויכקייטן, האָט זיך די „ווערמאַכט״ אייליק געגומען דורכלייגן אַ קליינע באַן־ליניע, צו באַזאָרגן, אויב נויטיק, מיט שפייז און אַמוניציע דעם אָפּגעלעגע־נעם עק. זעקס פאַרטאָג, אויפן פייף, אונטערן שטעכיקן ליכט פון פּראָזשעקטאָרן, זענען אַלע אין קליינעם דיסציפּלין־לאַגער שוין געווען ביים טויערל, אויסגעשטעלט לויט די פירמעס, צו די אַר־בעט־פּלעצער.

קאָמאַנדירט מיט די אַרבעטן פונעם קרייז עוואַקואירטע דער־פער האָט דער אינזשעניער, אָבערלייטענאַנט פלעשער — אַ מילד־ווייסער, טרוקענער פּרייס, מיט קוים־אָנזיכטיקע ברעמען, מיט אַן עפּט אויף דער לינקער באַק, אַן אָנדענק פון די בערלינער סטודענטן־קאָרפּאָראַציעס. ער האָט פריער געהערט צו אַ באַרג־יעגער־די־וויזיע, איז די ערשטע צוויי מלחמה־ווינטערן אָפּגעלעגן ערגעץ הינטערן פאַרשאַנצטן און ביטער־פאַרעקשנטן לענינגראַד, ווו ער האָט געבויט פאַרפעסטיקונג־וואַלן. אָבער זיין אַרבעט איז, זעט אויס, געווען אומזיסט, אַרויסגעוואָרפן. ער איז צוויי מאָל פאַרווונ־דעט געוואָרן, האָט געהאַט אָפּגעפרוירענע פיס און איז אָנהייב ווינטער, נאָכן „עלאַסטישן ריקצוג״, אַריבערגעשיקט געוואָרן אַ־הער, אין דער נאָנט צום טיראָל. מיט זיין באַווייזן זיך דאָ, איז דער אַרבעטס־טעמפּ נאָך מער פאַרשנעלערט געוואָרן. דעם גאַנצן טאָג איז ער איינער אַליין אַרומגעפלויגן אויפן מאָטאָציקל און קאָנ־טראָלירט די אַרבעטס־שטעלן, לענגאויס די 18 קילאָמעטער. לאַסט־וועגן, געטריבן אויף האָלץ־קוילן, אָנשטאָט אויף בענזין, וואָס האָבן זיך קוים אַרויפגעדראַפּעט די מינדסטע הויכקייט, האָבן צוגעבררענגט וועג־שפּאַלן, שינעס און געצייג. לאָקאָמאָבילן, וואַגאָניעטקעס און הויב־מאַשינען האָבן אויסגעגלייכט דעם בערגלדיקן געלענד, פאַר־שאָטן די אָפּרונטן. דאָס שווערסטע שטיקל אַרבעט איז אָבער גע־ווען ביים פאַרוואַרפן די בריק איבערן איילן באַרג־טייכל, אויף דער גרענעץ פון טרופן־איבונגס־פּלאַץ, אין דער אָרטשאַפט דיטל־דאָרף. דאָס רייסיקע וואַסערל, וואָס איז אַפילו אין שטרענגן, ביי־ערישן ווינטער נישט פאַרפרוירן געוואָרן, האָט שוין צוויי מאָל גע־האָט אַוועקגעטראָגן די איינגעמאָסטעטע וואַלן, מיטגעשלעפּט די רושטאָוואַניעס. דאָרט האָט זייט חדשים געאַרבעט אַ פּאָנטאָנען־

אָפּטיילונג פון לויטער ספּעציאַליסטן, ווייל די געפאַנגענע האָט מען צו אַזעלכע ספּעציאַליזירטע אַרבעטן נישט איבעריק אָנגע־טרויעט.

אַלע האָבן געהאָפט אויפן פרילינג, כאָטש מען האָט זיך געשראָקן מיט אַ טונקעלער אַנונג וואָס דער פרילינג קען אַלץ מיט זיך מיט־ברענגען. אָנהייב מערץ האָבן די ווינטן שוין געהאַט פאַרצערט די טיפע שנייען, די וועלדער אַרום האָבן זיך אָפּגעדעקט נאַקעט און אייביק־גרין; אָבער דער ווינט האָט נאָך אַלץ געריסן איבער די הויכע, מאַכיקע פליינען. מיטן באַווייזן זיך פונעם ערשטן גרעזל פון אונטערן שניי, צווישן די פעלזן, האָט אַ פייערל פון האָפענונג אויפגעלויכטן אין די אויגן ביי מענטשן. די שפּערלען זענען אין דעם יאָר פריי צוריקגעקומען צו די קליינע הייזעלעך אונטער די פאַרלאָזענע פויערישע סטרעכעס אין דעם קאַנט. ווי די קינדער, האָבן דאָ אַלע געלעבט מיט קליינע, נישטיקע אילוזיעס, כאָטש די היים און די פריי זענען נאָך אַזוי ווייט געווען. דעם פינפטן ווינ־טער אין געפאַנגענשאַפט ביים דייטש, האָט מען זיך ערשט רעכט גענומען אָרגאַניזירן די קליינע, בידנע עקזיסטענץ. עפּעס האָט מען שוין אַזוי לייכט נישט געגלויבט, אַז ס'זאָל זיך טאַקע אַמאָל ענדיקן; יעדער האָט אויסגעסטראָיעט זיין ווינקל מיט פאַרהענגלעך פון פּאַפּיר, לייסטלעך, פּאָליצעס און מיט די עטלעכע אָפּגעריבענע פאָטאָגראַפיעס פון אַ פרוי, אַ קינד, אַ מוטער. אינדערפרי איז מען אַרויס צום וואַלד און טאָל, וווּ די פרעס־מאַשין איז אַדורכגעפאָרן. די גאַנצע געגנט איז געווען צעשניטן אין שאָסייען און אויטאָ־סטראַדעס.

הירש האָט שנעל געכאַפּט דאָס פאַרטל קונציק אָוועקצולייגן אַ שטיין, אָפּגעמאָסטן מיטן אויג דעם ניוואָ, דעם ברייטערן טייל איינ־געפעסטיקט אין דער ערד און צווישן די שפּיצן אַריינגעפּאַסט קלע־נערע שטיינער. מאָדנע, ער האָט געהאַסט מיט אַלץ, וואָס אין אים, דעם טעמפּן, בלוט־פרעסערישן דייטש און — האָט ליב־באַקומען די אַרבעט. ער האָט זיך, ווי אין שיכרות, פאַרגעסן אין דער אַר־בעט. ער איז נאָך אַלץ געווען דער בלאָנדזשענדיקער יידישער אינ־טעליגענט, וואָס זוכט צו פאַרשטיין דעם מענטש און די וועלט. ער האָט שוין איצט גוט פאַרשטאַנען. און אפשר נאָך נישט אַלץ.

אַנדערש האָט מען דאָ נישט געקענט לעבן, ווי צוביגדן זיך צו קלייניקטן. ס'האָט געפּרייט צו זען, ווי פאַרן אויג כמעט, זענען אויסגעוואַקסן לאַנגע פּאַסן ברוקירטער פלאַסטער אין ווילדן, באַרגיקן וואַלד־געלענד. ס'איז, דאַכט זיך, געוועזן די פרייד פון אורמענטש, וואָס האָט צום ערשטן מאָל אויסגעשלאָגן פייער פון אַ שטיין. די בערגלעך זענען אַרונטערגענומען געוואָרן. אין פריען מערץ האָט עס שוין געשמעקט מיט פרישער שוואַרץ־ערד, פאַרגאַנגען אין די נאָז־לעכער מיט געזונטע פרילינג־ריחות. ערד־וואָרים, ווייסע רויפּעס, וואָס אַנטוויקלען זיך פרילינג־צייט אין מאַיזשוקעס, און נעסטן פון פעלד־מייז, האָבן זיך געראַיעט, געמערט זיך, געצויגן די חיונה פון די ערד־זאַפטן אין דער טיף, ווו זיי האָבן זיך געהאַט פאַרקליבן איבערצווינטערן.

די נאַטור איז געוועזן פרידלעך, מילד. נאָר די פאַרטייעטע פוקסן און די האָזן זענען, מיטן באַווייזן זיך פונעם מענטש, אַוועק טיפער אין די וועלדער אַריין. די סאַרנעס האָבן אויפגעהערט צו קומען אַרומצופּן די בלייכע גראָזן צווישן מאָך אויף די ליכטיקע שטחים, טרינקען פון די אייליקע באַרג־וואַסערלעך, אינדערמיט פון די געדיכטע סאָסנע־וועלדער. באַגינען, אין טוי, צווישן די פאַרוואַקסענע סטעזשעקס פון פאַראַיאָריקן, אָפּגעוועלקטן גראָז, האָבן זיי דאָרט איינמאָל געפונען דריי קליינע, ברוינלעכע העזעלעך. דאָס קליינוואַרג האָט אויפגעשפּיצט די לאַנגע אויערן, געקוקט פונדערזייט, מאָדנע פאַרוואונדערט, מיט איין אויג פון אַ פייערדיקן געל, ווי אויסגעשטאָפּטע קינדער־שפּילצייג אין אַ שטאָטישער וויטרינע. אַ מעטער צוואַנציק האָבן אַלע מיטאַמאָל דערזען דער צעשראָקענער מאַמען. זי האָט דאָס קליינוואַרג, אַוודאי, געהאַלטן אין איבערטראָגן פון איין נאָרע אין דער אַנדערער. קיינער האָט די העזעלעך נישט אַנגערירט, כאָטש דאָס שפּייעכץ איז זיי געקומען אין מויל אַריין פון אַזאַ פיינעם געבראַטנס...

אַראָפּגעקומען פאַרטאָג פון באַרג, פון דער קופּע פינצטערע, טוכלע באַראַקן, האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר זיי, ווי אויף דער האַנט, די געגנט, מיט די אָנגעצייכנטע וועגן, געביידעס און מיטן רויט־ציגלדיקן וואָקזאַל, וואָס האָט זיך שוין גענומען אַרויסהייבן פון די רושטאָוואַניעס. מען האָט געלעבט מיט דער פרייד פון

אויפבויען עפעס מיט די אייגענע הענט. אַפילו די יידישע שניי־דערס פון בעלוויל, מיט די הויכע, אויסגעאַרבעטע פּלייצעס, וואָס האָבן אומעטום, מיט דער נאָדל אין לאַץ, אויף אַלע זייערע וואַנ־דערונגען, אַריינגעלייגט דעם קאָפּ אויסצופּאַרטיקן אַ גוט שטיקל אַרבעט, אַפילו זיי זענען אויך עפּעס אַנגעשטעקט געוואָרן מיט אַט דער רויער, פיזישער מלאכה אויף דער פרייער, ווילדער נאַ־טור. זיי האָבן זיך דאָ אויסגעלערנט צו האַלטן ווי ס'געהער צו זיין אַ שטיקל געצייג אין דער האַנט און אָפּשטיין אַ לאַנגן טאָג אויף דער פרישער לופט. מען האָט אָנגעשעפּט פולע לונגען פון דער געזונטער, באַרגיקער לופט און ס'איז נישט געווען מיט וואָס צו שטילן דעם ווילדן הונגער, וואָס האָט געדרייט אין די געדע־רים. האָט מען געקייט די זיסע וואָרצלען פון ווילדע סאַלאַדן און געוואָלט פאַרגעסן זיך אין דער אַרבעט. יעדער האָט אויף זיין רידל געהאַט אויסגעקריצט אַ צייכן, מען זאָל אים, חלילה, נישט פאַרטוישן. ווי די זון האָט נאָר אַ וואַרעם געטאָן, האָבן זיי אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך די וועסט און אָוועקגעשטעלט זיך אויספּלאַס־טערן דעם שאָסיי, אַרומאַרבעטן די זייטן־סטעזשקעלעך פאַר פוס־גייער. אַפילו דער אינזשעניער פלעשער, וואָס האָט זיי דאָ אַלע־מען גערופן „די יודן־באַנדע", האָט איינמאָל געמוזט צוגעבן, ווייזנדיק מיט דער האַנט צום שטערן: „דער האָט וואָס היער" — ס'הייסט, ער האָט איינפאַל, ער ווייס וואָס ער טוט.

עס זענען דאָ אויפגעריסן געוואָרן די פעלזן, אויסגעגלייכט געוואָרן די בערגלעך אויפן מיט־וועג צווישן רעגענסבורג און ני־רענבערג, ווו יידן האָבן נאָך פון טיפן מיטלאַלטער געלעבט און געבויט, געמסחרט און געהאַנטווערקערט. יידישע סוחרים, געלט־וועקסלער און פורים־שפּילער, לצים און מחברים, רבנים און ישיבה־בחורים, איז אפשר נישט איינמאָל אויסגעקומען צו שאַק־לען זיך אין די טיפע בוידן איבער אָט די קרומע וועגעלעך פון דער ווילדער, בייערישער לאַנדשאַפט. אַצינד האָבן די אור־אייניקלעך פון יענע מיטלאַלטערלעכע בורג־ און געטאָ־יידן, ווי שקלאַפן, געבויט פאַרן טייוול, וואָס מאַכט חרוב אַ וועלט און ברענגט געווינסלאַז אום פעלקער מיט אַ מיתה־משונה.

ווען מען זאָל זיי, אַ שטייגער, געווען אַצינד אַזוי אַ זאָג־טאָן,

די ידישע שניידערס: „איר זענט פריי! גייט אייך אַוועק אין עק וועלט, רייסט דאָרט אויף די פעלזן, לייגט אַדורך אַ שאָסיי, פאַר־אַקערט די ערד און בויט אויף פאַר זיך אַליין אַ דאַך איבערן קאָפּ, פאַרן ניי־געבוירענעם אין וויג. באַכוואַס אַרומדרייען זיך אין די גרויסע, פרעמדע שטעט מיט דער נאָדל אין לאַץ?״... וואָס וואָלטן זיי געזאָגט דערצו? צי וואָלטן זיי עס כאָטש פאַרשטאַנען?

סוף כל סוף — האָט ער געטראַכט מיט ביטערניש, הירש — איז דאַך פאַרט מעגלעך, אַז יעדער זאָל זיך אַמאָל צוריקקערן צו זיין חרובער היים און, ווי אַ געשלאָגענער הונט, אָפּלעקן זיינע וווּנדן אויפן אייגענעם בינטל שטרוי. וואָס ווילן מיר פון דעם אַלעמען דורכגעלעבטן לערנען? אין דער נאַטור וועט זיך סיי־ווי גאָרנישט נישט ענדערן. דאָס יאָ — די נישטיקע אַמביציעס פון קליינע מענטשעלעך קענען, ווי ווילדע חיות, געצוימט ווערן. די נידעריקע מענטשלעכע רשעות — ער האָט זי געזען אומעטום, אונטער אַלע באַדינגונגען. ער איז צורעדט אויף געגאַנגען אין דער אַרמיי מיט אַ געוויסער יינגלערישער נייגעריקייט. ער האָט אָבער גיך פיינט באַקומען אָט דעם מין געצוווּנגענעם קאָלעקטיוו, ווו איינער זוכט נאָר צו שטיין מיט איין שטאַפּל העכער איבערן אַנדערן, צו ראַטעווען זיך אויפן חשבון פון אַנדערן. נישט דאָס־זעלבע איז, ווען איין מעכטיקער ווילן באַהערשט אַלעמען, איין גרויסער, הייליקער ציל.

אָט די פינצטערע מחשבות האָבן אים נישט געלאָזן שלאָפן אין די נעכט, ווען איבערן קאָפּ, נידעריק איבער די פּאַפּע־דעכ־לעך פון די האַלב־איינגעזונקענע באַראַקן, האָבן דעם פינצטערן הימל געקרייצט די אַוויאָנען פון די אַלירטע אַנפליען. אין דער זייט פון נירענבערג האָט עס נאַכט־נאָך־נאַכט געפלאַקערט, די הימלען זענען רויט געווען. מען האָט נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, נאָר מען האָט געפילט בחוש, אַז דער סוף דערנענטערט זיך, קומט אָן. אָבער צי וועט עס שוין באמת טאַקע זיין דער סוף?

## קאַפּיטל אַכטאונצוואַנציק

# אַרום דער בריק

אין דעם ווייסן, מאַלערישן ישוב פון רויען שטיין, צווישן די פעלזיקע אָפּריסן, אַרומגעשטעלט מיט נאָדל־וועלדער, האָט הירש דערצויגן די אויסגעחלומטע באַפרייאונג.

אין אַ נאַכט, ווען ס'האָט געגאָסן אַ קאַלטער רעגן, סוף מערץ, האָט זיך שפּעט נאָכן אָונט־אַפּעל, געמאָלדן אין לאַגער אַריין אַ ס. ס. ־אָפיציר און דרינגענדיק געפאָדערט אַ צוואַנציק געפאַנגענע, צו העלפן אַרויפשלעפּן אַ שווערן 75־ער קאַנאָן דעם גלײַטשיקן באַרג־אַרויף, ביי דער נייער בריק, אין דער אַרטשאַפט דיטלדאָרף. אויפן פייף, מיטן שפּיצרוט, האָט זיי דער לאַגער־מייסטער פאַרזאַמלטביים טויערל און אין שיין פון טורעם־רעפּלעקטאָר, אַריינגעפּאַקט זיי אין אָפענעם לאַסט־וואָגן. דער רעגן האָט אָן אויפהער און לאַנג געבייטשט איבער זייערע איינגעהאָרבטע רוקנס אינדערקרום. מען איז געפאָרן באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, איבער קרומע סטעזשקעלעך, צווישן אָפּגרונטן. ערשט אַרום האַלבער נאַכט זענען זיי, אויסגעווייקטע, אָנגעקומען צו דער בריק.

צוויי שטורקאַצן האָבן געברענט אין סמאָלע־פעסער און באַלויכטן אַ קליינע גרופּע סאָלדאַטן, צונויפגעטוליעטע, אין זייערע רעגן־איבערציער. ביי זייערע פיס, ערגעץ נידעריק, אין דער געדיכטער פינצטערניש, האָט מען נאָכאַנאַנד געהערט דאָס שאַרפע רוישן און דאָס ריזלען פון אַ וואַסערל. דער לאַנגער פיסק פון קאַנאָן, אומגעדרייט צו אַ בינטל ביימער, איז, ווי אַן אָקס ביי די הערנער, געווען אָנגעבונדן מיט גראָבע קאַנאַטן צו אַ הונדערט־יאָריקן שטאָם. די רעדער אונטער אים זענען שווער געזונקען אין דער ליימיקער בלאָטע. אין דעם העלישן שרפה־פלאַם פון די שטורקאַצן, האָט דער פינצטערער סקעלעט פון דער נייער בריק אויסגעקוקט ווי אַ פּרעהיסטאָרישע חיה, אַ שטומע און אַ געפערלעכע.

פוןביידל האָט זיך אַרויסגערוקט דער אָבערפעלדוועבעל האַנס ברייער, אַ פעסטער און אַ ברייטער יעקע, ווי אַ מאַטראַס, אין וואַסער־שטיוול ביז איבער די קני, די פאַרצעלייענע פיפ פאַר־שטעקט צווישן די רייס־ציינער. דאָס האָט ער קאָמאַנדירט מיט דער פאָנטאָן־קאָמאַנדאַ.

— אַאופגייטס! — האָט ער באַלד גענומען געוואַלדעווען.

קוים מיט צרות אַרויסגעשלעפּט דעם קאַנאָן פון דער טיפער בלאָטע ביזן שטיין־פלאַסטער, האָט פלוצים דער דיקער קאַנאַט, וואָס איז דריי־פאַך געווען אַרומגעדרייט אַרום אַ שטאַם, געטאָן ביי זיי אַ פּלאַץ און איבערגעריסן זיך ווי עפּעס אַ שטריקל. די שווערע רעדער האָבן זיך צוערשט לאַנגזאַם געגעבן אַ וויג און דערנאָך, מיט דער גאַנצער האַסטיקייט — ביז אַרט צו די רוש־טאָוואַניעס פון דער בריק.

— דאַנערוועטער! — האָט האַנס ברייער אויפגעשניטן די לופט.

נאָך גוט, וואָס ער האָט אַליין באַצייטנס פליגק אַ כאַפּ־געטאָן אַ קלאַץ און פאַרוואָרפן אים פאַראויס פאַר די רעדער. ס'האָט נישט געפעלט קיין סך דער קאַנאָן זאָל אַראָפּגעשמיסן ווערן פון אַ ריזיקער הויכקייט אין וואַסערל, וואָס האָט דאָרט ערגעץ אונטן געריזלט איבער די שטיינער. אַלע זענען זיי אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַ קאַלטן שווייס. די אייזערנע בעלקעס האָבן זיך נאָכגעגעבן, אַרויסגעברענגט אַ דינעם, מעטאַלענעם קלאַנג, ווען די שווערע רעדער האָבן זיך דערנאָך לאַנגזאַם געריטשט איבער דער בריק. פון אַלע זייטן זענען געווען באַקלעפּט די צוואַנציק געפאַנגענע. זיי האָבן געשלעפּט דעם אייזערנעם קאַנאַט. ער האָט זיך איינגעשניטן אין זייערע בייכער, אין זייערע אַקסלען. די איי־בעריקע האָבן געשטופּט פון הינטן. דער נידעריקער, געפּאַקטער אַרטילעריסט אַנדרעאַי, וואָס איז דער ערשטער געווען פרייוויליק מיטצוגליטשן זיך פון לאַגער, האָט אים איינגערוימט, הירשן, צוי־ענדיק דעם קאַנאַט:

— ווי מיינסטו? אַ שעה צו זיין אויסער די דראָטן... איז אויך עפּעס געווונען. אויסער דעם...

ער האָט ער נאָכאַנאַנד געלויערט, אַנדרעאַי. ער האָט געוווּסט אויף וואָס ער לויערט.

איצט איז נאָך פאַרבליבן אַרויפצושלעפּן דעם קאַנאָן דעם קליינעם באַרג־אַרויף, פון יענער זייט בריק. פונעם וואַסערל, וווּ זיי האָבן זיך אָנגעטרונקען, האָט אַ דייטש געבערענגט אַרויפצוּ־פירן צוויי שווערע לאַסט־פערד מיט פאַרוואַקסענע פיס, איינגע־שפּאַנט זיי און גענומען זיי ווילד בייטשן, זיי זאָלן דערשלעפּן אַרויפצו. איינער פון די פערד האָט זיך באַלד אויפן אָרט אויסגע־גליטשט און שיער נישט מיטגעשלעפּט דאָס אַנדערע. אין שיין פון די סמאָלע־שטורקאַצן, האָט מען דערבליקט ווי דאָס גרויסע, אַרויסגעזעצטע אויג ביים פערד איז פאַרגאָסן מיט בלוט, ווי עס גאָווערט מיט אַ גרינער פליסיקייט. דער שלעפּ־פאַס האָט עס גע־האַט איינגעשניטן טיף אין האַלדז, אויסגעפליקט שטיקער פעל פון די אָנגעצויגענע ריפּן. ס׳איז געווען אַ פּריש אומגליק. מ׳האָט באַדאַרפט אויסשפּאַנען דאָס פערד און צוריקשטעלן עס אויף די פיר פיס. דאָ האָט זיך שוין דער ס. ס. ־אָפיציר אַזוי דענערווירט, אַז ער האָט געהאַקט מיטן הענטל פון רעוואָלווער איבער קאָפּ און איבער פנימער. מיט אַ געמיש פון ווילדע קולות, איז דער קאַ־נאָן אַרויפגעשלעפּט געוואָרן, ווען ס׳האָט קוים גענומען ליכטיקן. אויבן האָט שוין געוואַרט אַ שלעפּ־טראַקטאָר.

די קליינע גרופּע געפאַנגענע האָט דער וואַכמאַן פאַרטריבן אין דורכגעווייקטן באַראַקל פון בוי־געצייג. אָנגעוואָרפן אין אַ קופּע, איינער אויפן אַנדערן, זענען זיי אָוועקגעפאַלן ווי די גע־קוילעטע.

ס׳איז אָבער געשען אַזוי: נאָך דעמזעלבן פאַרנאַכט איז די גאַנצע פאָנטאָנען־קאָמאַנדאָ דייטשע סאַפּיאָרן פלוצים אָפּגערופן געוואָרן אין גרויס איילעניש. עפּעס איז געווען אַ גרויסע בהלה צווישן זיי. ס׳איז געקומען אַ לאַסט־וואָגן און האָט זיי אַלעמען פאַר־לאָדעוועט. אָנצופירן מיט דער אַרבעט ביי דער בריק, איז פאַר־בליבן בלויז איינער, דער אָבערפעלדפעבעל האַנס ברייער. די גע־פאַנגענע האָט מען דערווייל שוין מער אין לאַגער אַריין נישט צו־ריקגעשיקט. די וואָך איז איבערגענומען געוואָרן פון צוויי אַלטע לייט פון דערפל, פון „פאָלקס־שטורעם“. אין די לאַנגע, שוואַרצע,

אָפּגעפּליקטע מונדירן פון קוימען־קערערס, האָבן זיי גיכער אויס־געזען ווי די „סטראַשידלעס”, וואָס מען שטעלט אַוועק אין אַ גאָרטן, אָפּצושרעקן די פייגל.

דאָס אייליקע וואַסערל, ווו די בריק איז פאַרוואָרפן געוואָרן, איז געקומען פון די טיראָלער בערג און האָט זיך אַראָפּגעגאָסן צום דונאַי, ערגעץ אין דער נאָענט פון רעגענסבורג. דאָס דערפל, געבויט אין רויען שטיין, איז געלעגן ווי אַן אָדלער־נעסט אין די בערג. אין די לעבלעכע פרילינגס־נעכט האָט מען געהערט דאָס אייביקע און נאָכאַנאַנדיקע גיסן זיך פונעם טייכל, דאָס ריזלען באַרג־אַראָפּ, איבער די אַלטע, מאָכיקע שטיינער. מיטן שפּראָץ אויף טאָג, ווען די סאָסנע־קרוינען נעמען זיך גילדן, זענען די געפּאַנ־גענע אַרויס אין ווייסן, טויאיקן דרויסן אייַנצוואַשן זיך אין קילן וואַסערל. דאָס דערפל פון שטיין איז געווען פאַנאַנדערגעוואָרפן אויף ביידע הויכע ברעגן. הינטער דער קאַשטאַנען־וואַנט האָט אַרויסגעקוקט דאָס קליינע טורעמל פון אַלטן פריצישן שלאָס. דער שטייניקער פלויט האָט געקלעטערט אין אַ קרומער ליניע איבער די בערגלעך. קעגנאיבער איז געווען דאָס ברייטע איינפאָר־טויער פון דעם „ברייהויז זעלדנער”. פוילישע און אוקראַאינישע יינגען און מיידלעך, געברענגטע וואַגאָנענווייז פון „אָסטן”, האָבן אין באַ־גינען אַרויסגעטריבן פון דאָרט שוואַרץ־געפלעקטע קי, סטאַדעס שעפסן, איינגעשפּאַנט די פערד. ס'האָט אויסגעזען ווי אַ קליינ־שטעטלדיקער פוילישער יאַריד. דער באַלעבאָס, אין גרינעם קאַ־פּעלושל, האָט געגוואַלדעוועט אין בייערישן, גאָרגלדיקן לשון און אָנגעיאָגט דעם טראַקטאָר. אַרומגעפּליקטע פויערים האָבן שוין באַצייטנס אַרויסגעפירט פורלעך מיסט צו די פעלדער. אָפּגעַ־שליסענע קינדער האָבן זיך אַרומגעיאָגט מיט די גענדז אויפן וואַ־סערל און אַלטע דייטשקעס האָבן געשוווענקט געוועשן.

דער אָבערפעלדפעבעל האַנס ברייער האָט זיך איצט געדרייט אויף דער בריק און פון זיין לאַנגער, פאַרצעלייענער פיפ, פאַר־שטעקט צווישן די געלע ציינער, האָט זיך קוים געהויבן אַ רויכל. ער האָט שוין באַלד קיין טאַבאַק אָנצושטאָפּן די פיפ אויך נישט געהאַט, ער האָט אויסגעשפּיגן די לונג פאַר אַ ביסל טאַבאַק. ער

האָט אַ רוף געגעבן צו זיך דעם פריילעכן אַרטילעריסט אַנדרעאַי, ווייל ער האָט אים עפּעס באַמערקט צופיל אַרומדרייען זיך.

— מענטש! — האָט ער געדונערט איבער אים אין זיין גאַרגל־דיק, בייעריש לשון — די בריק מוז ביז ענדע מאַי פערטיק זיין!...

אַנדרעאַי האָט טויט־ערנסט געהויבן מיט די פּלייצעס, יאָ גע־ענטפערט, נישט געענטפערט. ער איז צופרידן געווען, דער עיקר, וואָס ער איז אַרויס פון צווישן די דראָטן. דירעשט, האָט ער זיך געזאָגט, וועט ער זיך שוין אַליין אַן עצה געבן...

— קריג — באַלד קאַפּוט! — האָט ער זיך נאָך דאָרט אומגע־געקערט און אַרויפגעקוקט צום אָבערפעלדפעבעל מיט אַ לאַכעלע...

— יאַ־יאַ! — האָט יענער עפּעס אַנגעברומט, אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און אַלע קנייטשעלעך אויף זיין כיטרע, פּויעריש פּנים האָבן ביטער געלאַכט — נו, יאָ, די שייס־קערלען...

אַנדרעאַי האָט אַפילו געמאַכט דעם איינדרוק, אַז די אַרבעט געפעלט אים גאָר שטאַרק, האָט זיך פלייסיק גענומען צו האַקן שטיינער, ווען ער האָט זיך באַוויזן אויפן גאַניקל; אָבער ער האָט זיך אָפּגעדרייט דעם טאָג און געטאָן האָט ער אין דער אמתן גאָר־נישט.

— ווו ברענט?... — האָט ער געגנוי איבערגעזעצט אויף פּראַנ־צויזיש מיט אַ הייזעריקלעכער שטימע דאָס ווערטל, וואָס ער האָט אַזויפיל מאָל געהערט פון די בעלווילער יידישע שניידערס אין לאַגער, און אונטערגעוווּנקען דערביי צו הירשן...

פון ביידע זייטן בריק האָט מען געפּלאַסטערט דעם ברוק, אַראָפּגעלאָזן און אויפגעהויבן דעם ניוואָ. דאָ האָט הירש אויף אַ קורצער צייט צוריקגעפונען עפּעס אַן אינערלעכע, זינגענדיקע רו. ער האָט זיך גענומען לייגן שטיינער אין דורכגעגראָבענעם אַראָפּ־האַנג און, פאַרגעסנדיק זיך אין דער אַרבעט, אינדערמיט פונעם פריילינגדיקן דערפל אין די בערג, האָבן אים די רעיונות אָוועק־געפירט ווייט פונדאַנען. ס'איז געווען זון און סאַסנעס צווישן די בערג, און אַ רוישיק וואַסערל, וואָס איז געפאַלן פון הויכע, מאַ־כיקע שטיינער. דאָס דערפל פון ווייסן, רויען שטיין, איז געלעגן ווי אָוועקגעוואָרפן אינאַזייט, אויסער דעם אַלעם, וואָס האָט זיך

דאָרט אָפּגעטאָן אויף דער ברייטער וועלט, אויף די פראָנטן. אַלץ איז דאָ געווען אַזוי שיין און אַזוי טרויעריק, אין דעם לעצטן, גאָלדענעם פרילינג, וואָס איז געקומען אומגעריכט.

דעם זונטיקדיקן טאָג האָבן זיי, צוזאַמען מיט אַלע פרעמדע, נישט־דרייסט אַריבערגעטרעטן די שוועל פון דעם ביר־הויז „צום ווייסן שוואַן", ביי דער גרינער ליזל, אויף יענער זייט בריק. עס זענען זיך דאָרט צוזאַמענגעקומען די פּאָליאַקן און די אוקראַינער פון אַלע אַרומיקע דערפלעך. מיט די פאַרהילצערטע דלאָניעס פון שווערער האַרעוואַניע, האָבן זיי זיך געקלאַפּט אין די פּלייצעס אַריין, אין די אָפּגעפליקטע פּעלצלעך און שפּענצערס, פון וועלכע ס'איז אויפגעגאַנגען אַ געדיכטער שטויב. קיין סך וואַרפן זיך אין די אויגן האָבן זיי פונדעסטוועגן נישט באַדאַרפט; פאַנאַנדערגע־זעצט זיך אין ווייטסטן ווינקל און געזויפט דעם וואַסערדיקן ביר. באַלד נאָכמיטאָג האָבן זיך פון די אַרומיקע דערפער אַראָפּגעיאַ־ וועט די מיידלעך מיט די רויטע, אָנגעדראָלענע הענט, אין די אויסגעדרייטע לאַטשן, אָבער די פּנימער זענען ביי זיי געווען אָנגעגאָסן מיט ראָזע, געזונטע פאַרבן.

אין די יאָרן פון היטלערישן אויפשטורעם, איז די אכסניה ביי דער גרינער ליזל געווען אַ קליינע, פאַרשטעקטע ביר־האַליע, ווו די נאַצי־יונגען אין די ברוינע, אָפּגעפּאַסטע אוניפאָרמען, אין די שטיוועלעך, האָבן זיך אין די זונטיקדיקע טעג אָנגעזויפט אויף דער ווערענדע, וואָס איז כמעט געהאַנגען איבערן וואַסערל, אַרומ־ געהוליעט מיט די שווערע, בלאָנדע דייטשע „מעדלס". אין די צוויי נידעריקע, טונקעלע שטיבן איז אייביק געשטאַנען אַ זויערלעכער שענק־ריח. מלחמה־צייט, ווען אַלע זענען אַוועק אויף די פראָנטן און אין די אָקופּירטע לענדער, האָט די ביר־האַליע ווידער נישט געפּוסטעוועט. די צוויי „מעסערשמיד"־פאַבריקן, וואָס זענען דאָ אויסגעוואַקסן, אין דער נאָענט פון רעגענסבורג, האָבן אויפסנייַ אַ צי־געטאָן אַהער אַ שטראָם פון כלערליי מינים אויסלענדער, פון אַלע מינים נאַציאָנאַליטעטן, וואָס זענען פאַרשלעפּט געוואָרן אויף צוואַנגס־אַרבעט קיין דייטשלאַנד.

פאַרקערט, ביי דער גרינער ליזל, האָט זיך די מלחמה גאָרנישט אַזוי שטאַרק געלאָזן אָפּפילן. דער שוואַרצער, טריפהנער האַנדל

האָט געבליט אין די קליינע הינטער־צימערלעך. פון די געמישטע לאַגערן האָבן די פראַנצויזן אָנגעבערענגט ענגלישע סיגאַרעטן, שאָקאָלאַד, וועש, זייגערלעך און האָבן עס איינגעטוישט אויף עסנוואַרג. אין די לאַגערן איז געווען אַ הונגער. די פּאָליאַקן, וואָס האָבן געאַרבעט אין די אַרומיקע פערמעס, האָבן אָוונט־צייט, אונטער דער פּאָלע, געבערענגט צעשלעפּן אַ הון מיט אַן אָפּגעדרייט קעפּל, אַביסל אייער, אַ שטיק חזיר־פלייש, וואָס זיי האָבן דאָרט אָוועקגעלאָטכנט. געריסן האָבן זיי זיך אַמערסטן איבער די זייגערלעך, די פּאָליאַקן. זיי האָבן זיי וויכטיק געוויגן אין דער האַנט און געצײלט די „שטיינער”. די גרינע ליזל מיט די ווייצענע צעפּ איבערן שטערן — אַצינד אַן אלמנה נאָך אַ געפאַלענעם געפרייטער — איז געשטאַנען הינטער דער דעמבענער טומבאַנק, אַלעמאָל אַ פאַרשאַר־געטאָן דאָס פאַרהאַנגל און אַכטונג געגעבן צי קיין זשאַנדאַרן קומען נישט אָן. די אַלע טריפהנע סחורות האָט זי אויפן ווונק באַפוילן צו פאַרשטעקן ביי זיך הינטער דער טיפער טומבאַנק, ווו עס זענען געווען די פינצטערע באַהעלטערלעך. די פּאָליאַקן און די אוקראַינער האָבן זי שטיל געקניפּן און זי האָט געלאַכט פרעך:

— דו הונטס־טויפל! — האָט זי געוואָרנט מיט אַ פינגער — ראַסן־שאַנדע!...

די פראַנצויזן און די איטאַליענער האָבן שטיל געשמייכלט, גערעדט צו איר איידעלע רייד אין אַ מין צעבראָכענעם דייטש, זענען ביי אַ קופּלע וואַסערדיקן ביר לייכט געוואָרן סענטימענטאַל, האָבן די נידעריקע ביר־האַליעס פאַרהילכט מיט אַריעס און אומעטיקע לידער, אַז די העלע, כמעט ווייסע אויגן ביי דער גרינער ליזל האָבן זיך איר צעפינקלט.

— די זינד בראַווע קערלען — האָט זי זיי גערימט — די הייסע זיד־לענדער... אַך...

אַפילו דער אַבערפעלדפעבעל האַנס ברייער, וואָס האָט שוין לעצטנס נישט געהאַט מער מיט וואָס אָנצושטאָפּן זיין לאַנגע, ביירישע פיפּ, האָט זיך אויך געלאָזן אַריינציען אינעם שווינדל. ער האָט געלאַכט מיט אַלע קנייטשעלעך פון זיין כיטרע, פויעריש

פנים, זויפנדיק נאָכאַנאַנד די קופּליעס וואַסערדיקן ביר אונטערן סאַמע פּאָרטרעט פון „פּירער“, אויף דער באַנק, דעם גאַרטל־פּאַס פאַנאַנדערגעלאָזן, דעם דאַשיק — פאַרפאָרן העט אין שטערן־אַריין.

— די ריכטיקע ליסל... — האָט ער געגאַוועוועט און געוונקען פּילבאַדייטנדיק.

צוזאַמען מיטן אַרטילעריסט אַנדרעאַי, איז ער איינמאָל, אין אַ פינצטערער נאַכט, געהאַט אַראָפּגעפּאָרן אין אַ דאָרף אַריין דערלעבן, און פּאָר שאָקאָלאַד, פּאָר סיגאַרעטן, איינגעהאַנדלט ביי די איבערגעשראָקענע פּויערים דריי קליינע מילך־חזירימלעך און אַ גאַנדז. ווען די זשאַנדאַרמען פּאַקן אים מיט דער סחורה, וואָלט ער אַוודאי אַוועק אויפן שטריקל. ס'איז אָבער, צום גליק, אַלץ אַדורך גלאַטיק. די קליינע קאָמאַנדאָ איז אַ גאַנצע וואָך נאָכ־דעם אַרומגעגאַנגען מיט פעטע ליפּן און די אַרבעט אַרום דער בריק האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. דער אַנדרעאַי האָט אים שוין דערפאַר אונטערגערוקט מיט וואָס אַנצושטאָפּן זיין לאַנגע, ביירישע פּיפּ. ער איז אָפּגעזעסן דעם גאַנצן טאָג אויף דער ווע־ראַנדע, דער אָבערפעלדפעבעל, געלאָזן זיי דאָרט פּאָרען זיך אַליין אויף דער בוי־געשטעל, אַרומגעוויצלט זיך און געפּאַטשט אין די פולע היפּטן דער אלמנה נאָכן געפּאַלענעם געפרייטער, דער גריי־נער ליזל. נאָר ווען ס'האָט זיך געגרייט צו קומען עפּעס אַ קאָ־מיסיע, האָט ער פלוצים גענומען מאַכן געוואַלדן און שטאַרק אונ־טערייילן.

אָבער קיין קאָמיסיעס האָבן שוין אין יענעם פרילינג מער נישט באַוויזן צו קומען. ס'האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן די שטילע בהלה.

הירש האָט געהאַט אַ געפיל, אַז ער האָט שוין ווען דורכגע־לעבט אַן ענלעכן פרילינג. אַוודאי, ס'איז געווען אַן אַנדער וועלט, אַן אַנדער פרילינג, אָבער אַן ענלעכער פלאָטער. דאָ איז אויך גע־ווען אַ קליין מיידל, אַ פּוילישע, ווי זי האָט זיך אָנגעגעבן; אָבער אין אירע שמייכלענדיקע אויגן איז געזעסן אַ ווייטער, שטילער צער. זי איז נישט געווען, ווי די אַנדערע, די פּול־אָנגעגאָסענע, וואָס זענען ביי דער גרינער ליזל אין דער ביר־האַליע געזעסן

אויף די שויסן פון די יינגען, געלאַכט מיט אַ געזונט געלעכטער און געהאַט אַלערליי געטועכצן אין די טונקעלע שטעלער פון די פער־מעס. זי איז אַלעמאָל אַריינגעקומען, געשטאַנען אינאַזייט און בלאָס געשמייכלט. זי איז אין פאַרנאַכט טיילמאָל אַראָפּגעקומען נישט ווייט פון דער בריק איבערצושווענקען אַ געוועש און האָט אַריבערגעשמייכלט צו הירשן. זי האָט געטראָגן אַן אָפּגעבליאַקעט וועט, העל־געבלימלט קליידל, מיט אויסגעשניטענע אַרבל. דער קליינער גרעק האָט זיך פאַנאַנדערגעשאָטן איבערן שטערן און אַרום איר דינינקן האַלדז, ווען זי האָט, אַ פאַרפלאָמטע, צוריק אַרויפגעטראָגן איבער דער שטיג די שיסלען וועש. אַ ברוינע, אַ פאַרברוינטע, האָט זי דאָ אויסגעזען ווי עפּעס אַן עקזאָטישע פלאַנץ. אינאָוונט איז זי עטלעכע מאָל אומגעריכט אויסגעוואַקסן ביי דער וואַרענדע פון דער ביר־האַליע „צום ווייסן שוואַן", זיי־טיק אָפּגעשטעקט הירשן אַ פּאָר אייער, שטיקל קעז, פאַרבונדן אין אַ טיכל, און איז באַלד נעלם געוואָרן. עטלעכע טעג דערנאָך האָט ער זי שוין מער נישט געזען אַרויסקומען פון יענעם ווייסן הויז, פון פריצישן שלאָס, און ס'איז אים מיטאַמאָל באַנג געוואָרן. מיט וואָס דינט מען אָפּ אָט דאָס קליינע, אומעטיקע מיידל? אַז זיין אַרעמער באַגאַזש איז אינגאַנצן באַשטאַנען פון אַ פּאָר צע־ריסענע העמדער און עטלעכע בריוו. פאַר די לעצטע פאַר מאַרק האָט ער זיך איינגעשאַפט שאָקאָלאַד און מיט אַ זיסן פלאַטער האָט ער עס איר איינמאָל געברענגט.

ער האָט זיך אָוונט־צייט פאַרטייעט אינעם קאַשטאַן־געסל און לאַנג אָפּגעוואַרט, ביז זי וועט אַרויסקומען. ס'איז געווען די צייט, ווען זי גייט געוויינלעך אין שטאַל־אַריין אויסמעלקן די בהמות, אַרויספירן דאָס מיסט, אונטערשפּרייטן פריש שטרוי און אָנטראָגן היי. אין דער פינצטער האָט ער פלוצים באַמערקט פאַרבייאיילן איר שאָטן און איז אַ לויף־געגעבן נאָך איר צו דער שטאַל־טיר.

— ניין... — האָט זי זיך, אַן איבערגעשראָקענע, פאַרשטעלט מיט דער האַנט — מען דאַרף נישט...

און זי האָט זיך צוגעשפּאַרט צו דער שטאַל־וואַנט, צו זיין זיכערער אין טיפן שאָטן, טאָמער עמיץ קומט אָן. אין לעבעלעכן חושך האָט ער ממש געהערט, ווי דאָס האַרץ ביים קליינעם מיידל

שלאָגט הויך. ער האָט זי נישט געזען, איר העלער פלעק בלויז האָט געשוועבט פאַר אים. ער האָט אָבער געפילט איר בליק. אַזעלכע אויגן האָט ער שוין, דאַכט זיך, אַמאָל געזען. „מען דאַרף נישט"... — האָט ער נאָך געהערט, ווי זי וואַרפט אים צו אין יידיש, און איז באַלד נישט־געוואָרן. ער האָט געפּרוווט זי נאָכ־לויפן, האָט ער אָבער מער נישט געוווסט אין וועלכער טיר זי איז פאַרשוווּנדן. „און אפשר — האָט ער זיך באַלד דערנאָך שאַרף צוריקגעהאַלטן — אפשר באַדאַרף מען נישט... ווען זיי ווייסן"...

ער האָט זיך שטיל צוריקגעשלייכט דורך דער קאַשטאַנען־אַליי. אין דער אַפּריל־נאַכט האָבן די קליינע בוקעטן בליעכץ אויף די אַלטע קאַשטאַנען געלויכטן, ווי ווייסע ליכט. דער גע־רויש פון וואַסערל, וואָס גיסט זיך איבער די מאָכיקע שטיינער אין דער נידער, האָט אים אויך נישט געקענט פאַרוויגן. מיט אָפע־נע אויגן און וואַכע חושים, איז ער אַזוי אָפּגעלעגן, ביז ס'האָט גענומען בלויען. „אַ יידיש מיידל — האָט עס אים געמאַטערט — ווי אַזוי קומט זי דען אַהער? ווי אַזוי האָט זי זיך געראַטע־וועט?"...

## קאַפּיטל ניינאונצוואַנציק

# דאָס קליינע יידישע מיידל

נידעריק איבער די דעכלעך פון ישוב אין די בערג, וואָס האָט שטיל געגליט אין דער לעבלעכער זון, האָבן דעם הימל געקרייצט אַוויאָנען און די נעכט זענען ליכטיק געווען, ווי אינמיטן העלן טאָג. אינדערפרי האָט מען זיך אַרויסגעשאָטן צו דער בריק, גע־דרייט זיך און אויסגעקוקט דעם האָריזאָנט הינטער די בערג, פון־וואַנען עס זענען געקומען די אָנפליען. די שטאָלערנע פויגלען האָבן פאַרדעקט דעם הימל, געבלענדט מיט אַ ניקלנעם בליאַסק און נאָכאַנאַנד געזעגט די לופט.

דער אָבערפעלדפעבעל האַנס ברייער, וואָס האָט זיך איצט ווידער אַרומגעדרייט מיט דער אויסגעלאַשענער פּיפּ צווישן די

געלע ציינער, אַ בייזער, אַן אַנגעכמורעטער, האָט זיך שפּעטלעך אַראָפּגעיאָוועט צו דער בוי־שטעלע און האָט זיי איינמאָל, פאַר־בייגייענדיק, אַ זאָג־געטאָן, אַז היינט־מאָרגן וועט מען אַוודאי קו־מען און אָפּפירן די גאַנצע קאָמאַנדאָ אין לאַגער אַריין.

צוריק אין לאַגער אַריין האָט איצט קיינער קיין איבעריקן חשק נישט געהאַט אומצוקערן זיך. ס'איז געווען דער לעצטער ריזיקאַ־לישער מאָמענט. אין די טעג, ווען די שטילע בהלה האָט זיך ענד־לעך אָנגערוקט, איז שוין דער אַנדרעאי סיי־ווי אַ שיינע פּאָר וואָכן גרייט געווען אין וועג אַריין. נישט אַליין האָט ער זיך דאָס־מאָל געקליבן. ס'איז מער נישט געווען דער מאָמענט צו לאָזן זיך איינער אַליין, ווען די הפקרע און פאַרביסענע ס. ס. ־ באַנדעס האָבן אויף אַלע וועגן אָנגעטריבן די רעשטלעך עוואַקואירטע פון די טויט־לאַגערן און אויסגעזייט אַלע שליאַכן מיט הרוגים.

— ווער גייט מיט מיר? — האָט ער קיל אַ פרעג־געטאָן ביי די איבעריקע, ווען די וואָך האָט זיי אָוונט־צייט צום לעצטן מאָל אָפּ־געשפּאַרט אין דאַך־שטיבל פון איינפאַר־הויז „צום וויסן שוואַן" און זיינע בלויע אויגן האָבן באַקומען אַ קאָליר פון שטאָל — אהאַ, כ'קען אים, זייער וועלפישן יושר... אין לעצטן פּערטל שעה, וויל איך אַליין זיין באַלעבאָס איבער מיין לעבן. ניין, כ'וועל זיך נישט לאָזן...

און אינדערפרי, ווען מ'איז, ווי געוויינלעך, געקומען זיי וועקן, האָבן זיי שוין דאָרט אָנגעטראָפן אַ ליידיק, צערודערט צימער. דאָס געדיכט־פאַרקראַטעוועטע פענצטער אויפן צווייטן שטאָק, וואָס פירט צום וואַלד־אַרויס, איז געווען קונציק אַרונטערגענומען פון די זאַוויעסעס און אַ צוג־ווינט האָט זיך געטראָגן פון טיר צו טיר. נאָך האַלבער נאַכט האָבן זיי זיך דאָרט אַלע צוואַנציק געהאַט אַרונטערגעקריגן פון שטאָל־דעכל און אייגס הינטערן אַנדערן אָפּ־געטראָגן זיך מיט דער פינצטערער סטעזשקע באַרג־אַרויף, צווישן די אָפּריסן און פעלזן. קיינער, האָבן זיי געוווסט, וועט זיך שוין איצט נאָך זייערע שפּורן נישט לאָזן. זיי האָבן נאָך מיטגענומען אויף אַ שיינע פּאָר טעג צו עסן, מיט וואָס צו דערלאַנגען, אויב מען וועט דאַרפן; און פאַרקליבן זיך ביז צו די פינצטערע מאָך־היילן. אין דידאָזיקע היילן, האָבן די אַלטע בייערן פון דער געגנט

זיך אַנדערצײלט, געפינט מען נאָך עד־היום דאָס געביין פון פאַרגעסענע הונען־קברים; זיי האָבן דאָ מיט לאַנגע יאָרהונדערטער צוריק געצויגן דורך אָט די בערג אין דער אָבערפּאַלץ, דורך די נאָנטע אַלפּן, צו פאַרפלייצן רוים.

צוויי טעג מיט אַ נאַכט האָבן איבער דער נישט־פאַרענדיקטער בריק און דורך דיטלדאָרף געצויגן די צעשאָטענע ס. ס.־אָפּטיילונגען אין גרויס געאייל. זיי זענען צוריקגעלאָפן אויף צעבויגענע ראָווערן, געקראָכן צופוס, ווייסע פון שטויב. די מאָטאָציקלען, די לאַסט־אויטאָס און די קליינע אויטאָס, האָבן זיי געלאָזן אומגעקערט אין די ראָוון־אַריין, אַראָפּגעשטויסן זיי פון די הויכקייטן, ווייל ס'האָט זיי פאַרפעלט בענזין. זיי זענען געקומען פון נאָנטן נירענבערג, פון רעגענסבורג, פון מינכען; אַלע האָבן זיי געצויגן אין דער ריכטונג פון טיראָל.

פון דער געפערלעכער הויכקייט, צווישן פעלזן און סאָסנעס, אין זייער טונקעלער באַהעלטעניש, האָבן זיך די געדרייטע שאָסייען ביי די אַראָפּהאַנגען, אויסגעשפּרייט פאַר זיי ווי אויף דער האַנט. מען האָט דייטלעך געזען ווי עס ציט אָן פון יענער זייט אַן אויפגעהויבענער שטויב, עפּעס אַ טונקעלע מחנה; עס הערן זיך פאַרטויבטע געשרייען, אָפּגעהאַקטע שאָסן. ערשט גאָר נאָנט צו דער בריק האָט מען דערזען די מחנה, אין בלוי־צעפּאַסעוועטע קליידער, מיט קליינע היטעלעך אויף די קעפּ. נאָר די טיף־איינגעפאַלענע אויג האָבן ביי זיי שאַרף און פינצטער אַרויסגעגליט. זיי זענען נישט געגאַנגען, זיי זענען אַזויווי געטראָגן געוואָרן אויף אונטערגעהאַקטע פיס — גרויע, פאַרוואַקסענע סקעלעטן־פּנימער, שאָטנס. אַ לאַנגע, פאַנאַנדערגעוואָרפענע קייט פון ס. ס. — די ביקסן פאַר־זיך, ווי אין שלאַכט. פון אַ בוידעם־פענצטערל האָט עמיץ אומבאַמערקט געהאַט אַראָפּגעוואָרפן, אַ שטיקל ברויט מסתמא, און אַ בינטל האָט זיך, ווי די ווילדע קעץ, מיטאָמאָל אַ וואָרף־געטאָן אויף דר'ערד. צוויי ס. ס. ־לייט זענען צוגעשפּרונגען און געוואָרפן זיך מיט די ביקסן אין פינצטערן בינטל־אַריין. איין קורצער שאָס האָט אַלץ פאַרענדיקט. אַלע זענען אָפּגעשפּרונגען. נאָר איינער איז דאָרט ליגן־געבליבן אויף דר'ערד; די איבעריקע האָבן אים באַלד אַרויפגעוואָרפן אויפן ווע־

געלע, וואָס איז געפאָרן אינאַזייט און, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט נישט פּאַסירט, האָט זיך די מאַסע ווייטער געשפּאַרט אַרום די נידע־ריקע ווענט פון דער קירכע און די גאָרטן־שטאַכעטן.

דריי נעכט איז דאָרט אַנדרעאַי מיט די איבעריקע אָפּגעלעגן צווישן די פעלזן און מאַכיקע היילן, ביז די אַמעריקאַנער זענען פוןביידע זייטן מיטאַמאָל אָנגעפלויגן אין זייערע קליינע, פלינ־קע „דזשיפּס״. ס׳איז נאָך פריער געווען אַ עפּטיקע שיסעריי ביים וואַסערל, ווו די שמאָלע דורכגענג זענען פאַרשטאָפּט געווען מיט גראָבע, אָנגעוואָלגערטע קלעצער, מיט אויסגעשפּאַנטע וועגענע־נער און אומגעדרייטע אויטאָס.

דער ערשטער געדאַנק ביי הירשן איז געווען גלייך צו לויפן און דאָ ערגעץ אויפזוכן דאָס קליינע יידישע מיידל. אַרום דער בריק און אין קלויסטער־געסל האָט מען שוין כמעט קיין ציווילע דייטשן נישט געזען. זיי זענען אַוודאי אַלע געהאַט אַנטלאָפן צו־זאַמען מיט די לעצטע ס. ס. אָפּטיילונגען, אויסבאַהאַלטן זיך אין די בערג. אין די אַלע פערמעס האָבן אַצינד ברייט געבאַלעבאַטע־וועט די פּאָליאַקן און די אוקראַינער. ביזן פאַרטאָג האָבן זיך הינ־טער די שייבלעך געטראָגן שיכורע געזאַנגען און געלעכטערן. פע־דערלעך פון גענדז און הינער זענען געפלויגן אינדערלופטן. דאָס ביר־הויז ביי דער גרינער ליזל איז באַזעצט געווען פון אַ קליי־נעם שטאַב אַמעריקאַנער. זיי האָבן שוין דאָרט געהאַט פאַרצויגן אַ נעץ פון טעלעפאָנישע דראָטן איבערן דאַך. פונפאָרנט און ביי דער נישט־פאַרענדיקטער בריק האָבן זיך אַרומגעדרייט הויכע, צווייי־פּוסיקע, בלאָנדע יינגען אין קאַסקעס און מאָלעגיירעט קייי־גומי. זיי האָבן נישט געשמייכלט, אַפילו נישט אומגעקוקט זיך אויף קיינעם. זיי האָבן צוגעוואָרפן שאָקאָלאַד, סיגאַרעטן דער באַנדע פּאָליאַקן און אוקראַינער, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום זיי, ווי הפקרדיקע הינט אַרום די מיסטן. צו די שויבערידיקע מיידלעך, וואָס האָבן די גאַנצע נאַכט מיטגעהוליעט אין דער שענק־שטוב און זע־נען אַרויסגעקומען אויף דער וועראַנדע, פאַר די טירן, האָבן זיי עפּעס גערעדט און אַריינגעלאַכט איינער אין אַנדערן מיט די לאַנ־גע, פערדישע ציינער.

הירש האָט זיך געדרייט פאַרן טויערל און געפרעגט אויף דער קליינער זאָשיען.

— די יידישקע? — האָבן זיי דאָרט אַלע אין איין קול גע־לאַכט — זי איז אַוועק קיין פּאַלעסטינע, ריוועטשע...

דאָס שויבערדיקע מיידל, וואָס איז געשטאַנען אין דער טיר און איינגעביסן אַן עפּל, אַזוי רויט ווי אירע באַקן, האָט זיך דאָרט אָפּגערופן:

— געדענקסט, סטאַכו? כ'האָב אָבער געזאָגט, אַז די זאָשקע איז נישט אַנדערש, ווי אַ יידישקע... זי האָט דאָרט אַלעמאָל אָבער געגלאָצט מיט די אויגן און אייביק געשראָקן זיך...

ווי אַ שאַרפער ווייטיק וואָלט אים מיטאַמאָל אַ ברי־געטאָן — און ער האָט זיך אָפּגעקערט פון זיי. ער איז אַוועק, אַרומגעקראָכן איבער די פאַרלאָזענע הויפן, געבנישטערט אין אַלע טירן. ביזן שפּעטן פאַרנאַכט האָט ער זיך אַזוי ארומגעבלאָנקעט. ער טאָר נישט אַוועקגיין פונדאַנען, ביז ער וועט דאָ ערגעץ נישט אויפזוכן דאָס קליינע יידישע מיידל. אַזאַ וואָרעמקייט ווי ס'האָט אים מיט־אַמאָל געשלאָגן איז האַלדז־אַריין — אַ יידיש מיידל, אפשר אַן איינציק־לעבן־געבליבענע פון אַזויפיל יידישע קהילות.

אין דער נידעריקער שענק־שטוב האָט געברענט אַ קאַרביד־לאָמפּ. ער האָט זיך באַדאַרפט גוט אַרומקוקן צווישן די ראַיענדיקע טישלעך, צווישן הייסן טומל פון פלעשער און רויך, כדי צו דער־קענען אַ פּנים. אין אַ ווינקל, ביי דער וואַנט, האָט ער זי טאַקע דערקענט. דאָס איז געווען זי, דאָס קליינע יידישע מיידל. אַ פוי־עריש טיכל האָט פאַרדעקט איר שטערן און זי האָט נאָך פונדעסט־וועגן אויסגעזען קינדערישער. זי האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן, אַ פאַרב האָט זיך אָנגעגאָסן אין אירע באַקן און זי האָט געוואָלט ער זאָל מערנישט קוקן אויף איר. ער זאָל איר נישט באַמערקן. צו איר ביי דער זייט איז געזעסן אַ יינג מיט אַ ווילדער טשופּרי־נע און געשטופּט איר פולע קופליעס ביר צום מויל. „טרינק, ריוועטשע!" — האָט ער דאָרט ווילד געלאַכט.

זי האָט אים באַמערקט, דאָס מיידל, דאָס איז זיכער. ער איז אָבער באַלד צוריק אַרויס פאַרן טויערל, צווישן די אַלטע קאַש־טאַנען; הינטער די אַלטע פּוילישע קאַשטאַנען איז ער אַמאָל גע־

גאַנגען מיט סטערקען. דאָס איז געווען שוין זייער לאַנג. ס'איז גע־זיען אין יענעם אָוונט, ווען זי האָט אים איינמאָל אומגעריכט גע־האָט פארפיט אויף דער אַטוואַצקער ליניע. די פאַרשיכורנדיקע פרילינג־ריחות זענען געווען דיזעלבע. אַזאַ געפיל האָט ער נאָך נישט געהאַט — ווי דאָס קליינע מיידל וואָלט געווען זיינס אַ לייבלעכע שוועסטער. „וואָס זיי האָבן געמאַכט פון אונדז".

עמיצער האָט אים לייכט אָנגערירט ביים אַרבל און ער האָט זיך שאַרף אומגעדרייט. דאָס איז געווען זי, דאָס קליינע, פאַר־בלאָנדזשעטע מיידל. אַ ווײלע זענען זיי געשטאַנען, ווי פאַרלוי־רענע קינדער. דערנאָך האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו איר:

— קום! — האָט ער זי אָנגענומען ביים אָרעם — קום אַוועק פון דאַנען.

— וווּהין גיין? כ'האָב נישט ווו צו גיין. דאָרט איז קיינער מער נישט פאַרבליבן. איך האָב געזען ווי מען האָט זיי אַלעמען אויס־געשאָסן... פון אַ בוידעם־פענצטער האָב איך אַלץ געזען...

ניין, זי האָט אַפילו נישט געוויינט מער, דאָס קליינע פאַר־בלאָנדזשעטע מיידל; זי האָט עס אים נאָר אַזוי זיך דערציילט און ער האָט זיך מיטאַמאָל שאַרף איינגעקוקט אין איר. אויף איר קינדעריש פּנים איז געווען מער פלאַטער, ווי ווייטיק. ער האָט דערפילט, אַז דאָ שטייט נישט פאַר אים קיין קינד, נאָר אַ דער־וואַקסענער, אַ באַיאָרטער מענטש.

— קום, וועסט גיין מיט מיר — האָט ער געזאָגט מיט זיכער־קייט, אָבער אין דער אמתן האָט ער אַליין אויך נישט געוווסט וווּהין צו גיין.

— און יוזשעק?... — האָט זי דאָרט נאָך קינדעריש געפרעגט

— ער איז אַ שטאַרקער... ער איז נעכטן צוגעשטאַנען כ'זאָל אים זאָגן, צי בין איך טאַקע אַ ייִדישע. ער האָט עס באַלד דערקענט, האָט ער געזאָגט.

אין פרילינגדיקן אָוונט האָט הירש געפירט נאָך זיך דאָס קליי־נע ייִדישע מיידל. ווי אין חלום האָט ער זי געפירט. ער האָט זי פעסט געהאַלטן ביי אַ האַנט. זי האָט געקענט אַלט זיין אַ יאָר זעכצן, נישט מער. אָבער איר האַנט איז געווען אַ פאַרהילצערטע, אַן אויסגעהאָרעוועטע. ס'האָט געשלאָגן פון איר אַ סך הייסקייט.

אין לעבלעכן טונקל, זענען זיי צום לעצטן מאָל אַריבער די בריק. דאָס וואַסערל אונטן האָט, ווי אַלעמאָל, געשטן דאָס אייביקע געריש, געגאָסן זיך איבער די מאָכיקע שטיינער. ס'איז אים איצט איינגעפאַלן, אַז זי האָט אים אפשר אויך ליב באַקומען, אַט דעם, וואָס האָט זי געשטופּט די פולע קופּליעס ביר צום מויל און גע־דריפן זי „ריוועשע". ער האָט זי נאָכאַמאָל אַנגענומען ביים אָרעם, געהאַלטן זי פעסט און געשפּאַנט מיט איר צום נאָענטסטן דערפל, אַבי וואָס ווייטער פון דאַנען.

איבערגעוואַרט ביז טאָג־בלויען האָבן זיי אין אַ פּאַרלאָזן פּוי־עריש הויז, ביים הויפּט־טראַקט, און באַגינען האָבן זיי זיך אַרויפ־געכאַפּט אויף אַ לאַסט־וואָגן פון די אַמעריקאַנער און ער האָט עס זיי שוין געבערענגט קיין רעגענסבורג.

אין דער באַמבאַרדירטער שטאָט, וואָס איז זייט וואָכן געשמאַ־נען אין בלענדיקע שריפות, האָט זיך שוין — אינגאַנצן עטלעכע טעג נאָך דער באַפרייאונג — צוריק גערודערט. עס האָבן זיך שוין דאָרט אַרומגעדרייט יידן, נאָר־וואָס באַפרייטע, אין די לאַגער־קליידער. זיי האָבן, איידער וואָס־ווען, פאַרכאַפּט גוטע דירות פאַר זיך און דעם גאַנצן טאָג אַרומגעלאָפן נישטערן אין די הפקר־גע־לאָזענע מיליטערישע מאַגאַזינען עפּעס אַנצוטאָן — אַ העמד אויפן לייב, אַ שטיקל מלבוש. מ'האָט געזאָגט, אַז ערגעצוווּ איז שוין אַפילו פאַראַן אַ יידישער קאָמיטעט, אַז מען גיט עסן און אַנצו־טאָן. די מערסטע אַנגעלאָפענע האָבן דערוויייל געוווינט אין די נייע קאַזאַרמעס. אַזעלכע יידן האָט מען נאָך נישט געזען — האַלב־טויטע, אויסגעמאָרעטע, איז פונדעסטוועגן געוועזן אין זיי אַ בייער אימפּעט, וואָס האָט זיי געטראָגן. דאָס זענען געוועזן די רעשטלעך פון אַ גרויסן נאַציאָנאַלן שיף־ברוך. יעדן טאָג זענען צוגעקומען פרישע פון די שפּיטעלער, פון די לאַגערן. מ'האָט שוין געהאַנדלט און געדרייט, געקויפט, פאַרקויפט און געפירט דיסקוסיעס וועגן די נייע פּראָבלעמען, וואָס שטייען פאַרן יידישן פאָלק. אַ מאָדנע פאָלק!

די לאַנגע קייט קאַזאַרמעס אין דער באַן־גאַס האָט זיך גיך אַנגעפילט מיט אַ נייעם גערודער. ס'איז ענג געוואָרן. מ'האָט שוין געוווינט צו עטלעכע משפחות אין איין צימער. מען האָט אָפּגע־

צוימס שטיקער קאַרידאָר מיט ווענטלעך. מען האָט אָנגעשלעפּט טייערע מעבלען, בעטן, בעטגעוואַנד. אין די וואַש־צימערן האָבן גע־רויכערט אייוועלעך. ווייבער האָבן זיך שוין געקריגט און קינדער האָבן געוויינט.

אין גרויסן זאַל, צווישן בעטן און אויפגעשטעלטע טישן, פאַר־צויגן מיט קאָלדרעס, זענען אינאָוונט געווען פאַרשטעלונגען. מען האָט געזונגען טרויעריקע לאַגער־לידער. צוויי ווילנער מיידלעך, וואָס זענען פאַרשיקט געוואָרן פון ווילנער געטאָ און האָבן זיך געראַטעוועט אין אַ לאַגער, האָבן דאָ צום ערשטן מאָל געזונגען דאָס ליד „זאָג נישט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג". אַ לאַגער־זינגער, וואָס איז געווען האַלב־צעדרייט, האָט זיך דאָרט געציקלט אין חזנישע שטיקלעך, געזונגען „מפּני חטאינו" און האָט אַרויסגערופן אַ שטראָם פון טרערן. ס'איז שוין געווען אַ קולטור־קאָמיסיע, ווו עטלעכע יונגעלייט האָבן זיך געפּאַרעט, אַ ביבליאָ־טעק, אַ כאָר, מ'האָט שוין געגרייט עפּעס אַן איינאַקטער אויפצו־פירן. געשריבענע אַפישן און מעלדונגען זענען געווען אויפגע־קלעפּט אין די קאָרידאָרן. אַלע האָבן געזאָגט, אַז אַצינד פאָרט מען שוין גלייך נאָך „ארץ". פונדאַנען רירט מען זיך נישט, ביז וואַנען מען וועט נישט פאָרן אַלע צוזאַמען...

די געפאַנגענע פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן זענען דערווייל ביס־לעכווייז אויפגעלאָדן געוואָרן אויף לאַסט־צוגן און צוריקגעקערט זיך אין זייערע היים־לענדער, נאָר הירש האָט זיך צעחושט אַרומ־געדרייט אין דער קאַזאַרמע מיט די באַפרייטע און אַנגעלאָפענע יידן. צוזאַמען מיטן קליינעם מיידל האָט ער דערווייל געוווינט אין דעם זעלבן שטיקל ווינקל. אַ סך אַזעלכע פּאַרלעך זענען דאָ צו־זאַמענגעקלעפּט געוואָרן. צופעליק, נעכטן האָט מען זיך נאָך נישט געקענט, און היינט האָט מען שוין געוווינט צוזאַמען אין די אָפּ־געצוימטע ווינקלען.

— כ'וואָלט געפאָרן קיין פּאַריז — האָט זי אים דאָרט איין־מאָל געזאָגט, די קליינע — איך האָב אַ קוזין אין אַמעריקע, אפשר וועל איך אים פון דאָרט לייכטער קענען אָפּזוכן.

אין די עטלעכע וואָכן האָט ער שוין מער גאָרנישט געקלערט דערפון, אַז אים פאַרבינדט עפּעס מיט פּאַריז. די שטאָט האָט אים

געצויגן און האָט אים גלייכצייטיק געשראָקן. דאָס פּאַרגאַנגענע איז פונדעסטוועגן שיין געווען. אין דעם ים פון ביטערע איבער־לעבונגען, האָט איצט אויסגעזען צו זיין אויך אַ טראָפּן פון גליק.

## קאַפּיטל דרייסיק

# דער לעצטער אויפטריט

אין ניצע האָט קורט ווינקלער ביסלעכווייז אָפּגעזעגנט אַלע זיינע פריינט. פאַרבליבן איז ער צווישן דעם הייפל אַנגעלאָפענע יידן, וואָס זענען אַלע אַנטרונען געוואָרן אַהער, אין דער איטאַל־יענישער אָקופּאַציע־זאָנע. דאָ האָט מען נאָך פונדעסטוועגן דער־וויל געקענט פרייער אָפּאָטעמען. די אַלע אַנגעלאָפענע יידן האָבן דאָ טומלדיק פאַרפולט די „פּראָמענאַד דעז אַנגלע" און די קאַ־פעס פון דער זוניקער דרום־שטאָט, אויף דער ריוויערע. די מערס־טע האָבן געוואַרט אויף וויזעס מעבר־לים. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט געהאָפט איבערצוזיצן דעם שטורעם, געלעבט אין אָרעמקייט און — פון די טרויעריקע יידישע קאָמיטעטן.

זיין אַלטער פריינט גריגאָרי אַדלער, וואָס איז צוריקגערופן גע־וואָרן אין לאַנד אַריין, האָט אים נאָך אָנהייב 1941 געבעטן מיט־צופאָרן. „ס'איז נאָך דאָס איינציקע לאַנד — האָט ער אים צוגע־רעדט — וווּ מען בויטיקט זיך אויף אַן אמת אין דיין בינע־קונסט". ער האָט אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון. „ניין, ס'איז איצט נישט קיין צייט צו שפּילן טעאַטער — איז ער געווען איינגע־שפּאַרט — ווי לאַנג די היטלער־באַנדיטן טרעטן נאָך אויף דער ערד". ערווין רענער און די איבעריקע האָבן קוים מיט צרות אַרויס־באַקומען וויזעס קיין מעקסיקע, אין די פאַר. שטאַטן, קיין לאַטיין־אַמעריקע, אַריבערגעכאַפּט זיך אין דער צפון־אַפריקאַנער פריי־שטאָט, קיין טאַנזשער. אַלע האָבן זיי געפילט ווי דער באָדן ברענט דאָ אונטער די פיס.

אין דער זעלבער צייט, קורץ איידער די אַמעריקאַנער האָבן געלאַנדעט אין קאַזאַבלאַנקאַ און איידער די דייטשן זענען אַנגע־

פאָרן אַהער מיט זייערע „טיגערן", האָט זיך קורט ווינקלער, פאַר־קערט, אַריבערגעכאַפּט צו די בערג אין סאַוואָ. אַהין האָט עס אים שוין פון לאַנג געצויגן. ער האָט דאָרט ווידער אַזוי־ווי דערפילט זיך נאָנט צום שפּאַנישן הינטערלאַנד. די עטלעכע שטילע און פאַרבי־סענע פּאַריזער יידישע יונגעלייט, די קאָכיקע, און אַנטשלאָסענע שפּאַניער, וועלכע ער האָט נאָך געקענט פון די פראָנטן ביי טערועל און מאַדריד, האָבן עס אים שוין געפירט.

ער איז שוין נישט געווען יונג, קורט ווינקלער. ער האָט זיך אָבער פונדעסטוועגן אויסגעצייכנט צוגעפּאַסט צום פרייען, ווילד־לעכן לעבן פון אַ רויב־פויגל אין די בערג. אַלע זיינע יאָרן איז ער געווען אַ ספּאָרטסמאַן. אַ שאָד נאָר, וואָס ער האָט נישט גע־קענט נוצלעך זיין אין דער אַרטילעריע, איבערהויפּט אין דער באַרג־אַרטילעריע. ער האָט אָבער אויך גוט באַהערשט דאָס מאַשין־גע־ווער, פון אַלע מאַרקעס און פון אַלע קאָנסטרוקציעס, און איז אָפט געשיקט געוואָרן אויף קליינע אַקציעס אַרום דעם באַן־קנופּ ליאָן־גרענאָבל.

דעם לעצטן מאָל, איידער ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט צו די דייטשן, האָט ער איבערגעפירט אויף באַרג־אייזלעך אַ טראַנס־פּאָרט פּאַראַשוטירטע אַמוניציע. ס'איז געווען אַ שטאָק־פינצטערע נאַכט, אין אָקטאָבער. אין די טאָלן פון ראָן און פון איזער איז נאָך געשטאַנען אַ טרוקן, זוניק האַרבסט־וועטער, אָבער אין די בערג האָט עס נאָכאַנאַנד גערעגנט און די נעכט זענען געווען נעפּלדיקע. די דייטשע קאָמענדאַטור אין גרענאָבל האָט אַוודאי געהאַט איבער־געכאַפּט די שיפערן פון לאָנדאָנער ראַדיאָ און אומגעריכט אַרויס־געשיקט פאַרשטאַרקטע אָפּטיילונגען אין די נאָנטע באַרג־הויכ־קייטן. אין משך פון דריי טעג האָבן זיי באַזעצט אַ שמאָלן דורכ־גאַנג צווישן די אָבריסן, וואָס האָט געפירט טיף אין די בערג. די שיסעריי האָט אָנגעהאַלטן פון האַלבער נאַכט אָן, ווען די לבנה איז אַרויסגעקראָכן פון אונטער אַ וואָלקן. די לבנה־נעכט האָבן זיי דאָ געשראָקן מער פון אַלץ, מ'האָט זיך עפּעס נישט געפילט אַזוי זיכער, ווי אין די שטאָק־פינצטערע נעכט, ווען זיי האָבן מיט פאַרמאַכטע אויגן שוין געקענט יעדעס שטעגעלע. ער האָט נאָך באַ־וויזן צו פאַרשטעקן די צוויי אייזעלעך אין דער הייל, אונטערן

פעלז, ווייל ער איז פאַרבליבן אַפּגעריסן פון די איבעריקע. איי־נער אַליין איז ער געלעגן און לאַנג געוואַרט; אָבער פאַרטאָג האָט ער שוין דאָרט מער קיינעם פון די יינגלעך נישט געפונען. זיי האָבן אויף איין אָרט געהאַט דורכגעריסן די קייט, אַוועקגעלייגט אַ שיינע פּאָר דייטשן, איבערגעלאָזן עטלעכע טויטע אויפן אָרט און זיך צוריק אויפגעהויבן אין די בערג. בלייבן דאָרט איז גע־ווען זינלאָז און אַ זיכערער דורכפאַל, ווייל די גאַנצע געגנט איז באַזעצט געווען, די דייטשן האָבן אומעטום דורכגענישטערט.

מ׳האָט אים גיכער געקענט אַנעמען פאַר אַ פויער — אַ פאַר־וואַקסענער, מיט אַ פּאָר ווילדע וואָנצן, ווען די פראַנצויזישע מי־ליץ האָט אים פאַרהאַלטן אין אַ קליין דערפל און איבערגעגעבן אים צו די דייטשן. שטום און אַנטשלאָסן האָט ער זיך געלאָזן אַוועקפירן. ער איז אין נאַנטן שטעטל באַלד אַריינגעפּאַקט גע־וואָרן אין דער מיטלאַלטערלעכער תּפיסה צוזאַמען מיט נאָך יידן. מ׳האָט זיי דאָ אַלע, מיט עטלעכע טעג פריער, געהאַט אויפגע־כאַפּט אין די אַרומיקע שטעטלעך, ווו די איטאַליענער האָבן פריער געבאַלעבאַטעוועט, נאָך אַ גרויסער אַבלאַווע.

מיט אַ וואָך שפּעטער זענען זיי דאָרט אַלע קאָמפּלעטירט גע־וואָרן צו אַ גרויסן טראַנספּאָרט אין אַ לאַסט־צוג, וואָס איז גע־בראַכט געוואָרן פון דראַנסי. ווען ער גיט זיך אויס פאַר אַ פאַר־טיזאַן, וואָלטן זיי אים מסתמא דאָ, אין דער פעסטונג, באַלד צו־געענדיקט, צוזאַמען מיט אַלע פאַרטיזאַנער. אָבער אַזוי ווי ער האָט געהאַט ביי זיך אַ שטיקל פּאַפּיר, אַז ער אַרבעט דאָ כלומרשט אין דער נאַנט, אין אַ פערמע, האָבן זיי אים אַריינגעפּאַקט צוזאַ־מען מיטן טראַנספּאָרט יידן, אָפּגעשיקט צו ווערן „אויף מזרח״.

דער לאַסט־צוג איז געווען אָנגעלאָדן מיט יונג און אַלט — אויסגעמאַרעטע, פאַרלאָשענע. פון דער שטיקעניש, האָט מען שוין געהאַט אַראָפּגעטראָגן עטלעכע מתים אויך. אין שפּעטן פאַרנאַכט, האָט מען אויף דער קליינער באַן־סטאַציע, וואָס איז געדיכט באַ־שטעלט געווען מיט ס. ס. , צוגעטשעפּעט נאָך עטלעכע וואַגאָנען און אַריינגעפּאַקט זיי קאָפּ־אויף־קאָפּ. ס׳איז דווקא געשטאַנען אַ זייער שיינער פאַרנאַכט אַרום וואָקזאַל, נאָנט צו די בערג, ווען מ׳האָט זיי געהאַט פאַרטריבן אין די וואַגאָנען. ס׳איז באַגג געווען.

די שיפּועים זענען געווען איינגעוויקלט אין פּיאַלעטע אָפּשיינען. פון דאָרט האָט אַראָפּגענידערט די טונקלקייט און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די בערג וועלן זיי אַלעמען באַלד צודריקן.

עס זענען אַוודאי אַדורך דריי טעג און דריי נעכט, ביז דורכן פאַרקראַטעוועטן וואַגאָן־פענצטערל האָט מיטאַמאָל אַ בליאַסק־געטאָן די היימישע לאַנדשאַפט, דער פּוילישער ווינטער. ער איז נישט געווען שטאַרק איבעראַשט און נישט זייער איבערגעשראָקן, קורט ווינקלער. ער האָט די דייטשן גוט געקענט, שוין אפשר אַביסל צופיל. פאַרקערט, ס'איז אויפגעשטיגן אין אים אַ פילאָזאָפישע רואיקייט — ער איז געגאַנגען דעם וועג פון אַלע יידן. לעבן אים, אויפן פּראָן, אין דער בהלה, ווען זיי זענען אויסגעלאָדן געוואָרן, האָט אַן אויסגעמאַטערטער יידישער שניידער מיט אַ הויכער פּלייצע, געפּרוווט צו דערגיין ביי אַ מיטליאָריקן דייטש מיט אַ גוטמוטיק, פּויעריש פּנים, וווהין מען פירט עס זיי און וואָס פאַראַ סאָרט אַרבעטס־לאַגערן עס זענען דאָ, „אויף מזרח". דער דייטש, וואָס איז געשטאַנען האַלב־אומגעדרייט, שטייף, האָט צוערשט געקוקט ערגעץ פאַר־זיך מיט אַ גלעזערנעם בליק, און נישט באַלד געענטפערט. נאָר מיטאַמאָל האָט ער זיך שאַרף אַ קער־געטאָן צום צעבראָכענעם יידישן שניידער מיט די אויפגעשטעלטע קלאַפּקעס און באַמערקט פּלוצים אַ פינקל־טאָן די פאַרגעסענע נאָדל אין זיין לאַץ.

— זינד זי פאָן באַרוף שניידער? — האָט ער שטרענג געפרעגט.

— אַלע מיינע יאָרן בין איך אַ דאַמסקע שניידער — האָט זיך דער ייד אָנגעכאַפּט — שווער און ביטער געהאָרעוועט...

— מ ע נ ט ש , וואָצו בראַוכען זי נאָך די נאָדל? — האָט דער צעטומלטער, פּויעריש־גוטמוטיקער דייטש געקוקט צוערשט אויף דעם יידס לאַץ מיט אַ צעמישטן בליק און געוויזן שאַרף מיט אַ פינגער אין דער הויך — אין דער „הימלס־קאָמאַנדאָ" בראַוכען זי קיינע נאָדל מער...

און ער האָט זיך הילכיק־פּויעריש צעלאַכט, אָפּגעהאַקט און באַלד זיך דאָ ערגעץ אָפּגעטראָגן.

ער האָט עס סיי־ווי געוווסט, קורט ווינקלער; מענטשן האָבן נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אָבער ער האָט עס שוין געוווסט, אַז ס'איז אמת; און דאָך האָט געטליעט אין אים אַ קליין פּייערל פון האָפענונג און נקמה.

אַנדערהאַלבן יאָר האָט ער אַזוי דורכגעוואַנדערט איין לאַגער נאָכן אַנדערן. ביי אַלע סעלעקציעס איז ער, צום גליק, גוט אַדורך. ער איז געווען אַ ברייטביינער, אַ פעסטער און עפּעס האָבן זיי דערפילט אין אים דייטשישס, כאָטש ער האָט זיך גאָר אָנגעגעבן, אַז ער איז אַ ייד פון גאַליציע. ער האָט געאַרבעט ביז די לעצטע כוחות, ווייל ער האָט געפילט, אַז דער סוף זייערער איז נישט ווייט. אָבער צי ער אַליין וועט טאַקע דערלעבן זייער סוף?...

זיי האָבן שוין דאָרט געוווסט, אין די לאַגערן, אַז ערגעצווו איז ער אַמאָל געווען אַ שווישפּילער, אַז ס'האָט זיך אַמאָל געקאָכט מיט אים, אַז ער איז אַפילו געווען באַרימט. ווי די אַלע, וועלכע מ'האָט צוגעטשעפּעט פרעמדע נעמען, האָט מען אויך אים אַ נאָמען־געגעבן — מאַקסי, דער אַלטער מאַקסי. מען האָט אים סיי־ווי געהאַלטן פאַר אַביסל אַ צעחושטן, ווייל ער האָט כסדר גע־שוויגן, אַפילו ווען מ'האָט אים צוגענבעט די ראַציע ברויט, אַלץ צוגעזען און געשוויגן. אין זיינע אויגן האָט זיך געשפּיגלט דער ווייטער פּלאַם, וואָס איז אויפגעגאַנגען אויפן האָריזאָנט. די שעה, האָט ער געפילט, וועט באַלד שלאָגן. אַלעמען אויסמאָרדן וועלן זיי נישט באַוויזן.

אָבער נאָך איידער די שעה האָט געשלאָגן, האָט ער יעדן טאָג געזען אָוועקפירן אַהין, צום ברענענדיקן האָריזאָנט, פול־אָנגע־לאָדענע וועגעלעך מיט פאַרטיעס אויסגעמאָרעטע מענטשן; די בלוי ־ פאַרשטאָרטע הענט־ און פיס־קנאָכן זענען נאָכגעהאָנגען איבערן שנייי. יעדן טאָג זענען געברענגט געוואָרן פרישע טראַנס־פּאָרטן. ס'איז געווען טיפער ווינטער אויף דער וועלט. וואָס, אייגנט־לעך, האָט נאָך אָט די מענטשלעכע שאָטנס אָנגעהאַלטן ביי דער בידנער עקזיסטענץ? ס'איז גענוג געווען צו פאַרלירן אויף איין מינוט די האָפענונג, אויסצוגליטשן זיך, אַז דער קורצער „הימל־פאַרט"־וועג זאָל פירן אַהין, ווו עס זעצט טאָג און נאָכט דאָס

רויכל פֿון די קוימענס. פֿון דאָרט איז שוין מער קיין וועג צוריק נישט געווען.

ער איז געווען בלויז אויגן, קורט ווינקלער. זיי האָבן געגליט אונטער זיין געקאַרבטן שטערן, זענען שיער נישט אַרויסגעשפּרונגען פֿון די טיפֿע אויגן־נעסטן. ער האָט זיך דאָ אין קיין שפּיגל נישט אָנגעקוקט, אָבער ער האָט געוווסט, איז געווען זיכער, אַז אַזוי האָט ער אַמאָל געשפּילט דעם מעפיסטאָ, קייקלענדיק דעם ווילדן קאַסקאַדן־געלעכטער פֿון דער בינע־אַראָפּ צום פֿינצטערן זאַל, פֿול אָנגעפּראָפּט מיט קעפּ. אַפֿילו די ס. ס.־לייט און די קאַפּאָס האָבן אים טיילמאָל רעספּעקטירט, ס'איז אויסגעקומען צוצוטיילן אים אַ לייכטערע אַרבעט, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. צוגלייך מיט אַלעמען, האָט ער זיך אין פֿינצטערן באַגינען אַרויסגעשאָטן צו די אַרבעטס־פּלעצער, ווו די קאַפּאָס האָבן געיאָגט, געשלאָגן, געמאָרדעט. ער האָט כּמעט קיינעם נישט געלאָזן נאָך זיך אויף יענער זייט דראָטן. זיין משפּחה זענען געווען די צופֿעליקע בינע־באַגלייטערינס, אין שטעט, אין לענדער, פֿאַרווישט דורך דער צייט. אַפֿילו די געפּאַסעוועטע קליידער, וואָס האָבן קוים פֿאַרדעקט זיין גוף, האָבן נאָך אויסגעגעבן אַ געזונטן, שטאַנדהאַפֿטיקן אָרגאַניזם. דאָס האָט אים אַ סך מאָל געראַטעוועט; און נישט בלויז דאָס.

אין דעם טראַנספּאָרט, וואָס איז אָנהייב דעצעמבער 1943 אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פֿון פֿראַנקרייך, האָבן זיך געפֿונען עטלעכע יידישע יונגעלייט, גרויסע אויסטויגערס, מוז מען זאָגן. זיי זענען דאָ נישט געווען, ווי די אַלע צעטומלטע יידן, וואָס האָבן זיך אין די ערשטע עטלעכע טעג גאָרנישט אָריענטירט ווו זיי זענען דאָ אַריינגעפֿאַלן. זיי זענען נישט געקומען אַהער ווי קיין פֿרעמדע. אַרעסטירט געוואָרן זענען זיי אין פּאַריז און אין די פֿאַרשיידענע עקן פֿון פֿראַנקרייך, ווו ס'איז אָנגעגאַנגען דער ביטערער קאַמף קעגן אָקופּאַנט. אַן אומזעבאַרע האַנט האָט זיי אַלעמען פֿאַרבונדן. האָט זיך איינעם פֿון זיי איינגעגעבן אַריינצוקריגן זיך אין דער קיך, האָבן שוין אַלע איבעריקע געהאַט אַביסל זופּ, אויסער דער ראַציע; איז איינער אַריין אין דער שניידער־שטובע, אָדער צו די שוסטער, האָבן זיי שוין גיכער באַקומען אַ שטיקל מלבוש

אויפן לייב. זיי האָבן אויך שטילערהייט געטראָגן עסן אין די קראַנקן־באַראַקן, ווו עס זענען געלעגן די היץ און טיפוס־קראַנקע. זיי האָבן געהאַט פאַרבינדונגען מיט די דאָקטוירים, מיט די סאַניטאַרן; ווו מען האָט באַדאַרפט, האָבן זיי געמעקט, געשטראָכן פון די ליסטעס. אויף די אַרבעט־פּלעצער האָבן זיי אומבאַמערקט אָנגעבונדן קאָנטאַקטן מיט דער פּוילישער באַפעלקערונג, מיט די פּוילישע ווידערשטענדלער, אַריינגעשמוגלט עפּעס צו עסן אין לאַגער אַריין, אַפילו אַ צייטונג.

דער הויכער, דער ברייט־פּלייציקער — אַדאַם האָבן זיי אים אַלע גערופן — איז גראָד אַריינגעפאַלן צו אים אין באַראַק. דער אַדאַם האָט באַלד אויפן אַנדערן טאָג שוין אַלעמען געקענט און געוווסט אַלע פּירעכצן דאָ. ער האָט געהאַט אַ גערונצלט־אָפּגעבריטע הויט אונטערן רעכטן אויער און אויףביידע הענט. דאָס האָט ער באַקומען מיט אַ יאָר אַנדערהאַלבן צוריק, ווען ער איז קוים אַרויס אַ לעבעדיקער פון דער אויפגעריסענער לאַבאָראַטאָריע, אויף פּאָרט דע לילאַ אין פּאַריז. ער איז אַריינגעפאַלן אַהער מיט נאָך אַ גאַנצער גרופּע. אין משך פון לאַנגע וואָכן זענען זיי געשטאַנען אין שאָטן פון די שטילע עקזעקוציעס, וואָס ווערן אויסגעפירט פאַרטאָג, אין תפיסה־הויף. צום גליק, האָבן זיי זיין אמתן נאָמען זיך נישט דערוווסט און מ'האָט אים צולעצט אַריינגעפּאַקט אין אַ טראַנספּאָרט, וואָס גייט „אויף מזרח".

ס'איז געווען באַלד נאָכן ליכט־אויסלעשן, אין העלן שאָטן פון אַ ווייס־פאַרשנייטער נאַכט, וואָס האָט אַריינגעקוקט דורך אַלע שפּאַרעס פון לעכערדיקן באַראַק, ווען אַדאַם האָט נאָנט ביי זיין נאַרע דערפילט מיטאַמאָל אויף זיך אַ פּאָר גרויסע, בריענדיקע אויגן.

— ס'איז דו, אַלטער מאַקסי? — האָט ער זיך באַלד אויפגעכאַפּט.

— איך, אַדאַם, איך — קורט ווינקלער! — האָט ער געפּליסטערט — כאָטש איך שווייג כסדר, האָבן זיך מיינע אויגן אויסגעלערנט אַלצדינג צו זען, צו דערקענען, צו דערפילן... די חושים זענען דאָ פאַרשאַרפט געוואָרן ביי מיר.

— גיי צו דיין נאַרע — האָט ער אים שטרענג איבערגעהאַקט — גיי, אַלטער!

ער האָט זיך אָן רייד באַלד צוריקגעשלייכט אין זיין ווינקל אַריין און כאָטש ער האָט גערעדט שטרענג, דער אַדאַם, האָט ער אָבער דערפילט, אַז ער איז דאָ מער נישט אַליין...

ס'האָט אים דער עיקר ווײ געטאָן וואָס איין מענטש האָט זיך דאָ אָפּגעקערט פון אַנדערן, וואָס איינער פרעסט מיט די אויגן דעם ביסן ברויט ביים אַנדערן, וואָס איינער וויל אומבאַדינגט לעבן־בלייבן אויפן חשבון פון אַנדערן. דאָ, אויף דערזעלבער ערד — האָט ער זיך געזאָגט מיט ווייטיק — איז ער דאָך געזעסן, דער גרייז האָופּטמאַן, וואָס האָט אַמאָל מיט זיינע „וועבער", מיט זיין געשריי פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, אָנגעצונדן אַ דור אַ גאַנצן. אַזוי האָבן זיי נידעריק און ציניש באַנקראָטירט, די אַלע „שיינע" דייטשע גייסטער. די קראָען, וואָס האָבן אין די קורצע, ווינטער־דיקע טעג געקרייזט אונטערן נידעריקן הימל, האָבן געטראָגן דאָס געשריי „פּאַראַט" איבער די נאַקעטע פּליינען, ווו ס'האָט אַלמעכ־טיק געהערשט דער טויט. ס'האָט אויסגעזען, ווי אַלץ וואָלט זיך מיטאַמאָל אָפּגעקערט פון מענטש. פון ערגעץ האָבן זיך שוין אָפּילו דורכגעריסן קלאַנגען, אַז די רוסן שפּאַרן פון אַלע זייטן, אַז זיי זיינען שוין צוגעקומען ביז צו דער ווייסל, אַז די אַלירטע אַרמייען גייען איבערן רהיין; אָבער דאָ, אין לאַגער, האָט גאָר־נישט אויסגעזען צו ענדערן זיך.

אין דער „זאָנאַ", דער אָפּגעטיילטער ס. ס. ־לאַגער, האָט מען זיך, ווי געוויינלעך, געגרייט צו באַגעגענען פייערלעך די ווייַ־נאַכטן. דער שטורעם־פירער האַנס וואַכטל, אַ ווינער דייטש, וואָס איז אַמאָל געווען אַ שיק־ייִנגל אין די קוליסן פון ווינער „בורג־טעאַטער", איז מיט אַ טאָג פריער געקומען אויפזוכן קורט ווינק־לערן. דער יודן־עלטסטער אַליין האָט אים געהאַט איבערגעגעבן, אַז דאָ געפינט זיך אַ געוועזענער דראַמאַטישער שוישפּילער פון דייטשן טעאַטער.

— וואָ איז דער אַלטער מאַקסי? — האָט ער זיך נאָכן אָונט־אָפּעל אַריינגעשטעלט אין באַראַק און האָט אים באַלד אָוועקגע־פירט מיט זיך צום לאַגער־עלטסטן. ווען קורט ווינקלער איז

שטיינגעבליבן אויף דער שוועל פון צימער מיט די אַרונטערגע־לאָזענע לעמפּ איבער אַ גרינעם טיש, האָט אים דער לאַגער־עלטסטער, וואָס האָט געהאַט אַ נעראָן־קאָפּ, מיט אַ זייער איידע־לער שטים באַפוילן צו קומען נענטער.

— זינד זי שאָושפּילער?

— געוועזן, הער לאַגער־עלטסטער!

— וואָס קענען זי שפּילן?

— איך מוז מיך באַזינען, הער לאַגער־עלטסטער!

— וועלכע ראָלן? — איז ער שוין געוואָרן אומגעדולדיק.

— פראַנץ מאָר, האַמלעט, שיילאָק, מעפיסטאָ, הער לאַגער־עלטסטער!

— גוט. איך מעכטע זי מאָרגן אַבענד הערן. גיבן זי אים די אַלע נויטיקע זאַכן — האָט ער זיך קורץ געווענדעט צום שטורעם־פירער האַנס וואַכטל און באַלד דערנאָך געהייסן זיי גיין.

אין דער שניידער־שטובע איז אין משך פון איין טאָג אימפּראָ־וויזירט געוואָרן אַ קאָסטיום פון שמאַטעס פאַר אַ מעפיסטאָ און אין אָוונט האָט מען אים געברענגט אין זאַל אַריין פון דער „זאַ־נאַ". דער לאַגער־עלטסטער, מיטן קאָפּ פון אַ נעראָן, איז שוין גע־ווען אינפאָרמירט פון פריער, נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט ער אין אים אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן. ער איז אין דעם אָוונט געווען שטאַרק פאַרטאָן, צעקאָכט, אָבער פול מיט העפלעכקייט און שמייכל. עס זענען דאָסמאָל פון די אַרומיקע לאַגערן געקומען צוגאַסט אַ סך ס. ס. ־פרויען. אין גרויסן, אָנגעהייצטן זאַל איז דאָס געזינדל שוין געווען פאַרזאַמלט, די פּיאַנע האָט שוין דאָרט אויסגעקלאַפּט עפּעס אַ מיליטערישן מאַרש, מ'האָט לאַנג און היל־כיק געפּאַטשט.

אין דעם טונקלסטן ווינקל פון זאַל, הינטער דער בינע, איז קורט ווינקלער געשטאַנען פאַרוקט און ער האָט מיט איינמאָל דערשפּירט אין זיך דעמזעלבן שוידער, וואָס עס האָט דורכגעשוי־דערט זיין עלטער־זיידע, דער פאַקטער, דער אַרענדאַר, אויף די ברייטע אוקראַינישע שליאַכן, ווען ער האָט אונטערן געקנאַק פון בייטשן, געטאַנצט אין די ליכטיקע שלאָס־זעלער פאַר די שיכורע,

אָנגעזויפּטע פּריצים, דעם בערן־טאַנץ. „ס'איז אפשר די בעסטע געלעגנהייט שיין צו שטאַרבן — האָט עס אין אים געהאַמערט — אַ שפּיי טאָן אויפן דאָזיקן געזינדל מיט די קלוגע, קלאַסישע פּערזן פון „זייער" געטען און — שטאַרבן. ס'וועט זיין אַ שענערער טויט, ווי וואַרפן זיך אויף די עלעקטריזירטע דראָטן, ווי דורכגעלעכערט צו ווערן פון אַ סעריע קוילן פון ס. ס. ־מאַן אויפן וואַך־טורעמל, ווי פאַלן אונטער די טויט־קלעפּ פון אַ שמוציקן קאַפּאָ, ווי וואַרפן זיך אויף אַביסל קאַרטאָפל־שאָלעכץ מיט פאַרקראַמפּטע פויסטן און בלייבן ליגן דערנאָך אַ צעטרעטענער, אין מיסט".

אין דער טיף פון פינצטערן זאַל האָט ער דורך אַ פאָרהאַנג־שפּאַרע דערזען פאַר זיך אַ ווייִלע דעם ים נידעריק־געשוירענע קעפּ — דיזעלבע שפּיציקע שאַרבנס, דאַכט זיך, וואָס האָבן אַמאָל, אין יענע יאָרן, פאַרפולט די טעאַטערן אין בערלין; דיזעלבע, וואָס האָבן אים אַפּלאָדירט, ווען ער איז געשטאַנען אויף די בינע־ברעטער און אומברחמנותדיק געפּאָדערט דעם פונט פלייש ביי די איידעלע פּאַטריציער פון ווענעדיק. עפּעס אַ דייטשקע האָט זיך דאָרט, הינטערן אָפּגעטיילטן פאָרהאַנג, געריסן דעם גאָרגל אויף דער בינע מיט אַ טראַגיש קול. פייערדיקע רעדער זענען אים גע־שוווּמען פאַר די אויגן, אָבער ער איז געווען שטיל און אַנט־שלאָסן — באַלד וועט ער דערשיינען פאַר זיי, באַלד. נאָך די אָוואַציעס, נאָכדעם ווי דער פאָרהאַנג איז געפאַלן, איז שטיל געווען. ס'איז דאָרט געווען אַ קליינע צערודערונג הינטער די קוליסן. מען האָט אים דאָ ערגעץ אַרומגעזוכט און ער איז גאָר אומבאַמערקט געשטאַנען פאַרן לאַגער־עלטסטן, אין דעם טונקלסטן ווינקל. יענער האָט אים נישט באַלד באַמערקט. דער פאָרהאַנג איז שוין גע־ווען צוריק האַלב־אויפגעהויבן און ער האָט זיך גערוקט נענטער, נענטער, צום שאַרפן פּאַס ליכטיקייט, וואָס האָט געשטראָמט פון אַ פּראָזשעקטאָר אין יענעם עק זאַל. די שוואַרצע געשטאַלט זיינע איז פּונקט אָנגעשוווּמען אויפן לאַגער־עלטסטן, וואָס האָט דאָרט אַ צעקאָכטער געקאָנמאַנדעוועט און יענער, מיטן נעראָן־קאָפּ, האָט זיך אַ רגע צוריקגעצויגן. ס'איז געווען די שוואַרצע מעפיסטאָפאָל־געשטאַלט אַליין, וואָס איז אָנגעשוווּמען אים אַנטקעגן פון הינ־טער די קוליסן און ער האָט האַלב־דערשראָקן אַרויסגעצישעט:

— ווער איז עס דאָרט?

— איך, מעפיסטאָ! — האָט מיט לעצטער קראַפט געדונערט די שטים פון קורטווינקלער.

— מעפיסטאָ?... — האָט יענער מיטאַמאָל באַקומען גרויסע אויגן.

— יאָ, מעפיסטאָ! — האָט הילכיקער נאָך זיך געטראָגן זיין שטים, איז איבערגעגאַנגען אין אַ געלעכטער, ווי אַ קאַסקאַדע, ווי שטיינער וואָלטן זיך געקייקלט פון די בערג.

— קאָמען זי, קאָמען זי, קאָמען זי! — און צום זאַל: — אויפ־טריט מעפיסטאָ!

ווען הינטער זיין רוקן האָט זיך נאָך אַלץ געטראָגן דאָס ווילדע לאַכן און ווען קורט ווינקלער האָט גענומען שמייסן די רייד פון „זייער” געטען אין זאַל אַריין: —

דאַ די, אָ. הער, דיך איינמאַל ווידער נאַהסט,
אונד פראַגסט, ווי אַלעס זיך ביי אונדז בעפינדעט.
אונד דו מיך זאָנסט געוועהנליך גערנע זאַהסט,
זאַ זיהסט דו מיך אַוך אונטער ד ע ם געזינדע.
פערצייה, איך קאַן ניכט האָהע וואָרטע מאַכען,
אונד ווען מיך אַוך דער גאַנצע קרייז פאַרהענט,
מיין פאַטאָס ברעכטע דיך געוויס צום לאַכען,
העטס׳ט דו דיר ניכט דאָס לאַכען אַבגעוועהנט.
פאַן זאַן אונד וועלטען ווייס איך ניכטס צו זאַגען,
איך זעהע נור, ווי זיך די מענשען פלאַגען — — — — — —

דאָס לעצטע האָט ער אַ שמייס־געטאָן צו זיי טאַקע, צום לאַגער־עלטסטן מיטן נעראָן־קאָפּ, צו די אַלע טעמפּע, שפּיציקע, קורץ־געשוירענע שאַרבנס, וואָס האָבן אין מאָדנע־אומהיימלעכן שטילשווייגן, פאַרפולט דעם פינצטערן חלל. ער האָט זיי איצט אַלע דערזען מיטאַמאָל, אין דער בליץ־רגע, אויסגעזעצט, ווי פאַר־משפּטע, אויף דער באַשולדיקונג־באַנק. ער האָט זיך געריכט, אַז באַלד דערנאָך וועט אַ קורצער שאָס פאַרענדיקן דעם לעצטן אַקאָרד פון דער בידנער עקזיסטענץ און דאָס וועט זיין שיין, שע־נער ווי צו שטאַרבן אויף יענער זייט דראָטן. ער וועט פאַרענדיקן אויף דער בינע, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ בינע־מענטש.

ס'איז אָבער אויך לאַנג נאָכדעם פאַרבליבן מאָדנע און אומ־היימלעך־שטיל אין זאַל — שוין דערנאָך ווי ער האָט געהאַט פאַר־ענדיקט און צוריקגעצויגן זיך אין טיפן שאָטן. ערשט אַביסל שפּע־טער האָט אויסגעבראָכן די ווילדע האַנט־פּאַטשעריי. נאָר געהערט האָט ער סיי־ווי גאָרנישט. צוויי ס. ס. ־לייט האָבן אים אונטער די אָרעמס באַלד צוריק געהאַט אַוועקגעפירט אין לאַגער אַריין — אַזוי אויסגעשעפּט איז ער געווען; אַוועקגעשמיסן אים ביי אַ שוועל פון אַ באַראַק. ער האָט אַפילו נישט דערבליקט דאָס שטיק ברויט, וואָס איינער פון זיי האָט אים נאָך דאָרט צוגעוואָרפן, ווייל אַ פלינקער שאָטן האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון דער האַלב־אָפגע־לענטער טיר, האָט עס באַלד אַוועקגעכאַפּט, געכיכיקעט דין, ווי אַ חיה, און האָט זיך אָפּגעטראָגן אין שאָטן פון די באַראַקן. — —

— — — — — — — — — — — — —

ס'איז געווען באַלד אויף צומאָרגנס, ווען מען האָט צום לעצטן מאָל גערירט פון לאַגער אַרויס. ס'איז געווען דער לעצטער מאַרש אויף די שנייען, וואָס זענען פאַרזייט געווען מיט מתים. עטלעכע טעג און נעכט האָבן זיי אַזוי מאַרשירט. אויף אַ קליינער סטאַנציע זענען די רעשטלעך אַריינגעפּאַקט געוואָרן אין אָפענע וואַגאָנען, שטייענדיקערהייט. אַ גאַנצן מעת־לעת זענען זיי אַזוי געשטאַנען פאַרלאָדן, צונויפגעפרעסט, ווי האַלץ־דרענגער, און מען האָט נישט גערירט פון אָרט. ס'האָט לאַנגזאַם געשאָטן איבער זיי אַ נאַסער שניי און די צעגאַנענע נעץ איז געראַנען איבער די מתים; זיי האָבן זיך, אויסגעשעפּטע, געהאַט אַראָפּגעזעצט און אַזוי אויסגעגאַנגען אונטער די פיס, וואָס האָבן גלייכגילטיק געטרעטן איבער זיי. ווען דער צוג האָט פאַר האַלבער נאַכט פּלוצים לאַנגזאַם גענומען רירן און ווען שטיקער געפריר האָבן שוין געהאַט דורכגענומען זייערע דינע פּיזשאַמעס, האָבן זיך מיטאַמאָל אין דער בלויער קעלט, פון די וואַגאָנען אַראָפּ, עטלעכע שאָטנס פלינק אַ גליטש־געטאָן אין דער קווער פון לאַסט־צוג, פאַרביי דעם אָפּגעליידיקטן פלאַנט, איבער אַ בריקל, צום נאָנטן וואַלד. סעריעס לויכטנדיקע קוילן האָבן פון די וואַגאָן־טורעמלעך נאָכאַנאַנד געצייכנט האַלבע קרייזן אין דער בלוי־פאַרשנייטער נאַכט. פון מינוט צו מינוט האָט דאָרט

עמיץ אַ קרעכץ געטאָן אין לויף, אַראָפּגעזעצט זיך לאַנגזאַם, אָבער דער צוג איז נישט שטיינגעבליבן, ער האָט נאָך פאַרשנעלערט דעם טעמפּאָ, איז געלאָפן מיט אויסגעלאָשענע פייערן אין דער נאַכט־אַריין...

געשפּרונגען איז ער דעמאָלט, קורט ווינקלער, ווען ער האָט אויפן עק פּלאַנט דערכאַפּט מיטן אויגנבליק דעם שאָטן פון אַדאַ־מען. אָן אים, האָט ער געוווּסט, איז ער דאָ סיי ווי אַ פאַרלוירענער. ווייט איז ער אָבער נישט דערלאָפן. ער איז געפאַלן, דעם קאָפּ פאַרגראָבן אין טיפן שנײ פון אַ ראָוו, און געוואַרט, אַז די קוילן־סעריעס, וואָס האָבן געדיכט געזשומעט אַרום אים, זאָלן אים שוין אַזוי צוענדיקן.

## קאַפּיטל איינאונדרייסיק

## ב ר א ש י ת

ווען עס איז אין יענעם שיינעם פרילינג נישט אויסגעקו־מען צו וואַנדערן איבער די גלאַט־געפלאַסטערטע וועגן, פאַרזייט מיטן אַש און געביין פון אונדזערע ברידער, אויף דער באַפריי־טער ערד פון נידערשלעזיע, דער האָט אַוודאי נישט געזען ווי עס זענען מקוים געוואָרן די פייערדיקע רייד פונעם נביא יחזקאל — די ביינער אין טאָל האָבן זיך צוריק באַדעקט מיט אָדערן, מיט פליייש און מיט הויט און עס האָט אויפסניי אָנגעהויבן צו ריזלען אַ יונג יידיש לעבן.

טאַקע דאָ, אויף דער דאָזיקער ערד פונעם שונא, זענען זיי עס מערסטנטייל באַפרייט געוואָרן, די רעשטלעך, די שאָטנס פון גרויסן נאַציאָנאַלן בראַך — פון דער „ספּאָרט־שולע״ אין ריכבאַך, פון די לאַגערן אין גראָס־ראָזען, וואַלבזשיך, סטזשעגאָם, בלעכ־האַמער, ביעלאַווע, קלעטענדאָרף, סטריגאָוו און גריידיץ. צו ווינ־טער־צו האָבן די עשאַלאָנען ווידער אָנגעברענגט נייע טויזנטער יידן — מאַנסלייט, פרויען און קינדער — צוריקגעקומענע, נאָך וואָכן וואַלגערן זיך אונטערוועגנס, פון ווייטן סאָוויעטישן מיטל־

אַזיע, ווו זיי האָבן זיך אין די גרויזאַמע יאָרן אָפּגעראַטעוועט אויף אַ פריינטלעכער ערד. פּאַרטיזאַנער, אינוואַלידן און סאָלדאַטן — די ברוסטן זייערע באַדעקט מיט מעדאַלן פאַר העלדישקייט און נקמה — האָבן זיך צוריקגעקערט פון די וועלדער, פון דער אַר־מיי, פון די לאַזאַרעטן. די שטעטלעך און די היימען פון „דאָרט", פון „אַמאָל", זענען אַלע כמעט געווען אָפּגעווישט, פאַרפּרעמדט, פיינטלעך און אַלע וועגן האָבן איצט צוריקגעפירט אַהער.

דאָ האָבן שוין פיבערדיק געאַרבעט די קאָמיטעטן. ס'איז גע־שטעלט געוואָרן אויף די פיס אַ נעץ פון קאָאָפּעראַטיוון, קולטור־אינסטיטוציעס, יתומים־הייזער, שולן; יידן זענען אַוועק אין די פאַבריקן, אין די גרובנס, אויף דער ערד. די מאַלערישע שטעט־לעך, וואָס די דייטשן האָבן זיי נישט באַוויזן חרוב צו מאַכן, צע־וואָרפן ביי די טייכן אָדער און נייסע, באַדעקט מיט פאַבריק־קוי־מענס און איינגעטונקט אין גרינס, זענען געדיכט באַזעצט געוואָרן דורך יידישע געזינדלעך. פון איינציק־פאַרבליבענע, עלנטע מענ־טשן, זענען, אויף די טומלדיקע זאַמל־פּונקטן, איבער נאַכט כמעט, צונויפגעקלעפּט געוואָרן נייע, פריילעכע משפּחות; מען האָט גע־פּראַוועט רוישיקע חתונות און באַנקעטן.

און אינמיטן פון אָט דעם פריילעכן גערודער, אין אַ קליינעם, מיליטערישן לאַזאַרעט, ביי ריכבאַך, איז קורט ווינקלער לאַנגזאַם געקומען צו די כוחות. די שווערע יאָרן האָבן אים פונדעסטוועגן מיד געמאַכט, אויסגעשעפּט, אָבער די אונטערשטע, אַרויסגערוקטע ליפּ האָט נאָך אַלץ, ווי צוריק מיט אַ יאָרצענדליק, אויסגעדריקט ענערגיע און נישט ווייניק פאַרביטערונג, ווי אין די ליידנדיקע גרים־מאַסקעס פון דער קלאַסישער טראַגעדיע. ער האָט אויף אַ שטיקל צייט ווידער דערשפּירט אין זיך נייע זאַפטן. „ס'איז ווערט געווען צו מאַטערן זיך — האָט ער זיך אַליין געזאָגט — כדי צו־צוזען זייער מפּלה".

ס'איז געווען מילדער פרילינג אויף דער וועלט, אפשר דער סאַ־מע שענסטער פרילינג אין זיין לעבן; און געווען איז מען דע־מאָלט סיי־ווי אַביסל שיכורלעך פון אַלץ דאָ אַרום — סיי פון די פלאַמיקע געדענק־רעדעס, סיי פון די נייע לידער, סיי פונעם קאַ־כיקן יידישן אָנגעלויף. שוין בלויז דערפאַר, וואָס עס זענען נאָך

פאַרבליבן יידן אויף דער לעבעדיקער וועלט, האָט מען זיך דע־מאָלט שטאַרק געפרייט. אַביסל אויך האָט יעדער איינער זיך גע־וואָלט באַרוישן, פאַרגעסן, נישט געדענקען מער.

געווען זענען אַ סך פּלענער פּאַראַמאָל ביי אים און ביי זיינוור־לען, מען האָט נאָך נישט געוווסט וואָס פריער — צי כאַפּן באַלד און אומקערן זיך קיין פּאַריז, אָדער גאָר פאַרבלייבן דאָ און העלפן צולייגן אַ האַנט.

מיט די אייגענע אויגן האָבן זיי דערלעבט צוצוזען ווי די דייטשע בעסטיע איז, אויף אירע אייגענע חורבות, געשטעלט געוואָרן אויף די קני. אָבער צי וועט מען זיי נישט פּרווון נאָכאַמאָל אויפהייבן פון מיסט? ווער ווייס? צי איז שוין טאַקע משיח געקומען, אָדער זענען עס נאָר די חבלי־לידה? ווהין גייען מיר, די רעשט־לעך פון גרעסטן נאַציאָנאַלן בראַך?

דאָס אַלץ האָט דער עיקר אים, קורט ווינקלערן, אָן אויפהער געמאַטערט, אין סאַמע געזשום פון געדענק־רעדעס און פון לי־דער. ער האָט זיך נאָך אַלץ לייכט באַגייסטערט, פונדעסטוועגן איז ער אָבער אַלעמאָל פאַרבליבן קיל און נאָכטראַכטעריש. ער האָט דערפילט אין זיך אַ נייעם כוח אויף אַ נייעם אופן צו אינטערפּרע־טירן דעם געטאָ־ייד שיילאָק, כאָטש ס׳איז נאָך אַלץ נישט געווען דאָס געמיט צוריק אַרויפצוגיין אויף די בינע־ברעטער.

אָבער איידער וואָס־ווען, איידער די צוגן זענען נאָך אַפילו געגאַנגען רעגולער, האָבן זיי זיך דאָ דערוויל ביידע אַרומגע־דרייט צווישן דעם פריילעכן יידישן אַנגעלויף — זיינוול, דער העלד, דער נקמה־נעמער פון פּאַריז, דער עמך פון די יידישע קאַ־פּעס אויפן בעלוויל, און קורט ווינקלער — דער געעלטערטער שוי־שפּילער פון די בערלינער טעאַטערן, דער צוריקגעפונענער „אָסט־יודע”, דער בונטאַר. ס׳איז געווען אַ מאָדנע פּאָרל, נאָך אַלעמען, און זייטיקע האָבן זיי נאָכגעקוקט מיט נישט ווייניק שמייכלענ־דיקן נייגער. זיי זענען ביידע געגאַנגען אָנגעטאָן אין שמאָלע, אויסגעוואַקסענע, האַלב־מיליטערישע קליידער, מיט אַרומגעגאָל־טע קעפּ, געטיילט זיך מיטן ביסן. זיינוול, אַ הויכער, אַ פעסטער, איז געווען מיט אַ גאַנצן קאָפּ העכער פון קורט ווינקלערן, וועל־כער איז נאָך אַלץ ברייט געווען און האָט זיך באַוועגט שווערלעך

אויף זיינע קרומלעכע פיס פון אַ קאַוואַלעריסט. זיי האָבן זיך, נאָך דעם אַלעמען, דערפילט אַזוי נאָנט, ווי לייבלעכע ברידער, נישט אָפּצוטיילן איינעם פון אַנדערן. אַ קאַרגן חודש צייט ווי זיי האָבן נאָך בייזאַמען איבערגעשווידערט אין די וועלדער, אויף די היי־בוידעמער, נאָכדעם ווי זיי זענען געשפּרונגען פון טויטן־צוג און ס׳האָבן זיי נאָכגעיאָגט די לויכטנדיקע קוילן־סעריעס; בפרט, אַז זיינוול האָט זיך גאָר אומגעריכט געהאַט אויסגעגעבן פאַרן על־טערן ברודער פון קליינעם, בלייכן פּאָעט הירש מאַליוועד — דער טרוימער פון דער דזשיקע גאַס אין וואַרשע; דאָס בלייכע ייִנגל, וואָס האָט אין יענע יאָרן אַזוי שטאַרק פאַראויסגעפילט די אָנקו־מענדיקע שטורעמס.

— ווי קומט עס — האָט ער זיך נישט געקענט אָפּחידושן, קורט ווינקלער — וואָס דו ביסט עפּעס אינגאַנצן אַן אַנדערער, ווי דיין ברודער?

זיינוול האָט געלאַכט ברייט און הילכיק און אים אָנגעקוקט פונדערזייט:

— כ׳ווייס טאַקע נישט. מיין בראַטאַקל — האָט ער געכאַכאַ־טשעט — איז, דאַכט זיך, פון דיין חדר, אַלטער... די ביכלעך און די לידלעך... אָמער וואָלט ער זיך גלייך געוועזן געכאַפּט צו עפּעס אַ בעסער פאַך... דו האָסט אויך אַזוי געלעבט פון די לופט־גע־שעפּטן?...

קורט ווינקלער האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער. ער איז איצט שטאַרק פאַרליבט געווען אין אָט דעם זיינוולען, אין אַלע פּוילישע יידן. ער האָט באַוואונדערט די נישט־אויסגעלאָ־שענע ענערגיע, וואָס שפּראָצט אין זיי. טאַקע צו אים איז אומגע־ריכט געקומען אויפן געדאַנק דער שיינער משל פון יחזקאל הנביא — ווי די טויטעביינער אין טאָל, אַזוי האָבן זיי צוריק אויפגעלעבט.

צוזאַמען מיט זיינוולען, וואָס האָט זיך דאָ אומעטום מיטגעפּאָ־רעט, אומעטום צוגעלייגט אַ האַנט, פאַרגעסן גאָר, אַז ער האָט דאָרט ערגעצווו געלאָזן אַן אַלטן חשבון פון אַ פרוי, אַ קינד, גע־לאָזן דאָרט הווהטשען — האָט מען זיך, אין דער הרובער שטאָט,

ביז וואָס־ווען, איינקוואַרטירט דערווייל ביי אַ ייד, וואָס האָט איי־נער אַליין פאַרנומען אַ ריזיקע דירה מיט צימערן, פאַרפאַלן צו ווערן. געטראָפן האָט מען זיך דאָ מסתמא ערגעץ הינטער די טירן פון קאָמיטעט, אָדער אויף די זאַמל־פּונקטן, און דער ייד האָט זיי באַלד פאַרבעטן צו זיך אויף נאַכטלעגער. „איר האָט דאָך אַוודאי נישט — האָט ער זיי נאָך דאָרט געזאָגט — ווו דעם קאָפּ אַוועק־צולייגן? טאָ קומט־זשע מיט מיר, וועט זיין אַביסל היימלעכער. ס'איז דאָרט, זאָג איך אייך, אויסצוגיין פון אומעט אין זייערע „פּאָקאָיעס", אָבער קיין דייטשער פוס וועט ביי מיר מער נישט אַריבערטרעטן די שוועל"...

ס'איז געווען דאָ באַלד, אויף דער גאַס פון הייליקן פראַנציס־קוס, אין ווראָצלאַוו, ווו דער ייד, דער וואַלד־בראָקער, שלמה הורוויץ — אַליין נאָר־וואָס צוריקגעקערט פון דער ביטערער פאַר־טיזאַנקע — האָט אין יענעם אומפאַרגעסלעכן פרילינג 1945, צו־זאַמען מיט די צוויי בלייבע טעכטערלעך זיינע, געהאַט פאַרנומען דעם גאַנצן פּראַנטאַוון פליגל שטיבן ביים „רעכטס־אַנוואַלט" קאַרל האָפּמאַיער. ער איז געווען אַ גבר און אַ כעסן, דער ייד; אין די ביטערע פאַר יאָר, אין די וועלדער, האָט ער אַפילו געהאַט פאַר־לוירן די יידישע צורה זיינע אויף — דאָס פּנים אויסגעשמיסן פון ווינטן און פון רעגנס, מיט רויטע אָדערלעך אין די ווייסלען, אין אַ צעאָדערטער, וואַטאַווער קורטקע, די הויזן, טיף אַריינגעלאָזן אין די קורצע שטיוול, און מיטן נאַגאַן, פאַרשטעקט אויף די לענדן, האָט ער זיך מער קיינמאָל נישט צעשיידט — ווי עס מאַכט זיך...

דעם פאַריסענעם אַדוואָקאַט און די צוויי פאַרזעסענע מיידן מיט די שווערע, ווייצענע צעפּ — די טאַנטעס — וועלכע האָבן זיך דאָרט אַלע אויסבאַהאַלטן אין טויט־אימה, האָט ער באַלד אויפן אַנדערן טאָג אָפּן און פראָסט געהייסן פאַרנעמען זיך. ער האָט זיך אַפילו מער נישט אומגעקוקט אויף זיי, אַרומגעדרייט זיך איבער די שטיבן, ווי ביי זיך אין דער היים, באַטראַכט אַלץ מיט אַ קלע־נער געוואָרן אויג פון אַ באַלעבאָס, אַראָפּגעשמיסן פון די ווענט מיט רציחה די פאָטאָגראַפיעס פון עלטסטן זון, דעם ס. ס. ־לייטע־נאַנט, די געמעלן פון די דין־פיסיקע יעגער־הינט מיט די פאַר־בלוטיקטע האָזן צווישן די פיסקעס, די נימפעס מט די ראָזע בעק־

לעך און האָט זיי נישט דערלויבט, די דייטשן, מיטצונעמען מער ווי אַ קליין, אָרעם פּעקעלע.

— ס׳וועט געבוג זיין פאַר די הערן! — האָט ער זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט — פאַרנעמען זיך! איר האָט אונדז דאָס אויך נישט גע־לאָזן, גזלנים פינצטערע...

ס׳האָט אים אַפילו קנאַפּ־וואָס געאַרט, וואָס זיי פאַרשטייען דאָרט נישט אַזוי געבוי זיין „האָך־דייטש" פון אַ ריכטיקן פינסקער דיאַלעקט; און ווען דער אַלטער, מיט די אויפגעבלאָזענע וואַנצן, בלייבט נאָך אַן איבעריקע רגע אַזוי שטיין אין דער טיר, אַ קלע־נער־געוואָרענער, מיט אַן אָפן מויל, וואָלט ער אים מסתמא מיטן נאַגאַן אויך דערלאַנגט. יענער האָט אָבער פאַרגלייזט אַ וואַסער־דיק אויג אונטער אַ שטרענגער ברעם, שנעל אַ כאַפּ געטאָן פון הענגער־אַראָפּ דאָס גרינע יעגער־קאַפּעלושל מיט דער פעדער, און גיך־גיך, צוזאַמען מיט די טאַנטעס, צום לעצטן מאָל אַרונטער די שטיגן צום עוואַקואַציע־פּונקט, פונוואַנען עס זענען יעדן טאָג אָפּ־געשיקט געוואָרן פול־געפּאַקטע עשאַלאָנען קיין דייטשלאַנד.

ס׳איז געווען איינס פון די זעלטענע, גאַנץ־געבליבענע הייזער אין שטאָט, מיט אַ געשניצטן פאַסאַד, מיט ווערענדעס און מיט קריכנדיקע פלאַנצן — אין אַ זייטיקער, שטילער גאַס, אין שכנות פון דער רויט־ציגלדיקער קאַרמעליטן־קירכע. די שטאָט איז נאָר־וואָס געהאָט באַפרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי און דורך די טיילן פון דער פוילישער קאָשטשיושקאָ־דיוויזיע. דאָ האָבן זיך נאָך די ס. ס. ־ באַנדעס און די וולאַסאָווצעס פאַרטיידיקט ביז צום סאַמע לעצטן, ווען בערלין איז שוין געווען געפאַלן, און האָבן סיסטעמאַטיש אויפגעריסן הויז נאָך הויז.

די צימערן, פאַרלוירן צו ווערן, אָנגעשטעלט מיט די טייערסטע מעבלען, האָבן זיך איינגיכן אָנגעפילט מיט אַ ניי, רוישיק לעבן. דער ייד האָט זיך דאָ אויפסניי דערפילט ווי אַ באַלעבאָס און האָט אָוונט־צייט פאַרבעטן צו זיך אַ פולע שטוב פון די לאַגערניקעס און פון די פריש־אָנגעפאַרענע, ס׳זאָל היימלעך זיין. זיינוולען מיטן אַלטן קורט ווינקלער האָט ער ברייט אָפּגעגעבן דעם גרויסן זאָל מיטן קאַמין, מיט די סאָפעס, מיט דער פּיאַנע. ער זענען דאָרט אַוודאי אַמאָל געפראַוועט געוואָרן באַלער, אין דעם זאַל, ווייל די

לאַנגע וואַנט־שפּיגלען האָבן דעם זאַל פאַרטאָפּלט, פאַרפירפאַכט, ווען דאָס רווישיקע ליכט האָט זיך אָוונט־צייט אַנגעגאָסן אין די זשיראַנדאָלן. די בילדער פון די ריטער האָבן נאָך שטרענג אַראָפּ־געקוקט פון די ווענט, ווייל דער ייד האָט גאָר אָהין נישט אַריינ־געשמעקט. זיינוול האָט די בילדער באַלד געוואָלט נעמען און אַראָפּשמייסן, נאָר קורט ווינקלער האָט אים אַביסעלע צוריקגע־האַלטן. דאָ האָט מען אַביסל אָפּגערוט די נערוון. ס'האָט אים מאָד־נע־פאַרכאַפּנדיק דערמאָנט בערלין, די קליינע דירה אין דער שי־לער־שטראַסע. יענע יאָרן...

די ביידע טעכטערלעך דעם יידס, רות און נעמי, אַ געראָטענער צווילינג, עפּעס עלטער פון אַ יאָר זיבעצן, מיט גלייך־געשניטענע האָר, בלאָנדע, מיט אַ ווייסרוסישן אומעט אין די פאַרבלויטע אויגן, האָבן זיך דאָ דערפילט פאַרלוירן, אין דעם פרעמדן הויז, אין די צימערן. נישט דרייסט, זענען זיי אָוונט־צייט צוגעקומען צו דער טיר, איינצוהערן זיך ווי דער קאָמישער און צוגעלאָזענער קורט ווינקלער שפּילט אויס אויף דער פּיאַנע אַלטע ווינער וואַלסן. זיינוול האָט זיי ברייט אַריינגעבעטן, האָט זיך אַביסל אַרומגע־וויצלט מיט זיי און אַפילו איינגעלאַדן זיי צום טאַנצן. ער האָט זיי דאָרט אָנדערציילט די וווּנדער פון דער רווישיקער און פריילעכער שטאָט פּאַריז און זיי האָבן אַזש נישט געגלויבט, געשטאַנען מיט אויפגעריסענע מיילער און דערנאָך פויעריש־הילכיק אַריינגעלאַכט איינע אין דער אַנדערער און זענען באַלד צוריק אַנטלאָפן. זיי זע־נען געווען אַביסעלע פאַרווילדעוועט אויך, די מיידלעך. קאַרגע דריי יאָר האָבן זיי צוזאַמען מיט די פאַרטיזאַנער אַרומגעיאָגט זיך אין די וועלדער, ווו געטאָגט — נישט גענעכטיקט. זיי האָבן גאָר מורא געהאַט צוצורירן זיך צו די מאַסיווע, געשניצטע מעבלען, צו די ווענעציאַנישע פאָרהאַנגען, צו דער קיך־ווירטשאַפט מיט די משונהדיקע כלים און אויסנייעכצן, צו די הויכע באַלדאַכין־בעטן, און האָבן אָוונט־צייט לאַנג געשלאָסן די טירן צום קאָרי־דאָר.

ביינאַכט איז געווען אַן אימה אַרויסצוגיין אין דער אויסגע־שטאָרבענער שטאָט. מען האָט נאָכאַנאַנד געהערט שיסערייען. דאָס צוגעוווינטע אויער האָט גענוי אויפגעכאַפּט דעם קאַליבר פון די

סעריעס פון רוסישן „מאַקסים”. עס זענען נאָך אויסגערויכערט געוואָרן די רעשטלעך פון דייטשע באַנדעס אין דער אומגעגנט, די פינצטערע נ. ס. ז. פון די וועלדער. 8 אינאַוונט האָט מען שוין קיין לעבעדיקן נפש נישט אָנגעזען אין דרויסן.

דעם גאַנצן טאָג איז דער ייד ערגעץ אַרומגעלאָפן, געווען פאַרפאַרעט. דאָס בעסטע דערוויל, האָט ער באַקלערט, איז אַרבעטן, פאַרגעסן, נישט געדענקען מער; ווייל געפרעסן האָט אים אַ טירפער, נאָגנדיקער אומעט, דעם ייד. דאָס לעבן, האָט ער איינגעזען, גייט זיך ווייטער זיין גאַנג; און ער אַליין איז נאָך איצט קוים געווען אין די עטלעכע און פערציקער. ענערגיע איז געווען איבערגענוג, אַלע געזונטע לעבנס־זאַפטן האָבן נאָך געשפּראָצט אין אים. די מיידלעך וואַקסן באַלד אונטער און וועלן מסתמא, איידער מען קוקט זיך נאָך אַרום, אַוודאי חתונה האָבן; ווייל נאָך די אַלע שחיטות און נאָך די אַלע וואַנדערונגען, זענען ווייבער פאַרבליבן ווינציקער ווי מאַנסלייט. די פריש־געקומענע און די פון די לאַגערן דרייען זיך שוין אין הויז, זיצן אָפּ גאַנצענע אָוונטן, ווערטלען זיך, זינגען; אַן עולם אַ פריילעכער, אַ געזעטיקטער, אַ זאָרגלאָזער. ס'איז ממש אַ נס געווען צוצוזען ווי אַזוי די דאַרע ביינער ביי זיי האָבן זיך צוריק באַדעקט מיט פלייש, ווי אין זייערע פּנימער האָבן צוריק גענומען שלאָגן געזונטע פאַרבן. זיי האָבן איצט אַלע געוווינט אין די שענסטע דירות, אין ווילעס, פונוואַנען די דייטשן זענען אָן שום רחמנות אַרויסגעשמיסן געוואָרן, געפאָרן אין מאַשינעס, געמאַכט פּלענער ווי אַזוי איינצואָרדענען דאָ דעם ישוב, געלאָפן קיין לובלין — דאָס צייטווייליקע זיץ־אָרט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון יידן אין פוילן. פון דאָרט זענען געקומען קאָמיסיעס, אָנווייזונגען און געלט, צו באַזעצן יידן אויף געזונטע יסדות. מ'האָט אַפילו געהאָלפן די, וואָס האָבן געצויגן צו איינציק־פאַרבליבענע קרובים אין אויסלאַנד, אויסצוואַנדערן.

די וועלט האָט אויסגעזען ווי אָנצוהייבן פון דאָס ניי, פון בראשית; און דער ייד, וואָס איז אַזויווי אַראָפּגעפאַלן אַהער פון אַנדערע עולמות, האָט זיך דאָ דערפילט פאַרלוירן; און אַזויווי אין קאָמיטעט אַריין האָבן זיך יעדן טאָג געמאָלדן יידישע ווייבלעך, וואָס זענען ערגעצווו על פּי נס לעבן־געבליבן, האָט ער זיך צו־

זאַמענגערעדט מיט איינס אַזאַ ווייבל מיטן נאָמען פעסל, און זיי האָבן איינגיכן באַשלאָסן, אַז צוזאַמען וועט אַוודאי זיין מער היימ־לעכער צו וווינען.

זי איז מער־ווייניק געווען אין זיין עלטער און איז שוין איצט צוריק געווען אַ לאַכנדיקע און אַ שוואַרצע, ווייל אין די ביטערע פאַר יאָר האָט זי זיך געפּאַרבט אויף בלאָנד און אויף איר שיינעם האַלדז האָט זיך אומגעוויגט אַ צלמל. דערצו נאָך איז זי געווען אַ רעדעוודיקע און אַ ספּריטנע, דאָס ווייבל. זי האָט זיך גאָרנישט גע־קענט זאַט אָנקוקן מיט די רחבותדיקע „פּאָקאָיעס״ און מיט די טייערע מעבלען אין הויז ביי אים. באַלד אויף צומאָרגנס טאַקע האָט זי פאַרקאַשערט די אַרבל און, צוזאַמען מיט די צוויי מייד־לעך, גענומען זיך מאַכן אַביסל אָרדענונג און אַרומרוימען די צי־מערן.

— ווער זענען ווידער די שלימזלען? — האָט זי זיך זייטיק באַכגעפרעגט ביי די מיידלעך אויף זיינוולען און אויף קורט ווינק־לערן.

— דער הויכער איז אַ פּאַרטיזאַן פון פראַנקרייך — האָבן זיי דערציילט — און דער אַנדערער, זאָגט מען, איז אַ באַרימטער אַקטיאָר...

— אַזוי? אַן אַקטיאָרשטשיק?... כ׳האָב אויך אַמאָל געשפּילט אין אַ דראַמאַטישן קרייז ביי אונדז אין קעלץ... כ׳וויל אים טאַקע אָנקוקן אויף טשיקאַוועס...

אין יענע טעג איז דער ייד אַרומגעגאַנגען און אַ צופרידענער געבורטשעט אין די וואַנצן־אַריין.

— וואָלסט, נישקשה, געמעגט אַראָפּנעמען דיינע צוויי וואָ־סאַליעס, שלמהלע... — האָט אים דאָס ווייבל לאַכנדיק געפּעטשלט — דיין פּנים שטעכט, ווי אַ ריבאייזן...

אַזוי צערטלעך, כאָטש נישט זייער איידל, האָט מען שוין לאַנג נישט גערעדט צו אים; האָט ער, אַביסל פאַרשעמט, זי געפאָלגט, גענומען מער צוזען זיין הילוך, אַרומגעגאָלט זיך אָפטער, איינ־געשאַפן זיך אַ שטיקל לייטישערן בגד.

אין גרויסן זאַל מיטן קאַמין, מיט דער פּיאַנע, מיט די פליר־שענע סאָפעס, ווו זיינוול און קורט ווינקלער האָבן זיך אויפגע־

האלטן, איז כמעט יעדן אונט געווען פריילעך און טומלדיק. דאס ווייבל פעסל האט זיך דארט א פארפלאמטע ארומגעפארעט, גע־זעסן ארום טיש, ארומגעפיסקעוועט מיט איר קעלצער לשון, גע־טרונקען צוגלייך מיט די מאנספארשוינען, נישט פארקרעקט זיך אפילו און האט געוויגט מיט די שווערע אויערינגען, אין מעסער־גלאנץ פון די אויפגעלויכטענע אויגן. זי איז פאר דער קורצער צייט נאך פולער געווארן, שענער געווארן און דעם ייד שלמה הורוויץ איז אפילו אביסל נישט אנגענעם געווען פאר די אונטער־געוואקסענע מיידלעך. צווערשט האט זיך זיינוול היימיש ארומגע־וויצלט מיט אט דעם צוגעלאזענעם ווייבל, דערנאך האט אים קורט ווינקלער, מיט א ווונק און מיט א צי ביי דער פאלע, געגעבן אנ־צוהערן, אז ער זאל זיך בעסער האלטן פונדערווייט. זיינוול האט זיך אבער קיין סך דערפון נישט געמאכט:

— ווייסעך... א ווייבל, ווי אלע ווייבלעך — האט ער אוועק־געמאכט — כ׳קען זיי...

דער עולם ארום טיש איז דא געווען א צופעליקער, א פארביי־פארנדיקער און מ׳האט זיך געהאלטן אין איין שושקען אין די ווינקעלעך. דאס ווייבל האט זיי דא אלעמען ברייט אויפגענומען, געווען מיט אלעמען אויף „דו". די מערסטע יינגעלייט זענען גע־גאנען אין אויסגעפאסטע, אפיצירסקע שטיוול און געהאט פולע קעשענעס מיט וואלוטע.

ס׳איז געווען די צייט, ווען מ׳האט געפירט פארטיעס יידן אי־בער דער גרענעץ, ווען אלע זענען בלינד געלאפן אין די לאגערן פון דייטשלאנד — פונעם שוידער, פון דער מורא, וואס די נ. ס. ז.־באנדיטן האבן אנגעווארפן אויפן לאנד. „די יינגלעך פון וואלד", די נ. ס. ז. האבן אפגעשטעלט צוגן, געקוילעט יידן, רויט־אר־מייער און לאיאלע פאליאקן. די פלינקע, צעקאכטע יינגעלייט האבן דארט, אינעם הויז ביי שלמה הורוויץ, געהאט גאנצענע גע־טועכצן ווי אזוי בעסער צו פארשטעקן די פארמעגנס, ווי אזוי אי־בערצוכיטרעווען די גרענעץ־וואך. זיי פלעגן פארשווונדן ווערן אויף א טאג, אויף צוויי, פירן הויך־אנגעלאדענע מאשינעס מיט מעבלווארג, מיט טעפיכער, מיט טייערע קרישטאלן, מיט פיאנעס, אין די צענטראלע געביטן, און נאכדעם פארפארן צום הויז מיט

פרעמדע יידן, מיט ווייבער און קינדער און מיט פעק בעטגעוואַנד. זיי האָבן אָנגעבערענגט אין שטוב אַריין פון כלער גוטס און האָבן זיך שוין גאָר אויפן באַלעבאָס מער נישט אומגעקוקט, ווי אין אַן אכסניה.

דעם ייד האָט די גאַנצע גראַטשקע אין הויז ביי אים נישט אָנגעהויבן געפעלן צו ווערן. נאָר וואָס קען מען דען זאָגן יידן, וואָס אַנטלויפן פון אַ סכנה? די מיידלעך האָט ער פונדעסטוועגן אָוונטצייט שטרענג אָוועקגעשיקט אין זייער צימער אַריין און אַליין האָט ער זיך אַ האַלבע נאַכט געוואָרפן אויפן פרעמדן הימל־בעט און ס'איז צו אים קיין שלאָף נישט געקומען. ער האָט נישט געקענט צו־טאָן קיין אויג, כאָטש ער איז געווען גענוג מיד פון אָנלויפן זיך דעם גאַנצן טאָג איינצושאָפן מאַשינען פאַרן שניידערקאָאָפעראַטיוו, וואָס האָט זיך דעמאָלט געגרינדעט. פאַרשיידענע רעיונות האָבן אים געמאַטערט. ער וואָלט ביי זיין פאַך אויך גאַנץ שיין געקענט געפינען אַרבעט, מ'האָט זיך געבעטן, מ'האָט געפאָדערט ספּעציאַליסטן צו וואַלד־אַרבעט, נאָר ער האָט בעסער געוואָלט זיין צווישן יידן.

ער האָט מערנישט געהערט, ווען דאָס ווייבל האָט זיך דאָרט געלייגט אין בעט אַריין. דער העלד, וואָס האָט קאָלטבלוטיק אַראָפּגעלאָזן צוגן פון די רעלסן, אָוועקגעלאָזן מיטן רויך פייגטלעכע דערפער און אויסגעלייגט די דייטשן, ווי די הערינג, האָט דאָ פּלוצים מורא באַקומען פאַרן ווייבל און פאַר די שיינע פריינט אירע. פונקט ווי זי איז אים די ערשטע צייט מיט איינמאָל נאָכט געווארן, אַזוי האָט ער מיטאַמאָל דערפילט צו איר אַ גרויסע פרעמדקייט. אויך זעענדיק אים דאָרט די לאַגער־רייד זייערע גאַרנישט געפעלן געוואָרן. ער האָט גאָרנישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין זיך אויף די „האַרטע" און „ווייכע", אויף די „הזירימלעך" און אויפן עכטן קלאַנג פון גאָלד, וואָס זיי האָבן דאָרט אויסגעפּרוווט אויף אַ גלאָז. די מיידלעך האָבן גאָרנישט גערעדט, נאָר אין זייערע פאַרלוירענע בליקן האָט ער זייטיק באַמערקט אַ פאַרשעמטקייט און — ווי זיי דרייען זיך אָפּ אָנצוקוקן אים גלייך אין די אויגן אַריין.

— זאָלסטו מיר געזונט זיין — האָט ער נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין — דאָס סודען זיך אין די ווינקעלעך... געלט... גאָלד...

ס'איז אייך ווייניק געווען איינצוזען ביי די דייטשן וואָס פּאַראַ ווערט דאָס גאַנצע געלט האָט... מענטשן נאַרישע...

— ביסטו דאָך, אויב אַזוי, אַ שלימזל, אַ בטלן — האָט זי זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער, דאָס ווייבל, וויגנדיק מיט די שווערע אויערינגען, אין מעסער־גלאַנץ פון די אויפגעלויכטע־נע אויגן, אָפּן, פאַרן גאַנצן עולםביים טיש — אַבי כ'האָב גע־מיינט, שלמהלע, ביסט אַן אויסטויגער... ווען איך ווייס עס פרי־ער... צען פּאָר איינעם האָבן זיך געריסן איבער מיר! אַזוי־ווי די הינט האָב איך זיי געטריבן...

אַזעלכע ריידן! ער איז עס גאָרנישט געווינט געווען צו הערן. ס'איז אים פּשוט אַ חרפּה געווען אי פאַר די אומגעקומענע, אי פאַר די מיידלעך, אי פאַר דער פולער שטוב מיט פרעמדע מענטשן. ס'איז אים ביטער געווען, דעם ייד, און ער האָט געטראַכט, אַז ס'איז שוין באַלד אפשר גלייכער צו נעמען און צו לויפן גלייך מיט די אַלע יידן, אַוועק פונדאַנען, אַפּהאַקן וואָס פריער. אָבער וווּהין לויפן? ער האָט שוין געוווּסט וואָס די פרעמד איז — די צופעלי־קע בעטן, די צוזאַגענישן, די גאָלדענע גליקן פון די פלינקע יונ־געלייט, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום. זיי האָבן קיין וואָר וואָרט נישט. זאָגן צו הרים וגבהות און רינען אויס.

פונדעסטוועגן האָט ער זיך צוגעהערט מיט קאָפּ צו די הייסע גערעדערייען פון די איבערגעשראָקענע יידן, וואָס האָבן אָוונט־צייט אָנגעפילט די צימערן ביי אים.

— איי, אַן אייגן ווינקעלע! — האָט דאָרט איינער אַ ייד, אין אַ לאַנגער בעקעשע, געזיפצט — אַז איך וויל זיי מער נישט קע־נען, די פּאַליאַקן. אָטאָ־דאָ ליגן זיי מיר...

— און איר מיינט ר' ייד — האָט זיך דאָרט קורט ווינקלער אויפגעריסן צעקאָכט — און איר מיינט אַוודאי, אַז ערגעץ אַנדערש זענט איר שוין פּטור פון זיי? כ'מיין, אומעטום וועט איר זיך דאַרפן שלאָגן! איז נישט מיט די פּאַליאַקן... דאָ אָבער האָבן זיי שוין די גרעסטע שלאַכט פאַרשפּילט, די כוליגאַנעס...

און די אויגן ביי אים האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט אַזאַ גלאַנץ, אַז מ'האָט אים מער נישט דערקענט. ער האָט די יידן באַטראַכט שאַרף, פונדערזייט.

אדרבה, ארץ ישראל איז דעם ייד שלמה הורוויץ אויך געפעלן. די מיידלעך האָט עס אַוודאי געצויגן צו פאָרן זען אַ וועלט. מילא, אַז זיי ווען דווקא וועלן. דאָס איז אָבער גוט פאַר יונגוואַרג. אָבער ער? — אַריבער דריי יאָר האָט ער פאַרטיידיקט דאָס נאַקעטע לעבן אין די וועלדער. ער האָט זיי ליב געהאַט, די וועלדער, ס׳חיות. פון ייִנגלוויז אַן געלעבט אין די וועלדער, ווו זיין פאָטער איז געווען אַ שטיקל מעקלער און אַ שטיקל מבין. ער האָט געפילט ווי דער זאַפט רינט אונטער דער קאָרע, פאַרנומען די האָרבע סמאָלע־ריי־חות.. אויב לויפן, האָט ער געהאַט אַ פאַרלאַנג, איז נאָר אַהין, אין זיינע קאַנטן, ווו ער קען יעדן שטעג. אָבער צוריק אַהין — האָט ער לסוף באַרעכנט — איז אויך נאַריש. אַלץ, וואָס דאָרט איז גע־ווען אַמאָל, איז נישטאָ מער. ס׳וועט אים, ווי די אַלע, אַרויסטרייבן פון דאָרט.

און כאָטש דער יונגערמאַן מיט די אויסגעגלאַנצטע שטיוול איז דאָרט אָפּגעלעגן טאָג און נאַכט, געוואָרפן זיך מיט טויזנטערס, געהאַלטן זיך אין איין סודען אין די צימערן מיטן ווייבל און זי האָט געלאַכט, איז גראָב געוואָרן פון בלויזן לאַכן, האָט זי אים נאָך פונדעסטוועגן גערופן „מיין שלמהלע", געלאָפן אים דערלאַנ־גען טיי, אַוועקגעשטעלט פאַר אים דאָס איבערגעשטאַנענע עסן, ווען ער איז שפעט צוריקגעקומען פון גאַס, און איידל אונטערגע־בייזערט זיך אויף די מיידלעך, פאַרוואָס זיי גיבן נישט אַביסל מער אַכטונג אויפן טאַטן. דעם ייד האָט געפרעסן אַ בייזער וואָרעם, אָבער ער איז אַרומגעגאַנגען אַ שווייגנדיקער, נאָר אויסצושיסן, כאָטש ס׳איז גאָרנישט געווען אין זיין טבע נישט אַ שריי צו טאָן אַמאָל. דער יינג מיט די אויסגעגלאַנצטע שטיוול איז איצט אָפּטער זיצן־געבליבן ביז שפעט צווישן אַ טומלדיקער חברה, געשפילט אין קאָרטן, געשפילט מיט די שווערע רינגען אויף זיינע פינגער.

„טפו זאָל עס ווערן!" — האָט זיך דער ייד לסוף אויפגעריסן פון טיש, אַ שפיי געטאָן און געקלאַפּט נאָך זיך מיט אַלע טירן.

נאָך דעם זעלבן אָוונט איז ער אַוועק שלאָפן אין אַן אַנדער צימער און איבערגעלאָזן איר דאָרט מיטן הימל־בעט אין דער אויסגעפוצטער שלאָף־שטוב. זי האָט עס אויפגענומען ווי קיינמאָל גאָרנישט, מיט אַ לאַכעלע.

— שוין? — האָט זי געוויגט מיט די שווערע אויערינגען — האָסט מיר שוין מער נישט ליב, שלמהלע?...

ס'איז איר אַפילו גאָרנישט איינגעפאַלן אַרויסצוציען זיך פונעם הויז. עס זיינען נאָך דאָרט געשטאַנען גענוג פאַרקלאַפּטע צימערן, אין וועלכע מען איז גאָר קיינמאָל נישט אַריינגעגאַנגען. פון איצט אָן זענען אירע געסט געקומען דורכן הינטערשטן אַרויפגאַנג. דער יינג מיט די אויסגעגלאַנצטע שטיוול איז אַצינד געוואָרן אַ גאָר־אָפטער איינגייער ביי איר דאָרט. מ'האָט אַפילו דערציילט וועגן אים, אַז ער איז געווען אַ גאַנצער מאַכער אין די לאַגערן, אַז ער האָט מיטגעברענגט מיט זיך אַ סך גאָלד. ער האָט עס איר דאָרט אָנגעברענגט פון כלער גוטס און ביזן האַלבן טאָג האָט זי זיך אַרומגעדרייט אין די פאַרביקע, צעפלויגענע פּיזשאַמעס, געדרייט זיך אין דער קיך, אַרום די בראָט־אויוונס, געקאָכט און געבאַקן, געפליקט פעדערן פון הינער און געגנדז און געהאַט כסדר פאַר־נאַשטע ליפּעלעך.

— צ'זענט נישט קאָן לאַאָט... — האָט זי געבראָקט איר קעל־צער יידיש, מוסרנדיק די מיידלעך — באַ מיר וואָלט ענקער טאַטע נישט געגעסן אין דער ביליקער קעך, ביי די קאָמיטעטס־לאַאָט...

די שטילע מיידלעך האָבן זיך אַלעמאָל אַוועקגעדרייט, נישט געענטפערט, דורכגעשאַרט זיך דעם קאָרידאָר מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, אויסגעמיטן אַפילו די בליקן פון זיינוולען און פון קורט ווינק־לערן, וואָס האָבן דאָ אַלץ נאָכגעקוקט מיט חידוש. דעם ייד האָט עס אינעווייניק געקאָכט, אָבער ער האָט בשום־אופן נישט געקענט אויספּלאַצן. ער איז, נאָך אַלעמען, געווען אַן איידעלע נשמה אויך. ווען ער שרייט זיך כאָטש אויס, וואָלט אים אַוודאי לייכטער גע־וואָרן. ער איז פאַר דער קורצער צייט געוואָרן אָפּגעלאָזן. די האָר האָבן זיך געזילבערט און די ווילדע וואָנצן, וואָס ער האָט זיי גע־טראָגן אין וואַלד, האָבן צוריק פאַרדעקט זיין געקאַרבט פּנים. אַ נעץ פון קנייטשעלעך איז אים געשטאַנען אַרום די אויגן. ער איז אַוועק באַגינען און אומישנע אומגעקערט זיך שפּעט אינאָוונט. אַזוינס זאָל מיט אים פּאַסירן, נאָכן וואַלד און נאָך די אַלע ביטערע יאָרן, האָט ער זיך נישט פאַרגעשטעלט. ער האָט בכלל נישט אָנ־געהויבן צו פאַרשטיין אָט דעם נייעם יידישן אָנגעלויף. ס'האָט זיך

אים געגומען דאַכטן, אַז נאָר דער ערב־רב איז לעבן־געבליבן, גע־ראַטעוועט זיך; און אויף וועמענס חשבון?

פון אירע צימערן דאָרט האָט זיך איצט געטראָגן מיט בייעם טומל, מיט געלעכטערן. מען איז געגאַנגען אַריין און אַרויס. דער ייִד האָט גאָר אַצינד מורא באַקומען פאַר זיינע אייגענע מיידלעך, פאַר זייערע באַקאַנטשאַפטן און אַפילו די שטילע יונגעלייט, וואָס זענען אינאָוונט געזעסן ביי אים, האָט ער איידל געגעבן אָנצו־הערן, זיי זאָלן מער נישט אַרויפקומען.

דווקא זייער שטילע בחורים. איינער פון זיי, מוניע, אין דער מיליטערישער רובאַשקע, איז דאָ נישט לאַנג דעמאָביליזירט גע־וואָרן פון דער רויטער אַרמיי און האָט געטראָגן אַ פּולע ברוסט מיט מעדאַלן. ער איז געוועזן כמעט אַ ייִנגל נאָך און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער וואַקסט אַרויס פון דער רובאַשקע, צעשפּאַרט זי. ער האָט פאַרנאַכט־צייט אָפּגעוואַרט נעמין אויף די שטיגן צו דער ווערענדע און איז צו איר צוגעפאַלן:

— ס׳אַרט דיר, איכל שוין רעדן מיטן טאַטן...

— רעד! — האָט זי געמאַכט, כמעט גלייכגילטיק, און האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן.

דער צווייטער, הערצקע, אין די גאַליפע־הויזן, האָט אומגע־דולדיק געוואַרט פאַר דער טיר, שפּאַנענדיק אַהין און צוריק אויפן טראָטואַר. ער האָט אָבער געוווסט, אַז רותן ציט עס אויך צו מו־ניען און דערפאַר טאַקע איז זי אינגאַנצן נישט אַראָפּגעקומען.

זיי האָבן זיך געקליבן אויף ערד־אַרבעט, די יונגעלייט, דאָ אין דער נאָענט ערגעץ, און זיי האָבן דווקא געוואָלט, אַז די מיידלעך זאָלן מיטפאָרן. צוזאַמען וועט זיין היימלעכער און בכלל... ס׳איז געוועזן זייער חלום נאָך פון ראַטנפאַרבאַנד, אינעם קאָלכאָז, צו האָבן אַן אייגן שטיקל ערד און באַאַרבעטן עס.

אויפגעריסן, ווי אַ בלאָטער, האָט דעם גאַנצן פּלאָנטער די אומ־געריכטע מעשה מיטן גאָלד. דאָס ווייבל דאָרט, די פעסל, איז נאָך אַוודאי געוואָר־געוואָרן דערפון אַ סך פריער. סיי־ווי האָבן זיי זיך שוין געגרייט אַ ליאַדע טאָג אַריבערצופּעקלען זיך „אויף יע־

נער זייט״. איז געקומען עפּעס אַן אַלטער פּאַליאַק און דערציילט, אַז אין יאָר 1944, ערב זייער מפּלה, האָט ער אַליין געהאָלפן דעם אַדוואָקאַט צו פאַרשטעקן דאָ ערגעץ אַ סך גאָלד, וואָס זיין זון, דער ס. ס. ־מאַן, האָט מיטגעברענגט פון „אַסטן״; אַז מען וועט אים עפּעס געבן דערפון, וועט ער ווייזן ווו עס ליגט פאַרשטעקט. געדאַרפט האָט ער פונקט פאַלן אויפן ווייבל פּעסל. עטלעכע טעג איז שטיל געווען, דערנאָך האָט ער זיך ווידער געיאָוועט. זי האָט אים דאָרט שנעל אַריינגעכאַפּט צו זיך, אָפּגעהאַלטן אים לאַנג און מ׳איז, זעט אויס, נישט אַדורכגעקומען. עפּעס האָט זיך דער יינג אין די אָפיצירסקע שטיוול אָפטער גענומען דרייען בייטאָג אין הויז, מען האָט געהערט ווי ער רייסט דאָרט אויף די פּאָדלאָגעס, די טירן, די ווענט, ווי מען נישטערט. מ׳האָט געהערט אַ קריגערייַ, עס זענען געפאַלן בענקלעך, זי האָט געקוויטשעט.

דערנאָך האָט זיך דאָס ווייבל אויף די שפּיצן פינגער גענומען דרייען אין קאָרידאָר, רעדן שמייכלענדיקע רייד צו די מיידלעך, צושטיין:

— איך אויף ענקער אָרט — האָט זי געמאַכט — וואָלט גליק־לעך געוואָרן... צ׳זענט נאַרישע מוידן...

די מיידלעך האָבן דאָ גאַרנישט אָנגעהויבן פאַר פאַרשטיין, האָבן זיך מיט פּלאַטער אָפּגעדרייט, האָבן זי נישט געוואָלט אָנ־קוקן. זיי האָבן נאָר באַמערקט פונדערזייט, ווי זי באַלעקט זיך די פאַרנאַשטע ליפּעלעך. דאָס ווייבל האָט שוין איצט געוווּסט, איז געווען מער ווי זיכער, אַז דאָס גאָלד ליגט ערגעץ פאַרשטעקט ביי זיי דאָרט אין די צימערן, מען דאַרף עס נאָר אַ גוטן זוך־טאָן. און אַז די מיידלעך האָבן זיך אָפּגעדרייט, איז זי זיי נאָכגעלאָפן פון איין טיר אין דער אַנדערער. אַ גאַנצן טאָג האָט זי אַזוי אַריינגע־רעדט אין זיי. זי האָט שוין דערנאָך מער גאַרנישט געפרעגט, אַרומגעדרייט זיך מיט אויסגעשרויפטע אויגן, געזוכט, גענישׁ־טערט, געפּרוּווט דעם אָפּקלאַנג פון די פּאָדלאָגע־ברעטער, איינ־געהערט זיך צום סקריפּ פון די טירן און איז שטיינגעבליבן אויף דער שוועל מיט אויסגעלופּעטע אויגן, ווי אַ משוגענע. זיי האָבן נאָר געציטערט, די מיידלעך, אַז דער יינג אין די אָפיצירסקע שטיוול זאָל אַמאָל נישט אַרויפקומען. אין זיינע האַמעטנע באַ־

וועגונגען און אין זיין בליק איז געווען עפּעס שלעכטס. ער האָט אַלעמאָל געפּיפּן פון צווישן זיינע דיקע ליפּן און אָנגעקוקט זיי דורכדרינגלעך.

ס'איז געווען צווישן טאָג און נאַכט; און וואָלט כאָטש געווען אָנגעקומען איינער פון די לאָקאַטאָרן, דער זיינוול, אָדער דער דיקלעכער אַקטיאָר. זענען זיי אָבער געווען פאַרפאַרעט אין גאַס, האָבן זיך שוין געקליבן אַפּצופאָרן. האָבן די מיידלעך געוואָלט אַ פאַרקלאָפּ־טאָן די טיר און אַרונטערגיין.

דער ווינטערדיקער פאַרנאַכט איז אומגעריכט צוגעפאַלן; זוכנ־דיק דאָרט אויפצודריידן דאָס ליכט, האָט זיך דאָס ווייבל פאַר־פלאָנטערט אין די שווערע פאָרטיערן און איז אָוועקגעפאַלן אויפן דיוואַן, אַן אויסגעשעפּטע. זי האָט דאָרט הויך געהעשעט און די מיידלעך האָבן גאָר מורא געהאַט צוצוגיין. צו די הויכע, ווענעצ־יאַנישע פענצטער האָט געקלעפּט אַ ווינטערדיקער נעפּל, עס האָבן זיך געזען איינציקע, צעשמירטע פייערלעך אין דער שטאָט פון חורבות. די מיידלעך האָבן אַ לויף־געטאָן צו דער טיר. דאָס ווייבל האָט זיך באַלד אויפגעריסן און געגומען היפּערן נאָך זיי, ווי אַן אינטערגעשאָסענע קראָ. די מיידלעך האָבן נאָך דאָרט דערהערט אַ שווער פאַלן און אַ דינעם, לאַנגן קוויטש, ווען זיי זענען, אין איין אָטעם, אַרונטער פון די שטיגן.

## קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

# רות און נעמי

לאַנג איז דער ייִד מיט די טעכטערלעך שוין סיי־ווי מער אין דעם הויז נישט פאַרבליבן. ס'איז געווען אַ וויסטע בהלה. ייִדן האָבן אין די נעכט געצויגן צו דער גרענעץ. איינגעפונדעוועטע דירות, געשעפטן און וואַרשטאַטן זענען שטיינגעבליבן אויף הפקר. נאָכן טומל דאָרט, נאָך זייער פאַרשווינדן ווערן, נאָכדעם ווי זיינוול און קורט ווינקלער זענען אויך אַוועק, האָט שוין איצט קיינער מער אין די צימערן נישט אַריינגעשמעקט, ווי מען וואָלט פון דאָרט אַרויסגעפירט אַ מת. „טפו וואָל עס ווערן!... — איז דער ייִד

אַרומגעגאַנגען און כסדר געבורטשעט אַן די וואַנצן־אַריין — אַ פאַרשאָלטן הויז״... ס׳האָט זיך אים מיטאַמאָל אויסגעוויזן, אַז דאָ איז נאָך אַלץ מער פאַרפלאָנטערט, ווי אין די וועלדער. דאָרטן איז אַלץ געווען איינפאַך — מען באַהאַלט זיך אויס, מען לויערט, און מען באַפאַלט דעם שונא אין אַן אומגעריכטער, פינצטערער מינוט. רות האָט געשריגן: „לאָמיר גיין נאָך אַרץ״, און די דינע־רע, מיטן בלאָנדן לאָק אין די אויגן, נעמי, האָט געוואָלט אַהין דאָרט, צו דער פערמע, ווו דער מוניע אין דער רויט־אַרמייאישער רובאַשקע, באַאַרבעט די ערד.

כאָטש זי האָט אים כסדר געטריבן פון זיך, האָט עס איר נאָך פונדעסטוועגן געצויגן צו יענער אויסגעשטערנטער נאַכט אינעם ברייטשקעלע, צום ווילדן קוש, פאַר וועלכן זי האָט אים באַצאָלט מיט אַ פאַטש. ס׳איז געווען אַן אויסגעשטערנטע נאַכט אין אַ פרעמד, ניי, אומבאַקאַנט לאַנד, וווהין די מיידלעך זענען אייב־מאָל פאַרבעטן געוואָרן. געמויערטע ריינינקע דייטשע דערפער און די ערד אין די טיפענישן איז פול מיט אוצרות. יידן אַרבעטן, גיי־ען נישט מיט קיין איינגעבויגענע רוקנס, ווי דאָרט, ווי אַמאָל, קוקן דעם פויערישן שכן גלייך אין די אויגן אַריין. „איך ווער צע־ריסן!״... — האָט דער ייד געבורטשעט; און אַלע פאַר טעג זענען די יונגעלייט אויפסניי געקומען און צוגעשטאַנען:

— קומט צו אונדז, ר׳ שלמה. אַ שטוב — ווי אַ פאַלאַץ. קוילן און האָלץ אַ פולינקע שטאָל. פרישינקע מילך פון דער קו־אָוועק. ס׳איז פריילעך, מען פאָרט אין סאַנקעס, מיר גרייטן זיך צום פרי־לינג־פאַרזיי.

ס׳איז געווען אַ גרויער פרימאָרגן, אין שפּעטן מערץ, ווען זיי האָבן פאַרלאָזן די שטאָט. ביז נאָכן האַלבן טאָג האָבן זיי זיך אָפּ־געשאָקלט אין אַנגערויכערטן וואַגאָן. צוויי יונגע רעקרוטן, נישט־אויסגעשלאָפענע, מיט רויטע אויגן, האָבן געגעסן שוואַרצע קישקע פון אַ פאַפיר־אַרויס, געזופט פון איין פלעשל און ביי יעדן שלוק, אַ מעסט געטאָן מיט אַ פאַרקוועטשט אויג און געכאַכאַטשעט: „אַ. יעזו״. פויערימלעך האָבן געשאָלטן דאָס וועטער און גערעדט וועגן פרייז פון זריעה. די נאָנע ביים פענצטער איז געזעסן און פרום געשאָקלט זיך איבער אַ סידורל.

ביידע מיידלעך, פאַרוויקלטע אין טיכער, און דעם קלענער־געוואָרענעם ייד, אין דער צעאָדערטערט וואַטענער וועסט, וואָס ער האָט זי נאָך מיטגעבערענגט פון די וועלדער, האָבן די פריילעכע יונגעלייט, מוניע און הערצקע, אָפּגעוואָרט מיטן בריטשקעלע פאַרן קליינעם פּראָווינצער וואָקזאַל. דאָס יונגע רייט־פערד, וואָס זיי האָבן איינגעהאַנדלט פאַר גראָשנס ביי די עוואַקואירטע דייטשן, איז נישט איינגעשטאַנען אויף אַן אָרט, ס׳האָט אויסגעקלאַפּט פונקען פון די שטיינער און איז געפלויגן אַקעגן נאַכט צווישן דער שורה נאַקעטע ליפּעס. ס׳האָט געגאָסן אַ דינער רעגן און אַ ווינט האָט געריסן ביי די מיידלעך די טיכער פון די קעפּ. דאָס יונגוואַרג אויף דער קעלניע האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן:

— מיר האָבן געמיינט, ר׳ שלמה, אַז איר וועט שוין נישט קומען. כ׳ווייס, אַלצאיינס מאַכן אַזאַ „יאַזדע״, איז שוין אַביסל ווייטער, „אויף יענער זייט״... יידן ציט עס, זיי האָבן נאָך ווייניק האָניק געלעקט...

— זאָלן זיי לויפן, די, וואָס ציטערן — האָט דער ייד טויב געשריגן אין ווינט אַריין — מיך ציט עס אינערגעץ נישט. פונדאַנען ווירט מען מיך שוין נישט דערוויַיל...

ס׳זענען אים מיטאַמאָל געפעלן געוואָרן די פּראָסטע, איינפאַכע רייד זייערע, די ווילדע ענערגיע, וואָס שפּראָצט אין די דאָזיקע געזונטע בחורים. מיט אַזעלכע — האָט ער זיך דערמאָנט די יינגלעך אין די פינסקער וועלדער — איז גוט געוועזן אַוועקצולאָזן זיך אויף אַן אַקציע. דאָס מאַכט נישט אין די הויזן און קען קוקן דער געפאַר גלייך אין די אויגן אַריין. ס׳איז גוט — האָט ער באַקלערט — ס׳איז אפשר בעסער, וואָס ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט — ערד, וועלדער, ס׳שמעקט מיט היים; און אַזעלכע יונגעלייט קען מען די מיידלעך אויך אַנגעטרויען. נאָר עפּעס וואַרפן זיי זיך, די מיידלעך — דער געפעלט זיי נישט, יענער געפעלט זיי נישט. יונגע קאַזעס. זיי ווייסן נישט, אַז אַ בייער יידישער דור דאַרף קומען פון זיי.

און ער האָט ראַפּטום אַ נעם־געטאָן ביי איינעם פון זיי דאָס בייטשל פון דער האַנט אַרויס. ביים פאַרדריי צום בריקל האָט דער אַנפאָרנדיקער וואָגן שיער נישט צעטומלט דאָס יונגע רייט־פערד.

די פייערן האָבן עס אַ שפּריץ־געטאָן אין די אויגן אַריין און דאָס פערד האָט פאַריסן די פאָדערשטע פיס. נאָך גוט, וואָס דער שאָ־פער האָט באַצייטנס פאַרהאַלטן די מאַשין. ער האָט אַרויסגע־שטעקט דעם קאָפּ פון דער שאָפערקע און געגוואַלדעוועט:

— מען זעט שוין היינט נישט ווו מען פאָרט!?

— אָ, ס׳איז בערמאַן, ער פאָרט נאָך די יאַלעשקעס קיין וויל־טשע!...

— פירסט זיי, די אורחים? — האָט שוין איצט דער שאָפער געלאַכט — געמעגט מיטנעמען אַ זון־שירעם. ס׳גיסט...

פון דער פינצטער האָט זיך אַרויסגעשניטן דאָס טורעמל פון שלאָס. די הינט זענען אַנגעלאָפן אַנטקעגן מיט אַ בילעריי און די נאַכט־וואַך, מיטן אויטאָמאַט, איז געגאַנגען אויפשפּאַרן דאָס טוי־ערל.

דערנאָך איז מען געזעסן אין אַ נידעריקער פויערישער שטוב, מיט אַלטע, סקריפּענדיקע קאָמאָדן, מיט אַן אַלט־מאָדישן הענג־זייגער, ווו אַ פויגל איז אַלע פערטל שעה אַרויסגעשפּרונגען און צעקרייעט זיך ווי אַ האָן. איבערן טיש איז אַרונטערגעהאַנגען אַ שווערער הענג־לאָמפּ. דער געבלימלטער סערוויעט איז געווען באַ־שטעלט מיט ריינינקע טעלער, מיטן שטעמפּל פון דער פירמע „גראָודענץ״, אין ברעסלאַו. די יונגע באַלעבאָסטע, אַ וואַרשעווער ווייבל, האָט דערלאַנגט צום טיש קרעפּלעך פון קאָרענעם מעל, אָנגעפילט מיט פרישן קעז, אַוועקגעשטעלט אַ גרויסע קרוג מילך און האָט דערציילט וועגן די בהמות, וואָס מעלקן זיך נאָך דער־וויילן שוואַך.

— מיט דער ערשטער זון וועט מען זיי אַרויסטרייבן אויף דער פּאַשע. דאָס שטייט און מאַלעגיירעט אַ גאַנצן מעת־לעת, קען עס עפּעס רעכט זיין? פאַרזוכט, פונדעסטוועגן, מיינע קרעפּלעך. זיי האָבן טעם גן־עדן...

דאָס זענען זיי געזעסן אין דער אָנגעהייצטער שטוב ביים אַג־ראָנאָם שאַיע, וואָס האָט אַ סך יאָרן געלעבט אין אַ קבוצה אין ארץ־ישראל. ער האָט געהאַט אַ ווילדע טשופּרינע און אַ קרום וואָנצעלע אונטערן פאַרדרייטן דאַשיק. „איי, ווען מיר האָבן כאָטש אַזאַ־אַ שטיקל ערד אין עמק״ — האָט ער געזיפצט. דערביי האָט

ער געשאָלטן אַלע קאָמיטעטן און נישט געהאַט קיין פּיצל צוטרוי ווהין עס קומען דאָרט אַהין די קהלשע געלטער.

— פערד האָבן זיי אונדז איינגעהאַנדלט ביי די אַנעפּאָרענע פּאָ־ליאַקן! כ׳ווייס גאָרנישט ווי אַזוי כ׳וועל אַרויספּאָרן מיט זיין אַ־קערן, אַז ביי אַ ליאַדע „יאַזדע״, ווערן זיי מיר נאָס און כ׳מוז זיי אַרויפוואָרפן דעם פּאָלטן, אַנישט באַקומען זיי ס׳קדחת. שטייען און פּרעסן. ס׳ביסל מיסט אַרויסצופירן, איז מיר אַ רחמנות אויף די חיות. וויפל מאָל מ׳האָט זיי געבעטן אַ טראַקטאָר. הינטער קוי־בישעוו, אין קאָלכאָז, האָבן זיי באַדאַרפט צו קומען. מיטן פּאָרזי־צער פון מיין קאָלכאָז, מיט האַוורילוקן, האָבן זיי באַדאַרפט האָבן צו טאָן. ער וואָלט זיי שוין אָנגעריבן אַ מאָרדע...

— כ׳קען זיי דאָרט — האָט ער גערעדט שווער, געלאָזן און אַביסל פאָרלעגן, אין די וואָנצן־אַריין, שלמה הורוויץ — גלויבט מיר, זיי האָבן דאָרט אויך גענוג קאָפּ־פאַרדרייעניש. איר מיינט, אַז מען קען אַזוי אַלעמען נאָכקומען?

די נידעריקע שטוב האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעפילט מיטן פּוי־ערישן עולם. מען איז אַריינגעקומען, געכאַפּט אַ וואַרעם־טאָן די הענט אין ווינקל, ביים צעגליטן אויוון, און היימיש באַגריסט זיך מיט די פריש־אָנגעפאָרענע געסט.

— אייך, דאַכט זיך, קען איך פון סאַמאַרקאַנד — האָט זיך צו שלמה הורוויץ אַ ווענד געטאָן אַ נידעריקער, פעסטער יונגערמאַן, אין אַן אויסגעריבענעם פּרענטש — איר האָט נישט געאַרבעט אַמאָל ביי די צושניידער אויפן „פאַרטנאַי זאַוואָד״? — האָט ער קורץ אַרויסגעלאַכט — איי, וואָס ס׳האָט זיך דערנאָך אָפּגעטאָן אויפן „טאָלטשאָק״, פרעגט נישט...

ער האָט פאַרשטעקט די הענט אין ביידע טאַשן פון די גאַליפע־הויזן, געשטאַנען אינמיטן שטוב און געכאַפּט זייטיק אַ בליק צו די מיידלעך אַרום טיש. נאָר אַרום די מיידלעך זענען שוין אַרומ־געשפּרונגען ביידע, מוניע און הערצקע. דאָס אַביסל שעמעוודיקע בחורל מוניע האָט נישט געוווסט וואָס פריער צו טאָן פאַר די ליבע געסט. ער איז געלאָפן אַריין און אַרויס און איז צוריקגעקומען אַ שיינענדיקער: „נעמי — האָט ער איר איינגערוימט — ס׳וועט באַלד אַלץ זיין גרייט״. אָבער נעמי, די דינערע, מיטן בלאָנדן לאָק

אין די אויגן, האָט זיך נישט־וויסנדיק געמאַכט, ווי נישט איר מיינט מען. זי איז געזעסן מיט פאַרשנורעוועטע ליפּן, אָבער מ׳האָט געזען, אַז זי איז פונדעסטוועגן נישט אַזוי אומצופרידן. רות, וואָס איז געווען שווייגנדיק און פאַרביסן, האָט שוין איצט צוריק גע־שמייכלט און האָט געהאַט חן־גריבעלעך. אפשר האָט זי אַזוי דין געשמייכלט, וואָס הערצקע איז דאָ געשטאַנען אַ פאַרלוירענער אינמיטן דעם טומל און האָט נישט געוווסט ווו אַהינצוטאָן זיינע הענט. „הערצקע — האָט זי אים שוין איצט גערופן היימישלעך — הערצקע”. זי איז געזעסן אַ צעשפּיליעטע און אַ וואַרעמקייט האָט געשלאָגן אין אירע באַקן אַריין. זי איז געווען אַ פולערע און דאָס ווייסע סוועטערל האָט בולט אויסגעטיילט די מאַטקייט פון איר רונדיק געזיכט.

די מיידלעך האָבן זיך דאָ טאַקע דערפילט זייער היימיש, היימ־לעכער ווי אין די גרויסע צימערן אין שטאָט אָנגעשטעלט מיט די שווערע, געשניצטע מעבלען, היימלעכער ווי צווישן די יידן מיט די הייסע אויגן, די צעטומלטע, וואָס האָבן געפירט געשעפטן און געצויגן איבער דער גרענעץ. דאָ זענען געווען פשוטע, אָפנהאַר־ציקע מענטשן. אויסגעפרוּוירן און מיד, איז ליב געווען צו געפינען אַ ברייט בעט מיט גרויסע, היימישע פערינעס, אין אַ שטוב מיט וואַזאָנען אויף די נידעריקע דאָרפישע פענצטער. אָבערן דאַך האָט אויפסניי אַ גאָס־געטאָן אַ געדיכטער רעגן, וואָס האָט פאַרוויגט. אַ וועק־זייגער האָט דאָ ערגעץ געקלאַפּט. עפּעס איז דאָ אַלץ גע־ווען אַזויווי דאָרט, אין דער אַלטער היים, ווו זייערע קינדערישע וויגן זענען אַמאָל אַרונטערגעהאַנגען פון נידעריקן באַלקן אויף אַ האָקן און ס׳איז פאַרגאַנגען אַ זויערלעכער ריח פון מילכיקס.

זיי האָבן דאָ טאַקע באַקומען צוויי גרויסע שטיבן מיט די פענצ־טער אין סאָד אַריין. די פורן האָבן געבערענגט דאָס מעבל פון שטאָט, און די פיאַנע אויך. די שפּערלען זענען אין דעם יאָר פרי צוריקגעקומען אין די אָנגעשלאָגענע הייזעלעך איבער די פוי־ערישע דעכער. דאָ איז מען געווען ווייט פון שטאָטישן טומל, פון די היימלאָזע, וואָס האָבן געצויגן טאָג און נאַכט איבער די חרובע גאַסן. מען האָט געהערט ווי די באַן גייט פאַרביי. אינדערפרי איז דער טאַטע אַרויסגעפאָרן מיט די אויפגעלאָדענע פורן מיסט אין

פעלד אַריין. ער האָט פריילעך געשמיצלט די פערד און איבער־
געווערטלט זיך מיט די יונגען. אַביסל האָבן די מיידלעך געאַרבעט
אין שטאַל, אַביסל ביים איבערקלייבן די זריעות.

דער אַגראָנאָם שאַיע איז אַרומגעגאַנגען אין באַגינען איבערן
גרויסן הויף מיט אַ שטרויעלע אין מויל, אַ פּאַרמוחטער. ער האָט
שוין באַצייטנס געבראָכן זיך דעם קאָפּ וועגן פּאַרזיי — אויף
וועלכן שטיק פעלד צו מאַכן ווייץ, אויף וועלכן גערשטן און אויף
וועלכן קאַרטאָפל. ער האָט זיך אויך געקליבן אין וואַיעוואָדישן
קאָמיטעט אַריין, צו געבן זיי דאָרט די אמתע עליה פאַר די אייב־
געהאַנדלטע פערד. ער איז געווען אַ מיטלוווקסיקער, אַ פעסטער,
ווי אַ פּניאַק, וואָס קיין שום שטורעם קען אים נישט אַרויסרייסן.
ער איז דאָ, האָט מען געפילט, געגאַנגען אויף אייגענער ערד. ער
איז שוין אין זיין לעבן אויסגעווען ווו די וועלט האָט אַן עק. זיין
ווערטל איז געווען: „לאָמיר לעבן דאָ, ווו ס'לאָזט זיך". אין די
ביטערע פאַר יאָר איז ער פאַרוואָרפן געוואָרן ערגעץ אין מערב־
סיביר, אין אַ קאָלכאָז. ער האָט דאָרט אויסגעפונען און געוויזן זיי
אַ ניי סאָרט מיטל פון קינסטלעכער באַמיסטיקונג. מען האָט אים
גאָרנישט געוואָלט אָפּלאָזן פון דאָרטן, נאָר ס'האָט אים, ווי אַלע
יידן, געצויגן אָפּצוזוכן די היימישע. איז ער אַוועק מיט דער פּוי־
לישער אַרמיי און ווי אַן אונטעראָפיציר, געהאָלפן באַפרייען די
מערב־געביטן. ער האָט זיי געהאָלפן אויסרויכערן, די דייטשן.
דאָ, ביים אָדער און ביידער נייסע, האָט ער זיך געשלאָגן, נקמה־
גענומען. ער האָט אַ כאַפּ־געטאָן צווישן זיינע קלעצלדיקע פינגער
אַביסל ערד פון נידערשלעזיע און האָט איינער פון די ערשטע גע־
לאָזן פאַלן: „דאָס וועט אויך זיין מיין נקמה". ער איז געווען צו־
פרידן צו זען יידן באַזעצן זיך דאָ אין די שטעטלעך, נאָנט פון די
לאַגערן, ווו זיי זענען, האַלב־טויטע, באַפרייט געוואָרן. ער איז
אַרומגעלאָפן צו די קאָמיטעטן, פּאָרגעלייגט, גערעכנט אויף די
פינגער און ער האָט זיינס דורכגעשלאָגן. דער ערשטער איז ער
אַראָפּגעפאָרן אַהער, אַרומגעדרייט זיך, באַקוקט און געזוכט יונ־
געלייט, וואָס זאָלן אים קומען העלפן.

מוני און הערצקע, וואָס האָבן אין ראַטנפּאַרבאַנד געאַרבעט
אויף ערד און זי ליב־באַקומען, זענען אים נאָכגעגאַנגען יעדן

טריט. זיין ווארט איז געווען אַ באַפעל. מיט די איבעריקע, וואָס זענען די ערשטע צייט אַזוי צוגעפאַלן, האָט ער געהאַט געגוג צרות. זיי זענען געקומען, אַ שמעק געטאָן און זענען באַלד נעלם געוואָרן. „זאָלן זיי לויפן — האָט ער געזאָגט — דידאַזיקע וועלן שוין אינערגעץ נישט זיין קיין לייט״. ס׳איז אויך נישט לייכט געווען מיט דער צעטראָגענער ווירטשאַפט. אַביסל האָט ער אַליין אויספאַריכט, אַביסל איז ער געלאָפן צו די קאָמיטעטן.

דער ייד שלמה הורוויץ איז אים גלייך געפעלן געוואָרן. ער איז נישט קיין רויער, ער ווייסט וואָס אַ פלאַנץ איז, מיט אים קען מען זיך באַראַטן. ס׳איז אים אויך געפעלן, וואָס ס׳איז פריילעכער געוואָרן אין דער משפחה. אינדערפרי האָט שאַיע יעדערן איינ־געטיילט זיין אַרבעט.

— איר, מיינע טייערע איידעמלעך — האָט ער, לאַכטנדיק, מיט אַ ווונקעלע פון אונטערן פאַרדרייטן דאַשיק, אָפּגערופן זיך צו מו־ניען און צו הערצקען — איר וועט אַרויספאָרן מיט די שקאַפּעס צום אַקער. נאָר זעט, פאַרמאָרעט מיר דאָרט נישט די חיות, אַרויפ־וואַרפן אַ קאָלדרע, טאָמער נעמען זיי שוויצן.

ביידע האָבן זיי זיך אויסגעצויגן מיליטעריש־שטייף, מיט אַ פול מויל געלעכטער, איידער זיי האָבן אַריבערגעוואָרפן די פיס איבער די פערדישע רוקנס.

— ווי מיינט איר? — האָט ער גערעדט צו שלמה הורוויץ — איז דען נישט גלייכער אַליין אַרויסצושלעפן אַ שטיקל ברויט פון דער ערד אַרויס, ווי צו גיין אין די קאָמיטעטן?

— בזעת אפיך תאכל לחם — האָט דער ייד געענטפערט מיט אַ פסוק — איך, צופעליק, ווייס יאָ וואָס דאָס הייסט, חבר שאַיע, און מיינע מיידלעך זענען אויך נישט קיין אויסגעצערטלטע קינ־דערלעך. זיי האָבן, גלויבט מיר, געגוג זיך אָנגעליטן.

— אָבער עפּעס הייסן זיי דאָך ביי אייך, ר׳ שאַיע, פונקט ווי אין תנ״ך. אַ שאָד, וואָס מען רופט מיך שאַיע, נישט בועז... איי־איי־איי! — האָט ער ממזריש אַ בליק־געטאָן צום אייגענעם ווייבל, וואָס איז געשטאַנען דערביי.

— אַזאַ אַלטער בייך! — האָט זי געלאַכט, דאָס ווייבל, גע־

הויבן מיט די אַקסלען און אונטערגעטריבן די קי פון די געמויער־טע שטעלער צום טויערל.

— זיי זענען, פאַרשטייט איר מיך, געבוירן געוואָרן ביי מיר פונקט אום שבועות, ווען מען פוצט אויס די שטוב מיט גרינס... — האָט ער שווער אָפּגעזיפּצט, דער ייד, און האָט מער נישט געפונען קיין ווערטער.

— אַ געלעכטער אין אַ זייט — האָט ער שוין צולעצט אַ מאַך־געטאָן, שאַיע — די יונגען, ר׳ שלמה, געפינען זיך נישט קיין אָרט. מאַכט זיי חתונה מיט די מיידלעך און פּטור. זאָלן זיין שמחות ביי יידן, און טאַקע ווי ס׳שטייט אין תנ״ך: „און בועז האָט גענומען רותן און זי איז אים געוואָרן פאַר אַ ווייב״... עצבות, גלויבט מיר, האָבן מיר שוין גענוג געהאַט.

אַלע האָבן איינגעפונען, אַז ס׳איז גאָרנישט אַזאַ קרומע זאַך. מ׳האָט דיביידע פאַר־פעלקער אָפּגעגעבן דאָס פאַרקלאַפּטע הויז אין פאַרק. ס׳איז פריער געווען אַ זומער־וווינונג פאַר די פּריצישע יונקערס, וואָס האָבן אַ גאַנץ יאָר אַרומגעהוליעט אין די גרויסע שטעט. ס׳איז געווען אַן איינשטאָקיק הילצערן הויז, מיט שיינע, לופטיקע צימערן, מיט וועראַנדעס, נאָר אַביסל אָפּגעלאָזן. האָט מען עס אויסרעמאָנטירט, איבערגעפאַרבט עס פון אויסנווייניק אויף גרין און דאָרט טאַקע איז געפּראַוועט געוואָרן די חתונה. ס׳איז געווען אַ פריילעכע חתונה. עס זענען אָנגעקומען פולע בריטשקעס מיט כלי־זמר און געסט. עס זענען געקומען גראַטור־לאַציעס און מתנות פון וואָיעוואָדישן קאָמיטעט און אַפילו פון צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע.

דער שניט איז אין דעם יאָר אויסגעפאַלן זייער אַ פריילעכער. ס׳איז געשטאַנען אַ שיין, טרוקן וועטער. די ווייבער האָבן גע־ברענגט דאָס עסן אין פעלד אַריין. הינטער די בערג, אויפן האָ־ריזאָנט, ווו עס האָבן געראויכערט די קוימענס פון די קוילן־גרובן און פון די פאַבריקן, איז געשטאַנען אַ זילבערדיקער וואָלקן און ס׳האָט געשפּאַרט פון דאָרט אַ שטאַרקע ליכטיקייט. די ליכטיקייט האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין אַ רעגנבויגן איבערן דאָרף און איבערן פּריצישן טורעמל אין טאָל.

פאַרנאַכט איז עס געווען, ווען זיי האָבן זיך נאָך אַ טאָג אַרבעט

אומגעקערט פון פעלד אַהיים. רות און נעמי זענען געגאַנגען מיט פאַרביקע טיכלעך אויף די קעפּ, פאַרבראַנזטע פון דער זון. אַרום — די פריילעכע חברה יונגען.

— מען וואָלט זיי שוין אפשר באַצייטנס געדאַרפט באַפרייען פון דער אַרבעט, אייערע טעכטער — איז דער אַגראָנאָם שאַיע, דעם דאַשיק פאַריסן איבערן שטערן, געגאַנגען זייט־ביי־זייט מיט שלמה הורוויץ — זיי וועלן אונדז אַ ליאַדע טאָג ברענגען אויף דער וועלט נייע יידישע פּויערימלעך...

— דאַכט זיך, וואָס?... — איז ער געווען פאַרחושט, שלמה הור־וויץ און אויף זיין קנייטשלדיק פּנים איז געווען לייטזעליקייט, גליק און גערעדט האָט ער סתם אַזוי, בלאָזנדיק פאַר־זיך דעם רויך פון אַ פּאַפּיראָסל — דאַכט זיך, פאַרוואָגלטע יידן, אויף אַלט־פּוי־לישער ערד. ווי מיר וואָלטן דאָ געבוירן געוואָרן, ווי מיר וואָלטן דאָ געלעבט פון כמה דורות...

— ווי שיין ס׳וואָלט געקענט זיין — וואָלט מען אפשר גיכער באַדאַרפט זאָגן, ר׳ שלמה. אַלט־פּוילישע ערד, צי נישט אַלט־פּוי־לישע ערד. די ערד איז אַלעמענס און איז קיינעמס נישט. זי שפּייזט דעם מענטש, די בהמה און איז צו אַלעמען גלייך גוט. צי איז עס אויף די פעלדער פון קרים, כערסאָן און אין אונדזער היימישן ביעלאָרוסיע נישט שיין געווען? צי וואָלט עס נישט געקענט זיין שיין אויף די פעלדער פון עמק? ווי שיין ס׳וואָלט געקענט זיין...

## קאַפּיטל דרייאונדרייסיק

# אויף די שליאַכן פון אייראָפּע

שוין צום וויפלטן מאָל ווי קורט ווינקלער איז נאָכגעגאַנגען אין דיזעלבע אויסגעטרעטענע שפּורן, וואָס האָבן אים ערשט דאָ נישט לאַנג, איינגאָנצן מיט אַ יאָר צען צוריק, דעם לעצטן מאָל געהאַט אָוועקגעפירט איבער געגנבעטע גרענעצן, איבער פּאַריז, צו די שלאַכטפעלדער פון שפּאַניע, צו דער טרויעריקער עמיגראַ־ציע און צו די בערג אין סאַוואָ. דאָסמאָל אָבער איז ער נאָכגע־

גאַנגען די שפּורן פון זײַנע „אָסט־יודן", די רעשטלעך פון אַ טראַגישן דור, וואָס האָבן איצט מאַסנווײַז בלינד געצויגן אין די לאַגערן פון דײַטשלאַנד, אין דער וועלט אַרײַן, וואָס ווײַטער פונעם אָרט פון זייער אומגליק. וואָס האָט מען זיי דען געקענט זאָגן, אָדער פאָרוואַרפן, די אַלע איבערגעשראָקענע ייִדן?

אים אַליין האָט עס אויך אַמאָל בלינדערהייט אַזוי געהאַט פאַרפירט. ס'איז געווען מיט יאָרן צוריק, אַ ייִנגל נאָך, ווען דיזעלבע שליאַכן האָבן אים איינמאָל געהאַט אַוועקגעפירט ווײַט פון זײַן היימישן דאָרף אין מזרח־גאַליציע, אַזש ביז קיין בערלין, וווּהין עס האָבן אים נײַגעריק פאַרלאָקט די גרויס־שטאָטישע ליכטער, די טעאַטערן — די ווײַטע, שיינע, אויסגעחלומטע וועלט, וואָס הייבט זיך אָן אָונט־צײַט, אויף יענער זײַט פאָרהאַנג. דאָרט האָט ער דאָך איינמאָל געוויינט מיט אמתע טרערן און געלאַכט מיט אַזויפיל ווײַטיק, אַז אַלע טעמפּע, אָפּגעפרעסענע דײַטשן האָבן אַרויפגעקוקט צו אים מיט אויפגעריסענע מײַלער און נישט פאַרשטאַנען — אַ נײַער שײַלאָק האָט געוויינט און געלאַכט פון די בינע־ברעטער, אין דעם פאַרבלאָנדזשעטן ייִדישן ייִנגל פון אַ ווײַטן דאָרף אין די בעסקידן־בערג.

דאָסמאָל איז ער שוין אָבער געהאַט אַוועק אויף שטענדיק. ער האָט זיי מער נישט געוואָלט קענען. די איבערגעפּאַקטע גאַלעריעס, וואָס האָבן זיך געבראָכן, אַמאָל, דאָרטן, אין וואַרשע, אויף דער קאַראָווע, די ייִדן מיט די בערד, מיט די קאַפּאָטעס, די ענטוזיאַסטישע יוגנט — זיי אַלע זענען דאָך אויסגעקוילעט געוואָרן, און אַצינד ציען די רעשטלעך אין דער וועלט אַרײַן. טאָ פאַר וועמען וועט ער נאָך איינמאָל שפּילן דעם שײַלאָק, דעם נײַעם, דעם טויזנט מאָל געלײַטערטן, צווישן עלעקטריזירטן שטעכל־דראָט פון קאַצעט?

ס'איז פונדעסטוועגן באַנג געווען דאָרט אַלץ — דאָס דורכגעליטענע לאַנד און ווידערגעבורט, די נײַע, עקשנותדיקע ציל־באַוווּסטע קלאָרקייט, וואָס הייבט זיך לאַנגזאַם אָן אַרויסצושיילן פון כאַאָס; ס'איז נאָר געווען דער טיפער ווײַטיק, וואָס אַזוי ווייניק ייִדן האָבן עס דערלעבט. זײַן טיפער גלויבן אין פאַרבלײַבן מיט זיי דאָרט. אַפילו דאָס אַלט־אײַנגעפונדעוועטע פּרײַסישע הויז אין

ווראָצלאַוו, פּונוואַנען אַלע דייטשן זענען, שוין אויף שטענדיק, אויסגערויכערט געוואָרן, איז באַנג געווען; דאָס שטילע הויז, וווּ ער האָט אַ קורצע צייט ווידער געחלומט און וואָס איז דערנאָך, אַזוי אומגעריכט אויפגעריסן געוואָרן פון אינערלעכע קאָנפליקטן, צווישן דעם פרעמדן, הפקרדיקן אַנגעלויף פון איבערגעשראָקענע יידן. „אַ קראַנקער דור, נאָך אַלעמען — האָט ער זיך אַליין געזאָגט מיט ביטערקייט — אַ דור פון ערב, אַ דור־המדבר. נישטאָ אַפילו אויף וועמען אויסצוגיסן די טענות, אַז די אייגענע, ביטער־אויסגעקעמפטע היים זייערע, איז צעטראָגן, צעריסן און עס בלאָזט דאָרט אַ ווינט פון הפקר. יעדער איינער מיט זיין קראַנקן קאָמפּלעקס".

און כאָטש זיינוויל האָט זיך, געקאָכט: „מיר דאַכט זיך, הערסטו, אַז איך ליקווידיר דאָרט אַלץ, אין פּאַריז, און קום באַלד צוריק", האָט ער אָבער, שוין באַלד אין לינץ, אויפן ערשטן זאַמל־פּונקט, וווּ מ'איז קוים איבערגעשלאָפן איין נאַכט אין אַ זשומענדיקן באַראַק, אויפן זעלבן דריי־גאָרנדיקן בעט, ווי אין לאַגער, זיך אויפגעכאַפּט אינדערפרי אַ צעטראָגענער און געזאָגט, אַז ער נעמט און פאָרט גלייך צוריק קיין פּאַריז. ס'האָט אים מיטאַמאָל אַ צי־געגעבן צו דער ליכטיק־פּאַרשייטער שטאָט, וווּ ער האָט יינגלווייז געשטעלט דעם ערשטן טראָט, וווּ ער איז אויפגעוואַקסן אין די קליינע שטריקער־אַטעליעס אויפן בעלוויל און אין די יידישע קאַפעס אויפן בולוואַר. ער איז געווען אַ מענטש מיט פּלוצימדיקע אימפּולסן, אַזוי אַנדערש, ווי זיין יינגערער ברודער הירש. ס'האָט אים צוריק אַ פאַרטראָג־געגעבן צום גרעל־באַליכטענעם "באַל־מיזעט"־קעלערל, צום „הערמיטאַזש", וווּ ער האָט — צוריק מיט אַ יאָר זעצכן אַוודאי — געהאַלטן אין זיינע אָרעמס, אין בענקענדיקן טאַנגאָ, אַזוי לייכט, ווי אַ פעדערל, די קליינע, בלאָנדע פּאַריזערין, די שענסטע פאַרקויפערין פון דער „גאַלערי דע בעלוויל". ס'איז געווען אַ שיינע אילוזיע. אַצינד איז נישטאָ מער קיין מאַדלען, נישטאָ מער קיין היים אין די דריי גאָרן־שטיבלעך אויפן הויכן בעלוויל. נישטאָ אַפילו פאַר וועמען אַפּצוהאַרעווען אַ וואָך און אַהיימברענגען דאָס פאַרדינסט, ווי אַמאָל — צו דער מאַמען אין דער האַנט אַריין. די נאַרישע מויד בראַנטשע, וואָס האָט זיך גע־

לאָזן פאַרדרייען דעם קאָפּ פון געלן „קוּאָפּער" — זי איינע, ווייס ער, איז פאַרבליבן. דעם מאַן מיטן ייִנגל — דעפּאָרטירט. זי ווינט ערגעץ אויף אַ ווייטער פאַרשטאָט און ניאַנטשעט זיך מיט אַ בלייך, אַנעמיש מיידעלע. שווער אַפילו צו וויסן ביי איר, צו וועמען דאָס קינד געהערט.

דיזעלבע שטעכל־דראָט־צוימען, וואָס האָבן פריער אָפּגעטיילט פון דער וועלט די ציוויל־„העפטלינגע", זענען דאָרט, אין די דייטשע און עסטרייכשע לאַגערן, נאָך אַלץ נישט געווען אַראָפּגעטראָגן; נאָר ביי די אויפגעבראָכענע טויערן האָט זיך איצט אַרומגעדרייט די אַמעריקאַנער מיליץ און פלינקע ייִדישע יונגעלייט, אין געפּאַסטע, אָפּיצירסקע שטיוול, מיט בלוי־ווייסע אַרעמבענדער, האָבן קאָמאַנדעוועט. אַ גאַנצן טאָג און אינמיטן דער נאַכט זענען אַלץ נייע יידן דאָרט פאַרפאָרן צום טויער. זיי האָבן געצויגן פון אומעטום, פון אַלע אָפּן־געלאָזענע גרענעץ־שפּאַרעס, באַלאָדענע מיט פּעק, מיט רוקזעק; פרויען מיט פּיצלעך קינדער, פאַרוויקלטע אין קאָלדרעס. מען האָט זיי דאָ אַלע אַריינגעפּאַקט אין זעלבן זשומענדיקן באַראַק, צוגעוואָרפן זיי אַ קאַרטאָן אַמעריקאַנער קאָנסערוון־שאַכטלעך און זיי האָבן זיך דאָ אויסגעמישט מיטן איבעריקן גרויען עולם, וואָס האָט זיך געדרייט, געמסחרט, געהאַנדלט און, פּונקט ווי די אַמעריקאַנער אַליין, אויסגעמישט זיך מיט די דייטשן, מיט די דייטשקעס און געפּירט אַ לייכט, זאָרגלאָז לעבן. לינץ איז געווען אַ דורכפאַר־לאַגער אין עסטרייך, איינער פון די פיל דורכפאַר־לאַגערן אויף די שליאַכן פון מיטל־אייראָפּע. איבער ווין, האָבן יידן ווידער געצויגן פון רומעניע, פון קאַרפּאַטנלאַנד, פון אונגאַרן. זיי האָבן זיך אָנדערציילט גרויל־געשיכטעס און אַ פייערל פון טויט־שרעק איז געווען אין זייערע אויגן. פונדאַנען האָבן זיי געצויגן ווייטער, איבערן דונאַי, קיין ציילסהיים, קיין פעלדהאַפינג, קיין רעגענסבורג, קיין מינכען, אין דער אַמעריקאַנער זאָנע. דאָרט, האָט מען דערציילט, פאַרמירן זיך שוין פּאַרטיעס „קיין ארץ", דאָרט זענען פאַראַן אַמעריקאַנער קאָנסולאַטן און די וועלט עפנט זיך פאַר זיי. ס'איז געווען אַ נייע פעלקער־וואַנדערונג פון יידן און מ'האָט זיך געפרעגט: ווהין וועט עס אַלץ פירן?

אַ וואָך צייט האָבן זיי זיךביידע אַזוי אַרומגעדרייט אין פעלד־האַפּינג, צוויי נעכט זענען זיי איבערגעשלאָפן אין ציילסהיים, אויפן וועג קיין מינכען, זענען זיי אויף אַ טאָג־צוויי אָפּגעשטיגן אין רעגענסבורג; און דאָ, אין די פאַרקאָפּטשעטע קאַזאַרמעס, איז זיינוויל באַלד דעמזעלבן אָוונט גלייך געוויר געוואָרן, אַז זיין ברודער הירש דרייט זיך נאָך דאָ אַרום, אין דער אָפּגעשאָסענער אוניפאָרם פון אַ פראַנצויזישן סאָלדאַט.

— איז עס אמת? הירש געפינט זיך דאָ צווישן דעם אָנגעלויף?

— האָבן ביי קורט ווינקלער אויפגעלויכטן די ביר־אויגן — נישט אַנדערש, דאָס יינגל האָט זיך שוין דאָ אויפסניי פאַרפּלאָנטערט... דער נאַאיוועך... כ׳קען אים, כ׳געדענק, אין וואַרשע נאָך...

דאָס יינגל האָט זיך דאָ אויף אַן אמת געהאַט אַזוי אומשולדיק פאַרפּלאָנטערט. ער איז שטומערהייט נאָכגעגאַנגען דאָס קליינע ביאַליסטאָקער יידישע מיידל. כמעט אַלע פון זיין לאַגער זענען שוין פונלאַנג געהאַט אומגעקערט זיך צו זייערע היימען. ווו איז דען געווען זיין היים? ער האָט שוין געוווסט אַלץ, וואָס עס האָט פּאַסירט אין פּאַריז. ס׳איז געווען דערזעלבער הירש. דאָס עקשנות־דיקע שויבערל האָט געפּלאָנטערט נערוועז און אומרואיק. ער איז נאָר אַביסל בלייך געווען, מיט מידע, אָנגעבלענדטע אויגן, מיט גרוי־ווערנדיקע שלייפן, צו פרי לויט זיין עלטער, מיטן עקשנות־דיקן קנייטשל אַרום זיין דינעם, פאַרשלאָסענעם מויל. ער איז שוין דאָ פאַרפּאַרעט געווען אין עפּעס אַ קולטור־קאָמיסיע, אין אַ דראַמ.־קרייז און האָט געוווינט דערווייל אין זעלבן אָפּגעצוימטן ווינקל פון דער גרויסער קאַזאַרמע, מיטן קליינעם יידישן מיידל פון ביאַליסטאָק.

ווי נאָר ער האָט אָנגעקוקט הירשן און דאָס קליינע מיידל, האָט ער גלייך אַזוי אַ מאַך־געטאָן, זיינוויל:

— קום, הירש! וואַרף דאָ אַלץ אַוועק, זאָג איך דיר, און קום מיט מיר.

דאָס יינגל איז פאַרבליבן צוריקגעהאַלטן און פאַרחושט. קורט ווינקלער האָט אים געקלאַפּט אין דער פּלייצע און זיך אָפּגערופן:

— ביסט יונג, הירש. פאַר דיר איז נאָך נישט געענדיקט. ניש־

קשה, זיינוול וועט דיר נישט פאַרפירן. קענסט שטאָלץ זיין מיט דיין ברודער . ער האָט נישט ווייניק דייטשן אָוועקגעלייגט.

די בײדע ברידער, וואָס האָבן זיך אַלעמאָל אָנגעקוקט זייטיק, האָבן זיך דאָ מיטאַמאָל דערפילט נאָענט אין זייער צער. זיינוול, מיט זיין גרויס מויל, מיט זיין שטעל פון אַן איינרייסער, האָט שוין געהאַט אַביסעלע אַראָפּגעלאָזן פון טאָן. ער האָט זיך אַפילו נישט גערימט מיט זיינע העלדישקייטן, ער האָט בכלל ווייניק גערעדט, איז געוואָרן נאַכטראַכטעריש. ער האָט שוין איצט מער נישט גע־זידלט דעם „שמינטעליגענט״, וואָס ער וויס נאָר צו ביכלען זיך און פירן דיסקוסיעס. ס׳איז שוין איצט באמת נישט געווען נאָכ־וואָס. אַלע אַלטע טענות זענען געווען אויסגעוועפּט. די היימען זע־נען געווען צעטראָגן. די מאַמע איז אין יענעם טרויעריקן 16־טן יולי, צוזאַמען מיט אַלע טויזנטער יידן אין פּאַריז, אַוועקגענומען געוואָרן אין וועלאָדראָם ד׳היווער, דער טאַטע, דער משכיל, וואָס האָט אויף די עלטערע יאָרן געהאַרעוועט אין געוועלבל, אַליין גע־שטופּט די וועגעלעך צווישן אויטאָס און לאַסט־וועגענער, אויפן מיטן ברוק, האָט שוין אויך נישט געלעבט. ער איז שטיל אויסגעג־גאַנגען, נאָך איידער דאָס אומגליק איז געקומען.

מיט קורט ווינקלער האָט מען זיך צעשיידט אומגעריכט און שטיל; און כאָטש ער האָט שטאַרק געגלויבט, אַז אויף די וועגן פון אייראָפּע וועט מען זיך נאָך אפשר ווען באַגעגענען, האָט ער זיי געזאָגט מיט טיפער גערירטקייט:

— כ׳בין מיד, מיינע יינגלעך. אונדזער געשיכטלעכער וואַנדער, אונדזערער געשיכטלעכע קאַטאַסטראָפעס זענען נאָך נישט אויס צו זיין פאַרענדיקט. איך פאָר דערווייל צוריק צו מיינע יידן אין ני־דערשלעזיע. זיי באַדאַרפן מיך. קיין סטאַבילע היים בויט מען נאָך דערווייל אין ערגעץ נישט. דאָס אַלץ דאָ איז באַמיסטיקונג פאַר אַ נייעם דור. כ׳בין מיד פון אייראָפּע. אָט רעדן זיי שוין ווידער וועגן אַן „אייזערנעם פאָרהאַנג״, די שווינדלער. ס׳איז אַן איבע־רייס צווישן צוויי אָקטן, אַביסל אַ לענגערער איבערייס. און אפשר דאָס אויך נישט. נאָר כ׳פיל, אַז דאָסמאָל וועלן מיר זיך מער נישט לאָזן...

— נאָכוואָס, אייגנטלעך — האָט זיך הירש געפרעגט — פאַרן

אַצינד קיין פּאַריז? צו וועמען? דאָ זענען מיר כאָטש אינדערמיט וועג. אָדער צוריק צו די רעשטלעך פון פּוילישן יידנטום, העלפן בויען, אָדער מיטגיין מיט די אַלע דעם וועג פון יידישן וואַנדער.

מיט די לעצטע עשאַלאָנען, וואָס האָבן צוריקגעפירט די דער־פּאַרטירטע און געפאַנגענע, האָבן זיי זיך אין שפּעטן מערץ אַרי־בערגעכאַפּט צוריק קיין פּאַריז.

אין אַ פראָסטן מיטוואָך זענען ביידע ברידער געשטאַנען ביים קאָנטואַר אין דער קאַפע „דאָס ליכט פון בעלוויל", אויפן בול־וואַר. זיינוול האָט זיך אַזויווי צום ערשטן מאָל איינגעקוקט אין זיין אייגענעם לייבלעכן ברודער. די קרומע פּריליינג־זון, וואָס איז געפאַלן דורך די שויבן, האָט אויף אים אָוועקגעלייגט אַ דורכזיכ־טיקע בלייכקייט. ס'האָט אים מיטאַמאָל אַרומגענומען אַזאַ אומ־באַשטימטער צער. קיין סך האָבן זיי סיי־ווי נישט גערעדט צווישן זיך. ס'איז אויך כמעט נישט געווען אויף וועמען נאָכצופרעגן זיך. אַלץ איז געווען קלאָר און נאַקעט־איינפאַך. בייזאַמען האָבן זיי דערנאָך געשפּאַנט איבערן טראָטואַר; דערזעלבער טראָטואַר, ווו זיי האָבן צום ערשטן מאָל אַ קוק־געטאָן אויף פּאַריז. גאָרנישט כמעט איז דאָ געווען געענדערט. דיזעלבע קאַפעס אין ראָג פון די בלינדע געסעלעך, דיזעלבע אָפּגעקראַכענע שילדן איבער די האָ־טעלן. אומגעריכט האָבן זיי זיך מיטאַמאָל דערזען פאַרן נידעריקן טויערל, ווו מען פלעגט זיך אַלעמאָל אַרויפכאַפּן צו די דריי הייַ־מישע גאָרן־שטיבלעך. „עפּעס פירן דיר די פיס אַליין אַוועק — האָט זיך זיינוול געכאַפּט דער ערשטער — דער טייוול זאָל עס וויסן"... און ער האָט זיך שאַרף אָפּגעקערט.

זיינוול האָט שוין איצט געוווינט מיט דער קוזינקע עוואַ, אָדער כאַוועטשע, ווי ער האָט זי גערופן היימיש. זיי האָבן פאַרנומען אַ קליין, באַשיידן דירהלע, ווייט פון בעלוויל און זיינוול האָט זיך ווידער געפּאַרעט אין זיין קליינער שטריקער־אַטעליע. ס'איז גאָר־נישט געווען דיזעלבע עוואַ. זי איז, דאַכט זיך, ייַנגער געוואָרן, אָבער ס'האָט אַרויסגעקוקט פון איר אַזאַ דורכגעליטענער צער. זי האָט זיינוולען אויף קיין טריט נישט אָפּגעלאָזן און הירשן, ווען ער איז אַמאָל אַרויפגעפאַלן צו זיי, האָט זי אַרומגענומען מיט אַלע וואַרעמקייטן.

— נו, וווּהין פֿאָרט מען אַצינד? — האָט זי לאַכנדיק געפֿרעגט בײַם צעטראָגענעם ייִנגל.

צום פֿויער פֿון אָווערן האָט ער מער נישט אַרײַנגעשמעקט, זײַנוול. אַפֿילו דאָס אײגענע ייִנגל זײַנס, וואָס האָט אים פֿון צײַט צו צײַט אויפֿגעזוכט, איז אים אָפּגעפֿרעמדט געוואָרן.

הירש האָט זיך דערווײַל אויפֿגעהאַלטן, צוזאַמען מיט די אַלע פּריש־אָנגעפֿאָרענע, אין אַזיל אויף רי דע ראָזיע. ס׳איז גיכער געווען אַ נייגער, נאָכצוגיין די פֿאַרוואַנדלונג פֿון די אַלע לאַגער־מענטשן. צוזאַמען מיט זיי איז ער דאָך געקומען אַנטלאָפֿן אין דעם לאַסט־צוג פֿון דײַטשלאַנד. דאָס זענען געווען רעשטלעך פֿון אַ דור מידע, צעבראָכענע, אָבער דורכגעטריבענע מענטשן. איצט איז אַלץ געווען אָפּגערוישט. ער האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן פֿרעמדע מענטשן, אין אַ פֿרעמדער וועלט. די קליינע האָט אים אויך געמאַכט אומרויִק. ער איז איר דאָ כסדר נאָכגעגאַנגען. ער איז געווען אַביסל עלטער פֿון איר, אָבער זי איז געווען געשיקט. אַלעמאָל פֿלעגט זי אים אויסרינען פֿון הינטער די הענט.

ס׳איז געווען אַן אַלט הויז אויף רי דע ראָזיע. נאָכן אָוונט־עסן האָט אַ געלער ייִד מיט אַ שטעכיקן אויסזוקס, מיט אַ פּאָר־פֿעטסט קאַסקעטל איבער די אויגן, מיט אַ וויסט ברומעניש גענו־מען זיך אַראָפּרוימען פֿון די לאַנגע, נאַקעטע טישן. פֿון די לעצטע האָט זיך הירש אומרויִק אַ הייב געטאָן און האָט באַשלאָסן צו גיין זי אויפֿזוכן. זי איז געווען ווי אַ ווינטל. צומאָרגנס האָבן זיי אַלע באַדאַרפֿט אַרויספֿאָרן אויף צוויי וואָכן אָפּרו אין אַן אַלטן שלאָס בײַ דער מאַרנע און אײַנאָוונט האָבן זיי דאָ באַשטימט מיט אַ גאַנצער באַנדע צו גיין זען דעם סאָוויעטישן פֿילם „וואָרט אויף מיר”. די לאַנגע, אומעטיקע עס־פּאַלאַטע אין דער ראָטשילד־אַכ־סניה איז שוין געווען ליידיק. אויף די טרעפּן פֿון אַלטן, אָפּגע־לאָזענעם הויז, מיט די אָפּגעריבענע מזוזות אויף די טירן, מיט די פֿאַרקאָפּטשעטע גאַז־פֿלעמלעך אין די נישעס, איז געווען בלויז געלעכטער און גערעדעריי.

הירש האָט דורכגעשפּאַנט די טוכלע שלאָף־שטיבן אויפֿן דריטן שטאָק און אַרײַנגעקוקט אין אַלע אָפֿן־געלאָזענע טירן. ס׳איז שוין מער קיינער נישט געווען אויף די שטיגן. ער איז אַ ווײַלע שטיינ־

געבליבן אין נידעריקן טויערל, באַטראַכט, ווי צום ערשטן מאָל, די אַלטע הייזער מיט די אָפּגעריבענע פאַסאַדן, גאַרנס, גאַניקעס. אויפן ברוק זענען ווייך געפאַלן די רעדער פון אַ פאַרצייטישן פאַ־יעטאָן, מיט צוויי אויסגעלאַשענע לאָמפּן פונפאַרנט. ס'איז נאָך דאָ אַלץ געווען פאַרטונקלט, ווי מלחמה־צייט. פון דער יידישער קאָפּע קעגנאיבער האָט די שויבן־טיר מיטן אָנגעמאָלטן מגן־דוד גע־וואָרפן אַ געלע שיין אויפן טראָטואַר. „מאָדנע — האָט ער גע־טראַכט אָפּגעריסן — ווי אין די אַלע פרעמדע, גרויסע שטעט פאַר־קלייבן זיך יידן אין אָט די געסעלעך, דערנאָך פאַרשווינדט עס אויך".

די קליינע האָט אים ווײ געטאָן און פאַרדראָסן. דורך אָט דעם מיידל האָט ער געהאַט דעם איינדרוק צו קלאַמערן זיך אין דעם, וואָס איז געווען אַמאָל, דאָרטן. זיי זענען דאָ אָבער אַלע געווען ווי פאַרבלאָנדזשעטע. אַביסל איז מען געשלאָפן אין טאָג אַריין, אַביסל איז מען אַרומגעלאָפן אין די קאַמיטעטן. פלענער זענען געווען אַ סך און אַלץ איז נאָך געהאַנגען אינדערלופטן. מען האָט שוין גאַרנישט געטראַכט אַזויפיל וועגן „ארץ", מיטגעדרייט זיך אין די קליינע יידישע רעסטאָראַנען, וווּ צעקאָכטע יונגעלייט און דורכגעטריבענע ווייבלעך האָבן בגנבה געהאַנדלט מיט וואַלוטע, מיט אַמעריקאַנער פאַפּיראָסן, מיט אַלע טריפהנע סחורות, גע־דרייט טונקעלע געשעפטן מיט די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן. אַרום פול־אָנגעלייגטן בופעט האָבן אַרומגעפלאָטערט דיזעלבע צעקאָכ־טע יונגעלייט פון די לאַגערן, אין גלאַנציקע שטיוועלעך. זיי זע־נען אַלע פאָר טעג פאַרשווונדן, געברענגט פרישע פאַרטיעס פון דייטשלאַנד. אַ טראַגעדיק, שוואַרץ מיידל, כמעט אַ קינד נאָך, פול באַהאָנגען מיט צירונג און מיט שווערע רינגען אויף די הענט, איז דאָרט נאָכגעגאַנגען איינס אַזאַ צעקאָכט בחורל. מען האָט דאָרט ווידער געגעסן גרויסע שטיקער פיש, פאַרגאָסן מיט בראָנפן. מען האָט דאָרט אויסגעפלעט עפּעס אַ שלעכט געמעלעכץ, ווי דייַ־טשן יאָגן יידן צווישן שטעכל־דראָטן. אין טומל האָט זיך קיינער גאָר אויפן בילד נישט אומגעקוקט. די צעהיצטע קעלנער האָבן געטראָגן פאַרעדיקע טעלערס לאָקשן, מיט קניידלעך איבער קעפּ און געגוואַלדעוועט.

הירש איז אויך מיטגעפאָרן מיט זיי אויף אַ פּאָר טעג אין שלאָס אַריין. די באַן האָט זיי געבערענגט שפּעט אין דעם פאַרוואָרפענעם עק. צום אויסגעלאָשענעם פּאַלאַץ זענען זיי געקומען מיט אַ זייטיקער סטעזשקע, ווען ס׳איז שוין געווען גוט טונקל. ס׳האָט געצויגן מיט אַ לינדער דופטיקייט. די קליינע איז געגאַנגען לעבן אים. אין זיינע אויגן האָט זי נאָך אַלץ אויסגעזען ווי אַ קינד. דער לאָדזשער בחור, וואָס שפּייט אויס פון זיך די לונגען, האָט שטיל איינגעטענהט מיט דעם פּרעמישלאַנער יונגערמאַן, דעם פּאַצעט, אין די שטיוועלעך, וואָס פּייפט נאָכאַנאַנד דייטשע לידלעך דורך די גראָבע ליפּן. די צוויי בלייכע ווילנער מיידלעך האָבן עפּעס געלאַכט פאַרשייט. די איבעריקע זענען געגאַנגען אין טומלדיקע גרופּעס. זיי האָבן אָנגעקוקט דעם פרעמדן הימל, די פרעמדע שטערן און ס׳האָט זיי דערמאָנט די היימישע שטעטלעך פון אַמאָל.

אָבער דאָ איז זיי קיין זאַך נישט ליב געווען. זיי האָבן זיך נאָכאַנאַנד געקריגט מיט די אויפזעער איבער די עסנס, איבער די בעטלעך אין די שלאָף־צימערן. וואָס טוט ער דאָ, אייגנטלעך — האָט ער זיך איינמאָל געכאַפּט, הירש — צי קען ער זיי דען פאַרשטיין?

דאָס קליינע מיידל האָט געשמייכלט קינדעריש און איז ווידער פאַרפאַלן געוואָרן. זי האָט אים געריסן דאָס עקשנותדיקע שויבערל און אַריינגערעדט אין אים: „ביסט אַ נאַר, פאַרשטייסט נישט”. ער האָט זי אָנגעקוקט. פון איר נאַאיוון, קינדערישן בליק האָט אַרויסגעקוקט ראַפינעריע. אַלץ מסתמא האָבן אירע אויגן שוין צוגעזען. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז דער יונגערמאַן מיט די גראָבע ליפּן האָט דאָרט ערגעץ פאַרשטעקט ביי זיך אַ סך גאָלד און דאָלאַרן. אויף דעם האָט ער זיך ערשט דערנאָך געכאַפּט. אָבער צי איז ער דען עפּעס אויסן געווען? ער האָט זיך נאָר געפילט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן קליינעם מיידל. דאָס האָט ער זי דאָך אַרויסגעפירט פון אַ סך פייערן. ס׳האָט אים שאַרף געקרענקט. „בין איך, הייסט עס, אין זייערע אויגן פאַרבליבן דער נאַאיווער בטלן”...

אינדערפרי איז ער שוין צו זיי דאָרט מער נישט אַרויס. ער איז נישט געקומען אויף מיטאָג, די קליינע איז אים אַפילו נישט געלאָפן אויפזוכן. אינאָוונט איז ער מיטן זעלבן צוג צוריקגעפאָרן אין

שטאָט אַריין. אויף די גאַסן פון שטאָט האָט מען זיך געפרייט, עס זענען געווען רעדעס, פייערונגען, מען האָט געטאַנצט אויף די טע־ראַסן פון די קליינע ביסטראָס. ער האָט זיך געטראָגן פון איין גאַס אין דער אַנדערער, אָנגעקוקט דעם עולם פרעמד, ווייט און גע־טראַכט, אַז אָט די אַלע וועט מען מיט עטלעכע יאָר שפּעטער ווי־דער מסתמא פאַרפירן אין אַ ניי אומגליק אַריין; אויב, נאַטיר־לעך, זיי וועלן זיך לאָזן...

## קאַפּיטל פּיראונדרייסיק

# נאָכמלחמהדיקס

דאָס ליד פון מאָריס שעוואַליע, אַקאָמפּאַנירט אין נייעם, אויס־קלאַפּנדיקן ריטם פון די ביליקע, אָבער עלעגאַנטע האַלץ־שיכלעך אויף די פּאַריזער בולוואַרן, אָקופּאַציע־צייט, איז נאָך אַלץ געווען ביי אַלעמען אויף די ליפּן. די גאַס איז ממש פאַרהילכט געוואָרן פונעם פּאָפּולערן שאַנסאָניערן ־ ליד. די פלינקע ציימונגס־יאַטן האָבן עס אויסגעפייפט אויף די ראָגן, ביי די מעטראָ־איינגענג. מען האָט עס — אויפן פּאַרלאַנג פון פּובליקום — אַקאָמפּאַנירט אין כאָר, אין די האַלב־נאַכטיקע, אָנגערויכערטע קאַנטינע ־ קאַבאַ־רעטן, פול באַזעצט מיט ביליקן מלחמה־עלעגאַנץ און מיליטערישע אוניפאָרמען; מען האָט דאָרט אין גרעלן, רוישיקן ליכט, נאָך אַלץ געטרונקען ערזאַץ־קאַפע, פאַרזיסט מיט סאַכאַרין, און מוטנעם, וואַסערדיקן ביר. אין די קליינע, לוסטיקע רעווי־טעאַטערן, אין די שאַפן, אויפן האַלב־נאַכטיקן פיגאַל, אויפן אַלטן און נייעם מאָנ־מאַרטר, איז דאָס ליד אַריין אין סאַטירישן סעזאָן־פּראָגראַם, וואָס האָט מיט אַ סך עספּרי און וואָרט־שפּיל, קריטיקירט די רעגירונג, וואָס איז נאָך אַלץ פּראָוויזאָריש, אַ שטאָך געטאָן די פּאַרטייען, פון רעכטס ביז עקסטרעם־לינקס, און דער עיקר — דעםווירטשאַפט־מיניסטער מיט זיין קאָמפּליצירטער קאַרטן־סיסטעם, פון וועל־כער עס האָט זיך נאָך אַלץ נישט געזען מען זאָל זי אַזוי שנעל פּטור ווערן.

די גאַס איז נאָך אַלץ באַהערשט געווען פון דער חוצפּהדיקער

אַמעריקאַנער סאָלדאַטשינע און פון די טונקעלע געשעפטן אין די הינטער־שטיבלעך פון די קאַפּייען אויפן פּאַבור. די מיידלעך פון טראָטואַר און די קליינע, פאַרהונגערטע און טענצלדיקע מאַגאַזין־פאַרקויפערינס האָבן זיס אַרויפגעשמייכלט צו די בלאָנדע, צעוואַקסענע אַמעריקאַנער ייִנגען, צו די נעגערן פון האַרלעם און פון דער „סאַוט", וואָס האָבן אַלע פלעגמאַטיש מאַלעגיירעט דעם קיי־גומי, געפּלאָנטערט זיך הינטער די פּיס ביי זיי, אַרום די זשורמענדיקע קאַנטינעס, ביוראָען און גאַראַזשן, גיריק איינגעשלונגען דעם זיסלעכן, פאַרפומירטן אַראָמאַט פון „לוקי סטריק" און „טשעסטערפילד".

די פלינקע דזשיפּס האָבן שוין אַפילו געוווסט אויפצוזוכן די אַלע זייטן־געסלעך אַרום פּלאַץ רעפּובליק און אויפן בולוואַר בעלוויל, די ייִדישע קאַפעס און רעסטאָראַנדלעך, מיט די רווישיקע געזעמלעך און פול־באַזעצטע טישלעך, ביז אַרויף. ייִדישע ווייבלעך, וואָס זענען ערגעצווו על־פּי־נס לעבן־געבליבן, אין טרויער־וואָלקעס און אין טרויער־בענדער, האָבן לייכט דערקענט די אַמעריקאַנער ייִדישע סאָלדאַטן, נאָכגעלאָפן זיי איבערן טראָטואַר, אויסצופרעגן זיך אויף האַלב־פאַרגעסענע קרובים, פריינט און — אויפן פרייז פון דאָלאַרן. אַלע האָבן זיי, אין טרויעריקן שמייכל, געגעבן אָנצוהערן, אַז זיי וואָלטן זיך גערן „מיטגעכאַפּט" קיין אַמעריקע, אַזוי־ווי זיי גייען און שטייען.

ס'איז נאָך יענער מלחמה אויך פאָרגעקומען עפּעס ענלעכס; אָבער דעמאָלט האָט דער פּשוטער מענטש, דער „פּואַלי" — דער פאַרוואַקסענער סאָלדאַט, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון די פראָנטן — נאָך אַלץ געגלויבט, אַז מ'איז אויף אַן אמת איבערגעקומען „די לעצטע", פּונקט ווי פראַנקרייך אַליין איז טאַקע זיכער געווען, אַז דער קריג איז געוווּנען געוואָרן. ווער האָט דען נאָכדעם דערמאָנט אַפילו די אָנדערטהאַלבן מיליאָן געפאַלענע ביי ווערדון? אין די אויפגעלויכטענע פאַריזער נעכט האָבן זיך דעמאָלט אויפן אַלטן מאָנמאַרטר, אויפן פּיגאַל און אין די רווישיקע בינשטאָק־קאַפּייען פון ניי־אויפגעקומענעם מאָנפּאַרנאַס, געגאָסן די בלאָנדע, שוימיקע ווייבען, די דזשאַז־קולות פון די קאָלאָניעס, אַקאָמפּאַנירט צו די נאַקעטע בויך־טענץ, האָבן פאַרהילכט די אָפענע טעראַסן.

דערפֿאַר איז דאָסמאָל די פרייד פון זיג שנעל אַריבער, שנעלער ווי מען האָט אַליין געגלויבט. מ׳האָט זיך גיך און אייליק אָפּגעפּאַרטיקט מיט די צוריקגעקומענע פון די דייטשע מאָרד־לאַגערן, צוגעטיילט זיי קאַרג און שפּאָרזאַם זייער חלק, זיי זאָלן זיך אָפּנעמען פאַרן טויט און גרויל, וואָס זיי האָבן דאָרט איבערגעלעבט. די ווידערשטענדלער פון די בערג, פון קוילן־געביט אין „נאָרד" און סט. עטיען, פון די פּאַריזער פאָרשטעט, האָט מען באַצייטנס, פאָרזיכטיק און איידל, אַרויסגענומען דאָס געווער פון דער האַנט אַרויס; די יינגלעך, וואָס האָבן באַוויזן העלדישקייטן קעגן אָקופּאַנט און כשר פאַרדינט די ראַנגען פון מיטעלע און אַפילו העכערע אָפיצירן, אין בלוטיקן געראַנגל מיט דער נאַצי־בעסטיע, האָט מען שנעל דעמאָביליזירט און צוריקגעשיקט זיי אין ציוויל אַריין.

פון דער בלויזער לופט האָט ער עס באַלד דערפילט, הירש — ס׳איז נישט דאָס. אַ שטאָט, איבערגעגאָסן פון גערויש, אַ וויסטער אָנגעלויף פון נייע מלחמה־גבירים און שפּעקולאַנטן, פון פרעמדע אַרמייען, אַן אומזיניק געיעג נאָך עפּעס אַזוינס, נישט אַלעמאָל פאַר זיך אַליין אינגאַנצן קלאָר. דאָסזעלבע גאַס־ווינקל אויפן הויכן בעלוויל, די קליינע ביסטראָ אין פּאַסאַזש, די לאַמטער מיט די אויסגעזעצטע שויבן — גאָרנישט כמעט האָט זיך דאָ געענדערט פאַר די זעקס דורכגעלאָפענע יאָר. וואָלטן כאָטש געווען שפּורן פון די באָמבאַרדירונגען, וואָלט זיך כאָטש עפּעס געווען געענדערט פאַרן נאַקעטן אויג. די יידישע אימיגראַציע איז דאָ אין משך פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר פאַרבייגעגאַנגען, פאַרבייגעפלאָסן, און, ווי די מדבר־טייכלעך, וואָס באַווייזן זיך פּלוצים און פאַרשווינדן פונקט אַזוי פּלוצים — קיין שפּור כמעט נישט געלאָזן נאָך זיך. עס הילכן, ווי אַמאָל, דיזעלבע לידער אויפן בולוואַר און איבער די גאַסן פון דער וועלט־שטאָט וויגן זיך פאַרביקע המונים. דאָס הויז, ווו די פיס האָבן בלינדערהייט אַליין געפירט, איז צעטראָגן. פרעמדע מענטשן וווינען דאָרט. מען עפנט אַ טיר, מען מעסט דיר אָפּ קאַלט. אין די אויסגעליידיקטע יידישן שטיבן בלאָזט אַ ווינט. מען קומט אַריין, מען גייט אַרויס, מען געפינט נישט מער דיזעלבע רייד, וואָס זענען אין די שלאָפלאָזע נעכט פון ביטערן צווייפל, געווען דאָס איינציקע שטיקעלע אָנהאַלט. דורכגעטריבנ־

קייט קוקט אַרויס פונעם אומשולדיקן בליק ביי האַלב־דערוואַק־סענע.

ראַפינירטע מענטשן זענען, געווייגלעך, מיד און גלויבן נישט מער. אָבער ער האָט נאָך אַלץ געגלויבט, שטאַרק און עקשנותדיק און אומדערשיטערלעך. אַט ווי מען גלויבט אין דעם אומשולדיקן שמייכל פון אַ קינד, ווי מען גלויבט אין דער אומפאַרמיידלעכער באַנייאונג פון דער נאַטור, וואָס וויקלט זיך יעדן פרילינג פאַנאַנ־דער, אַזוי בלוי און אַזוי לויטער און אַזוי נאַקעט־איינפאַך.

ס'איז געוועזן אַ מאָדנע געפיל אומבאַמערקט אַרייגצוקוקן אין די צעטראָגענע אויגן פון מענטשן. זיי האָבן אַלע געהאַט פאַרלוירן דאָס סאַמע טייערסטע, און האָבן זיך פונדעסטוועגן, אין דער אי־בערגעשוימטער שטאָט, נאָך אַלץ אַזוי אומזיניק געיאָגט, — מ'האָט געוואָלט אַריינכאַפן, אָפּנעמען זיך, דעריאָגן דאָס פאַרלוירענע. אַן אויסברוך פון קינסטלעכער פרייד איז געווען אויף אַלע צוזאַמענ־קומען. מ'האָט זיך פאַרברידערט, געטרונקען, געריסן זיך מיט שי־כורע קולות, צו פאַרטויבן אין זיך אַליין די גרויסע, מוראדיקע הוילקייט, דעם עלנט. ס'איז געווען אַ שרעק צו פאַרבלייבן מיט אַט דעם עלנט איינער אַליין, צווישן די אייגענע פיר ווענט.

זיי האָבן שוין איצט אויסגעזען מאָדנע־ווייט, יענע יאָרן, ווען ער איז נאָר־וואָס געהאַט אַנטלאָפן פון דער דזשיקע גאַס — די איבערגעפּאַקטע טרעפן אַלע אָוונט אין דער „קולטור־ליגע". כמעט יעדן אויפדערנאַכט האָט מען דאָרט באַגעגנט פרישע פּנימער, לאַכנדיקע מיידלעך, קורץ־געשוירענע, רירעוודיקע יונגעלייט, מיט אַן אומרו אין בליק. זייער פריש, רושיק געלעכטער, זייערע קליי־דער פון אַ פרעמדער מאָדע, האָבן אַנגעווייעט די נאַגנדיקע לאַנד־שאַפט פון היימישע שטעט און שטעטלעך אין פוילן — מאַסוווקעס, דעמאָנסטראַציעס, תפיסות און געגנבעטע גרענעצן. מען איז יונג געווען און מען איז געלאָפן אין דער וועלט אַריין. די יידישע אַר־בעטערשאַפט אין פּאַריז, די יידישע קלובן, האָבן ווירקלעך אי־בערגעפלאַנצט עפּעס פון „דאָרט", פון אַמאָל. אַ פריילעך געגיי אָוונט־צייט פון ביבליאָטעק־צימער צום רעפעראַט פון פאָליטי־שער עקאָנאָמיע. פון הינטער טירן האָט פילשטימיק געהילכט דער כאָר — „היי, פערדעלעך בודיאָנישע".

אין שפעטן פאַרנאַכט האָט הירש ערגעץ אָפּגעזוכט דעם נומער און דאָס הויז מיטן אָפּגעקראַכענעם פּאַסאַד. דאָ האָט שוין ווידער געקלאַפּט דער פּולס פון ייִדישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, ניי־אויפגעשטאַנענע, אַרויסגעוואַקסענע פון דער אונטער־ערד, אין ביטערן געראַנגל מיטן שונא. אַלץ איז נאָך דאָ געשטאַנען אין רעמאָנט. די שטיגן — באַשפּריצט מיט קאַלך, די אַלטע עלעקטרישע אינסטאַלאַציעס — אַרונטערגעריסן. ער האָט קוים אַרויסגעפּלאָנטערט די פיס פון צווישן דראָטן און לייטערס. אויפן צווייטן שטאָק האָט אים אַ נידעריקער ייִד מיט אַ געלן אויסוווקס, מיט איינגעקוועטשטע ברילן־גלעזער, אָנגעוויזן די טיר רעכטס. ער איז שטיינגעבליבן אויף אַ שוועל פון אַ נידעריק צימער. דער לאָמפּ אונטערן גרינעם שירעם, וואָס איז אַרונטערגעהאָנגען פון סופיט, האָט קאָנצענטרירט דאָס גרעלע ליכט אויף די צוויי טישן פון פּראָסטן האָלץ, אָנגעוואַלגערט מיט ביכער. ס'האָט דאָ געשמעקט מיט שימל, מיט פרישע הובלנעס און מיט פאַרב. דער יונגערמאַן מיטן שפּיציקן קין האָט אים שווערלעך דערקענט און האָט בלאָס געשמייכלט.

— מיר ברענגען איצט, ווי דו זעסט, צוריק אין אָרדענונג דאָס דאָס ביסל גייסטיקע פאַרמעגן אונדזערס. ס'איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, קען מען זאָגן, פּונקט ווי יעדער איינער ייִד, וועלכער איז לעבן־געבליבן. ס'קומען שוין ווידער לייענער, נישט קיין סך, אָבער ס'קומען. אָט די בלייכע פרוי, וואָס איז דאָ נאָר־וואָס געווען — איר מאַן מיט די קינדער זענען נישט צוריקגעקומען פון אוישוויץ; זי קומט דאָ אָפּט. זי נעמט כמעט יעדן צווייטן טאָג אַ בוך. „מיין משפּחה” — ווייזט זי אויפן בוך און גייט שטיל אַרויס.

הירש האָט זיך דאָרט אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שפּיץ באַנק און האָט זיי באַטראַכט מיט שטילן יראת־הכבוד. ער האָט מער קיין רייד נישט געפונען. אַן אומבאַשטימטע בענקשאַפט האָט אים געוואָרגן. ער האָט אַריינגענומען דעם קאָפּ אין ביידע הענט, אויפגעריסן זיך, געזען ווי דאָס נישט זייער יונגע מיידל מיטן נישט־ייִדישן בלאָנד אין אויפגעקאַמטן שויבער, בלאָזט אָפּ יעדעס בוך, שטויבט עס פאָרזיכטיק אַרום און שטעלט עס צוריק אַוועק אויף דער פּאָליצע. פּשוטע אַרבעטס־מענטשן, וואָס האָבן דאָ איבערגעלעבט דעם שגעון,

געפירט אַ ביטערן געראַנגל, האָבן אויך געזאָרגט אַפּצוראַטעווען דאָס ביסל גייסטיקע פאַרמעגן אונדזערס. ס׳איז ווידער געווען אין אים אַ שטילע פרייד. אין זיי, די געציילטע, האָבן נאָך אַלץ גע־לעבט די שיינע טראַדיציעס פון אַמאָל, פון „דאָרט״, און זיי האָבן אָוועקגעגעבן די כוחות איבערצופלאַנצן זיי דאָ, אויפן שטיינער־דיקן באָדן פון דער עמיגראַציע.

דאָ האָט ער ווידער אומגעריכט באַגעגנט דעם אַלטיטשקן טאַ־בי מינסקער. אויך אים האָבן, זעט אויס, די פיס בלינדערהייט אַליין אַוועקגעפירט אַהער. נאָך אַזויפיל פינצטערע יאָרן, איז ער נאָכאַ־מאָל געקומען אין אַ יידישער קולטור־אינסטיטוציע, געקומען בלע־טערן דאָס בוך אין זיין האַנט, זיין אייגן בוך. דאָס איז געווען די־זעלבע זאַמלונג עסייען וועגן יידישן גורל, וועגן יידישער באָדנ־לאָזיקייט, וואָס איז אַמאָל דערשינען אין וואַרשע. די בלעטלעך, פאַרגעלטע אין די ראַנדן, האָבן נאָך פונדעסטוועגן אייגעהאַלטן אין זיך אַ פרישקייט. דאָס האָט ער זיי צעשטרייט אַנגעוואָרפן דאָרט, אַמאָל, אין די פיבערדיקע נעכט, נאָך די זיצונגען, נאָך די פאַרזאַמלונגען, טיילמאָל אין וואַגאָן, טרייסלענדיק זיך צו די פאַר־וואָרפענע יידישע שטעטלעך, אויף אַ רעפעראַט אין אַ פייערלע־שער־שאַפּע. אַ שיינע יוגנט געווען, אַן ענטוזיאַסטישע. זי האָט ווע־געטירט אין די שטעטלעך. זי וואָלט געקענט אַ וועלט אויפבויען, אַ וועלט שטורעמען. ווו איז זי אַצינד?

דאָס אַלץ, וואָס ער האָט זיי אַמאָל דערציילט, האָט ער אַליין טיף איבערגעלעבט. ער האָט פאַראויסגעפילט די אָנקומענדיקע שטורעמס; ער האָט געפרוווט צו געפינען אַ לייזונג, געזוכט ער־געץ אַ בישט־באַוווינט ווינקל אויף דער גרויסער וועלט, דורכצו־האַקן אַ וועג, צו בויען אַ הויז, אַוועקשטעלן אַ וויגל פאַרן ניי־גע־בוירענעם. ער האָט נאָך דעמאָלט צוביסלעך געגלויבט אין דער פעלקער־גערעכטיקייט, געגלויבט, אַז אויף דער וועלט, וואָס פאַר־מאָגט אַזויפיל אומבאַוווינטע שטחים, וועט זיך סוף כל סוף אָפּגע־פינען אַ ווינקל פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע; זאָל עס זיין אין דרום־אַמעריקע, אין אויסטראַליע, אָדער אין מאַדאַגאַסקאַר. מיניסטאָרן און לאָרדן האָבן געגעבן אינטערוויוען, מען האָט אָנגעשפּאַרט או־מעטום, ס׳איז אַפּעלירט געוואָרן צום געוויסן פון דער וועלט דורך

שיין־פּאַרפּאַסטע מעמאַראַנדומס. אַלעמאָל איז אויפגעשווומען אַן אַנדער פּלאַן, מען האָט געשיקט אויספאָרשונג־קאָמיסיעס, געאָלאָגן, עקאָנאָמיקער, זשורנאַליסטן. די פּרעסע האָט עס אויפגעכאַפּט, קאָמענטירט. אָבער אַלעמאָל האָט עס אומגעריכט געפּלאַצט, ווי אַ זייפנבלאָז. אַ דערקלערונג פון עפּעס אַ צענטראַלנגיקן באַאַמטן האָט אָפּגעווישט די אַלע טעריטאָריאַליסטישע אילוזיעס. אַ ים מיט טינט איז פאַרגאָסן געוואָרן, אַ ים ענערגיע איז אויסגעגעבן געוואָרן אויף גאָרנישט...

זיי האָבן זיך דערנאָך ערשט געכאַפּט, אַז דער יונגערמאַן און דאָס מיידל וואַרטן שוין אַזוי אַ היפּשע ווײַלע; זיי שטייען נישט־דרייסט, זיי האַלטן שוין ביים שליסן די ביבליאָטעק. די שעה איז שוין אַ שפּעטע. אין וואַרעמען אָוונט האָט אים שוין הירש דערנאָך באַגלייט ביז צום אָפּגעליידיקטן בולוואַר. ס׳איז שוין מער נישט געווען קיין רייד צווישן זיי. אַלע ווערטער האָבן אויסגעקוקט וואָכעדיק. ס׳איז אויך נישט געווען מער וואָס צו פרעגן, אויסצופרעגן זיך. זיי זענען נאָך אוודאי אַלץ געווען פאַרטראַגן אין דער וועלט, וואָס איז נישטאָ מער; אַ וועלט פון פאַרגעלטע בלעטלעך און נאָגנדיקע דערמאָנונגען. דער פאַרטראַגענער מענטש, וואָס האָט זיך זיכער אַרומגעדרייט מיט הויכער טעמפּעראַטור, האָט אים אָבער פּלוצים צוריקגעהאַלטן ביי אַן אַרבל, הירשן, און האָט אים הייס געפּליסטערט:

— קוק אָן אָט די פרעמדע ליידיקייט. צי זענען מיר דאָ נישט אַמאָל ווי די פאַרגעסענע שאָטנס? געדענקסט די סצענע פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק“ ביי די „ווילנער“?... יאָ, און דאָס לעבן גייט זיך ווייטער. די פאַרלעך אין די ווינקלען, די היימישע מוזיק פון די געסל־קאַפּייען. ווי ס׳וואָלט זיך גאָרנישט געענדערט; און מיר ציען זיך נאָך אַלץ, מיט אַלע אונדזערע פיבערן, צו אַ פאַרנאַכטיקן גאָלד־פלעק, צו אַן אילוזיע, וואָס צערינט. וואָס, אייגנטלעך, טוען מיר דאָ, אין די גרויסע, פרעמדע שטעט? כ׳וויל זאָלסט מיר דערויף ענטפערן. מיר זענען לעבן־געבליבן, דאַכט זיך מיר, נאָר כדי אָנצוקוקן ווי גרויס אונדזער אומגליק איז. ס׳איז אפשר נישט כדאי געווען, זאָג איך. זעסט דען נישט — די וועלט באַדאַרף אונדז נישט מער. מיר דאַרפן אַנטלויפן, אַוועק.

הירש האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם און ער האָט דערפילט מיטאַמאָל ווי דער אַלטער פיבערט אינגאַנצן. זיינע רייד זענען אויך געווען פיבערדיקע.

— האָסט צופיל אויסגעשטעלט אויפן וועלט־יושר — האָט הירש אַריינגערעדט אין אים קיל, אָן דעם געוויינלעכן פּאַטאָס — אַפילו מיט ארץ־ישראל, באַדאַרף מען דאָך אויך אָנקומען צו דער ציני־שער וועלט. ווער וועט עס דיר געבן, אויב מען וועט עס אַליין נישט אויסקעמפן? וואָס אָבער קען אונדז שוין אַנטוישן, נאָכדעם ווי מיר האָבן געזען די תפיסות אין פּוילן, די באָמבאַרדירטע שטעט אין שפּאַניע, די טויט־לאַגערן אין דייטשלאַנד. פונדעסטוועגן, זעס־טו, ווערט מען נישט מיד צו בויען אויף חורבות. קוק אָן די אַלע אויסגעלאָשענע האָטעלן אין די פינצטערע בעלווילער געסעלעך — אָט דאָ האָט זי אַ שטיק צייט געלעבט און וועגעטירט, אונדזער ליבע יידישע יוגנט פון פּוילן. אַנטלאָפענע פון תפיסות, פּאָגראָ־מען און אַרבעטלאָזיקייט, האָבן זיי דאָ אויסגעבויט אַרבעטער־אינס־טיטוציעס, קלובן, כאָרן, טעאַטערן, צייטונגען, קינדער־שולן. זעסט דאָס הויז מיט די אויסגעזעצטע שויבן, מיט די אונטערגעשפּאַרטע באַריערן? דאָ איז אַמאָל געווען דער בעלווילער יידישער אַרבעטער־קלוב. סוף 1936 האָט ער זיך געשלאָסן, ווייל כמעט אַלע זענען אַוועק אויף די שפּאַנישע פראָנטן. זיי, דיזעלבע, האָבן זיך דערנאָך אַרויסגעריסן פון די לאַגערן, צו לאָזן אין דער לופט דייטשע אַמו־ניציע־סקלאַדן, צוגן מיט מיליטער און זענען מערסטנס אומגעקו־מען מיט געווער אין דער האַנט. די לעבן־געבליבענע, די עקשנים, בויען ווייטער.

— אָבער מיר? וווהין, אייגנטלעך, גייען מיר? אַז אומעטום גיסט זיך אונדזער בלוט פאַר אַ גערעכטער זאַך, דאָס ווייס איך...

— כ׳פאַרשטיי וואָס דו ווילסט זאָגן... אַז אונדזער אינטערנאַ־ציאָנאַליזם איז געווען אַ היפּש ביסל קרענקלעך. די געשיכטע אַליין האָט אונדז אָבער געמאַכט פאַר וועלט־בירגער. נישט, אַלנ־פאַלס, אונדזערע שיינע מערב־דעמאָקראַטיעס, וואָס זענען, זאָג איך, דירעקט און בלוטיק מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַרן סיסטעמאַטישן און געפּלאַנטן יידן־מאָרד אין אייראָפּע, וועלן אונדז געבן אַרבעט און רו און קולטורעלע אויטאָנאָמיע. דאָס איז באַוויזן.

— כ'האָב עס אַלץ, אייגנטלעך, געפּרעגט ביי זיך אַליין, קינד — האָט נאָך דער אַלטער געשטאַמלט.

זיי האָבן זיך אומגעריכט דערזען פאַר די טרעפּלעך פון אַ קליי־נעם האָטעל מיט אַ פינטלענדיקער שילד איבער די פינף אויסגע־לאָשענע שטאָקן.

— דאָ וווינסטו? — איז געווען וווּנדער אינעם ייִנגלס שטילע רייד און ער איז צופרידן געווען, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט נישט נאָכגעפרעגט זיך אויף לאַנין און אויף די מיידלעך — לאָז כ'וועל דיר אַרויפבאַגלייטן. כ'האָב נאָך פריער באַמערקט, אַז פּילסט זיך עפּעס נישט גוט.

אין אומעטיקן דאַך־שטיבל מיט די אַרומגעשיילטע ווענט, ווו זיי האָבן זיך פאַרקליבן, האָט זיך דער אַלטער שווער'לעך אַרונטער־געלאָזן אויפן שפּיץ בעט.

— לאָז מיך — האָט ער זיך אָן אָטעם געשטיקט מיט די רייד — לאָז מיך אַזוי. כ'וויל נאָך ביז מאָרגן געזונט ווערן. מאָרגן איז דער יום־טוב פון די צוריקגעקומענע בוכענוואַלדער קינדער. איך וויל אַרויספאָרן, איך וויל זיי אַליין זען, די... וועלכע מיר זענען שולדיק אַלץ. ביסט אפשר גערעכט — מען דאַרף נישט מיד ווערן צו בוי־ען אויף חורבות...

### קאַפּיטל פינפאונדרייסיק

## דאָס אַנטלויפן פון טאָני מינסקער

שוין דעם אַנדערן מאָל אַזוי, ווי טאָני מינסקער האָט זיך אויפ־געהויבן און איז פלוצים פאַרשוווּנדן געוואָרן פונעם מאַלערישן קוראָרט־שטעטל, אין די שווייצאַרישע אַלפּן, אָן אַ שפּור נאָך זיך.

דאָסמאָל אָבער האָט זיך די געוויינלעך שטילע פרוי זייַנע, לאָני, שוין מער אַזוי שטאַרק נישט איבערגענומען; זי איז שוין מער נישט געווען אַזוי צעטראָגן, ווי דעמאָלט. זי האָט אַפילו נישט גע־שיקט מער דאָס ייִנגערע טעכטערל זייערס צו אַליאַרמירן דאָרט צווישן די פריינט אין פּאַריז. זי האָט זיך נאָר אַביסל באַאומרו־

איקט צוליב זיין אַסטמע; ווייל זי האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז אין שטאָט, צווישן די ענגע מויערן, איבערהויפּט אין די זומער־חדשים, צווישן די בענזין־ריחות און אין געשטויס פון מיליטערישע אויטאָס, וועט אים פשוט אויספעלן לופט צום אָטעמען, ער וועט דערשטיקט ווערן. זי האָט אָבער געקענט זיין עקשנות נישט פון היינט; מיט רייד, האָט זי געוווסט, וועט מען ביי אים מער גאָרנישט אויספירן.

צו פירא מיכאַילאָוונא — די צעדרייטע און גוטמוטיקע פירא — האָט זי פונדעסטוועגן גלייך אויף צומאָרגנס אָנגעשריבן: „זע, גיב דאָרט אַכטונג, כ׳בעט דיר, אויף טאָנין, אויב ער באַווייזט זיך ביי דיר אין הויז. ס׳איז שוין דאָ מער נישט געוועז פון אים אויסצוהאַלטן אין די לעצטע וואָכן. מילא, פאַר מיר זאָרגט ער זיך שוין פון לאַנג נישט, אָבער די קינדער, אונדזערע קינדער... טאָלסטאָי — האָט זי נאָך צולעצט באַמערקט מיט ביטערער איראָניע — איז אויך דעם לעצטן מאָל קראַנקערהייט אַזוי געהאַט אַנטלאָפן פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. אָבער ער איז נאָכנישט טאָלסטאָי... זאָל ער זיך דאָרט געזונטערהייט האַלטן מיט זיינע משוגעתן. כ׳קען אים״.

און פונדעסטוועגן איז זי געווען אַ קליין ביסעלע צערודערט און אומרואיק. זי האָט זיך אין שפּעטן נאָכמיטאָג געהאַט אויפגעהויבן פון בעט מיט אַ געפערלעכן קאָפּ־ווייטיק און צוזאַמען מיטן יינגערן טעכטערל גענומען זיך אָביסל אַרומרוימען אינעם צערודערטן הויז, נאָך שמחה, נאָך דער פאַרשטערטער שמחה. די בלויע רעדער אונטער די אויגן — אַן אַלטע משפחה־שוואַכקייט — זענען דאָסמאָל אַרויסגעטרעטן שאַרפער און בולטער. דאָס האָט עפּעס נאָכמער אונטערגעשטראָכן דעם טיפן ברוין פון איר געדיכטן האָר־שויבער, פאַר דער צייט דורכגעוועבט מיט גרויע פעדים, די געזונטע, ראַסאָווע מאַטקייט פון אַ פרוי, אין געפערלעכן איבערגאַנג־עלטער פון די הויכע פערציקער.

די טירן צו דער וועראַנדע זענען געשטאַנען ברייט־אויפגעפּראַלט. ס׳איז געווען זוניק און ווינטלדיק. דער ווייסער שניי־קאָפּ פון מאַן־בלאַן האָט געלויכטן אין טויזנטער אָפּשיינען. זי האָט אַלץ געוואָלטן פאַרגעסן, אונטערגעכאַפּט דעם הימן פון די פאַרטיזאַנער און האָט מיידלעריש־לייכט אַ לויף געגעבן נאָך דער טאָכטער. זי

האָט פאַנאַנדערגערוקט די שטולן, פריי געמאַכט דעם טיש, אַרויס־געטראָגן די דאַליהאַס און די היהאַציגטן אין דיביידע וואַזעס פון איידעלן פאָרצעלאַן, וועלכע די מוטער דעם איידעמס, די אַלטע באַראָנעסע דע פליוויע, האָט זיי נעכטן געלאָזן צושיקן פון שלאָס. אַרויסגעטריבן פון הויז די פרעמדע, שיכורע אַראָמאַטן, האָט זי זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן אויף דער שוועל צו דער וועראַנדע, אָנ־געשפּאַרט אין דער קער־באַרשט און פאַרקוקט צום ווייטן שניי־קאָפּ.

— כ'האָב מורא, ניני, אַז איך וועל באַלד מוזן אומקערן זיך אין בעט אַריין. פאַרוואָס קומט עס אונדז?... — האָבן זיך מיטאַ־מאָל צוויי טרערן אַ זילבער־געטאָן אויף אירע לאַנגע, שיינע וויעס — פאַרוואָס זאָל ער אונדז כסדר פאַרצאַפּן דאָס בלוט?...

מיט אַ טאָג פריער האָט זי דאָ איינע אַליין, אינעם פאַרוואָרפע־נעם באַרג־קלויסטערל, געפירט צו דער פייערלעכער חתונה־צע־רעמאָניע די עלטערע טאָכטער זייערע, עליס. עס זענען געווען שטייפע, אַרטיקע אויפנאַמעס און טומלדיקע פאַרווײַלונגען פון דער יוגנט אינעם שלאָס פון דער באַראָנעסע דע פליוויע. די חתונה־צערעמאָניע איז גראָד אויסגעפאַלן אין דעם פייערלעכן זונטיק, צום יאָרטאָג פון דער באַפרייאונג. נאָכדעם זענען אַלע פאַרבעטן געוואָרן אין שלאָס אַריין. דער פאַראַפיע־גלח, פאָטערל גראַפּי־ראַן, אַ גוטמוטיקער אַלטיטשקער, אַ ליבער מענטש און אַ געפער־לעכער וויין־טרינקער, האָט זיך דאָרט, נאָך די אַלע מיד־מאַכנדיקע אויפנאַמעס, ווען דער עולם איז שוין אַביסל מאַט געווען, צוגע־זעצט צו דער מחותנתטע, אויף דער סאָפע, אין רויכער־סאַלאָן; דע־מאָלט, ווען דער איבעריקער עולם, און די יוגנט דער עיקר, איז אינעם קאַלטן ריטער־זאַל נאָך אַלץ פאַרפלאָמט געווען אין דעם קאַלעקטיוון טאַנץ, דעם ראָמאַנטישן מענועט פון שיינעם 19־טן יאָרהונדערט.

— מיין גאָט! — האָט פאָטערל גראַפּיראַן לייכט געגעבן אָנצו־הערן מיט אַ זיפצל — איר זייט דאָך, נאָך אַלעמען, נישט אַנדערש ווי מיר. פאַרוואָס די ליידן?

ער איז געווען אַ ליבעראַלער מענטש, דער גלח, און איז געווען נישט שטאַרק אָנגעזען ביים אַלטן באַראָן, ווען יענער האָט נאָך

געלעבט. ס'האָט אַמאָל געזאָלט ווערן פון אים גאָר עפּעס אַנדערש, ווי אַ היטער פון אַ פאַרוואָרפן קלויסטערל אין די בערג. ער האָט דאָ אָקופּאַציע־צייט נישט ווינציק געהאָלפן די פּאַרטיזאַנער און די פאַרבייוואַנדערנדיקע יידן. מ'האָט זיך וועגן אים איבערגעגעבן פון מויל צו אויער.

— דעם שוואַכן שלאָגט מען — האָט ער געקרעכצלט און גער־רעדט אַפּגעריסן — לויטער פּחדנים, פאַרשטייט זיך... אָבער אונ־טערגיין וועט איר נישט — דאָס איז באַוויזן. ס'איז אַנגענעם גע־ווען צו שמועסן מיטן מסיע מינסקער. אַ קלוגער מענטש בפירוש. כ'האָב עס אים שוין אַפילו איינמאָל געהאַט געזאָגט אויך; פרויען, האָב איך אים געזאָגט, האָבן נישט קיין נאַציאָנאַליטעט. זייער אמת פּאַטערלאַנד איז, ווי פאַרן פרייען, וואַנדערנדיקן פויגל — די זון און די ליבע; אַ פּאַטערלאַנד אָן גרענעצן. אַ שיין פּאַטער־לאַנד, נאָך אַלעמען. אַלדאָס איבעריקע — קליינלעכע פאָראור־טיילן פונעם מענטש, דעם זינדיקן. אָ, מיר האָבן אויך אַמאָל נישט ווייניק געליטן פון אָט די פאָראורטיילן.

דאָס שטעטל, אַלט און יונג, אין ליכטיקע טראַכטן, איז דעם זונטיקדיקן טאָג געשטאַנען אויף די פיס, באַלייגט די ווערענדעס און דאָס ביימערדיקע געסל, באַרג־אַרויף, נאָך דער חתונה־פּראָ־צעסיע; פּשוטע באַרג־מענטשן, וואָס האָבן דאָ אויף די אויסגע־קאָרטשעוועטע אַפריסן פאַרפלאַנצט אַביסל גאָרטנוואַרג, פאַרנו־מען זיך מיט אויסהאַקן די וועלדער אין די הויכע אַלפּן און אין די קורצע זומער־חדשים געפירט טוריסטן אין די בערג. דאָס מיניאַ־טור־שטעטל, די ווייסע הייזלעך פון שטיין און די גרינע, הענגענ־דיקע ווערענדעס, איז געלעגן אויסגעשאָטן, ווי קינדער־שפּילצייג, אין די בערג, אויפן וועג צווישן ליאָן און זשענעוו. אין די גוטע יאָרן איז דאָס פּיטאָרעסקע שטעטל באַלייגט געווען מיט טוריסטן און לונגען־קראַנקע, וואָס האָבן דאָ נויטיק געהאַט די געזונטע באַרג־לופט. אַצינד אָבער, אין שפּעטן פרילינג, זענען שוין די פּאַרטיזאַנען געהאַט אַוועק צו די ווייטע, אויפגערודערטע שטעט און דער פאַרוואָרפענער ישוב האָט שטיל געגליט אין דער יונגער זון.

אַלע האָבן זיי דאָ געקענט די פאַרבלאָנדזשעטע יידישע מש־

פחה, וואָס האָט זיך עטלעכע חדשים פאַר דער באַפרייאונג געהאַט אויסבאַהאַלטן פאַר אַ זייטיק אויג. די מאַמע מיטביידע טעכטער — איין ווזקס, איין געשטעל, ווי דריי שוועסטערן — האָבן גוטע מענטשן דאָ פאַרשטעקט אין מאָנאַסטיר ביי די שוויגנדיקע נאָ־נעס, און אים, טאַניו, דעם גרויאינקן יידישן שניידער — אינעם אַלטן שלאָס. זיי זענען אַלע אַהערגעקומען אין אַ נאַכט פון שלאַקס־רעגן און פון וואַלקן־ברוך. זיי האָבן אַ טאָג מיט אַ נאַכט גע־בלאָנדזשעט אין די בערג, מ'האָט זיי געפירט און פאַרפירט. צו־לעצט האָט זיי נאָך די שווייצאַרישע גרענעץ־וואַך צוריקגעשיקט קיין פראַנקרייך, ווו די געשטאַפּאָ־באַנדעס און די פעטען־מיליץ האָט פאַרשלעפט און געמאָרדעט יידן. שפּעט ביינאַכט האָבן זיי אָנגעקלאַפּט אין פרעסביטער ביים קלויסטערל און דאָס איז דער אַלטער פּאַראַפּיע־גלח אַליין, אין שלאַקס־רעגן, געלאָפן אין שלאָס אַריין. אינדערפרי האָט אַפילו קיין האָן נישט געקרייעט, אַז פרעמ־דע לייט זענען דאָ געוועזן און פאַרהאַלטן זיך אויף נאַכט־לעגער. ווייניק זענען זיי דעמאָלט אַרונטערגעקומען פון די בערג, די אָרומ־געשליסענע יינגלעך, פאַרוואַקסענע, מיט בייזע פייערלעך אין די אויגן, ווי ביי די וועלף? זיי האָבן אַלעמאָל געבעטן צו עסן, רוי־כערן, אַ העמד איבערצוטאָן און זענען צוריק פאַרפאַלן געוואָרן צווישן די ווילדע אַפּריסן.

דער אַלטער באַראָן האָט שוין נישט געלעבט אַ שיינע פאַר יאָר. פאַרבליבן איז די באַראָנעסע, אַ געעלטערטע, ווייס ווי אַ טויב, מיט אַ הויכן גרעק און מיט אַ בריל. זי איז יעדן אינדערפרי אַרונטער די שטיג צום באַרג־קלויסטערל און האָט ביזן האַלבן טאָג פאַרבראַכט אין מאָנאַסטיר, ביי די שוויגנדיקע נאָנעס. דער עלטערער זון, אַ לייטענאַנט אין דער אַרמיי, האָט געשטעקט ערגעץ אין דאַקאַר און מ'האָט אין די עטלעכע מלחמה־יאָר נישט געהערט פון אים. די אַלטע האָט כסדר געקלאָגט, אַז ער לעבט שוין נישט און דערפאַר שטאַרק אָפּגעהיטן דעם יינגערן, נישט אָפּגעלאָזן אים פון זיך. דאָס איז געווען אַן אַנעמיש, אויסגעצויגן בחורל, אַביסל אַ קרענקלעכער. ער האָט נערוועז געצוקט מיטן רעכטן אַקסל און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער קאַלנער איז אים צו־ענג, שטיקט אים. ער האָט שטודירט אָריענטאַלישע שפּראַכן אויפן אוניווערזיטעט

אין גרענאָבל און דאָ האָט ער זיך אָקופּאַציע־צייט אַליין אויך אַ־ביסל אויסבאַהאַלטן, אינאַזייט פון אַ פרעמד אויג, אינאַזייט פון די דייטשע זשאַנדאַרמען, וואָס זענען דאָ פון צייט צו צייט אַרייַנגעפאַלן נישטערן אין שטעטל. יונגעלייט ווי ער האָט מען געוויינלעך געכאַפּט און פאַרשיקט זיי אויף אַרבעט אין די דייטשע אַמוניציע־פאַבריקן, אונטערן האָגל פון באָמבאַרדירונגען. מיט די איבעריקע, די פרעמדע, די אַנגעלאָפענע, איז אָפּטמאָל געוועזן אַ שיסערײַ אין די בערג.

דער יונגער עדמאָנד האָט זיי, וואָס אַן אמת, נישט צו שטאַרק ליב געהאָט, די דייטשן. ער האָט זיי געהאַסט פאַר 1870, פאַר 1914 און פאַר 1940. ער האָט נישט געהאַלטן פון זייער מאַניאַקישער פילאָזאָפיע, פון זייער איבער־מענטש־קאָמפּלעקס. זיי זענען אין בעסטן פאַל — האָט ער געזאָגט — נאָכמאַמער. זיי פאַרמאָגן די פעאיקייט צו פאַרפולקאָמען דאָס, וואָס איז שוין פריער דורך אַנדערע, פאַר זיי, דערפינדן און דערטראַכט געוואָרן. זייער טעכנישער אַרויפשטייג איז אויך נישט מער ווי אַן אויסדרוק פון ראַבאָטן — אַן עספּרי, אַן האַרץ און אַן נשמה. אפילו זייער מיליטערישער זשעני איז געגנבֿ׳ט קאָפּירט פון אונדזער גרויסן נאַפּאָלעאָן.

דער מיטלוווּקסיקער ייד מיטן ווײַס־באַזילבערטן קאָפּ, מיטן מידן בליק פון אונטער די ברילן־גלעזער, האָט אים פון ערשטן אָוונט אַן מיט עפּעס פאַרלאָקט. אינעם שטרענגן, בײַנערדיקן געזיכט האָט ער געפונען ענלעכס צום פאַרגײַסטיקטן בליק אין קריסטוס־פּנים ביי די פלעמישע מייסטער. אין יענער נאַכט פון שלאָקסרעגן און וואָלקן־ברוך, האָט ער אים דאָ צום ערשטן מאָל געזען אויסוואַקסן דורך די הינטער־טירן, דעם ייד, באַגלייט פון אַלטן פאַראַפּיע־גלח.

אַלץ איז דאָ צוגעגאַנגען שטיל, כמעט אַן רייד. דער אַלטער גלח, וואָס האָט אים געברענגט צופירן, איז באַלד דערנאָך פאַרשווונדן אין דער נאַכט און אים אַליין, אויסגעווייקט און דערשראָקן, האָט מען אין דער שטאָק־פינצטערניש געפירט איבער אַ שווינדל־טרעפּ, ערגעץ הויך, צום שלאָס־טורעם. ער האָט דערפילט אונטער זיך אַביסל שטרוי, אַ קאָלדרע און איז גיך אײַנגע־

שלאָפן. אינדערפרי האָט ער געפונען לעבן זיך אַ טעפּל וואַרעמע מילך, ברויט און אַ בריוועלע פון ווייב מיט די מיידלעך. זיי האָבן אים באַרויִקט — זיי געפינען זיך אין זיכערע הענט.

די טעגלעכע באַהעלטעניש זייערע איז געווען די לאַנגע, טונקעלע משפחה־ביבליאָטעק, וואָס האָט מיט דער קילקייט, מיטן סודותדיקן ווידערקלאַנג, דערמאָנט אין אַ קירכע. פון די אַלע ווענעציאַנישע און גאָדיכטע־פּאַרקראַטעוועטע פענצטער אין ביבליאָטעק־זאַל, איז נאָר איין לאָדן געווען האַלב־אויפגעשפּאַרט. דאָרט האָט ער כסדר געשטעקט, דאָס בחורל. ער האָט אַראָפּגעקוקט צו די מיטלאַלטער־לעכע באַשיצונגען, צו די איינגעמאָסטעטע וואַלן, צו די הענג־בריקלעך איבערן טיפן גראָבן, ווייל נאָר דורך דאָנען האָט זיך אַ פרעמדער געקענט אַריינבאַקומען אין שלאָס אַריין. די טעג זענען געווען אומרויִקע. ס'איז געווען שוין נאָכן לאַנדן פון די אַלירטע טרופּן אויף די ברעגן פון דער נאָרמאַנדי. אין ליאָן און אין גרע־נאָבל — עפנטלעכע עקזעקוציעס, צוזאַמענשטויסן. אויך אינעם שטעטל האָט מען זיך אַ ליאַדע טאָג געריכט אויף איבערפאַלן, שי־סערייען.

דאָס יינגל איז געווען אָנגענומען־איבעראַשט וואָס דער צופאַל האָט אים אין דער פּאַראיינזאַמטער אָנטרינונג צוזאַמענגעפירט מיט אַ ייִד, אַן אויסלענדער, מיט אַ זעלטענער קענטעניש פון די פראַנ־צויזישע קלאַסיקער, מיט די פילאָזאָפישע שטרעמונגען אין פראַנק־רייך און אין דייטשלאַנד פאַר די לעצטע יאָרהונדערטער. ער האָט באַטראַכט פונדערזייט דעם מענטש, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו שפּאַנען צווישן די שויבן־שרענק, ווו עס זענען געווען אויסגע־שטעלט די רוקנס פון די ענציקלאָפּעדיסטן און פון די מייסטער פון 17־טן, 18־טן און 19־טן יאָרהונדערט. די זעלטענע פאָליאַנטן זענען געווען אַ ירושה נאָך אַ פעטער, אַ מיניסטער אין קאַבינעט ביי קלעמאַנסאָ, אַ הייסער רעפּובליקאַנער.

— ס'וועט אייך אפשר אויסזען אומגעוויינלעך — האָט זיך דער ייִד אַזוי־וויי פאַרענטפערט — ווען איך וועל אייך זאָגן, אַז אייערע ענציקלאָפּעדיסטן האָבן אַריינגעברענגט אַ טיפע גייסטיקע און רעליגיעזע אויפטרייסלונג אין די פּאַרוואָרפענע יידישע ישו־בים פון מזרח־אייראָפּע, מיט איבער הונדערט יאָר צוריק, אַז זיי זענען אונדז גייסטיק שטאַרק נאָנט.

דאָס בלייכע ייִנגל האָט באַקומען פאַרבן אין די באַקן.

— אָט דעם אומרו ברענגט איר עס אונדז צוריק? מיט דעם אומרו מאַכט איר אונדז אויך אומרואיק... איר... דערזעלבער אומ־רו... ווי אינעם בליק פון קריסטוס־פּאָרטרעט ביי די פלעמישע מייס־טער...

— אויך נישט קיין ווונדער — איז דער ייִד פאַרבליבן קיל — זיי זענען זיכער געווען אין אפשר געווי קאָפּירט פון יענע האָ־לענדישע יידן, וועלכע האָבן נאָך געטראָגן אין זייערע אויגן די שרעק פון טאָטעס, זיידעס און עלטער־זיידעס, אַנטרונענע פון די שייטערהויפנס פון דער קאַטוילישער אינקוויזיציע אין שפּאַניע... געווי ווי מיר אַנטרינען אַצינד פון די קרעמאַטאָריע־פלאַמען... אַזאַ אויפפאַסונג פון דער קריסטוס־געשטאַלט איז זיכער גרויס.

דאָס ייִנגל האָט זיך נאָכאַמאָל איינגעקוקט אינעם פרעמדן ייִד מיטן גרויען, דורכדרינגלעכן בליק, ווי דער מענטש וואָלט דאָ פלוצים אויפגעטויכט פון הינטער די שווערע ביכער־שרענק, וואָס טראָגן נאָך אויף זיך דעם שטויב פון זיינע שטרענג־קאַטוילישע עלטער־זיידעס; דיזעלבע, וואָס האָבן, נאָכן צוריקקערן זיך פון דער עמיגראַציע, אין קאַבלענץ, אין איטאַליע, אין רוסלאַנד, אַלס דאַנק־באַרקייט פאַר דער רעסטאַווראַציע, געלאָזן אויסבויען אָט דאָס באַרג־קלויסטערל און אַוועקגעגעבן אַ טייל פון זייער ערד פאַרן מאָנאַסטיר פון די שווייגנדיקע נאָנעס.

ווי שלעכט, נאָך אַלעמען, די מענטשן האָבן זיך פאַרשטאַנען. ס'איז געווען אַ קרעכץ, אַ מענטשלעכער קרעכץ, אַ ייִדישער, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן ביים מיטליאָריקן מאַן מיטן באַזילבערטן קאָפּ. עטלעכע און פופציק יאָר האָט ער באַדאַרפט אָפּצולעבן, אויסוואַנדערן אַ וועלט אין שליחות פון ייִדישע צרות, פון ייִדישע קולטור־נויטן, פאַרוואָרפן ווערן לסוף אין די פאַריזער שניידער־אַטעליעס, דערגיין צו דער שוועל פון אָט דער חיהשער וועלט. ס'איז שוין אַלצאיינס געווען — די אַנגעקליבענע גאַל־ביטערניש האָט געזוכט אויסצושטורעמען זיך. ס'איז שוין באַקאַנט געווען וואָס מיט יידן אין פוילן און אין רוסלאַנד איז אָפּגעטאָן געוואָרן; דורך וועגט און צוימען איז דערגאַנגען דאָס אומהיימלעכע געבריל פון די טויטן־לאַגערן אויף יענער זייט רהיין.

דאָס ייִנגל ווידער האָט ליב געהאַט פראַנקרייך און געהאַסט

די דייטשן. ס'איז געווען פאַר אים אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, וואָס די אַלע מינים אויסלענדער זענען פרייוויליק געגאַנגען לייגן זייערע קעפּ צו באַפרייען דאָס אויסגעליטענע לאַנד. אומעטום זע־נען זיי געווען — אין די בערג ביי גרענאָבל, אין די וואָגעזן, אין סאַוואָ, אין צענטראַל־מאַסיוו, אין טולוז, אין פּאַריז, אין דער נאָרד־זאָנע. זיי האָבן אויפגעריסן בריקן, אַמוניציע־סקלאַדן, אַראָפּ־געפירט באַנען פון די רעלסן, אַטאַקירט קאַזאַרמעס און דרייסט געקוקט דעם טויט אין די אויגן אַריין ביי די תליות, אויף די עק־זעקוציע־פּלעצער. שאָקירט האָט נאָר אַביסל דער אויסלענדישער איינפלוס, די פרעמדע לאָזונגען און די מעטאָדן, וואָס שמעקן שוין אַביסל צופיל מיט אַזיע, נישט מיט מערב־אייראָפּע. דע גאָל — האָט ער אָבער געהאָפט — וועט שוין וויסן צו לענקען דאָס פראַנק־רייך פון מאָרגן. עס וועט זיך דאָסמאָל פאָדערן אַ פעסטע און זי־כערע האַנט. אָט דער אומגעריכטער שטראָם פון ביטערע רייד ביים פרעמדן, געיאָגטן ייד, האָט עס אים נאָכמער באַשטעטיקט. ס'איז מאָדנע, די גאַל־ביטערניש פון זייערע נביאים טראָגן זיי מיט זיך אויפן גאַנצן וועג פון זייער געשיכטע.

צווישן טאָג און נאַכט האָט ער אים דאָ ווידער ער'גערץ אויפגע־זוכט צווישן די ביכער־שרענק, דעם אומעטיק ־ פאַרטראַגענעם מענטש. ער האָט אים נאָך געוואָלט זאָגן דאָס, וואָס ליגט אים אויף דער צונג — אַ טרייסט־וואָרט, אין וועלכן ער אַליין האָט נישט געגלויבט. אָבער קעגן זיין ווילן איז אַרויסגעקומען גאָר עפּעס אַנדערש.

— די געשיכטע פון האָס — האָט ער אים געזאָגט — ווייסן מיר, אַז איר קענט שרייבן. אייערע נביאים און בכלל... אויסער דעם — ווו ערגעץ אַ פאָלקס־אויסברוך, אַ רעוואָלט, איז יידישער האָס אינדערמיט; און נישט אין די מאַסן ערגעץ, נאָר דווקא אין די שפּיצן...

דער ייד האָט נאָך איינמאָל אַ קוק געטאָן אויף אים און מער זענען שוין קיין רייד נישט געווען צווישן זיי. געווען איז טיפער שאָטן צווישן די ווענט פון אַלטן שלאָס, ווו די גייסטער פון מיטל־אַלטער האָבן זיך נאָכאַנאַנד אַרומגעקריגט מיט די ענציקלאָפּע־דיסטן, די טריט זייערע האָבן זיך פאַרלוירן, אייגעזאָפּט פון די

טעפּיכער. דאָס ייִנגל האָט ווידער אָפּגעלענט אַ לאָדן און איז דער־נאָך אומבאַמערקט אויסגעוואַקסן הינטערן געהויקערטן רוקן פון דעם ייִד. ער האָט לייכט אויפגעציטערט און אָנגעקוקט אים דורכן העלן אָפּבליאַסק פון די ברילן־גלעזער, ווו ס'האָט זיך געזעצט דער ווייטער אָפּשיין פון פּאַרנאַכט. געברענט האָבן נישט נאָר די בערג אין לעצטן אָפּשיין, נאָר דאָס האָט דער הימל איבערן בלוי־פּאַר־שווימענעם טאָל געברענט פון אַוועקגעלאָזענע אַמוניציע־סקלאַדן, פון אויפגעריסענע בריקן און אונטערגעצונדענע ישובים. אָבער געריעדט האָט ער דאָסמאָל וועגן גאָר עפּעס אַנדערש, דאָס ייִנגל.

— איך וואָלט געוואָלט — האָט ער געזאָגט — קענען אייער פרוי און אייערע מיידלעך. איר האָט אומגעריכט אָנגעצונדן אין מיר אַ נייגעריקייט.

ס'איז געווען מאָדנע דער שטראָם פון ביטערע רייד, און דווקא ווען ער געפינט זיך אויף זיין גענאָד, איז דער גאַסט ביי אים אין הויז. ער איז שטום געטרעטן הינטער אים איבער דער ספּיראַלער שווינדל־שטיג, צום טורעם. ס'איז געווען דער לעצטער פּאַרנאַכט, ווען זיי האָבן דאָ פאַרברענגט צוזאַמען. זיי האָבן לאַנג אַראָפּגעקוקט פון דער דאָמינירנדיקער הויכקייט אין טאָל אַריין. אין שטילן יולי־אָוונט האָט דער דופּטיקער באַרג־ווינט אָנגעטראָגן זיך מיט שאַרפן ריח פון שרפה.

זיי האָבן דאָ, אין דעם פאַרלוירענעם שלאָס, שוין טיילמאָל געהאַט פאַרגעסן, אַז איבער דער וועלט איז געגאַנגען דער אומ־פאַרגעסלעכער זומער 1944 און אַז אין די טאָלן פון ראָן און איזער האָבן אויפגעשטורעמט די לעצטע שלאַכטן. דער פראַנט האָט זיך אומיטלבאַר אָפּגערוקט טיפער אין לאַנד אַריין, דערנענטערט זיך צו די ברעגן פון רהיין.

## קאַפּיטל זעקסאונדרייסיק

# אויף די אַלטע שפּורן

אַ, ווען נישט דער וווּנדערלעכער, ראַזער אויפדערנאַכט, דאָס דינגע, פלאַפּלענדיקע גלעקערן פון קלויסטערל אין די בערג, דער ים נאַציאָנאַלע קאָלירן, אין פלאַטער פון ווייסע הייזלעך און הענ־

גענדיקע וועראַנדעס; דער אויפגעשאָסענער שייטער־פלאַם אויפן מיט פלאַץ, די פּאַרטיזאַנישע לידער, די האַרמאָניקע־מוזיק און די געדיכט־באַזעצטע טעראַסע פון דער איינציקער קאַפע אין שטעטל. מען ווייס גאָרנישט פונוואַנען זיי זענען דאָ פלוצים אויסגעוואַקסן, די אַרומגעפליקטע יינגלעך פון די בערג, מיט די קורצע, פאַרויכער־טע ביקסן און מיטראַיעטן אין די פאַרשטייפטע פינגער. פון אַלע ווילדע אָפּריסן זענען זיי אַרויס, צו טאַנצן די טענץ פון זיג און צו פייערן דעם פאַרשפּעטיקטן 14־טן יולי.

אין דעם אָוונט איז ער זיי נאָכגעגאַנגען שטום, ווי אַ שאָטן, דאָס בלייכע יינגל; שטום האָט ער באַנעצט די ליפּן פון די בלאַנ־דע, שוימיקע געטראַנקען אויף דער טעראַסע. עפּעס אַ פרעמדע שטיפערישע האַנט האָט אים די אויסגעליידיקטע גלעזלעך נאָכאַ־נאַנד צוריק אָנגעפילט. ער איז אָבער נישט שיכור געוואָרן. ס'איז געווען אַ קראַנקע, איידעלע דורכזיכטיקייט אין זיינע דינע מויל־שטריכן, אינעם קינדערישן לאַק, וואָס איז אים אומבאַהאָלפן גע־פאַלן איבערן שטערן, אין שיין פון די פייערן אין דער נאַכט.

טאָני איז דאָ אויך געזעסן, נאָכמער אומעטיקער און פאַרשלאָ־סענער ווי אַלעמאָל. לאָני און עליס, די עלטערע טאָכטער, האָבן גאָרנישט אַזויפיל געטרונקען אין דעם אויפדערנאַכט און זענען פונדעסטוועגן געווען אויפגעהייטערט בלויז פון די הילכיקע גע־לעכטערן. בלויז ביי דער קליינער ניני, אַנקוקנדיק דעם פאָטערס פּראָפיל, איז דער שמייכל באַלד פאַרגליווערט געוואָרן. דאָס מיידל פון אַכצן יאָר האָט זיי דאָ אַלעמען באַטראַכט פונדערווייטס און האָט עפּעס נישט פאַרשטאַנען.

יעדעס מאָל, ווען עליס האָט זיך דאָ ערגעץ אַרויסגעגליטשט פון צווישן די באַזעצטע טישלעך, אונטער די פאַרצויגענע לאָמפּ־יאָנען, איז דאָס יינגל באַלד אומרואיק געלאָפן זי אויפזוכן אויפן מיט פלאַץ, אין ליאַרעם פון דער היימישער האַרמאָניקע־מוזיק און פון די טאַנצנדיקע פאַרלעך אַרום שייטער. ער האָט זי עטלע־כע מאָל פשוט געהאַט אַרויסגענומען פון די אָרעמס פונעם צע־וואַקסענעם פאַרטיזאַנער אין דער אָפּגעשאָסענער אוניפאָרם. דער יינג מיט דער טשופּרינע אויפן ווינט, מיט די ווילדע, פאַרשווו־מענע אויגן, האָט געטאַנצט ווי אַ רוח און אַלע מיידלעך האָבן זיך געריסן צו אים.

די אַלטע באַראָנעסע איז דאָ אויך געזעסן. זי האָט געהאַלטן אין איין פֿאַריכטן זיך די בריל אויף דער דינער נאָז. דאָס בלוט־לאָזע געזיכט, דער בוימלדיקער בליק, איז פֿאַרבליבן קאַלט און פֿאַרשלאָסן, ווי געוועזן.

— טרינק נישט אַזויפֿיל, קינד — האָט זי נאָר געבעטן ביים יינגל מיט אַ שוואַך קול.

די האַנט, וואָס האָט נאָכאַנאַנד אָנגעפּילט דאָס גלעזל, איז געוועזן — עליס אַליין. זי האָט עס אומבאַמערקט אָנגעפּילט פֿון דער לאַנגער קאַראַפֿקע, ווען ער האָט אַ רגע אָוועקגעקוקט, און אַליין איז זי באַלד נעלם געוואָרן. זי האָט געהאַט גרינע, קעצישע און לאַכנדיקע אויגן, ווי די מאַמע, און האָט אָפּגעדעקט אירע שפּיציקע ציינער אין פֿאַרשייטערן לאַכן.

ס'איז געוועזן לופֿטיק און הייס און פֿליסטערנדיק אַרום זיי. די רייד זיינע זענען אויך געוועזן הייסע און פֿליסטערנדיקע. דאָס יינגל האָט דאָרט געפּלאַפּלט פֿאַר איר, ווי אין די העלדישע ריי־טער־ראָמאַנען.

— מיר וועלן אָוועק קיין איטאַליע... — האָט זי דורך הילכיקע געלעכטערן, געהערט זיינע הייסע, אָפּגעריסענע פֿליסטערן נאָנט ביי איר פֿאַרפֿלאַמטן אויער — כ'וועל ליגן ווי אַ שקלאַף ביי דיינע פֿיס...

ס'איז געוועזן אַן אומפֿאַרגעסלעכע נאַכט פֿון וואַך־זיין און פֿון פּאָעזיע. ווען די גרינע, בולטע שטערן האָבן גענומען פֿאַרבלייכן איבער די בערג, האָט זיי דאָס פֿיבערנדיקע יינגל באַגלייט. הויך איבער די העלע וועראַנעדס איז געהאַנגען אַן אָפּגעבראָכענע לבנה, ווי עפּעס אַ ביליק שטיקל דעקאָראַציע. אַרום שייטער, וואָס האָט נאָך געריכערט, האָבן זיך אין דינעם נעפּל געצייכנט די צעוואָרפֿענע גרופּקעס פּאַרטיזאַנער. אַצינד האָבן זיי שוין געוואַכט אינעם שטעטל, ווו די געשטאַפּאָ איז אַלעמאָל געקומען נישטערן. לופֿטיקע מיידלעך אין ווייסן, האָבן נאָך דאָרט געפּלאַפּלט, געלאַכט און אינדערמיט האָט אַ מויל־האַרמאָניקע, אומעטיק און מיד, ביזן האַנען־קריי, געצויגן דאָס ליד פֿון די פּאַר־טיזאַנער.

מיט אומעטיקע, וואַכעדיקע טריט האָט פֿאַר זיי געשפּאַנט טאָ־

ני. די גרויסע פרייד פון באַפרייט ווערן, איז ביי אים געווען אויס־געמישט מיט אַ סך צער און ביטערניש. געשפּאַנט האָט פאַר זיי אַ מענטש נישט אין די מיטעלע פופציקער, באָר אַ זקן.

ס'האָט אים דאָ אונטערגעהויבן פון דער ערשטער מינוט אָן. ער האָט גלייך געוואָלט כאַפּן און אַנטלויפן פון דעם פאַרוואָרפענעם עק. ער האָט קודם געוואָלט לויפן קיין פּאַריז, זען, אויב, אַחוץ אים, געפינען זיך נאָך לעבן־געבליבענע יידן. ס'איז אים אַפילו איבעריק געווען דאָס ווייסע, ציכטיקע הייזל מיט דער גרינער ווערענדע, וואָס איז זיי באַלד נאָך דער באַפרייאונג אָפּגעגעבן געוואָרן.

— לאַני — האָט ער זיך געבעטן ביים ווייב — פיר מיך אַרויס פון דאַנען.

זי האָט זיך אָבער אין די פייערלעכע טעג געבלאָזן ווי אַ מייִדעלע. עפּעס האָט ער זי אינגאַנצן נישט אָנגעהויבן צו דערקענען זינט דער קורצער צעשיידונג אין יענער נאַכט פון שלאַקס־רעגן און וואָלקן־ברוך. יעדן אָוונט זענען איצט געווען טומלדיקע פאַרוויילונגען, בעלער. זי איז אַרומגעשוווּמען מיט די מיידלעך האַלבע נעכט, אויפגעהויבן זיך שפּעט אין טאָג אַריין. ס'איז גע־ווען אַזוי־ווי זי וואָלט מיטאַמאָל ייִנגער געוואָרן. צווישן ביידע טעכטער האָט זי ווירקלעך אויסגעזען ווי אַ שוועסטער זייערע, נישט ווי אַ מוטער. ער האָט פונדערווייט און שאַרף נאָכגעקוקט איר ערגעריש ביים שפּיגל, די געדיכטע ראַזיקייט, וואָס איז אויפגע־שטיגן פון איר שיינעם האַלדז, ביז אין די באַקן אַריין, ווען די ספּאָרט־שיך מיט די קורצע סאָקעטן, דאָס געבלימלטע קאָפּ־טיכל, שיין פאַרפלאָכטן, מיטן ווייסן, אָפּגעפּאַסטן סוועטער, האָבן עפּעס נישט אינגאַנצן געשטימט מיט די גרוי־ווערנדיקע לעקעלעך ביי איר. די מאָדע, וואָס האָט זיי דעמאָלט אַלעמען פאַרכאַפּט, איז געווען — ווינטער־ספּאָרט און פּאַרטיזאַנער. קליידער — אוניפאָרמען, די האָר — סאָלדאַטיש־צעשויבערט, אַפילו דער האַנט־בייטל — אַ מין מיליטערישער ברויט־זאַק.

פון אַלע זייטן האָט מען זיך מיטאַמאָל גענומען זאָרגן פאַר די אַרומגעשליסענע ייִנגלעך פון די בערג. מען האָט זיך אָנגעהאָנ־גען אין זיי, אַרומגעפירט זיך מיט זיי. די אַלע, וואָס זענען עפּעס

יאָ געווען און נישט געווען, האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן די ראָלע פון פּאַרטיזאַנער, געקליידט זיך האַלב־מיליטעריש, אויסגעגראָבן פון ערגעץ פּאַפּירלעך און באַווייזן אָן אַפּצייכנס. יעדער איינער האָט געזוכט אַ זכות, אַז ער האָט אין די ביטערע יאָרן מיט עפּעס געהאָלפן. דערצו איז נאָך דאָ געווען אַזאַ אָנגעלויף פון אומבאַקאַנטע פּנימער, ווייל מיט דיזעלבע וועגן איז מען איצט צוריק־געלאָפן פון דער שווייץ. פון דרום און פון מערב האָבן זיך געהאָט אָנגערוקט און אויפגעהויבן זיך אין די בערג די לייכטע טאַנקן און די פלינקע „דזשיפּס" פון די אַמעריקאַנער. זיי זענען דאָ גע־שטאַנען אַ טאָג־צוויי און דערווייל האָט מען געטאַנצט, געגעסן שאָקאָלאַד, געדרויכערט „לוקי סטריק" און געשפּיגן דעם קיי־גומי. דער קליינער, שאַרף־באַלויכטענער זאַל פון דער מוניציפּאַליטעט האָט אין די אָוונטן נישט געדוט. די אָנגעלאָפענע האָבן געקלעפּט אַרום די אַמעריקאַנער, געמסחרט, געדרייט.

דער זיסלעכער האָניק־ריח פון „לוקי סטריק און „טשעסטער־פילד" האָט איצט אויך באַלד אָנגעפילט דאָס שטילע הויז ביי זיי. מען איז דאָרט געגאַנגען און געקומען. מען ווייסט גאָרנישט פון וואַנען זיי האָבן דאָרט אַלע מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו רעדן ענג־ליש. אין גרויסן, ליכטיק־אויסגעווייסטן צימער האָט מען אָוונט־צייט געטרונקען שטאַרקן טיי, אַראָמאַטישע קאַפע און מען האָט געהאַלטן אין איין אויפמאַכן קאָנסערוון־שאַכטלעך. אַ לאַנגער, מילך־בלאָנדער אַמעריקאַנער, מיט ווייסע ברעמען, האָט זיך גע־דרייט מיט די מיידלעך אינדערמיט שטוב, צו דער געדעמפּטער מוזיק פון פּאַטעפאָן, איז דערנאָך אונטערגעקומען, געקלאַפּט טאַ־נין גוטברודעריש איבער דער פּלייצע, ווי ער וואָלט געווען אַ גאָר־אַלטע באַקאַנטשאַפט.

— העלאָאו — האָט ער געוויזן אין געלעכטער די לאַנגע צייט־נער, געריידט האַלב־דייטש, חצי־ענגליש — ניקס מער דזשערמאַ־ני... קאַפּוט!...

אומעטום איז זיי עדמאַנד שווייגנדיק נאָכגעקראָכן, ווי אַ שאָטן, כאָטש מיט די פּאַרטיזאַנען האָט ער זיך פונדעסטוועגן געהאַלטן אַביסל פונדערווייטן. ער איז געווען בלייך און פאַרביסן און אויפ־גערעגט. וויפל מאָל ער האָט געוואָלט רעדן מיטן אַלטן, האָט אים

יענער אויסגעמיטן. צווישן איין טומלדיקער פאַרעניש אַוועקצוגיין און דער צווייטער, האָט זיך לאַני אַמאָל אויף אַ מינוט אַריינגע־כאַפּט צו אים. ער האָט געהאַלטן אין איין אַרומשפּאַנען. ער האָט טעג לאַנג קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, נישט געוואָלט מער זיך ווייזן ביי זיי דאָרט.

— וואָס זאָגסטו נישט, טאַני? — האָט זי געפּרוווט איידל — עדמאָנד גייט פּשוט אויס נאָכן קינד. האָסט כאָטש אַמאָל אַ טראַכט געטאָן דערפון? זעסט אַפילו נישט ווי איך לייד. מען דאַרף זיין אַביסעלע רעאַלער אין לעבן, אַביסעלע מער עלאַסטיש. אַלץ, זעס־טו דאָך, איז קעגן אונדז... ס'העלפט נישט, מען דאַרף גיין מיטן שטראָם.

דאָס האָט אים שוין דירעשט אונטערגעהויבן:

— די גאַנצע געשיכטע אונדזערע איז אַ גאַנג קעגן שטראָם און מיר האָבן אויסגעהאַלטן. די עקשנות וועסטו ביי מיין לעבן נישט אַוועקנעמען. וואָלט זי כאָטש גענומען דעם ערשטן־בעסטן פּאַרטיזאַן, איינעם פון די, וואָס זענען פּשוט און בלינד געגאַנגען אַוועקגעבן זייער לעבן פאַר אַ הייליקער זאַך, נישט דאָס־אַ פּחדן און שטילן פּאַגראָמשטשיק פון דעגענערירטן אַדל. כ'האָב עס אים געזאָגט אין די אויגן נאָך דעמאָלט, ווען ער האָט מיך אויסבאַהאַלטן ביי זיך אין שלאָס, ווען איך האָב געגעסן פון זיין ברויט... די קינ־דער גייען אַוועק פון מיר — האָט ער טיף אָפּגעזיפצט — כ'ווייס עס. די שולד איז אפשר מיינע. כ'האָב אָפּגעלייגט, כ'האָב געזוכט דאָס ווינקעלע אויף דער ערד, ווו אָנצוהויבן דאָס נייע יידישע לעבן. כ'האָב עס דערווייל אינערגעץ נישט געפונען. איך ווייס אָבער נישט וווהין דו ווילסט מיך אַצינד פאַרפירן?...

— אסור אויב איך הויב דיר אָן צו פאַרשטיין, טאַני. צי לעבס־טו, צי חלומסטו? צי רעכנסטו טאַקע פון דיינע שרייבערייען, פון די פּאַריזער אַטעליעס און פון פאַרזאָרגן דאָס יידישע פאָלק, חתונה צו מאַכן די מיידלעך? און איך אַליין — ווי אַזוי זע איך אויס? כ'בין חרוב־קראַנק. באַמערקסט עס אַפילו נישט. דאָס אַלץ איז גוט געווען, ווען מיר זענען געווען יינגער. מיר לעבן אין אַ וועלט, ווו מען דאַרף זיין אַביסל פּראַקטישער... זי איז אַ נאַרישע קאָזע, עליס... זי טרייבט אים כסדר...

זי האָט זיך באַלד צוריקגעכאַפּט, אָבער ער האָט גאָרנישט אויסגעזען אַפילו צו דערהערן, וואָס זי רעדט דאָרט אַריין אין אים.

עס זענען געוועזן טרערן, היסטערישע אויסברוכן, אָבער גע־האָלפן האָט עס נישט. ער איז געבליבן פאַרשלאָסן אין זיך און איינגאַנצן אויפגעהערט צו וויזן זיך צווישן מענטשן. עדמאָנדן האָט ער איבערהויפּט מער נישט געוואָלט זען, ווען לאָני איז גע־קומען צו אים קלאַפּן אין דער טיר. ער האָט שוין מער נישט גע־וואָלט אויסהערן וואָס עדמאָנד זאָגט, וואָס די באַראָנעסע זאָגט, וואָס עליס זאָגט, וואָס זיי אַלע זאָגן. אָ, ס׳איז מער נישט געווען דיזעלבע לאָני וואָס אַמאָל.

אין איינס פון די וואָלינער יידישע שטעטלעך האָט ער זי באַ־געגנט. דאָס מיידל האָט געפלאָטערט, ווען ער האָט זי צום ערשטן מאָל אַראָפּגעבראַכט קיין וואַרשע. די וועגן האָבן זיי שוין דערנאָך געפירט איבער די הויפּט־שטעט פון אייראָפּע. ער האָט זי אָפט געלאָזן מיט די קינדער און אַליין האָט ער אויסגעמאָסטן די ווײַ־טע וועלט, אין שליחות פון יידישע צרות, פון יידישע קולטור־נויטן. ער איז אַלעמאָל צוריקגעקומען אויף אַן אַנדער אַדרעס, אין אַן אַנדער לאַנד, אין אַן אַנדער שטאָט. די עלטערע, עליס, איז נאָך אין יענע יאָרן געבוירן געוואָרן אין וואַרשע, ניני, די קלענערע, אין בערלין. די קינדער האָבן גערעדט מיט דער מאַמען רוסיש, געלערנט אין שולע דייטש און ער אַליין, אַריינפאַלנדיק פון לאַנגע נסיעות, האָט זיך, לאַכנדיק האַרציק, אויסגעטענהט מיט זיי אין יידיש. ער האָט זיי אַלעמאָל געפונען פאַרענדערט, די מיידלעך. אומגעריכט האָבן זיי געטאָן אַ וואַקס־אונטער. ווען איז עס געשען? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט. ערשט נעכטן, דאַכט זיך, זענען זיי נאָך געווען קינדער. די לעצטע צען יאָר האָבן זיי געלעבט אין פראַנקרייך. די מלחמה האָט זיי געטראָפן אין פאַריז, ווו עליס איז געווען אויפן צווייטן יאָר מעדיצין.

זי איז שוין דעמאָלט געווען אַ מאָדנע און אַן אומרואיק־צע־פלויגענע, די עליס. צו ניינצן יאָר האָט זי שוין געהאַט עפּעס אַן עקסטראַוואַגאַנטע פאַרליבעניש אין לאַטיינישן קוואַרטאַל מיט אַ סטודענט, געריסן זיך צו ווערן אַ פילם־אַקטריסע, געשריבן פערזן, געמאָלן. ביזן סוף 1942 איז זי איינע אַליין, אָן די עלטערן, פאַר־

בליבן אין אָקופּירטן פּאַריז, אויסבאַהאַלטן זיך ערגעץ ביי אַ פראַנ־צויזישן אוניווערזיטעט־קאָלעגע אויף אַ מאַנסאַרדע. אויף די אַליאַרמירנדיקע בריוו האָט זי אַ שטיק צייט אינגאַנצן נישט גע־ענטפערט. דערנאָך איז זי מיט איינמאָל געקומען אַנצולויפן איבער דער דעמאַרקאַציע־ליניע, אַן אויסגעמאַרעטע, מיט אַ מאַטן, גאָל־דיקן שימער אין אירע שיינע, ברוינע שויבערן און — מיט אַ צלמל אויפן האַלדז. אירע ערשטע ווערטער זענען געווען: „איך בין אַנטרונען פון דער געלער לאַטע... מאַמע... אַלץ האָט זיך פאַר מיר געענ־דיקט"... די מוטער האָט איר אַנגעקוקט עפּעס אַזאַ פרעמד־געוואָ־רענע, אַ ווייטע, אַ נייגעריקע און נישט ווי זי וואָלט געווען אירע אַ לייבלעכע טאָכטער. זי האָט אָבער אויך ביי דער טאָכטער באַלד געפונען די בלויע רעדער אונטער די אויגן — די אַלטע משפּחה־שוואַכקייט. צום ערשטן מאָל איז זי געוואָרן אַן אַנדערע אין די טעג פון דער באַפרייאונג, אין יענער הייסער נאַכט פון וואָד־זיין און פון פּאָעזיע.

ניני, פאַרקערט, איז געווען אַ שטילערע און — אַן עקשן. אין דער צייט, ווען עליס איז פאַרבליבן אין פּאַריז, האָט זי געטאָן אַ וואַקס־אונטער, אָבער געהאַלטן האָט מען זי נאָך ווי אַ קינד. זי האָט געקוקט פון אונטערן שטערן מיט פלאַטער. ס'איז געווען אויך פאַר וואָס צו שרעקן זיך אין יענע אומרואיקע טעג אין ליאָן, ווען מ'האָט געכאַפּט יידן אַוועקצושיקן אין די מאָרד־לאַגערן. זי איז שטילערהייט נאָכגעגאַנגען דעם פאָטער, ווען אין שטוב זענען געווען די פאַרשטיקטע קריגערייען, די היסטעריעס און די געוויי־נען. דאָס איז זי געלאָפן קיין פּאַריז אים אויפזוכן, ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז צום ערשטן מאָל פאַרשוווּנדן פון מאָ־לערישן שטעטל אין די בערג.

אויסגעפאַלן איז עס ווינטער־צייט, ערב ניי־יאָר. מען איז דאָ געקראָכן ביז טיף איבער די קני אין שניי, ווען די קליינע איז צום ערשטן מאָל אַוועק קיין פּאַריז, אין די שפּורן פון פאָטער. זי האָט אים מער געפילט, ווי פאַרשטאַנען. אַריינגעפאַלן צו דער פלימעני־צע פּיראָ איז זי פונקט אין דער צייט פון די בעלער און פריילעכע אויפנאַמעס. די צעדרייטע און גוטמוטיקע פלימעניצע פּיראָ האָט שוין איצט צוריק פאַרנומען איר גערוימע וווינונג אויף פּאַסי, אין

אַריסטאָקראַטישן פערטל פון פּאַריז. זי איז געווען די איינציקע טאָכטער פון לאָניס עלטערן ברודער, אַ געוועזענער וואַלד־סוחר, אַ דריידער, אַ מאַכער, וועלכער האָט זיך פון יענע הייסע רעוואָלו־ציע־ווינטן אין רוסלאַנד, באַצייטנס אָפּגעטראָגן מיט אַ פּאַרמעגן, איינגענייט אין די אונטערוועש. די טאָכטער האָט ער דאָ רייך חתו־נה געמאַכט מיט אַן אינזשעניער, עפּעס אַ ווייטער קרוב פון די בראָדסקיס. באַלד דערנאָך האָט זי זיך גע׳גט און אויפסנייַ חתונה געהאַט מיט אַ פראַנצויז, אַ מיליטערישער דאָקטער. זי איז געווען אַ קליינע, דראַבנע, אָפּגעשאָסענע בלאָנדינקע, אַ פלאַפּלע־רין, אַ שטיק ברען. פונעם מאַן, וואָס איז אין 1940 אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די דייטשן, האָט זי מער נישט געוואָלט הערן. קיין קינדער זענען סיי־ווי נישט געווען. איצט האָט זי שוין גערעדט ענגליש, געאַרבעט אין די ביוראָען ביי די אַמעריקאַנער און אַלעמעאָל זענען די „דזשיפּס״ פאַרפאָרן אונטן, ביי דער טיר. אַ גאַנצן טאָג האָט זי געהאַלטן אין איין אַריינשרייען אין די טע־לעפאָנען: „אייבי... אייבי אַהער, אייבי אַהין... אייבי״...

ס׳איז געווען אַ ביטערער ווינטער אין פּאַריז, ווען ניני איז צום ערשטן מאָל אַריינגעפאַלן צו דער פלימעניצע. אַלץ איז געווען אָפּגעשטעלט — נישט קיין וואַסער, נישט קיין גאַז, נישט קיין עלעקטרי. ס׳איז נישט געווען מיט וואָס צו באַהייצן די גרויסע, ליידיקע צימערן; האָט זי זיך פאַרקליבן אין קיכל, מיטן בעט, מיטן הינטל און מיט די טואַלעטן. אויף די קליידלעך און סוועטערלעך האָט זי אַרויפגעצויגן אַ געבלימלטן שטוב־ראָק מיט קימאָנע־אַרבל און ס׳איז איר אַלץ קאַלט געווען; און צו דערוואַרעמען זיך, האָט זי געהאַלטן אין איין טרינקען טיי פון ירושהדיקן טולער סאַמאָ־וואַל.

— וואָס איז שוין ווידער געשען? — האָט זי אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן אויף דער קליינער, ווען זי האָט אין ווינטערדיקן באַ־גינען אָנגעקלאַפּט אין דער פאַראַדנער טיר — דיין מאַמאַטשקע האָט זיך אַמאָל נישט פאַרליבט אין אַן אַנדערן? כ׳וועל שווערן, אַז — יאָ.

— ניין — האָט די קליינע אַראָפּגעלאָזן דעם בליק — ס׳איז עליס... ער וויל נישט זי זאָל חתונה האָבן... ער איז קראַנק, דער טאַטע, די אַסטמע...

— ער איז אַ משוגענער, דיין פּאַפּאַ — האָט זי נישט געלאָזן פאַרענדיקן — וואָס הייסט — נישט חתונה האָבן? ער וויל איר אפשר באַהאַלטן פאַר זיך, דעם טייערן שטיק אוצר?...

— ניין, איר פאַרשטייט אים קיינס נישט... אין עליסן ליבט זיך דער זון פון אַ באַראָנעסע... דער טאַטע זאָגט, אַז ער איז אַ פּאַ־שיסט און אַ פּחדן. ער וויל נישט, זאָגט ער, זיינע פאַרמעגנס און ער וויל נישט מען זאָל עליסן פירן אין קלויסטער אַריין... די מאַ־מע, פאַרקערט...

— ווי איז מיר, איז צוליב אַזעלכע נאַרישקייטן מאַכט מען עס אַן סקאַנדאַלן אין שטוב? — האָט זי נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין און גיך־גיך געמאַלן מיטן פּיסקל — אַ משוגענער, „יעי באָגו"!... זאָל ער זיך נאָר דאָ באַווייזן, וועל איך אים שוין אויסרייסן די אויערן, איך וועל אים שוין געבן די אמתע לעקציע. ס'גייט אים גאָרנישט אין דעם, אַז דאָס קינד זאָל זיין גליקלעך; אים גייט אין עפּעס נאַרישע קאַפּריזן, וואָס פאַסטן גאָרנישט פאַר אַ מאָדערנעם מענטש... אַך, די מענער! — דו ווייסט נאָכנישט ווער זיי זענען, ניני, ניין, דו ווייסט נישט...

נאָר צוליב דער קליינער, האָט זיך טאַני אויפן אַנדערן טאָג באַוויזן ביי דער פלימעניצע אין הויז. ער האָט געוווסט און גע־פילט, אַז נישט קיין אַנדערע, נאָר די קליינע, וועט גלייך לויפן קיין פּאַריז, אים אויפזוכן. אויפן מבול רייד פון דער צעדרייטער פּיראַ, האָט ער אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, קורץ אָפּגעהאַקט:

— אויב דו ווילסט נישט כ'זאָל באַלד אַוועק פון דיין הויז, הער אויף.

ער האָט איבערגעשווידערט די נאַכט אין גרויסן, קאַלטן זאַל און אַרום פינף פאַרטאָג, צום ערשטן צוג, האָט ער געוועקט דער קליינער:

— קום, ניני, כ'קען נישט מער. ס'טרייבט מיך פונדאַנען אויך אַרויס.

די בעטענישן פון דער קליינער, די אַליאַרמירנדיקע בריוו און די שטיקנדיקע אַסטמע, האָבן אים סוף כל סוף צוריקגעפירט צום שטעטל אין די בערג. ביז פרילינג איז ער אָפּגעלעגן אין בעט, אַ פאַרקילטער און אַ פאַרקאַטערטער. עדמאָנד האָט זיך מער נישט

געוויזן, נאָר לויט אַלע שטילע גערודערן אין הויז, האָט ער פאַר־שטאַנען, אַז דאָס פייער איז נאָך נישט אײנגאַנצן איינגעלאָשן. לאַ־ני איז אין די טעג גוט געווען צו אים, איבערגעטריבן־גוט, אָבער אין אַלע אירע האַסטיקע באַוועגונגען איז פאָרט געלעגן ביייזקייט. טיילמאָל איז זי אַזוי געשטאַנען איבער אים, געקוקט, געקוקט און, אַליין נישט וויסנדיק גאָר, זענען די אויגן ביי איר פייכט גע־וואָרן. איבער אַ ליאַדע וואָס איז זי בייז געוואָרן, אַנגעבלאָזן זיך, ווי אַ מיידעלע. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט פאַרנומען אַזויפיל פאַרשטיקטע געשרייען פון הינטער די טירן. אָבער פאַר אים האָט מען עפּעס אַזויווי אויסבאַהאַלטן.

ווען ס'האָט זיך געשטעלט אַביסל אַ לינדער וועטער, איז ער אַראָפּ פון בעט. ער האָט אויסגעמיטן די שפּיגלען, ווו ער האָט אַ דערזע געטאָן זיין אָפּבילד, געל ווי וואַקס, אויסגעמיטן דאָס צי־מער, ווו די מאַמע מיט די מיידלעך זענען פאַרוויקלט געווען אין בונטע שטאָפן; זיי האָבן געפּאַסט, געביייט און, זעט אויס, געגרייט זיך צו עפּעס. ער איז צופיל מיד געווען אַנצוהויבן נייע טענות. האַלבע טעג האָט ער זיך געוואַרעמט אין דער ווילעכער זון אויף דער וועראַנדע, די אויגן־דעקלעך — צוגעלענט. מיטן וויגן זיך פון די אַרומגעשטעלט סאָסנעס, אין שטילן שוידער, וואָס איז אַדורך צווישן די ביימער, האָט זיך אים געדאַכט צו פאַרנעמען אַזאַ וויי־טע, אויסגייענדיקע מוזיק. פאַר די צוגעלענטע אויגן־לעדלעך, אין גרינלעך־בלייכן ליכט, האָבן זיך געוויגט דיזעלבע סאָסנעס, צווישן די אַטוואַצקער זאַמדן, אין יענע פרילינגן, וואָס וועלן זיך שוין קיינמאָל מער נישט אומקערן. ער האָט דאָרט פאַרבראַכט אַ סך צופעליקע, גאָלדיקע טעג פון פאַרבענקטן זון־און־שאָטן־שפּיל. לאַ־ני איז געווען ביי זיין זייט. זי איז נאָך דעמאָלט געווען אַן אַנדע־רע, אַ גליקלעכער פלאַטער איז געווען אין איר גאַנצער דינער, מיידלשער געשטאַלט; דאָס ווייברירנדיקע לעקעלע אויף איר איידל־געשניטענעם, פאַרברוינטן נאַקן, דער ראָזער, אָפּגעדעקטער אויער און אַלץ.

אומעטיק איז געווען דערנאָך אומצוקערן זיך אין הויז אַריין. ס'איז שוין וועגן גאָרנישט מער גערעדט געוואָרן, אָבער ער האָט געפילט, אַז אַלץ ווערט שטילערהייט אָפּגעטאָן הינטער זיינע פּליי־

צעס. ס׳איז געווען צו אים אַן איבערגעטריבענע צוגעלאָזנקייט פון עליסן, אַן הכנעהדיק נאָכגיין, די פלוצימדיקע זאָרג לאָניס ער זאָל זיך אויפסניי נישט פאַרקילן, דאָס אַרויפוואַרפן אים אַ לייכטן מאַנטל אויף די אַקסלען. „מען רעכנט זיך שוין נישט מיט מיר, ווי איך וואָלט שוין געווען מיט איין פוס אויף יענער זייט, ווי איך וואָלט שוין מער נישט באַלאַנגט אַהער". פון הינטער טירן האָט ער דערפילט, ווען עליס גייט אַוועק, ווען לאָני גייט אַוועק. שפּעט ביינאַכט האָט ער פאַרנומען זייער שטיל צוריקקערן זיך אין הויז אַריין, האָט אַפילו דערכאַפּט אַ באַקאַנט קול הינטערן פענצטער, אַ קול, וואָס האָט אים געמאַכט אויפּציטערן; געהערט דערנאָך זייער פאַרזיכטיק טרעטן אין פאַרנטיקן צימער, די פאַרשטיקטע שוש־קעריי. די שטוב איז אומגעריכט פול געוואָרן מיט קליינע געשאַנ־קען, וואָס האָבן זיכער געשטאַמט פון שלאָס; און אויפן האַלדז ביי עליסן, אויפן שיין־געשניטענעם האַלדז, ווי ביי דער מאַמע אירער, אין יענע יאָרן, האָט ער אַנומלטן דערבליקט אַ קליינעם, אָריגינעלן מעדאַליאָן אין גאָלד, מיט עטלעכע איינגעפאַסטע שטיינד־לעך. ער האָט שוין מער גאָרנישט געפרעגט. „זיי גייען אַלע אַוועק פון מיר — האָט ער זיך געזאָגט מיט ווייטיק — זאָלן זיי... ווי לאַנג איך האָב זיי אויסגעהאַלטן, בין איך גוט געווען פאַר זיי. אַצינד נויטיקן זיי זיך מער נישט אין מיר". בלייך און אומעטיק און דער־שראָקן, האָט צו אים אַמאָל אַריינגעבליקט די קליינע.

באַלד דערנאָך האָט עדמאָנד אָנגעהויבן צוריק צו ווייזן זיך אין הויז. עליס, אייביק און אַלעמאָל צעפלויגן, ווי אַ גימנאַזיסט־קע, האָט אים מיט כוח געברענגט צעפירן. אַרום זיין דינעם מויל איז צוגעקומען אַ קנייטשל פון פאַרביסנקייט, כאָטש ער האָט בלאָס און ליבלעך געשמייכלט. די טיר צום קראַנקנס צימער איז געווען פאַרהאַקט און אַלעמענס בליקן האָבן זיך, נישט ווילנדיק, אָנגע־האַנגען אין איר מיט אַביסל פלאַטער. אַפילו לאָני האָט זיך גע־וואָרפן אויף אים קושן, אָבער מ׳האָט באַמערקט אין אים רעזערוו. ער איז געוויינלעך געקומען אָוונט־צייט, קיינמאָל נישט פאַרהאַלטן זיך לענגער ווי אַ פּאָר מינוט און, וואַרפנדיק מיט דער הענטשקע, קאַוואַלעריש באַגלייט עליסן פון די פאַרנטיקע טרעפּלעך צו דער וועראַנדע.

אַוועק פונעם הויז איז ער פאַרטאָג, טאַני, מער קיינמאָל נישט אומצוקערן זיך אַהער, אָן אַ שפּור נאָך זיך.

## קאַפּיטל זיבנאונדרייסיק

# קאַרנאַוואַל־קאַשמאַרן

איבערן אויפגעשפּאַרטן דאַך־פּליגל, אין צופּעליקן האָטעל פון פּאַסאַזש, אויפן הויכן בעלוויל, ווו הירש האָט זיך ווידער פאַר־קליבן, האָבן אויפסניי געהילכט דיזעלבע לידער פון אַמאָל. אונטן, אויפן פּאַרנאַכטיקן בולוואַר און איבער די ביימערדיקע אַוועניס, האָבן זיך פון נעכטן, פון אייערנעכטן, נאָך אַלץ געטראָגן די פאַר־ביקע המונים. די זומערדיקע שטאָט האָט זיך וואָכנלאַנג געוויגט אין אַ פּערמאַנענטן קאַרנאַוואַל. אַפילו די קליינע ביסטראָ אין פּאַ־סאַזש האָט זיך געראַיעט, איז געווען אילומינירט, פאַרצויגן מיט לאַמפּיאָנען און פּאַפּיר־קרענץ, און אַ היימישער האַרמאָניקע־אָר־קעסטער האָט געשפּילט אויף דער אימפּראָוויזירטער עסטראַדע, פאַר די נידעריק־צעעפנטע טירן, פון וואַנען ס'האָט זיך געטראָגן אַ טוכלער, זויערלעכער ריח, ווי פון אַ ווייַן־קעלער.

אַלץ איז דאָ געווען איינגעזעסן, פעסט, סאָליד, האָט זיך אומ־באַמערקט געעלטערט, איז געוואָרן געשיכטע. ווי אַלץ דאָ וואָלט געפלאָסן פון דער אייביקייט, אין דער אייביקייט אַריין. אַצינד האָבן שוין די אונטערגעוואַקסענע געזונגען די לידער וועגן דער באַגעגעניש פון די דריי קאַפּיטאַנען ביים אַריבערגיין דעם טייך לאַרען, וועגן דער בלאָנדער, לעבן וועלכער ס'איז גוט צו שלאָפן און — די נייע, די אומעטיק־פאַרביסענע, די לידער פון צער און צאָרן און ווידערשטאַנד; און אויך די האַלב־אָפּגעפרעמדטע יידי־שע קינדער, וואָס זענען דאָ הפקר אויפגעוואַקסן אויפן ברוק, זע־נען ערגעצווו, פאַרשטעקטע, לעבן־געבליבן, געקעמפט אין דער אונטערערד, אין די פאַרטיזאַנער־גרופּעס, צוריקגעקערט זיך פון דעפּאָרטאַציע — אויך זיי האָבן די דאָזיקע לידער מיטגעזונגען מיט אַ פולער ברוסט, מיט ליידנשאַפט און אַפילו מיט געגעכטער חוצ־פּה. ס'איז געווען זייערס, דאָס ליד. קיין אַנדערס האָבן זיי נישט

געקענט. זיי זענען דאָ אומבאַמערקט געהאַט אַריינגעוואַקסן אינעם פּערמאַנענטן, פאַרן נאַקעטן אויג אומזעבאַרן, געמיש פון פעלקער און טראַדיציעס, צו עפּעס אַ נייעם מין געמיש, אַ פּראָדוקט פון דער קאַפּיטאַליסטישער גרויס־שטאָט, אויסגעבריט אונטער דער מילד־גליענדיקער זון און אונטערן אַלטן בראָנז פון אַ דורותדיקער, אַלט־פּראָווענצאַלישער קולטור.

פאַר וועמען, האָט ער פונדעסטוועגן זיך אַליין געפרעגט מיט ווייטיק, שרייב איך דען נאָך אַצינד אָט די קוואַדראַטנע אותיות פון די אַלטע העברעער, אין דער שפּראַך פון די פּוילישע יידן, וואָס זענען מיטן וואָרצל אויסגעריסן געוואָרן? צי וועלן אונדזערע קליינע פריידן און גרויסע ווייטיקן אין דער שפּראַך נאָך דערגרייכן אַמאָל צו יידישע דורות ערגעצוווּ? און אין זיי האָט ער נאָך אַלץ געגלויבט, שטאַרק און אומדערשיטערלעך, אַפילו ווען מען וואָלט אים אַליין אויך געפירט צו דער גאַז־קאַמער.

ס׳וואָלט, נאָך אַלעמען, דאָ אַלץ אַרום נישט געווען צו נע־מען אַזוי שרעקלעך טראַגיש, פאַרקערט. אָט זענען אונטן, אין דער קליינער, לוסטיקער ביסטראָ, ביים איבערגעוואַקסענעם ברעטאָן מיט די רויטע, פּויערישע באַקן, די אויסלענדער מכל המינים, וואָס האָבן אָנגעפילט די פינף שטאָקן טוכלע צימערלעך פון האָטעל, ביסלעכווייז פאַרשמאָלצן געוואָרן אין איין פריילעכער משפּחה. ביים רויטן שאַפּין ווייַן און ביי דער האַרמאָניקע־מוזיק יעדן אָוונט, זענען דאָרט אַפילו, דורכן זומער, געשלאָסן געוואָרן דריי אַריגי־נעלע שידוכים. די שכנות, די הויז־וועכטערינס און סתם מוטלע־רינס פון פּאַסאַזש, זענען זיך צונויפגעקומען אָנצוקלאַפּן די גלעז־לעך אין דעם אומפּאַרגעסלעכן, פייערלעכן זונטיק פאַרנאַכט, ערב דעם 14־טן יולי; דאָס שווינדזיכטיקע ווייבל פון דער וועשעריי — זי האָט אַלעמאָל אונטערגעמורמלט אויף די פּרעמדע, די אויסלענ־דער — אַפילו זי האָט אויך געמוזט צוגעבן: „ס׳איז וואָר, דאָס זע־נען לייט, געגוי אַזויווי מיר״...

דער בעסטער אַקאָרדעאָניסט, דער איטאַליענער פּאַולאָ, מיטן רויטן שאַל אויפן צעשפּיליעטן האַלדז, מיטן הייזעריקלעכן אַק־צענט, ווי אַלע איטאַליענער און שפּאַניער — אַ מעכאַניקער אין גאַראַזש, פּלאַץ וואָלטער — האָט זיך דער ערשטער אַריבערגע־

צוויגן אין פראַנטאָוון צימער אויפן דריטן שטאָק, צו דער קליינער כינזערין לו. זי האָט געהאַט אַ שטימעלע ווי אַ קאַנאַריקל און גלייך־געשניטענע האָר, וואָס זענען אַזש אַריינגעפאַלן אין אַ בלוי. פון לאַטייניִשן קוואַרטאַל, צווישן דעם אינטערנאַציאָנאַל סטו־דענטן, האָט זי, ווער ווייס ווי אַזוי, פאַרבלאָנדזשעט אַהער, אויפן בעלוויל. דער פּאָרטוגעזער ראַדריג, אַ מעטאַל־אַרבעטער, אַ פעס־טער און אַ טרוקענער, ווי אַ מומיע, מיט פּאַרטיפּטע, בוימלדיקע אויגן, איז דעם גאַנצן זומער „אַרויסגעגאַנגען" מיט דער קאָנסיער־קעס טאָכטער זשאַנעט, פון נומער 16 — אַ בלאָנדע מויד, אַ שטיק ברען.

נאָר צוליב דער דיקלעכער עלזאַסערין מאַרט, וואָס איז געוועזן אַ פאַרקויפערין אין אַ מאַגאַזין, איז דאָ איינמאָל שיער נישט אויס־געבראָכן אַ געשלעג ביז בלוט, מיטן לאַנגן אַראַבער אַכמעד. ער האָט פאַרקויפט גרינסן אויף די וועגעלעך און האָט זיך יעדן אָוונט אַריינגעשטעלט אין דער ביסטראָ אַ שיכורלעכער. מאַרט האָט זיך דווקא אַלעמאָל צוגעזעצט ביים טישל פון געלן, לוסטיקן מאַריסעט, אַ פרעסער אין יידישע שניידער־אַטעליעס, אַ וואַרשעווער יינגל, וואָס וואַלגערט זיך שוין דאָ אַרום שיינע יאָרן אין די האָטעלן.

נאָך די שפּאַנישע טאַנגאָס און נאָך די אַלט־פראַנצויזישע לי־דער וועגן די בערג־לייט, האָט זיי נאָכדעם דער איטאַליענער פּאַ־אולאָ באַגלייט אין מינאָרע טענער דאָס ליד וועגן דער באַגעגע־ניש פון די דריי קאַפּיטאַנען ביים אַריבערגיין דעם טייך לאָרען. דער געלער מאַריסעט האָט דאָרט אַפילו, וואָרגנדיק זיך פון גע־לעכטער, איינמאָל געהאַט אויפגעזונגען פאַר זיי אַ ימים־נוראים־דיק שטיקעלע, וואָס ער האָט נאָך נעפּלדיק געדענקט פון דער ווייטער היים, און דער פּאָרטוגעזער ראַדריג האָט זיך גלייך גע־כאַפּט, אַז דאָס איז אַ... שפּאַנישע פלאַמענקאָ. נאָר דער אויסגע־צויגענער אַראַבער אַכמעד האָט זיך געקרומט. „ער ווייס — האָט אַריינגעוואָרפן אין זיין צעבראָכענעם פראַנצויזיש — ער ווייס פונוואַנען דאָס ליד איז".

אָבער אין פייערלעכן אָוונט, ערב דעם 14־טן יולי, האָט דער פּאַטראָן מיט די רויטע באַקן באַפוילן, אַז אַלע זאָלן זיך צוריק איבערבעטן. ער האָט געשטעלט די ערשטע „טורנע", ברייט מכבד

געוועזן מיט סיגאַרעטן און די דריי פּאַרלעך, צוזאַמען מיט אַלע שכנים פון פּאַסאַזש, און אויך הירש אינדערמיט, זענען ערשט אַרום זעקס פאַרטאָג אַרויס שיכורלעך און וואַקלדיק פון דער קרו־מער קאַפע־טיר. אין פאַרטאָג, ווען פון די אַרומיקע בולוואַרן און אַווענים, האָט זיך נאָך אַלץ געטראָגן דער זשום פון פריילעכע המונים, האָבן זיי קוים אָנגעטאַפּט דעם וועג צו זיך אַהיים.

אויבן, אין דאַך־צימערל, איז הירש אָן רעכענונג אָפּגעשלאָפן אַ שטיק אין טאָג אַריין; און ווען ער האָט, אַ פאַרבלענדטער, פלו־צים אויפגעמאַכט די אויגן, האָבן זיך גאָלדיקע פלעקן פון אַ פריי־לעכן זומער־פאַרנאַכט געלייגט אין די ווינקלען. די באַנאַלע אָר־זאַרן פון פאַרהענגל האָבן זיך אָפּגעשלאָגן, געגליטשט זיך פון דער קאָמאָד, איבערן געל־אויפגעפלאַמטן פאַפּיר פון די ווענט, צום קרומען באַלקן. פון איבער מויערן האָט זיך נאָך אַלץ, ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן, דערטראָגן צום אויפגעשפּאַרטן האָטעל־פליגל אין פּאַסאַזש דער איינגעשפּאַרטער, בויערנדיקער געזשום פון די המו־נים. זיי זענען דאָרט אָן אויפהער געפלאָסן איבער דער גאַנצער ברייט פון טראָטואַר.

לאַנג איז ער נאָך אַזוי ליגן־געבליבן, אַ שויבערדיקער, און אין מוח ביי אים האָט זיך אַלץ פאַראַמאָל געדרייט — דער לאַגער, די שטעכל־דראָט־צוימען, די פינף געפּטרטע יאָר צווישן די וויסטע פעלזן פון דער אָבערפאַלץ און — עפּעס אַ ביליקער וואַלצער פון אַ קאַרוזעליע; סטרעקע האָט זיך אויך מיטגעפּלאָנטערט און — דאָס קליינע יידישע מיידל פון פאַרוואָרפענעם ישוב אין די בערג. דרייט זי זיך נאָך אַלץ אַרום, סטערקע, אין אָט דעם פאַריזער בינ־שטאָק? און וועגן גרויאינקן טאָני מינסקער, וואָס איז אויף דער עלטער אַנטלאָפן צו זיך אַליין, און וואַלגערט זיך דאָ ערגעץ אין אַ האָטעל, האָט ער זיך שאַרף דערמאָנט. שיין אויסגעשפּילט... בראָנטשע, די צעטראָגענע היים, זיינוול, עווא — זייביידע האָבן זיך יאָ פונדעסטוועגן צוריקגעפונען, אין די פינצטערע יאָרן, ווען זיי האָבן ביינאַנד געקעמפט קעגן אומברחמנותדיקן שונא — זיי האָבן דאָ ערגעץ אויפגעבויט אַ קליינע, וואַרעמע, שטילע נעסט און זיינוול איז צוריק דערזעלבער, קיין סך קלערט ער דאָרט נישט אַריין; אפשר איז עס גאָרנישט נאַריש, אפשר באַדאַרף מען טאַקע

אַזוי. ס'האָט אים אונטערגעהויבן — נאָר ער אַליין, האָט ער זיך געכאַפּט, דרייט זיך דאָ אַרום ווי אין אַ פרעמדן דור.

אַסאָציאַציעס, ברעקלעך, פון דאָרט, פון אַמאָל. ווען איז עס געווען און — צי איז עס איבערהויפּט אַמאָל געווען? די מחשבות האָבן אים צוריק, ווייט און אומעטיק, אַ פּאַרטראַג געגעבן, ער האָט געשמייכלט אין זיך אַריין, ווען ס'איז אים אויפגעשווומען פּלוצים דער אַנעקדאָט, וואָס איז אַמאָל פאַרציילט געוואָרן וועגן עפּעס אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג, אין אַ קליין שטעטל אין פּוילן, אין יענע יאָרן, ווו עס איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אַז — קיין גאָט איז נישטאָ...ס'איז טאַקע נישט געווען, נישט קיין גאָט און נישט קיין טייוול, אין יענער וויסטער, גרויער יידישער ווירקלעכקייט. אָט דער „גאָט", וועלכן די נאַאיווע, עקזאַלטירטע יידישע יוגנט פון יענע ראָמאַנטישע שטעטלעך האָט פאַראורטיילט, האָט אפשר קיינמאָל נישט עקזיסטירט, נאָר זיי האָבן זיך מסתמא נישט באַלד געכאַפּט, אַז אַ שטיק פון אָט דעם אַלעמען דאָרט האָבן זיי אַליין געירשנט און טראָגן עס נאָך עד־היום מיט זיך, אין זיך, אויף אַלע זייערע וואַנדער־וועגן, אין אַלע זייערע ביטערע קאַמפן פאַר עקזיסטענץ. זיי האָבן זיך אָבער דאָרט נישט באַלד געכאַפּט, די נאַאיווע, אַז פאַראורטיילט איז, אייגנטלעך, געוואָרן נאָר אַ באַשטימטער, טרויעריקער לעבנס־אַרט, וואָס האָט פונדעסטוועגן געהאַט אין זיך אַ סך שיינס, דרותדיקס, באַשטענדיקס. אַפילו נאָך די אַלע שטורעמס, וואָלט זיך אָט דער לעבנס־אַרט אַוודאי געווען איבערגעגאָסן אין נייע פאָרמען, ווי ביי אַלע פעלקער, וואָס זיצן פעסט אויף דער ערד.

דער פלאַם, וואָס זיי האָבן דאָרט אַמאָל אָנגעצונדן, פליסט נאָך אַלץ אין אונדזערע אָדערן. ס'איז זיכער — מיר וועלן אים ווייטער טראָגן.

אומעטום האָט מען זיי דאָ איצט באַגעגנט, די רעשטלעך אָנגעלאָפּענע, צעטומלטע יידן, דער איבערבלייב פון יענע ליבע יידישע שטעטלעך. איינמאָל אַרויסגעריסן פון זייערע נעסטן, האָבן זיי מער אויף קיין אָרט נישט געקענט איינזיצן. אומעטום איז זייער לעבן געווען אויף דערווייל, די וואַליזעס — איינגעפּאַקט. מען האָט זיי באַגעגנט אויף די שטאָקן פון דער פּרעפעקטור — שטומע,

אומבאַהאָלפענע, הינטער די פאַרהאַקטע טירן, אויסצובעטלען אַ פאַרלענגערונג אויף צייטווייליקן וווינרעכט. זיי האָבן פאַרפולט די קאָרידאָרן פון אַלע הילפס־קאָמיטעטן, פון אַלע קאָנסולאַטן; זיי האָבן פאַרנומען דאָס אָרט פון דער אַמאָליקער יונגער, מוטיקער יידישער עמיגראַציע פון יענע יאָרן, אין די ביליקע האָטעלן אויפן בעלוויל. זייער יידיש, אין דער פילפאַרביקייט פון אַלע דיאַלעקטן, האָט נאָך אַמאָל פריש אַ קלונג געטאָן אין די אויערן. ס'איז געווען אַ נייע קינסטלעכע אויפלעבונג פון יידישן וואָרט אויף די פרעמדע גאַסן פון דער וועלט־שטאָט. זיי האָבן אָנגעפילט די פאַרזאַמלונגען פון יידישע קולטור־אונטערנעמונגען, מערסטנס געדענקאָונטן, און ס'האָט זיך אַ ווײַלע געקענט דאַכטן, אַז אַ שטיק פון דאָרט איז נאָכאַמאָל אַריבערגעברענגט געוואָרן.

טאַקע מיטן אַלטיטשקן טאָני מינסקער האָט הירש אָנומלטן געהאָט פאַרבלאָנדזשעט אין איינעם פון די הילפס־קאָמיטעטן פאַר יידישן ווידעראויפבוי און פראָדוקטיוויזאַציע. ער האָט נישט גערוט, דער אַלטער. נאָר אויך פון דאָרט איז ער אַוועק אַ צעררודערטער. אין דער ספּעציעלער אָפּטיילונג פאַר קולטור־ענינים, ווו עס זיצט דירעקטאָר כהן, האָט אַ לאַנגער ייד, מיט אַ בריל און מיט אַן אַלט־מאָדיש קמץ־בערדל, אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק גערעגנגט אַ פרישן טעריטאָריאַליסטישן פּלאַן פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע. שטאַרק פאַרנומען אין די אָפּטיילונגען, ווו די דעפּאָרטירטע און די פריש־אָנגעפאַרענע וואַרטן אָפּ האַלבע טעג אין די קאָרידאָרן נאָך אַ פעקל זאַכן, אַביסל עסנוואַרג און צו דערלייזיקן די פּאַפּירן אין לעגאַליזאַציע־אַמט, איז דאָ אַהער כמעט קיינער נישט געקומען אָנקלאַפּן. אַ פרישינקער, אַ ריינלעכער, מיט אַ ראָזן פליך, האָט דער חשובער דירעקטאָר כהן פאַרנומען דעם פּלאַץ הינטערן גרויסן ביוראָ־טיש. די בערג צייטונגען און ביכער, מיט וואָס די אַמעריקאַנער הילפס־קאָמיטעטן האָבן פאַרשאַטן, האָט דאָס שיקיינגל אָנגעטראָגן צו אים אין צימער אַריין. דאָס האָט ער געלאָזן אָרגאַניזירן דעם לייען־ און שטודיר־זאַל ביי דער קאַנטינע, ווו אַלע צייטונגען ווערן נאָך דעמזעלבן טאָג צעשלעפּט, איינצופּאַקן די קאָנסערוון און די אָפּגענוצטע קליידער. אַ גאַנצע פרייד האָט ער דאָ אַלעמאָל געהאַט מיט דעם ייד, וואָס איז כמעט יעדע

וואָך אַרייַנגעפאַלן צו אים מיט אַ שפּאָגל־נייעם פּלאַן, צו באַזעצן יידן ערגעץ אויף אַ טעריטאָריע. נאָכן דורכגעפאַלענעם קימבערליי־פּלאַן, צו באַזעצן יידן אין די וויסטעניש פון אויסטראַליע, האָט זיך דער ייד אפשר אַ וואָכן דריי נישט געוויזן. דאָסמאָל אָבער האָט ער אויסגעפונען עפּעס אַ נייַ לענדל, אין דרום, אָדער אין צענטראַל־אַמעריקע, און ער האָט זיך אַרייַנגעשטעלט אַ שיינענדיקער.

— ס'איז דאָרט אַ קלימאַט — האָט דער ייד גערימט דאָס לאַנד — ווער מיר גוטס גינט. אַ וואַרעמקייט — אַ נחת. מען וועט עס אונדז אַוודאי אָפּגעבן פאַר אַ שיבוש. וואָס שייך קולטור, זענען זיי דאָרט אַפילו נישט אַזוי איי־איי־איי...

— דער פּרעזידענט פון אייער רעפּובליק, שמועסט מען, גייט דאָרט אַרום באָרוועס. איז עס אמת? — האָט הירש, טויט־ערנסט, אַ פרעג געטאָן ביים ייד.

אַלע האָבן געמוזט שמייכלען, אַפילו טאָני מינסקער אויך; ער האָט זיך שוין פונלאַנג געהאַט אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ די אַלע טעאָריעס. איין דירעקטאָר כהן האָט עס אַלעמאָל אָנגענומען פאַר גוט געלט. סיי־ווי איז ער געווען אַן אַלטער סקעפּטיקער, האָט ביי זיך קיינמאָל נישט צו־שטאַרק געגלויבט אין די אַלע זיבן זאַכן; כאָטש דאָס האָט אים נישט געשאַדט, שוין אַ יאָר 25 מסתמא, צו פאַרנעמען זייער וויכטיקע פּאָסטנס אין די־אָ ביוראָען, ווו עס פליסן אַמעריקאַנער געלטער, צו שרייבן וויכטיקע אַרטיקלען, געבן פאָרשלאַגן, בויען פּלענער, צוגרייטן קאָנפערענצן און האַלטן פייערלעכע רעדעס. ער האָט דעם ייד ברייטלעך מכבד געווען מיט אַן אַמעריקאַנער „קאַמעל”, איינעם און נאָך איינעם, געבלאָזן דעם רויך און לאַנגזאַם אַרומגעשמועסט דעם פּלאַן פון אַלע זייטן. פאַרן אָפּגעזעגענען זיך, האָט ער נישט פאַרגעסן אויסצושרייבן אַ קוויטאַנציע, מען זאָל דעם ייד למען השם זען אַרויסצוגעבן אַ פּעקל עסנוואַרג פאַר זיינע בני־בית...

— אַזוי האַלט מען אין די דאָזיקע אַמטן אין איין פאַרזאָרגן דאָס יידישע פאָלק — האָט טאָני מינסקער געקרעכצלט, ביטער געלאַכט, ווען זיי זענען אַראָפּ פון דאָרט. מער, האָט ער באַשלאָסן, וועט ער שוין צו דעם כהן, וואָס איז געווען זיינער אַן אַלטער באַקאַנטער, נישט אַרייַנשמעקן — די מענטשן האָבן גאָרנישט געלערנט... די נאַרישע...

## קאַפּיטל אַכטאונדרייסיק

# די עלנטע בעלווילער געסלעך

איבערן אויפגעשפּאַרטן מאַנסאַרדע־פליגל איז צוגעפאַלן אַ וואַרעמע, זשומענדיקע טונקלקייט. נאָר־וואָס, דאַכט זיך, איז געווען אַרום אַזויפיל טומל און אָט איז ער ווידער אַליין. ס׳איז געוואָרן אומהיימלעך צווישן די ווענט פון דער האָטעל־מאַנסאַרדע. פאַרן קרומען שאַפע־שפּיגל, ווו ער האָט נערוועז אַרומגעגאָלט דעם העלן פּוך, האָט ער זיך אַליין מער נישט דערקענט. דאָס עקשנותדיקע שויבערל האָט פאַרדעקט דעם שטערן, אַרום די מויל־ווינקלען האָבן זיך די קנייטשן נאָך טיפער איינגעשניטן.

אינדרויסן האָבן זיך די פאַרביקע המונים נאָך אַלץ, ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן, געטראָגן איבער דער גאַנצער ברייט פון פאַרנאַכטיקן בולוואַר. מען האָט נאָך אַלץ געטאַנצט אין אַלע גאַסן פון די וואַרעמע קוואַרטאַלן. קליינע עסטראַדעס זענען געווען אויפגעשטעלט אַרום די אילומינירטע קאַפע־טעראַסן, פאַרצויגן מיט פּאַפּיר־קרענץ. אַ לוסטיקער עולם האָט באַזעצט די טישלעך, געדרייט זיך אויפן מיטן ברוק. צווישן אַזאַ עולם, אין אַזאַ טאָג, איז ער אַמאָל מיטגעשווומען מיט דער קוזינקע עוואַ אין מאַניפעסטאַציע־צוג, פון באַסטיל ביז נאַסיאָן, זיי האָבן געטרונקען קאַלטן נאָרמאַנדישן עפּל־קוואַס אין אַ קליינער ביסטראָ, ערגעץ אַרום „שעמען ווער" און צוגעזעצט זיך אויף אַ שטילער טעראַסע. וועגן וואָס האָבן זיי דעמאָלט אַרומגעפּלאַפּלט? ער האָט זיך שוין נישט געקענט דערמאָנען. דערנאָך איז ער איינמאָל געזעסן אין ווערסאַיל, לעבן קורט ווינקלערן, צוזאַמען מיט די אַלע אַנגעלאָפענע עמיגראַנטן. ווי אַ ווינט, ווי אַ רויך...

ער האָט אויסגעמיטן דאָס געשלעג צווישן דעם צעהיצטן, האַלבשיכורן אַמעריקאַנער סאָלדאַט מיט דער צוגעקוועטשטער באַקסערנאָז, און דעם קליינעם, אָבער פעסטן פראַנצויז, אַ רויט־אַנגעגאָסענער פון כעס, וואָס האָט דאָרט געהאַלטן אין איין ווייזן אָפּצייכנס — אַ געשלעג איבער אַ מיידל ביים טאַנצן מסתמא — און ער איז אַוועקגעשוווּמען ווייטער. פון אַלע גאַסן־ראָגן האָבן הויד־

שפּרעכערס פֿאַרהילכט מיטן פּאַרטיזאַנען־ליד און מיטן ליד פֿון זיג.

און אין אָט דעם פֿאַרנאַכטיקן גאַסן־פּלאָנטער, ערגעץ ביי אַ ראָג, האָט ער זי באַגעגנט. ער האָט אָבער געהאַט אַ פֿאָרגעפֿיל, אַז ער וועט זי דאָ באַגעגענען. מען קען נישט זאָגן, ס'איז געווען כמעט דיזעלבע סטערקע. אירע האָר, וואָס זענען אַמאָל געווען יינגלעריש־אונטערגעשניטן, זענען איצט געווען הויך־אויפֿגעטורעמט, לויט דער מאָדע; אַ האַנט־בייטל, ווי אַ רוק־זאַק, און אַ בלוזאָן, אין מיליטערישן שניט. זי איז צוגעפֿאַלן און זיך הייס צעקושט מיט אים, כאָטש באַלד דערנאָך איז ער שטיינגעבליבן אַביסעלע אָפּהענטיק. זי האָט עס גלייך דערפֿילט. אַ טרער האָט אַפֿילו אַ פֿינקלגעטאָן אין איר אויג, וואָס איז אַמאָל חנוודיק געווען אין לאַכנדיקן שיקלען. זי האָט אים דאָרט עפּעס זייער צעטראָגן אַ כאַפּ־געטאָן אונטערן אָרעם און, נישט וויסנדיק באַלד וואָס צו טאָן, פֿאָרגעשטעלט אים פֿאַרן יונגערמאַן מיט די הויכע, אויסגעבעטע אַקסלען. די אַלע רייד, וואָס הירש האָט געטראָגן פֿאַר איר אין די נעכט פֿון ביטערן צווייפֿל, זענען מיט איינמאָל אויסגערונען. דער יונגערמאַן איז שטיינגעבליבן אינאַזייט, האָט זיך איבער עפּעס באַלד אַנטשולדיקט און איז אַוועק.

און געווען איז עס כמעט דיזעלבע סטערקע, און — דאָך. זי איז אויך אַביסעלע דיקער געוואָרן, פֿולער געוואָרן. איר רונדיק, פֿאַרברוינט פּנים האָט זיך אָפּגעשלאָגן פֿון ווייסן אַנגאָראַ־סוועטערל, פֿון צעשפּיליעטן בלוזאָן. זי איז אינגאַנצן געווען איינגעוויקלט אין אַ פֿרעמדן אַראָמאַט, האָט זיך אים געדאַכט. ס'איז נישט געווען דערזעלבער אַראָמאַט פֿון צוגעלעגן היי, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן פֿון איר מאַטער הויט, דעמאָלט, ווען זי איז אין איינעם אַן אָוונט געקומען צו אים, ווען זיי האָבן שפּאַצירט הינטער די בליענדיקע אַקאַציעס, ווען זיי האָבןביידע קינדעריש צוגעקוועטשט די נעזער צו די שויפֿענצטער פֿון שפּילצייג אויף די רייכע, פֿרעמדע גאַסן אין וואַרשע און ווען זי האָט אים דערנאָך, פֿאַר האַלבער נאַכט, אַזוי אומגעריכט, אַוועקגעפֿירט אויף דער אַטוואַצקער ליניע. די קאַשטאַנען אין זאַקסישן גאָרטן האָבן שוין געהאַט אָפּגעבליט, אָבער די וועלט איז דעמאָלט שיין געווען, ווי קיינמאָל נישט.

זי האָט אים אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרעם, אַביסל נישט דרייסט, צ׳ קירעווען זיך פרייער צווישן דעם געדיכט־שטראָמענדיקן עולם אויפן טראָטואַר. איז עס נישט געווען אַ שפּאַציר אויף די געדיכט־שטראָמענדיקע טראָטואַרן פון דער דזשיקע גאַס, אין יענעם ווינטערדיקן אָוונט, ווען ער האָט זי צום ערשטן מאָל געהאַט אויפגעזוכט אינעם קאַוויאַרניעלע, ביי דער פּערעלקאַ? דאָסזעלבע מאָגערע בחורל, אָבער אין זיין פּאַרטאַיעטן בליק איז פאַרט געווען דורכגעליטנקייט.

— הירשקעלע — האָט זי גערעדט ווי אַמאָל, ווי ס׳וואָלט גאָר נישט געשען אין משך פון דער צייט — ביסט אַוודאי בייז אויף מיר, כ׳ווייס...

ער איז געגאַנגען נאָנט לעבן איר, כאָטש ער האָט מיט אַלע זיינע פיבערן געאַנט, אַז ער האָט עס אפשר נישט געטאָרט, אַז ער האָט זי גיכער באַדאַרפט איבערלאָזן דאָ ערגעץ אין טומל, לאָזן איר שטיין ביי אַ ראָג און — אַוועק; אַזויווי זי האָט אים אַמאָל איבערגעלאָזן אין די ערגסטע מאָמענטן פון שוואַכקייט, פון צווייפל. „וואָס מיר האָבן דאָ אַלץ איבערגעלעבט”... — האָט זי אָנגעהויבן און נישט געפונען מער קיין רייד, ווייל וואָס זי וואָלט נאָר אַרויסגעבראַכט פאַר די ליפּן, וואָלט געווען ליגן. אים האָט געשטיקט אין האַלדז און ער האָט גאָרנישט געפונען איר צו זאָגן. ס׳האָט אים נאָר באַנג געטאָן, וואָס ער איז אַראָפּ אין גאַס, וואָס ער האָט זי איבערהויפּט באַגעגנט. דערנאָך האָט ער זיך דערזען זיצן נאָנט לעבן איר אין אַ טונקל־באַלויכטן סקווערל, אויסערן געזשום, צופוסנס פון אַן אַלטער קירכע. איר קאָפּ איז געווען צוריקגעוואָרפן אויפן אָנלען. זי האָט געהעשעט אין זיך אַריין, אָן אַ קול, און ער איז אַלץ פאַרבליבן שטום און קיל. דאָ האָט ער זי שוין פונדעסטוועגן מער נישט געקענט לאָזן אַליין. „כ׳ווייס — האָט ער שאַרף געהערט איר פליסטערן — כ׳ווייס וואָס דיר ליגט אויף דער צונג מיר צו זאָגן, נאָר דו קענסט עס מיר נישט זאָגן... אָפּן. איך וויל דו זאָלסט מיר זידלען, שרייען”...

ער האָט נישט גערעדט. דאָס מויל האָט זיך נישט אויפגעמאַכט. דאָס האָט ער איר נאָך געוואָלט זאָגן: „נאָכוואָס, אייגנטלעך, רעדן? רייד... נאָכוואָס? אַז סיי־ווי זענען אַלע ווערטער וואָכעדיק און בי־

ליק געוואָרן״. אָבער אַפילו דאָס האָט ער נישט געזאָגט. ער האָט זיך צוריק אַרויסגעפּלאָנטערט צו אַ טומלדיקן ראָג, דערזעען זיך מיטאַמאָל אַליין האָט ערשט פרייער אָפּגעאָטעמט, ווישנדיק זיך דעם שווייס פון שטערן.

עטלעכע מאָל איז זי נאָך אומגעריכט געקומען אויפזוכן אים אין דער האָטעל־מאַנסאַרדע און האָט אים נישט געטראָפן. זי האָט שוין געוווּסט אַלע באַהעלטערלעך און אין אַ ווינקל, פאַרשטעקט, גע־פונען דעם שליסל צו זיין טיר. ווען ער האָט זיך שפּעט געפּלעגט אומקערן פון גאַס, האָט ער באַלד דערפילט, אַז זי איז דאָ ווידער געוועזן. איר אַראָמאַט האָט זיך אַרומגעטראָגן איבערן ענגן דאַך־שטיבל, צווישן אַ ביכל, אַ העפט, וואָס זי האָט צופעליק אַ כאַפּ־געטאָן אין דער האַנט. דער גאַנצער פּלאָנטער האָט אים אָנגעהויבן שאַרף צו פאַרדריסן. ער האָט גענומען ערנסט טראַכטן וועגן אַרויס־ציען זיך, פאַרשווינדן, נישט ווייזן זיך מער פאַר איר. נאַכוואָס שפּילן זיך מיט דער אייגענער שוואַכקייט?

זי האָט שוין איצט פאַרמאָגט שיינע, ליכטיקע צימערן, אַ מאַן אַן אויסטויגער, און איז אומגליקלעכער געווען ווי אַמאָל.

אַציגד, ווען דער רויש נאָך דער באַפרייאונג האָט זיך שוין געהאַט אַביסל אָפּגערוקט, האָט איר גענומען אויסשפּילן אַ גרויסער, מוראדיקער עלנט. זי אַליין האָט זיך טאַקע געראַטעוועט, אָבער — ווי אַזוי, דאָס וואָס פאַרא פאַרפּלאָנטערטע אומוועגן? אַלע, אַלע זענען זיי דאָרט אומגעקומען, אויסגעקוילעט געוואָרן און זי האָט זיך פּחדנותדיק אָפּגעראַטעוועט. צי וועט זי נאָך האָבן דעם מוט צו קוקן זיי גלייך אין די אויגן אַריין — די, וואָס האָבן געקוקט דעם טויט אין די אויגן אַריין און ביטער אויסגעקעמפט דאָס איי־גענע לעבן?

זי האָט צוריקבאַקומען דאָס הויז אין סאַמע געדיכטסטן האַנדלס־צענטער, אַרום די גרויסע בולוואַרן, אַרום די ווינקל־קאַפעען, ווו מען האָט, ווי אַמאָל, געטומלט, געמסחרט — פוטערוואַרג, שטאָפן, „האַרטע און ווייכע״, ווו אַ נייער אָנגעלויף פון יידן, אַריבערגע־קומענע פון די לאַגערן, צעקאַכטע און פאַרטייעטע, האָבן פאַרפולט די רעסטאָראַנדלעך, געראַיעט זיך אין דער מיט גאַס, אויף די שמאָלע טראָטואַרן. דער צוריקגעהאַלטענער יונגערמאַן, מיט וועלכן

זי האָט געווינט ערשט אַ קורצע צייט, האָט נאָך אַלץ גערעדט צו איר זייער איידל, געקושט זי אין דער רעכטער און לינקער זייט באַק, ווען ער איז סוף וואָך געקומען אָנצופאָרן פון די פּראָווינ־צער באַנען, באַהאָנגען מיט פּעק און וואַליזעס, און איז שפּעטלעך אינאָוונט, אַביסל אין פאַרלעגנהייט, אַוועק אין גרויסן, קילן עס־צימער, ווו זי האָט פאַר איר צוגעגרייט ס׳געלעגער. ער האָט נישט פאַרשטאַנען איר צערודערטקייט.

יענער, דער ערשטער אַרבעטס־געבער אירער, פון קליינעם טריקאָ־פאַבריקל, וואָס האָט זי דעמאָלט אויסגעסטראַיעט אין אַ שיינעם מאַנטל, אויסגעקליידט און אַריינגענומען איר צו זיך אין זיינע צימערן, יענער איז שוין פונלאַנג געווען אין נעפּל פון האַלבער פאַרגעסנקייט. ער האָט מלחמה־צייט געמאַכט שיינע פאַרמעגנס ביי די דייטשן. זענען אָבער באַלד אונטערגעקומען די פינצטערע טעג פאַר יידן און ער האָט זיך גאַרנישט געקענט אָפּרייסן פון די מיליאָנען; ביז מ׳האָט אים, גאַנץ שיין, צוזאַמען מיט די מיליאָנען, מיט די „גילדערנע באַקאַנטשאַפטן״, געכאַפּט און דעפּאָרטירט און מ׳האָט מער נישט געוווּסט ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען. איז זי פאַרבליבן ביי די שיינע צימערן, אָבער אַליין האָט זי באַלד דערנאָך אויך געמוזט לויפן באַהאַלטן זיך, איבערלאָזן אַלץ און פאַרשטעקן זיך ערגעצוו. געלט האָט זי געהאַט גענוג, אַ סך געלט האָט ער איר איבערגעלאָזן, יענער יונגערמאַן. זי האָט פונדעסט־וועגן גוט פאַרברענגט, כאָטש אויף יעדער טריט איז געווען גע־פאַר. זי האָט זיך אָנגעטאָן שיין, צוגעפּאַסט זיך צו די מלחמה־מאָדעס — אַ קאָוור־באַי־הוט, לאַנגע אויערינגען און אויף די בול־פאָרן פון פּאַריז וואָלט גאָר קיינעם דאָס קליינע, שיקלדיקע מיידל נישט איינגעפאַלן אָנצונעמען פאַר אַ יידישע. מען האָט זי גיכער געקענט אָננעמען פאַר אַ שפּאַניערין, פאַר אַן איטאַליענערין. עפּעס אַן אויסגעקאָכט יידיש ווייבל, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט צו־שטעלן פון ערגעץ פאַלשע ברויט־קאַרטן און פאַלשע פּאַפּירן, האָט עס איר שוין נאָכדעם פאַרדרייט דעם קאָפּ. יענע האָט, ווייזט אויס, געהאַט אומקלאָרע און וויכטיקע פאַרבינדונגען. זי איז גע־ווען אַ שמאָלע, מיט גרויסע ברעמען־בויגנס אונטערן נידעריקן שטערן און האָט איר, סטערקען, אַלעמאָל אָנגעקוקט דורכדרינלעך,

מיט אַ לאַכעלע, אַז ס'איז איר געוואָרן אַביסל אומהיימלעך. „איר זענט אַ נאַר" — האָט יענע געלאַכט און זי האָט נישט באַלד פאַרשטאַנען. זי האָט געזען ביי איר, פאַנאַנדערגעשאָטן אויפן טישל, פאָרנאָגראַפישע קאַרטן און דאָס ווייבל האָט, לאַכנדיק פרעך, זיך באַרימט: „זיי צאָלן דערפאַר גוט"... סטערקע האָט געווינט אין אַ פאַרשטעקטער געגנט, אין אַ הויז, ווו ס'האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַלזשיריאַנער, צעקאָכטע יונגעלייט, וואָס האָבן געמאַכט פאַרמעגנס פון שוואַרצן האַנדל. דאָרט האָט זיך אויך געהאַט צוגעטשעפּעט צו איר דער טונקל־הויטיקער. ער האָט פאַרמאָגט דינע, איידעלע פרויען־הענט און הייסע אויגן. מיט אים איז זי דערנאָך אַדורך אַלע פייערן, איז געווען אין די טעאַטערן, אין די סינעמאָס, געזעסן אין די לאָזשעס, זייט־ביי־זייט מיט די העפלעכע דייטשן אָפיצירן. אָבער ווען די טעג פון דער באַפרייאונג זענען פלוצים אָנגעקומען, איז זי פון אים אַנטלאָפן. דער טונקל־הויטיקער האָט איר לאַנג אַרומגעזוכט; ער וואָלט איר מסתמא דערשטאָכן, אָדער געגעבן עטלעכע רעוואָלווער־קוילן און ס'וואָלט אויף עטלעכע טעג געווען די סענסאַציע פון דער אוונט־פּרעסע.

אין די טעג איז זי אַרומגעגאַנגען שיכורלעך. זי איז געווען צעטראָגן, עקזאַלטירט און ס'האָט איר גלייכצייטיק גענומען וואַרגן אַ פיינלעך געפיל. שטילע, איינפאַכע מענטשן, האָט זי געזען, זענען געוואָרן העלדן, האָבן העלדיש געקעמפט, העלדיש אומגעקומען. זי האָט צוריק געווינט אין די שיינע צימערן. דערנאָך האָבן זיך איינמאָל געיאַוועט אַ באַנדע האַלב־פאַרגעסענע קרובים, עפעס שוועגערינס, אַ שוואָגער, אַפילו אַ גאַנץ שטילער יונגערמאַן. אַלע האָבן זיי איר אָנגעהויבן איבערצורעדן, אַז מיט אַזאַ דירה, אין געדיכטסטן, קאָכעדיקסטן האַנדלס־צענטער, קען מען ווערן גליקלעך. צוערשט האָט דער יונגערמאַן בלויז געבעטן זי זאָל אים דערלויבן אַ ווינקל. זי איז יאָ באַשטאַנען, נישט באַשטאַנען; שפעטער האָט מען שוין ביי איר גאָרנישט געפרעגט אויך. די צימערן זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט בערג סחורה, שטאָפן, מיט יידן און יידענעס, קרובים, האַלבע קרובים. ס'האָט זיך געראָיעט טאָג און נאַכט. ס'איז סיי־ווי קיין צייט נישט געווען צופיל אַריינצוקלערן, מען איז געווען פאַרפאַרעט, די שטוב איז געגאַנגען אויף רעדלעך.

די פיל־צימערדיקע דירה מיט די פענצטער צו דער גאַס האָט מען באַשלאָסן איבערצופרישן, אַ מענטש זאָל קענען אַרויפקומען, אַ רעפּרעזענטאַנט זאָל זען, אַז מ׳האָט דאָ נישט צו טאָן מיט קיין שנאָרערס...

— כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת — האָט דאָס לאַכנדיקע ווייבל פון דעפּאָרטירטן שניידער, די שכנטע אַ טיר־אין־אַ־טיר, וואָס האָט שטילערהייט אונטערגעהאַנדלט מיט אַביסל שטאָפן, נישט אויפ־געהערט צו שמייכלען צוויידייטיק, אַריינכאַפּנדיק זיך אויף אַ מינוט — אין אַזעלכע „לאַכטיקע פּאָקאָיעס" וואָלט איך אויף אייער אָרט, פאַרבעטן יונגעלייט, מ׳וואָלט געטאַנצט און פאַרברענגט ביי מיר...

און סטערקע, וואָס האָט זיך פאַרשטאַנען אויף אַ ווונק, האָט פאַרקלערט צוגעגעבן: „גלויבט מיר, איר זענט אפשר נישט איינ־גאַנצן אומגערעכט".

אָבער סיי־ווי האָט זי מער אין די שיינע צימערן נישט געקענט איינזיצן. ס׳האָט איר אַרויסגעטריבן. זי איז אַרומגעלאָפן האַלבע נעכט און אָפטמאָל, ווען דער יונגערמאַן האָט זיך, אַ פאַרמאַטער־טער, געברענגט אָנצושלעפן פון די צוגן, האָט ער אָנגעטראָפן אַ פאַרמאַכטע טיר, האָט זי אינגאַנצן אין הויז נישט געפונען. זי איז אַהיימגעקומען שפּעט, אַ פאַרפלאָמטע, אַ פרעמדע, אַוועקגעוואָרפן זיך אויף דער סאָפע אין די זאַכן. דער יונגערמאַן איז אומרואיק שטיינגעבליבן אין דער טיר, געשמייכלט פאַרלעגן. ער האָט איר גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן. ס׳איז געווען אין די טעג, ווען זי איז געוווּיר געוואָרן, אַז הירש לעבט, אַז ער איז צוריקגעקומען פון דייטשלאַנד. זי האָט נאָך געהאַט אַ האָפענונג איין מאָל אים צו באַגעגענען.

נאָך איין מאָל האָט זי אין פאַרנאַכט פאַרבלאָנדזשעט צו אים אין דער האָטעל־מאַנסאַרדע. זי איז געקומען מיט בלויע רעדער אונטער די אויגן. זי האָט מער נישט גערעדט. אָט אַזוי, אַ שווי־בערדיקע, שטיינבלייבנדיק אויף דער שוועל, האָט זי אים צוריק איבער עפּעס אַ דערמאָן געגעבן די דזשיקע גאַס, דאָס קאַוויאַר־ניעלע. אַזוי האָט ער זי צום ערשטן מאָל באַגעגנט.

אין דעם רעגנדיקן אָוונט האָבן זיי די פיס אַליין געהאַט פאַר־

פירט צו אַ שטילן באַר אויפֿן הויכן מאַנמאַרטר. אַ בלייך מיידל — די וויאָלינטשעליסטן פֿון קליינעם באַר־אָרקעסטער — האָט אָקאָמ־פּאַנירט אַ פֿרילינגדיקן שטראַוס־וואַלס און האָט פֿאַרמאַגט בלויע, אומעטיקע אויגן. די נעאָן־פֿייערן אַרום דער נידעריקער עסטראַ־דע האָבן געלייגט אַ מאַטקייט אויף אירע גלייך־געשניטענע האָר פֿון אַ נאָרדישן אַש־קאָליר. מ׳האָט געזען, ווי דאָס בלייכע מיידל פֿיבערט אינגאַנצן אַרום אינסטרומענט און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער גיט זיך לייכט איבער אירע גלייך־געשניטענע האָר, פֿאַנ־אַנדערגעשאָטן אין אַ כוואַליע, אַמאָל אויף רעכטס, אַמאָל אויף לינקס. נישט סטערקע און נישט הירש האָבן דעם זאָל מיט די פֿאַר־שווומענע פּנימער שוין מער נישט געזען פֿאַר זיך — די פֿליכן, די גלאַט־פֿאַרשרונדיקטע קעפּ, די אוניפֿאָרמען, דעם מעסער־גלאַנץ אין די אויגן ביי פֿרויען, די צעשטעלטע קעלנער צווישן די קאָ־לאָנעס; אַלץ האָט זיך ווייט אָוועקגעוויגט אין שווייגנדיקן ריטם פֿון פֿרילינגדיקן שטראַוס־וואַלס. ס׳איז גוט געווען נישט צו רעדן. זי האָט געשוויגן, סטערקע; זי האָט אויסגעזען אַנטשלאָסן־קיל און דאָס האָט אים געמאַכט אַביסעלע אומרואיק.

ס׳איז געווען האַלבע נאַכט. די ליכטער אין רויט־פֿאַרשאָטנטן באַר האָבן זיך איינציקווייז גענומען לעשן אין אַלע נישעס און ווינקלעך הינטער די קאָלאָנעס. דער ספּיקער פֿון קליינעם פֿרוי־ען־אָרקעסטער — אַן אויסגעצויגן סטיואַרט־מיידל, אין ווייס, אין רויט און אין בלוי — האָט אַנאָנסירט דעם לעצטן טאַנגאָ, ווען דער זאַל איז שוין געווען האַלב־אָפּגעליידיקט.

אינדרויסן האָט ווידער אַ גאַס־געטאָן איבער זיי אַ זומערדיקער רעגן. אונטערן געוועלב פֿון דער בריק, וווהין זיי זענען געלאָפֿן זיך באַהאַלטן, האָט דורכגערוישט איבער זייערע קעפּ די שורה באַלויכטענע פֿענצטער פֿון דער לעצטער מעטראָ. ער האָט גאָר כמעט נישט געטרונקען, הירש, פֿונדעסטוועגן האָבן אים די פֿיס שווערלעך געטראָגן, אין קאָפּ — אַ לייכטער נעפּל. פֿאַנאַנדערגע־שפּיליעט דעם קאָלנער, האָט ער איינגעזאַפּט דעם פֿרישן, זינגענ־דיקן רעגן. ס׳איז אים נאָך אַלץ שווער געווען. דעם קראַגן פֿון בלוזאָן אין מיליטערישן שניט אויפֿגעשטעלט, איז סטערקע געווען צוגעשפּאַרט צו דער מויער אין טיפֿן שאָטן. דער רעגן האָט נאָך

לאַנג געטרוישט איבער זיי אויפן האַלב־נאַכטיקן, אָפּגעלײדיקטן ברוק און ווען ער איז מער נישט געפאַלן אַזוי געדיכט, האָט ער זי לייכט אָנגענומען און זיי זענען אַוועק איבערן בולוואַר. די מעט־ראָ־איינגענג זענען שוין געווען געשלאָסן. רויטע פייערלעך האָבן געפינטלט אין די עלנטע ראָגן. זי האָט זיך געלאָזן מידלעך פירן און ווען זיי האָבן זיך מיטאַמאָל צוריק דערזען אַרום בעלווילער פינצטערן גאַסן־פּלאָנטער, באַרג־אַרויף, נישט ווייט פון זיין איינ־זאַמער מאַנסאַרדע אין פּאַסאַזש, איז ער מיט איין מאָל געוואָרן אומרואיק, דאָס ייִנגל.

— ס׳וועט ווערן פאַר דיר שפּעטלעך אַהיימצוגיין... — האָט ער פאַרזיכטיק אָנגעהויבן.

— כ׳וועל זיך מער נישט אומקערן צו די שיינע צימערן — האָט זי, אָנקוקנדיק אים שאַרף, געזאָגט — כ׳האָב נישט מער קיין היים.

— אָבער... מיין מאַנסאַרדע וועט דיר אויך אַוודאי נישט געפעלן ווערן... — איז ער געווען צעשטרייט, דאָס ייִנגל.

און דעמאָלט איז זי ווידעראַמאָל צוגעפאַלן צו אים, אַזאַ וואַ־רעמע, אַזאַ אויסגעבענקטע, ווי דאָרט, ווי אַמאָל:

— ווייסט וואָס? קום, הירשקעלע, לאָמיר ערגעץ אַוועקפאָרן פון דאַנען... ווייט פונדאַנען...

— וווהין פאָרן? — האָט ער געשטאַמלט, דאָס ייִנגל, און זיין צעמישטער בליק האָט אַרומגענומען דעם פינצטערן אָנוווּרף פון די פרעמדע, עלנטע געסעלעך אויפן הויכן בעלוויל.

פּאַריז, 49־1948.

# אינהאַלט:


1־טע קאַפּיטל: אין אַ גרינער אויסגעשטערנטער נאַכט — 7
2־טע קאַפּיטל: אין יענעם ווינטער — — — — — — — — — — 14
3־טע קאַפּיטל: די נייע געזעלשאַפט — — — — — — — — — — 26
4־טע קאַפּיטל: סטערקע — — — — — — — — — — — — 34
5־טע קאַפּיטל: דער ערשטער פּלאַטער — — — — — — — — — 42
6־טע קאַפּיטל: דאָס קעלערל אויף דער מוראַנאָווסקע — — 49
7־טע קאַפּיטל: דאָס ליד פון דער קראַכמאַלנע גאַס — — — — 59
8־טע קאַפּיטל: טלאָמאַצקע 13 — — — — — — — — — — 67
9־טע קאַפּיטל: אויף דער אָטוואָצקער ליניע — — — — — — — 74
10־טע קאַפּיטל: די פאַרהאַנדלונגען — — — — — — — — — 84
11־טע קאַפּיטל: אַ נאַכט אויפן טעאַטער־פּלאַץ — — — — — — 93
12־טע קאַפּיטל: אַ שיינע אילוזיע — — — — — — — — — — — 101
13־טע קאַפּיטל: דער קליינער שטרענגער פּולקאָווניק — — — 109
14־טע קאַפּיטל: ע ר ב — — — — — — — — — — — — — — 120
15־טע קאַפּיטל: דאָס איז פּאַריז — — — — — — — — — — — 127
16־טע קאַפּיטל: אַ משפּחה עקשנים — — — — — — — — — — 136
17־טע קאַפּיטל: די פּאַריזער אייניקלעך — — — — — — — — — 146
18־טע קאַפּיטל: די קוזינקע עוואַ — — — — — — — — — — — 154
19־טע קאַפּיטל: דער אומעטיקער סילועסטער — — — — — — — 162
20־טע קאַפּיטל: אַ חלום פון אַ זומער־נאַכט — — — — — — — 172
21־טע קאַפּיטל: נישט קיין חלום — — — — — — — — — — — 182

22־טע קאַפּיטל: דער גרויסער קאַשמאַר — — — — — — — — — 194
23־טע קאַפּיטל: די מאָדנע גענג פונעם מיידל — — — — — — — 202
24־טע קאַפּיטל: זיך פאַרבלאָנדזשעט, די אָרעמע — — — — — — 212
25־טע קאַפּיטל: דער וועג פון נקמה — — — — — — — — — — — 222
26־טע קאַפּיטל: אויפן אַלטן מאַנמאַרטר — — — — — — — — — 239
27־טע קאַפּיטל: אין דער וויסטער אָבערפאַלץ — — — — — — — 253
28־טע קאַפּיטל: אַרום דער בריק — — — — — — — — — — — — 262
29־טע קאַפּיטל: דאָס קליינע יידישע מיידל — — — — — — — — 271
30־טע קאַפּיטל: דער לעצטער אויפטריט — — — — — — — — — 279
31־טע קאַפּיטל: ב ר א ש י ת — — — — — — — — — — — — 291
32־טע קאַפּיטל: רות און נעמי — — — — — — — — — — — — 307
33־טע קאַפּיטל: אויף די שליאַכן פון אייראָפּע — — — — — — 316
34־טע קאַפּיטל: נ אָ כ מ ל ח מ ה ד י ק ס — — — — — — — 326
35־טע קאַפּיטל: דאָס אַנטלויפן פון טאָני מינסקער — — — — — 334
36־טע קאַפּיטל: אויף די אַלטע שפורן: — — — — — — — — — 343
37־טע קאַפּיטל: קאַרנאַוואַל־קאַשמאַרן — — — — — — — — — 355
38־טע קאַפּיטל: די עלנטע בעלווילער געסלעך — — — — — — — 362

## ביכער פון זעלבן מחבר:

„צווישן ווענט", נאָוועלן, ווארשע, 1933,
„גרויע פּראָפּילן", נאָוועלן, פּאריז, 1937,
„דער מאַרש אויף בריסק", ראָמאַן, פּאריז, 1938,
„די יידן פון בעלוויל", ראָמאַן, פּאריז, 1948.
„רות און נעמי", נאָוועלע, ווראָצלאַוו, 1949.

## איבערזעצונגען:

לואי אַראַגאָן — „דאָס רוימישע רעכט עקזיסטירט נישט מער",
ה. דע באַלזאַק — „די קוזינע בעטי".

געזעצט און געדרוקט אין
דער דרוקעריי ס. י. פּ. נ.
14 רי דע פּאַראַדי, פּאַריז 10.

Achevé d'imprimer en février 1951
sur les presses de la S.I.P.N.,
14, Rue de Paradis, Paris (10e)